STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03853

OYSGEVEYLTE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום־עליכם

אויסגעוויילטע ווערק



שלום עליכם

אויסגעווילטע ווערק

פערטער באנד

סטעמפעניו און יאָסעלע סאָלאָוויי

SZTOLC NORMA

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1954

SZOLEM ALEJCHEM

DZIEŁA WYBRANE

IV tom

Redaktor. D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 190. Nakład 5 500 egz. Druk ukończono w maju 1954 r.
Ark. druk. 20. Ark. wyd. 18. Papier druk. sat. V kl, 61x86 cm, 70 g,
Druk RSW „Prasa", Warszawa, ul Tarczyńska 8. 5-B-53539

א יידישער ראָמאַן

געשריבן אין יאָר 1888.

לכבוד מיין ליבהאַרציקן זיידן
ר ב מ ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר ־ ס פ ר י ם.

טייערער, געטרייער זיידע לעבן!

„ס ט ע מ פ ע נ י ו“, מיין ערשטער יידישער ראָמאַן, וואָס איז אָנגעשריבן לכבוד אייער ליבן נאָמען, — איז א י י ע ר ע ר; ער איז אייערער נישט נאָר דערפֿאַר אַליין, וואָס איך האָב אים לכבוד אייך געשריבן, נאָר אויך דערפֿאַר, וואָס א י ר האָט מיר אַריינגעגעבן אַ חשק אַזאַ ראָמאַן צו שרייבן.

אין איינעם פֿון אייערע בריוו זאָגט איר צו מיר:

„איך וואָלט אייך געראָטן קיין ראָמאַנען נאָר נישט צו שרייבן, דען אייער גוסט, אייער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש; און איבערהויפּט, אויב עס איז נאָר דאָ אין דעם ל ע ב ן פֿון אונזער פֿאָלק ר אָ מ אַ נ ע ן, זענען זיי עפּעס גאָר אַנדערש, ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער. מע מוז עס גוט פֿאַרשטיין און גאָר אַנדערש שרייבן“...

אייערע ווערטער זענען מיר טיף אין מוח אַריין, און איך האָב אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין אויף וויפֿל אַ יידישער ראָמאַן דאַרף זיין אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע ראָמאַנען, מחמת דאָס יידישע לעבן בכלל און די אומשטענדן, ביי וועלכע דער ייד קאָן ליב האָבן, זענען גאָרנישט גלייך, ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער. היינט אויסער דעם האָט דאָך דאָס יידישע פֿאָלק זיין אייגענעם כאַראַקטער, זיין אייגענעם יידישן גייסט מיט באַזונדערע מנהגים און רגילותן, וואָס זענען גאָר פֿאַרענדערט, ווי ביי אַנדערע אומות. אַט די נאַציאָנאַלע סימנים אונדזערע, וואָס בלייבן תמיד עכט יידיש, מוזן זיך אַרויסווייזן אין אַ יידישן ראָמאַן, אויב ער איז נאָר באמת גענומען פֿונעם לעבן. דאָס האָב איך אָפּגעלערנט פֿון אייערע רייד און דאָס האָב איך געוואָלט אַרויסזאָגן דורך דער י י ד י ש ע ר ט אָ כ ט ע ר, רחלע די שיינע, וואָס שפּילט די גרעסטע ראָל אינעם דאָזיקן ראָמאַן, און דורך אַלע אַנדערע פּאַרשוינען, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום איר. אויף וויפֿל דאָס איז מיר געראָטן — דאָס איז אַ באַזונדערע שאלה; נאָר מיין רצון איז געווען צו

געבן אַ ייִדישן ראָמאַן, ווי איר פֿאָדערט עס מיט רעכט פֿון יעדן ייִדישן ראָמאַן־שרייבער.

אויך הערמיט איז סטעמפּעניו אײַערער, ליבער זיידע, ווײַל דער נאָמען איז אײַערער און די אידעע איז אײַערע: בײַ אײַך, זיידע לעבן, אין אײַנעם פֿון אײַערע לעצטע ווערק, האָב איך באַגעגנט פֿאַרבײַגייענדיק דעם נאָמען סטעמפּעניו מיט אַ פּלעשעלע „ליבע־טראָפּנס", וואָס אַלע משרתים און דינסט־מיידלעך קויפֿן עס בײַ אים אויף אָפּצוטון... דאָס איז שוין געווען גענוג אויף אויפֿצוּוועקן אין מײַן זכרון די אַלע וווּנדערלעכע מעשׂיות, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט ייִנגלווײַז אין חדר אויף סטעמפּעניון — און מײַן פֿאַנטאַזיע האָט מיר שוין אונטערגעהאָלפֿן צו באַשאַפֿן דעם דאָזיקן ראָמאַן.

עס קאָן זײַן, אַז אין פֿיל מקומות, ווי למשל אין דער ליטע, האָבן ייִדן פֿון קיין סטעמפּעניו גאָרנישט געהערט, און דעריבער וועט דער נאָמען אַליין עפּעס אויסקומען בײַ זיי משונה־ווילד; דערפֿאַר אָבער איז דער דאָזיקער נאָמען זייער גוט באַקאַנט בײַ אונדז, אין דער גאַנצער גלופּסקער סביבה פֿון מאַזעפּעווקע ביז יעהופּעץ, און ווער שמועסט דאָרט, אין אײַערע שטעטלעך, אין גנילאָפּיאַטעסק, צוויאַטשיץ און טונעיאַדעווקע — דאָרט ווייסט אַ קינד אויך, ווער סטעמפּעניו איז געווען, פֿונוואַנען ער שטאַמט און וואָס איז מיט אים דער יחוס.

גאָר נישט סטעמפּעניו אַליין איז דאָ אײַנגאַנצן דער מיוחס. מײַן כּוונה איז געווען מיט דעם דאָזיקן ראָמאַן צו באַשאַפֿן דרײַ פּערזאָנען, אָדער, ווי מע רופֿט עס אַז, „הויפּט־העלדן": דעם ייִדישן קינסטלער סטעמפּעניו מיט זײַן פֿידעלע, די ייִדישע טאָכטער רחלע די שיינע מיט איר ייִדישער ערלעכקייט און דאָס ייִדישע ווײַבל פֿריידל מיט איר סוחרישן גײַסט און מיט איר ציטערן איבערן קערבל — יעדער מיט זײַן באַזונדער וועלטל. סטעמפּעניו, רחלע און פֿריידל — דאָס זענען מײַנע פֿאַרשוינען די מיוחסים, וואָס זיצן אויבן אָן אין בויך, און די אַלע איבעריקע זענען שוין גלאַט אַזוי זײַטיקע פֿאַרשוינען, וואָס כאַפּן זיך איבער, ווי עס איז, זיצן תּמיד אַקעגן. דערפֿאַר בין איך אָפּגעקומען די איבעריקע חבֿרה מיט אַ צוויי דרײַ ווערטער, און מײַן גאַנצע האָרעוואַניע האָב איך אַוועקגעגעבן יענע דרײַ מיוחסים.

איך מיין, אַז ייִדישע מוזיקאַנטן, דאָס הייסט, אונדזערע חבֿרה קלעזמער, זענען פֿאַר זיך גאָר אַ באַזונדערע וועלט, און ס'איז כּדאַי אַרײַנצוקוקן אין זייער לעבן אַרײַן פֿיל טיפֿער, אַלס איך האָב עס געטאָן אינעם דאָזיקן ראָמאַן. מע באַדאַרף דערצו האָבן אײַער אויג, זיידע לעבן, אײַער פּעדער מיט אײַער התמדה.

אַך, ווו נעמט מען התמדה, ישוב־הדעת? געדולד ווו נעמט מען?

„איבער אַ ווערק — זאָגט איר מיר אין אַן אַנדערן בריוו — איבער אַ ווערק, ליב אייניקל, באַדאַרף מען שוויצן, מע באַדאַרף אַרבעטן, פֿײַלן איטלעכס וואָרט; געדענקט, וואָס איך זאָג אײַך — פֿײַלן, פֿײַלן!".

פֿיילן! אָט דאָס איז טאַקע די צרה מיט אונדז, יונגוואַרג, וואָס מיר האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט און כאַפּן אָפּ דאָס גאַנצע ווערק, שטייענדיק, ווי מע זאָגט, על רגל אחת, טאַקע אין איין אָטעם, נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף יעדן געדאַנק, אויף יעדן אָרט באַזונדער, צו אַרבעטן און פֿיילן, ווי איר טוט. איך ווייס, ליבער זיידע, איך פֿיל עס, ווי נייטיק עס איז געווען איבערצולייענען „סטעמפּעניו“ אין עטלעכע וואַסערן. אַוודאי ביי אייך וואָלט סטעמפּעניו באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים; פֿון אייערע הענט וואָלט ער אַרויס אַנדערש, גאָר אַנדערש; ביי אייך, זיידעניו, וואָלט שוין דאָ געווען אַ „מעשה איבער אַ מעשה“, אַ „מעשה אין אַ מעשה“ און „די מעשה אַליין“.

„איך האָב ליב, — זאָגט איר ווייטער אין אַ בריוו — אַז חוץ דעם שיינעם פּנימל זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבן, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיקן מענטשן; אַ קאַרטינקע באַדאַרף, חוץ שיינע מליצה, אויך מיר לאָזן עפּעס הערן“...

אָט דער סוד איז אָבער אַנטפּלעקט גאָר אייך אַליין און ווייטער קיינעם נישט; באַשאַפֿן בילדער, וואָס זאָלן האָבן אין זיך צוויי געשטאַלטן, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, אַן אויבערצייג מיט אַן אונטערשלאַג, אַזוי אַז אין איינעם אָפֿענעם זאָל ליגן באַהאַלטן אַ פֿאַרבאָרגענעם, אַ תוך=זאַך — דערויף, זיידע לעבן, קענט איר גאָר אַליין דער איינציקער קינסטלער אין אונדזער ליטעראַטור, און ווער קאָן זיך צו אייך גלייכן? מיר, יונגוואַרג, דאַנקען גאָט, ווען די מעשה אַליין קומט ביי אונדז אַרויס בשלום, אָן אַ מום, מיט אַלע אבֿרים פֿון אַ ליטעראַריש באַשעפֿעניש.

נעמט זשע אויף, ליבהאַרציקער זיידע לעבן, די מתנה — מיין ערשטן יידישן ראָמאַן, ויהי רצון, און ס'זאָל זיין דער גוטער ווילן פֿון זיין ליבן נאָמען, אַז מיין סטעמפּעניו זאָל געפֿינען לייטזעליקייט אין אייערע אויגן, און איר זאָלט האָבן נחת, ווי איר ווינטשט זיך אַליין, פֿון אייער איבערגעגעבענעם אייניקל.

דער מחבר.

קיעוו, 1886.

I

סטעמפּעניוס יחוס

סטעמפּעניו — דאָס איז אַ מין צונעמעניש, וואָס איז אים איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין טאַטן; זיין טאַטע, עליו השלום איז געווען אַ קלעזמער, האָט געהייסן בערל באַס, אָדער „בערל סטעמפּעניר“, פון סטעמפּעני, אַזאַ דאָרף אינעם געגנט פון מאַזעפּעווקע, געשפּילט אויפן באַס און איז אויך געווען אַ גוטער בדחן, אַ שיינער גראָס-זאָגער, אַ פאַרשלעפּטע קרענק, האָט זיך פאַרשטעלט אויף אַלע חתונות פאַר אַ בעטלער, איבערגעקערט די אויגן, געטאַנצט ווי אַ בער, גאַבעטאַכט ווי אַ יורענע גייט צו קינד און שרייט: „באַבעניו, איך שווער אייך ביי אַ פּאָר תפילין, אַז עס וועט מער אַזוי נישט זיין!“... אָדער געלאָזט פּלוצעם אַ וואַסער אין מיטן שטוב, אַזוי אַז אַלע יידן האָבן פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און די ווייבער האָבן אונטערגעהויבן די קליידלעך; אָדער גאָר אויפגעהאַנגען אַ לונג און לעבער דער מחותנתטע אויפן פאַרטעך, און גאָר אַזעלכע אָנשטעלן און קונצן לרוב.

קלעזמעריי איז' ביי זיי געגאַנגען בירושה פון אַ סך דורות: בערל באַס, אָדער בערל סטעמפּעני, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געשפּילט אויפן באַס; בערלס טאַטע, רב שמואליק טראָמייט, האָט געשפּילט אויפן טראָמייט; זיין זיידע, רב פייביש צימבלער, האָט געשפּילט אויפן צימבל, און זיין עלטערזיידע, רב אפרים פּאַיאַל... הכלל, סטעמפּעניו קומט אַרויס פון קלעזמער ביז צען דורות — און ער שעמט זיך הווקא נישט דערמיט, ווי ביי יידן, צווישן אונדז רעדנדיק, שעמט זיך דער באַלמעלאָכע מיט זיין גוהאַר; און עס איז גאָר קיין חידוש נישט: אַזאַ נאָמען, ווי סטעמפּעניו האָט געהאַט אין מאַזעפּעווקע, אַזאַ שם, ווי ער האָט זיך געקויפט אויף דער גאַנצער וועלט כמעט, איז נישט קיין קלייניקייט. אַ ווערטעלע אויס-צורעדן — סטעמפּעניו!

אַ זכיה איז געווען אומעטום ביי יידן, אַז מע האָט געהאָרכט ניסי בעלזער זינגען, גדיק בדחן — זאָגן, און סטעמפּעניון — שפּילן. דערפון קאָנט איר זיך

„שוין מעלדן, אַז סטעמפּעניו איז נישט געווען קיין פּשוטער קלעזמער, קיין אַבי־ווער, און מסתמא האָט ער זיך פאַרדינט אַזאַ שם צווישן אַלע גרויסע נישט אומזיסט. ייִדן האָבן ליב מוזיק און פאַרשטייען נגינה — דאָס וועלן אונדזערע שונאים אויך נישט אָפּלייקענען, און הגם, אַז מע וויל שמועסן צוריק, קומט דאָך דעם ייִדן אויס צו הערן מוזיק עפּעס נישט אַזוי אָפט, דען וואָס איז מיט אונדז אַזוי די שמחה, מיר זאָלן זיך פּלוצעם פאַרנעמען מיט שפּילן אָדער טאַנצן? דאָך, איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, זענען מיר פאָרט מבינים, שאַרפע מבינים הן אויף זינגען, הן אויף שפּילן, הן אויף אַלע אַנדערע זאַכן. צו אונדז אַז עס קומט אַראָפּ אַ חזן, לויפן מיר אויף בילעטן אים הערן, און קלעזמער אויף אַ חתונה איז דאָך אַוודאי ביי אונדז אַ חיוב. הערן ווי די „קאַפּעליע“ שפּילט אַ „שטיקל“ צו דער גילדענער יויך, געוויינליך, נישט קיין פריילעכס (אַ פריי־לעכס אויף שפּעטער) — דערפאַר וועלן מיר אָוועקגעבן אַ זאַק באָרשטש. דער עולם זיצט מיט גרויס דרך־ארץ, און די קלעזמער שפּילן אַן אומעטיקס, אַ „מאַ־האַלבע“, אַ וויינענדיקס. דאָס פידעלע וויינט, פאַרגייט זיך אויף דער גראָבער סטרונע, און די איבעריקע חברה האַלט אים אונטער אויך גאַנץ טרויעריק. עס פאַלט אַן אויפן עולם אַ שטיקל מרה־שחורה, און יעדער ווערט ווי פאַרזאָרגט, אַפילו גאַנץ אַנגענעם, נאָר פאַרזאָרגט: יעדער פאַרטראַכט זיך, לאָזט אַראָפּ די נאָז, און רייבנדיק מיטן פינגער אין מעלער, אָדער קנעטנדיק קייקעלעך פון דער פרישער חלה, פאַרטיפט זיך יעדער אין זיינע געדאַנקען, אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען, דען יעדער האָט זיך מסתמא זיין זאָרג, און קיין צרות דאַרף אַ ייִד נישט גיין לייען. און אַזוי ווערט צונויפגעגאָסן דאָס אומעטיקע שפּילן מיט די טרויעריקע מחשבות איינעם, און יעדער קרעכץ פונם פידעלע „טיאָר־טיאָר־טיאָך“ רופט זיך אָפּ ביי די חתונה־לייט אין האַרצן און געפינט דאָרט אַ ווידער־קול. דאָס האַרץ בכלל, און דאָס ייִדישע האַרץ בפרט, איז אַ פידעלע: מע קוועטשט די סטרונעס און מע ציט פון דעם אַרויס פאַרשידענע, און צוזאַמענגיסטן טרויע־ריקע, וויינענדיקע לידער... מע דאַרף נאָר האָבן דערצו אַ רעכטן מוזיקאַנט, אַ בריה, אַ קלעזמער, אַזאַ בריה, ווי סטעמפּעניו איז געווען.

אוי, איז סטעמפּעניו געווען אַ בריה! ער פלעגט אַ כאַפּ טון דאָס פידעלע און אַ פּיר טון מיטן סמיק, איין פּיר טאָן נישט מער פלעגט דאָס שוין אָנהייבן ביי אים צו רעדן. אָבער וויאַזוי, מיינט איר, רעדן? טאַקע מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי, להבדיל, אַ לעבעדיקער מענטש. רעדן, טענהן, זינגען מיט אַ געוויין, אויפן ייִדישן שטייגער, מיט אַ גוואַלדערניש, מיט אַן אויסגעשריי פונעם טיפן האַרצן, פון דער נשמה. דעם קאָפּ פלעגט סטעמפּעניו פאַרוואַרפן אויף אַ זייט, די לאַנגע שוואַרצע פאַטלע האָר צעוואָרפן אויף זיינע ברייטע אַקסלען, די אויגן, די שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, פאַרריסן אַרויף, און דאָס שיינע ליכטיקע פּנים פלעגט ביי אים ווערן מיטאַמאָל בלייך, ווי דער טויט; אָט נאָך איין מינוט —

אויס סטעמפעניו! מע זעט נאָר, ווי אַ האַנט פליט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און עס הערן זיך פאַרשידענע קולות, און עס גיסן זיך אַלערליי מיני געזאַנגען, אין אַלץ אַזעלכע אומעטיקע, טרויעריקע, אַז עס נעמט אָן ביים האַרצן, עס ציט ביי דער נשמה, עס נעמט אַרויס דאָס געזונט. דער עולם גייט אויס מיט אַלע כּוחות, מע שטאַרבט, מע שטאַרבט מיט אַלע אבֿרים. דאָס האַרץ ווערט פול, צעווייקט, און עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ייִדן זיפצן, ייִדן קרעכצן, ייִדן וויינען. און סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואָס סטעמפעניו? פרעגט אים בחרם, וווּ ער איז אין דער וועלט? ער טוט זיך זייגס: „טיאָד־טיאָד־טיאָד"— און גענוג! און אַז ער הערט אויף צו שפּילן, טוט עס אַ שמיץ דאָס פידעלע און נעמט זיך אָן ביים האַרצן; די אויגן ברענען אים דעמאָלט ווי צוויי הבֿדלות, און זיין שיין פּנים שיינט, ווי די גאַנצע וועלט. דער עולם כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ שלאָף, פון אַ טרויעריקן נאָר אַ זיסן שלאָף, און אַלע ייִדן הייבן אָן אַרויס־צוזאָגן זייער התפּעלות, אַלע אין איין קול. מע אָכקעט, מע אַכקעט, מע לויבט, מע שמוצערט, מע וווּנדערט זיך, מע קאָן זיך גאָרנישט אָפּלויבן.

— גנבֿ, סטעמפעניו! אי, סטעמפעניו!

און די ווייבער? פון די ווייבער איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. ס'איז אַ גרויסער ספק, אויב עס ווערט אין שול ערבֿ יום־כּיפּור צו קוילעלעך לייגן פאַרגאָסן אַזויפיל טרערן, וויפל טרערן עס פלעגט דאָ אויסגעגאָסן ווערן ביי סטעמפעניוס „שטיקלעך"; אויף חורבן בית־המקדש דאַרף מען אַזויפיל נישט וויינען, ווי די ווייבער האָבן געוויינט בשעת סטעמפעניוס שפּילן.

— לאָז מיך גאָט בענטשן, אַז אויף מיין קלענערער טאָכטערס חתונה זאָל איך קאָנען אַראָפּברענגען סטעמפעניון, רבונו של עולם!

אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געווינטשעוועט די ווייבער, אויסגעווישט זיך די פאַרשוואָלענע רויטע אויגן און אויסגעשנייצט זיך דאָס איבעריקע ביסל נאָז, און דערנאָכדעם, בשעת ווינטשעווען, האָבן זייערע העלדזער פּערל מיט די גילדערנע אויריינגלעך, מיט די פינגערלעך, מיט די בראָשן, גאָרגל־קייטן און מיט דער איבע־ריקער ייִדישער צירונג געשיינט און געבלישטשעט און געפינקלט מיט פייער.

און ווער שמועסט די מיידלעך, די „מאַמזעלן", — די זענען גאָר געבליבן שטיין צוגעקאָוועט צו זייערע ערטער, ווי די שטאָקן, געקוקט אויף סטעמפעניון מיט זיין פידעלע, נישט גערירט מיט קיין אבֿר, נישט געפינטלט מיט קיין אויג; נאָר וווּ נישט ווו, דאָרט ערגעץ אויף יענער זייט קאָרסעט, קלאַפּט דאָס הערצל: טיק־טיק־טיק, און עס כאַפּט זיך אַרויס אָפּטלעך פון דאָרט אַ פאַרבאָרגענער זיפץ...

II

סטעמפּעניו מיט זיין „קאַפּעליע"

דעם רעש, וואָס סטעמפּעניו האָט אָנגעמאַכט, קומענדיק ערגעץ אין אַ שטעטל מיט זיין קאַפּעליע (אָרקעסטער), און דאָס קאָכעניש, וואָס עס האָט זיך בשעת מעשה געקאָכט, איז גאָרנישט צו באַשרייבן.

— שאַט, אָן שנייַדט זיך עפּעס אַ בויד פון הינטער די מילן מיט פיר פערד; דאָס זענען אַוודאי די מחותנים, האַ?

— ניין, דאָס זענען די קלעזמער. דאָס פאָרט סטעמפּעניו מיט זיין קאָמפּאַניע.

— אַ? סטעמפּעניו? סטעמפּעניו איז שוין דאָ? אָט דאָס וועט עס זיין אַ פריילעכע חתונה ביי חיים בנציון גלאָק, אַ מכה אים!

יידישע ווייבלעך ווערן רויטלעך. די יידישע מיידלעך כאַפּן זיך צו פאַרקעמען און פאַרפלעכטן די לאַנגע צעפּ. יונגלעך פאַרקאַטשען די הייזלעך אַריבער די פּולקעס און מע לויפט מקבל פּנים זיין סטעמפּעניון. און אַפילו יידן, באַווייבטע יידן, שוין מיט בערד, באַווייזן אויך מיט אַ שמייכעלע, אַז עס טוט זיי ווילד הנאה, וואָס סטעמפּעניו איז געקומען שפּילן די חתונה צו חיים בנציון גלאָק; מהיכא־תיתי, וואָס אַרט דאָס זיי? עס קאָסט זיי געלט?

ביז די בויד פאָרט צו צו דער אכסניה ווערט דערווייל די גאַס פול מיט מענטשן; יעדער איז נייגעריק א קוק טון אויף סטעמפּעניון מיט זיין קאָמפּאַניע און שטעלט זיך אָפּ אויף א רגע׳לע.

— זע נאָר, ווי מע שפּאַרט זיך! — שרייט יעדער באַזונדער, און שפּאַרט זיך אַרויס צום אויבנאָן, ווי דער שטייגער איז ביי יידן. — זע נאָר זע, ווי ער אַרבעט מיט די עלנבויגנס און וויל דווקא זיין דער ערשטער! וואָס האָט איר דאָ נישט געזען? קלעזמער ווי אלע קלעזמער!

אזוי טענהט איטלעכער פאר זיך און שטופּט זיך ארויס צו דער בויד, פון וועלכער די חברה קלעזמער הייבן זיך אָן ארויסצורוקן איינציקווייז.

פריער פון אלע קריכט אַרויס רב יאָקל קאָנטרבאַס, (וואָס שפּילט אויפן קאָנטרבאַס), אַ בייזער ייד מיט אַ צעפּלעצטער נאָז און מיט שטיקלעך וואַטע אין די אויערן. נאָך אים רוקט זיך רב לייביש מיטן קלאַרנעט, א שלעפעריק יידל מיט אַ פּאָר גראָבע ליפּן. שפּעטער באַווייזט זיך חייקל האָרבעטש, דער געוויסער חייקל בּרחן מיטן האָרב. שפּעטער — א שוואַרצער קאָלטונעוואַטער ייד, שרעקלעך באַוואַקסן, כמעט ווי א ווילדער מענטש פון די מדבריות, מיט אַזעלכע לאַנגע ברעמען, אַז עס פאַלט אָן א פּחד. דאָס איז רב שניאור מאיר דער אונטערהאַלטער (סעקונדע). נאָך אים שפּרינגען ארויס א צוויי דריי יונגען, משונה ווילדע פאַרזעענישן מיט פאַרשוואָלענע באַקן, אונטערגעשלאָגענע אויגן, מיט שרעקלעכע

ציין, ווי די לאָפּעטעס. דאָס זענען חברה ליערנגייענגלעך, וואָס ארבעטן נאָך דערווייל אומזיסט, און שפּעטער, מיט דער צייט, קאָן פון זיי ארויס לייטישע קלעזמער. און גאָר צו לעצט קאָמישעט זיך ארויס מיט קרומע אויסגעבויגענע פּיסלעך דער געלער מעכטישע פייקלער מיט אַ בארראַבאַן, וואָס איז גרעסער פון מעכטישען אַ גוזמא. ביי מעכטישען הייבט זיך אָן אויסצושיטן אַ בערדל, א גאָל בערדל, נאָר אויף איין זייט פּנים, אין דער רעכטער זייט, און די אנדערע זייט, די לינקע זייט פּנים, איז נאַקעט, הויל ווי א סטעפּ. ער, מעכטישע פייקלער, מוזט איר וויסן זיין, האָט חתונה געהאט צו דרייסיק יאָר און האָט גענומען, ווי מע שמועסט, א ווייב אָן אנדרוגינוס... ווייסע חברהניקעס שווייגן נישט מסתמא, אז סטעמפּעניו קומט אָן מיט זיין קאַפּעליע. יעדעס מאָל פאַרגנבעט זיך א חדר־ייִנגל און טוט אַ זעץ אין באראַבאַן, אָדער א צי די גראָבע סטרונע פונעם קאָנטרבאַס. דער חברהמאַן באַקומט א שנייד אין האַלדז און נאַקן פון רב יאָקל קאָנטרבאַס דעם בייזן. און די גאַס הייבט אָן ביסלעכווייז צו רודערן און צו קאָכן, ווען דער חתן איז שוין אויך ארייגעפאָרן און שטאָט אריין מיט א האַלבער מאה בחורים, וואָס זענען ארויס־געפאָרן אַקעגן דעם חתן ביז צו יענער זייט מילן — והעיר יאַמפּעליע, און דאָס שטעטל יאַמפּעליע, צהלה ושמחה, — קלינגט און פרייט זיך גאָר אויף אַן אנדער אופן...

אזוי איז אין יאַמפּעליע, אזוי איז אין סטריסטש, אזוי איז אין אלע שטעטלעך, וועלכע האָבן א זכיה אראָפּצובריענגען סטעמפּעניון אויף אַ חתונה, און אזוי איז אויך דאָ, אין מאַזעפּעווקע, וו סטעמפּעניו האָט זיך באַזעצט אויף תמיד. הכלל, עס קאָכט מיט סטעמפּעניון די גאַנצע וועלט!

III

סטעמפּעניוס הכנות

וואָס איז אין מאַזעפּעווקע אזוי גרויס די שמחה?

רב חיים בנציון גלאָק מאַכט חתונה די קלענערע טאָכטער, די מיזינקע רבקהליע, נו, פאַרוואָס זשע זאָל מען זיך נישט משמח זיין מיט איר? עס איז כדאי צו זיין אויף אזא חתונה: פאָרט, ווי זאָגט מען, א נגיד אין שטעטל. אלע וועלן זיין אויף דער חתונה: ווער פאַר גוט פריינדשאַפט, ווער פאַר קנאה, ווער פון יוצא וועגן, און ווער צו באַווייזן דעם ווייבס פערל, די אוירינגלעך, אָדער די נייע גאָרגל־קייט, וואָס ער האָט געבראַכט דעם ווייב פונעם יריד, און נאָך מער — צוליב סטעמפּעניון. הכלל, אלע זענען דאָ אויף דער חתונה! גאַנץ מאַזעפּעווקע פרייט זיך ביי חיים בנציון גלאָק אויף רבקהליעס חתונה! און ווער שמועסט אייזיק

נפתלי מיטן ווייב און מיט די קינדער אוודאי, דען אייזיק נפתלי איז חיים בנציון גלאָקס א שותף אין קלייט, א שותף אין דער מיל, און דערצו א שטיקל קרוב אויך, סע הייסט, אייזיק נפתליס ווייב קער זיך אָן א שטיקל אייגענע מיט דער מחותנתטע, עפּעס א שטיקל ושני שבשלישי פון דער מאַמעס צד.

דעריבער דרייט זיך אַרום אייזיק נפתלים ווייב, דוואָסיע מלכה, אויסגע־שלייערט, ווי אַן אמתע מחותנתטע. זי דרייט זיך אַרום און טוט גאָרנישט, נאָר זי מאַכט מיט די הענט און שרייט און פּילדערט, גלייך ווי זי טוט עפּעס. און דוואָסיע מלכהס שנור, רחלע די שיינע, שטייט נעבן דער כלה אויסגעצוואיקלט, ווי אַ בת־מלכה, און אירע גרויסע בלויע אויגן שיינען, ווי צוויי גרויסע ברילִיאַנטן, און אירע רויטע בעקלעך שפּילן איר, ווי צוויי בליענדיקע רויזן. מיט איין האַנט האַלט זי דער כלהס צעלאָזטע האָר, וואָס די ווייבער האָבן איר צעפלאָכטן פאַרן „באַדעקנס“ מיט גרויס געוויין, און מיט דער אַנדערער האַנט גלעט זי זיך איר ווייסן האַלדז, גאָרנישט צו באַמערקן, ווי א פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן קוקן אויף איר די גאַנצע צייט גלייך אָן אן אויפהער... די סאַרווערס מיט די סאַרווער־קעס לויפן אַרום, ווי די פאַרסמטע מייז. די מחותנים ליאַרעמען: „אוי, גוואַלד! שוין צייט צו באַדעקן די כלה! ביזוואַנען איז דער שיעור צו מוטשען די קינדער, וואָס פאַסטן נעבעך אַזאַ זומער־טאָג?“ אַלע שרייען: „שוין צייט! שוין צייט!“ — נאָר טון טוט מען גאָרנישט. אייזיק נפתלי דרייט זיך אַרום מיט א סאַמעטן קאַשקעטל, די הענט פאַרלייגט אַרונטער, ווי אַ מגיד, און דוואָסיע מלכה פּילדערט אויף קולי־קולות. די איבעריקע מחותנים פון ביידע צדדים לויפן איינער איבערן אַנדערן מיט די הענט אויף צו פריער, גלייך ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט טון אַזעלכעס, נאָר מע גיט זיי קיין־אַרבעט נישט.

— נו, פאַרוואָס טוט מען שוין עפּעס נישט? — פרעגט חתנס צד.

— פאַרוואָס הייבט מען שוין עפּעס נישט אָן צו טון? — ענטפערט כלהס צד.

— האָסטו געזען, מע זאָל האַלטן אַזוי לאַנג הונגעריקע קינדער? — שרייט חתנס צד.

— האָסטו געהערט, מע זאָל אַזוי לאַנג האַלטן הונגעריקע קינדער? — שרייט כלהס צד.

— וואָס לויפט מען אַרום הין און צוריק?

— וואָס איז פאַר א לויפן, וואָס מע לויפט?

— אַלע לויפן, אַלע פּילדערן און מע שטייט אויף איין אָרט, — שיינע פּאַראַדיקעס!

— אַבי מע לויפט און מע פּילדערט — און טון וויל קיינער פונדאַנען אהין.

— מאַכער וואָלט שוין געגוג געווען צו רעדן? שוין צייט עפּעס טון! עס מוז דאָך אמאָל האָבן אן עק!

— נו, גענוג שוין רעדן! לאָז מען שוין אָנהייבן טאָן! און עס לאָז דאָס האָבן!

— ווו זענען די קלעזמער? — פרעגט חתנס צד.

— די קלעזמער ווו זענען? — ענטפערט כלהס צד.

און די קלעזמער זענען זיך פארנומען מיט זייער ארבעט: מע שמירט די סמיטשקעס, מע שטעלט אָן די כלים. רב יאָקל באָס טראָגט א ייגל פאר און אויער און טיילט אים איין שטילערהייט: „הער, ממזר, איך וועל דיר ווייזן וויאזוי צו ציען סטרונעס!" מעכטשע פייקלער קראצט זיך דאָס באוואקסענע האלבע פנים, גישט קוקנדיק אויף קיינעם. רב חייקל בדחן רעדט מיט אַ באַקאַנטן מלמד, נעמט ביי אים א שמעק טאבאק מיט צוויי פינגער און שיט ווערטלעך, ווי פון א זאַק. און די איבעריקע קלעזמער, די פארשוואָלענע ייִנגען מיט די גרויסע ציין ווי די לאָפּעטעס, שטייען ארום סטעמפעניון און שמועסן זיך מיט אים אויס אויף זייער לשון וועגן א וויכטיקן ענין.

— ווער איז אָט די דאָזיקע שעבטע,[1] וואָס שטייט נעבן דער סמיסאנקע?[2] — פרעגט סטעמפעניו אויף קלעזמער־לשון, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף רחלען דער שיינער. — גיי נאָר, ירחמיאל, — זאָגט ער צו איינעם פון די געשוואָלענע קלעזמער־ייִנגען, — גיי נאָר און פראָבע אוים[3] מהטאם[4], אָבער חידקע[5], ירחמיאל, חידקע!

ירחמיאל קומט גיך צוריק מיט אַ קלאָרער תשובה:

— דאָס איז נישט קיין שעבטל[6], דאָס איז שוין א יאַלדאָווקע[7]. דאָס איז אייזיק נפתלים שנור, פון סקווירע איז זי, און אָט דאָס איז איר יאָלד[8] — זעט איר? אָט דרייט ער זיך ארום מיט א סאמעטענער קאטערובע[9].

— די כפרה זאָלסטו ווערן, ירחמיאל! — זאָגט סטעמפעניו גאנץ אויפגע־לייגט. — אזוי גיך ביסטו געוואָר געוואָרן? ע, זי איז דאָך טאַקע נאָר א קליווע[10] יאַלדאָווקע! זע נאָר, זע, ווי זי מאטרעט[11] מיט די זיקרעס[12]!

---

[1] שעבטע — נקבה.

[2] סמיסאנקע — כלה.

[3] פראָבע אוים — ווער געוואָר.

[4] מהטאם — ווער איז זי.

[5] חידקע — געשווינד.

[6] שעבטל — מיידל.

[7] יאלדאָווקע — ווייבל.

[8] יאָלד — מאַן.

[9] קאטערובע — היטל.

[10] קליווע — שיינע.

[11] מאָטרעט — קוקט.

[12] זיקרעס — אויגן.

— אויב איר ווילט — פרעגט ירחמיאל דער פארשוואָלענער ביי סטעמפע־ניון — אויב איר ווילט, וועל איך גיין מיט איר טירען...[1]

— ליג אין דער ערד! — ענטפערט אים סטעמפעניו. — מע בעט דיך נישט פאַר קיין שילאַטן־שמוש. איך וועל אַליין טירען מיט צוזעניכע.[2]

— אנו, וואַרף נאָר ארויס פון דער פידל אַ פּאָר שוואַרצע אויגן! — רופט זיך אָן שניאור־מאיר אויף זייער לשון. — שלעפּ נאָר ארויס פון דער פידל יידישע קישקעס!...

סטעמפעניו נעמט זיך צום פידעלע, טוט א וווּנק צו דער חברה, און מע נעמט זיך אָנשטעלן די כלים.

IV

סטעמפּעניוס פידעלע

בקיצור, גאָט האָט געהאָלפן, און סטעמפעניו האָט זיך גענומען באַזעצן די כלה.

אך, איך פיל, אז מיין פעדער איז שוואך צו באשרייבן, וויאזוי סטעמפעניו האָט באַזעצט א כלה! דאָס איז נישט געווען גלאט אזוי געשפּילט, געקלימפּערט; דאָס איז געווען א מין „עבודה“, א גאָטס דינסט מיט עפּעס זייער אַ הויכן געפיל. מיט עפּעס זייער אַן אייגעלן גייסט! סטעמפעניו האָט זיך אוועקגעשטעלט אקעגן דער כלה און האָט איר געהאלטן א דרשה אויפן פידל, א שיינע לאנגע דרשה, אַ רירנדיקע דרשה, איבער דעם פריי און גליקלעך לעבן פון דער כלה ביז אהער, פון איר מיידלשטאַנד, און איבער דעם פינצטערן ביטערן לעבן, וואָס דערוואַרט זי אויף שפּעטער, שפּעטער: — אוים מיידל! איבערגעדעקט דעם קאָפּ, פאַרשטעלט די שיינע לאנגע האָר אויף אייביק... נישטאָ די פריילעכקייט! זיי געזונט, יוגנט. אָט ווערסטו א יידענע!... עפּעס זייער נישט פריילעך, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד!...

אָט אַזעלכע ווערטער הערן זיך כמעט ארויס פון סטעמפּעניוס פידעלע. אַלע ווייבער פאַרשטייען גוט דעם פּשט פון דער דאָזיקער שטומער דרשה, אלע ווייבער פילן עס; זיי פילן דאָס, און וויינען דערויף מיט ביטערע טרערן.

— ווי לאַנג בין א י ך אַזוי געזעסן — קלערט זיך א יונג ווייבל, שלינגענדיק די טרערן — ווי לאַנג בין א י ך אַזוי געזעסן מיט צעלאָזטע צעפּלאָכטענע צעפּ

---

[1] טירען — שמועסן.

[2] מיט צוזעניכע — מיט דער דאָזיקער.

און האָב נאָר געמיינט, אַז מלאכים שפּילן זיך נאָר מיט מיר, אַז איך בין איינע אַ גליקלעכע? צום סוף... אַך, צום סוף!...

— באַשער איר, גאָט, — טוט בעטן אַן אַלטע ייִדענע, אַ מוטער פון דערוואַקסענע טעכטער — באַשער איר, גאָט, מיין עלטערער טאָכטער איר זיווג אינגיכן, נאָר מיט מער מזל ווי מיר, נאָר מיט אַ שענערער דאָליע, ווי איך האָב ביי מיין מאַן, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד!...

אָט אין אַזעלכע מחשבות פאַלן אַריין די ווייבער, און סטעמפּעניו טוט זיך זיינס: ער אַרבעט מיט אַלע כלים, און דאָס פידעלע רעדט. דאָס שפּילט סטעמפּעניו אַ ווייגעדיקס, און די קאַפּעליע האַלט אים אונטער. עס ווערט שטיל, אויס ליאַרעם, אויס געפּילדער. אַלע, אַלע ווילן הערן סטעמפּעניון. ייִדן ווערן פאַרטראַכט, ווייבער ווערן אַנטשוויגן, ייִנגלעך, מיידלעך קלעטערן אַרויף אויף בענק און אויף טישן — יעדער וויל הערן סטעמפּעניון.

— שאַ! שטילער! עולם, לאָז זיין שטיל!!

און סטעמפּעניו צעגייט זיך אויפן פידעלע און צעגייט זיך, ווי אַ וואַקס: טיאָך־טיאָך־טיאָך — מער הערט מען נישט; אַ האַנט פליט אויף און אָפּ — מער זעט מען נישט. און עס הערן זיך אַלערליי קולות, און עס גיסן זיך פאַרשידענע מיני געוואַנגען, און אַלץ אומעטיקע, טרויעריקע, אַז עס נעמט אָן ביים האַרצן, עס ציט די נשמה, עס נעמט אַרויס דאָס חיות. דער עולם גייט אויס מיט אַלע כוחות, דער עולם שטאַרבט, שטאַרבט מיט אַלע אברים. דאָס האַרץ ווערט עפּעס אַזוי פול, אַזוי צעווייטיקט, און עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ייִדן זיפצן, ייִדן קרעכצן, ייִדן וויינען... און סטעמפּעניו? — ווער סטעמפּעניו? וואָס סטעמפּעניו? מע זעט אים גאָרנישט, מע זעט נישט קיין סטעמפּעניו, מע זעט נישט קיין פידעלע; מע הערט נאָר זיסע קולות, געטלעכע געוואַנגען, וואָס פילן אָן די גאַנצע שטוב... און רחלע די שיינע, וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט קיינמאָל סטעמפּעניוס שפּילן, רחלע, וואָס האָט געהערט, אַז ס'איז דאָ אַ סטעמפּעניו, נאָר זי האָט גאָרנישט געהערט אַזאַ מין שפּילן, שטייט און הערט זיך צו צו די כשופדיקע געוואַנגען, צו די זעלטענע קולות — און פאַרשטייט נישט, וואָס דאָס איז? עפּעס ציט דאָס איר דאָס האַרץ, עפּעס גלעט דאָס זי ביי דער נשמה, נאָר וואָס דאָס איז — פאַרשטייט זי נישט. זי הייבט אויף די אויגן, אַהין, פונוואַנען עס גיסן זיך די זיסע קולות, און דערזעט אַ פּאָר וואונדערשיינע שוואַרצע אויגן, פייערדיקע אויגן, וואָס קוקן גלייך אויף איר, און נעמען זי דורך, ווי שפּיזן, ווי שאַרפע שפּיזן. די וואונדערשיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן קוקן אויף איר און ווינקען צו איר און רעדן מיט איר. רחלע וויל אַראָפּלאָזן אירע אויגן אַראָפּ — און קאָן נישט.

„אָט דאָס איז סטעמפּעניו?“

אַזוי קלערט זיך רחלע די שיינע, ווען דאָס „באַזעצן“ האָט זיך שוין געענדיקט און די מחותנים הייבן אָן צו טראַכטן מכח פירן צו דער חופּה.

— ווו זענען ערגעץ די ליכט? — פרעגט חתנס צד.

— די ליכט ווו זענען? — ענטפערט כלהס צד.

און אזוי ווערט ווידער דער אייגענער געפילדער, וואָס פריער. אלע לויפן און מע ווייסט נישט וווהין. מע קוועטשט זיך, מע שטופט זיך, מע טרעט אָן אויף מאַזאָליעס, מע צערייסט קליידלעך, מע שוויצט, מע זידלט די סאַרווערס מיט די שמשים, און זיי זידלען צוריק די מחותנים, און די מחותנים אמפערן זיך צווישן זיך — עס איז, ברוך השם, גאַנץ לעבעדיק!

אין דער מהומה, וואָס עס ווערט בשעת מע גייט צוריק פון דער חופה, כאַפּט זיך סטעמפעניו ארויס פון דער קאַפּעליע, און אָט איז ער שוין אויסגעוואַקסן צווישן די ווייבער, אָט דאָ, נעבן אייזיק נפתלים שנור, רחלע דער שיינער. ער וואַרפט זיך איבער מיט איר מיט אַ פּאָר ווערטער, צושמייכלענדיק און קרייזלענדיק זיך זיינע שיינע לאַנגע האָר. רחלע ווערט רויטלעך, לאָזט אַראָפּ די אויגן אויף דער ערד און ענטפערט אים דאָס צענטע וואָרט. עס פּאַסט נישט עפּעס זיך שטעלן פּלוצעם אויסשמועסן מיט אַ קלעזמער, און נאָך פאַר אַזאַ עולם!...

V

דאָס ערשטע באַגעגעניש פון סטעמפּעניון מיט רחלען

דערציילן דערציילט מען פון סטעמפּעניון פיל פאַרשידענע מעשיות. מע דערציילט פון אים, אַז ער קען זיך מיט אַלע מכשפים און מיט אַלע „גוטע לייט“, אַז קיים וויל ער אָפּרעדן אַ כלה פון אַ חתן — קאָן ער, אַז ער קען אַזאַ מין „שפּרוך“, אַז ער האָרף נאָר אַ קוק טון, יאַ רעכטן קוק טון אויף אַ מיידל, — איז זי שוין אָפּגעקאָכט, — מע זאָל גאָר באַהיט ווערן! אַ סך מאַמעס ווייסן פון דעם סוד און היטן דערינבער זייערע קינדער, די כלהס, אַז וועגן זיי רעדן מיט סטעמפּעניון, שטייט ביי דער זייט אַן עלטערע שוועסטער, אַ מומע, אַ שוועגערין, אָדער אַזוי אַ ווייבל, וואָס האָט אַ מאַן... אמת, דאָס איז פאַר אונדזער הענלד נישט אַזאַ שיינער קאָמפּלימענט, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? וואָס קער זיך אָן שלום צו מחלוקת? דערפון ווערט סטעמפּעניוס נאָמען הלילה נישט קלענער. אַלע ווייסן, אַז סטעמפּעניו איז אַ גוטער „יומח־שמוניק“, — נו, בכן איז וואָס? קיין שידוך טוט מען דאָך נישט מיט אים, כ'לעבן, און סטעמפּעניו בלייבט סטעמפּעניו.

געבענטשט זענט איר, יידישע ווייבלעך, וואָס האָבן מאַנען, און געבענטשט זאָלן זיין די מאַנצבילן, וואָס האָבן אייך געשענקט אַזאַ טייערע מתנה — פריי־הייט, — און ווי איז צו די מיידלעך געבעך, וואָס זענען געבונדן און געפּענטעט,

געהיט און אָפּגעהיט, ביז מע רעקט צו דעם קאָפּ — און ערשט דאַן ווערן די מיידלעך אויך ווייבלעך, אויפגעבונדענע, פרייע, גליקלעכע ווייבלעך...

רחלע, אַלס ווייבל, האָט שוין גישט געהאַט וואָס צו אַנטלויפן פון סטעמפּעניון, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר מיטן פידל אונטער דער האַנט און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, — וואָס האָט זי מורא? פאַר וועמען דאַרף זי זיך באַהאַלטן? דער שווער, רב אייזיק נפתלי, איז פאַרטראָגן מיט דער חתונה: ער גייט זיך אַרום פאַרלייגט די הענט אַרונטער און גיט אַכטונג אויף די סאַרווערס, אַז זיי זאָלן זיך רירן גיכער, און די שוויגער, הוואָסיע מלכה, איז דאָך אַזוי פאַרפאַרעט, אַז מע זאָל ביי איר אַראָפּנעמען דעם שלייער פונעם קאָפּ, וואָלט זי אויך נישט געפילט. פאַרביילויפנדיק, האָט זיך דוואָסיע מלכה אפילו יאָ אָפּגעשטעלט אַ קוק טון, וואָס טוט דאָ עפּעס סטעמפּעניו נעבן איר שנור? נאָר זי האָט זיך באַלד באַקלערט: „ווייס איך וואָס, נאַרישקייטן, זייערע זאַכן, נאָט אייך אַ גראָשן!“... און איז אַוועקגעלאָפן ווייטער קאָמאַנדעווען מיט די סאַרווערקעס, זיי זאָלן טון גיכער. רב אייזיק נפתלי מיט הוואָסיע מלכהן האָבן געקאָמאַנדעוועט אויסגעצייכנט. די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס זענען אַרומגעפלויגן, ווי די משוגעים, די מחותנים פון ביידע צדדים האָבן געפּילדערט, ווי דער שטייגער איז, דער עולם האָט זיך געוואַשן און האָט אָנגעהויבן צו פאַרכאַפּן ערטער אויף די לאַנגע בענק אַרום די לאַנגע טישן, אויף וועלכע עס זענען דערווייל געלעגן אָנגעגרייט פרישע בולקעס אַ גאַנצע שורה, — פּלוצעם איז געוואָרן אַ גוואַלד: עס איז אויסגעגאַנגען וואַסער פון דער דייזשקע!

— ווו קריגט מען ערגעץ וואַסער? — האָט געפרעגט החתן צד.

— וואַסער ווו נעמט מען? — האָט געענטפערט כלהס צד.

— וואַסער! — האָט געשריגן דוואָסיע מלכה, שוין אַ ביסל הייזעריקלעך.

— וואַסער, וואַסער! — האָט איר אונטערגעהאָלפן שרייען אייזיק נפתלי, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געמיינט, אַז ער טוט עפּעס.

אין דער האָזיקער גייער מהומה האָט סטעמפּעניו געהאַט די געלעגנהייט צו שמועסן נאָך אַ ביסל מיט רחלען, וואָס איז געווען ערגעץ און עפּעס ווי פאַרטראַכט. אירע שיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט ווייט-ווייט, נישט אויף סטעמפּעניון, און אירע אויערן האָבן אויסגעהערט פון אים אַ גאַנץ לאַנגן שמועס.

און רעדן האָט סטעמפּעניו געקאָנט. ער האָט גערעדט גוט, דער כּלבוניק! מיט די רייד האָט ער אַרומגענומען אַרום און אַרום, ווי אַ גוטער מוזיק, געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין... וואָס זאָג איך? אין האַרצן אַריין, טיף-טיף אין האַרצן אַריין.

סטעמפּעניו האָט גערעדט און רחלע האָט געהערט, און דער רעש פון די חתונה-לייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט נישט געקאָנט הערן זייער שמועס, אַחוץ די לעצטע עטלעכע ווערטער:

— אָט דאָס איז אייער משה מענדל? — האָט זי סטעמפעניו אַ פרעג געטאָן, אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געהאַלטן א לאַץ פון אַ ייִדישער קאַפּאָטע און האָט געשטעקט צו יענעמס לאַץ מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים.

— דאָס איז ער... — האָט אים רחלע געענטפערט און איז אָפּגעטראָטן אויף אַ זייט, ווי באַליידיקט.

רחלע האָט זיך געפונען באַליידיקט און האָט שוין מער נישט געקוקט אַפילו אין יענעם ווינקל, וווּ די קלעזמער זענען געזעסן. סטעמפעניו האָט נאָכדעם לאַנג אַרומגעפּאַרקעוועט אַרום איר, — נאָר עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. מע קאָן בפירוש זאָגן, אַז ער איז איר נמאס געוואָרן, נמאס ומאוס, אָט דער סטעמפעניו מיט זיין זיסלעכן קוק און מיט זיינע אַלע גענג... „פע, ס'איז אַ חרפה, אַ בושה, אַז אַ ייִדישע טאָכטער זאָל גאָר שטיין און זיינע הלת אמות"...

אַזוי קלערט זיך רחלע, צוגייענדיק צוריק צו דער כלה, און איז שוין פאַרטיק צו פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ סטעמפעניו אויף דער וועלט. נאָר — שאַ! וואָס איז דאָרט פאַר אַ גערודער פּלוצעם? סטעמפעניו שפּילט שוין ווידער אַ ווייגעדיקס, און די קאַפּעליע האַלט אים אונטער; אוים ליאַרעם, אוים געפּילדער! ייִדן ווערן פאַרטראַכט, ווייבער ווערן אַנטשוויגן, ייִנגלעך, מיידלעך קלעטערן אַרויף אויף די בענק און אויף די טישן — אַלע ווילן הערן סטעמפעניון. איציק נפתלי האַלט דעם קאָפּ אויף אַ זייט און הערט זיך איין, ווי א גוטער מבין. חוואָסיע מלכה, ווי זי איז געשטאַנען מיטן זיידן טיכל פאַרבונדן אַרונטער, מיט אַ טעלער אין דער האַנט, אַזוי איז זי געבליבן שטיין אין דער פאָזע. און אַפילו די סאַרווערס מיט די פאַרקאַטשעטע פאָלעס און די סאַרוועריגס מיט די אונטערגעשטעקטע קליידלעך זענען אויך געבליבן, ווי פאַרגליווערט, אויף זייערע ערטער אין מיטן שטוב. און סטעמפעניו האָט זיך צעגאָסן אויפן פידעלע מיט אַזעלכע טרויעריקע אומעטיקע געזאַנגען, אַז דער עולם איז געבליבן אָן אָטעם, געשטאָרבענע, טאַקע פשוט געשטאָרבענע, טויטע מענטשן!... דאָס האַרץ ווערט פול, צעווייקט, און עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ייִדן זיפצן, ייִדן קרעכצן, ייִדן וויינען... און סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואָס סטעמפעניו? מע זעט אים גאָרנישט, מע זעט נישט קיין סטעמפעניו, מע זעט נישט קיין פידעלע; מע הערט די זיסע קולות, געטלעכע געזאַנגען, וואָס פילן אָן די שטוב... און רחלע די שיינע, וואָס האָט נאָך ביז היינט נישט געהערט סטעמפעניום שפּילן, שטייט און הערט זיך צו צו די משונהדיקע געזאַנגען, צו די זעלטענע קולות — און פאַרשטייט נישט, וואָס דאָס איז? עפּעס ציט האָס איר דאָס האַרץ, עפּעס גלעט דאָס זי, נאָר וואָס דאָס איז, — פאַרשטייט זי נישט. זי הייבט אויף די אויגן און קוקט אַהין, פונוואַנען עס גיסן זיך די וווּנדערלעכע מעלאָדיען, און דערזעט אַ פּאָר ווונדערשיינע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן גלייך אויף איר, וואָס נעמען זי דורך,

ווי צווי שאַרפע שפּיזן; די וווּנדערשיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן קוקן אויף איר און ווינקען צו איר און רעדן מיט איר... רחלע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זעט די וווּנדערשיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן, רחלע קוקט אויף אַלע זייטן — און זעט אַלץ אָט איינע וווּנדערשיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן...

VI

נאָך דער „חופּה־וועטשערע"

די „חופּה־וועטשערע" האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, עס איז שוין נאָך אַלע „וויוואַטן", נאָך דעם „דרשה־געשאַנק", נאָך דעם „בשר־טאַנץ" — דער עולם הוליעט, יעדער דינגט אַ טאַנץ, מע טאַפּט אַ פריילעכס; רב יאָנטל דער שוחט גייט אַ „קאָזאַקל" און אַקעגן אים צעלאָזט זיך מיט גרויס קוראַזש די מחותּנתטע אַליין מיט איר גראָבן בויך, מחילה, און דער גאַנצער עולם פּליעסקעט אונטער רב יאָנטלען, וואָס זעט גאָרנישט, אַז ער טאַנצט מיט אַ נקבה און מאַכט „פּרי־סיאַדקעס", ווי אַ בחור, און אַקעגן אים הענצקעט זיך די מחותּנתטע מיט די הענט „פּאָדבאָקאָם". און שמייכלט צו רב יאָנטלען מיט אַ ברייטן שמייכל איבערן גאַנצן ברייטן פּנים, ווי די לבנה אין האַלבן חודש... שפּעטער ווערט נאָך פריילעכער, מע טאַנצט שוין, מחילה, אין איינע תּחתּונים. איזיק נפתּלי שטייט שוין אָן אַ קאַפּאָטע, מיט די ברייטע ווייסע אַרבל. מע האָט אים לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט מסכּים געווען אויסצוטון די קאַפּאָטע, און אויפן קאָפּ האָט אים עמעצער אָנגערוקט אַ קאַפּעליוש ביז דער נאָז — און אַלע לאַכן פון אים מיט פאַרשכורטע אויגן, אַפילו זיין אייגענער זון משה מענדל (רחלס מאַן) שלעפּט אויך דעם טאַטן פאַר אַן אַרבל „אין קאָן אַריין".

— פולקעס, פולקעס! — שרייט משה מענדל, שפּרינגט ביז דער סטעליע.

די קלעזמער שפּילן שוין אַליין, אָן סטעמפּעניון. צווישן דער האָזיקער חברה איז געוואָרן גאָר הפקר. דאָס גאַנצע רעדל פירט איינער פון די געשוואָלענע יונגען מיט די גרויסע ציין. דער שוואַרצער קאָלטענוואַטער רב שניאור מאיר דער אונטערהאַלטער (סעקונדע) דרומלט, רב יאָקל קאָנטרבאַס שלאָפט. נאָר יונגוואַרג אַרבעטן אויף אַלע כּלים, און מער פון אַלע האָרעוועט געבעך מעכטשע פייקלער: ער קאָכט אויפן פּויק, ווי אַ גזלן; זיין געל קעפּל האָט ער באַהאַלטן אין באַראַבאַן אַריין, און מע זעט נאָר, ווי ער אַרבעט מיט די פּלייצעס, צוטופּענדיק מיט די קרומע פיסלעך. און סטעמפּעניו? סטעמפּעניו שאַרט זיך אַרום די יונגע ווייבלעך, און נאָך מער — אַרום רחלען.

— שוויגער, קומט לאָמיר גיין אהיים! — זאָגט רחלע צו דוואָסיע מלכה, וואָס שטייט און באַטראַכט אייזיק נפתלין מיט די ווייסע אַרבל און מיטן קאַפּעליוש.

— קום, שאָכטער, קום! מאָרגן איז אַ מאַרק, דאַרף מען זיך אָפּרוען. זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך אַ ביסל צעהוליעט!

און דוואָסיע מלכה גייט מיט רחלען אַהיים.

דער טונקעלער בלויער הימל ווערט אין איין זייט אַ ביסל העלער, ליכטיקער. עס שאַריעט אויף טאָג. עס טוט אַ קריי אַ האָן, און צען אַנדערע האָנען ענטפערן אים. ווייט ווייט לאָזט זיך הערן דאָס בילן פון אַ הונט. אַלע שטיבעלעך, אפילו ביי די גויים, זיינען נאָך צוגעמאַכט, נאָר ביי איין הערש בער דעם שוחט לייכט זיך: הערש בער דער שוחט שטייט אויף אַ שעה פֿאַר טאָג לערנען „פֿאַר זיך“.

— וואָס זאָגסטו, רחלע, אויף גנעסיעס טאָכטער, ווי זי האָט זיך עס אַ ביסל אויסגעסטראָצלט? ביסט אַ מבין אויף איר?

נאָר רחלע ענטפֿערט איר גאָרנישט. רחלע איז פֿאַרנומען מיט אירע אייגענע געדאַנקען. ווער ווייסט, וואָס און וועגן וועמען זי טראַכט אַצינד?...

— שוויגער! — זאָגט רחלע פּלוצעם. — אָט האָס הער איך דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן סטעמפּעניוס שפּילן.

— גיי שוין גיי, קינד, נאַ דיר נאָר דאָס ערשטע מאָל! — ענטפערט איר די שוויגער. — נו, און ביי אייער גביר רב לייבציע אברהם הערשס? און ביי רב נחמיה ביק? און ביי שרה בנציונס? און ביים רבין אַליין?

— איך געדענק נישט, — ענטפערט רחלע, — איך האָב נאָר געהערט — סטעמפּעניו, סטעמפּעניו, און געזען האָב איך אים נישט.

— נו, ס'פאַרשטייט זיך, ביסט נאָר דעמלט געווען... וואָס ביסטו געווען? אַ פּיסקליאַ ביסטו געווען, ווען סטעמפּעניו האָט געשפּילט אין סקווירע ביים חבין די חתונה. אַ חתונה איז דאָס געווען — אויף אַלע מיינע ליבע, רבונו של עולם! אַ היפּש שטיקל חתונה! קאָנסט זיך מעלדן, אַז איך האָב דעמלט געטראָגן, סאַמע מיט יאָסעלען האָב איך געטראָגן, און בין געווען, הייסט דאָס, און בין געווען, אַזוי גרויס, ווי אין זעקסטן... האַ? ניין, אין אַכטן חודש טאַקע... וווהין גייסטו דאָס, רחלע? אָט איז האָך אונדזער שטוב, און דו ביסט פֿאַרקראָכן נאָר צו גנעסיען, — ס'אַ גראַם, כע-כע!

— זעט נאָר! — ענטפערט רחלע, אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן. — אַ שיינע מעשה, כ'לעבן, כאַ-כאַ-כאַ!

און לאַכנדיק זיינען די שוויגער מיט דער שנור אַריינגעקומען צו זיך אַהיים, זיך צולייגן אויף אַ פּאָר שעה אָפּרוען, ווייל מאָרגן פֿרי שטעלט זיך אויס אַ גרויסער מאַרק אין מאַזעפּעווקע, כמעט אַ גאַנצער יריד.

VII

רחלע קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן

האָט איר געהערט אַן אומגליק? — רחלע קאָן נישט שלאָפן! זי קאַטשעט זיך אויף אַלע זייטן, זי דעקט זיך צו און דעקט זיך אָפּ — נישטאָ קיין שלאָף אויף איר! וויפל זי פלייסט זיך, א שטייגער, נישט צו טראַכטן וועגן אים, וועגן סטעמפּעניון, מיין איך, — און ער קריכט איר אַלץ פאַר די אויגן, דער גוטער יאָר ווייסט אים וואָס און ווען! זי מאַכט צו די אויגן שטאַרק־שטאַרק — און דערזעט אים מיט זיינע וואונדערשיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן, ווי זיי קוקן גלייך צו איר, ווי זיי ווינקען צו איר, ווי זיי רופן זי צו זיך... „אַ, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!... משה מענדל זאָל כאָטש זיין!“ — קלערט זי זיך. זי עפנט אויף די אויגן און דערזעט סטעמפּעניון מיטן פידעלע, און עס מאָלט זיך איר אויס, אַז זי הערט נאָך דאָס שיינע זעלטענע שפּילן... „אַך, אַ מין שפּילן, נו, נו! נישט אומזיסט דערציילט מען זיך אָן וועגן אים אַזעלכע וואונדערלעכע מעשיות“... און רחלע דערמאָנט זיך אָן אַלע יענע שיינע מעשיות, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן אים נאָך, בשעת זי איז געגאַנגען אין חדר זיך לערנען שרייבן צו מאָטל שפּרינץ דעם מיידלשן שרייבער, בשעת זיי זענען געזעסן אין סקווירע. אָט האָרט האָט זי זיך דאָס אָנגעהערט פון אירע חברטעס מעשיות, וויאַזוי סטעמפּעניו האָט אַמאָל אָפּגערעדט אַ כלה פון אַ חתן, און די כלה איז פאַר בזיון געשטאָרבן, און מע האָט געשטעלט אויף איר אַ שוואַרצע חופּה... וויאַזוי סטעמפּעניו האָט אַמאָל אָפּגעטאָן אַ מיידל דערפאַר, וואָס זי האָט אים אָנגערופן מיטן נאָמען שאַרלאַטאַן... וויאַזוי סטעמפּעניו האָט אַמאָל געשפּילט אַ חתונה ביי אַ גרויסן פּריץ, אַ גראַף; ווי דעם גראַפס טאָכטער, די פּאַניענקע, אַ זעלטענע שענהייט, האָט זיך אין אים איינגעקאָכט און האָט געזאָגט: איין מאָל פאַר אַלע מאָל — דער טויט זאָל איר זיין און סטעמפּעניון וויל זי... דער גראַף, אַז ער האָט דערהערט אַזאַ מעשה, האָט ער מיט אים איינגעטענהט, פּריער מיט בייזן, דערנאָך מיט גוטן, און לסוף האָט ער אים צוגעזאָגט דריי דערפער, אַבי ער זאָל זיך איבערקערן און נעמען זיין טאָכטער, די פּאַניענקע, פאַר אַ ווייב. נאָר סטעמפּעניו האָט אים געענטפערט אויף פראַנצויזיש (סטעמפּעניו האָט געקענט דייטש און פראַנצויזיש), אַז ער מעג אים אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט רענדלעך, וועט ער זיין רענדל נישט אויס־בייטן (און דערפאַר איז ער געווען ביי אַלע ערלעכע ייִדן, אַפילו ביים רבין, אַזאַ חשוב). און די פּאַניענקע, אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך מיטן אָנטון אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין... און נאָך פיל וואונדערלעכע מעשיות, וואָס עס נעמט אָן אַ שרעק, נאָר אויסהערנדיק זיי...

נאָך האָט זיך רחלע דערמאָנט, וואָס זי האָט געהערט פון אירע חבֿרטעס, אַז סטעמפּעניו האָט אַזאַ מין פּלעשעלע „ליבע־טראָפּנס“... „ליבע — ליובקע, קאָך לאָקשן! — האָט זיך רחלע געקלערט, דערמאָנט זיך אָן די אַלע שיינע מעשיות. — נאַ דיר אַ גראָשן פאַר דער גאַנצער ליבע! מיין משה מענדל, נישקשה, האָט מיך ליב אָן „ליבע־טראָפּנס“. און איך אים? איך משה מענדלען?“...

און רחלע קערט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, מיטן פּנים צו דער וואַנט, און טראַכט וועגן דעם גאַנץ שטאַרק. דאָס ערשטע מאָל איז איר אַרויפֿגעקומען אויפֿן קאָפּ אַזאַ מחשבֿה: „אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טובֿ! וואָס עפּעס מוצקע דרינען ליב־שמיב? פּיינט געווים נישט!“...

און באמת טאַקע, פאַרוואָס זאָל זי אים פּיינט האָבן? משה מענדל איז, חלילה, נישט קיין מיאוסער יונגערמאַן, אַ ביסל פון דער נייער וועלט, די פּאות פאַרשאַרט אַרונטער, לייענט אַ בלאַט, מאַכט שיין קידוש, האָט ליב צו זאָגן אַ ווערטל, מיט יונגעלייט אַ שטיף טון — גאָר אַ פיינער יונגערמאַן. אמת, צו איר, צום ווייב, איז ער נאָך אַ ביסל ווילד, רעדט מיט איר קיינמאָל נישט קיין צוויי גאַנצע ווערטער, עפּעס גאָר מיט אַ ווערטל און מיט אַ דריי זיך אויס אָדער אין בית המדרש, אָדער אין מאַרק. ער זאָל זיך עס אַמאָל, אויף אַ טשעקאַוועסט, אַנידערזעצן מיטן ווייב, ווי ביי לייטן פירט זיך, רעדן, שמועסן, גלאַט אַזוי, — דאָס ניין. אַ ווילדע ציג!

אוי, נישט דאָס האָט רחלע געמיינט בלהוויין! רחלע, אַז זי איז אַ כּלה געוואָרן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַלע זענען איר מקנא אויף איר חתן; אַז אַזאַ משה מענדל (אַך, איז ער געווען שיין חתנוויז) איז נאָר דאָ איינער ביי גאָט און דער אַנדערער ביי איר — און זי וועט דאָס זיין איינע אַ גליקלעכע... און צום סוף? צום סוף זעט זי, אַז אירע אַלע חבֿרטעס לעבן טאַקע אַ גוטן טאָג: די איז ערגעץ מיט איר מאַן אין אַ גרויסער שטאָט און שרייבט פון דאָרט אַזעלכע בריוולעך, וואָס עס לאָזט זיך אויס די וועלט, און יענע איז שוין אַליין אַ באַלעבאָסטע! אַפילו חנה מירל, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַלמן מיט פינף קינדער און וואָס האָט אַזוי איינגעליגט די וועלט, איז אויך גליקלעך. און זי? און רחלע?... אַך, נישטאָ וואָס צו רעדן. אַ גאַנצע וואָך זיץ פאַרשפאַרט, ווי אַן עוף אין אַ שטייג: עס, טרינק און שלאָף! דער שווער און שוויגער לאָזן נישט אָטעמען: טאָג און נאַכט נאָר רחלע און רחלע! און משה מענדל מיט זיינע גענג, מיט זיינע ווערטלעך, גלייך ווי זי וואָלט געווען ביי אים אַ ווייס איך וואָס... שאַ! אָן קלאַפּט עמעצער אין דער טיר. דאָס קער אַוודאי זיין משה מענדל. די שוויגער גייט אים עפענען.

— משה מענדל!

— האַ, וואָס?

— ס׳איז דו, משה מענדל? — פרעגט אים די מוטער.

— נו, אַ מעגעל, ימח שמו, ברררר... — ענטפערט איר דער זון.

— וואָס ליפּעטשעסטו, משה מענדל? — זאָגט ווידער צו אים די מוטער.— טו זיך אויס און לייג זיך שלאָפן.

— ימח שמו, גוט געטרונקען, בערל מנשה, כאַ-כאַ-כאַ!

— גאָט איז מיט דיר, משה מענדל! וואָס פּלאַפּלסטו? — זאָגט צו אים דוואָסיע מלכה, אויסרייבנדיק אַ שוועבעלע.

— איר הערט דען נישט, שוויגער, אַז ער איז שכור לוט? — זאָגט צו איר רחלע. — ציגרט אים האָרט אָן אַ ליכט, זייט מוחל, ער וועט זיך ברענען רוק און לעבר.

— כּיללל... נאָר אַ גלעזל, ימח שמו!...

מיט די האָזיקע האַלבע ווערטער פאַלט משה מענדל אַנידער ביי זיך אין בעט און ווערט גיך אַנטשלאָפן מיט אַ שרעקלעך כראַפּעריי. דוואָסיע מלכה ווערט אויך אַנטשלאָפן. די קליינע קינדער שלאָפן שוין לאַנג. עס סווישטשעט און עס פייפט אין אַלע ווינקעלעך. אַלע שלאָפן געשמאַק אינעם האָזיקן שטיבל, נאָר איין רחלע קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן, באַטש נעם טו זיך אָן אַ מעשה — נישטאָ קיין שלאָף!... די לבנה שיינט אריין דורך אַ פענצטער, און א לאַנגע ווייסע פּאַסמע פון איר ליכטיקייט פאַלט אויפן בעטל, אויף וועלכן משה מענדל ליגט צעוואָרפן מיטן פּנים ארויף, דאָס מויל אָפן, די אויגן פאַרגלאָצט, דער האַלדז פאַרריסן, און אַ קנאָפּ, א שאַרפער קנאָפּ, שטעקט ארויס פונעם גאָרגל, און עס איז א מיאוסע זאַך צו קוקן.

רחלע וויל נישט קוקן — און קוקט פאָרט; קיינמאָל האָט איר משה מענדל נישט אויסגעוויזן אזוי העסלעך, ווי אַצינד, ווי אין דער האָזיקער נאַכט. און, נישט ווילנדיק, האָט זי אים פאַרגליכט מיט אַן אַנדערן, מיט אַ יענעם ימח-שמו'ניק סטעמפּעניו... און דאָס איז דער אייגענער משה מענדל, וואָס פריער? וואָס אַמאָל, בשעת חתונה, מיט זיין שיין ווייס פּנימל, מיט זיין זיס שמייכעלע, מיט זיינע פריילעכע אייגעלעך, מיט זיין גלייך שטעלטל, מיט זיין גענגל און מיט אַלע זיינע בנעימותדיקע פּאָסטעמקעס, מיט זיינע קלוגע גלייכווערטלעך? אָט דאָס איז יענער משה מענדל?...

און דאָ האָט אים רחלע, נישט ווילנדיק, ווידער אַמאָל פאַרגליכט מיט אַן אַנדערן, מיט סטעמפּעניון...

אַוועק, אַוועק, פינצטערע מחשבות, פון אַ יידישער טאָכטער!

VIII

„צום שלייער־וואַרמעס"

אויף מאָרגן, אַז כּיענע די שמשטע איז געקומען צו רוואַסיע מלכהן זאָגן, אַז די מחותנתטע מיטן חתן, מיט דער כּלה, מיט אַלע מחותנים האָבן געלאָזט בעטן צום שלייער־וואַרמעס, איז שוין רחלע געווען אויסגעשלייערט און אָנגעטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע פֿון רב דוד מעכּאַניק דעם זשענסקי שניידער: אַ בלוי זיידן מלבוש, הימל־קאָליר, מיט ווייסע קרוזשעווקעס און מיט גאַנץ ברייטע אַרבל, ווי מע האָט דעמאָלט געטראָגן אין מאָזעפּעווקע, ווו די מאָדע האָט פֿאַרשפּעטיקט אויף עטלעכע יאָר; אויפֿן קאָפּ אַ בלוי זיידן טיכל, אַזשורנע אַרבעט, אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט אַרויסזען דעם גאַנצן שלייער מיט די צעפּ... נאָר פֿרעמדע צעפּ; די אייגענע בלאָנדע האָר זענען שוין ביי רחלען פֿון לאַנג באַהאַלטן, פֿאַרבאָרגן אויף תּמיד, אויף אייביק! עטלעכע שניירלעך פּערל אויפֿן האַלדז, אויפֿן ווייסן, אויפֿן שיינעם האַלדז, אַ גרויסע גאָלדענע קייט, אַ בראָש, בראַסליעטן, פֿינגערלעך, אוירינגלעך — די גאַנצע יידישע צירונג, דער גאַנצער יידישער מאַיאָנטעק.

אַן אויסגעשלייערטע איז רחלע געזעסן ביי זיך אין חדר, ווו משה־מענדל איז נאָך געלעגן אין דער נעכטיקער פּאָזע, מיטן גאָרגל אַרויף און מיט אַן אָפֿן מויל, און האָט געהאַלטן אין איין כראָפּען.

„אַך, וואָס פֿאַר אַ גרויסער חילוק עס איז צווישן די צוויי משה מענדלען, דאָס הייסט, צווישן משה מענדל דעם חתן און משה מענדל דעם מאַן: יענער משה מענדל איז עפּעס געווען מיט אַזויפֿיל חן, זיינע אויגן האָבן געלייכט, ווי הבדלות, זיין קול איז געווען צוקער זיס, זיינע אַלע פּאַסטעמקעס זענען געווען אַזוי אָנגענעם, אַזוי ליבלעך! און דער משה מענדל? עפּעס אַזוי משונה לאַנג און שמאָל און סאַטולעוואַטע, און אַ געל בערדל שיט זיך אים. פֿונוואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ צאַפּן בערדל?

און נישט ווילנדיק, שטעלט זי זיך פֿאָר אַלץ אָט אַ יענעם כּל־בוניק, וואָס האָט זי אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט שלאָפֿן — אַ ריינער אומגליק! „איך בין אַליין שולדיק — קלערט זיך רחלע — איך בין אַליין שולדיק: פּלוצעם נאַ דיר נאָר אַזאַ שלימזל, אַ סטעמפּעניו! ווער שטעלט זיך דאָס אָפּ פּלוצעם רעדן מיט אַ קלעזמער? — פֿע, בזיונות! און וואָס וואָלט מען געקאָנט אויף מיר זאָגן, ווען מע זאָל מיך זען שטיין און רעדן מיט אים? אַ מערכה, וואָס ס'איז געווען אַזאַ געפּילדער. און וואָס וואָלט משה מענדל געזאָגט?"...

און מיט אַ שמייכל איז רחלע צוגעגאַנגען צו משה מענדלס בעט און האָט זיך איינגעבויגן איבער זיין קאָפּ און האָט אים אָנגערופֿן ביים נאָמען. משה־מענדל האָט אויפֿגעעפֿנט די גרויע אויגן און האָט לאַנג געקוקט און האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער זעט פֿאַר זיך.

— משה מענדל! — האָט אים רחלע געזאָגט, אָנגעבויגן זיך איינגאַנצן צו אים. — משה מענדל! דו דערקענסט מיך נישט, צי וואָס? קוק אים אָן, ווי ער באַטראַכט מיך אַ ביסל! איך בין דיר, אַפּנים, געפעלן אין שלייער?

— אַי, לאָז צורו, וויל שלאָפן!... — און מיט די ווערטער הרייט זיך משה מענדל אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט און לאָזט אַרויס אַ משונה־ווילד כראַפּעריי.

— די מחותנתטע און חתן כלה און אַלע מחותנים האָבן געלאַכט בעטן אייך מיט אייער שוויגער און מיט אייער מאַן אויפן „שלייער־וואַרמעס“.

אַזוי רופט אויס כיענע די שמשטע, פאַרגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר אַריין, נאָר דעריזען, ווי רחלע שטייט איבערן מאַנס צוקאָפּנס, טוט זי זיך אַ וואָרף צוריק.

* * *

רחלע האָט געטראָגן די כלה נאָך נישט קיין אויסגעשלייערטע. ביידע חברטעס האָבן זיך צעקושט, און עס איז צווישן זיי גיך פאַרבונדן געוואָרן אַ גאַנץ וואַרעמער שמועס, ווי עס דאַרף צו זיין צווישן צוויי יונגע ווייבלעך.

דער עולם האָט זיך געקליבן ביסלעכווייז, און די סאַרווערם מיט די סאַר־ווערקעס האָבן באַדעקט די טישן מיט כל טוב: מיט לעקעך און מיט איינגע־מאַכטס, מיט קומיש־ברויט און מיט מאַנדל־בייגעלעך און מיט שטרודלען אַלערליי. די נעכטיקע שמשים מיט די נעכטיקע אָרעמעלייט זענען שוין אויך דאָ. דער מחותן, חיים בנציון, לויפט אַרום אָן אויסגעצוואָגענער, מיט אַ קאַמעטן קאַשקעטל, און די מחותנתטע איז שוין הייזעריק, ווי די וואַנט; דאָך הערט זי נישט אויף צו פאַראַרקעווען, טרייבט דעם אַהער און דעם אַהין און שרייט מיט די לעצטע כוחות:

— איר ווילט מיך אומגליקלעך מאַכן, שונאי ציון! איר נעמט און שטעלט אַוועק אַ בעקן מיט טאָרט און מיט איינגעמאַכטס דאָרט, וו עס דאַרף נאָר שטיין דאָס פלעשל בראָנפן מיט די גלעזלעך, ווונד איז מיר און ווי איז מיר! כ׳וי צעריים זיך! נאַ דיר אַ חתונה! קאָסט אַ גרויסע גאָלד, און צום סוף — נאַ דיר! אַפילו די קלעזמער זענען נאָך אויך נישטאָ! טאַקע נאָר אַ מעשה קומט זיך אָנצוטון און געוואַלד!

— שאַ, לאָז זיין שטיל! — שרייט חיים בנציון דער מחותן. — וואָס פילדערסטו אַזוי? מע ווערט פון דיר נישט גליקלעך! זי טוט גאָרנישט און שרייט! וואָס שרייסטו, וואָס? אַ נאָוויגע ביי דיר אַ קינד חתונה מאַכן? דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס? קוק זי אָן, זי כריפּעט אַזוש! צעגויסגעריפּן געסט מיט קרובים אַ גאַנצע שטאָט און לויפט אַרום און שרייט! טאָמער ווייסטו וואָס?

— ווער שרייט, משוגענער כהן? ווער שרייט?

— איך ווייס ווער סע שרייט? אדרבה, זאָג שוין אַליין!

— איך שריי נישט; סע דו שרייסט.

— איך שריי שוין? אַזוי? גאָר פאַרקערט?

— אָט שרייסטו דאָך, חיים בנציון, וואָס איז דאָס דיר אָנגעקומען אַזעלכעס?

— אַ גוטער מאָרגן זאָל קומען אויפֿן מחותן מיט דער מחותנתטע, אויפֿן חתן מיט דער כלה, אויף אַלע מחותנים פֿון ביידע צדדים און אויף אַלע ליבע פֿריינד, וויוואַט — גאַנץ פֿיין אויסגעשפּילט!

מיט דעם הילכיקן אויסרוף פֿון חייקל בדחן האָבן זיך די קלעזמער גענומען צו די כלים, און די חתונה איז געוואָרן ווידער אַ חתונה! דער עולם האָט זיך גענומען אויסווישן די הענט אין די פּאָלעס, פֿאַרקאַטשען די ארבל, און ערשט גאַכדעם זיך וואַשן, געזעצט זיך צום טיש פֿראַווען דעם „שלייער-וואַרמעס“ — און דאָ האָט זיך סטעמפּעניו גענומען דאָס פֿידעלע און האָט איבער אַ גיים געמאַכט אַלע געכטיקע קונצן גאָר מיט עטלעכע צוועלעלעך און מיט אַ צוויי-דריי נייע שטיקלעך, פֿון וועלכע דער עולם האָט געגאַפֿט אויף די נעגל און איז געווען אויסער זיך. אַלע אויגן האָבן געקוקט אויף אים, אויף סטעמפּעניון; נאָר איין רחלע האָט נישט געקוקט אין יענעם ווינקל — און דאָך האָט זי אים געזען, און דאָך האָט זי געפֿילט, אַז ער קוקט אויף איר... ערשט דעמאָלט, אַז סטעמפּעניו האָט דאָס פֿידעלע אַוועקגעלייגט, און צווישן עולם איז געוואָרן אַ הו-האַ, — ערשט דעמאָלט האָט רחלע אויפֿגעהויבן אירע בלויע אויגן און האָט דערזען... סטעמפּעניון.

— וואָס זאָגט איר אויף אים? — האָט זיך צו איר געווענדט די כלה, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן.

— אויף וועמען? — האָט זי רחלע געפֿרעגט בתמימות.

— אויף סטעמפּעניון; אַ שיינער כלבוניק?...

רחלע האָט איר גאָרנישט געענטפֿערט דערויף. זי האָט דערפֿילט, אַז די פּאַרב קומט איר צו אין פּנים אַריין. די כלה האָט דאָס באַמערקט און האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— ס'איז אייך הייס, רחלע? אַיאָ, ס'איז אייך הייס?

— יאָ, הייס, שרעקלעך הייס! איך וועל אַרויסגיין אויף אַ מינוט אין דרויסן זיך אָפּקילן. — האָט איר רחלע געענטפֿערט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿונעם טיש, באַגעגנט זיך אויף יעדן טריט מיט אַ סאַרווער אָדער אַ סאַרווערקע, וואָס האָבן איר אָפּגעטראָטן דעם וועג מיט גרויס כבוד, נישט אַזוי צוליב איר, ווי צוליב איר זיידן מלבוש. נאָר נישט אַזוי גיך האָט זי געטראָפֿן צו דער טיר, רען, ערשטנס, האָט זי באַהאַלפֿט דורכשפּאַרן זיך דורך די קלעזמער, וואָס האָבן זי

באַטראַכט „מיט אויגן“ און האָבן זיך דורכגעוואָרפן אויף זייער לשון: „קליווע יאַלדאַווקע, מע האָרף טירען מיט צוזעניבע“... און אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט סטעמפעניום אויגן, האָט זי דערפילט עפּעס אַ מין האַרציקלאַפּעניש, וואָס זי האָט נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט געפילט; דערפון איז זי געוואָרן נאָך רויטער און האָט דערפילט אַ שרעקלעכע היץ אין פּנים, ווי אַ מענטש, וואָס גייט אויף אַ שׂרפֿה סאַמע ביים רעכטן פייער. צו די צרות האָט זי זיך נאָך געראַפט באַגעגענען מיטן מחותן רב חיים בנציון, שוין כמעט ביי דער טיר, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ גייע התנוגה: רב חיים בנציון איז געווען אַ ייד אַ חסיד און האָט געציטערט פאַר אַ נקבה שרעקלעך. אַז ער האָט זיך באַגעגנט פּלוצעם מיט רחלען, האָט זיך רב חיים בנציון באַראַפּט, איינגעטלעך, אַ וואָרף טון צוריק, ווי דער שטייגער איז. נאָר, מעשה שטן, האָט ער זיך גאָר אַ נעם געטאָן רעכטס, און אַזוי ווי זי, רחלע, איז אויך געגאַנגען רעכטס, איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, זיי זאָלן זיך צעבוצקען. לכן איז רב חיים בנציון געפאַלן אויף אַן עצה און האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן לינקס; צום אומגליק, איז זי אויך געפאַלן אויף דער זעלבער עצה און האָט אויך גענומען לינקס. דאָ האָט רב חיים בנציון באַלד פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך דאַפּטאָם אַ לאָז טון טאַקע נאָך רעכטס, נאָר ביז ער האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז אים שוין רחלע געשטאַנען אַקעגן, ווי אויף צו להכעיס — און גאָט ווייסט ביזוואַנען זיי וואָלטן אַזוי אַוועקגעטאַנצט, ווען אויף זייער גליק זאָל נישט געווען אָנקומען די הייזעריקע מחותנתטע און נישט שטעלן זיך אויסמעטון מיטן מחותן, און דערווייל האָט זיך רחלע אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן אַרויס, אַ ביסל אָפּקילן זיך פון דער שרעקלעכער היץ.

IX

רחלעס ביאָגראַפיע און חיה עטלס ראָמאַן

אין דרויסן איז אָבער געווען נאָך הייסער. עס איז געווען אַ תמוזדיקער טאָג. די זון האָט געהאַלטן אין מיטן הימל און האָט געסמאַליעט און געבראָטן גאָר אָן רחמנות. אויף די הילצערנע און שמוציגע דעכער פון די מאַזעפּעווקער הייזער האָט זיך דער אָפּשיין פון דער זון צעגאָסן מיט טויזנטער פאַסן, וואָס ציטערן און שוועבן, ווי די כוואַליעס פונעם טייך; הדר־ייִנגלעך רופן דאָס אָן: „די שכינה רוט“.

אַקעגן רחלען שטייט דער מאַרק: ער איז ברייט און פוסט. די קלייטן מיט די רויטע פאַרטעכלעך זענען אָפן, און די ווייבער זיצן אויף פירעקעדיקע בענקלעך און אַרבעטן אַ זאָק מיט אַ שרעקלעכער געשווינדקייט. ביי דער זייט שטייען

מולטערלעך מיט יאַגדעס, מיט קיכלעך און מיט קאָהזשיקלעך, און אַ ציג גנבעט זיך אונטער און האָט חשק צו מאַכן אַ שטיקל אומגליק, נאָר מע דערלאָזט זי נישט. וויט־ווייט גייען אַ פּאָר אָקסן מיט אַ גרויסער פור סגאָפּעס קאָרן; די פור מאַכט אַן אַ מוראדיקן פּאָראָך אַרום זיך, און הינטן גייט נאָך אַ קליין שייגעצל מיט אַ גרויס וואַרעם היטל, מיט אַ טאָרבע, מיט אַ לאַנגער בייטש און באָרוועס, און אַ גרויסער הונט לויפט אים נאָך מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג.

רחלע שטייט און באַטראַכט דאָס גאַנצע וואָכעדיקע אויסזיכט און פאַר־גלייכט דאָס מיט איר בלוי זיידן מלבוש, הימל קאָליר, און מיט די פּערעלעך, בראַסליעטן, אויריינגלעך, פינגערלעך — און זי פילט, אַז זי איז עפּעס גאָר ווילד פרעמד מיט דעם דאָזיקן בילד, מיט דער גאַנצער נאַטור, עפּעס נישט אַהין, נישט אַהער, נישט מאַרק־ייִדענע, נישט גראַפינע — גלאַט אַ ייִדיש קינד, אַ ייִדישע טאָכטער, פטור פון אַלץ. אָט האָט זי זיך אַ מאַן, עס זיך קעסט ביי די שווער און שוויגער, טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, און דער מאַן איז אָדער אין בית־מדרש, אָדער אין מאַרק, גייט אַרום מיט שטעקעלע און זאָגט ווערטלעך.

אַצינד, שטייענדיק אָט דאָ, נאָענט צו דער נאַטור, האָט זי זיך כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן גענומען רעכט באַטראַכטן, ווער זי איז, און עס איז איר אַרויפגעקומען אויפן זינען אַ נייע מחשבה, אַז עס פעלט איר עפּעס. וואָס — ווייסט זי נישט. נאָר עפּעס פעלט איר, עפּעס גייט איר אָפּ...

רחלע איז געווען אַ פּשוט ייִדיש ווייבל אָן אויבערקעפּלעך, אָן שפּיצלעך. מיט איינעם וואָרט — דאָס, וואָס מע רופט אָן ביי אונדז אַ ייִ ד י ש ע ט אָ כ ט ע ר. געוואַקסן צווישן אַ סך קינדער, איז זי ביי פאָטער און מוטער אין סקווירע גע־ווען נישט אַזאַ אַנטיק: „ווייס איך, אַ מיידל, לאָז זי זיך וואַקסן געזונטערהייט"... און בכדי זי זאָל זיך נישט אַרומבלאָנקעווען פאַר די אויגן און עס זאָל זיין ווינ־ציקער מיט אַ קינד אין שטוב, האָט מען זי אָפּגעשיקט גלייך מיט אַלע אירע ברידערלעך אין חדר אַריין. נאָכדעם, אַז זי איז שוין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט מען זי אָפּגעגעבן לערנען זיך שרייבן צו מ אָ ט ל ש פּ ר י י ז, דעם „מיידלשן שרייבער". דאָרט, ביי מאָטל שפּרייז, דעם „מיידלשן שרייבער", האָט זיך רחלע געהאַט, געוויינלעך, אירע חברטעס, קליינע און גרויסע מיידלעך, נאָר מער האָט זי ליב געהאַט צו שאַרן זיך אַרום די עלטערע מיידלעך. פון וועלכע זי האָט ליב געהאַט צו הערן מעשיות, שיינע וווּנדערלעכע מעשיות. די מיידלעך ווידער האָבן ליב געהאַט רחלען פאַר איר זינגען, פאַר איר שיין זינגען.

— זינג אונדז, רחלע, האַרצעניו! זינג, נישקשה, אַצינד איז נישטאָ קיין ייִנגלעך.

פאַר ייִנגלעך און פאַר עלטערע האָט זיך רחלע געשעמט צו זינגען, בפרט נאָך פאַר גרויסע ייִנגלעך האָבן איר די חברטעס אַליין געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין, מע טאָר נישט...

— נו, זינג שוין, רחלע. קוק זי אָן, מע דאַרף זי בעטן.

און רחלע פֿאָלגט די גרויסע מיידלעך און פֿאַרציט איר דינער, ווייכער שטימע אַ לידל, אַ ייִדיש לידל.

אויפֿן באַרג שטייט אַ טויב,
און טוט זיך טרויעריק ברומען,
ערגעץ האָב איך אַ ליבן פֿריינד —
און קאָן צו אים נישט קומען...

רחלע זינגט דאָס דאָזיקע ליבע לידל מיט גרויס געפֿיל, גלייך ווי זי וואָלט פֿאַרשטאַנען דאָס וואָרט „ליבע“. יענע אָבער, איך מיין די עלטערע מיידלעך, האָבן, אַפֿנים, יאָ פֿאַרשטאַנען, מחמת זיי פֿלעגן זיך דערביי פֿאַרזאָרגן, זיפֿצן, און אַמאָל לאָזן אַ טרער אויך...

מער פֿון אַלע האָט ליב געהאַט צו הערן די דאָזיקע לידלעך, וואָס רחלע האָט געזונגען פֿאַר אירע חברטעס, איינע פֿון זיי מיטן נאָמען חיה עטל, זייער א שיין מיידל, א יתומה. חיה עטל איז געווען איינע פֿון א סך מיידלעך. איר ביאָגראַפֿיע איז די ביאָגראַפֿיע פֿון פֿילע ייִדישע טעכטער און קאָן דערציילט ווערן אַזוי קורץ און אַזוי גיך, ווי מאַכן אַ ברכה „שהכל נהיה בדברו“. אָט האָט איר זי אינגאַנצן:

אַמאָל (נישט זייער לאַנג) זענען געווען צוויי ברידער אין דער שטאָט סקווירע. איינער האָט געהייסן אהרן און דער אַנדערער האָט געהייסן לייב. אהרן איז יונג געשטאָרבן און נאָך אים איז נאָכגעשטאָרבן זיין ווייב, און עס איז פֿון זיי איבערגעבליבן אַ טאָכטער חיה עטל. האָט זיך אויף איר דערבאַרעמט דער פֿעטער לייב און האָט זי צוגענומען צו זיך מיט איר ירושה. דער פֿעטער לייב האָט זיך אַפֿילו מיט דער יתומה נישט אַזוי שיין באַגאַנגען, די גאַנצע ירושה האָט ער זיך צוגענומען (אַ דריי טויזנט קערבלעך, זאָגט מען), און איר, דער יתומה, האָט ער געגעבן, מחילה, אַ פֿייג, און האָט זי חתונה געמאַכט פֿאַר א בניאָק, א כלב שבכלבים, וואָס איז איר דערגאַנגען די יאָרן, און חיה עטל איז יונג, צו צוויי און צוואַנציק יאָר, געגאַנגען פֿון דער וועלט.

אָט מיט דער חיה עטל איז אונדזער רחלע געווען אַ לייבלעכע חברטע, און זיי האָבן זיך ביידע זייער ליב געהאַט. און אָט מיט דער חיה עטל איז אַמאָל געזעסן רחלע שבת ביי טאָג ביים פֿענצטער, גאַנץ פֿיין אויסגעקעמט און אָנגעטאָן שבתדיק, ווי עס געהער צו זיין. ווי דער שטייגער איז, האָט רחלע געזונגען אירע לידלעך, און חיה עטל האָט געהערט. רחלע האָט געזונגען:

אוי, דו פֿאָרסט אַוועק,
אוי, דו פֿאָרסט אַוועק,
און מיך לאָזסטו איבער!...

— רחלע, האַרצעניו, נשמהניו! — זאָגט חיה עטל. — זינג דאָס נאָכאַמאָל!

— איבערזינגען דאָס נאָכאַמאָל? — פרעגט זי רחלע פאַרוואונדערט. — נו, איך קאָן דאָס דיר אָנהייבן נאָכאַמאָל פון אָנהייב:

אוי, דו פאָרסט אַוועק,
אוי, דו פאָרסט אַוועק,
און מיך לאָזסטו איבער!...

פלוצעם דערזעט רחלע, ווי חיה עטל די יתומה ליגט מיטן פנים אויף דער האַנט און איר קאָפּ מיט די פלייצעס וואַרפן זיך. רחלע בלייבט שטיל און הערט, ווי חיה עטל כליפעט.

— גאָט איז מיט דיר, חיה עטל, דו וויינסט? וואָס עפעס אין מיטן דריגען געוויינט? זאָג מיר, וואָס איז דיר, חיה עטל, אזעלכעס געשען? פלוצים גאָר, נאַ דיר א געוויין!

— אוי, רחלע! — ענטפערט זי איר מיט א געוויין. — אוי, רחלע, דאָס לידל, דאָס לידל דיינס!

— דאָס לידל? וואָס זשע איז דאָרט אזעלכעס? וואָס דאַרף מען וויינען דערויף?

— אוי, רחלע, פרעג מיך נישט, פרעג נישט קיין פאַרביטערט האַרץ! אַ פייער ברענט אין מיר! עס ברענט אין מיר א העליש פייער אָט דאָ, זעסטו, אָט דאָ אָ!

און חיה עטל ווייזט איר אָן ביי זיך איבן האַרצן. רחלע קוקט אויף איר פאַרוואונדערט און צעמישט.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אזוי, רחלע? דו פאַרשטייסט נישט, דו קאָנסט נישט פילן וואָס מיר איז; מיין האַרץ איז מיר אזוי שווער, איך בין אזוי עלנד, אזוי פאַרוויסט, איך טראָג אזעלכע מכות, אז איך מוז דיר אַלצדינג דערציילן — אַלצדינג!

און חיה עטל דערציילט רחלען אַ גאַנצע געשיכטע, אַ טרויעריקע מעשה, אפילו א געווינלעכע, וואָס טרעפט זיך גאַנץ אָפט ביי יידן, נאָר זייער א טרויעריקע מעשה, וויאזוי איר פעטער לייב האָט זיך מיט איר מיאוס באַגאַנגען, און צומיינסטן — זי, די מרשעת, די מומע, און ווען נישט דער פעטער לייבס יונגער זון בנימין, וואָלט זי שוין לאַנג אַנטלאָפן אין דער וועלט אריין, אָדער אין טייך אריינגעוואָרפן זיך. אָט דער בנימין איז געווען איר איינציקע נחמה אויף דער וועלט; מיט אים איז זי דאָס איסגעוואָקסן אינאיינעם; ער איז צו איר געווען ווי א ברודער, ווי אַן אייגענער ברודער — און צום סוף איז ער אוועקגעפאָרן, האָט זי איבערגעלאָזט אויף צרות, ווי א פרעמדער, גאָר ווי א ווילד פרעמדער.

— איך פֿאַרשטיי ניט, חיה עטל, וואָס באַדאַרף מען דאָ אַזוי איינליגן די וועלט, ווען אַפֿילו אַן אייגענער ברודער פֿאָרט אַוועק, בפֿרט נאָך ניט קיין אייגענער!

— אוי, רחלע, דו ווייסט ניט, ווי היימיש ער איז מיר געווען, ווי איינגעבאַקן אין האַרצן, טאַקע נאָר ווי אַן אייגענער, נאָך מער ווי אַן אייגענער, זאָג איך דיר! אַז איך האָב געזען פֿאַר זיך בנימינען, איז מיר געווען אַ ליכט אין די אויגן, און אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן...

— בנימין האָט דאָך געמוזט אַוועקפֿאָרן, חיה עטל, ער האָט דאָך התונה־געהאַט.

— אוי, רחלע קרוין, זאָג עס מיר ניט, איך קאָן דאָס ניט הערן! דאָס וואָרט „חתונה־געהאַט“ נעמט ביי מיר אַרויס מיין גאַנץ חיות! ווען איך דערהער, אַז מע זאָגט: „בנימין האָט חתונה געהאַט“, עקט זיך מיר דאָס לעבן. דו ווייסט דאָס ניט, רחלע, הלוואי זאָלסטו דערפֿון ניט וויסן אייביק... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? בנימין האָט מיר צוגעזאָגט, געשוואָרן, אַז ער וועט מיך נעמען.

— נו, למאַי זשע האָט ער דיך ניט גענומען, חיה עטל?

— דו פֿרעגסט, ווי אַ קינד, רחלע. מסתמא איז מיר ניט באַשערט. מסתמא איז דאָס אַ י ר מזל.

— ער האָט דאָך דיר אָבער געשוואָרן, אַז ער וועט דיך יאָ נעמען.

— נו, מילא, האָט ער געשוואָרן! ער האָט זיך אַליין געקליבן זאָגן דעם פֿעטער, אָפּגעלייגט פֿון טאָג אויף טאָג: ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אים (דו קענסט דאָך מיין פֿעטער לייב), ביז ער איז אַ חתן געוואָרן פֿאַר איר. און אַז איך האָב געמאַכט מיט אים אַ שמועס מכח דעם, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ביז דער חתונה איז נאָך ווייט, ער וועט נאָך קענען רעדן — און אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען די טעג מיט די יאָרן, ביז ס'איז געקומען די צייט, אָט אַ יענע פֿינצטערע צייט, אויף מיין שלימזל... איך בין אַליין געווען ביי דער חופּה, איך האָב אַלצדינג געזען מיט מיינע אויגן, אַלצדינג, וויאַזוי ער האָט איר אָנגעטאָן דאָס פֿינגערל, געזאָגט וואָס מע באַדאַרף... דער חזן מיט די משוררים האָבן געזונגען, און בנימין האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף דער ערד, ער זאָל מיך ניט זען — נאָר איך ווייס, אַז ער האָט מיך געזען... אַך, רחלע, וויאַזוי לעב איך? וויאַזוי האַלט איך דאָס אויס?

— ווי באַלד אַזוי, חיה עטל, איז דאָך בנימין אַ גרויסער ליגנער און איז ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים.

— ניין, זאָג דאָס ניט, רחלע, דו קענסט ניט בנימינען; דו ווייסט ניט, וואָס פֿאַר אַ דימענט דאָס איז, וואָס פֿאַר אַ טייער האַרץ ער האָט!...

דאָס איז ער אינגאַנצן שולדיק, דער פֿעטער לייב, דער רוצח, מיין טאַטנס בלוט זאָל אים נאָר אָקעגן קומען, רבונו־של־עולם!

— איך זע ארויס, חיה עטל, אז ער טוט דיר, אפנים, גוט באַנג.

— באַנג, זאָגסטו? איך שטאַרב, איך גיי אים מיט די כוחות — און זי זאָגט גאָר באַנג־שמאַנג!

— נו, און זי, חיה עטל, זי איז עפּעס אַ שיין ווייבל?

— ווער זי?

— זי, בנימינס ווייב מיין איך.

ביי די ווערטער האָט רחלע דערזען, ווי חיה עטל ווערט רויט און נאָכדעם בלייך, אַלערליי פאַרבן. רחלע האָט נאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס חיה עטל וויל איר האַרויף נישט ענטפערן; נאָר פילן האָט זי געפילט, אַז מסתּמא איבערפרעגן זי דאַרף מען נישט. „מסתּמא פּאַסט איר נישט, אַז זי מאַכט א שווייג; מסתּמא טוט איר וויי, אז זי וויל דערפון נישט רעדן“...

אין א צייט ארום האָט זיך רחלע באַגעגנט מיט חיה עטלען אויף א חתונה, טאַקע ביי חיה עטלען אויף דער חתונה.

חיה עטל איז געווען אַ כלה, ווי אַלע כלות; געוויינט, ווי אַ כלה דאַרף זיצן, געשוויגן, געגאַנגען צו דער חופּה, אויף מאָרגן אויסגעשלייערט זיך, געווען אפילו בלייכלעך אויפן פּנים, א ביסל ווי פאַרטראַכט, נישט פריילעך... נאָר נישקשה, עס מאַכט נישט אויס: א כלה דאַרף אזוי זיין. וואָס זשע? טאַנצן זאָל זי גיין?...

ווער ווייסט, וואָס ביי חיה עטלען איז געווען אויף דער מחשבה, אויפן האַרצן? דאָס האַרץ פון א יידישער טאָכטער איז א סוד, א גרויסער סוד, א קאַסטן, א פאַרשלאָסענער קאַסטן, און דערצו פּאַסט טאַקע נישט פאַר קיין מאַנצביל אריינצוקוקן אהין — עס איז עפּעס נישט קיין דרך־ארץ...

X

און ווייטער אַמאָל רחלע

אויף דער שאלה: „וואָס טוט זיך ביי חיה עטלען אינעווייניק אין האַרצן?“ — אויף דער שאלה האָט זיך רחלע פאַרטראַכט ביי חיה עטלען אויף דער חתונה. רחלע האָט וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט; דאָך האָט זי פאַרשטאַנען מיטן שכל און אַ ביסל געפילט מיטן האַרצן, אַז חיה עטלען דאַרף

אצינד זיין נישט אין בעסטן, זיצנדיק מיט איר באַשערטן, א ווילד פרעמדן בחור, און ווען איר אייגענער בנימין איז דאָרט ערגעץ מיט זיין ווייב... רחלען האָט זיך אפילו שטארק געגלוסט א פרעג טון אצינד חיה עטלען, וואָס הערט זיך מיט בנימינען, וואָס מאַכט ער, צי שרייבט ער בריוולעך? נאָר, צוגעגאַנגען באַגעגנט צו חיה עטלען און אַריינגעקוקט איר אין איר בלייך פּנים אריין און דערהערט, ווי זי זיפצט גאַנץ אָפּטלעך, — האָט איר דאָס הארץ נישט פארטראָגן צו רעדן מיט איר פון אזעלכע זאַכן.

מיר קאָנען דענקען, אז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן, וואָס זי, רחלע, האָט זיך פארטראַכט וועגן אזעלכע ענינים. עס קאָן זיין, אז איין דעכטער פאקט פונעם לעבן זאָל ארויסרופן א סך מער מחשבות און אויפוועקן א סך מער געפילן, ווי צען גוטע ביכער. אמת, רחלע איז געווען א פּשוט יידיש מיידל, אָן חכמות, נאָר קיין נאַריש מיידל איז זי נישט געווען; פארוואָס זשע זאָל זי נישט באַנעמען א זאך מיט איר אייגענעם געבוירענעם שכל? אמת, רחלע האָט נישט געוווסט פון קיין העלדן, פון קיין ראָמאַנען, אָבער א ריין הארץ, א ריין יידיש הארץ האָט זי געהאַט; פארוואָס זשע זאָל זי נישט פילן קיין פרעמדע צרות, נישט פארשטיין קיין פרעמדע יסורים? אין דעם פּרט, קאָן מען זאָגן, איז רחלע מיטאַמאָל עלטער געוואָרן אויף עטלעכע יאָר, אַדאַנק חיה עטלען מיט איר יידישן ראָמאַן.

אין יענער צייט איז שוין רחלע אויך געווען א כלה, און פון איר חתן משה מענדלען האָט זי זיך אָנגעהערט אַזעלכע שבחים מיט אַזויפיל מעלות, אַז זי האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף איינע א גליקלעכע אין דער וועלט.

— קיין עין־הרע, אזא גליק! — האָט זי געהערט פון אלע זייטן.

— א שמאַלץ־גרוב! אַן אָנקומעניש! רב אייזיק נפתלי איז אַ ייד אַ באַלעבאָס, דער פיינסטער פון אלע מאַזעפּעווקער באַלעבאַטים, און האָט איין זון, איין איינציקן זון, און נאָך וואָס פאר א זון. נו, א מזל!

און באמת איז משה מענדל טאַקע געווען אַ פיין בחורל און האָט געקאָנט געפעלן יעדן: א ווילס, א לעבעדיקס, א גמרא־קעפּל, א שיינער בעל־תנ״ך, דערצו נאָך א כתבא־רבא אויף עטלעכע הענט, אזוי, אז מיט זיינע כתבים האָט זיך גאַנץ מאַזעפּעווקע ארומגעטראָגן, און אפילו מאָטל שפּריז אליין, דער „מיידלשער שרייבער“ אין סקווירע, האָט אָנגעזאָגט זיין רויטע נאָז מיט א פּאָר שפּאַקולן, האָט עטלעכע מאָל באַטראַכט דעם חתנס כתב, ווי אַן עכטער מבֿין, און האָט מודה געווען, אז דער חתן האָט א גאָלדן הענטל, און אז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסשרייבן די האַנט, וועט ער, אם ירצה השם, קאָנען שרייבן.

געערט האָט רחלע מיט איר חתן זייער ווינציק, דען ווו איז ער געווען און ווו איז זי געווען? פון מאַזעפּעווקע קיין סקווירע איז גאַנץ ווייטלעך, און

געזעסן האָבן זיי זיך בסך־הכל איין מאָל, אי דאָס — נאָר אַ צוויי שעה, אי דאָס — פאַר אַ גאַנצן מנין יידן, אי דאָס — איז דער חתן געווען אין איין חדר און די כלה — אין אַן אַנדער חדר. דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך איבערגעשריבן מיט בריוולעך כמעט אַלע וואָך, אַ קיילעכיק יאָר בסדר, ביז דער חתונה. אמת, אין דעם איבערשרייבעכץ — וואָס דאַרף מען דאָ לייקענען? — האָט מאָטל שפּרייז געהאַט אַ גרויסן חלק, דען אַזוי ווי דעם חתנס בריוולעך זענען געווען געשריבן אין דריי שפּראַכן: העברעיש, רוסיש און דייטש, דערום האָט מאָטל שפּרייז געמוזט זען, אַז זי, די כלה, זאָל אויך עפּעס נישט פאַרשעמט ווערן. און בכדי צו באַווייזן באַשיינפּערלעך, אַז פון מאָטל שפּרייזס חדר גייען נישט אַרויס קיין מיידלעך גלאַט אַזוי, ווי ביי אַנדערע שרייבערס, האָט ער זיך געפלייסט, אַז אין דער כלהס בריוולעך זאָל זיין צוגעזעצט נאָך פראַנצויזיש אויך, דאָס הייסט, פראַנצויזישע אותיות, אין וועלכע מאָטל שפּרייז איז געווען נאָר אַ גרויסער בקי. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז אַ גאַנץ יאָר בסדר האָבן זיך חתן־כלה געשפּילט אין כתבים, און נאָר דעמלט האָבן זיי אויפגעהערט דאָס דאָזיקע שפּיל, ווען מע האָט זיך שוין אָנגעהויבן רעכט גרייטן צו דער חתונה.

די חתונה איז אָפּגעלאָפן, ווי אַלע יידישע חתונות; אַ ביסל האָט כלהס צד נישט יוצא געווען, נישט לייטיש זיך אויסגעשמעלט, גאַנץ יידישלעך... און אַ ביסל האָט זיך חתנס צד געבלאָזן, געווערטלט און שטילערהייט אָנגערופן דעם מחותן מיטן נאָמען „דבר־אחר“, ווי ער האָט דאָס אָרנטלעך פאַרדינט. נאָר גאָרנישט, עס מאַכט נישט אויס: מע מאַכט, ווי דער שטייגער, אַ כוסה, מע בעט זיך איבער, די כלה געזעגנט זיך אָפּ מיט אַלע אירע ליבע, מע באַגלייט זי ביז אַרויס דער שטאָט, מע קושט זיך, מע וויינט, מע פטרט אַרויס אַ מאָכטער — און מע פירט זי אַוועק אַהין, צו די שווער און שוויגער אויף קעסט.

XI

און ווידער אַמאָל רחלע

דאָרט, ביי שווער און שוויגער, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר רחלען אַ נייע וועלט. ווי אַ שנור, אַן איינאייינציקע שנור, און אַ געראָטענע שנור, האָבן זי אַלע גיך ליב געקריגן און מע האָט זי אָפּגעהיט, געפּאַנקעוועט, געבלאָזן דאָס אָרט פאַר איר. און ווער שמועסט די שוויגער, די וואָסיע מלכה, וואָס האָט קוים דערלעבט אַזאַ נחת, האָט פשוט דאָס לעבן אוועקגעלייגט צוליב איר: נאָר „רחלע און רחלע!“ וו ערגעץ אַ פעט שטיקל פלייש, אַ מאַרכעדיק ביינדל,

אַ געשמאַקע זאַך — אַלץ רחלען. גאַנץ פרי, רחלע האָט נאָר וואָס געעפנט די אויגן — אהא, דאָס קריגל ציקאָריע שטייט שוין אויפן טיש, און דוואָסיע־מלכה, וואָס איז, אייגנטלעך, אַ פּאַרנומענע, אַ מאַרק־יידענע, דרייט זיך אַרום און זעט, אַז די שנור זאָל האָבן אַלץ צו דער צייט.

— וואָס דאַרפט איר זיך מטריח זיין, שוויגער?

— נישקשה, טרינק, רחלע, עס, רחלע!

און אַנדערש מאָל זעט רחלע, ווי די שוויגער לויפט פון מאַרק אָן אַ נשמה און פאַלט אַריין אין קיך מיט קולי־קולות אויף די מענטשן, שעלט און קאַרע־ניעט, גלייך ווי מע וואָלט זי דאָרט געקוילעט.

— וואָס איז, שוויגער? — פרעגט זי רחלע.

— איך האָב געמיינט, דו ביסט שוין לאַנג אויפגעשטאַנען, און די מילך שטייט און זידט און זידט — זידן זאָל, רבונו־של־עולם, מיין מוידם פאַרע — און איך לויף, איך ווייס ווו איך בין אין דער וועלט? אין קלייט איז, קיין עין־הרע, אַן ענגשאַפט — מע זאָל נאָר באַהיט ווערן, און ער, מיין דאַליע, שטייט די הענט פאַרלייגט אַרונטער, ווי אַ מחותן! איך בעט אים רחמים: נעם טראָג אַוועק אַהיים אָט אַ צוויי פרישע בייגל! טאָמער ווילסטו עסן — עס, רחלע, נעמט בייגל, איך קויף תמיד ביי לייציכען בייגל, איך וועל ביי קיין אַנדערע יידענע נישט נעמען, מע זאָל מיר אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט גאָלד — גאָט מעג איר טאַקע העלפן! וויפל זי קומט נעבעך אָפּ פון איר מאַן דעם שכור! וויאַזוי טראָגט די ערד אויף זיך אַזאַ נפש — פאַרשטיי איך נישט, נאָר אַ בזיון דאָרט דעם טאַטן אויף יענער וועלט... יאָ, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן? מישטיינס געזאָגט, דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרשלאָגן... שאַ, אָן גייט זי שוין, די יפהפיה. מויד! ווו ביסטו שוין געווען, מויד?

אין דאָ גייט אַוועק אַ נייַ צעטל פון קללות מיט געוואַלדן פאַר דער מילך פון רחלס וועגן, פאַר דער ציקאָריע פון רחלס וועגן, פאַר דעם אָנבייסן פון רחלס וועגן — הכלל, מיט רחלען האַלט אין איין קאָכן די גאַנצע שטוב. אפילו דער שווער, וואָס איז תמיד געווען פאַרנומען מיט זיך און מיט זיינע גע־שעפטן, האָט אויך שטענדיק נאָכגעקוקט נאָך איר, נאָכגעפרעגט אויף איר.

דאָס גאַנצע אַרומפאַרקעווען מיטן אַרומטאַנצן אַרום איר איז רחלען, אייגנטלעך, געווען אַ ביסל פרייקרע, טאַקע אַריבער דער טבע; און דעם אמת מ׳ז מען זאָגן, אַז רחלע איז געווען אַ סך ווינציקער צוגעלאָזט צו זיי, אַלס זיי צו איר.

אַז מיר זאָגן „זיי“, מיינען מיר דאָס די שוויגער און שוויגער, און משה מענדלען, דעם רעכטן פאַרשוין, וואַרפן מיר אַרויס פון צעטל, וואָרום צווישן דעם יונגן פּאָרפאָלק איז געווען אַזעלכע מחזקות, וואָס מע קאָן זיי נישט אָנ־רופן נישט גוט, נישט שלעכט. זיי, דאָס פּאָרפאָלק, האָבן צווישן זיך קיין סך

נישט גערעדט, און טאַקע נישט געקאָנט רעדן: אזא יונגערמאַן, ווי משה מענדל וועט זיך נישט נעמען אַנידערזעצן אין מיטן ביימאָג און דער היים רעדן מיטן ווייב, און אויף דער נאַכט, קוים זענען זיי שוין יאָ געבליבן א מינוט אליין, האָט דאָס אָבער טאַקע מער נישט געדויערט, ווי איין רגע: באַלד איז געקומען אַהער רב אייזיק נפתלי און האָט אַריינגעקוקט צו די קינדער, אָדער עס האָט אָנגעטראָגן דוואָסיע מלכהן מיט א קריגל, מיט א טעפּל, מיט א גלאָז, אָדער מיט אַ שאָל.

אָט נעם אויף א טשעקאַוועסט, רחלע, און פּארזוך אָט דעם איינגעמאַכטס.

— ווי איז מיר! איך האָב דאָך שוין א מאָל הונדערט פּארזוכט אָט דעם איינגעמאַכטס, שוויגער!

— ס'א גראָם! גיי שוין גיי, קינד, וואָס דו רעדסט! אָט דעם איינגעמאַכטס האָסטו נאָך אפילו נישט אָנגעקוקט אין די אויגן.

און רחלע נעמט ווידעראַמאָל פּארזוכן דעם איינגעמאַכטס, וואָס קריכט איר שוין פון האַלדז.

— א הינער איז מיר, רחלע, ביסט דאָך פּארכליאַנעט געוואָרן! טו א קוק א ביסל, ווי א מענטש עסט! פון וואָס דו לעבסט — ווייס איך נישט. כ'לעבן, מע וועט דיך דערזען עמעצער פון סקווירע, וועט מען דאָס מיך א קאָפּ אָנשעלטן: א שיינע שוויגער — אַ געשוויר איר אין דער לעבער! — וועט מען זאָגן. — פיין אויסגעהאָדעוועט א שנור — א שטריק איר אויפן האַלדז! ווויי איז מיר, עס כאַפּיש עפּעס פון יוצא וועגן!

— לאָזט מיך, איך בעט אייך, צורו, שוויגער! איך בין זאַט, הלוואי ביז מיין לעבן.

—נו, טו מיר צוליב, טאָכטער! מע טוט צוליב א מאָל א שוויגער אויך; עלעהיי איך בין א מאמע. נעם כאָטש איין פּיצל און טו מיר נישט אָן קיין יסורים!

און רחלע ווארגט זיך מיט נאָך א שטיקל און מוט נאָך א שטיקל, און עס ווערט איר נמאס אזא לעבן, כאָטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אז מען איז איר געטריי, איבערגעגעבן ביז לעצט ,און לאָז זי זאָגן, אז זי וויל דאָס טעלערל פונעם הימל, באַקומט זי דאָס: וואָס הייסט, ס'איז א תירוץ? רחלע וויל — דאַרף עס זיין!

נאָר א מענטש איז נישט קיין אָקס, נישט קיין גאַנדז, וואָס זאָל צופרידן זיין נאָר מיט גוט האָדעווען, א מענטש קאָן ווינציק וואָס הנאה האָבן, אז מע זאָל אים נאָכגיין כסדר, אומעטום פוס טריט, אָפּבלאָזן יעדן אָטעם, ווו ער שטעלט א פוס, צײלן זיינע טריט, אכטונג געבן אויף יעדן ביסן, אויף יעדן שלונג, הענ־גען איבער אים, ווען ער זיצט, זיצן איבער אים. ווען ער שלאָפט — מיט איינעם וואָרט, מע זאָל האַלטן זיין לעבן אינגאַנצן אין פרעמדע הענט און אים נישט איבערלאָזן גאָרנישט...

אין אזא טרויעריקער לאגע האָט זיך געפונען רחלע אין יענער צייט, וואָס עס קומט פאַר די האַזיקע געשיכטע. רחלע האָט נישט געהאַט אפילו פאַר וועמען זיך צו קלאָגן. אירע פאָטער און מוטער האָבן זי געהאַלטן פאַר איינע א גליקלעכע, און זייערע בריוו צו איר זענען תמיד געווען פול מיט נחת, מיט תענוג און מיט ברכות צו גאָט ברוך־הוא, וואָס ער האָט זיי אזוי באַגליקט. און אירע בריוו צו זיי זענען אויך געווען אָנגעפילט מיט „ברכה והצלחה“, מיט „נחת און פאַרגעניגן“, מיט „ברוך־השם“ און מיט „הלוואי אויף ווייטער נישט ערגער“, און האָבן זיך שטענדיק אויסגעלאָזט מיט „גליק און פרייד“ און „פריילעכע הערצער אמן סלה“.

טיף אין הארצן האָט זי געטראָגן א פאַרדראָס אויף משה מענדלען, למאי ער האָט זיך געהאַלטן ווייטלעך פון איר און עפּעס אזוי ווי העכער פון איר, עפּעס נישט איר גלייכן, ווי דער שטייגער איז פון א יידישן יונגערמאַנטשיק א תּכשיט; ער קאָן זיך נישט אראָפּלאָזן אזוי נידעריק צום ווייב, עס קומט ביי אים אים עפּעס נישט גלאַט, זייער פּריקרע... אינעווייניק אין האַרצן אָבער האָט זי משה מענדל גאָרנישט פיינט געהאַט; פאַרקערט, ער איז איר געווען געטריי, זייער געטריי, טאַקע מיט אן אמת, גאַנץ בתמימות. איינמאָל איז רחלע עפּעס חריב געוואָרן און איז געלעגן א פּאָר טאָג צו בעט; דעמולט איז משה מענדל נישט אָפּגעטראָטן פון איר די גאַנצע צייט, געזיפצט, געהאַט יסורים, אויסגעגאַנגען באמת מיט אלע כוחות.

— א צער בעלי־חיים! — האָט ער געזאָגט צו דער מוטער און אויף זיינע אויגן זענען געווען טרערן. — מע דאַרף רופן דעם רופא אָדער דעם פעלדשער. איך קאָן דאָס גאָרנישט צוזען, ווי זי ליגט געבעך אין א העליש פייער — א צער בעלי־חיים!

אויפן דריטן טאָג איז רחלען גרינגער געוואָרן. משה מענדל איז דאָך נישט אָפּגעטרעטן פון איר, און אָט דאָ, זיצנדיק ביי איר צוקאָפּנס, האָט משה מענדל געהאַט א גוטע געלעגנהייט א ביסל צו פאַרברענגען און שמועסן מיט זיין שיינער ליבער רחלען. דערצו האָבן זיי ביידע חשק געהאַט — מע מוז דעם אמת זאָגן. משה מענדל האָט זיך צוגעזעצט צו איר גאַנץ נאָענט, אזוי נאָענט, אַז איר שיינער קאָפּ, וואָס איז געווען נאָר האַלב צוגעדעקט מיט א ווייס טיכעלע, איז געווען כמעט ביי אים אויף די הענט... רחלע האָט אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן אויף משה מענדלען און האָט געוואַרט, טאָמער וועט ער איר עפּעס זאָגן. משה מענדל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן אראָפּ. נאָר אז זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער, האָט ער אויף איר געקוקט, און אז זי האָט אויף אים א קוק געטאָן, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער, און אזוי האָבן זיי זיך איבערגעוואָרפן מיט די אויגן א היפּש שטיקל צייט אָן ווערטער. איינעם גאַנצן יאָר נאָך דער חתונה האָט דאָס דאָזיקע פאָרפאַלק געהאַט אצינד די גע-

לעגנהייט צו שמועסן צווישן זיך, נאָר זיי האָבן זיך נישט געקאָנט איינשטעלן און האָבן נישט געוווּסט, וויאַזוי אָנצוהייבן עפּעס א שמועס. רחלע, אלס ווייבל, האָט געהאַט רעכט צו וואַרטן, ביז ער וועט עפּעס זאָגן, און ער, משה מענדל, אלס פיינער יונגערמאַן, האָט געוואַרט, ביז זי וועט עפּעס זאָגן — און דערווייל האָבן זיי ביידע געשוויגן, הורכוואַרפנדיק זיך מיט די אויגן.

— וואָס איז, משה מענדל?

— וואָס „וואָס איז"?

— וואָס קוקסטו?

— ווער קוקט?

— דו קוקסט.

— איך קוק?

— ווער דען קוקט?...

רחלע דרייט זיך אויס מיט דעם פּנים צו דער וואַנט, און משה מענדל נעמט דאָס בערדל אין די ציין אריין און קוקט אויף רחלען לאַנג־לאַנג און זיפצט, ביז זי דרייט אויס דעם קאָפּ צו אים און כאַפּט אים, ווי ער קוקט אויף איר און זיפצט.

— וואָס איז, משה מענדל?

— וואָס „וואָס איז"?

— וואָס זיפצסטו אזוי?

— ווער זיפצט?

— דו זיפצסט.

— איך זיפץ?

— ווער דען זיפצט?...

און דאָס פּאָרפאָלק ווערט ווידער אַנטשוויגן. משה מענדל רוקט זיך צו נאָך נעענטער, הוסט זיך אויס און וויל עפּעס אָנהייבן צו רעדן.

— הערסטו, רחלע, איך מיין עס אַקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט...

פּלוצעם עפנט זיך די טיר און דוואָסיע מלכה לויפט אַריין מיט אַ ליאַרם:

— וואָס זשע? איך האָב נישט געוווּסט פריער, אז די אינדיקעס וועלן צעברעכן ווו ס'איז דאָ ערגעץ א שאָל אָדער א טעלער? אינדיקעס האָט זיך אים פארגלוסט אין מיטן דרינען!... וואָס מאַכסטו עפּעס, רחלע? דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מיר דאכט, אז ביי דיר איז די „סיניע" (קדחת); איך זע, אז ס'איז ביי דיר א מין „סיניע". איך האָב דיר געזאָגט — שטיי נישט אין הדרויסן אָן א שאַל! שטיי נישט אין דרויסן אָן א שאַל! איך האָב ווידער געשיקט צו יקותיאל דעם רופא. אייזיק נפתלי אַליין איז זיך דורכגעגאַנגען צו יקותיאלן.

— למאי, שוויגער? עס וועט איבערגיין; עס איז ביי מיר אזא איבערגאַנג.

— ביי דיר איז אַלץ אַלידינג אן איבערגאַנג. א שיין איבערגאַנג! גיי שוין גיי, קינד, וואָס דו רעדסט! מע דאַרף זיך א ביסל צוזעצן...

און דוואָסיע מלכה רוקט זיך צו אַ בענקל צום בעט און זעצט זיך אַנידער.

— ווייסט וואָס, מאַמע? — רופט זיך אָן פלוצעם משה מענדל. — ווייסמי וואָס? דו גיי בעסער אין קליים אריין און איך וועל שוין זיצן אָט דאָ.

און זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט רחלס אויגן, און ער האָט איבערגעליענט אין זיי: „אוי, האָסטו, משה מענדל, צוגעטראָפן!“...

— ווייס איך וואָס דו רעדסט! — ענטפערט אים דוואָסיע מלכה און רוקט זיך צו נאָך נעענטער צום בעט. — נאַ דיר גאָר אין קליים! וואָס האָב איך דאָרט אַנגעוווירן? די גרויסע פדיונות די היינטיקע, מישטיינס געזאָגט! איך פאַרגין זיי אַלע מיינע שונאים מיטן גאַנצן האַרצן!... גיי דו בעסער, משה מענדל, צו מיר אין ספאַלנע און לייג זיך צו אויפן טאַטנס בעטל שלאָפן, דו ביסט דאָך א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן!

און אָט אַזוי לעבט זיך אָפּ דאָס גליקלעכע, נאָר דאָס געפּענטעטע פאַרפאַלק, אויף אַלעם גרייטן, נאָר אָן א פריער מינוט, אונטער דער באַשטענדיקער אַפּעקע פון גוטע פאָטער און מוטער, פון געטרייע שווער און שוויגער — און ניט דער מאַן און ניט דאָס ווייב מאַכן דערפון אַן עסק; ניט ער און ניט זי זענען דאָס מזכיר אייגעם פאַרן אַנדערן. נאָר משה מענדלען איז נאָך ווי עס איז: ער קוקט אריין אין א ספר, מישט זיך אריין אין דעם פאָטערס געשעפטן, האָט זיך זיינע יונגעלייט, מיט וועלכע ער טוט אמאָל א שטיף אין שול אָדער אין מאַרק; מיט איינעם וואָרט, משה-מענדל לעבט ווי עס איז.

רחלע אָבער לעבט גאָרניט: זי עסט און טרינקט, פאַרזוכט צוואָנציק מאָל אַ טאָג דער שוויגערס איינגעמאַכטס, טוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, גייט זיך ניט צוגליך מיט קיינעם, ובפרט רב אייזיק נפתלים שנור קאָן זיך ניט צונויפקומען „אַבי מיט וועמען“, און „אַבי-ווער“ וועט זיך ניט צונויפקומען מיט אייזיק נפתלים שנור, וואָרום דער אַבי-ווער האַלט זיך פיל לייטישער און רייכער און שענער פון אייזיק נפתלין, און אייזיק נפתלי האַלט זיך לייטישער און רייכער פון אַלע מאַזעפּעווקער באַלעבאַטים — און אַזוי ציט זיך רחלע אירע יאָרן און טעג, ווי אין געפּענגעניש: ווידער געגעסן, ווידער געשלאָפן, ווידער דאָס קרינגל קאַווע, ווידער די ליבע שוויגער מיטן איינגעמאַכטס, און אַזוי ווייטער, אַ גאַנץ יאָר כסדר.

XII

רחלע זינגט לידלעך

אַמ אין דער לאַגע האָט זיך געפֿונען אונדזער רחלע אין יענער צייט, ווען מיר האָבן זי געזען ביי חיים בנציונס טאָכטער אויף דער חתונה, צום שלייערוואַרמעס, שטייענדיק אין דרויסן ביי דער טיר און באַטראַכטנדיק דעם מאַזעפּעוועקער מאַרק מיט די קלייטן, מיט די סעדיכעס, מיט דעם וואָגן, מיט די אומגעלומפּערטע אָקסן און מיטן שייגעצל מיט דעם גרויסן היטל.

אַט אין דער לאַגע האָט זיך געפֿונען אונדזער שיינע רחלע אין יענער צייט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס זעלטענע שפּילן פֿונעם געוויסן כטעמפּעניו.

הערן שפּילן האָט רחלע ליב געהאַט — אוי, האָט זי דאָס ליב געהאַט! קלעזמער איז פֿון תמיד אָן געווען ביי איר דאָס חיות; האָט זי געהערט ערגעץ זינגען אָדער שפּילן אַ נייעס, האָט זי דאָס תיכף איבערגענומען און איבערגעזונגען אויף איר שיינער, גלאַטער שטימע. דערפֿון האָבן אירע עלטערן געניג אָנגעקוועלט און געזאָגט: „אַ מאַנצבילשער קאָפּ אויף איר; אַ מערכה, וואָס זי איז געבאָרן געוואָרן אַ נקבה, ווען ניט — וואָלט זי געטמאַליעט אַ וועלט“...

עס ווייזט אויס, אַז אירע עלטערן האָבן דווקא יאָ פֿאַרשטאַנען, אַז עס ליגט אין זייער טאָכטער עפּעס אַ כוח, עפּעס אַזאַ מין זאַך, וואָס מיר אין היינטיקע צייטן רופֿן אָן טאַלאַנט; נאָר זיי, רחלעס עלטערן, אין יענער צייט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער כוח אירער פֿון איבערנעמען אַ זאַך און איבערזינגען דאָס — ליגט ביי איר אין קאָפּ, ווייל זי האָט אַ מאַנצבילשן קאָפּ. דער קאָפּ שפּילט ביי אונדז, יידן, די גרעסטע ראָל, מער אַלס אַלע צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק אברים. אַ קאָפּ, אַ קעפּעלע! — אַט דאָס איז ביי אונדז דער עיקר אַנטיק. נאָר וויאַזוי די מעשה איז, ביז פֿופֿצן, זעכצן יאָר האָט רחלע געזונגען, ווי אַ פֿריי פֿייגעלע: וווּ ערגעץ אַ חזניש שטיקל, אַ „נקדישך“, אַ „כבקרת“, אַזוי אויך אַ חסידישער ניגון, קלעזמער־שטיק אַלערליי, — האָט רחלע אויסגעזונגען אויף איר ציכטיק קול, וואָס איז געווען אַ מחיה־נפשות צו הערן. נאָר קוים איז זי אַ כלה געוואָרן, אַזוי האָט איר די מאַמע געזאָגט:

— פֿע, געננג, טאָכטער, דיר צו טערעלייקן. וועסט קומען צום שווער און שוויגער אויף קעסט און וועסט זיך גאָר פּלוצעם אַנידערזעצן ברימלען — אַ שיינעם פּנים פֿאַר לייטן!

רחלע, פֿאַרשטייט זיך, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט לייטיש, האָט זי געפֿאָלגט און האָט אויפֿגעהערט צו זינגען... נאָר לחלוטין אויפֿהערן צו זינגען האָט זי נישט אויפֿגעהערט, דען עס פֿלעגט זיך ביי איר אַליין, אָן איר ווילן,

אַרויסכאַפּן אַ געזאַנג, פֿון רגילות, אַפּנים, און וואָס איז זי שולדיק, אַז עס זינגט זיך פֿאַרט?... אַז מע זעט, פֿונוואַנען דאָס וואַסער לויפֿט, קאָן מען דאָס נאָך פֿאַרשטעלן, אָבער אַז מע זעט נישט, מע ווייסט נישט, פֿונוואַנען עס נעמט זיך — וואָס קאָן מען טון?... נישט נאָר בלויז, אַפֿילו שוין נאָך דער חתונה האָט זיך איר עטלעכע מאָל געמאַכט, אַז זי האָט זיך גאָר פֿאַרגעסן, וואָס זי איז, און האָט זיך צעזונגען, ווי אַמאָל, צעלאָזט גאָר אויפֿן אַלטן שטייגער, ווי מיידלווייז. רחלע האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז די שוויגער איז דאָ אין שטוב און הערט יעדעס וואָרט, וויאַזוי זי זינגט:

אײ, אָט דאָרט, אָט דאָרט,
אוי, אויף יענעם אָרט
שטייען טייבעלעך צוויי — צוויי!
זיי שמועסן זיך, זיי קושן זיך...
נאָר וואָס פֿאַר אַ טענה האָבן זיי?
זיי קושן זיך און שמועסן זיך...

— אוי, אַ דוגער איז מיר! נאַ דיר נאָך! — האָט רחלע אויסגעשריגן און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, דערזען פֿלוצעם די שוויגער.

— נישקשה, נישקשה, ווייס איך! — האָט זי די שוויגער באַרויִקט און האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, שמאַרעגדיק מיט דער נאָז און אַרייַנקוקנדיק אין אַ סלאָי איינגעמאַכטס. — זעסטו, רחלע, איך האָב מורא, אַז די אַגרעסן אינדערע זאָלן נישט אָנהייבן צוקערן; איך האָב שוין פֿאַר אַ יאָרן געהאַט אַזאַ פּסק: העכער אַ האַלבער פֿוד איינגעמאַכטס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָט אַזוי...

און ווער רעדט, פֿאַר משה מענדלען וואָלט זי נישט געזונגען פֿאַר קיין געלט: עס קומט אויס עפּעס משונה־נאַריש און זייער פּריקרע — נעמען עפּענען אַ מויל פֿאַרן מאַן אין די אויגן און זינגען... עס קאָן זיין, אַז משה מענדל וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט און וואָלט אפֿשר אַ גרייסער בעלן געווען דערויף. ער האָט זי געהערט אַ פּאָר מאָל אַ זינג טון און ווייסט, אַז איר קול איז צוקער־זיס. נאָר וואָס פֿאַר אַ פּנים וואָלט ער געהאַט פֿאַר זיך אַליין, אַז ער זאָל זיך פֿלוצעם אַנידערזעצן אין דער היים — הערן דאָס ווייב זינגען לידלעך? אַ שיינע עובֿדה פֿאַר אַ לייטישן יונגערמאַנטשיק! עס זאָל זיך מאַכן על פּי מקרה זי הערן — מהיכא־תיתי... און עס פֿלעגט זיך אַמאָל מאַכן, נאָר זייער זעלטן; דעמאָלט פֿלעגט משה מענדל בלייבן שטיין, זיך גוט אָנהערן און נאָכדעם געבן אַ הוסט, צו באַווייזן, אַז ער קומט כּלומרשט ערשט אָן, און זיך אַרייַנקומען אין שטוב אַריין בלא ידע...

אָט אַזוי האָט זיך אָפּגעלעבט רחלע אַ קיילעכיק יאָר, איינע אַליין, צווישן גיטע געטרייע לייט, איבערגעגעבענע ביז לעצט, און מע קאָן נישט זאָגן, אַז ס'איז איר געווען גוט, און מע קאָן נישט זאָגן, אַז ס'איז איר געווען שלעכט. זי האָט

זיך געפילט צווישן אייגענע פרעמדע, צווישן אייגענע עלנט, צווישן גוטע, טרייע — פארלאָזט. זיצנדיק אַזוי פאַרזאָרגט איבער אַן אַרבעט, אַן אויסנייעכטס, פלעגט זיך רחלע, ווי איר שטייגער איז, אונטערזינגען, און פלוצעם פלעגט זי אָנגעמען אַ הארצקלעמעניש און עס האָט זי געצויגן אַהין, דאָרט, ווו זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן.

גערפלויגן, געפלויגן
די גילדענע פייגל
איבער אַלע ימען;
לאָזט זשע געריסן,
גילדענע פייגל,
מיין ליבער, האַרציקער מאַמען!
גערפלויגן, געפלויגן
די גילדענע פייגל
איבער אַלע טייכן;
לאָזט זשע געריסן,
גילדענע פייגל,
מיין ליבן, האַרציקן טאַטן...

דוואָסיע מלכה האָט ליב געהאט גאנץ אָפט אונטערגנבענען זיך אויף די שפיץ־פינגער און אונטערהערן זיך ווען וואָס זינגט די שנור.

— וואָס איז דיר, רחלע, דו בענקסט אַהיים?

— אַך, נייַן, שוויגער! גלאַט אַזוי... — ענטפערט רחלע שמייכלענדיק און ווישט אויס די טרערן.

XIII

רחלע האָט שוין דאָס גוטע בריוול

מיר האָבן איבערגעלאָזט רחלען בשעת דעם „שלייער־וואַרמעס“ שטיין ביי דער טיר און קוקן אויפן גרויסן מאַרק־פלאַץ פון דער שטאָט מאַזעפעווקע, פאַרטיפט אין אירע מחשבות, פון וועלכע מיר האָבן אויבן געשמועסט. די מחשבות אירע זענען אָבער גיך איבערגעריסן געוואָרן דורך אונדזער ווילן יונג — סטעמפעניון.

דער דאָזיקער פיינער בחור, וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף רחלען, האָט גוט באַמערקט, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען פונעם טיש, האָט ער אַ ביסל צוגעוואַרט און איז אויך אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט אין דרויסן ביי

דער מיר, און האָט תיכף פֿאַרבונדן מיט רחלען אַ שמועס וועגן זיין שטאָט מאָזעפּעווקע און וועגן איר שטאָט סקווירע, וועלכע ער האָט גוט געקענט מיט אַלע ברייקלעך, מיט אַלע אירע אַנטיקלעך, אויסגעטונקענע, ווי מע זאָגט; און פֿון דער שטאָט יעהופּעץ האָט ער מיט איר גערעדט; ער האָט געהערט, אַז זי איז אַמאָל געווען אין יעהופּעץ. רחלע האָט אים געענטפֿערט איין וואָרט איבער צען.

— וואָס איז די מעשה — האָט זי סטעמפּעניו אַ פֿרעג געטאָן — וואָס איז די מעשה, וואָס מע זעט אייך קיינמאָל נישט גיין אויפֿן שפּאַציר, נישט שבת, נישט יום־טוב? איר זענט שוין דאָ כמעט אַ יאָר, העכער אַ יאָר, און מע זעט אייך נאָכנישט אויף דער באַרדיטשעווער גאַס! און פֿאַרקלייבן האָט איר זיך אַזוי ווייט, אין עק שטאָט, און איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איר זענט הי... ערשט נעכטן בין איך געוואָר געוואָרן, ווען איך האָב אייך דערזען... איך האָב נאָך נעכטן געוואָלט מיט אייך אַ ביסל רעדן, קאָן מען נישט... איר ווייסט רען נישט אונדזערע יידישע שטעטלעך? באַלד הייבט מען אָן צו רעדן, מע נעמט אין די מיילער אַריין... גייט זיך דורך, פֿאָלגט מיך, שבת ביי טאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאַס... דאָרט איז די גאַנצע שטאָט... למען השם, הערט איר? למען השם, שבת ביי טאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאַס!

רחלע האָט אים קיין צייט נישט געהאַט צו ענטפֿערן, ווייל איר געטרייע שוויגער דוואָסיע מלכה האָט באַמערקט, אַז די שנור איז נישטאָ ביים טיש, איז זי געלאָפֿן זי זוכן, און אַז זי האָט זי געטראָפֿן שטיין אין דרויסן ביי דער טיר מיט סטעמפּעניון, האָט זי זיך אין פֿלוג אַ ביסעלע פֿאַרוווּנדערט: „וואָס עפּעס אין מיטן דרינען אַט דאָ מיט אים?“ נאָר סטעמפּעניו, וואָס איז בכלל געווען אַ מזיק און אַ גרויסער בריה אין אַזעלכע ענינים, האָט זיך תיכף גענומען צו דוואָסיע-מלכהן מיט די האַזיקע ווערטער:

— מיר שמועסן דאָ מכוח דער חתונה, מכוח דעם רבינס חתונה אין סקווירע... אייער שנור איז נאָך דעמלט געווען אַ קינד, ווען איך האָב געשפּילט אויף דעם רבינס חתונה, זי געדענקט נישט דעם רבינס חתונה...

— עס פֿאַרשטייט זיך, ווי קומט צו איר דאָס געדענקען? — האָט אים דוואָסיע מלכה געענטפֿערט. — איך געדענק אָבער גוט. איך בין דעמלט געווען מיט מיין מאַן, און האָבן געגעכטיקט אין פֿעלד, — אַזאַ אַן ענגשאַפֿט איז דעמלט געווען אין שטעטל.

— וואָס ווייסט איר האָס ענגשאַפֿט דעמלט! איך וועל אייך דערציילן שענערס... — האָט איר סטעמפּעניו געענטפֿערט און האָט פֿאַרבונדן מיט דוואָסיע מלכהן אַ לאַנגן שמועס מכוח פֿיל פֿאַרשיידענע ענינים, און אַזוי האָט ער זיך מיט איר פֿאַררעדט, און רחלע האָט זיך דערווייל אַרויסגעדרייט און איז אַריינגעקומען צוריק אין שטוב אַריין צו דער כלה. מיר האָבן נאָך אויבן געזאָגט, אַז סטעמפּעניו האָט געקאָנט רעדן; מיר דאַרפֿן דערציילן נאָך אַ מעלה

פון אים, היינו: אויף צו רעדן מיט אַלטע ווייבער, פּלאַפּלען, פאַררעדן זיי די ציין, ווען מע באַדאַרף, האָט מען אים אויך נישט באַדאַרפט פּיקן די צונג; ער האָט געקאָנט די מלאכה גוט. „אַ געלערנטע מכשפה — זאָגט די וועלט — איז ערגער, ווי אַ געבוירענע". סטעמפּעניו איז אין זיין אַרבעט געווען אַ חריף; ער איז הורכגעגאַנגען אַ גוטן חדר, ווי מיר וועלן זען ווייטער.

„אַ העזה אַביסל! — האָט זיך רחלע געטראַכט אין האַרצן. — זאָגן מיר, אַז איך זאָל, למען השם, זיין שבת ביי טאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאַס! למען השם? אַנדערש וויל ער נישט? אַ השגה אַביסל! האָס קאָן נאָר אַ קלעזמער!"...

מיט אַזעלכע בייזע מחשבות איז רחלע געקומען צוריק פון דער חתונה, און אַז עס איז געקומען דער ליבער שבת־קודש, אַז דער שווער און די שוויגער און איך משה מענדל האָבן זיך געלייגט רוען און קלייבן אַ ביסל עונג־שבת פונעם זיסן שלאָף, פון וועלכן יידן האַלטן גאָר אַ וועלט פון כמה וכמה יאָרן, — דעמלט האָט זיך רחלע, ווי איר שטייגער איז, געזעצט איינע אַליין ביים פענצטער און האָט געקוקט אויף דער גאַס אַרויס, צוברומענדיק זיך אַ לידעלע אונטער דער נאָז. דאָרט, אויף דער גאַס, האָט זי דערזען, ווי אַלע שבת, אויסגעצוואָגענע מיידלעך, מיט רויטע און מיט בלויע סטייגעלעך אין די צעפּ, מיט רויטע, געלע, גרינע, מאָרנע קליידלעך און מיט הענטשקעלעך און מיט נייע גלאַנצנדיקע שיך אויף סקריפּקעס. דאָס גייען זיי אַהין, „אויפן שפּאַציר", אויף דער באַרדיטשעווער גאַס. דאָרט וועלן זיי ווייזן, איינע די אַנדערע, זייערע רויטע, בלויע סטייגעלעך, מיט זייערע רויטע, געלע, גרינע קליידלעך. דאָרט וועלן זיי כאַפּן אַ קוק פון דער ווייטנס, פאַרביי גייענדיק, ווי דער מנהג איז ביי אונדז, אויף די בחורימלעך, אויף די שיינע בחורימלעך מיט די קאָרטענע קאַפּאָטקעלעך, מיט די לאַנגע הייזלעך און מיט גלאַנצנדיקע האַשקעס („קאַזיראָקלעך") פון די שבתדיקע קאַרמוזלעך. דאָרט וועלן זיי מיט גרויס צניעות אַראָפּלאָזן די אויגן, און די בעקלעך וועלן ביי זיי ווערן רויטלעך פאַר חרפּה, און די הערצלעך... מיט איינעם וואָרט, דאָרט וועט זיין חי־געלעבט!

רחלע ווייסט דאָס גאַנץ גוט. פאַרוואָס זאָל זי דאָס נישט וויסן? זי איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ מיידל מיט רויטע און בלויע סטייגעלעך אין די צעפּ, און האָט אויך געשפּאַצירט מיט אַ סך מיידלעך שבת ביי טאָג אויף דער גאַס. אָבער איצט?

רחלע קוקט זיך אַרום. אַלע שלאָפן און כראָפּען געשמאַק. אַלע! נאָר זי אַליין זיצט דאָ, ווי צווישן טויטע, ווי צווישן אמתע מתים. זי שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף די הענט און פאַרטראַכט זיך און דערמאָנט זיך אַן אַלט לידעלע, וואָס זי האָט געזונגען אַמאָל, מיידלוויין:

איינע אַליין,
עלנט, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו רעדן,
נאָר צו זיך אַליין.
עלנט, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו רעדן...

— גוט שבת!...

רחלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט דערזען... סטעמפּעניון.

— אַ גוט שבת! זאָג איך.

„וואָס איז דאָס?! ווי קומט ער אַהער?“ — האָט רחלע געוואָלט פרעגן און אַפּטרעטן פונעם פענצטער.

— גוט שבת, גוט יאָר! — האָט זי אים געענטפערט און איז געוואָרן רויט, ווי אַ צוויק.

— איך האָט מיך נישט געפּאָלגט און זענט נישט־אַרויסגעגאַנגען אויף דער באַרדיטשעווער גאַס? איך האָב אויף אייך אומזיסט אַרויסגעקוקט... איך האָב... איך בין... גאַט לייעגט!...

און סטעמפּעניו האָט איבערגעגעבן רחלען אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און איז גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אירע אויגן.

רחלע האָט לאַנג, לאַנג געהאַלטן דעם בויגן פּאַפּיר אין אירע הענט, נישט געוווּסט, וואָס צו טון הערמיט, און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט, „מיט וואָס עסט מען דאָס?“... אַז די ערשטע איבעראַשונג איז איבערגעגאַנגען, האָט זי צעגומען אַ גרויסן בויגן גאָלד־פּאַפּיר און האָט דערזען גרויסע אותיות, אויף פּשוט יידיש געשריבן, מיט אַ סך גרייזן.

„מיין ליבשטיר איינגיל פון הומיל ווען איח האָב דיין לעחטיק שטאַלד דערזוהין איז מער געוואָרין לעחטיק אָן מיינע ביידע עייגין אין אַ לעחטיק פייאר מיט מיין האַרץ פרעגין פון גריית ליבשעווט צו דיר מיין געשאָפטע וואָס דיין הומיל עייגין האָבין מעח מיר דיין שוין לעחטיק שטאַלד צו זעח גוצויגען פון דער אורשטיר שאָ ביסד מיין לייבין פון מיין לייבין פון מיין האַרץ מיין זיילי אין טו נישט שלאָפען אין חאָלים דיך זייהין אָן דיר דאָח די לעחטיקי זון פינסטיר אין מיינע עייגין אב דעח ליב ווי מיין זים לייבין אין השמאַרב מיר אלי עייוועדים דעח טאָמיד זייהין פאר מייני עייגין אין דעח טאָמיד ליבין אין מיר דיר טאָמיד לייבין הען רעח אויף אומער ליבענדיר וואָת גייט אית נאָח דייני טרייט און מיט דעה פון וייטן קישין דיינע שייני עייגין.

סטעמפּעניו“.

XIV

פֿון דער „בת־מלכּה“ צוריק צום „בן־מלך“

לאָמיר איבערלאָזן די „בת־מלכּה“ און זיך אומקערן צום „בן־מלך“. מיר וועלן פֿאַרבייגיין רחלען און שמועסן מכּוח סטעמפּעניון.

אמת, דאָס האָזיקע ברייוול פֿון סטעמפּעניון, וואָס איז אויבן געקאָפּירט אות באות, איז נישט אַזוי קונציק, נאָר וואָס קאָן מען העלפֿן? סטעמפּעניו איז אוודאי געווען אַ העלד, אַ שיינער יונגאַטש, אַ ימח־שמוניק אַ גימער, נאָר קיין שרייבער איז ער נישט געווען. גייט מאַכט עפּעס! זיין פֿאָטער, עליו השלום, בערל באַס, אַז ער האָט דערזען, ווי סטעמפּעניו האָט חשק צו שפּילן און לערנען וויל ער נישט קיין וואָרט, כאָטש בראָט אים, כאָטש ברען אים, האָט ער אים גיך גענומען צו דער מלאכה און האָט אים פֿריער אויסגעפּרוווט אויף אַלע כּלים, ביז עס איז געבליבן שטיין מיט דער פֿידל, און בערל באַס, וואָס האָט געהאַט חוץ סטעמפּעניון נאָך קינדער מוזיקאַנטן, האָט געזאָגט בפֿירוש, אַז אין אים, אין סטעמפּעניון, געפֿינט זיך אַן אָדער פֿונעם זיידן, רב שמואלקע טראָמייט (וואָס האָט זיך פּערזענלעך געקאָנט מיטן גרויסן פֿידלער פּאַגאַניני), אַזוי, אַז צו צוועלף יאָר האָט שוין סטעמפּעניו געקאָנט „באַזעצן“ אַ כּלה און טאַקע אָפּשפּילן אַ גאַנצע חתונה. דערפֿאַר האָט אים בערל באַס בעסער ליב געהאַט פֿון אַלע קינדער, וואָס זענען געגאַנגען ביי אים אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אָדער פּשוט נאַקעט און באָרוועס. און כאָטש בערל באַס איז געווען אַ שטרענגער קאָמאַנדיר און פֿלעגט שלעפּן סטעמפּעניון פֿאַרן אויער, אָדער אַזוי הרגענען, שלאָגן, ממיתן, ברעכן די ביינער, דאָך איז סטעמפּעניו געווען ביי אים דער אַנטיק, אַ צירונג, אַ גאַנצער מאַיאָנטעק אויף דער עלטער. בערל האָט אַלעמען אָנגעוויזן אויף סטעמפּעניון און האָט געזאָגט מיט גדלות, האַלב אויף קלעזמער־לשון: „זעט איר, ממזרים, אָט דער פּיפּיוקל וועט מיר געבן פּאַפּע אויף דער עלטער. נישקשה, איך מעג זיך אויף אים פֿאַרלאָזן“.

דעם אַלטן בערל באַס איז אָבער נישט באַשערט געווען אויף דער עלטער צו זען ביי זיך זיין געליבטן זון. סטעמפּעניו האָט זיך צו פֿופֿצן יאָר אַוועקגעלאָזט, מיט אַ דרייערל אין בייטעלע און מיט אַן אַלטער, צעבראָכענער פֿידל אונטערן פֿאָדעלעק, וואַנדערן אויף דער וועלט. ער האָט זיך אויסגעוואַלגערט ווו איר ווילט, אין אַ סך שטעט און שטעטלעך, צווישן פֿיל פֿאַרשידענע קאָמפּאַניעס קלעזמער. מער ווי אַ האַלב יאָר האָט זיך סטעמפּעניו נישט געקאָנט האַלטן אויף איין אָרט. עס האָט אים אַלץ געצויגן ווייטער און ווייטער: פֿון מאַזעפּעווקע קיין סטעפּעווקע, פֿון סטעפּעווקע קיין קאָרעץ, פֿון קאָרעץ קיין באַלטע, פֿון באַלטע קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און פֿון דאָרטן קיין באַרדיטשעוו, און אַזוי ווייטער, ביז אָדעס. און פֿון אָדעס

האָט ער זיך אָװעקגעלאָזט צוריק — װידער װאַנדערן איבער קלײנע שטעטלעך, װו מע קאָן זיך לאָזן הערן, האָבן אַ נאָמען, זיך קונה שם זײן. און עס איז טאַקע אַזױ געװען: אין יעדן אָרט, װוהין סטעמפּעניו איז געקומען, האָט מען שױן געהערט פֿון אים פֿריער. ײדן האָבן געהערט, אַז עס פֿאָרט אַרום אױף דער װעלט אַ געװיסער סטעמפּעניו, װאָס מיט זײן שפּילן לאָזט זיך אױס די װעלט. דעריבער איז גרינג צו פֿאַרשטײן דעם חשק, װאָס עס איז געװאָרן אין יעדער שטאָט, װוהין סטעמפּעניו איז געקומען מיט זײן קאַפּעליע. דען סטעמפּעניו, פֿאַרשטײט איר, האָט צו אַכצן יאָר שױן געהאַט אַן אײגענע קאַמפּאַניע, און איז אַרומגעפֿאָרן און האָט געשפּילט נאָר אױף געװיסע, רײכע חתונות, און אַזױ מיט דער צײט האָט סטעמפּעניו אַװעקגעלײגט אַלע אַנדערע קאַמפּאַניעס, װי למשל, די „קאַנאָטאָפּער קלעזמער“, װאָס האָבן אױך גענוג געשמט, די „סמילער“. די „װיניצער“, די „שאַראָגראָדער“ און נאָך פֿיל באַרימטע קאַמפּאַניעס, װאָס האָבן זיך געלאָזט הערן אױף דער װעלט.

עס פֿאַרשטײט זיך, אַז קײן גוטע פֿרײנד האָט זיך סטעמפּעניו נישט געקױפֿט, דערפֿאַר, װאָס ער האָט אַרױסגעריסן דעם בעסטן ביסן פֿון די קלעזמערס מױל, און מע פֿלעגט אָנװינטשעװען גענוג צרות מיט שלעק אױף זײן קאָפּ. נאָר אין די אױגן האָט מען אים געחנפֿעט, און אין האַרצן האָט מען אױך געהאַט גענוג אָפּשײ פֿאַר אים. יעדער קלעזמער האָט געװוּסט אינעװײניק, בײ זיך אין האַרצן, אַז קױם נעמט סטעמפּעניו דאָס פֿידעלע אין האַנט אַרײן, אַזױ מעגן שױן אַלע קלעזמער זיך לײגן שלאָפֿן.

די חברה קלעזמער, דאַרפֿט איר װיסן, האָבן פֿון תמיד אָן ליב גוזמאות. בײ זײ געפֿינט איר ספּורי־מעשׂיות, װוּנדערלעכע דערצײלונגען, לעגענדעס אָן אַ שיעור. אױף סטעמפּעניון האָבן זײ דערצײלט אין יעדן אָרט שרעקלעכע גוזמאות, און אױף זײן פֿידעלע האָט מען געזאָגט, אַז עס װאַקסט פֿון פּאַגאַניני אַלײן. אַז מע האָט דערהערט, אַז סטעמפּעניו דאַרף אָנקומען מיט זײן „קאַפּעליע“, האָבן אים די שטאָט־קלעזמער, געװײנלעך, גענוג אָנגעשאָלטן, און װוּ שמועסט זײערע װײבער האָבן פּשוט געזעגנט מיט קללות, מע זאָל גאָר באַהיט װערן.

— אַ גאַנץ קײלעכיק יאָר, מע דאַרט, מע קװאַרט, מע באָרגט, מע משכּונט, מען עסט פֿון זיך די הױט. װאָס איז? ראש־חודש אלול װעט זײן אַ חתונה בײם נגיד. צום סוף קומט אַ רוח, אַ שלימזל פֿון אַלדי שװאַרצע יאָר, אַ סטעמפּעניו, און רײסט אַרױס דעם ביסן פֿון די צײן, פֿאַרכאַפּט זאָל ער נאָך װערן!...

נאָר קײן אמתע שׂונאים האָט זיך סטעמפּעניו נישט געקױפֿט אין ערגעץ. ער איז געװען אַ גוטער ברודערל ביז גאָר: אָפּגעשפּילט די חתונה, האָט ער זיך צונױפֿגעקאָמפּאַניעט מיט דער חברה שטאָט־קלעזמער און געלאָזט מאַכן אַ װאַרמעס מיט דער ברײטער האַנט, נישט געקאַרגט קײן שנאַפּס, פֿײן אונטערגעלעבט,

זיך שיין צעצאָלט, און פאַרן אַוועקפאָרן צעטיילט דעם קליינוואַרג מתנות. מיט איינעם וואָרט, ער האָט זיך אויסגעשטעלט מעשה מענטש, נאָר לייטיש.

— הערט איר? — האָבן די קלעזמערס נאָכדעם גערעדט צווישן זיך. — הערט איר? אַ יידישע נשמה טאָר מען נישט שאַצן.

נאָר מער ווי ביי אַלע האָט סטעמפעניו געפונען חן אין די שוואַרצע אָדער בלויע אויגן פון די קלעזמערס טעכטער, די מיידלעך, צו וועלכע ער האָט זיך אומעטום געשדכנט. און ווען ער האָט געשוואָרן דעם קלעזמערס טאָכטער, אַז ער איז אין איר איינגעליבט ביז לעצט, האָט איר אים געמעגט גלייבן: בשעת מעשה איז ער באמת געווען אין איר איינגעליבט (צוממיינסטן, זענען ביי די קלעזמער שיינע טעכטער), נאָר קוים איז סטעמפעניו אַריבערגעפאָרן איבער דער ראָגאַטקע, אַזוי איז זיין ליבע פאַרשוווּנדן געוואָרן מיטן ווינט און מיטן רויך. און געקומען אין דער צווייטער שטאָט, האָט ער זיך ווידער באַלד איינגעליבט אין אַ האָרטיקן קלעזמערס טאָכטער; ווידער געשוואָרן, געכאַפּט די ערד, אַז ער ליבט זי, אַז ער עקט זיך, געשענקט מתנות, אָפּגעזעגנט זיך, אַוועקגעפאָרן — און ווידער די אייגענע מעשה...

מע קאָן נישט זאָגן, אַז אַזעלכע ליבעס האָבן זיך אויסגעלאָזט תמיד אָן אַ וויסטן סוף, — געוויינלעך, פאַר איר, פאַר דער כלה... דאָס איז אמת, אַז פיל פון זיינע געליבטע האָבן ניך פאַרגעסן אין סטעמפעניון מיט זיין געביין און האָבן חתונה געהאַט פאַר אַנדערע קלעזמער. נאָר עטלעכע, זייער איינגעשפּאַרטע מיידלעך, האָבן זיך אַזוי איינגעליבט אין העם האָזיקן ימח־שמוניק, אַז ער וועט קימען, נישט היינט — איז מאָרגן, נישט מאָרגן — איז איבערמאָרגן, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן צו טריקענען און אויסגיין, ווי אַ ליכט. אין דער צייט, ווען סטעמפּעניו האָט ערגעץ בסוד, אין אַ פינצטער הייזל, זיך געקושט מיט אַ קלעזמערס טאָכטער, אין דער אייגענער מינוט איז געלעגן נישט איינע פון זיינע כלות מיטן פנים אַראָפּ, באַוויינענדיק זייער פינצטער מזל, וואָס זייער „געליבטער האָט זיי פאַרגעסן, פאַרלאָזט און מיט זיי גאָר נישט דערמאָנען"...

אָט אַזעלכע אומגליקלעכע כלות האָט סטעמפעניו געלאָזט כמעט אין יעדער שטאָט, וווּ ער איז דורכגעפאָרן מיט זיין קאָמפּאַניע. נאָר נישט שטענדיק גילט די הצלחה; עס מאַכט זיך אַמאָל — מע טרעפט אָן אויף אַ שלאַק, האָט מען דעמלט צו זינגען און צו זאָגן. סטעמפעניון האָט געטראָפן אַן אומגליק, וואָס ער האָט זיך גאָר אויף אַזעלכעס נישט געריכט: ער האָט געמוזט חתונה האָבן, כאָטש עס האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט חתונה האָבן!

XV

סטעמפעניו פאַרשלייערט זיך גאָר אומגעריכט

ויהי היום איז סטעמפעניו געקומען מיט זיין קאַפעליע קיין מאַזעפעווקע און האָט אָפגעשפילט דריי חתונות מיטאַמאָל, בשותפות מיט די שטאָט-קלעזמער, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו אים מיט חזקה-טענות און האָבן אים פאַרשוואָרן, אַז באם לאָו, וועט אים חבורה ברעכן די ביינער. און זיי וואָלטן עס זייער שיין מקיים געווען, ווען סטעמפעניו, וואָס האָט געהאַט בכלל אַ גוט האַרץ, זאָל נישט געווען מרוצה ווערן אויף שותפות.

אַזוי ווי פון איין חתונה ביז דער אַנדערער האָט געדויערט אַ פאָר טאָג, און סטעמפעניו האָט דערווייל נישט געהאַט וואָס צו טון, האָט ער זיך דערווייל באַקענט מיט ישעיהקע דעם פידלערס טאָכטער, אַ פיין מיידל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, אַ שוואַרצאַס און אַ גראָבס, און ער האָט זיך אין איר רעכט איינגעליבט, ווי דער שטייגער איז ביי אים געווען: געקושט, געהאַלדזט, געליובעט, געקויפט מתנות, קוצעניו-מוצעניו, גאָר מעשה חתן, און אַז עס איז געקומען די צייט פון אַוועקפאָרן, האָט אים דאָס שוואַרצע מיידל (פריידל האָט מען זי גערופן) געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין שהיות און שרייבן תנאים, ווי דער מנהג איז. סטעמפעניו, וואָס איז דערצו נאָך נישט געוווינט געוואָרן, האָט זיך אַ ביסל געקווינקלט, געדרייט מיט דער צונג אַהין — אַהער, נאָר עס האָט אים נישט געהאָלפן קיין רבונו-של-עולם. פריידל איז געווען אַ מיידל אַ קאָזאַק און האָט אים גענומען אין די הענט אַריין גאָר קיין מעשה נישט, אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען פון איר, און עס איז געווען דאָס קנס-מאָל אין אַ מזלדיקער שעה. חבורה קלעזמער האָבן לכבוד דעם געריכטן חתן געמאַכט אַ היבשן קנאַק, און ביים פידלער אין שטוב איז געווען ששון-ושמחה דריי טאָג בסדר, ביז דער ליבער חתן מיט אַלע ליבע געסט זענען אַוועקגעפאָרן אין דער אַנדערער שטאָט, אין דער דריטער און אַזוי ווייטער.

געווינלעך, האָט סטעמפעניו באַלד פאַרגעסן אין דער גאַנצער חתונה מיט די תנאים, מיט דעם שוואַרצן מיידל, מיט אַלע מיטאַנאַנדער, און האָט זיך גענומען ווייטער, דאָס הייסט, געפירט זיינע ליבעס אין אַלע שטעט, ווי ער איז געווינט געווען. און אַזוי איז ער זיך געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט מיט זיין קאַפעליע — חתונות שפילן, און האָט זיך געלעבט אַ גוטן טאָג. נאָר פלוצעם... עס איז נישטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט! אַלץ איז ביז אַ צייט. אויף סטעמפעניו איז אויך געקומען די צייט. אַ בייזער שלאַק האָט אים געטראָפן און אַ צרה. אַ משולחת האָט זיך אויף זיינע יונגע יאָרן גענומען! הערט אַן אומגליק:

געשפּילט אַזוי אײנמאָל אַ חתונה אין אַ קלײן שטעטל, ערגעץ אין מאָלאָראַסיע, און געהאַלטן סאַמע אין מיטן אַ ליבע מיט הערשקע דעם פּלײטעשחם טאָכטער (אַ גאַנץ שײן מײדל), און סטעמפּעניו האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ז׳ געוויס נעמען, — איז אַרײַנגעקומען מעכטשע פּײקלער מיטן שלעפּעריקן פּנים און האָט אַ וווּנק געטאָן אויף סטעמפּעניון און אַ מורקע געטאָן אונטער דער נאָז אויף קלעזמער־לשון:

— גײט, סטעמפּעניו, דאָרט אין הויז וואַרט אויף איר אַ שעכטל.

— אַ מײדל? וואָסער אַ מײדל?

— אַ שוואַרץ מײדל מיט גרינע אויגן.

און סטעמפּעניו האָט זיך געלאָזט אין הויז אַרײַן און האָט דערזען דאָס שוואַרצע מײדל, ישעיהקע דעם פידלערס טאָכטער, זײַן כלה פריידל!

—וואָס קוקסטו מיך אָן, סטעמפּעניו? האָסט מיך נישט דערקענט? אַיאָ? זע נאָר, ווי ער פינקלט מיט די אויגן און קוקט זיך צו! דאָס בין איך, סטעמפּעניו, איך, פריידל, דײַן כלה פריידל, ישעיהקע דעם פידלערס טאָכטער.

—האַ? איך ווייס, וואָס דען? איך ווייס נישט? איך ווייס! איך ווייס! נאָר ווי קומסטו אַהער? פונוואַנען?

— ווי קום איך אַהער? מיט די פיס, סטעמפּעניו, מיט די פיס. קוים דערפרעגט אַהער, צו הערשקע דעם פּלײטיסט. פונוואַנען, פרעגסטו? פון דער הײם קום איך אָן.

— נו, וואָס הערט זיך? ווען ביסטו פון דער הײם?

— וואָס זאָל זיך הערן, סטעמפּעניו? נישטאָ קײן נײַעס. ווען בין איך פון דער הײם? פון דער הײם בין איך, אַפּנים, אַזוי גרויס, ווי אַ וואָך זעקס אָדער זיבן. מיר זענען איבערגעווען ווי די ווילסט. וווהין מיר קומען צו פאָרן, זאָגט מען אונדז: געווען און אַוועקגעפאָרן ווײַטער. קוים, קוים מיט צרות געטראָפן אויפן אמתן וועג... נו, וואָס מאַכסטו עפּעס, סטעמפּעניו?

— האַ? איך? גאָרנישט! וואָס זאָל איך מאַכן? קום, פריידל, וואָס שטײען מיר דאָ? — האָט ער צו איר געזאָגט, דערזען, אַז חברה קלעזמער הײבן זיך אָן קלײבן אַרום זײ און באַטראַכטן דאָס שוואַרצע מײדל מיט די גרויסע שוואַרצע צעפּ און מיט די גרינע אויגן.

— פונמײנעטוועגן, לאָמיר גײן, — האָט אים פריידל געענטפערט.

און סטעמפּעניו האָט געכאַפּט אויף זיך דעם איבערראָק מיטן שטעקעלע און דער האַנט און האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַציר מיט פריידל דער שוואַרצער איבער דער שטאָט. סטעמפּעניו האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קײנער הערט נישט זײער שמועס, און האָט זיך געווענדט צו איר שוין מיט מער שטאַרקייט:

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, וואָס הײסט דאָס?

— וואָס הײסט „וואָס הײסט דאָס“?

— אָט דאָס, וואָס דו ביסט אַהער געקומען.

— ס׳אַ גראַם! קוק אים אָן, קלאָמפּערשט ווייסט ער נישט, מאַכט זיך געפּגרט.

— הערסטו, פריידל? — האָט איר סטעמפּעניו שוין מיט האַרץ געזאָגט.

— הערסטו, פריידל? איך האָב פיינט, אַז מע מאַכט מיט מיר אַזעלכע מחוזקות! איך פרעג דיך, וואָס טוסטו דאָ, און דו טרייבסט מיט מיר קאַטאָוועסלעך?

פריידל האָט א גלאַנץ געטאָן מיטן פייערל פון אירע גרויסע אויגן אויף סטעמ־פּעניון, און פאַרוואָרפן מיט די הענט אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ אַרונטער, האָט זי זיך געווענדט צו סטעמפּעניון אויך ערנסט:

— וואָס איך טו דאָ, ווילסטו וויסן? איך בין געקומען צו דיר, סטעמפּעניו! האָסט אונדז ביים קנס־מאָל געזאָגט, אַז נישט מער ווי אין צוויי וואָכן אַרום שרייבסטו אונדז אַריין אַ בריוול מכוח דער חתונה אָפּשטעלן; מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט העכער צוויי חדשים און האָבן דערזען, אַז פון דיר איז נישטאָ קיין שום ידיעה, האָבן מיר זיך מיישב געווען און האָבן זיך געלאָזט אויף דער וועלט צו זוכן דעם נעכטיקן טאָג, און אַזוי זענען מיר אויסגעווען ווו די וועלט האָט אַן עק, ביז קוים, קוים מיט צרות, גאָט האָט אונדז געהאָלפן און מיר...

— זאָג מיר נאָר, פריידל, ווער זענען די „מיר“? עפּעס זאָגסטו אַלץ מ י ר זענען געפאָרן, מ י ר זענען געקומען...

— מיר ביידע, דאָס הייסט: איך און מיין מאַמע.

— דיין מאַמע?! — האָט סטעמפּעניו איבערגעשריגן און האָט זיך אָפּגע־שטעלט אַ דערשלאָגענער. — דיין מאַמע? וואָס האָט זי דאָ צו טון?

— שאַ, וואָס שרייסטו אַזוי, סטעמפּעניו? וואָס דען, אַליין האָסטו געמיינט? אַ מיידל פאָרט נישט אַליין. אַ שיינע זאַך, כ׳לעבן!

— יאָ, אָבער וואָס קער זי זיך אָן מיט מיר, די מאַמע דיינע? — האָט זי סטעמפּעניו געפרעגט, אומקערנדיק זיך צוריק מיט איר.

— אַ מחותנתטע, סטעמפּעניו, אַ מחותנתטע קער זי זיך מיט דיר אָן, און שפּעטער וועט זי זיך דיר אָנקערן אַ שוויגער.

— דו מיינסט טאַקע, אפּנים, אַז אמת, פריידל, חתונה האָבן פאַר מיר?

— נו, און דו, סטעמפּעניו, מיינסט דאָס אויף קאַטאָוועס?

— נאַרישקייטן!

— פאַרוואָס נאַרישקייטן?

— אָט אַזוי. איך האָב עס אפילו נישט אין זינען אין דער לינקער פּיאַטע.

פריידל איז געבליבן שטיין אַ מינוט און האָט אַ קוק געטאָן סטעמפּעניון אין די אויגן אַריין. נאָכדעם האָט זי זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און האָט זיך שטילערהייט געווענדט צו סטעמפּעניון מיט די ווערטער:

— הער נאָר אויס, סטעמפעניו! מיין נישט, אַז די האָסט אָנגעטראָפן אויף אַ ניינקעלע, וואָס ווייסט נישט, ווער עס האָט זי געשלייערט. איך קען דיך גאַנץ גוט, סטעמפעניו! איך ווייס, אַז דו ביסט אַ היפּשער שאַרלאַטאַן, האָסט ליב כּלות אַלע וואָך אַ נייע. נאָר עס מאַכט נישט אויס, אַלץ ביז אַ צייט, נישקשה... ביסט אַ גוטער בטבע, האָסט אַ ווייך האַרץ, ביסט אַ פאַרשוין אײנער צווישן צען טויזנט, שפּילסט אויסגעצייכנט אויפן פידל און קאָנסט געבן אַ ווייב ברויט, — דערפאַר וויל איך דיך, און דערפאַר וועל איך פאַר דיר חתונה האָבן, און מאַקע גיך! און דאָס, וואָס דו שפאַרסט זיך, איז אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן דיין טירחה, סטעמפעניו, גלייב מיר, בייג זיך אָן צו מיר אַהער, איך וועל דיר זאָגן אַ סוד...

און פריידל די שוואַרצע האָט איינגערוימט סטעמפעניון אַ סוד אין אויער, און סטעמפעניו איז פאַרציטערט געוואָרן מיט אַלע אברים. ער איז געבליבן שטיין, ווי אַ ליימענער גולם, און מיטן וועג, נישט געקאָנט עפענען קיין מויל אַ וואָרט אויסצורעדן. און דאָ איז אָנגעקומען מעכטשע פייקלער מיט דעם רויטן קאָפּ און האָט אים געזאָגט, אַז מע רופט אים צום גביר פונעם שטעטל באַשטעלן אַ חתונה. סטעמפעניו האָט זיך מיט אַ וואונק אָפּגעזעגנט מיט פריידלען און האָט אויסגערעדט מיט אַ זיפץ:

— מיר וועלן זיך נאָך זען, פריידל!

ס'אַ שאלה אַביסל, אויב מיר וועלן זיך זען! — האָט אים פריידל געענט־פערט און האָט זיך גאַנץ צופרידן אָפּגעשיידט פון איר ליבן חתן סטעמפעניו.

די אַלע, וואָס האָבן אין יענער צייט געזען סטעמפעניון אויף דער חתונה, האָבן זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט אויף זיין בלאַס פּנים מיט זיין אָפּגעלאָזטקייט: נאָר נישט דער סטעמפּעניו, וואָס פריער, אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין! עס איז אָפּגענומען געוואָרן זיין פריילעכקייט מיט זיין ברען, ווי מיט די הענט. יאָ, סטעמפעניו האָט געפילט, אַז דאָס איז אַן עק צו זיין זיס לעבן פון אַ פריי פייגעלע, אַז דאָס נעמט ער אויף זיך אַ יאָך אויפן האַלדז אויף תמיד, אויף אייביק. אַדיע, ליכטיקער זומער־אָוונט מיט אַ וויַיטן שפּאַציר הינטער דער שטאָט מיטן קלעזמערס טעכטערל! אַדיע, לאַנגע שמעקנדיקע צעפּ, צעלאָזטע האָר, גרויסע קאַרע אויגן! אַדיע, זילבערנע לבנה!...

אמת, סטעמפעניו האָט זיך נאָך אַ ביסל געאַמפּערט, געוואָרפן, ווי אַ פיש אין דער נעץ, מיט די לעצטע כּוחות, געפּרוווט אַלע מיטלען, נאָר עס האָט אים געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. פריידל מיט איר מוטער זענען געשטאַנען אַקעגן אים, ווי אַט יענע מתים, וואָס קומען צו אונדז ביינאַכט אין חלום און שלעפּן אונדז צום בית־דין של־מעלה אָפּגעבן דין־וחשבון... און איבערהויפּט האָט ער געציטערט פאַר איר, פאַר דער מחותנתטע, וואָס האָט צוגעשוווירעוועט דאָס שוואַרצע פיסקעלע, ווי מיט אַ בענדעלע, נאָר דאָס פּנים האָט איר אַזוי געפּיי־ערט, אַז זי איז געווען גרייט אַלע מינוט אַרויפכאַפּן זיך אויף סטעמפעניון, ווי

א ווילדע קאַץ, און אַרויסרייסן אים ביידע אויגן, ווען ניט פריידל, וואָס האָט זי די גאַנצע צייט איינגעהאַלטן.

— טשעפּע ניט, מאַמע, וועסט נאָך קאַליע מאַכן. דו קוק נאָר און שווייג, די היט אים נאָר די טריט, ער זאָל זיך ניט אויסרייסן פון אונדזערע הענט. עס וועט זיין רעכט, מאַמע, סטעמפעניו איז מיינער, ער איז מיינער!...

XVI

שמשון הגבור ביי דלילהן אויפן שויס

פריידל האָט זיך פאַרעקשנט און האָט אויסגעפירט אירס: זי האָט חתונה געהאַט פאַר סטעמפעניון כדת משה וישראל און האָט אים גיך אַריינגענומען אין די לאַפּקעס אַריין גאָר אויף אַן אַנדער אופן. א ביסל האָט איר צוגעהאָלפן די מאַמע אירע, וואָס זי האָט קוים דערלעבט זעען נחת צו ווערן א שוויגער, און סטעמפעניו האָט פאַרזוכט דעם טעם פון גיהנום און האָט זיך ניט גענאַרט. דאָס פאַר־פאָלק איז איבערגעפאָרן קיין מאַזעפּעווקע, און סטעמפעניו האָט זיך דאָ באַזעצט מיט זיין קאָמפּאַניע, ווי א שטענדיקער, אויף איין אָרט.

— שוין, אוים, אוים אַרומשלעפן זיך! גענוג, סטעמפעניו, געריזט איבער דער וועלט, גענוג! — אַזוי האָט פריידל געזאָגט צו איר מאַן, וואָס איז אין גאַנצן געווען אירער, און וואָס זי האָט געוואָלט האָט זי מיט אים אויסגעפירט, און דווקא מיט גוטן.

נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבן ביי סטעמפעניון א ניי לעבן, גאָר א שפּאָגל ניי לעבן. גייציק איז ביי זיך סטעמפעניו געווען נאָר בחורווייז; קוים אָבער האָט ער נאָר חתונה געהאַט און איז אַריין צו פריידלען אין די הענט, אַזוי האָט ער אָנגעוואָרן אינגאַנצן זיין שטאַרקייט, אינגאַנצן זיין מוט, דעם גאַנצן גלאַנץ. ביי זיך אין שטוב האָט סטעמפעניו ניט געהאַט קיין ברעקל דעה.

— הי האָב אין זינען דיינס, דיין עסק איז די קאַפּעליע מיט די חתונות, צו וואָס טויג דיר געלט, נאַרעלע? — אַזוי האָט צו אים פריידל געזאָגט, צוגענומען ביי אים ווי ער האָט פאַרדינט ערגעץ א גראָשן.

אויף געלט איז פריידל געווען זייער זשעדנע. זי איז אויסגעוואַקסן ביי זייער אָרעמע עלטערן און האָט כמעט קיינמאָל ניט געזען קיין גראָשן אין די אויגן. מיידלווייז פלעגט איר אָנקומען א סטענגעלע אָדער א קעמעלע זייער שווער, מיט ביטערע טרערן. ביז פופצן יאָר איז פריידל געגאַנגען באָרוועס, געווען א ניאַנקע דער מוטער ביי די קלענערע קינדער, געכאַפּט קלעפּ נעבעך אי פון דער מוטער, אי פון דעם פאָטער, ישעיהקע דעם פידלער, וואָס האָט ליב געהאַט דעם טרונק. גע־

גיסן האט זי קרחת, מלובש איז זי געווען, ווי עס איז אנגעשטאנען צו די באר=וועסע פיס, און נאר פורים פלעגט איר אריינפאלן עטלעכע קאפיקעס פונעם שלח־מנות, וואס זי פלעגט טראגן אין פרעמדע הייזער; די עטלעכע גראשן פלעגט זי באהאלטן ווייט־ווייט אין בוזעם, כּדי די מאמע זאל ביי איר נישט איסנארן, און אזוי פלעגט זי שלאפן מיטן ביסל מזומן ביז פסח, און אויף יום־טוב קויפן זיך פאר דעם א טעגעלע אדער א קעמעלע. און אזוי איז פריידל געוואקסן ביז אכצן יאר, ביז זי איז פלוצעם אויסגעוואקסן א הויכע, א שיינע, א געזונטע מויד — א כלה־מויד! אז פריידל איז א כלה געווארן פאר סטעמפעניון, האט זי אליין נישט געוווסט, וואס פאר א גליק עס האט זי געטראפן. נאר די מאמע, וואס האט חוקא יא פארשטאנען, האט מיט איר וועגן דעם גענוג איינגעטענהט, אז זי זאל וויסן, אז איר חתן איז א גאלדשפינער, נאר א גרויסער שארלאטאן, וואס דאס קערבל איז ביי אים א ממזר, לכן זאל זי זיך נישט לאזן שפייען אין דער קאשע און זאל האבן ביי אים די דעה אין אלץ, אזוי ווי זי, די מאמע, האט א דעה ביים מאן, ישעיהקע דעם פידלער...

אז פריידל האט חתונה געהאט מיט סטעמפעניון, האט זי נישט פארגעסן, וואס די מאמע האט איר אנגעזאגט, און האט ביסלעכווייז, מיט שׂכל, אנגעהויבן לערנען מיטן מאן הלכות „ווייב“, אז א ווייב דארף וויסן אלץ, וואס ביים מאן טוט זיך, אז א ווייב איז נישט קיין פרעמדע, אז א יידישע טאכטער איז נישט קיין „פאליבאווניצע“, — ניין, עס איז זיין בלוט און פלייש, זי איז ער און ער איז זי. הכלל, ער דארף וויסן, ער דארף פילן, אז ער האט א ווייב...

אז פריידל איז געווארן אליין א באלעבאסטע פאר זיך און האט הערן אלע מאל א נײַ קערבל, וואס סטעמפעניו פארדינט אזוי אפט, האט זי זיך א ווארף געטאן אויף די קערבלעך, ווי א הונגעריקער, אז ער דערזעט עפעס א מאכל. נאר עס איז איר אבער דאס געלט נישט איינגעגאנגען. פריידל האט זיך אליין געווארגט, טאמער וועט מארגן נישט זיין, טאמער וועט דער מאן שפעטער חלילה נישט פארדינען, האט זי זיך געמאכט איין קניפל און דאס אנדערע, און האט אנגעהויבן צו קלייבן א גראשן צו א גראשן.

— וואס פראטעסטו אזוי? — האט זי סטעמפעניו געפרעגט, באמערקט אירע תנועות.

— וועסט אלץ וועלן וויסן, וועסטו גיך אלט ווערן. לאז דיך נישט אַרן. סטעמפעניו! — האט אים פריידל געענטפערט מיט א שמייכעלע, און האט זיך געטאן א ריס, אפגעשפארט, אפגעריסן פונעם מארק, פונעם קליטל און פון דער יאטקע, מיטן ווארעמעס אויסגעקומען, ווי מיט קרעפל־פלייש, אפטמאל נישט דערגעסן, נישט דערטרונקען, און זיך אלין צונויפגעשלאגן א קערבל אום א קערבל. ביסלעכווייז, אז עס האט זיך צונויפגעשלאגן היפשע עטלעכע גילדן,

האָט זי אָנגעהויבן צו מאַכן הלוואות אויף אַ משכון און נעמען פּראָצענט; דאָס ערשטע מאָל גלאַט אַזוי, הירש א צופאַל, וואָס א שכנה האָט ביי איר געבעטן א גמילות־חסד און פריידל האָט איר א טובה געטאָן — פאַר וואָס דען נישט? — און נאָכדעם, אַז פריידל האָט דערזען, אַז דאָס געלט וואַקסט גאָר, אַז פון איין קערבל ווערט מיט דער צייט צוויי, האָט זי אָנגעהויבן מיט איר ביסל קאַפּיטאַל צו מאַכן עסקים, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי איז געוואָרן פּשוט אַ „וואָכערניצע" מיט אַלע חן־גריבעלעך פון דער דאָזיקער פּראָפעסיע, מיט וועלכער א גרויסער טייל פון אונדזערע נגידים, צווישן אונדז רעדנדיק, פאַרנעמען זיך און האָבן דאָס גאָרנישט פיינט...

מערקווירדיק! ווי קומט עס צו פריידלען אַזאַ חשק צו קלייבן געלט? נישט ביי איר טאַטן, ישעיהקע פידלער, נישט ביי קיינעם פון אַלע באַקאַנטע קלעזמער, האָט זי דאָס געקאָנט זען. ווו וועט איר דען געפינען אַ גלייכן צו דער חברה קלעזמער, מע זאָל זיך אַזוי נישט אומקוקן אויף קיין גראָשן, עס זאָל אַזוי זיין א קערבל הפקר, פּשוט ווי די בלאָטע? די יידישע קלעזמער — און ווער שמועסט אין יענע יאָרן — קאָן מען גלייכן צו א מין ציגיינער, א באַזונדער פאָלק, מיט א באַזונדערן זשאַרגאָן, מיט גאָר באַזונדערע געניג; די דאָזיקע חברה האָט שטענדיק געלעבט אַ גוטע שעה, תמיד איז געווען פּורים, פריילעך, לעבעדיק, תמיד גערימפּלט, געוואָרטלט זיך, געשטיפט, געאַרבעט, זיך לוסטיק געמאַכט, איבערגעקערט וועלטן, געשמועסט מכּוח פריילעכע זאַכן... געקומען אַהיים צום ווייב, געטריבן קאַטאָוועס, געבלעפּטשעט טייגלעך מיט פּאַסאָלעס, אָדער גאָר געגעסן מכּות, נאָר פריילעך, מיט א טענצל, מיט א לצנות, הונגעריק זיך געלייגט שלאָפן. אויף מאָרגן געבאָרגט, געליען, די קישעלעך פאַרזעצט, נאָכדעם אויסגעקויפט און ווידעראַמאָל דאָס אייגענע. די קלעזמערישע טעכטער זענען אויך געווען, מיינסטנס, לוסטיקע פריילעכע נשמות; זייער לעבן, אַזוי ווי די האָר זייערע, איז נישט געווען פאַרדעקט מיט קיין שלייער... מיט איינעם וואָרט, ביי די קלעזמער איז געווען אַ גן־עדן, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ גן־עדן... היינט אין אַזאַ גן־עדן וועמען קאָן אַרויף אויף דער מחשבה צו זאָרגן — וואָס וועט זיין מאָרגן?

פריידלס טאַטע, פאַרשטייט זיך, איז אויך נישט געווען קיין פאַרוויינטע נשמה. ישעיהקע פידלער איז זיך געווען א רעכטער קבצן, נאָר א לעבעדיקער, א פריילעכער קבצן, און אַז ער האָט פאַרדינט דאָס קערבל, האָט ער דאָס גאָר גיך פאַרלעבט, טאַקע, ווי מע זאָגט, אין איין אָטעם. און זי, פריידלס מאַמע, האָט אויך ליב געהאַט צו לעבן, דאָס הייסט, גוט עסן. עס איז כּמעט קיין העמד נישט געווען איבערן לייב, נאָר געגעסן האָט מען בכּבוד. ס'איז נאָך געווען א שטיקל קישעלע צו פאַרזעצן. „דאָס גאַנצע דאָבערע־מזל גייט אין דער קישקע אַריין", ווי זאָגט מען: בעסער דעם בעקער איידער דעם רופא", „וואָס זשע

דען איז דעם מענטשנס לעבן?" — אַזוי פּלעגט זאָגן פריידלס מאַמע, וואָס איז, איינגעמלעך, געווען אַפילו צווישן קלעזמערקעס אַן אויסבריגנגער׳ין.

ווי זשע קומט עס פאַרט צו פריידלען אַזאַ גוסט? פונוואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ קאַרגשאַפט? עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע מעלה איז געקומען צו איר מחמת זשעדנאָסט, מחמת זי איז תמיד געווען ביי די עלטערן היגעריק אויף אַ גראָשן. אָדער ס׳איז אפשר געווען ביי איר גאָר אַ טבע־זאַך: עפּעס על־פּי טעות איז אַ קאַרגע נשמה מגולגל געוואָרן אין דער קלעזמערשער משפּחה און עס איז אויסגעוואָקסן אַזאַ פריידל.

ווי די זאַך איז שוין, נאָר פריידל האָט געמאַכט משונה תנועות, געשוויצט און געפּינעט, ווען זי האָט גאָר געדערט אפילו מכוח געלט.

אויף איר האָליע האָבן איר מקנא געווען אַלע קלעזמערקעס. „אָט אַ מזל!" — האָבן אויף איר אַלע אין איין קול געזאָגט.

נאָר אין איין זאַך האָט גאָט פריידלען פאַרזען: ער האָט איר קיין קינ־דער נישט געגעבן. און ווער ווייסט, עס קאָן זיין, אויך דעריבער איז זי געווען אַזוי אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן צום געלט, ווייל דאָס בעסטע פאַרגעניגן, פאַר־גענ׳גן פון קינדער, איז פאַר איר געווען פאַרבאָרגן. בכלל זעט מען, אַז די ווייי־בער, וואָס גאָט האָט זיי נישט געבענטשט מיט קינדער, זענען מייסטנס בייזע ווייבער; עפּעס פעלט זיי די גוטסקייט, די ווייכקייט פון דעם דאָזיקן מין, אַזעל־כע ווייבער קאָנען ליב האָבן נאָר זיך אליין.

פריידל איז געווען פונקט אַזאַ סחוחה. נאָר מע קאָן נישט זאָגן, אַז זי האָט אים, סטעמפּעניו, פיינט געהאַט: פאַרוואָס קומט דאָס אים? אַ פאַרשויין, אַ בילד, אַ זעלטנהייט, אַ שפּילער איינער צווישן טויזנט און (אָט דאָס איז דער עיקר!) אַ פאַרדינער, אַ גאָלדשפּינער!

— מיין סטעמפּעניו — האָט זיך פריידל באַרימט פאַר אירע באַקאַנטע ווייבער — מיין סטעמפּעניו, אַז ער טוט אַ פיר מיטן סמיק איבערן פידל — איז אַ קערבל, צוויי פיר — איז צוויי קערבלעך, דריי פיר — איז הדריי קערב־לעך, פאַרשטייט איך מיך?

אין דעם ענין פון „קערבל" איז סטעמפּעניו געווען פונקט דער היפּך: דאָס קערבל האָט ביי אים נישט געשפּילט קיין ראָל. אָט האָט ער אָפּגעשפּילט אַ חתונה און אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט געלט, און אָט — פּו־פּאַ, נישטאָ אַ שילינגער! האָט ער געהאַט — האָט ער געגעבן, געטיילט, אַנטליען; האָט ער נישט געהאַט — האָט ער געליען ביי יענעם. אין דעם אופן איז סטעמפּעני׳ געווען אַן אַרטיסט. זיין עסק איז געווען נאָר די „קאַפּעליע" — אויסשטעלן עפּעס אַ נייע זאַך, פונאַנדערשפּילן אַן אָפּערע־שטיק, באַשטעלן אַ חתונה און אָפּשפּילן זי, ווי גאָט האָט געבאָטן, ייִדן זאָלן לעקן די פינגער, נישט גלאַט היפּסקריפּ.

סטעמפעניו האָט ליב געהאַט מער פון אַלץ אין דער וועלט צוויי זאַכן: זיך און דאָס פידעלע. מיט זיך האָט ער געהאַט צו טאָן כמעט שטענדיק, זיך געפוצט, געשמשאָגלט, געקרייזלט די האָר, מיט איינעם וואָרט — זיך „געבחורט“, ווי פריידל האָט דאָס מיט אַ שטאָך גערופן, און דעמלט האָט ער פאַרגעסן אין דעם פידעלע; האָט ער אָבער גענומען דאָס פידעלע, האָט ער פאַרגעסן אין זיך און אין דער גאַנצער וועלט. אַז עס איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ „מרה־שחורה“, האָט ער זיך גענומען דאָס פידעלע, פאַרקיטלט די טיר און האָט געקאָנט אויסשפילן דריי שעה כסדר אייגענע פאַנטאַזיעס; וואָס עס איז אים אַרויף אויף דער מחשבה, דאָס האָט ער געשפילט. אָט האָט ער זיך צעגאָסן מיט אַ קלאָג, אַזוי יאָמערלעך, אַזוי טרויעריק, אַלעמאָל שטילער און שטילער, און אָט האָט ער זיך פלוצעם צעבייזערט און איז אַוועק אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַרויסכאַפּן ווי אַ זיפץ פון טיפן האַרצן, און דאָס פייער איז אים אַ ביסל אָפּגעטראָטן, אָפּגעגאַנגען דער כעס, און ווייכע מעלאָדיעס, ליבע זיסע געזאַנגען, וואָס ווייטער אַלץ טרויעריקער, האָבן זיך ווידער ווי געגאָסן אָן אַן עק, און נאָכדעם ווידער אַ ביסל לעבעדיקער, פרייִלעכער... אמת, דאָס איז געווען נישט אָפט, נישט אַלע מאָל האָט זיך אים געשפילט; נאָר קוים האָט ער זיך צעשפילט, איז געווען אוממעגלעך אים אָפּצורייסן. סטעמפעניוס פאַנטאַזיע האָט זיך צעקאָכט און געזאָטן, ווי פון אַ קוואַל, וואָס ווייטער מיט מער פרישקייט.

א מענטש מיט געפיל, מיט נשמה, האָט זיך אין אַזעלכע מינוטן זאַט נישט געקאָנט אָנהערן די דאָזיקע פרייע מוזיק, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט איבערגעבן אויף נאָטן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט אַ בקשה צום רבונו־של־עולם פון אַ פאַרביטערט האַרץ, עפּעס אַ מין תפלה צו זיין ליבן נאָמען אויף רחמים, אויף לייטזעליקייט, אַזאַ מין תפלה, וואָס דאַרף און מוז אָנגענומען ווערן אויבן, דאָרט פאַר גאָטס שטול... מע דערציילט, אַז דער ריזשינער האָט געהאַט אין איינעם אָרקעסטער, וואָס פלעגט שפילן בשעת ער האָט אָפּגעגעבן אַ שבח צו דעם וואָס לעבט אייביק. אוודאי איז דאָס אַ געדאַנק דווקא פון אַ גרויסן מענטשן, אַ השגה גאָר פון אַ הויכער פּאָעטישער נשמה.

— קיילע די גראָבע, מיינע צרות אויף איר קאָפּ, האָט מיר אָפּגעבראַכט דאָס פראָצענט פאַר יענער וואָך; און פאַר הייִנטיקער וואָך, זאָגט זי, לאָז זיין נאָך שבת!

מיט אַזאַ מין געשפּרעך, למשל, האָט פריידל מכבד געווען סטעמפעניון, ווען ער פלעגט אַרויסגיין נאָכן שפילן פון זיין חדרל, אַ ביסל צעפלאַמט, מיט אַ גלאַנץ אין זיינע שוואַרצע אויגן. דאָס איז געווען דאָס פייערל פון זיינע אויגן, וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך. דאָס פייערל פלעגט זיך באַווייזן זעלטן, און באַ־

געגנט זיך מיט פרײדלס אײנעלער, האָט זיך דאָס פײערל גיך באהאלטן, פאַר־שוונדן געוואָרן.

אז סטעמפעניו האָט אָפּגעשפּילט א חתונה און איז געקומען אהײם, פלעגט אים פרײדל באגעגענען מיט א שמײכעלע, זיך לאשטשען, ווי א קעצעלע:

— צו וואָס טויג דיר געלט, סטעמפעניו? — פלעגט אים פרײדל זאָגן און אויסטרײסלען אים אלע קעשענעס. — אויף וואָס דארפסטו געלט? וואָס פעלט דיר? האָסט אלצדינג, וואָס דו באדארפסט, ביסט נישט הונגעריק, חלילה, און נאקעט גײסטו אויך נישט, און אז דו דארפסט אזוי עטלעכע גראָשן, געב איך דיר דען נישט? געב עס בעסער אָפּ מיר, נשמה מײנע, בײ מיר וועט דאָס זײן גאנץ. געב שוין געב!

און סטעמפעניו שטײט, ווי א באשטראָפט קינד, און פרײדל טוט מיט אים, וואָס זי וויל. ער איז אינגאנצן בײ דער דאָזיקער שווארצער פרײדלען אין די הענט. אך, וואָס איז דאָס מיט דיר געשען, סטעמפעניו? אזא גאָרנישט, ווי פרײ־דל, זאָל דיר טאנצן אויפן קאָפּ, און דו לאָזט זיך פירן בײ דער נאָז, פונקט ווי שמשון הגבור בײ זײן געליבטער דלילה אויפן שוים?... פע, סטעמפעניו, א בזיון, כלעבן!

XVII

סטעמפעניו רירט נאָך מיט אן אבר

א רחמנות אויף סטעמפעניון!...

נאָר עס איז נישט אזוי די מעשה, ווי איר מײנט. לײגט נישט אזוי דעם רח־מנות אויף אונדזער העלד. אז סטעמפעניו האָט נישט געהאט קײן גרויסע דעה בײ זיך אין דער הײם און איז געווען עפּעס נאָר מעשה יידענע, האָט ער אָבער דערפאר זיך געהאט זײן וועלטל, זײן אײגענע וועלט, וואָס האָט זיך שוין מיט פרײדלען נישט אָנגעקערט לחלוטין. דאָרט, אין זײן וועלטל, איז זיך סטעמפּעני׳ געווען א פרײַץ פאר זיך און איז געווען, ווי מיר וועלן באלד זען, גאנץ צופרידן.

קודם־כל איז בײ אים אוועקגעגאנגען א האלבער טאָג אויף „רעפעטיציע“, דאָס הײסט, אויף איבערשפּילן מיט דער גאנצער חברה קלעזמער אלע נײע שטיק, דערבײ טרײבן א ביסל קאטאָוועס, אויסהערן דעם בדחנס ווערטלעך און לאכן פון מעכטשע פײקלער, וואָס דער בדחן האָט אויף אים ליב געהאט צו ווערטלען זיך, און נאָכדעם גלאט דערצײלן מעשיות פון דער אָדער יענער חתונה, וואָרעם

יעדע חתונה ביי ייִדן האָט זיך איר מעשה: דאָ האָט זיך דער חתן איינגעשפּאַרט, באַטש גיב אים א קרענק, און וויל נישט גיין צו דער חופּה, ביז מע וועט אים אָט דאָ אויפן אָרט נישט אָפּצאָלן דעם נדן אחת ואחת „קלאָפּ און צייל“; דאָרט האָט די כלה געחלשט פאַר גרויס געוויין און מע האָט זי קוים אָפּגעמינטערט (און דערביי זאָגט אָפּ דער בדחן א ביסל ליצנות); אין א דריטן אָרט האָט זיך געטראָפן נאָך א שענערע מעשה: נאָך דער וועטשערע, אַז ס'איז געקומען די צייט, וואָס מע דאַרף טאַנצן... און חברה שיסט אויס א געלעכטער, ווי פון א האַרמאַט.

— וואָס איז ביי אייך פאַר אזא געלעכטער דאָרט? זע נאָר, ווי מע ראָהאָמישעט זיך! — שרייט פריידל פון איר הדר.

— לאָז דיך נישט אָרן! — ענטפערט איר סטעמפּעניו מיט גדלות. — אין אונדזערע ענינים זאָלסטו זיך נישט מישן, האָב איך דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט!

און סטעמפּעניו ווייזט זיך אויס אין דער מינוט, אַז ער איז דאָ א באַלעבאָס, א גאַנצער סולטאַן ביי זיך.

די איבעריקע צייט האָט סטעמפּעניו פאַרבראַכט אויף אָנטון זיך, אויספּוצן זיך, די מלבושים און די שטיוול, זיי זאָלן גלאַנצן, ווי א שפּיגל, פאַרקעמען זיך גאַנץ שיקאַנע, אונטערבייגן זיך די שיינע שוואַרצע לאָקן, אויסגלעטן די ווייסע מאַנישקע פון דעם העמד, און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען דאָס שטעקעלע אין דער האַנט, א שטעקעלע מיט א גאָלקע, אויסגעשניצט א פיג פון עלפנביין, און מיט א ברייטן שוואַרצן קאַשקעט אויפן קאָפּ מיט א גלאַנצנדיקן קאַזיראָק, אָנגערוקט ביז די אויגן. דעם קאָפּ פאַרדריסן ארויף, אזוי, אַז די לאָקנס ליגן צעוואָרפן אויף די אַקסלען, גייט זיך סטעמפּעניו און שפּאַצירט איבער דער שטאָט. דאָרט האָט ער זיך שוין זייגע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, און גייענדיק פאַרביי די קליטן, גריסט ער די יונגע ווייבלעך, די קרעמערקעס. די ווייבלעך ווערן רויטלעך; זיי דערמאָנען זיך, אַז זיי זענען אמאָל געווען מיידלעך און דעמלט זענען זיי מיט סטעמפּעניון געווען באַקענט... דעמלט איז געווען א וועלט... און היינט? ווער האָט דאָס היינט אין זינען?...

דאָך געפינען זיך נאָך אזעלכע יונגע ווייבלעך, און איבערהויפּט מיידלעך, וואָס שטייען אוועק מיט סטעמפּעניון אין דרויסן ביי דער טיר א היפּשע צייט; מע רעדט, מע שמועסט פון דעם און פון יענעם, מע לאַכט...

אוודאי גייען אזעלכע זאַכן נישט אָפּ גלאַט; דאָס דערזעט א שכנה און טראָגט עס אָפּ גיך דער אַנדערער, דער דריטער, און אזוי הייבט זיך אָן א רעדעניש, און צו ייִדישע מיילער אַז מע כאַפּט זיך אַריין, נאַרט מען זיך נישט...

— וואָס איז שוין ווידער, סטעמפּעניו, פאר א רעדעריי אין שטאָט? שוין ווידער א מעשה?

— וואָס פאר א מעשה, פריידל?

— דיינע מעשיות... ער פרעגט נאָך! ווי צווייַ, איז ער דער הריטער! די גאַנצע שטאָט האָט מיט אונדז צו טון.

— איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר, פריידל.

— וואָס איך וויל האָבן? איך וויל, זאָלסט אוועקוואַרפן דיינע אמאָליקע געגג... שוין צייט! ווו ערגעץ א ווייבל אָדער א מיידל אין שטאָט, דאַרף ער מיט איר זיין באַקאַנט, און אוועקשטעלן זיך מיט איר אויף הדריי זייגער שעה — ער קאָן זיך גאָרנישט אָנרעדן און געניגן!

— א? דו קערסט אוודאי מיינען, וואָס איך האָב גערעדט מיט אסתרן אברהם יענקלס.

— נו, אז מיט אסתרן אברהם יענקלס, איז וואָס? וואָס איז זי, א שמייליקע, צי וואָס?

— איך האָב דאָך געשמועסט מיט איר מכוח אן עסק.

—דיינע עסקים... איך קען דיך, סטעמפּעניו!

— זאָלסטו מאקע וויסן! אברהם יענקלס האָט השק ארויסצופירן די התוגה קיין יעהופּעץ, אזוי איז אים אָנגעקומען דאָס משוגעת. נו, איך האָב דערזען אסתרן, האָב איך מיט איר געמאכט א שמועס וועגן דעם. אן עבירה, למאי זאָל איך ארויסלאָזן אזא חתונה פון די הענט?

— וואָס איז אים עפּעס ארויסגעפאלן יעהופּעץ, דעם משוגענעם כהן? — פרעגט פריידל, און אין אירע גרינע אייגעלעך באווייזט זיך אָט א יענץ פייערל, וואָס באווייזט זיך ביי איר שטענדיק, ווען זי דערשמעקט נאָר געלט...

— פרעגסט קשיות אויף א משוגענעם? — ענטפערט איר סטעמפּעניו, גייט ארוים טרוקן פון דער האָזיקער מעשה.

און אזוי ווערט צעריבן די מעשה, יענע מעשה און אלע מעשיות. סטעמפּעניו איז א גרויסע בריה און ווייסט, מיט וואָס מע קאָן פריידלען נעמען.

אין דער פרעמד, אז סטעמפּעניו איז ארויסגעפאָרן מיט זיין קאפּעליע אין דער פרעמד, האָט אים, געווייגלעך, נאָך מער געגאָלטן. דאָרט איז ביי אים געווען, ווי זאָגט מען, א כשרער טאָפּ מיט א כשרן לעפל, און אז סטעמפּעניו איז געקומען ערגעץ אין א שטעטל שפּילן א חתונה, האָט זיך אים שוין נישט געגלוסט אוועקצופאָרן. דאָרט זענען געווען מעשיות מיט מעשיות, פריילעכע און מרויעריקע גאָר אָן א שיעור. הכלל, דאָס איז זיך געווען ביי סטעמפּעניון א באזונדערע

וועלט, זיין אייגן וועלטל, וווהין ער האָט פריידלען נישט אריינגעלאָזט בשום אופן, כאָטש זי האָט דערויף זייער חשק געהאט. זי האָט אפילו שוין געפרוווט אונטערקויפן מעכטשע פייקלער, נאָר עס איז נישט געגאנגען. דאָ, אין זיין וועלטל, איז סטעמפעניו געווען גאָר א, אנדער מענטש. א גרויסער אונטערשייד פון יענעם סטעמפעניו, וואָס איז געווען ביי פריידלען אין שטוב...

XVIII

סטעמפעניו הייבט אָן זיך איינצוליבן

איינעם דאָזיקן וועלטל האָט ביי אים איצט רחלע אָנגעהויבן שפּילן א גרויסע ראָל, די גרעסטע ראָל אין זיין לעבן. מע מעג אים גלייבן, אז זיין בריוול צו איר, וואָס מיר האָבן אויבן געזען, איז געווען געשריבן גאנץ ערנסט, מיט אן אמת, ווען ער האָט זיך אין רחלען איינגעליבט פון דער ערשטער שעה, וואָס ער האָט זי דערזען, ביי חיים בנציונס אויף דער חתונה.

נישט באלד האָט סטעמפעניו איר דאָס בריוועלע אָנגעשריבן. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז דאָס פייערל, וואָס רחלעס בלויע אויגן האָבן אָנגעצונדן אין זיין הארצן, האָט זיך רעכט צעברענט, צעפלאקערט, אזוי, אז ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאלטן, האָט ער זיך פארשלאָסן ביי זיך אין חדרל, און דאָרט, ווו ער האָט געשריבן די נאָטן, און מאקע מיט דער אייגענער פען און אויף דעם זעלבן פאפיר מיט די פאסן, אויף וועלכע ער האָט געשריבן זיינע נאָטן, האָט ער אויך דאָס געווייסע בריוועלע געשריבן.

סטעמפעניו האָט א ביסל געשוויצט אויפן בריוול. דאָס שרייבן איז אים אָנגעקומען שווערלעך. ער האָט זיך נישט געלערנט שרייבן אין ערגעץ, נאָר פון זיך אליין. אוודאי איז קיין חידוש נישט, וואָס ער איז געווען שטומפיק אויף דער פען.

עטלעכע טאָג האָט סטעמפעניו ארומגעטראָגן דאָס בריוול ביי זיך און האָט נישט געקאָנט געפינען קיין מיטל איבערצוגעבן עם רחלען. מעכטשע פייקלער איז געווען א גוטער שליח אויף אזעלכע בריוולעך נאָר אין דער פרעמד, אָבער דאָ, ווו עס געפינט זיך א פריידל, איז מעכטשע אויך א געפערלעכער ברייוטרעגער. סטעמפעניו האָט קוים דערלעבט שבת, האָט זיך אויסגעפוצט, ווי א מויד, אָנגעטאָן א הויכן קאפעליוש נאָך דער לעצטער דעמאלטיקער מאָדע, און איז ארויסגעגאנגען אויף באָרדיטשעווער גאס, ווי אלע שבת, צו מאכן א שפאצירגאנג, גערעכנט, אז

מסתמא וועט רחלע אויך זיין דאָרט. נאָר אומזיסט: אלע ווייבלעך, אלע מיידלעך דרייען זיך ארום, כאַפּן א קוק אויף סטעמפּעניון, טוען א שמייכל און ווערן רויטלעך — אלע זענען דאָ, נאָר איין רחלע איז נישטאָ! דאָס אָנגעשריבענע בריוועלע האָט אים נישט געלאָזט רוען. עס האָט אים געצויגן צו איר וואָס ווייטער אלץ שטארקער.

„מע דארף זיך פּרווון דורכגיין אהין, אויף יענער גאס, ווו רב אייזיק נפתלי וווינט, טאָמער וועל איך זי באגעגענען“... — אזוי האָט זיך סטעמפּעניו געטראכט און איז אזוי פּאוואָליענקע צוגעגאנגען צום פענצטער, ווו רחלע איז געזעסן פארטיפט אין אירע געדאנקען און האָט זיך געזונגען דאָס באקאנטע לידל:

אײנע אַלײן,
עלנט, ווי א שטיין,
איך האָב צו קײנעם צו רעדן,
נאָר צו זיך אַלײן.
עלנט, ווי א שטיין,
איך האָב צו קײנעם צו רעדן...

תחילת, אז זי האָט דערהערט פּלוצעם דעם „גוט שבת“ און דערזען פאר זיך שטיין סטעמפּעניון, האָט זיך איר אויסגעדאכט, אז דאָס איז א מין חלום (זי האָט סטעמפּעניון שוין עטלעכע מאָל געזען אין חלום...). נאָר אז זי האָט צעגומען דאָס שטיקל באָטן-פּאפּיר און האָט איבערגעלייענט סטעמפּעניוס בריוועלע, האָט זי זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, א קוק געטאָן אין פענצטער און געזאָגט צו זיך אליין:

— זיין גליק, וואָס ער איז אוועקגעגאנגען — איך וואָלט אים אָפּגעשפּילט... נא דיר נאָר א סטעמפּעניו!...

זי האָט געכאַפּט דאָס בריוול און האָט דאָס געוואָלט ארויסשמייצן דורך דעם פענצטער אין דרויסן ארויס, נאָר זי האָט זיך פארכאַפּט, האָט דאָס נאָכאמאָל איבערגעלייענט, צענויפגעקאטשעט, ווי מע קאטשעט צונויף א מגילה, און ארייגעלייגט צו זיך אין קעשענע אריין.

רחלעס כעס איז געוואָרן אלע מאָל גרעסער און שטארקער, און איר האָט זיך געוואָלט נאָר זען אים אליין, און פרעגן אים אונטער פיר אויגן: וואָס הייסט דאָס? וויאזוי רופט מען דאָס? מיט וואָס פאר א העזה שרייבט ער איר אזא קוויטעלע? ווער איז ע ר און ווער איז ז י?... זי האָט גענומען צוקלערן מיטלען, וויאזוי באגעגנט מען זיך מיט אים ערגעץ אין אזא אָרט, ווו קיינער זאָל נישט קאָנען הערן, וואָס זיי וועלן צווישן זיך רעדן, און איז געפאלן אויף א המצאה.

XIX

א בייטש קארעלן ביי פריידל סטעמפעניוס

— הערט איר, שוויגער, ווען עס זאָל נישט קאָסטן טייער, וואָלט איך א בעלנטע געווען אויף א בייטש קארעלן, גוטע שווערע קארעלן.

— נו, איך האָב דאָך דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט: גיי זיך דורך צו פריידל סטעמפעניוס, וועסטו דיר אויסקלייבן, וואָס דיין הארץ גלוסט. אויב דו ווילסט, קום מיט מיר באלד. צוליב מיר וועט זי דיר אָפּגעבן נישט טייער.

אונדזער שווארצע פריידל, וואָס האָט זיך פארנומען מיט פראָצענט און מיט משכנות, מיינסטנס קארעלן, האָט ביסלעכוויז, אזוי, אויף א געלעכטער, אָנגעהויבן אונטערצוהאנדלען מיט דער דאָזיקער סחורה, וואָס זי האָט געהאט ביז גאנץ ביליק אָפּצוקויפן ביי אירע בעלי-חובות און נאָכדעם דאָס אראָפּברענגען אויך ביליקער, ווי אלע קארעלניצעס (ווייבער וואָס האנדלען מיט קארעלן), אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי האָט טאקע אָנגעהויבן דערמיט צו האנדלען אויף אָן אמת מיט אלע בארדיטשעווער און מיט אלע בראָדער. גאנץ מאזעפּעווקע האָט שוין געוווּסט, אז א רעכטע בייטש קארעלן קריגט מען ביי פריידלען, ביי פריידל סטעמפעניוס.

א וואונדערלעכע זאך! ווי קומט צו פריידלען אזא פעיקייט צום מסחר, אזא באנעמונג מיט די קונים, אזוי קאָנען איינרעדן? אז דוואָסיע מלכה מיט דער שנור זענען ארייננעקומען צו איר אין שטוב אריין, האָט זיי פריידל אָפּגעגעבן א ברייטן ברוך הבא:

— סקאָצל קומט! וואָס מאכט איר, דוואָסיע מלכה? איר ווייסט, אז איך האָב שוין אויף אייך אָן אויג פון לאנג אָן?

— וואָס זשע איז אזעלכעס, פריידל?

— וואָס איז, פרעגט איר? שוין א יאָר, אז איר האָט געבראכט אזא צירונג צו זיך אין שטוב אריין — און גאָרנישט! איר זאָלט דאָס אמאָל ארייננגיין מיט אייער שנור זיך אויסקלייבן עפּעס אזעלכעס, וואָס איר פאסט. פע, כלעבן, דוואָ-סיע מלכה, עס איז אַזש מיר אַ בזיון!

— איר זענט אוודאי גערעכט, פריידל סערצע, נאָר וואָס בין איך שולדיק, זאָגט שוין אליין, אז מיין שנור וויל נישט קיין קארעלן, וויפל איך בעט זי?

— גאט אייך גאָר א נייעס! וואָס הייסט, זי וויל נישט? דאָס איז ביי אייך וויל מען נישט; ביי מיר, בישקשה, וויל מען!

און פריידל האָט אין דער גיך געעפנט א גאנץ גרויסן קאסטן, גרין גע-פארבט, און האָט אָנגעהויבן ארויסציען פון דאָרטן איין בינטל קארעלן נאָכן

אַנדערן און פֿאַרליגן פֿאַר די קונים, מיט פֿיל פֿאַרשידענע הבורים דערביי און מיט ווינטשעניש, גאָר ווי אַ רעכטע סוחרטע.

— זעט איר, הוואַסיע מלכה, אַז איר זאָלט מיך פֿאָלגן, וואָלט איך אייער שנור געהייסן, נעמען אָט די בייטש קאַרעלן, איך זאָל אַזוי ריין זיין פֿון שלעכטס מיט אייך אייניקעם, ווי מע דאַרף גאָר האָבן נאָך אַזאַ בייטש קאַרעלן „אַרליאַנער“ פֿערל! איר טוט זיי נאָר אָן, זייט מוחל, אויפֿן האַלדז, אָט אַזוי אָ — אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, ווי זיי פֿאַסן אייך צו אייער ווייסן האַלדז! טראָגט זיי געזונטערהייט און לאָז גאָט געבן, אַז אייער שוויגער זאָל אייך קאָנען קויפֿן איבער אַ יאָר אין דער צייט כאָטש אַזעלכע גרויסע פֿערל עפּעס אַ פֿינף שנירלעך. אַך, ווי זיי קלייחן אייך צום פּנים! זאָגט שוין איר, הוואַסיע מלכה, איר זענט האָך יאָ אַ מבינטע אויף קאַרעלן, לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, רבונו־של־עולם!

ביי די ווערטער האָט פֿריידל אַרויסגעכאַפּט אַ שפּיגעלע פֿונעם קאַסטן און האָט זיך געשטעלט אַקעגן רחלען, און די גרינגע אייגעלעך האָבן געבלישטשעט ביי פֿריידלען פֿאַר גרויס נחת, און אַ שווייס איז איר אַרויסגעטראָטן פֿון פֿיל רעדעניש מיט שבועות און מיט ווינטשעניש.

— און אייער סטעמפּעניו טוט זיך זייגעס? — האָט איר הוואַסיע מלכה געזאָגט, אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף דעם חדר, פֿונוואַנען עס האָבן זיך געלאָזט הערן זעלטענע זיסע קולות.

— יאָ, ער שפּילט דאָרטן, — האָט פֿריידל געענטפֿערט און האָט גענומען באַווייזן נאָך אַנדערע מינים קאַרעלן, אַזוינע און אַזוינע, און דערווייל האָט זיך צווישן פֿריידלען מיט הוואַסיע מלכהן פֿאַרקניפּט אַ לאַנגער שמועס, ווי עס געהער צו זיין צווישן צוויי קרעמערקעס, אַז מע צערעדט זיך וועגן געשעפֿט.

רחלע איז געזעסן אין אַ זייט און האָט דעם שמועס פֿון דער שוויגער מיט פֿריידלען נישט געהערט. רחלע האָט געהערט אַן אַנדער שמועס, אַן אַנדער קול, גאָר אַנדערע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פֿון סטעמפּעניוס פֿידעלע, אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען איר געגאַנגען גלייך אין האַרצן אַריין, און זי איז ערשט דעמלט אויפֿגעשטאַנען פֿונעם אָרט, אַז דאָס פֿידעלע האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן און סטעמפּעניו האָט זיך באַוויזן אויף דער טיר. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און זיי זענען ביידע רויט געוואָרן, ווי פֿייער... סטעמפּעניו איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, נישט אַהין, נישט אַהער. און רחלע האָט געקוקט אויף אים, געזאָגט בשעת מעשה דער שוויגער, אַז עס איז שוין צייט צו גיין אַהיים. הוואַסיע מלכה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ ברעך אין די הענט:

— אוי, אַ דונער איז מיר! זעט נאָר, ווי מיר האָבן זיך פֿאַררעדט! נו, וואָס וועט איר ביי מיר נעמען, פֿריידל, פֿאַר די קאַרעלן? ביי מיר טאָרט איר נישט נעמען טייער, פֿריידל. מיט מיר דאַרפֿט איר האַנדלען אויף נאמנות!

— אויף ריינע גאמנות! הערט איר, דוואָסיע מלכה, איך זאָל זיך דער־וואַרגן מיטן ערשטן ביסן, אויב איך זאָג אייך א ליגן! סאָסיע האָט מיר געטיקעט פאר די קארעלן אכצן קערבלעך, איך זאָל אזוי זיין געזונט, רבונו־של־עולם, מיט מיין מאן! נאָר גאָרנישט. איך בין זיך מיישב — סאָסיע איז סאָסיע, און איר זענט דוואָסיע מלכה. איך גיב אייך זיי אָפּ פאר פופצן קערבלעך, און איך זאָל עס נישט פארמאָגן אויף מיין אייגנס, אויב איך פארדין דערביי עפּעס, גאָטעניו!

— פופצן יאך פופצן, צוועלף וועל איך אייך געבן, פריידל. צוועלף קערבלעך מזומן געלט.

— אוי, געזונט זאָלט איר מיר זיין, דוואָסיע מלכה, דינגט זיך נישט! — האָט פריידל אויסגעשריגן מיט גרויס היץ און האָט אָנגענומען דוואָסיע מלכהן פאר ביידע הענט אויף דעם אופן, ווי צוויי ווייבער נעמען זיך פאר די הענט בשעת זיי גייען טאנצן א פריילעכס.

אין דער מינוט האָבן זיך דערזוייל רחלע מיט סטעמפעניון געקאָנט בחפזון איבערוואַרפן מיט א פּאָר ווערטער.

— איך האָב אייך געוואָלט עפּעס זאָגן, סטעמפּעניו.

— איך האָב אייך אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, רחלע.

— איר האָט מיר שוין געזאָגט.

— ווען?

— אינעם בריוול.

— נאָך ווינציק.

— שוין צו פיל.

— ניין, קיין הונדערט חלק אפילו.

— איר האָט א טעות.

— איך שווער אייך ביי מיין לעבן, איך שטאַרב! ווו קאָן איך זיך מיט אייך זען?

— איך ווייס נישט, ווו מיר קאָנען זיך זען.

— סיידן פארנאכט?

— ווו?

— אויף דער מאָנאסטירסקער גאס.

— ווען?

— שבתצונאכטס. איר וועט ארויסגיין פון יענער זייט צום מאָנאסטירסקען גאָרטן.

— איך קאָן נישט, איך וויל נישט.

— איר מוזט, רחלע. איך בעט אייך, גייט ארויס אויף איין מינוט! זייט דאָרטן, איך וועל שוין וואַרטן, שבתצונאכטס, למען השם, רחלע...

— איך וועל נישט זיין.

— איר וועט זיין, רחלע, איר וועט זיין!...

— נו, מאַכטמער, — האָט זיך אָנגערופן דוואָסיע מלכה, — קום, לאָמיר גיין אהיים, קוים אויסגעדונגען פאר פערצן קארבן. א, איך האָב גאָרנישט גע־ווסט, פריידל, אז איר זענט אזא בריה א סוחרטע!

— ע, דוואָסיע מלכה לעבן, געזונט זאָלט איר מיר זיין, איר קאָנט זיך גוט דינגען, נישקשה, א גוטן טאָג, גייט געזונט! טראָגט געזונט! פארגיצט געזונט! צע־רייסט געזונט!

— אויף קוליעס זאָל זי גיין, ווי זי האָט דאָס מיר אויסגעקאָכט דאָס וואַ־סער! — האָט פריידל געזאָגט צו סטעמפעניון, צוגעמאכט נאָך זיי די טיר. — און זי, די שנור, די ווייסע טעלעצע, זיצט זיך און שווייגט. עס פאסט איר אזוי די קארעלן, ווי א חזיר פאטשערקעס...

XX

נאָכאַמאָל קארעלן

אז רחלע איז געקומען אהיים מיט דער בייטש קארעלן, האָט זי די שוויגער צוגעפירט צום שווער מיט אזא גליקלעכן שמייכל, גלייך ווי זי וואָלט דאָ געוווּנען מי יודע וואָס.

— וואָס זאָגסטו, אייזיק נפתלי, אויף די קארעלן? א מציאה, טאקע א כשרע מציאה!

אייזיק נפתלי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו רחלען, האָט זיך שטאַרק איינגע־קוקט, ווי א רעכטער מבין, האָט א שמארע געטאָן מיט דער נאָז און א פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו באצאָלט פאר זיי, וויפל?

— נו, טרעף, ביסט דאָך עפּעס א סוחר. נו, אדרבה, טרעף? — האָט אים דוואָסיע מלכה געזאָגט מיט אַ שמייכעלע.

— איך ווייס נישט, צי טייער, צי וואָלוול?

— אז איך זאָג דיר א מציאה, שוטה, א מציאה, ווי ביי א גנב! מאָל דיר, איך האָב זיך געגוג אָנגעהאריקעט, אויסגעקאָכט דאָס וואסער מיט דער האָזיקער

מאַכליאַרקע, די קלעזמערקע, אַ סיפּע איר אין פּנים! נו־נו, זי קאָן זיך גוט דינגען, אַן אמתע סעדיכע! דער רוח ווייסט זי, ווו און ווען זי האָט עס זיך אַזוי אויסגעלערנט! אַ פּיסקעלע ביי איר — טאַקע גאָר אויף שרייפלער, פּעך און שוועבל אויס איר מויל, און אַז זי רעדט מיט אַ קונה, פּינעט זי, ווי אַ העכט, אַ מיתה־משונה זאָל אויף איר קומען, אויף דער סטעמפּעניכע!... נו, וואָס שווייגסטו, אייזיק נפתלי? זאָג שוין, לאָמיר הערן דיין מבינות, וואָס, אשטייגער, דאַרפן קאָסטן אָט די קאַרעלן?

— אָט די קאַרעלן וואָס דאַרפן קאָסטן? — האָט אייזיק נפתלי געענטפערט, אָנגענומען זיך ביי דער באָרד. — אָט די קאַרעלן דאַרפן קאָסטן אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, — שאַ נאָר, לאָם איך דיר זאָגן אַקוראַט, איך זאָל מיך נישט אָפּנאַרן, — אַ מציאה, זאָגסטו, אַ מציאה? אויב זיי זענען אַ מציאה, האָסטו באַדאַרפט פאַר זיי באַצאָלן נישט ווינציקער ווי זעקסטהאַלבן קערבלעך, גאָר ווערט זענען זיי אַלע זיבן.

— לאָקש!!! — האָט הוואָסיע מלכה אויסגעשאָסן, ווי פון אַ האַרמאַט, און אייזיק נפתלי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן און אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. — לאָקש איינער! בהמה בצורת פערד! אַזאַ ביימש קאַרעלן — זעקסטהאַלבן קערבלעך?! משוגענע לעמעשקע! אַ שטומער וואָלט דאָך עס נישט אויסגערעדט אין אַ יאָר! האָסט אויגן, צי ניין? נאַ, קוק זיך צו, דו אָפּגעריסענער נאַר!

און הוואָסיע מלכה האָט אָנגענומען רחלען פאַר אַ האַנט, האָט זי צוגעפירט צום שווער, איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַוויזן אייזיק נפתלין די מציאה, געשאָטן מיט שטעכווערטלעך און מיט קללות. אייזיק נפתלי נעבעך האָט געשמאַרעט מיט דער נאָז, געפינטלט מיט די אויגן און מורא געהאַט שוין אויסרעדן אַ וואָרט. ביז גאָט האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און ס'איז אָנגעקומען משה מענדל מיטן שטעקעלע פונעם מאַרק — האָט שוין משה מענדל גענומען שאַצן די קאַרעלן ביי רחלען אויפן שייגעם, ווייסן האַלדז, און האָט געטראָפן, אַז זיי דאַרפן קאָסטן, בלי גוזמא, אַ הונדערטל... דאָ האָט זיך הוואָסיע מלכה אַזוי צעפּלאַמט, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, פאַר גרויס דאָסאַדע, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע מציאה זי האָט געהאַנדלט, און אפשר פאַר האַרצווייטיק, וואָס סטעמפּעניכע האָט זי אַזוי גראָב אָפּגענאַרט.

— ריץ אַ סוחר! — האָט זי געזאָגט צו משה מענדלען. — פונקט אַזאַ מבין, ווי דער טאַטע זיינער! וואָס עפּעס אַ הונדערטל, זונאָ? פאַרוואָס נישט ווייניקער?

— דערפאַר, וואָס זיי זענען מער נישט ווערט, דערפאַר, וואָס די קאַרעלן זענען זייער פשוטע קאַרעלן. איך האָב אויך געזען אַמאָל קאַרעלן, מאַמע. לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז איך האָב שוין געזען אַמאָל אַ רעכטע ביימש קאַרעלן.. .

דעם גאַנצן טאָג האָבן זיך אַלע דרײַ געקריגט און געיאָדעט פֿאַר די קאָרעלן.

— ער זאָל מיר בעסער געבן מיט אַ פּיסטויל אין האַרצן, — האָט דוואָסיע־מלכּה געטענהט — וואָלט בײַ מיר פֿיל מער ניחא געווען, אײדער הערן פֿון אים דאָס וואָרט „זעקסטהאַלבן"! מילאַ, לאָז זײַן די מאַכליאַרקע, די כאָליערע זאָל זי באַקומען היינטיקן טאָג, האָט מיך אָפּגענאַרט (מיך האָט נאָך קיינער נישט אָפּגענאַרט!), — מילאַ, כאַפּט זי דער שוואַרץ־פֿינצטער־ביטער יאָר. מיט איר סטעמפּעניון אינײַנעם! אָבער צו וואָס טויג נאָך זאָלצן יענעם אויף די וווּנדן און אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ מוקח „זעקסטהאַלבן"? נאַ דיר גאָר „זעקסטהאַלבן"! זעקסטהאַלבן טויט מכּות איר אויפֿן לײַב און זעקסטהאַלבן קדחתן איר אין דער לעבער! איך וועל, מאָל דיר, בײַ איר מײַן געלט, מײַן בלוט, אַרויסרײַסן, ווי בײַ אַ הונט פֿון די ציין, מאָל דיר! אָבער פֿאַרגינען זיך זאָגן „זעקסטהאַלבן"?!

די גאַנצע סצענע איז אונדזער רחלען אַזוי נמאס געוואָרן, אַז זי האָט די קאָרעלן פֿאַרן שלאָף אויסגעטאָן און באַהאַלטן בײַ זיך טיף־טיף אין קאַסטן, מיט דער דעה, אַז זי זאָל זיי שוין מער נישט אָנטון ווײַל זי וועט לעבן. מער פֿון אַלץ האָט אונדזער רחלען פֿאַרדראָסן, וואָס משה מעגדל האָט זיך פֿאַרנומען אָפּ־קריגן מיט דער מוטער פֿאַר די קאָרעלן און איז אַפֿילו נישט צוגעגאַנגען צו איר, ווי עס דאַרף צו זײַן, ווי עס פֿירט זיך, זאָגן „פֿאַרניץ געזונט". מע האָט זי דעם גאַנצן טאָג אַרומגעפֿירט פֿאַר די הענט, געקוקט אויף אירע קאָרעלן, פּונקט ווי מע באַטראַכט אַ קו; אימלעכער איז צוגעגאַנגען, און האָט איר אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, געטאַפּט די קאָרעלן — און אין איר האָט מען גאָר פֿאַרגעסן... רחלע, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין בייזע, קיין כעסנטע, האָט דעם גאַנצן טאָג געפֿײַערט אויף אַלעמען, און נאָך מער אויף משה מעגדלען. דער האָזיקער חבֿרה־מאַן האָט זיך גאַנץ פֿײַן אָפּגעגעסן מיטאָג און איז זיך אַוועק אין בית־המדרש אַרײַן. און אַזוי ווי עס איז געווען יענעם אָוונט אין בית־המדרש אַ שטיקל שׂמחה, אַ סיום, לכן איז שוין משה מעגדל איבערגעבליבן דאָרט פֿון נאָך מעריבֿ ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן, ווי ער פֿלעגט עס טון גאַנץ אָפֿטלעך.

רחלע איז גאָר אינגאַנצן געווען לאַ־על־כמדריק, שטאַרק צעקאָכט. דאָס פּנים האָט איר געפֿלאַמט, ווי אַ העליש פֿײַער, דער קאָפּ האָט איר געטרישטשעט און אין די אויערן האָט איר געקלונגען און געפּײַפֿט. זי האָט גאָרנישט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך... קיין וועטשערע האָט זי נישט געקאָנט עסן. געווײַנלעך, האָט איר דוואָסיע מלכּה געגנוג געפּיקט אין קאָפּ אַרײַן, פֿאַרוואָס זי עסט נישט, פֿאַר־וואָס זי טרינקט נישט — נאָר אומזיסט: רחלע איז אַוועק מיט רויטע אויגן צו

זיך, האָט זיך גיך אויסגעטאָן, אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, און פון אירע אויגן האָבן זיך מיטאמאָל א גאַס געטאָן טרערן, — ווארעמע, הייסע טרערן, און א סך, א סך.

XXI

א שווערע נאַכט

וואָס האָט רחלע געוויינט? זי האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס זי וויינט, און האָט אפילו נישט געפילט, אז זי וויינט. דאָס האַרץ איז איר שוין פון א צייט געווען שווער, זייער שווער, נאָר פלוצעם האָט זיך עס צעוויינט, צעגאָסן און אויסגעגאָסן זיך דורך טרערן. רחלע האָט געפילט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אז זי איז עלנט, אז עס גייט איר עפּעס אָפּ, אז עס פעלט איר עפּעס, נאָר וואָס פעלט איר — דאָס האָט זי נישט געוווּסט און נישט געקאָנט ווּסן. רחלע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אז אירע עלטערן האָבן זי חתונה געמאכט און האָבן זי געפּטרט. דאָס וואָרט „געפּטרט“ איז שוין געווען אויף צו פילן, ווי ווייט מע ווערט אָפּגעריסן: קינדער פון עלטערן און עלטערן פון קינדער. דאָס וואָרט „געפּטרט“ קומט אויס זייער אָפט צו הערן ביי אונדז יידן, כמעט אין יעדער משפּחה. דאָס וואָרט „געפּטרט“ איז א גרויסער בזיון, א באַליידיקונג פאר אונדזער גאַנצער אומה, וואָס פיינט זיך אויס מיט איר בארעמהארציקייט... מער פון אלע איז איר דערגאַנגען משה מענדל מיט זיינע געגנג, מיט זיין פּירעכץ קעגן איר. רחלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאר א ראָל זי שפּילט מיט איר שיינקייט און מיט איר גוטסקייט, מיט איר ערלעכקייט און מיט איר געטריישאַפט ביי איר מאַן דעם תכשיט. רחלע האָט ארויסגעזען, וואָס זי איז ביי אים...

ועל כולם איז רחלע גלאַט געווען צעשרויפט, צערודערט און פאַרטומלט די לעצטע צייט. א קלייניקייט, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן פון סטעמפּעניון? רחלע, די פרומע רחלע, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט אויף איר לעבן קיין האָר פון יידישקייט, נישט איבערגעטראָטן קיין מינדסטן דין פון די אַלע דינים, וואָס זענען שייך צו דער יידענע, — רחלע, א יידיש ווייבל פון טייטש־חומש, האָט אין זינען א פרעמדן, באַקומט פון אים בריוולעך, באַגעגנט זיך מיט אים — און גאָרנישט! אדרבה, זי פילט, ווי עס ציט זי צו אים, נישט מיט עפּעס א שלעכטער מחשבה, חלילה! נאָר גלאַט אַזוי, זען אים און הערן, ווי ער שפּילט אויפן פידל.

אך, זיין שפּילן, זיין שפּילן! רחלע וואָלט אייביק נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נאָר הערן סטעמפּעניון, הערן אים און... זען אים! זיינע אויגן, אז זיי קוקן, ווארעמען זיי, גלעטן זיי, קושן זיי... אך, זיינע אויגן!

רחלע כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און הערט זיך צו, ווי די שלייפן קלאַפּן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט, און די נשמה ציט, ציט. זי ווייסט נישט, וואָס מיט איר טוט זיך. זי דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און דערזעט איר אַמאָליקע חברטע, חיה עטל, עליה־השלום. רחלע דערמאָנט זיך אָן יענער מעשה פון חיה עטלען מיט בנימינען, און עס גייט איר איבער אַ פראָסט איבערן לייב. זי דעקט פון זיך אָפּ די קאָלדרע און דערהערט פלוצעם זייער אַ באַקאַנט געזאַנג, אַ באַקאַנט שפּילן פון אַ באַקאַנט פידעלע. רחלע האָט געמיינט, אַז עס ווייזט זיך איר אויס, נאָר ווייטער־ווייטער האָט זי אַלץ נעענטער געהערט דאָס שפּילן, וואָס מע שפּילט, געוויינלעך, ביים אָפּפירן פון דער חתונה די מחותנים אַהיים. רחלע האָט שוין דערהערט און דערקענט אַקוראַט וואָס מע שפּילט; רחלע האָט אויך דערקענט סטעמפּעניוס פאַרגיין זיך אויפן פידל, און עס איז שוין פאַר איר נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס פירט אָפּ סטעמפּעניו די מחותנים אַהיים נאָך דער חופּה־וועטשערע. נאָר ווי קומט ער אַהער? אויף דער גאַס איז הײַנט נישט געווען קיין חופּה און דאָ זענען נישטאָ קיין מחותנים! וואָס קאָן דאָס באַדייטן? די פּויק מיט די טאַצן לאָזן זיך אָבער הערן אַלץ נעענטער און נעענטער. די גאַנצע חברה שפּילן געשמאַק; נאָר מער פון אַלץ לאָזט זיך הערן סטעמפּעניוס פידעלע, וואָס פאַרהעקט מיטן זיסן שפּילן, מיט דעם ווייכן געזאַנג אַלע אַנדערע כלים.

רחלע קאָן נישט איינליגן. זי שפּרינגט אַראָפּ פונעם בעט, גייט צו צום פענצטער, עפנט עס אויף און בייגט זיך איבער העכער האַלב אין דרויסן אַרויס.

רחלע האָט שוין לאַנג אַזאַ נאַכט נישט געזען. די לבנה שפּאַצירט אין מיטן הימל, און אַרום איר האָבן זיך אויסגעשאָטן אַלפי אלפים שטערן — בריליאַנטן, וואָס שעמערירן אין די אויגן. די לופט איז וואַרעם, גרינג און פריש. קיין שום ווינטל, אַזוי, אַז די הויכע טאָפּאָליעס, וואָס זעען זיך פונעם גרויסן מאָנאַסטירסקן גאָרטן, שטייען אויסגעצויגן, ווי סאָלדאַטן אויף דער וואַך. קיין בלעטל רירט זיך נישט. נאָר זעלטן־זעלטן טוט עס אַ טראָג פונעם מאָנאַסטירסקן גאָרטן אַ שיינעם ריח פון שמעקנדיקע גראָזן, ווי בשמים, וואָס איז אין מאַזעפּעווקע שטאַרק אָנגעלייגט, מחמת ביטאָג הערט זיך דאָרט אַן אַנדער ריח...

צו דער האָזיקער אויסגעצייכנטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונדזער רחלע די שיינע — די שיינע, די רײנע, די ערלעכע רחלע מיט איר גרויסן ווייסן האַלדז, אויף וועלכן עס ליגן צעשאָטן אירע רייכע בלאָנדע האָר (אַך, רחלע האָט דען געקאָנט אין אַזאַ צייט געדענקען, אַז די לבנה און דער מחבר פונעם ראָמאַן קאָנען זען אירע אייגענע האָר?). אירע אויגן זענען געווען נישט וויניקער בלוי און לויטער, ווי דער בלויער לויטערער הימל, און איר שיין ליכטיק פּנים איז נישט

געווען מיאוסער פון דער שיינער ליכטיקער נאכט. נאָר רחלע האָט ווינציק וואָס געטראַכט וועגן דעם: איר קאָפּ איז געווען דאָרטן, ווו עס האָט זיך געהערט דאָס זעלטענע שפּילן, און איר הארץ איז געווען דאָרט, ווו סטעמפּעניום פידעלע.

די קלעזמער שפּילן עפּעס אזוי טרויעריק, גלייך ווי זיי וואָלטן אָט ערשט עמעצן באַהאַלטן, אין דער ערד אַריינגעלייגט. ביי אונדז אַ שמחה באַווייזט זיך ארויס דורך א געוויין, און מחמת גרויס פרייד מיט פארגעניגן פאַרגיסן מיר טרערן... נאָך אומעטיקער ווייזט אויס דאָס שפּילן אום האלבע נאכט, ווען די גאנצע וועלט האלט אין איין שלאָפן, נאָר איין ביסל יידן זענען זיך משמח מיט א ווייַנענדיקס, גייענדיק צוריק פון דער חופּה־וועטשערע מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. וואָס איז? מע האָט געפּטרט אַ קינד, פאַרשטייט איר מיך, פאַרזאָרגט, הייסט דאָס, ברוך השם, — נו, מהיכי־תיתי... אין דער דאָזיקער שטילער שיינער זומער־נאכט הערט זיך סטעמפּעניום פידעלע נאָך מער, ווי אלע מאָל: עס קלעמט דאָס הארץ, ציט די נשמה, נעמט ארויס דאָס חיות — און רחלע שטייט א האלב־נאקעטע ביים פענצטער און הערט זיך צו. זי וויל אנטלויפן פונדאנען, צומאכן דאָס פענצטער און אנטלויפן, נאָר עס האלט זי צו, ווי מיט אייזנס, ווי א מאגניט ציט עס זי. זי קוקט זיך איין און הערט זיך צו אזוי ערנסט, גלייך ווי זי וואָלט הערן נישט זיין פידעלע, גלייך ווי זי וואָלט הערן, ווי ער רעדט צו איר, ווי ער טענהט, ווי ער בעט, ווי ער וויינט... און נישט נאָר רחלע אליין הערט זיך איין, אין די דאָזיקע שיינע מעלאָדיען פון סטעמפּעניום פידעלע. אין דער דאָזיקער ליכטיקער זומער־נאכט: די לבנה מיט די שטערן, די ווייבע, פרישע לופט, די גאנצע נאטור מיט אלע אירע באשעפעניש האָבן ווי אויפגעוואכט פון זייער דרימלען, זיך אויפגעשטעלט אויף א רגלע, בכדי צו הערן, וואָס איז דאָס פאר א מין געזאנג אים האלבע נאכט? וואָס איז דאָס פארא קולות אים האלבע נאכט? דער נאכט־משורר, דער פארשפּעטיקטער סאָלאָוויי אינעם מאָנאַסטירסקן גאָרטן, דערהערט אזא מין מוזיק, האָט זיך געפּרובירט פארקאטשען אויפן העלדזל, באווייזן זיינע שטיקלעך, ווי זיין שטייגער איז; נאָר עס איז אים אצינד, אין סוף תמוז, נישט געראָטן איבערשטשאָגאָליאיען כּסטעמפּעניום פידעלע, מחמת באלד נאָך וועסנע האָט ער נעבעך, ווי אלעמאָל, אָנגעווירן די כלי, און פון זיין זיס קול איז אים נאָר געבליבן א קוויטש, ווי ביי א חזן נאָך ימים־נוראים, להבדיל... דער האָן, דער שרייער, דערהערט דאָס שפּילן פון די קלעזמער און גערעכנט, אז ס'איז שוין טאָג, איז אראָפּ פון דער סידעלע, האָט א פּאטש געטאָן מיט די פליגל, האָט געזאָגט דעם פּסוק, אויסגעלאָזט דעם געוויינלעכן „קוקוריקו“ מיט א „מונח־אתנחתא“ און איז זיך אוועק צוריק אין זיין רו אריין א ברוגזער, וואָס מע האָט אים מטריח געווען אומזיסט און אומנישט... אפילו די הינט, די כלבים, פון ווייטנס, פון דער מאָנאסטירסקער גאס, דערהערט די יידישע קלעז־

מער אין מיטן נאכט, האָבן אָנגעהויבן לכתחילה, ווי זייער מנהג איז, צו בילן און צו וואָיען, און זענען אויך אַנטשוויגן געוואָרן, געזוכט זיך אַן אָרט, ווו צו לייגן זיך אָפּרוען. אויך די קו, די וואַסיע, מלכהס בורע בהמה ביי דער שטוב, האָט אויפגעהערט צו מאַלעגיירען, האָט אויפגעשטעלט די אויערן, ארויסגעלאָזט פונעם בויך א טיפן קרעכץ, ווי א זינדיקער מענטש. און דעם שכנס צוויי ציגן האָבן זיך פון גרויס התפעלות מיטאמאָל אויפגעהויבן פון דער ערד, זיך געביטן מיט די ערטער, באוויזן דערווייל איינס דאָס אַנדערע, אז זיי האָבן הערנער. הכלל, אַלץ האָט אויפגעלעבט, באוויזן, אז עס הערט דאָס שפּילן אין דער דאָזיקער שטילער, ליכטיקער, ווארעמער כישופדיקער זומער-נאכט.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אונדזער ערלעכע רחלע געשטאַנען ביים פענצטער, ווי צוגעקאָוועט מיט אייזנס. זי שטייט, ווי שטאַרק פארוואונדערט, רירט זיך נישט מיט קיין אבר, ווי צוגעשרויפט, און ווייסט גאָרנישט אויף וואָס פאַר א וועלט זי איז. „גו, אַ נאַכט! אַי, אַ נאַכט! מאַטעניו!“... זי שטייט און הערט זיך איין מיט אַלע חושים. זי שלינגט די פרישע לופט מיטן פולן מויל. זי איז אינגאנצן פארכישופט. זי קוקט אין בלויען הימל אריין און דערמאָנט זיך אָן יענע זומער-נעכט, ווען זי פלעגט מיידלוויז זיצן אין דער היים אויף דער פריזבע (זאַ-וואַלענקע), קוקן ארויף, אויף די ווייסע פאסן, געשפּילט בשעת מעשה אין צייכנס (מיילעשקעס) און געזונגען דאָס באַקאנטע לידל:

די לבנה שיינט אינמיטן דער נאכט,
און פערעלע זיצט ביי דער טיר,
זי זיפצט, זי קרעכצט, זי איז שוין פארטראכט —
אוי, אַ ווייטיק איז איר!
זי זיפצט, זי קרעכצט, זי איז דאָך פארטראכט —
אוי, א ווייטיק איז איר!...

דאָס לידל האָט זי דעמלט געזונגען, נאָר זי האָט דאָס נישט פארשטאַנען; אצינד פארשטייט זי דאָס יאָ, אפילו נישט אינגאנצן, דאָך פארשטייט זי דאָס, זי פילט עס. זי פילט, אז עס ציט זי עפּעס אהין, אין דרויסן ארויס, אויף דער פרייער לופט. זי פילט, אז ס'איז איר דאָ ענג, היים און נמאס, נמאס!... רחלע דערמאָנט זיך נאָך א לידל פון יענע לידלעך, וואָס זי פלעגט זינגען מיידלוויז, זו-מער-לעבן, אין דרויסן ביי דער טיר.

ביים ברעג וואסער טו איך שטיין,
און קאָן צו דיר נישט קומען;
אוי, פון ווייטנס רופסטו מיך —
איך קאָן אָבער נישט שווימען!

אוי, פון ווייטנס רופסטו מיך —
איך קאָן צו דיר נישט שווימען!...

„פון ווייטנס?“ — ער איז דאָך שוין גאָר נאָענט! אָט איז ער, סטעמפעניו, מיט זיין פידעלע, מיט זיינע לאַנגע האָר, מיט זיינע שוואַרצע, ברענענדיקע פייערדיקע אויגן, וואָס קוקן אויף איר תמיד און וואַרעמען זי מיט זייער גלאַנץ, מיט זייער פייער. און עס ווילט זיך איר אין דער מינוט אייביק שטיין נאָענט נעבן אים. שטיין און אייביק הערן זיי שפּילן, און אייביק זען זיינע שיינע אויגן... נאָר איין זאַך קאָן רחלע נישט פאַרשטיין: ווי קומט ער אַהער, סטעמפּעניו, אין האַלבע נאַכט, מיט זיין פידעלע?

ווי אַרום קומט אַהער סטעמפּעניו מיט די מחותנים? — אָט דאָס האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויפל זי האָט זיך נישט געבראָכן דעם מוח. רחלע האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ, אויף דער שולגאָס איז הייגט געווען אַ חופּה. ווי זשע קומען אַהער די מחותנים? ערשט דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען דעם סוד, אַז זי האָט דערזען שוין גאָר נאָענט, טאַקע כמעט נעבן זייער שטוב, די קלעזמער מיט די מחותנים. ערשט דעמאָלט האָט זי געטראָפן דאָס רעטעניש, אַז זי האָט הערזען, ווי סטעמפּעניו האָט זיך פּונקט נעבן זייער שטוב, גראָדע אַקעגן איר פענצטער, אָפּגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן צו שפּילן נאָך מיט מער פרישקייט, מיט מער חשק. ערשט דעמאָלט האָט רחלע פאַרשטאַנען, וואָס סטעמפּעניו האָט דאָ אויפגעטאָן: ער האָט געשלעפּט מיט זיך די גאַנצע חברה, אַלע מחותנים מיטן גאַנצן עולם, פון דער צענטער גאַס אַהער, פאַרביי זייער שטוב, און צוליב וועמען? — לכתחילה איז דאָס איר אפילו געווען זייער אָנגענעם, און דאָס האַרץ האָט זיך איר אַזוי געפרייט, אַז עס איז שיר נישט אַרויסגעשפּרונגען פון דער ברוסט. און נישט ווילנדיק, האָט זיך רחלע צעלאַכט צו זיך אַליין מיט אַזאַ פריילעך געלעכטער, אַז זי האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר איר קול, האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך, ווי זי שטייט דאָ האַלב־נאַקעט, מיטן האַלדז אין דרויסן, מיט די אייגענע האָר, — און איז געשווינד אָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער, און אין דער גיך עס צוגעמאַכט, און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין.

„ווייי איז מיר, וועגד איז מיר! — האָט זיך רחלע געטראַכט. — צו וואָס מע קאָן קומען, אַז מע באַקלערט זיך נישט פריער, וווּ מען איז אין דער וועלט! שטעלן זיך אײַנמיטן נאַכט אַ נאַקעטע אין פענצטער פאַר אַזאַ־נאַ־עולם מאַנצבילן; אין זינען האָבן אַזעלכע פּוסטע נאַרישע זאַכן, אַרומגיין מיט אַזעלכע מיאוסע מחשבות וועגן אַ סטעמפּעניו... און סטעמפּעניו — מע דאַרף זיין אַ בעלן פירן אַ גאַנצע עדה ייִדן איבער צען גאַסן — צוליב וואָס? צוליב וועמען? מע דאַרף האָבן פונדעסטוועגן אַן עזות אַזעלכעס צו טון! פונוואַנען נעמט זיך עס ביי אים אַזאַ...? איך מוז עס אים פרעגן. מע דאַרף זען, ס'זאָל האָבן אַמאָל אַ סוף.

ער וויל מיך אומגליקלעך מאכן!... איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מע דאַרף זיך מיט אים אויסשמועסן, ווי זאָגט מען: „בעסער דער ערשטער רוגז“... ער דערציילט דיר אַ מעשה: „ליב־שמיב“! גאַנץ לייטיש, כ'לעבן... שבתצונאַכטס, זאָגט ער, אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס, דאָרט וועט ער מיר שוין קלאָר מאַכן אינגאַנצן זיין מיין... איך וואָלט שוין געוואָרן, דער ליבער שבתצונאַכטס זאָל שוין קומען גיכער, לאָם מיר שוין הערן וואָס און ווען? איך וועל געווים אַרויסגיין, וואָס האָב איך מורא? פאַר וועמען? מורא דאַרף מען האָבן נאָר פאַר גאָט!... עס איז דיר נאָר אַן אָנשיקעניש, אַן אָפּגעטאָגענע זאַך, און גענוג!... נישט אומזיסט דערציילט מען זיך אַן אַזויפיל מעשיות... נאָר וואָס האָט ער צו מיר? צו מיינע יונגע יאָרן?... און ווער איז שולדיק, ווען נישט איך אַליין? מע טאָר נישט וויזן יענעם קיין וועג... משה מענדל זאָל אַציגער זיין, וואָלט איך אים אַלצדינג דערציילט. נאָר ווו איז ער? ער הערט מיך זייער? וואָס גייט דאָס אים אָן, וואָס איך מוטשע מיך, ווי אייגער פאַרן טויט?... אַך, מע דאַרף לייענען קריאת־שמע. נישט גוט, אַז מע לייענט נישט קיין קריאת־שמע!“...

„לישועתך קויתי ד',
קויתי ד' לישועתך,
ד' לישועתך קויתי“...

רחלע באַהאַלט זיך טיף־טיף אין די קישנס אַריין, דעקט זיך איבער שטאַרק מיט דער קאָלדרע, זי זאָל נישט הערן דאָס שפּילן פון די קלעזמער, און לייענט קריאת־שמע אויף אַ קול: „לישועתך קויתי ד'“... נאָר דורכן פענצטער גנבענען זיך אַריין די זיסע געזאַנגען פון סטעמפּעניוס פידעלע, וואָס ווערן אַלע מינוט שטילער, זעלטענער און ווייטער. און רחלע לייענט קריאת־שמע:

„לישועתך קויתי ד',
קויתי ד' לישועתך,
ד' לישועתך קויתי“...

און סטעמפּעניוס פידעלע קוים־קוים וואָס עס הערט זיך שוין פון ווייטן, און די לעצטע קולות ווערן ווי פאַרשטאָרבן. און רחלעס אויגן ווערן ביסלעכווייז צוגעשלאָסן, און די ליפּן שעפּטשען נאָך, קוים־קוים וואָס מע הערט:

„לישועתך . . . .
קויתי . . . . לישועתך
. . . . קויתי . . . . “

און רחלע ווערט אַנטשלאָפן.

* * *

רחלע ווערט אנטשלאָפן, און עס חלומט זיך איר, אז סטעמפעניו טוט איר אָן א בייטש קארעלן... אי, איין זייט שטייט דער שווער אין טלית=ותפילין, און פריידל שלאָגט אים, פּאַטשט אים אויף וואָס די וועלט שטייט... משה מענדל איז טויט שכור, פּאָרט רייטנדיק אויף א קאָטשערע, מאכט משוגעגע העוויות, און סטעמפעניו טוט איר אָן א בייטש קארעלן... אין דער אנדערער זייט שטייט חיה עטל, אָנגעטאָן שבתדיק, אויסגעצירט, ווי א בת=מלכה, שמייכלט אזוי פריינדלעך, אזוי ליבלעך, און צינדט אָן א סך ליכט.

„וואָס טוסטו, חיה עטל? — פרעגט זי רחלע. — למאי צינדסטו אָן אזויפיל ליכט?“

„וואָס פאַר אַ שאלה? — ענטפערט איר חיה עטל מיט אַ געלעכטער. — עס איז דאָך ערב=שבת: שוין צייט ליכט בענטשן!“...

רחלע קוקט אויף די ליכט, ווי העל זיי ברענען און זיי לייכטן, און סטעמפעניו טוט איר אָן א בייטש קארעלן... ער שטייט נעבן איר אזוי נאָענט, אז זי הערט, ווי ער אָטעמט. ער שטייט און קוקט איר גלייך אין די אויגן אריין און וואַרעמט זי מיט זיין קוקן אויף איר. רחלע קוועלט, לאכט און זינגט, און סטעמפעניו טוט איר אָן א בייטש קארעלן...

פּלוצעם ווערן די ליכט פאַרלאָשן. חיה עטל און אַלץ אַרום און אַרום ווערט פאַרשוואונדן. עס ווערט פינצטער חושך און שטארק קאַלט, ווי אין א קעלער, ווי אין א קבר... דער ווינט בלאָזט און פייפט, און עס הערט זיך א געזאַנג, א טרויעריק געזאַנג: עס הערט זיך, ווי א פידל שפּילט, שוין ווידער א באַקאַנט פידעלע, סטעמפעניוס פידעלע. סטעמפעניו אליין איז שוין נישטאָ, נאָר זיין פידעלע לאָזט זיך הערן, אָבער אזוי טרויעריק, אזוי אומעטיק, ווי דער נוסח פון „נעילה“. און עס הערט זיך עפּעס, ווי עמעצער וויינט, כליפּעט. דאָס וויינט חיה=עטל אויף אירע יונגע יאָרן, וואָס זענען איבערגעלאָפן, ווי א חלום, אויף איר ליבהאַרציקן בנימינען, וואָס ער האָט זי פאַרביטן אויף אן אנדערע, פאַרגעסן חיה עטלען, פאַרגעסן...

„אוי, מאַמעניו!“ — שרייט אויס רחלע און כאַפּט זיך אויף, קערט זיך איבער אויף דער אנדערער זייט, ווערט אנטשלאָפן און זעט ווידער אלערליי חלומות. א גאַנצע נאכט פּלאָנטעט זיך איר, און עס דאכט זיך איר, אז זי פילט, ווי סטעמפעניו שטייט נעבן איר און טוט איר אָן א בייטש קארעלן... נאָכדעם קומט ווידער חיה עטל מיט שוואַרצע ליכט, וויינט, טרויערט, לייענט אויף אַ קול תחינות פון מענה=לשון: „אלמעכטיקער פאָטער אין הימל, דו שטארקער גאָט! העכער איבער אלע הערן, דו מלך איבער אלע מלכים, וואָס פון אייביק ביז אייביק ביסטו נאָר גאָט! צו דיר זאָל קומען און פון דיר זאָל באַוויליקט ווערן אונדזער הייס געבעט. דו זאָלסט פאַרנעמען די תפלות פון די ריינע נשמות, וואָס טוען שטיין פאַר דיין

כסא־הכבוד און בעטן רחמים פון פאר דיר פאר אונדז, און פאר די לעבעדיקע, וואָס אויף דער ערד, וואָס זענען פול מיט זינד, ווי א מילגראָם, און די אָבות אבותינו...“

היה עם־פיפיותם... דאגעט... הירשה...

XXII

עס צינדט זיך אָן א פייער

אין דער שטאָט מאזעפעווקע איז דאָ א מאָנאסטיר, וואָס איז געבויט, ווי מע דערציילט, נאָך פון מאזעפען. א הויכע, א ווייסע געמויערטע וואַנט רינגלט אַרום דעם מאָנאַסטיר פון אַלע פיר זייטן און פאַרנעמט דריי חלקים פון דער שטאָט. אין איר, אין דער וואַנט, פון איין זייט געפינען זיך די געוועלבן (די גרעסטע קלייטן), פון דער אנדערער זייט — טיפע קעלערס, ווו עס איז אמאָל געווען באהאלטן, ווי מע זאָגט, דאָס גאנצע געווער (כלי־זין) פון די הײדאַמאַקעס, און אַצינד לייגט מען דאָרט אָפּ עפּל און אַנדערע מינים סחורות. די דריטע וואַנט איז באוואקסן מיט דערנער און באשיצט מיט די הויכע טאָפּאָליעס און אַנדערע ביימער, וואָס געפינען זיך פון יענער זייט וואַנט אינעם גרויסן מאָנאַס־טירסקן גאָרטן. די פערטע וואַנט איז הויל און גלאַט, און פיל ערטער אָפּגעקוואָלי־פּעט און אָפּגעפאלן די ליים מיט די ציגל, אזוי אז עס בעט זיך פאַרריכטן שוין לאַנגע יאָרן. אקעגן געפינען זיך הייזער מיט הייזלעך, הויפן מיט הייפעלעך, יידישע און גויאישע, און די שמאָלע גאַס, וואָס איז צווישן דער הוילער מאָנאַס־טירסקער וואַנט און צווישן די הייזלעך, ווערט אָנגערופן די מאָנאַסטירסקע גאַס.

דאָרט, אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס, אין ווינקל, ווו עס הייבן זיך אָן די ביימער, איז פאָרגעקומען דאָס ערשטע זעעניש פון אונדזערע ליבענדע — רחלע און סטעמפּעניו.

די לעזער, וואָס זענען געווינט געוואָרן צו די „העכסט־אינטערעסאַנטע ראָ־מאַנען“, האָבן נעבעך געגנוג אָנגעליטן זיך ביז אהער פונעם דאָזיקן ראָמאַן, וואָס ס'איז נישטאָ אין אים קיין שום רירנדיקע סצענעס און טרעפּעניש. קיינער שיסט זיך נישט, קיינער סמט זיך נישט. מע באַגעגנט זיך נישט מיט קיין גראַפן און מיט מאַרקיזן. מע זעט זיך אַלץ מיט פּראָסטע מענטשלעך, מיט קלעזמער גאָר און מיט געוויינלעכע יידישע ווייבלעך. די דאָזיקע לעזער קוקן שוין אוודאי אַרוים אויף דעם שבתצונאַכטס; זיי וואַרטן אויף א טשיקאַווע־פּיקאַנטע סצענע

אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס... איך מוז אָבער פאָרויס זאָגן, אַז זייער אַרויסקוקן איז אומזיסט: קיין שום טשיקאַווע-פּיקאַנטע סצענעס וועט דאָ נישט זיין, וואָרעם אונדזער רחלע איז געקומען אַהער נישט חלילה ווי אַ בעל-עבירהניצע, נישט ווי אַן אויסגעלאַסענע, וואָס לויפט זיך קושן אין דער פינצטער מיט איר ליבענדן... חס ושלום! רחלע האָט גאָר געוואָלט פרעגן ביי אים, ווי אַזוי האָט ער, סטעמפעניו קלעזמער, געהאַט אַ העזה, אַזאַ עזות, צו שרייבן איר, רב אייזיק-נפתלים שנור, משה מענדלס ווייב, אַ בריוול, און נאָך אַזאַ בריוול?!...

„איך מוז דאָס אים פירהאַלטן! — האָט זי געטראַכט. — איך מוז דאָס אים זאָגן איין מאָל פאַר אַלע מאָל! ווי זאָגט מען: „עס איז בעסער דער ערשטער רוגז“...

דער דאָזיקער געדאַנק איז איר נישט געקומען פלוצעם. רחלע האָט געהאַט צייט אַ גאַנצע וואָך, און נאָך מער — דעם גאַנצן טאָג שבת, אויף צו קלערן וועגן דעם, און אוי-וויי, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אינעם דאָזיקן איינעם טאָג! וואָס פאַראַ שרעקלעכע מלחמה האָט זי אויסגעהאַלטן מיטן יצר-הרע... ניין, דאָס וואָרט „יצר-הרע“ פּאַסט לחלוטין נישט אַהער: ווי קומט דאָס צו איר, צו אַזאַ יידיש ווייבל, צו אַזאַ ערלעך ווייבל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלעזן קיין ראָמאַנען און האָט נישט געוווסט פון קיין ליבעס, חוץ די מעשה מיט איר חברטע חיה עטל, עליה השלום, וואָס מיר האָבן וועגן איר אויבן געשמועסט, — ווי קומט דאָס צו איר יצר-הרע, ליבע? — נאַרישקייטן! זי זאָל כאָטש זיין אַ מיידל, איז עפּעס אַנדערש. פאָרט, ווי זאָגט מען, אַ פריי פייגעלע, נישט צוגעדעקט דעם קאָפּ, אַ מענטשל פאַר זיך. אָבער אַ ווייבל, און אַ פרום ווייבל פון שיינעם גראַד, פון הויכע יחוס! זי איז געווען אויף זיך אַליין להרוג ולאבד, פלאַם פייער, און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אָט האָט זי זיך צוגעלייגט ביי זיך אויפן בעט, אָט האָט דאָס זי אויפגעטראָגן, ווי איינעם, וואָס ליגט אויף אַ היציקער שלאַפקייט, עס ווערט אים „מלאָסנע“ אויפן האַרצן און עס נודעט אים אַרויס די נשמה, — ער וואָלט גאָר געלאָפן אין דער וועלט אַריין... רחלע כאַפּט זיך אויף און נעמט זיך גאָר צום טייטש-חומש. זי עפנט אויף די סדרה „וישלח“, און — מערקווירדיק! אירע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויפן פסוק: „ו ת צ א ד י נ ה ב ת ל א ה, איז דינה די טאָכטער פון לאה אַרויסגעגאַנגען זען די טעכטער פונעם לאַנד, האָט זי שכם דער זון פון חמור גענומען מיט געוואַלד, ו ת ד ב ק נ פ ש ו ב ד י נ ה, און שכם האָט זיך באַהעפט אין דינה. דער בחיי שרייבט: שכם האָט איר איינגערעדט...“

אַזוי האָט רחלע אַריינגעקוקט אין איר טייטש-חומש, וואָס די שוויגער האָט איר געשענקט נאָך בשעת זי איז געווען אַ כלה, און ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, אַז זי זיצט איבערן טייטש-חומש, און אירע געדאַנקען האָבן

זי פאַרטראָגן אַהין, צו סטעמפּעניון, אויף דער מאַגנאַסטירסקער גאַס, אונטער די ביימער, ווו ער האָט איר צוגעזאָגט וואַרטן — און ער וועט אוודאי דאָרטן וואַרטן... נאָר קוים איז סטעמפּעניו געקומען איר אויף דער מחשבה, אזוי האָט עס זי געצויגן צו אים, ווי א מאַגניט, און זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז.

„איך וואָלט אים נאָר געוואָלט פרעגן, וואָס האָט ער צו מיר און וואָס וויל ער פון מיין לעבן האָבן?"...

און דאָ דערמאָנט זיך רחלע און איר חברטע חיה עטל, עליה השלום, ווי זי האָט געטענהט געליטן איבער איר בנימינען... נאָר חיה עטל איז אָבער געווען בני־מינס אן אייגענע און איז געווען א מיידל; אָבער זי, רחלע, איז דאָך אן „אשת־איש" (אוי־אוי, וואָס פאר א הארב וואָרט דאָס איז פאר א יידישער טאָכטער!). און ער — ווער איז ער? א קלעזמער! וואָס קער ער זיך מיט איר אָן? וואָס פאַר אַ שמועקע איז ער מיט איר, וואָס ער שרייבט צו איר בריוולעך? אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פון א קלעזמערוק, א העזה אביסל פון א יונגאַטש!

„די וועלט זאָל זיך קערן — האָט זי ביי זיך אָפּגעפּסקעט — די וועלט זאָל זיך קערן, מוז איך דאָס אים זאָגן! וואָס האָב איך מורא פאר אים? איך וועל זיך זען מיט אים, איך וועל דאָרטן זיין. נישקשה, קיינער וועט מיך נישט זען. איך וועל זיך אַרויסכאַפּן אויף אַ מינוט, ס'איז נישט ווייט, אָט באַלד אָט דאָ אַקעגן".

און רחלע קוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער אויף דער מאַנאַסטירסקער גאַס אַרויס און זעט די ביימער, די הויכע טאָפּאָליעס, ווי זיי שטייען שטאָלץ, און זי הערט די פייגל, ווי שיין זיי זינגען פונעם גאָרטן אַרויס. און אירע מחשבות טראָגן זיך איינגאַנצן איבער אַהין, ווו שפּעטער מיט א שעה, אָדער נאָך ווינציקער, וועט זי זיך זען מיט אים און וועט רעדן מיט אים אויג אויף אויג. און זי פילט, ווי דאָס הארץ הייבט איר אָן צו קלאַפּן און צו צאַפּלען, און (דעם אמת, דעם אמת מוז מען זאָגן!) עס איז איר גרויס די מינוטן — זי וואָלט שוין געוואָלט, עס זאָל שוין זיין נאַכט. דער שווער מיטן מאַן וועלן קומען פון שול און וועלן אָפּמאַכן הבדלה, די שוויגער וועט זיך נעמען איבערטון און ליאַרעמען מכוח דעם סאַמאָ־וואַר און מכוח דעם באָרשטש צו דער מלווה־מלכה — און אָט דעמאָלט וועט זי כאַפּן אויף זיך די שאַל און אַרויסגיין פּאַמעלעך, אויף דער טיר, א ביסל אויף דער גאַס, אזוי, מעשה שפּאַציר, — ווער וועט זיך דאָס אַרומקוקן אויף איר? ביז זי וועט קומען אַהין, ווו... אך, עס ציטערט אויף איר דאָס לייב, די בעקלעך פלאַ־מען איר, און דאָס הארץ — אוי, דאָס הארץ! עס פאַלט איר אָקערשט נישט אַרויס, און וואָס ווייטער ציט דאָס זי אַלץ מער אַהין, אזוי, אז זי האָט שוין מער קיין זאַך נישט אין זינען. זי זעט פאַר זיך קיין זאַך נישט, נאָר די ביימער פונעם

מאַנאַסטירסקן גאָרטן, נאָר סטעמפּעניון מיט זיינע פלאַם־פייערדיקע אויגן. זי העריט קיין זאַך נישט, אחוץ דאָס שיינע זינגען פון די פייגל, וואָס דאָרט אין גאָרטן, און דאָס געמלעכע שפּילן סטעמפּעניוס. אין דער מינוט איז רחלע אינ־גאנצן איבערגעגעבן צו איין געדאַנק — אהין, צו סטעמפּעניון, מיט סטעמפּע־ניון, און קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד זי איינצוהאַלטן אין דער דאָזיקער צייט...

XXIII

דאָס פייער ברענט און ווערט פאַרלאָשן

און סטעמפּעניו, קוים איז געוואָרן נאַכט, אַזוי האָט ער די חברה קלעזמער אַרויסגעשיקט אויף אַ „זמירות", האָט קלאָמפּערשט גענומען דאָס פידעלע אונטערן אָרעם, בכדי פריידל זאָל מיינען, אַז ער איז אויך אויף דער חתונה. נאָר אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט ער דאָס פידעלע איבערגעגעבן מעכטשען, און אַליין האָט ער אים אַוועקגעטראָגן אין דער מאַנאַסטירסקער גאַס אַריין, און אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אונטער דעם שאָטן פון די ביימער, האָט ער זיך אַלע מינוט אָפּגעשטעלט, געקוקט אַהין, פונוואַנען עס האָט באַדאַרפט אָנקומען רחלע די שיינע. אַז זי וועט זיין — דאָס איז פאַר אים קיין ספק נישט געווען. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז יאָ. ער האָט גוט אַרויסגעזען נאָך אירע אויגן דעמאָלט, אַז זיי האָבן זיך געזען ביי פריידלען בעת מעסטן די קאָרעלן.

און סטעמפּעניו האָט נישט געהאַט קיין טעות: עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין פופצן מינוט, האָט ער דערזען פון יענער זייט גאַס שוועבט איינע מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, זי גייט געשווינד און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. דאָס ווייסע טיכל איז איר אַנגערוקט ביז כמעט איבער די אויגן, און עס ציטערן איר די הענט, די ציין אין מויל, דאָס האַרץ אין דער ברוסט און דאָס גאַנצע לייב. זי קוקט זיך גוט איין, זי בלייבט שטיין, זי דערזעט סטעמפּעניון און טוט זיך אַ לאָז צו אים מיט די ווערטער:

— מיט וואָס פאַר אַ העזה, פרעג איך אייך...

— זאָג מיר נישט „איר", רחלע, זאָג מיר „דו"... — האָט איר סטעמפּעניו געענטפערט און האָט זי אָנגענומען ביי ביידע הענט און האָט איר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. רחלע האָט דערזען אין זיינע אויגן פונקט דעם זעלבן

גלאַנץ פון די שטערן, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט אין דער דאָזיקער שיינער זומער־נאַכט פון עם טונקל־בלויען הימל... אַלע מאַזעפּעווקער יידן האָבן אָפּגעמאַכט הבדלה און האָבן געזונגען, ווי דער שטייגער איז, די „אליהוס“, געזיפצט און געטראַכט, געדאַרט דעם מוח אויף דער וויסטער פּרנסה, זיך געווינטשעוועט דעם זכות פון יענעם חסיד, וואָס האָט געטראָפן דאָס גליק צו באַגעגענען זיך מיט אליהו הנביא און אָפּגעבן אים שלום און אָפּנעמען ביי אים שלום. די מאַזעפּעווקער ווייבער וואַרפן אַראָפּ די שלייערס פון עם קאָפּ, טוען אויס די שבתדיקע קליידער, די צירונג, און נעמען זיך צו דער וואָכעדיקער אַרבעט. מיט איינעם וואָרט, מאַזעפּעווקע איז פאַרנומען אַרויסצובאַגלייטן דעם ליבן שבת־קודש — און קיינעם קומט גאָרנישט אויף די געדאַנקען, אַז אין דער צייט שטייט רחלע הוואָסיע־מלכהס שנור מיט סטעמפּעניו דעם קלעזמער אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס און האָבן צווישן זיך אַ שמועס מכוח עפּעס גאָרנישט קיין יידישע זאַכן... נאָר דער בלויער הימל, די העלע שטערן, וואָס קוקן אַראָפּ מיט זייער גלאַנץ, נאָר די הויכע מאָנאַסטירסקע טאָפּאָליעס, נאָר די נאַכט־פייגלען אינעם גרויסן מאָנאַסטירסקען גאָרטן, וואָס רופן זיך איבער אויף זייער לשון, — נאָר זיי הערן און זעען דאָס אַלץ צו; נאָר זיי ווייסן, אַז אין דער דאָזיקער שיינער צויבערלעכער נאַכט, אונטער די מאָנאַסטירסקעביימער, אויף דער גויאישער גאַס, און אָט דאָ נעבן סטעמפּעניון, האָט זיך רחלע געפונען אין אַזאַ מין נייער לאַגע, אַז זי האָט זיך גאָר פאַרגעסן, ווער זי איז און וואָס זי איז. דאָ, אויף דער שיינער פּרעכטיקער נאַטור, האָט זיך רחלע געפילט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין איר לעבן. דער פּחד, וואָס איז אויף איר געפאַלן, בשעת זי איז אַהער געגאַנגען, האָט פּלוצעם אָפּגעטראָטן פון איר, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס זענען ביי איר אויסגעוואַקסן פליגל און זי איז פריי, ווי אַ פייגעלע, און קאָן פליען, פליען... סטעמפּעניו האָט זיך צוגערוקט צו איר נעענטער און האָט אַנידערגעלייגט זיינע הענט ביי איר אויף די אַקסלען. רחלע האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים, נאָר זי האָט דאָס נישט געטאָן. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף סטעמפּעניון, און פון אירע ליכטיקע בלויע אויגן האָבן אַראָפּגערונען צוויי טרערן.

— וואָס וויינסטו, רחלע? — האָט סטעמפּעניו אַ פרעג געטאָן, אָפּווישנדיק איר די טרערן מיט זיינע הענט.

— אַך, סטעמפּעניו, עס איז מיר אַזוי גוט אָט דאָ נעבן... אייך... נעבן... דיר, סטעמפּעניו! פאַרוואָס בין איך... פאַרוואָס בין איך נישט...

— מיינע, ווילסטו זאָגן? ביסט מיינע, רחלע, ביסט מיינע!

— וואָס הייסט, איך בין דיינע, סטעמפּעניו? ווי אַזוי קאָן דאָס זיין?

— דו ביסט מיינע, פאַרשטייסטו מיך, האַרץ מיינס, ווייל איך בין דיינער אויף תמיד, אויף אייביק, ביזן פינצטערן גרוב, ביזן קבר אַריין בין איך דיינער, לעבן מיינס!

— בנימין האָט אויך אַזוי געזאָגט, האָט זיך געשוואָרן — און צום סוף...

— וואָסער בנימין? — האָט זי סטעמפּעניו פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן, געקוקט רחלען אין די אויגן אַריין, ווי מע קוקט אויף אַ קליין קינד, ווען עס זאָגט אַ ווילדע נאַרישקייט. — פון וואָס פאַר אַ בנימין רעדסטו, נשמה מיינע?

— בנימין, חיה עטלס געשוועסטערקינד, מיין חברטע חיה עטל די יתומה האָט געהאַט אַ געשוועסטערקינד, וואָס האָט געהייסן בנימין, האָבן זיי אָפּגערעדט פון לאַנג, אַז זיי זאָלן זיך נעמען; ער האָט איר צוגעזאָגט, געשוואָרן ביי זיינע הייליקע נאמנות — און צום סוף... אַך, האָט זי געהאַט אַ מיאוסן סוף, חיה עטל נעבעך, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן, עליה־השלום, לאָז זי מיר מוחל זיין... נאָר בנימין איז ביי איר געווען דאָס חיות, זי איז אויסגעגאַנגען נאָך זיינע טריט. זי האָט דאָס מיר אַליין דערציילט... זי שטייט מיר פאַר די אויגן, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אָט זיצט זי ביים פענצטער, איך זינג איר לידלעך, און זי וויינט און זאָגט אַלץ: „אַ, גלייב זיי נישט, מע טאָר זיי נישט גלייבן, די מאַנצבילן!“...

רחלע דערציילט פון איר חברטע חיה עטל די יתומה, און סטעמפּעניו קושט רחלען די הענט, גלעט זי, האַלדזט זי, קוקט איר אין די אויגן אַריין — און רחלע דערציילט אַלץ פון חיה עטלען, וויאַזוי זי איז שטילערהייט אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, נאָך איר ליבן טייערן בנימינען...

חיה עטל איז שוין געווען פון עטלעכע יאָר טויט, נאָר רחלע האָט זי גוט געדענקט. חיה עטל איז איר אָפטמאָל געקומען צו חלום. אַצינד האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז חיה עטל שטייט פון יענער זייט וואַנט, אָנגעטאָן אין תכריכים, און קוקט אַריבער אַהער און ווינקט צו איר, אָנווייזנדיק איר אויף סטעמפּעניון און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „וואָס טוסטו דאָ?“...

— צו וואָס טויג עס דיר, רחלע מיין לעבן, צו וואָס טויג דיר רעדן, דערמאָנען אַזעלכע זאַכן, און נאָך אקעגן נאַכט? טו בעסער אַ קוק אויף מיר מיט דיינע שיינע ליכטיקע אויגן, וואָס לייכטן און בלישטשען, ווי צוויי שיינע בריליאַנ...

סטעמפּעניו האָט נאָך נישט אויסגערעדט דאָס לעצטע וואָרט, האָט זיך רחלע אַרויסגעריסן פון זיינע הענט מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז סטעמפּעניו האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר איר.

— גאָט איז מיט דיר, רחלע, וואָס איז דיר אַזוינס געשען?

ער האָט זי געוואָלט כאַפּן ווידעראַמאָל, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט. זי

האָט געציטערט און געשעפּטשעט: „דו זעסט? אָן איז זי!... אָן שטייט זי!... אָן קוקט זי אהער, אהער“...

— ווער שטייט? וווּ שטייט? וואָס רעדסטו דאָס, רחלע? נשמה מיינע, קום צו מיר, נאַ דיר א האַנט...

— אי! לאָז מיך, לאָז מיך, סטעמפּעניו, לאָזט מיך! איר זעט, אָן שטייט עפּעס אַ ווייס? אַך, ס'איז זי, ס'איז חיה עטל!... אוי, לאָזט מיך, לאָזט מיך!... מיט וואָס פאַר א העזה פרעג איך אייך... א גוטע נאַכט! א גוטע...

און רחלע איז פאַרשווונדן געוואָרן אינעם שאָטן פון די ביימער. סטעמפּעניו האָט נאָר געקאָנט זען, ווי צוויי עקן פון דער ווייסער שאַל, וואָס האָבן זיך צעלאָזט פונעם ווינט, האָבן אויסגעוויזן, ווי צוויי ווייסע פליגל. אָט אזוי ווערט אַנטרונען א גוטער מלאך, אָט אזוי ווערט פאַרשווונדן א גוטער חלום...

אָ, יידישע טאָכטער! אָט דאָ האָסטו זיך באַוויזן מיט דיין ערלעכקייט, מיט אינגאַנצן דיין ריינקייט. אָ, יידישע פרוי! אָט דאָ האָסטו זיך באַוויזן מיט דיין גאַנצער געטריישאַפט, מיט דיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט!...

געקומען אַהיים, האָט רחלע געוואָלט פאַר אַלע אויסזאָגן, אויסשרייען, ווי זי איז געווען און מיט וועמען זי האָט ז י ך געזען. נאָר זי האָט געטראָפן דאָס גאַנצע הויזגעזינד זיצן ארום טיש מיט נאָך עטלעכע געסט ביי א גרויסן סאַמאָוואַר, פאַרטיפט אין א וויכטיקן שמועס פון געשעפט, ווי דער שטייגער איז שבת-צונאַכטס ביי יידן צונויפקלייבן זיך ערגעץ, און נאָך דעם גאַנצן מעת-לעת, וואָס מע האָט גערוט, שמועסן א ביסל וועגן מסחר, וועגן מאָרגנדיקן יריד, און גלאַט אזוי וועגן וועלט-זאַכן.

— איך וועל זיך נישט „טאָשן“,[1] — האָט געזאָגט אַ גראָב יידל, אַ שניטקרעמער. — לאָז דאָס גיין אין דער ערד אריין! איך בין קלאָר אין די ירידים גאַנץ גענוג! נאָר גריזאָטע מיט האַרצווייטיק קאָן מען פון אַזעלכע ירידים האָבן!

— פאַרוואָס? — רופט זיך אָן דוואָסיע מלכה, האַלטנדיק די הענט צונויפגעלייגט אונטערן האַרצן. — איך ווייס נישט פאַרוואָס, רב יודל, איר זענט אזוי ברוגז אויפן יריד? פאַראַכטאָגן האָב איך ביי אייך געזען, קיין עין-הרע, א שפע, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן! איר האָט, דאַכט זיך, א גאַנצן טאָג געלייזט געלט?

— ביי דיר הייסט אלצדינג געלייזט געלט! — האָט זיך אָפּגערופן אייזיק-נפתלי. נישט קוקנדיק אויפן ווייב און וואַרפנדיק אויף ביינדלעך פון די „שטשאָטעם“.

[1] „טאָשן“ הייסט אויף קרעמער-לשון — זיך שטעלן אויפן יריד מיט אַ קראָם.

— און איר וואָלט זיך געווונטשן נישט קיין ערגערן ייִדן, ווי פּראָסטאָגן זוגטיק. — האָט זיך אָנגערופן משה מענדל, געקוקט אין די חשבונות אַריין. — וואָס דאַרף מען דאָ לייקענען, פאַרשטיי איך נישט?

— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, — זאָגט יודל — אַז איר ווילט נישט גלייבן יענעם. ביי אייך, אַז מע דערזעט צוויי ערלים גייען זיך צונויף און מע צעטראַגט מיר שיר די קראָם, הייסט דאָס שוין געלייזט געלט, און מע פאַרגינט שוין נישט.

— ווייסט איר וואָס, רב יודל? — רופט זיך אָן אַ יונגערמאַן, אַ קאַסאַקער אויף ביידע אויגן. — לאָמיר אַוועקוואַרפן דעם ייִדן, עס איז נאָך דאָ מאָרגן אַ גוטער טאָג, און מע וועט זיך נאָך מיט אים גוט אָנעסן; לאָמיר בעסער שמועסן פון עפּעס אַנדערש.

און דער עולם הייבט אָן צו שמועסן וועגן וועלט־זאַכן, וועגן אתרוגים, וועגן בית־המדרש־ענינים, געוויינלעך, אויך וועגן מלחמה. אַלע רעדן, אַלע רייכערן, דער סאַמאָוואַר זידט און פאַרעט און די שטוב איז פול מיט רויך. אין אויוון הייצט זיך: עס קאָכט זיך אַ באָרשטש מיט געזונטע פּריידקעס צו דער מלווה־מלכה.

— ווו ביסטו געווען, רחלע? — האָט זיך דערוואָסיע מלכה געווענדט צו דער שנור.

— אָט דאָ... אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס...

— וויאַזוי איז אין דרויסן? שיין? גאָט זאָל העלפן, עס זאָל כאָטש האַלטן ביז נאָך אַלע ירידים... וואָס איז דיר, טאָכטער, דער קאָפּ טוט דיר וויי, וואָס דו ביסט אַזוי בלייך? טאָמער וואָלסטו זיך אַ ביסל צוגעלענט ביי זיך אויפן בעט?

ביי די ווערטער האָבן זיך אַלע אויסגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף רחלעס בלייך פּנים און האָבן אַלע אין איין קול באַשלאָסן, אַז זי איז פאַרטשאַדעט געוואָרן פונעם סאַמאָוואַר. רחלע איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר אַריין זיך צולייגן אויפן בעט, און דאָ האָט דער עולם געמאַכט אַ שמועס וועגן טשאַד, וואָס אַ טשאַד, אַזאַ קלייניקייט, אַ גאָלע גאָרנישט, דאַכט זיך, — וואָס, מישטיינס געזאָגט? אַ רויך! — קאָן קוילן מענטשן אויף טויט. און איינער האָט דערציילט, אַז ביי זיין זיידן עליו השלום איז אַמאָל שיר דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון דער וועלט נישט געגאַנגען פון אַ טשאַד. דער אַנדערער האָט דערציילט נאָך אַ שענערע מעשה, ווי אַזוי ביי זיין פעטער האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד שיר געסמט פון אַ מין פיש, וואָס הייסט „מארינקע“, אַזוי, אַז מע האָט זיי קוים מציל געווען פונעם טויט. דער דריטער האָט דערציילט אויך זייער אַ שיינע מעשה פון אַ ליץ, פון אַ האָמאָוויק, פון אַ עולם־התוהו־ניק... אַזוי לאַנג, ביז מען איז אַרויף אויף דעם טויט.

— וואָס מע זאָל נישט רעדן, אויפן טויט מוז מען דאָך אַרויפקומען! — האָט זיך אָנגערופן איינער.

— אליהו הנביא, מע דארף א קוק טון, אליהו התשבי, וואָס טוט עפּעס מיין פּלוניתטע? אליהו הגלעדי... — האָט זיך משה מענדל פּלוצעם שטיל אַ זאָג געטאָן, צוגעזונגען די אליהום פון שבתצונאכטס. ער איז אויפגעשטאנען פון טיש און איז געגאנגען געוואָר ווערן צו רחלען.

XXIV

רחלע קערט זיך אום אויפן גלייכן וועג

— גוואלד, יידן, ראטעוועט! — דער עולם דערהערט א קול פונעם זייטיקן חדר, און אלע האָבן זיך געלאָזט לויפן אהין, אין חדר אריין, ווו רחלע איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט, דעם קאָפּ פארוואָרפן ארויף, און נעבן איר איז געשטאנען משה מענדל האלב טויט.

— וואָס איז? ווער איז? געחלשט? וואסער! גיכער!

— וואסער! וואסער! — האָבן אלע יידן געשריגן און קיינער האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

— אוי, אַ מכה דער מאַמען! — האָט דוואָסיע מלכה אויסגעשריגן און האָט געבראכט א קווארט וואסער, אָנגענומען אין מויל אריין און באשפּריצט רחלען דאָס פּנים, וואָס איז געווען טויט, ווי די וואנט.

— לאָז מען רופן דעם דאָקטאָר! — האָט משה מענדל געשריגן נישט מיט זיין קול.

— דעם דאָקטאָר! דעם דאָקטאָר! — האָבן ווידער אלע יידן געשריגן, גע-קוקט איינער אויפן אנדערן.

— מע באַדאַרף איר ביגן די הענט מיט אַ פּאַטשיילע און קוועטשן די נאָז!

— די נאָז! די נאָז! — האָבן אלע יידן געשריגן און געשטאנען אויף אַן אָרט.

— אָט אַזוי, דוואָסיע מלכה, שטאַרקער, שטאַרקער! — האָבן די געסט אונטערגעגעבן חשק דער באלעבאָסטע, וואָס האָט געארבעט מיט אלע כלים: גע-ריבן, געקוועטשט, געגאָסן וואסער, געריסן די אויגן — אזוי לאנג, ביז מע האָט די פארחלשטע רחלע אָפּגעמינטערט און אויפגעזעצט. רחלע האָט זיך ארומגע-קוקט אויף אלע זייטן, ווי א פארשלאָפענע, און האָט געפרעגט: „ווו בין איך? עס איז מיר הייס, הייס!“...

— צעגייט זיך אַביסל, עולם! צעגייט זיך! — האָט דוואָסיע מלכה געזאָגט און האָט משלח געווען דעם גאנצן עולם אין זאל אריין און איז אליין מיט משה-

מענדלען איבערגעבליבן נעבן רחלען, וואָס האָט נישט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון משה מענדלען.

— וואָס איז דיר, טאָכטער, געשען? — האָט די שוויגער געפרעגט.

— וואָס איז דיר, רחלע? — האָט זי משה מענדל געפרעגט, אָנגעבויגן זיך שטאַרק איבער איר קאָפּ.

— לאָז די מאַמע ארויסגיין פונדאַנען, — האָט אים רחלע געענטפערט שטילערהייט.

— מאַמע, גיי, זיי מוחל, ארויס פונדאַנען, — האָט איר משה מענדל געזאָגט. ער האָט באַגלייט די מוטער פונעם חדר און צוגעגאַנגען צוריק צו רחלעס בעט.

— זאָג מיר, וואָס איז דיר? — האָט זיך צו איר משה מענדל געווענדט דאָס ערשטע מאָל מיט גרויס ליבשאַפט.

— אוי, משה מענדל, שווער מיר, אַז דו וועסט קיינעם נישט זאָגן... שווער מיר, אז צווישן אונדז וועט דאָס בלייבן... זאָג מיר צו, אז דו וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט מיר ... ווען נישט חיה עטל, עליה השלום, זאָל מיך דערמאָנען... אך, ווען נישט חיה עטל... אך, משה מענדל, טייערער מיינער!

— באַטראַכט זיך, רחלע, וואָס דו זאָגסט. דו רעדסט פון היץ! וואָסער חיה עטל?

— מיינע אַ חברטע, חיה עטל, עליה השלום, חיה עטל די יתומה, זי איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט! זי איז מיר שוין עטלעכע מאָל געקומען צו חלום. נאָר היינט, נאָר איצט... אַך, משה מענדל, בייג זיך צו מיר צו נאָענט, נאָענט... אָט אזוי... איך האָב מורא... איך האָב חרטה... אוי, איך האָב חרטה!

און רחלע האָט זיך וואָס ווייטער אלץ נעענטער צוגערוקט צו משה־מענדלען ביז זי איז אינגאַנצן געלעגן ביי אים אויף די הענט. אין חדר איז געווען פינצטער. נאָר איין ליכטיקער פּאַס האָט זיך אריינגעצויגן דורך דער טיר פון זאַל, און רחלע מיט משה מענדלען האָבן קוים געקאָנט זען איינס דאָס אַנדערע. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און א פייערל האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן, אָט דאָס פייערל, וואָס איר קאָנט זען נאָר ביי די גליקלעכע געליבטע צום ערשטן מאָל, ווען דאָס הארץ רעדט, נישט דאָס מויל, ווען מיט די אויגן שמועסט מען זיך דורך, נישט מיטן מויל.

— זאָג מיר, משה מענדל געטרייער, בין איך טאַקע ביי דיר אַזוי טייער?

— אַ שאלה אַביסל? — ענטפערט איר משה מענדל. — ביזט ביי מיר איינגעבאַקן אין הארצן, ווי א... איך ווייס אליין נישט וואָס...

אויף אַן אַנדער אופן האָט משה מענדל נישט געקאָנט אַרויסזאָגן זיין ליבע צו רחלען. נאָר מע מעג אים גלייבן, אז ער האָט עס געמיינט מיטן גאַנצן הארצן,

אזוי ערנסט (און עפּשר נאָך ערנסטער), ווי דער פֿיינער בחור, וואָס האָט פֿיל מער שטאָף אויף אַרויסצוגעבן זיינע געפֿילן דורך ווערטער.

נאָר לאָמיר זיי לאָזן, דאָס גליקלעכע פּאָרפֿאָלק, אָט דאָ אינעם האַלב־פֿינצ־טערן חדר, וווּ אין אַ יאָר אַרום נאָך דער חתונה האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל גע־האַט די געלעגנהייט אויסצורעדן זיך אַ ביסל דאָס האַרץ איינער פֿאַר דעם אַנ־דערן, זיצן ווי די טייבעלעך. דאָס, וואָס איז אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר געווען פֿאַר־באָרגן טיף אין האַרצן, איז פּלוצעם אַרויסגעשוווּמען אַרויף, ווי בוימל אויפֿן וואַסער.

* * *

אבי רחלען איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער, זיצט זיך משה־מענדל נעבן איר און זינגט זיך שטילערהייט, אונטער דער נאָז, די „אליהוס", ווי פֿריער:

— אליהו הנביא... אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און רחלע רופֿט זיך אָן צו אים:

— איך האָב צו דיר אַ בקשה, משה מענדל. זאָג, איך וועל ביי דיר פּועלן, צי ניין?

— דהיינו? וואָסער אַ בקשה? זאָג, רחלע, וועסט אַלץ ביי מיר פּועלן. אפֿילו דאָס טעלערל פֿונעם הימל וועסטו ביי מיר פּועלן.

— געווען שוין, משה מענדל, צו זיצן אויף קעסט. קיין בית־המדרשניק ביסטו נישט, עטלעכע קערבלעך האָבן מיר, דאַנקען גאָט, — לאָמיר אַרויספֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, קיין יעהופּעץ. דאָרטן, צווישן מיינע פֿריינד, מיין משפּחה, און מיט דיר — וועט מיר זיין גוט ווי די וועלט. מיר וועלן שוין זיין אַליין. געגעסן שוין עסן קעסט, כלעבן, ס'איז מיר שוין אזוי נמאס, אזוי טריף, אַז ס'גייט מיר נישט איין גאָרנישט... מיר זענען דאָ צווישן דייניקע עפּעס ווי פֿרעמדע, ווי ווילד פֿרעמדע...

משה מענדל בלייבט זיצן און באַטראַכט אַ ביסל רחלען פֿאַרוווּנדערט. נאָכ־דעם צעשאָקלט ער זיך, ווי פֿריער, און זינגט זיך ווייטער די אליהוס.

— אַך, זייער פֿיין, איש זעף, פֿונמיינעטוועגן? אליהו הנביא... אפֿילו נאָכ־שבתדיקע וואָך!

אַלצדינג פֿיר איך ביי דיר אויס, משה מענדל, אַלצדינג! — זאָגט צו אים רחלע מיט גרויס ליבשאַפֿט. — איאָ? מיר וועלן זיך זיצן אַליין, איך וועל מיר זיין אַ באַלעבאָסטע און וועל דיך אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג... אַך, משה מענדל, ביסט אַזאַ צעטראָגענער, אַז מע הערט פֿון דיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט! נאָר היינט ביסטו עפּעס גאָר אַנדערש, גאָר אַנדערש...

— אליהו הנביא... זינגט משה־מענדל שטילערהייט. — אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און דאָרט, אין זאַל, צווישן די מאַנצבילן, גייט אַן אַנדער שמועס: דער עולם פּאַלט אויף פּאַרשיידענע המצאות, פֿאַרוואָס האָט דאָס איזיק נפתלים שנור געקאָנט פּלוצעם חלשן? איינער זאָגט, אַז דאָס איז פֿון אַ גוטאויג; דער אַנדערער דרינגט פֿאַרקערט, אַז ס׳איז אַ מין ווינטל געכאַפּט; און דער דריטער, אַ באַטאָגטער ייד, וואָס האָט שוין אויסגעגעבענע קינדער, זאָגט זיך זיין המצאה:

— פּאָלגט זשע מיך, איך האָב אַליין דריי שניר, בין איך שוין קלאָר אין דעם ענין; איך זאָג אייך, ס׳איז „פֿאַסטעווקעס“. איזיק נפתלי, גרייט זיך אויף אַ לעקעד און בראָנפֿן, אָדער אַ ברית... דוואָסיע מלכה, מזל טוב אייך! אייער שנור — נו—נו, מהיכא־תיתי!... וואָס שעמט איר זיך דאָ אַזוי, דוואָסיע מלכה? נישקשה, ס׳איז אַ יידישע זאַך...

דוואָסיע מלכה שמעלצט זיך פֿון גרויס פֿאַרגעניגן; זי קוקט שוין לאַנג דערויף אַרויס.

— נו—נו, — זאָגט זי כלומרשט מיט אַ בייזער. — גייט שוין גייט מיט אייערע קאַטאָוועסלעך! מע דאַרף בעסער אַ קוק טון, וואָס הערט זיך מיטן באָרשטש? עפּעס געדויערט ער היינט ביי איר מער ווי אַלע שבתצונאַכטס!...

XXV

אין אַ יאָר אַרום

„אַ שטילע וועטשערע!“ — זאָגט דער לעזער, אַפּנים, שטאַרק נישט צופֿרידן, מחמת ער איז דערצויגן געוואָרן אויף יענע „העכסט־אינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען, ווו מע הענגט זיך און מע טרינקט זיך, ווו מע סמט זיך און מע שיסט זיך, אָדער ווו פֿון אַ מלמד ווערט אַ גראַף, פֿון אַ דינסטמיידל — אַ בת־מלכה, און פֿון אַ באַהעלפֿער — אַ פּיפּערנאָטער... וואָס זאָל איך טון, אַז ביי אונדז איז נישטאָ קיין גראַפֿן מיט קיין בת־מלכהס? ביי אונדז זענען פֿאַראַן פּראָסטע יידן, פּראָסטע ווייבלעך, יידישע מעכטער און יידישע קלעזמער... נאָר צו וואָס טויג דאָס פֿאַר־ענטפֿערן זיך? אַצינד מעג שוין דער לעזער זאָגן וואָס ער וויל; קוים האָב איך אים שוין צוגעפֿירט ביז אַהער, וועט ער שוין גיין מיט מיר ווייטער און וועט וועלן וויסן דעם סוף, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט רחלען? וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט סטעמפּעניון?

מיר לאָזן איבער אַ גאַנץ יאָר (וואָס איז אַ יאָר אינעם מענטשנס לעבן?) און מיר קומען צו איזיק נפתלין שבת־צו־נאַכטס אויף מלווה־מלכה און טרעפן האָרטן די אייגענע פאַרשוינען, וואָס פאַר אַ יאָרן, און הערן די זעלבע שמועסן, וואָס פאַר אַ יאָרן, נישט געמיינערט אַ האָר. מע רעדט אַזוי לאַנג וועגן יריד, פּרנסה, פּדיון, קינדער, — ביז מע קומט אַרויף אויף משה־מענדלען מיט רחלען, וואָס זיצן איצט אין יעהופּעץ.

— ווייז נאָר אהער, הוואָסיע מלכה, דאָס בריוול, וואָס די קינדער שרייבן פון יעהופּעץ? — רופט זיך אָן איזיק נפתלי צום ווייב. — נאַט, לייענט, רב יודל.

— לאָז ער לייענען! — זאָגט יודל, אָנווייזנדיק אויפן קאָסאָקן יונגערמאַן. דער קאָסאָקער נעמט דאָס בריוול און לייענט עס, ווי אַ וואַסער:

„שלום וכל טוב סלה לאהובי אבי החכם המפורסם המופלג מופלא מוהר״ר איזיק נפתלי ב״ר משה יוסף ז״ל, ולאמי הצנועה החסידה והמפורסמת אשת חיל כאסתר וכאביגיל כש״ת מרת הוואָסיע מלכה בת משה מענדל ז״ל, עם כל ב״ב שלום...

„כזוהר השמש בערפלי חושך בתכלת הרקיע, שם בעליונים בגבהי שחקים מבין מחרכי און יקרות וקפאון לטוהר...״

— ניין! — שרייען אַלע. — ניין, נישט דאָס! דאָס איז גלאַט אַזוי, ווייס איך, מליצה, יינגלשע זאַכן. זייערע נאַרישקייטן! לייענט ווייטער, אויף יענער זייט.

דער קאָסאָקער קערט איבער דאָס בריוול און לייענט:

„און אודות, וואָס דו פרעגסט מיך, אבי היקר, איך זאָל דיר שרייבן מכוח פּרנסה ומסחרים דפה יעהופּעץ, בין איך דיר מודיע...״

— אָ, אָט דאָס מיינט דער פּסוק — זאָגט דער עולם צופרידן. — לייענט, לייענט ווייטער!

„...בין איך דיר מודיע, אַז ביותר גייט דאָ אָן שניט־סחורה, גם צעלניק, רק צעלניק נישט אַזוי, כמו שניט־סחורה. גם באַקאַליע איז גם כן נישט שלעכט, נישט ערגער ווי אצליכם במאַזעפּעווקע. וואָל־צייג איז דאָ ביוקר, טאַקע מיט גאָלד גלייך. צוקער, קמח וקלייען איז דאָ גם כן אַ מסחר, עס גייט לזאַגראַניצע, און יידן פאַרדינען דערביי אַ שיין קערבל. הכלל, יעהופּעץ איז אַן ארץ מבורכת, די שטאָט גופא איז מוראדיק גרויס, ס׳איז כדאי זי אָנצוקוקן. עס איז כלל אַן אַנדער וועלט בפה יעהופּעץ, איר קאָנט בפה באַגעגענען אַזאַ יידן, וואָס איר וועט אין לעבן נישט זאָגן, אַז ס׳איז אַ ייד. גם איז דאָ אַ מסחר פּאַפּיר. פה איז אַלץ־דינג אַ מסחר. און יידן דרייען זיך דאָ אויף דער בערזע, קויפן און פאַרקויפן אַלערליי אַקציעס, און מעקלערס פאַרדינען געלט לרוב. גם זוגתי מרת רחלע

לאָזט אייך אלעמען גריסן גאָר פריינדלעך. זי שרייבט אייך בעצמה. יעזור השי״ת, מיר זאָלן הערן פון אייך גם כן בשורות טובות — אמן. גם אודיעכם, אַז הקלייט, וואָס איך האָב געדונגען, איז אין סאמע פראָנט באלעקסנדראָווסקי אוליצא, און הפדיון איז, ברוך השם, גאָרנישט שלעכט. זוגתי מרת רחלע שתחיה האָט זיך שוין אויסגעלערנט די מלאכה און קאָן שוין רעדן עם הקונה. רק על ירידים און איינקויפן פאָר איך בעצמי, איך האָב קרעדיט אצל הסוחרים במאָסקווע ובלאָדז. מיט מאָסקווע איז נישט שלעכט צו האנדלען, מאָסקווע פארקויפט על סאָוועסט און האָט ליב א יידישן קונה. אפילו אז עס מאכט זיך אן אָנזעץ, האלט מאָסקווע אונטער און לאָזט נישט פאלן. דירות איז פה ביוקר גדול. פאר צוויי אלקערם מיט א קיך צאָל איך דאָ הונדערט פינף און זיבעציק רובל א משך, חוץ האָלץ און וואסער, און דאָ איז אלצדינג טייער מיט גאָלד גלייך. און צוממיינסטנס פארנעמען זיך דאָ יידן מיט מעקלעריי און יידישע מעקלערס זענען בפה פאראן לרוב, און א ייד האָט דערפון א קערבל בכבוד. הכלל, יעהופעץ איז א מקום פרנסה. געב גאָט געזונט און שטארקייט און צו הערן דאָס נעמלעכע פון אייך, ווי עס ווינטשט אייך

ממני בנכם דורש שלומכם והצלחתכם כל הימים משה מענדל בלא״א מוהר״ר אייזיק נפתלי ממאזעפעווקע

גריסן לדודי היקר ולדודתי היקרה עכב״ב.

גריסן להגגיד ר׳ יודל עכב״ב.

גריסן להנגיד ר׳ שמחה הערש עכב״ב.

גריסן להגגיד ר׳ דובער עכב״ב.

גריסן להנגידה מרת סמיסי ביילע עכב״ב.

גם בני יוסף נ״י גריסט אייך אלעמען גאָר פריינדלעך.

הנ״ל״.

„און איך לאָז גריסן מיין האָכגעשעצטן שווער און מיינער ליבער שוויגער, לעבט וואָל! איך מעלד אייך פון מיין געזונט, געב גאָט אויף ווייטער נישט ערגער. אויך מיין יאָסעלע לאָזט אייך גריסן און דאנקט דער שוויגער לעבן פארן העמדל פיל מאָל. ער זאָגט אייך צו דערפאר, אז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן און ער וועט, אם ירצה השם, אין דריי פיר יאָר ארום אָנהייבן צו גיין אין חדר, וועט ער, אם ירצה השם, לערנען מיט חשק און וועט זיין, אם ירצה השם, אן ערלעכער ייד, געב גאָט מיט לאנגע יאָר, אמן. שוויגער לעבן, אויב איר קאָנט אצינד אויסארבעטן פון יאָסעלעס וועגן א יארמעלקעלע מיט א פאָר שיכעלעך פון בלימשקע, וואָלט איך אייך זייער געדאנקט, מחמת איך בין זייער פארנומען אין געשעפט, און קיין אם וויל איך נישט צונעמען צו יאָסעלען, עס איז נישט כדאי. איך האָב גאָר געדונגען א מיידל און צאָל איר פיר קערבלעך אויף מיין גאנג, וויגט זי מיר דאָס קינד און טרייבט די קו אין טשערעדע — איר וואָלט געדארפט זען וואָס

פאר א קו איך האָב געקויפט! זי גיט גאנצע פיר קווארט מילך, זייער טייערע מילך, און איך האָב, ברוך השם, פון איר קעז און פוטער. נאָר משה מענדל לעבן האָט פלוצעם פיינט באקומען מילכיקס. שטראָפט אים אויס, איך בעט אייך, ער היט זיך בכלל נישט אָפ! יאָסעלע רייסט זיך איצט אויף א קול, ער וויל נעבעך עסן, מיר זאָל זיין פאר אים! איך שליס מיין בריוו און לאָז גריסן אלע אונדזערע פריינד און ליבע פריינד גאָר הערצלעך, און בעט אָפשרייבן ענטפער, למען השם, און פאַרבלייב אייער גליקווינטשענדע און איבערגעבנסטע שוויגער־טאָכטער כלתכם רחל".

— נו? — זאָגט בערל דער גראָבער. — הלוואי אויף מיינע קינדער געזאָגט געוואָרן נישט ערגער!

— איר זינדיקט, דוואָסיע מלכה, איר זינדיקט! — זאָגט יודל, כ'לעבן, איר זינדיקט!

— אוודאי, א דאנק זיין ליבן נאָמען, וואָס ס'איז זיי, קיין עין־הרע, גוט. נאָר זי מוט מיר באנג — איך קאָן זי נישט פארגעסן, רב יודל, איך קאָן זי נישט פארגעסן!

און דוואָסיע מלכה רעכנט אויס יודלען אַלע מעלות פון איר שנור מיט אַלע אירע פאָסטעמקעס און באווייזט אים, פארוואָס זי קאָן זי נישט פארגעסן. דער גאנצער עולם רעדט, שמועסט מכוח יעהופעצ און מכוח יעהופעצער מסחרים. נאָכדעם נעמט מען צו קאפעלעך, מע טרינקט לחיים, האלטנדיק דאָס קעלישעקל אין דער האנט גאנץ לאַנג, און מע ווינטשעוועט איינער דעם אַנדערן אַלדאָס גוטס, און אויף דעם כלל ישראל בשורות טובות מיט ישועות ונחמות. ביז דער באָרשטש קומט ארויף אויפן טיש און צעשפרייט א מחיהדיקן ריח איבער דער גאנצער שטוב, און דער עולם ווערט פריילעך. מע פארגעסט זיך און מע פאַרגעסט זיך אָן משה מענדלען, מיט רחלען, מיט דער שטאָט יעהופעץ און מיט אַלע מיטאנאנדער.

XXVI

סטעמפעניו פארזוכט דעם אמתן טעם פון גיהנום

נאָר איין מענטש קאָן נישט פארגעסן די שיינע רחלע.

דער לעזער שטויסט זיך, אז דאָ שמועסט מען מכוח סטעמפעניון.

יאָ, מכוח סטעמפעניון שמועסט מען. ווער איז אומשטאַנד איבערצוגעבן זיינע גרויסע יסורים? ווער קאָן פילן זיין הארץ און פאַרשטיין זיין גרויס פאַרדראָס?

„סטייטש, פארדראָס! סטייטש, דאָסאדע! — טראַכט זיך סטעמפעניו. — אפילו נישט מזכיר געווען, נישט איבערגעקערט די צונג, קיין צוויי צעבראָכענע ווערטער נישט אויפגעשריבן, כאָטש פון יוצא וועגן: „נא, ווייס כאָטש, אז איך פאַר אַוועק — פע, בזיונות!“...

סטעמפעניו האָט זיך נאָך אזעלכעס קיינמאָל נישט געטראָפן, כאָטש טרעפן האָבן זיך אים געטראָפן פארשידענע טרעפענישן, און אמאָל — נאָך זייער מיאוסע, מיט א בייזן סוף, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט. נאָר אזא שלאָק, אזא מפלה, ווי מיט רחלען, האָט זיך אים אפילו נישט געחלומט. סטעמפעניו, וואָס איז געווען אזא חשוב ביים רבין אין הויף, אז אפילו דעם רבינס טעכטער האָבן מיט אים געטריבן קאַטאָוועס, סטעמפעניו, וואָס אפילו די גראפינע ברעזשעזשיקא מיט אלע „פאנעס“ זענען געווען נאָך אים די כפרה, ארויסגעשיקט נאָך אים די קארעטע, גערעדט מיט אים אויף פראנצויזיש, — הכלל, סטעמפעניו זאָל האָבן אזא נאָז, און נאָך אזוי מיאוס, פון א פשוט יידיש ווייבל!

— זי טוט מיר הארציק באנג! — האָט זיך סטעמפעניו מודה געווען פאר זיין קאמפאניע קלעזמער. — זי טוט מיר הארציק באנג, אָט דאָס ווייבל, און איך וואָלט איר נאָכגעפאָרן ביז יעהופעץ. ווען נישט... ווען נישט... — סטעמפעניו קוקט זיך ארום אויף אלע זייטן, און חברה ווייסן שוין, ו ע מ ע ן ער זוכט דאָ מיט די אויגן.

די גאנצע חברה קלעזמער האָבן ליב געהאט סטעמפעניון, ווי דאָס לעבן, און זענען קאפאבל צו גיין פונזייטעטוועגן אין פייער און אין וואסער. און ווי ליב זיי האָבן געהאט סטעמפעניון, אזוי האָבן זיי פיינט געהאט פריידלען. זיי האָבן זי נישט געקאָנט אָנקוקן פאר איר קארגשאפט, פאר איר זשעדנעקייט צום געלט און פאר אלע אירע מיאוסע תנועות.

— כל=זמן ער איז געווען א בחור, — האָבן חברה געשמועסט צווישן זיך, — איז א סמאליער[1] געווען ביי אים הפקר, און מע האָט זיך געקאָנט ארום אים פאָזשיווען, אמאָל כאַפּן אויף אייביק אַ גמילת=חסד אַ סטראָמערל,[2] צי אַ שפּענערל,[3] און אמאָל אזוי א מתנה. אצינד, זינט די מרשעת, ימח=שמה, האָט אים צוגענומען צו זיך אין די לאפקעס אריין, פגרט ער אליין נאָך א גראָשן, כאָטש הענג אים אויף. נישטאָ אמאָליקע יאָרן מיט די אמאָליקע וועטשערעס ביי סטעמפעניון, מיט די אַרומפאָרעכצן! הייגט ליג אין דער קרענק, האַר און קוואַר און

---

[1] סמאליער — קערבל.

[2] סטראמערל — דרייערל.

[3] שפענערל — פינפערל.

ווער געשוואָלן ווי אַ באַרג פֿאַר הונגער. דאָס גאַנצע יאָר זיץ אָן אַ שטיקל קרעל[1] און קוק אַרויס אויפֿן ראָש־חודש אלול! זאָלסט זאָגן, זי זאָל עס פֿון יוצא וועגן מכבד זיין אַ גאַנץ־בראָט מיט אַ גלעזל טיי, רופֿן אַמאָל פֿון דרך־ארץ וועגן עסן — עסן זאָלן ווערעם איר לייב!

— גלייבט מיר, עס מאַכן זיך איצט אָפּט צייטן, ווען עס דאָקאַרעט זיך בעריען,[2] אַז ס'איז אַ שרעק, נאָר זי זאָל מיר אַנידערלייגן גאָלד, וואָלט איך ביי אַזאַ שלאַק נישט פֿאַרזוכט קיין שטיקל קרעל.

— ווי אַזוי לעבט ער מיט איר, מיט אַזאַ יאַשטשערקע, מיט אַזאַ נבֿלה? איך וואָלט שוין לאַנג אַזעלכעס געסמט אָדער געהאָנגען, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווי איר זעט מיך לעבן!

— אי, סטעמפּעניו, סטעמפּעניו, ליגסטו נעבעך אין דער ערד, ווי אַ באַרג, און באַקסט בייגל!...

אָט אַזוי שמועסן זיך אויס וועגן סטעמפּעניון זיין קאַמפּאַניע קלעזמער, וואָס זעען זיינע צרות, פֿילן זיינע ווייטיקן, כאָטש ער רעדט מיט זיי נישט וועגן דעם.

אַז פֿריידל איז אין מאַרק, אָדער זי איז פֿאַרנומען מיט אירע משכנות און מיט אירע קונים, איז נאָך ווי עס איז: סטעמפּעניו איז מכבד די חבֿרה מיט פּאַפּיראָסן, מע זיצט, מע לעצעוועט, מע דערציילט מעשׂיות פֿון אַמאָל און מע רייכערט די פּאַפּיראָסן אויף וואָס די וועלט שטייט. נאָר אָט קומט אַריין פֿריידל, ווערט אַלעמען קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן, און חבֿרה הייבט זיך אָן אַרויסרוקן איינציקווייז.

— זעט נאָר זעט, ווי מע האָט דאָ אָנגעקורעט, ווי אין אַ קרעטשמע! — זאָגט פֿריידל, שמאַרענדיק מיט דער נאָז און קוקנדיק אויף דעם פּעקל טאַבאַק, וואָס טאָגט שוין. — נאָר געררייכערט, נאָר געקורעט און געגנוג! עס טוט מיר שוין ווי מיין קאָפּ פֿון אייערע ציגאַרן, איר וועט מיך קראַנק מאַכן! דו מיינסט, סטעמפּעניו, ס'איז אַ מעלה, וואָס דו רייכערסט אַזויפֿיל? פֿאָלג מיך, סטעמפּעניו, הער אויף צו רייכערן, נשמה מיינע! גלייב מיר, עס שאַדט דיר צום געזונט.

— וואָס טויג דיר, פֿריידל, געזונט־געשמונטס? זאָג בעסער, אַז דו זשאַלעוועסט מיר אַ גילדן אויף פּאַפּיראָסן — און גענוג. צו וואָס טויג דיר אָנשטעלן?

— וואָס זאָגסטו אויף זיין טאַטן? נאַ דיר גאָר אָנשטעלן! איך מיין זיין טובֿה, און ער קומט דיר מיט זיינע אָנשטעלן! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג צום שיינעם פֿרימאָרגן, וואָס איך האָב היינט געהאַט, זיך אָנגעהאַריקעט, אויסגעקאָכט דאָס וואַסער, אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, נישט געלייזט אַ גראָשן, און דערצו

---

[1] קרעל — ברויט.
[2] דאָקאַריעט זיך בעריען — עס ווילט זיך עסן.

גאָר געזידלט געוואָרן, ווי א דינסט, ערגער ווי א דינסט, געשווארצט דאָס פּנים, געמאכט מיט בלאָטע גלייך — און סחורה ליגט און פוילט...

— איך וואָלט א בעלן זיין וויסן, פריידל סערציע, וואָס פראטעסטו אזוי? וואָס קארגסטו? די קינדער דיינע האָבן דיך באפאלן?

— קוק אים נאָר אָן אביסל, איך בעט דיך, א נעבעכל! ער ווייסט נישט, מע דארף אים פּיקן די צונג דארף מען אים, איך זאָג דיר! מסתמא טראָג איך דאָך דאָס אָפּ דער מאמע מיינער, — איאָ, סטעמפּעניו? אָדער איך עס דאָס אליין אויף, אזא פרעסערין, א זויפערין, ווי דיין ווייב איז, מע זאָל גאָר באהיט און באוואָרנט ווערן, — אַיאָ, סטעמפּעניו? אַנו, קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין, סטעמפּעניו, איאָ?

— איך זאָג דען, אז דו עסט אויף? אדרבה, איך זאָג פארקערט, איך זאָג...

— דו זאָגסט, דו זאָגסט — איך ווייס וואָס דו זאָגסט! דו האָסט נאָך צו זאָגן, איאָ, סטעמפּעניו? דו דארפסט נאָך האָבן טענות צו גאָט, וואָס האָט דיר צוגעשיקט אזא אויסברענגערין, ווי איך, וואָס איך קאָן דיר מאכן פון א גראָשן צוויי און דיך אין זינען האָבן טאָג ווי נאכט, אדרבה, זאָג, וואָס פעלט דיר, וואָס גייט דיר אָפּ? דו שווייגסט? איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וווּ וואָלסטו שוין אציינד אָנגעשפּארט מיט דיין פידעלע, ווען דו זאָלסט מיך נישט האָבן, סטעמפּעניו, פאר א ווייב?

— או—וואַ!

— זאָלסט טאַקע וויסן, אַז „או—וואַ!“ עס ווייזט אויס, אַז דו האָסט פאַרגעסן, וואָס פאר א פּנים דו האָסט געהאט צו דער חתונה — אָן א העמד אויפן לייב, קיין גאנצע פּאָר זאָקן, קיין קישעלע, קיין ציכעלע, קיין לייב און לעבן, און פארדינט האָסטו שטיקער גאָלד — ווו איז דאָס אהינגעקומען?

— אָט פלי איך דיר אָפּגעבן דין וחשבון פון מיינע פארדינסטן בחורווייז.

— א! אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט דיר, סטעמפּעניו! דו קאָנסט נישט ליידן, אז מע זאָגט דיר דעם ריינעם אמת, און האָסט נאָך טענות צו יענעם, דערפאר, וואָס יענער שלאָגט זיך קאָפּ אין וואנט פאר דיר, האָרעוועט, קריכט אין דער ערד, פארגינט זיך נישט קיין שטיקל ברויט אויפצועסן, פארומערט זיך דאָס לעבן, און אלץ צוליב וועמען? צוליב אים! אלץ פונזיינעטוועגן, טאָמער ווייסטו, פאר וואָסערע מעשים טובים? ער וועט מסתמא שטעלן א גילדענע מצבה נאָך מיין קאָפּ — אז אָך און וויי איז מיר...

— וואָס האָב איך דיר געטאָן? און ווער טשעפּעט דיך?

— וואָס זאָלסטו מיר טון? האָסט מיר גענוג געטאָן! האָסט מיר פארוויסט מיין וועלט! האָסט גענומען א יונג קינד, א מיידל א יונגעלע, און האָסט מיט דיין צינגעלע מיך איבערגערעדט, צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, אָפּגעליגנערט פונעם קאָפּ

ביז די פיס. וואָס וואָלט מיר שלעכט געווען, איך זאָל דיך נישט געווען קענען? איך וואָלט מיר אָפּגעזוכט מיין גליכן און וואָלט נישט געווען סטעמפּעניוס ווייב — אַ גליק האָט מיך געטראָפן!

— נו, אפשר האָסטו הרחבה אויפן שידוך, פריידל? ס'איז דאָ אַ רב אין מאַזעפּעווקע, און אַ טייך, און מע קאָן שרייבן גט...

— אַ־אַ־אַ? אָט דאָס איז דיין מיין? קום אַמאָל זיך אויסגעקוועטשט! דו מיינסט, איך ווייס נישט, אַז דו קוקסט דערויף אַרויס? דו ווילסט פון מיר פּטור ווערן! איך ווייס, סטעמפּעניו, איך ווייס, מיך וועסטו נישט נאַרן! איך בין דיר גרויס אין די אויגן! נאָר פאַר וואָס קומט דאָס מיר, סטעמפּעניו? איך פרעג דיך, אדרבה, זאָג מיר, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? לאָס איך אויך וויסן!

— עט! — ענטפערט איר סטעמפּעניו, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, גייט אַוועק צו זיך אין חדר אריין און נעמט זיך אַראָפּ דאָס פידעלע פון דער וואַנט.

דאָס פידעלע — דאָס איז איינגאַנצן זיין טרייסט, זיין איינציקער חבר אויף דער וועלט. מיטן פידעלע קאָן ער פאַרגעסן זיינע יסורים, דערמאָנען זיין יוגנט, זיין פרייהייט, וואָס ער האָט אָנגעוואָרן אויף אייביק, אויף אייביק! פיל פאַרשידענע פאַרשווינען רופט אים אַרויס דאָס געזאַנג פון זיין פידעלע; פיל שיינע, ליכטיקע, פריילעכע בילדער פון אַמאָל שטעלן זיך אים פאַר, ווען ער הייבט אָן צו שפּילן; זיי באַווייזן זיך — און אַנטלויפן!...

צווישן די אַלע אַמאָליקע בילדער רירט אים אָן מער פון אַלע איין בילד, וואָס ער קאָן גאָרנישט פאַרגעסן: דאָס שיינע ליבע בילד פון רחלען מיט איר ליכטיק פּנים, מיט אירע בלויע אויגן, מיט די לאַנגע ברעמען, מיט איר ווייסן האַלדז און מיט איר זיס, גוט שמייכעלע, פאַר וועלכעס ער איז גרייט אַלץ, אַלץ אַוועקצוגעבן!

סטעמפּעניו שפּילט און שפּילט; ער שפּילט לאַנג, כדי דער שאָטן פון רחלען זאָל נישט פאַרשווינדן ווערן, ווי תמיד. ער וויל כאָטש זען איר שאָטן. די מחשבה אפילו וועגן רחלען איז ביי אים טייער, זייער טייער.

* * *

אין יענער צייט האָט סטעמפּעניו געשפּילט אַזוי, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט. אין יענער צייט, קאָן מען זאָגן, האָט ער געגרייכט אין זיין שפּילן ביז דער העכסטער מדרגה. ווער עס האָט אים אין יענער צייט נישט געהערט שפּילן, דער האָט נאָך קיין גוטס נישט געהערט.

אַזוי קוועלן מיר אָן, ווען דאָס פייגעלע זינגט זיך אין שטייגעלע: עס חלומט זיך דעם פייגעלע גרינע בלעטלעך, בליענדיקע קוויטן, פרייע לופט, אַ פרייע וועלט, אַן אָפענע וועלט, אַ גרויסע ברייטע וועלט, און עס באַקומט חשק צו זינגען, אויס־

צוגיסן דאָס ביטערע האַרץ — און עס זינגט, עס וויינט, עס צעגיסט זיך! און מיר קוועלן אָן, קלייבן דערפון תענוג, האָבן אמת פאַרגעניגן.

— זי טוט מיר האַרציק באַנג! — זאָגט סטעמפעניו צום הונדערטן מאָל פאַר זיין קאַמפּאַניע קלעזמער. — איך בענק נאָך איר באמת, ווי נאָך אן אייגענער. איך וואָלט איר נאָכגעפאָרן ביז יעהופּעץ, ווען ניט...

און סטעמפּעניו קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און דערזעט פריידלען, ווי זי שטייט און טענהט איבער א קונהטע פון קאַרעלן, פון זיידענע טיכלעך און פון בליטשקע...

אונדזער פריידל האָט ביסלעכווייז איינגעפירט א גאַנצע קראָם ביי זיך אין שטוב און איז געוואָרן א רעכטע סוחרטע, גלייך מיט אַלע מאַזעפּעווקער קרעמעריקעס.

גאַנץ אָפטלעך קומט צו איר צוגאַסט איר מוטער, צפורה די גראָבע. זי זאָגט, אַז ישעיהקע בענקט זייער נאָך דער טאָכטער און שיקט זי געוואָר ווערן, וואָס פריידל מאַכט. נאָר פריידל ווייסט, אַז ס'איז א ליגן; זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די מאַמע איז זשעדנע און דער היים א שטיקל ברויט, קומט זי אַהער א ביסל זיך אָפּפּאַסטן און מאַכט זיך דאָ גאָר א גאַנצן קימפּעט.

— ווייסטו וואָס, טאָכטער? מאַך אַזעלכע פּוטערבולקעס, ווי איך פלעג אַמאָל מאַכן, געפלאָכטענע און גוט אויסגעטריקנט. דאָס מיט ציקאָריע איז זייער געזונט, און ווער עס קאָן פאַרדייען מיט א סך פּוטער — איז גאָר גוט. און אויף אָנבייסן הייס צופּרעגלען די פלאָסטערן פון די געגנדז מיט א ציבעלקע. דער טאַטע, אויב דו געדענקסט, האָט דאָס ליב פון תמיד אָן. געזונט, טאָכטער, זאָל מען זוכן אין שיסל...

און צפורה באַלעקט זיך אַזש און טראַכט צו אַלע טאָג א נייעם אָנבייסן מיט אַ נייעם וואַרמעס מיט אַ מיטאָג און מיט אַ וועטשערע, — און מע קאָן ניט זאָגן, אַז פריידל איז דערפון שטאַרק צופרידן. די ערשטע וואָך טראָגט זי דאָס ווי עס איז איבער, נאָר אויף דער אַנדערער וואָך הייבט זי זיך אָן צו בלאָזן אויף דער מאַמען, די מאַמע — אויף איר, ביז מע צעאַמפּערט זיך און מע לאָזט אויס דעם גאַנצן כעס צו סטעמפּעניון, וואָס וויל זיך אַריינמישן און מאַכן שלום צווישן ווייב מיט דער שוויגער.

— ס'איז ניט דיין עסק! — זאָגט צו אים פריידל. — דו האָב נאָר קיין יסורים ניט. איך וועל מיין מאַמען דיין ירושה ניט אַוועקגעבן. זיי רואיק, סטעמפּעניו!

— א שיינער געניידעם! — זאָגט די שוויגער פון איר זייט מיט א שטאָך. — אַן אָקס האָט א לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזן! ביי לייטן א שוויגער האָט כבוד גלייך ווי אן אייגענע מאַמע. ער זעט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, וואָס פאַר

א כבוד איך האָב פון מיין טעטעטערל, ווי זאָגט מען: שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פנים, — און ער זאָל עס איר אפילו איבערקערן די צונג. אויך מיר א מאן, מישטיינס געזאָגט, אבי געקרימפלט אויפן פידל. איך פארשטיי דאָס גאָרנישט, וויאזוי ווערט דאָס אים נישט נמאס, מאַטעניו! וואָס מיין טאָכטער נעמט זיך אזוי איבער — ווייס איך נישט: אז דאָס מזל גייט, קעלבט זיך און אָקס אויך. מע האָט שוין געזען אזעלכע בריות, ווי דו! דיין שווער איז אמאָל געווען אזא שיי־נער פידלער, ווי דו, נאָר גאָרנישט, ווי זאָגט מען: א גייער בעזעם קערט ריין. צו אלצדינג דארף מען האָבן מזל, און אז גאָט וויל, שיסט א בעזעם. ברוגז, סטעמפעניו, דארפסטו אויף מיר נישט זיין, וואָס איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת, און כאָטש יעדער הונט איז אוודאי א באלעבאָס אויף זיין שוועל, נאָר קיין פרעמדע בין איך דיר נישט, פאָרט א שוויגער, און אז מע שפילט זיך מיט דער קאץ, נעמט מען פאר ליב איר קראץ...

און צפורה שיט מיט ווערטלעך, ווי פון א זאק, ווי איר שטייגער איז, אז זי צערעדט זיך. נאָר סטעמפעניו הערט נישט אוים ביזן סוף: ער נעמט זיך צו דער פידל, ווי תמיד, ווי אַלע מאָל, ווען ס'איז אים שוין גוט אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן — און דעמלט פארגעסט ער דאָס ווייב מיט דער שוויגער מיט אלע צרות. און עס שטעלט זיך אים פאָר אלץ יענע רחלע מיט די בלויע אויגן...

„זי טוט מיר האַרציק, האַרציק באַנג!“ — טראַכט זיך סטעמפעניו און קלערט אלץ תחבולות, ווי ארום קומט מען צו איר, וויאזוי און ווו קאָן מען זי זען נאָך א מאָל...

פוסטע מחשבות! ער ווייסט נישט, אז זיין לידל האָט ער שוין אָט באלד באלד אָפגעזונגען, אז זיין ווערטל האָט ער שוין כמעט אָפגעקומען: ער זעט נישט, ווי זיינע שיינע שווארצע לאָקנס ווערן וואָס ווייטער שיטערער, ווי זיינע פייערדיקע אויגן ווערן אָן ביסלעכווייז דעם גלאנץ, אזוי ווי אויף זיין ווייסן שטערן לייגן זיך שוין קנייטשן.

נארישער גבור! פארגעס זיך נישט, זע, ווי ביי דער זייט שטייט דיין דלילה, דיין ווייב פריידל. די דאָזיקע דלילה האָט דיך פארוויגט, פארשלעפערט ביי זיך אויפן שויס, שטילערהייט אָפגעשוירן דיינע לאנגע האָר און צוגענומען ביי דיר דעם כוח, אינגאנצן דיין כוח, ווי יענע דלילה ביי שמשון הגבור.. דיר איז געבליבן איצטער איין טרייסט אויף דער וועלט — די פידל.

שפיל, סטעמפעניו, שפיל אויפן פידל! שפיל, און מיר וועלן האָרכן...

יאָסעלע סאָלאָוויי

א יודישער ראָמאַן

געשריבן אין יאָר 1886.

ליבער, טייערער פריינד!

מיין צווייטן יידישן ראָמאן „יאָסעלע סאָלאָוויי“ ברענג איך דיר במתנה הײנט, צו דעם טאָג פון דיין געבוירן ווערן. איך האָף, אז די דאָזיקע מתנה וועט ביי דיר אָנגעלייגט זיין, ניט דערפאר, וואָס איך זאָל מיר איינרעדן, אז זי איז מיט אַלע מעלות; איך ווייס ביי מיר זייער גוט, אַז איך האָב נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעפאָלגט דעם זיידן רב מענדעלעס כלל, אז „א ווערק דאַרף מען פיילן און פיילן“, — מחמת צוויי טעמים: ראשית, דערלאָזט ניט די צייט, מען איז דאָך ניט מער ווי א זינדיקער מענטש, מישטיינס געזאָגט, און בסך־הכל נאָר א האַלבער שרייבער, ד. ה. האלב סוחר און האלב שרייבער, ווי געוויינלעך ביי יידן; מע באַדאַרף אין זינען האָבן די וועלט אויך, ניט נאָר עולם הבא אליין... והשנית, איז מען דאָך טאקע, צווישן אונדז רעדנדיק, יונגע לייט, מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין צייט ניט, אחשתרנים, אלץ געיאָגט, געכאַפּט, אין איין מורא, מע זאָל חלילה ניט פארשפעטיקן... נאָר וואָס דען? ווייל איך רעכן דערויף, וואָס דו ווייסט, אַז ווי ווייט נאָר מיין מעגלעכקייט איז געווען, האָב איך געאַרבעט און מיט מיין יאָסעלען מי געהאַט, ביז גאָט האָט מיר געהאָלפן, און איך האָב אים דערלעבט צו זען, און ער האָט כאָטש עפּעס א פּנים פון א לעבעדיקן פאַרשוין.

נעם זשע צו, ליבער פריינד, די דאָזיקע מתנה מיינע, אַזוי ווי זי איז, און לאָז זי דיר דינען צום צייכן, וויאַזוי עס ליבט דיך און שעצט דיך

דיין בעסטער, אמת געטרייער פריינד
דער מחבר

קיעוו, 26 דעצעמבער 1889.

I

יאָמפּעלע גייט אויס זינגען

אַזעלכע אויסבריגער, ווי די באַלעבאַטים פון דער קאַלטער שול אין מאַזעפּעווקע, איז שווער צו געפינען אויף דער גאַנצער וועלט. „וואָס זיי קאָסט אָפּ אַ יאָר חזנים, — אַזוי זאָגט מען אין שטאָט — וואָס זיי קאָסט אָפּ אַ יאָר חזנים, וואָלט זיך דאָס יעדער געמעגט ווינטשן האָבן אויף זיין אייגנס“. נעמען נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס די מאַזעפּעווקער יידן בכלל זענען, ווי עס איז באַוווסט אויף דער גאַנצער וועלט, פון תמיד אָן שאַרפע מבינים אויף נגינה; נאָר אַזעלכע ליבהאָבער אויף זינגען, ווי די באַלעבאַטים פון דער קאַלטער שול, קריגט מען גאָרנישט, מע זאָל אויספאָרן וועלטן. קומט אַראָפּ קיין מאַזעפּעווקע דער באַרימטער פּ י צ י — ווו דאַוונט ער? אין דער קאַלטער שול; ווו הערט מען י ר ו ח מ ע ן? אָדער נ י ס י ן? אָדער מ י צ י ן? — אין דער קאַלטער שול. עס איז שוין ביי זיי איינגעפירט אַזוי פון קדמונים, און ס'איז רעכט, קיינער פרעגט נישט קיין קשיות. עס קומט זיי דאָרט אָן שווערלעך, ביז זיי קלייבן זיך צו אַ רעכטן בעל־תפילה, וואָס מע זאָל פון אים האָבן הנאה און נישט שעמען זיך מיט אים קעגן לייטן. זיי קאָכן אויס גענוג דאָס וואַסער, ביז דער חזן געפעלט זיי איטלעכן באַזונדער און ביז ער טרעפט זיי צו זייער שניט מיט זייער כאַראַקטער; נאָר קוים האָט ער זיי שוין צוגעטראָפן, אַזוי בלייבט ער שוין ביי זיי אַ שטענדיקער, און אייביקער, און עס איז שוין פאַר אים גאָר קיין בעסערס נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. אָט אַזעלכע מינים ברואים זענען זיך די באַלעבאַטים פון דער דאָרטיקער קאַלטער שול, און אָט אַזאַ מין בעל־תפילה איז ביי זיי געווען ש מ ו א ל י ק י א מ פּ ע ל ע ר. געהאַט האָט שמואליק אַ קול — אַ „שאגת־ארי“, דאָס הייסט, אַ געמבע פון אַ לייב, מיט זייער אַ שיין „פיסטל“, דאָס הייסט, אַ מין בייקול, אויף וועלכן ער פלעגט זיך בריהש פאַרקאַטשען. „מיט זיין ממקומך — אַזוי האָט מען אויף אים געזאָגט — לאָזט זיך אויס די וועלט; דעם ממקומך האָט ער גע=

נאשט פונעם ק ר ו ט י ע ר“... אויך האָט שמואליק געהאט א רייכן האלדז און איז געווען א פיינער בעל־עברי; זיין ,,זאָגן“ איז געווען גאָלד מיט זילבער... ,,ווען, אשטייגער, אונדזער שמואליק — אזוי האָבן אויף אים געזאָגט די באלעבאטים פון דער קאלטער שול — ווען, למשל, אונדזער שמואליק זאָל שטודירן אויף נאָטן, וואָלט ער געווים אריבער־געפּוצעוועט פּ י צ י ן און מ י צ י ן און י ר ו ח מ ע ן מיט אלע היינטיקע וועלט־חזנים! אונדזער שמואליק, אבי ער וויל נאָר, קאָן ער נאָך היינט אויך אוועקלייגן מיט איין כתרל זיינס, מיט איין וואָלעכל א רעכטס, די אלע היינטיקע נייע בריהם מיט זייער גאנצן כאָר דאָרטן!“... ימים נוראים פלעגט שמואליק דאווענען מיט משוררים; אים פלעגט אונטערהעלפן טאקע זיין זונדל י אָ ס ע ל ע אויף א פייפעדיק קולכל און נאָך צוויי משוררים: אייגער א באס און דער אנדערער א שרייער — און געגוג; דאָס איבעריקע האָט שוין שמואליק אליין אויסגעאַרבעט מיט זיין אייגענעם ,,געבענטשטן“ האַלדז. די ,,שטיקלעך“ וואָס שמואליק פלעגט אויף יעדן יום־טוב ,,אויסשטעלן“, האָט מען נאָכדעם אין דער שטאָט געזונגען א גאנץ יאָר כסדר; דאָס הייסט, נישט מע האָט זיך צונויפגעקליבן ערגעץ און איין אָרט אויף צו זינגען, — דערויף איז קיין צייט נישטאָ און ס'איז עפּעס גאָרנישט אזוי אויפגעלייגט אויפן הארצן, אז מע זאָל זיך פּלוצעם אנידערזעצן זינגען; נאָר יעדער באזונדער פאר זיך, ביי זיין טיש, אָדער אפילו אין גאס גייענדיק, האָט זיך שטילערהייט איבערגעזונגען די אלע ,,שטיקלעך“, וואָס שמואליק האָט באשאפן. פון קיין נאָטן, ווי אויבן איז געשטאנען, האָט שמואליק נישט געוווסט, דאָס הייסט, ער האָט געהערט, אז ס'איז דאָ חזנים, וואָס זינגען פון נאָטן, נאָר געזען האָט ער דאָס נאָר איין מאָל אויף זיין לעבן. דאָס איז געווען דעמלט, ווען פּיצי איז דורכגעפאָרן איבער מאזעפּעווקע מיט זיינע אכצן משוררים. שמואליק האָט געהערט א סך חזנים אויף זיין לעבן, נאָר אלע האָבן זיי געזונגען אויפן אלטן שטייגער, דאָס הייסט, אָדער אן ,,אויסגעשטעלטע“ זאך, אָדער גאָר ,,פונעם קאָפּ“. מע באדארף נישט מער, ווי דער פּ א ר ע צ ע ר חזן איז געווען גרויס, האָט אים שמואליק געהערט דאווענען א מוסף ביים רבין, און דווקא אָן נאָטן, וועט ער דעם טעם געדענקען ווייל ער וועט לעבן. נאָר אז פּ י צ י איז אראָפּגעפאָרן מיט זיינע אכצן משוררים קיין מאזעפּעווקע, האָט שמואליק דאָס ערשטע מאָל דערהערט, ווי מע דאוונט מיט נאָטן; ער איז פון פּ י צ י ס דאווענען אזוי אנטציקט געוואָרן, אז ער איז געבליבן צוגעקאָוועט צום אָרט. ,,אָט ד אָ ס הייסט נאָטן! נ אָ ט ן!!“... דעם גאנצן שבת איז ער ארומגעגאנגען ווי א טויטער, זיך גאָרנישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. ,,אָט וואָס הייסט נאָטן!“ — ער האָט קוים דערלעבט דעם שבת־צונאכטס, ער האָט אָפּגעמאכט הבדלה און האָט געזאָגט צו זעלדען זיין ווייב, אז ער וועט דאָס גאָר נישט אויסהאלטן; ער מוז זיך דורכגיין צו רב שבתין אויף דער אכסניה זיך זען

מיט דעם דאָזיקן פ י צ י ן און זיך דורכשמועסן מיט אים פנים אל פנים. אָפּזאָגנדיק די אליהום, האָט זיך שמואליק אונטערגעגאַרגלט, געגומען מיט זיך זיין יאָסעלען און איז זיך דורכגעגאנגען מיט אים צו רב שבתין אויף דער אכסניה. שמועסנדיק מיט פ י צ י ן פון ענין החזנות, האָט אים שמואליק געבעטן, ער זאָל זיך מטריח זיין „זאָגן“ אים עפּעס א שטיקל פון נאָטן און קלאָר מאכן דעם ענין אקוראט. לכתחילה האָט אים פ י צ י אויסגעלאכט, געטריבן מיט אים קאַטאָוועס; נאָר באַטראַכטנדיק שמואליקס ערלעך נאיווע פנים און אויספּרווונדיק די שטימע זיינע, האָט זיך אין פ י צ י ן צעברענט דער חזן, און ער האָט אים פירגעזאָגט עטלעכע שטיקלעך פון ז ו ל צ ע ר ס סידור מיט אלע זיינע אכצן משוררים. שמואליק איז ארויס פון די כלים, און עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. „וואָס איז שייך? אָט הייגט זע איך ערשט ארויס, רב פיצי, וואָס פאר א מין קאַליקע, וואָס פאר א דער רוח ווייסט וואָס איך בין!“ — האָט שמואליק געזאָגט בתמימות און האָט אים א וויז געטאָן אויף זיין יאָסעלען. „זעט איר, רב פיצי, אָט דעם קליינעם? ס'איז מיינער, מיין זון הייסט דאָס; איר מעגט אים האָרכן“. פ י צ י האָט אויסגעפּרווט יאָסעלען, און זיין שטימע איז אים זייער געפעלן. שמואליק האָט אליין פון פ י צ י ס מויל געהערט, „אז דאָס קינד איז א כלי שלמה, אז ער האָט זייער א שיינע „שאָפּראַנע“, און מיט דער צייט, ער זאָל זיך אויסאַרבעטן, קאָן ער ווערן א לייט“... די דאָזיקע ווערטער זענען שמואליקן אריין אין גאָז אריין, און פון יענער צייט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן: „וואָס טוט מען מיט יאָסעלען? מילא, איך בין שוין א פאַרפאַלענער, וואָס איז שייך, איך וועל שוין שטאַרבן א קאַליקע; אָבער מיין יאָסעלע? לאָז ער מיר נאָר אונטערוואַקסן, אָנהייבן צו לייגן תפילין, אם ירצה השם, וועל איך אים אוועקגעבן צו א גרויסן חזן, צו פ י צ י ן אָדער צו מ י צ י ן, אָדער נאָר צו י ר ו ח מ י ן, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף“... עס האָט זיך אים פון דעמלט אָן כסדר פאָרגעשטעלט, אז יאָסעלע באַדאַרף זיין אמאָל א באַרימטער, א וועלט-חזן, אזויווי פ י צ י, און אפשר טאקע אזויווי נ י ס י — פאַרוואָס נישט? וואָס איז? מיר האָבן דען נישט געזען, וויאזוי פון א יינגל א שנעק וואַקסט נאָכדעם אויס א מענטש, וואָס א מענטש הייסט?

— יאָסעלע, — רופט זיך אָן שמואליק צו זיין זונדל, בשעת יענער קומט פון חדר פאַרפלאַמט און דאָס קאַשקעטל איז אים אויף דער זייט, — יאָסעלע, דו ווילסט זיין א וועלט-חזן, דו שקאָץ איינער?

יאָסעלע בלייבט שטיין פאַרטראַכט, און די אייגעלעך גלאַנצן אים. א שאלה, אויב עס ווילט זיך אים זיין א וועלט-חזן? נאָך פון קינדוויייז אָן איז זיין השגה געווען צו זיין א חזן; קיין גרעסערס און שענערס דערפון האָט זיך יאָסעלע נאָרבישט געקאָנט פאָרשטעלן. און זינט ער האָט געהערט פ י צ י ן דאַווענען, איז

און אים דער חשק צו זיין א חזן געוואָרן נאָך גרעסער. דאָס דאווענען אין מאזעפעווקע פון פ י צ י ן מיט זיינע אכצן משוררים האָט אָנגעמאכט ביי יאָסעלען אין הארצן, גלייך ווי ביי שמואליקן, א גאנץ איבערקערעניש. אין דער צייט ווען שמואליק איז געווען פארנומען מיט פ י צ י ן, האָט זיך דערווייל יאָסעלע צונויפגעסקאָמפאניעט מיט פ י צ י ס קליינע משוררימלעך, פון וועלכע ער איז געוואָר געוואָרן א סך זאכן: ראשית, האָבן זיי אים דערציילט, אז זיי פאָרן אויס די גאנצע וועלט, און וווהין זיי קומען, פאָרט מען זיי ארויס אקעגן מיט גרויס פאראד, עס קערט זיך די וועלט; מע טראָגט זיי ארום אויף די הענט, מען איז זיי אומעטום מכבד פונעם שענסטן און פונעם בעסטן — הכלל, עס איז א לעבן, אויף אלע יידן געזאָגט געוואָרן!... באטראכטנדיק די דאָזיקע זינגערלעך מיט זייערע שיינע שווארצע קאפּאָטקעלעך און מיט זייערע קיילעכדיקע סאמעטענע היטעלעך, האָט זיי יאָסעלע באמת מקנא געווען; יאָסעלע האָט זיי מקנא געווען נישט אזוי אויף זייערע קאפּאָטקעלעך מיט די היטעלעך, ווי אויף זייער זינגען ביים עמוד מיט פ י צ י ן. ער וואָלט זיך געשעצט גליקלעך, ווען ער זאָל זיין, ווי זיי, א משורר ביי פ י צ י ן. „ווי דערלעב איך שוין מיין בר־מצווה!“ — האָט זיך יאָסעלע געקלערט, און יענע גליקלעכע זינגערלעך זענען אים נישט ארויסגעקראָכן פונעם קאָפּ אפילו אויף א מינוט. זיצנדיק ביים חומש, פלעגט ער נישט איין מאָל כאפּן א מיאוסן פסק פונעם רבין פאר זיין טבע פארטראכטן זיך בשעת לערנען. „א יינגל זאָל נאָר אין זינען האָבן פייגעלעך, מלאכים, בשעת מע לערנט!“ — פלעגט דער רבי אויף אים זאָגן. דאָס לערנען און דער חדר זענען געווען פאר יאָסעלען א משא כבדה, און וויבאלד ער האָט נאָר געהאט א פרייע מינוט, פלעגט ער זיך קאַטשען אויפן העלדזל, נאָכמאכן פ י צ י ס מענאָר, צעברומקען זיך אויף דער גראָבער סטרונע, ווי פ י צ י ס באס, און רייסן זיך אויף די גלייכע ווענט. ביי זיך אין האלדז האָט ער געפילט, ווי עס קיצלט אים תמיד און עס ווערגט אים עפּעס אינעווייניק; ער האָט געפילט, אז ווען ער זאָל זיך קאָנען גוט אויסשרייען, אויסזינגען, וואָלט אים צוגעקומען א שטיק געזונט.

II

שמואליק דער חזן דערציילט מעשיות פון חזנים, און יאָסעלע לייגט צו קאָפּ

די וועלט, וו יאָסעלע האָט זיך געפונען קינדווייז, איז געווען פול מיט זינגען און מיט חזנים. פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אָנגעהערט ביי שמואליקן אין שטוב פארשיידענע מעשיות פון וועלט־חזנים, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייער

זינגען, און זייער נאָמען איז נאָכדעם פארבליבן אויף אייביק צווישן יידן. די דאָזיקע מעשיות וועגן הערשעלע דאָס ייִנגעלע, וועגן דעם ווילנער באלעבעסל, וועגן ארקע פידעלע וכדומה, האָבן אים נישט געלאָזט צורו, און ער פלעגט טראכטן וועגן זיי טאָג און נאכט. יאָסעלע פלעגט זיך פאָרשטעלן, אז ער איז אליין הערשעלע דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט צו עלף יאָר אָנגעטאָן א טלית, געדראוונט ביים עמוד און מרעיש עולם געווען. אז ער פלעגט אמאָל בלייבן איינער אליין אין שטוב, פלעגט ער זיך אָנטון איגם טאטנס טלית, אוועקשטעלן זיך ביי דער וואנט און, מאכנדיק מיט די הענט, פראווען חזנישע שטיק, זיך רייסן אויף קולות, זינגען און „מתפלל זיין", קאטשענדיק זיך אויפן האלדז. שמואליק האָט אים אמאָל געטראָפן אין אזא מין אופן, האָט ער אים גוט מכבד געווען, דעם שקאָץ, און אָפגעשיקט אין חדר אריין, ווי געוויינלעך. יאָסעלע אָבער האָט צום חדר ווינציק־וואָס חשק געהאט, און דער רבי האָט מיט אים געהאט צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט נישט פארשטאנען, וואָס הייסט דאָס: א ייִנגל זאָל זיין שטענדיק פארטראכט און דער קאָפּ זאָל אים ליגן ווייס איך ווו? יאָסעלעס גרעסטער פארגעניגן נאָך אלס פיצל קינד איז געווען, אז עס איז געקומען די צייט פאר ימים נוראים, ווען שמואליק פלעגט זיך בעדארפן פארטיק מאכן צום דאווענען און א וואָך וועקס פאר ראש־השנה איבערזינגען אלע שטיקלעך מיט זיינע משוררים, — אין יענער צייט פלעגט יאָסעלעס נשמה זיין אויפן הימל. ער האָט קוים דערלעבט די גליקלעכע מינוט, וואָס דער רבי לאָזט די קינדער אהיים עסן, און פלעגט קומען צו לויפן, אָפכאפן דאָרט, ווי עס איז, דעם ווארמעס, זיך פאררוקן אין א ווינקעלע און צוהערן, ווי דער טאטע צעגייט זיך אויף א זיס קול, צעגעמענדיק מיט די ביידע הענט מיט א געבעט, און זאָגט: „אוי־וויי — אוי־וויי — אוי־וויי — אוי־וויי!"... און די משוררים כאפן אים אונטער: „אטוגענעם דעי — עי—עי?"... גליקלעך איז יאָסעלע געווען, אז קיינער האָט אים נישט באמערקט און ער האָט געקאָנט אוועקזיצן אזוי אין א ווינקעלע און אויסהערן דאָס גאנצע דאווענען ביז דער „עבודה". בעסער פון אלץ האָט יאָסעלע ליב געהאט הערן די מעשיות, וואָס דער טאטע פלעגט דערציילן פאר זיינע משוררים פון בארימטע וועלט־חזנים, ווי אזוי זיי האָבן זיך געמאכט א נאָמען אויף דער וועלט. עס איז אים זייער געפעלן די מעשה, ווי אזוי פיצי איז געוואָרן חזן. „פון בארדיטשעוו שטאמט ער ארויס — אזוי האָט שמואליק דערציילט וועגן פיצי דעם וועלט־חזן — פון בארדיטשעוו, פון אונטער דער גרעבליע; זיין טאטע איז געווען א שמש. נאָך ייִנגלווייז האָט פיצי ארויסגעוויזן, אז ער איז א כלי. פריער איז ער געווען א משוררל ביי א חזן, נאָכדעם האָט ער פארלוירן די שטימע, האָט מען אים אָפגעגעבן צו א גאָלדשמיד; נאָר מחמת ער האָט זייער ליב געהאט דאָס זינגען, האָט ער זיך שטענדיק געריבן צווישן חזנים און קלעזמער. ער איז געווען וואָס איך

ווילט: ער איז געווען א פייקלער, געגאנגען מיט די מאצן און איז שוין געווען, זאָגט מען, א וואסערפירער אויך, ביז ער האָט זיך באגעגנט מיטן גרויסן רב צלאלן; האָט אים רב צלאל געזאָגט: „וואָס איז שייך, דו נאר, צו וואָס טויג דיר זיין א וואסערפירער? דו האָסט א שענערע כלי — א האלדז“!... בקיצור, ער האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין לעמבעריג און איז געקומען פון דאָרטן מיט א נאָמען און מיט א כבוד, הלוואי אויף מיין יאָסעלען געזאָגט געוואָרן כאָטש האלב, רבונו־של־עולם!“... דערהערנדיק פונעם טאטן אזעלכע ווערטער, איז ביי יאָסעלען שיר דאָס הארץ נישט ארויסגעשפרונגען פאר שמחה; ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז מע שיקט אים אויך קיין לעמבעריג, און ער קומט אויך פון דאָרטן מיט אזא נאָמען און מיט אזא כבוד, ווי פיצי... שמואליק האָט געהאט מעשיות פון חזנים לרוב, איינע שענער פון דער אנדערער. ער האָט געוווסט איטלעבן, באזונדער פונעם שורש. „למאי באכמאן? — האָט שמואליק געזאָגט צו זיינע משוררים. — למאי באכמאן? וואָס איז שייך דער גרויסער באכמאן! וואָס איז ער געווען פריער? פאָרט אריין קיין קעשעניעוו, וועט מען אייך דערציילן. וואָס דען מיינט איר? מע שטייט אויף פלוצעם אין דער פרי און מע ווערט א באכמאן, א פיצי, א ניסי? נאָר איין סענדער מירער איז געווען א ייד א נגיד, א גביר, און האָט געזונגען נאָר פון כבוד וועגן; אָט דאָס איז זיין „יראו עינינו“, וואָס איך זינג אים. ס'איז דאָ, ס'איז פאראן חזנים גרויסע היינט אויך; ס'איז פאראן א ניסי בעלזער, א חזקאלע, א פיצי, אן אלי דוד טשערניגעווער, א שקודער חזן, — וואָס איז שייך? און נאָך חזנים לרוב. נאָר אזעלכע חזנים, ווי אמאָל זענען געווען, געפינט מען שוין היינט נישט. כדומה למשל, וו געפינט איר היינט אזא חזן, ווי ארקע פידעלע דער וויטעבסקער איז געווען, וואָס די וועלט פלעגט פאָרן הערן זיין שטימע, וואָס איז געווען א פידעלע, נישט קיין שטימע? צי, אשטייגער, וו קריגט איר היינט אזא מין קאנאריק, וואָס זאָל האָבן א מתנה פונעם קיסר פראנץ־יוסף אליין? צי, אשטייגער, וו נעמט איר היינט אזא רב דוד כמעלניקער מיט זיינע דריי זין? ער איז דאָך באמת געווען לפני מלכים יתיצב, געזונגען פארן מלך אליין! ער פלעגט זיך אוועקשטעלן זינגען טרוילערש, און דווקא מיט א לאנגן טלית־קטן, און דווקא מיט א צילינדער אויפן קאָפּ, אז ס'איז געווען מחיה נפשות! צי, א שטייגער, איר האָט היינט אזא מין חזן, ווי דער קרוטיער חזן, טאקע דעם גרויסן ניסיס א זיידע? צי, למשל, רב אברהם חסיד פון לעמבעריג, וואָס איז געווען איין שטשאָגאָל אין דער וועלט? צי קאשטאן מיט זיין ווידוי, וואָס ער האָט געמאכט פארן טויט? צי, אשטייגער, אזא מין, ווי דער ווילנער באלעבעסל, ווי מע האָט אים גערופן? ווו הערט מען נאָך היינט אזוינס? וואָס איז שייך, מסתמא האָט איר דאָך

געהערט די מעשה מיטן ווילנער באַלעבעסל? ס'איז א שיינע מעשה, איר מעגט דאָס אויסהערן. גערופן האָט מען אים יואל דוד, ער איז געווען א פּאַרשוין, אז ס'האָט זיך אויסגעלאָזט די וועלט, און א כלי האָט ער געהאַט — שמועסט מען נישט: איר קאָנט פאַרשטיין, אז צו עלף יאָר האָט ער געדאַוונט ימים נוראים פאַרן עמוד. זיין נאָמען איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז ער האָט געגרייכט ביז צום גראַף, און דעם גראַף האָט זיך פאַרוואָלט הערן, וואָס פילדערט דאָרט אזוי דער עולם? האָט ער אים מסתמא געשיקט רופן. יואל דוד איז אריינגעקומען צום גראַף דווקא מיט א יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. דאָרט זענען געווען פיל גרויסע לייט, שררות. דאָס באַלעבעסל האָט זיך תחילת שטאַרק פאַרשעמט פאַר אזא עולם און א ביסל דערשראָקן אויך; נאָר ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום וואַנט און האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן זיינע קונצן, „שטעלן א האַלדז" און אַרויסבאַווייזן גרויסע בריהשאַפטן, ווי ער האָט געקאָנט. אים האָט איינער אונטערגעהאַלטן אויפן פידל, און דער גאַנצער עולם איז געבליבן ווי פאַרגאַפט, גאָר נישט ווייסנדיק, וועלכעס איז האַלדז און וועלכעס איז פידל, — אזא לויטערע שטימע האָט יואל דוד געהאַט און אזוי הויך פלעגט ער מיט איר נעמען און דערלאַנגען, טאַקע נאָר „ביזן גיבל", ווי מע זאָגט. שוין צום סוף כמעט האָט ביי דער פידל געפּלאַצט די קווינטע, און מע האָט באַדאַרפט אויסלאָזן א זאַך אויף דער דינסטער אָקטאַווע. וואָס זשע מיינט איר? איז זיך מיישב מיין באַלעבעסל און נעמט אָן, וואָס איז שייך, מיטן האַלדז פּונקט אָט דאָס, וואָס מע קאָן דערלאַנגען נאָר מיט א פידל, און האָט נאָך דערביי אוועקגעמאַכט עטלעכע קונצן, ווי א סאָלאָווייטשיק, און אז ער האָט אויסגעלאָזט, האָט זיך שוין דער גראַף נישט געקאָנט איינהאַלטן: ער איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים א קוש געטאָן אין שטערן. דער גראַף איז געווען זייער א גוטער מענטש, נאָר זי, די גראַפיניע ימח שמה, איז געווען זייער א גרויסע מרשעת און האָט פיינט געהאַט א יידן, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן. און אז דאָס באַלעבעסל איז אריינגעקומען מיטן יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, איז זי געווען אזוי אין כעס, אז זי איז גרייט געווען אים דעם קאָפּ אַראָפּצונעמען. נאָר אז ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען, איז זי באַלד אָפּהענטיק געוואָרן און איז נאָכדעם צוגעגאַנגען צו אים, און אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אים געדאַנקט עטלעכע מאָל פאַר זיין זינגען, געפּרעגט אים, ווי אַזוי ער הייסט און וויפל ער איז אַלט? יואל דוד האָט איר דערויף אַלצדינג געענטפערט, נישט קוקנדיק איר אין פּנים אריין, מחמת זי איז געווען א זעלטענע פּאַרשוין. זי אָבער האָט אויף אים יאָ געקוקט, האָט זיך לאַנג געשפּיגלט אין זיין פּנים, אים נישט אָפּגעלאָזט פון זיך בשום אופן, אַלץ געקוקט אויף אים און געקוועטשט אים די האַנט, אים געדאַנקט. אויפן אַנדערן טאָג, וואָס איז שייך, קומט א שליח ווידער פונעם גראַף און רופט אים אין

פאלאץ אריין גאָר אָן א שום תירוץ. וואָס טוט מען? סע העלפט אָבער נישט; אז דער גראף רופט, קאָן מען קיין דבר־אחר נישט זיין און מע מוז גיין. צום סוף לאָזט זיך אויס א מעשה — ווער־וואָס? דער גראף איז גאָר נישט געווען אין דער היים, נאָר זי, די גראפיניע ימח שמה! זי איז ארויסגעגאנגען אקעגן י ו א ל ד ו ד ן מיט זיינע משוררים, אָן אויסגעסטראָצלטע, באהאָנגען מיט גאָלד און מיט דימענטן פון קאָפּ ביז די פיס, און דערלאנגט אים די האנט מיט זייער א פריינדלעכער מינע, גלייך ווי זי וואָלט שוין געווען מיט אים באקאנט מי יודע פון ווען אָן. די משוררים האָט זי געבעטן מחילה, זיי זאָלן צוווארטן א ווײַלע אין זאל, און אים האָט זי אריינגעפירט צו זיך אין איר חדר אריין, אנידערגעזעצט אים אויף א טייערן סאמעטענעם דיוואן, מכבד געווען אים, וואָס איז שייך, מיט זיסע שפייזן און מיט טייערן פראנצויזן אויף גילדענע כלים. ער האָט זיך פון די זיסע שפייזן אָפּגעזאָגט, און דעם וויין, געוויינלעך, נישט געוואָלט טרינקען בשום אופן; וויפל זי האָט אים נישט געבעטן, עס האָט איר נישט געהאָלפן. אז די גראפיניע ימח שמה האָט דערזען, אז ס'איז שלעכט, האָט זי אים אָנגעכאפּט ביי דער קאפּאָטע, אזוי ווי פוטיפרע האָט אָנגעכאפּט אמאָל יוסף הצדיק... און י ו א ל ד ו ד איז אנטלאָפן פון דאָרט קוים מיטן לעבן. פון דעמלט אָן, דערציילט מען, איז זי געוואָרן נאָך מער מרשעת, און אז זי האָט דערזען א יידן, פלעגט זי ווערן, וואָס איז שייך, אָנגעצונדן און האָט ארויפגעפירט דעם גראף אויך, ער זאָל ווערן א שונא־ישראל. און מיטן ב א ל ע ב ע ס ל האָט זי זיך אָפּגערעכנט אויף אן אנדער אופן. עס האָבן זיך געפונען אזעלכע לייט, טאקע צווישן אונדזערע יידעלעך, וואָס האָבן פאר געלט אוועקגעקוילעט א מענטשן; וואָס, מיינט איר, האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אים אריינגעגעבן אזא געטראנק און האָבן אים אָפּגעסמט די שטימע. דאָס ב א ל ע ב ע ס ל נעבעך, ווייבאלד ער איז געבליבן אָן א קול, איז ער אריינגעפאלן אין א שרעקלעכער מרה־שחורה און איז געוואָרן, וואָס איז שייך, אויף אלע שונאים. ער האָט זיך נאָכדעם ארומגעשלעפּט איבער דער וועלט, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, נישט רעדנדיק צו קיינעם א וואָרט. אָט אזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער סוף פונעם ו י ל נ ע ר ב א ל ע ב ע ס ל, און אלץ איבער איר, ימח שמה!“...

ביי יאָסעלען אין הארצן האָבן די מעשיות אָנגעמאכט א גאנצע חתונה: „באלעבעסל“, „פידעלע“, „קאנאריק“, „גראפיניע“, „פוטיפרע“ וכדומה אזעלכע בילדער, זענען אים נישט ארויס פון קאָפּ, און דאָס הארץ האָט אים כסדר געצויגן אהין, צו פ י צ י ן, צו נ י ס י ן, צו י ר ו ח מ ע ן! עס איז אים שוין געגאנגען דאָס צענטע יאָר. נאָך א יאָר, נאָך א יאָר, ווערט ער בר־מצווה, און דער טאטע שיקט אים אָפּ אהינצו. די גאנצע וועלט איז פאר אים פול געווען מיט פארשיידענע קולות און געזאנגען. חזנים און משוררים זענען אים קיינמאָל פון קאָפּ נישט ארויסגעקראָכן, און אין דער צייט, ווען דער רבי האָט געהאָרעוועט אי־

בער אים מיט נאָך תּלמידים אויף דער גמרא, — דעמלט פּלעגט זיך יאָסעלע גאָר
פאַרגעסן אָן דעם רבין מיט דער גמרא, און עס פּלעגט זיך ביי אים אָפּטמאָל
ארויסרייסן פונעם האלדז א קוויטשל, א פייף אָדער אזוי א משונהדיק קול, ווי
א קריי פון א האָן, גאָר אליין נישט ווינדיק ווי ארום. דערביי פּלעגט אים, גע=
וויינלעך, דער רבי אראָפּלאָזן א שיינעם פּאטש: „דאָרטן, מיטן טאטן ביים עמוד,
וועסטו קרייען, נישט דאָ!“...

ביים עמוד האָט יאָסעלע אונטערגעהאָלפן דעם טאטן נאָר ימים נוראים, און
דאָס איז פאר אים געווען דאָס בעסטע שטיקל צייט: ערשטנס, וואָס מע האָט
אים אָפּגענומען פונעם חדר פריער מיט א חודש, און צווייטנס — דאָס זינגען:
דאָס זינגען איז ביי אים געווען זייער טייער. דאָרטן, ביים עמוד, האָט ער שוין
פאר קיין פּעטש קיין מורא נישט געהאט; דאָס העלדזל איז אים געווען פריי, און
ער האָט זיך געקאָנט אָנשרייען וויפל דאָס הארץ האָט געגלוסט. איינייגעם מיט
שמואליקס האלדז האָט זיך ימים נוראים ביים עמוד געלאָזט הערן אויך יאָסעלעס
פייפנדיק קולכל, און דער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון זיי ביידן. מבינים האָבן אויף
אים געזאָגט, אז ער וועט זיין א כּלי שלמה און וועט אמאָל אריבערגיין דעם טאטן
זינגען. שמואליק אָבער האָט דערפון געהאט ווייניק וואָס נחת; עס איז אים נישט
איינגעגאנגען דער כבוד, זענענדיק, אז יאָסעלע וואקסט אין שטובער אריין, און
ער קאָן אים גאָר נישט העלפן. שמואליק דער חזן, כאָטש ער איז געווען אין שטאָט
זייער אָנגענומען, פונדעסטוועגן האָט דאָס אים נישט געשאדט צו זיין א קבצן,
ווי אלע מאזעפּעווקער כּלי=קודש, וואָס באדארפן ארויסקוקן אויף די דאָרטיקע
הכנסות, מישטייגס געזאָגט. אין מאזעפּעווקע, ווי עס איז באוווסט, איז דאָס
שבירות פון חזנים, שמשים, שוחטים, רבנים עפּעס נישט אזוי גרויס. דער דאָזי=
קער עולם זאָל דארפן ארויסקוקן אויף דאָס שבירות אליין, וואָלטן זיי געטעגט,
ווי מע זאָגט, פארווארפן די ציין אויף די באַנטענעם; דער עיקר איז ביי זיי די
הכנסה, די זייטיקע הכנסות, דאָס קערבל, וואָס פאלט אריין מן הצד. די דאָזיקע
זייטיקע הכנסות דאָס זענען: די „שיסל“, וואָס מע שטעלט ערב יום כּפּור אין
שול, דאָס „חנוכּה=געלט“, דאָס „פּורימדיקע שלח=מנות“, דער „בע=ע=עבור“ אויף
אלע שמחות, וכדומה. שמואליק דער חזן מעג זיך האָבן א זעלטענעם האלדז און
אויסשטעלן א זאך, ווי ניסי, ווי פּיצי, און אפילו ווי ירוחם הקטן, נאָר
אז עס קומט חנוכּה, מעג ער זיך, נישקשה, נעמען א שטעקן מיטן לאמטערן און
ארויסגיין אביסל איבער דער שטאָט, ווינטשעווען יעדן באזונדער „דערלעבן אי=
בער א יאָר“ און נעמען... א נדבה. אויך פּורים מעג אים אָנשטיין נעמען א שאָל,
אריינלייגן אהינצו א צוקער=לעקעכל מיט א שטיקל פלאָדן און ארומשיקן פון
איין באלעבאָס צום אנדערן און נעמען פאר דעם דאָזיקן שלח=מנות... א נדבה.

III

ווי אזוי שמואליק באַקענט זיך מיט זיין שכנה זלאַטע די צעלניקערין, און זייערע קינדער — צווישן זיך

האָבן אן אייגענע שטוב האָט אין מאַזעפּעווקע נישט קיין קליינע ווערט; א נחלה, א לאָך, א זעמליאַנקע — אבי ס'איז אייגנס, און מע באַדאַרף נישט אָנקומען צו יענעם, קריכן אין שכנות אריין. זלאַטע די צעלניקערין האָט זיך געהאַט איר אייגן שטיבל, אפילו נישט קיין געהויבענע פּאַלאַצן, נישט קיין סך פּאָקאָיעס, — א דריי חדרים נידעריקע, איינגעבויגענע, מיט שפּיציקעוואַטע ווינקלען, און א קיך, אָן א הויז, אָן א הויף און אָן א שום שטעלכל ביי דער האַנט, נאָר א בוידעם און גענוג. נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען נישקשה, ווען דער דאַך זאָל זיין א דאַך; עס איז אָבער גאָר קיין דאַך נישט; מישטיינס געזאָגט, א צוויי קראָקוועס מיט א ביסל ערד און מיט א ביסל שוואַרצע שטרוי איבערגעדעקט, ערטערווייז באַוואַקסן מיט גרינע פּעטשעריצעס, אזוי, אז פון דערווייטנס זעט אויס די שטוב, ווי א סוכה, באַדעקט מיט גרינעם סכך. נאָר דאָס וואָלט נאָך אַלץ געווען אָן אן אומגליק, ווען דער גראָף, דער פּריץ פון דער שטאָט, זאָל נישט דערקוטשען מיט זיינע חפציות: אים ווילט זיך, די גאַנצע שטאָט זאָל זיך איבערהאַנייס דעקן מיט אייזן, מיט שינדל, אַדער, לכל הפּחות, מיט האָלץ, און קיין שטרוי זאָל גאָרנישט געהאַט ווערן. זלאַטע די אלמנה האָט זיך גענוג אָנגעטאָן א כח, ביז זי האָט צונויפגעשלאָגן א גראָשן מיט א גראָשן און האָט זיך געשטעלט דעקן איר נחלה. נאָר דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן נאָך א נייער אומגליק: נאָר-וואָס מע האָט זיך אַנידערגעשטעלט צעוואָרפן דעם דאַך, לויפט אריין צו זלאַטען אין שטוב אריין שמואליק דער חזן מיט א גוואַלד:

— רוצחטע! אין גאָטעס ווילן, וואָס טוט איר דאָס? איר ווילט מיך, וואָס איז שייך, מאַכן אומגליקלעך? וואָס האָט איר צו מיר? געהאָרעוועט, קוים דערלעבט זיך א שטיקל נחלה, קומט איר און מאַכט פון מיר א תל!

— אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום-טוב! וואָס פאַר א תל? — פרעגט אים זלאַטע פאַרוואונדערט. — ווער טשעפּעט אייך מיט אייער נחלה?

— איר פרעגט נאָך, ווער מ'שעפּעט מיך? — האָט זיך שמואליק צעלאָזט גאָר אויף אן אַנדער אופן. — א ייִדענע בלייבט א ייִדענע: לאַנגע האָר — קורצער שכל.

— אָט ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט אים זלאַטע געענטפערט, אַריינקומענדיק אין כעס אריין. — כאָטש איר זענט חזן אין דער קאַלטער שול, פונדעסטוועגן, איר זאָלט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָס איך זאָג

אייך דעם אמת: זינט גאָט האנדלט מיט נאראָנים, האָט ער נאָך אזא נאר, ווי איר זענט, נישט באשאפֿן.

— זענט איר נאָך, הייסט דאָס, אן עזות־פּנימטע אויך? — האָט זיך שמואליק צעפלאקערט. — לא־די, וואָס איר צעוואָרפט מיר מיין שטוב, מאכט פֿון מיר, וואָס איז שייך, א תל־עולם, האָט איר נאָך א העזה צו זידלען אן ערלעכן יידן? איך האָב שוין געהאט אויף מיין לעבן אלערליי שכנים און שכנטעס, וואָס איז שייך, טפֿו זאָל דאָס ווערן!...

— טפֿו זאָלט איר בעסער ווערן מיט אלעמען; וואָס ס'איז אייך ליב הייניקן טאָג, רבונו של עולם, עס זאָל זיך אָנקלעפּן אָן אייך און ווו איך האָב ערגעץ א שונא, ליבער גאָט! איך בין אויך, ברוך השם, געזעסן אין שכנות און האָב נאָך אזא מין באגעגעניש נישט געטראָפֿן זינט איך לעב, זינט איך שטיי אויף מיינע פֿיס! ווי פֿארגינט זיך דאָס א ייד אריינקומען צו יענעם און אזוי אָנכאפּן אן אלמנה און שפּייען יענעם אין פּנים אריין פּלוצעם פֿון דער העלער הויט?!...

— ששששא, שאט נאָר, וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זיך אריינגעמישט, אריינלויפֿנדיק א דערשראָקענע, זעלדע די חזנטע, א נידעריקע, א שווארצע יידענע מיט זייער שיינע גוטע אויגן. — וואָס איז דאָ ביי אייך פֿאר א קולות?

שמואליק מיט זלאטען האָבן זיך ביידע צעלאָזט צו דער חזנטע אויסצודערציילן איר דאָס מחלוקת, וואָס איז צווישן זיי פֿאָרגעקומען; נאָר מחמת זיי האָבן ביידע געשריגן, איבערשלאָגנדיק איינס דאָס אנדערע, דעריבער האָט זעלדע נישט געקאָנט פֿארשטיין, ווער ס'איז דאָ גערעכט און ווער ס'איז אומגערעכט.

— וויסט וואָס, שמואליק? די גיי אהיים, דאָרט האָב איך דיר צוגעגרייט א גלעזל ציקאָריע, און איר, זלאטעניו, זעצט זיך אָקאָרשט צו אָט דאָ מיט מיר אויף דער באנק, וועלן מיר שמועסן פּאַוואָלינקע; צו וואָס טויגן די גוואלדן? די גאס וועט זיך צונויפֿלויפֿן, מע וועט מיינען, חלילה, אז מע קוילעט דאָ מענטשן אין מיטן העלן טאָג!

ערשט, אז שמואליק איז אוועקגעגאנגען און זלאטע מיט זעלדען האָבן זיך א ביסל פֿאנאנדערגערעדט, איז מען געקומען צו א שטיקל טאָלק. די מעשה דערפֿון איז אזוי: זלאטע דער אלמנהס שטוב מיט דער אנדערער שטוב, וואָס שמואליק דער חזן האָט ערשט נישט לאנג געקויפֿט ביי רב שלום שכנא דעם שוחט אויף אויסצאָלן, זענען געווען בסך־הכל מיט א וואנט אָפּגעטיילט; דאָס הייסט, עס איז, איינגעטלעך, געווען איין שטוב, איבערגעצוימט מיט עטלעכע ברעטלעך און איבערגעדעקט מיט איין דאך. דאָס פֿארשטייט מען שוין אליין, אז אָנרירנדיק די ערשטע קראָקווע, איז איינגעפֿאלן דער גאנצער דאך, פֿון שמואליקס שטוב אויך — און דערפֿאר איז דאָס שמואליק אריינגעפֿלויגן אזוי צעקאָכט. זלאטע מיט זעלדען, וואָס זענען געווען באקאנט פֿריער פֿון דערווייטנס (ווייל זלאטע האָט זיך

געהאלטן פאר א מיוחסת: פאָרט רב אברהמלס שנור, ווי ווייטער וועט שטיין), האָבן זיך נאָך דעם דאָזיקן שמועס אזוי באפריינדעט, אז זיי זענען געוואָרן גיך נפש אחת, גאָר ווי אנדערע צוויי. דעם דאך — איז געבליבן — זאָל מען דעקן בשותפות, וועט קאָסטן א סך וועלוועלער, און דער בוידעם מעג אויך זיין א בשותפותדיקער; נישקשה, מען איז, ברוך השם, באגלויבט איינס ביים אנדערן פון צו גנבענען חלילה.

— אייער מאן — האָט זלאטע געזאָגט צו זעלדען — איז א כשרער ייד; ווער ווייסט עס נישט? נו, און איר, זעלדע, זענט אויך נישט, חלילה, פון די ווייבער, וואָס זאָלן זיך ראדעווען אויף א פרעמדע ציבעלע.

— און איר — האָט זעלדע געענטפערט זלאטען — באדארפט נישט חלילה מיין זעקל קארטאָפליעס; איר מיינט, מע קען אייך נישט? מע ווייסט גאנץ גוט, ווער אייער מאן איז געווען און פונוואנען איר שטאמט. ס'איז א שטיקל סברה, אז מיין מאמע, זאָל האָבן א ליכטיקן גן־עדן, איז געווען ביי אייער באָבע אסתרל אן אָפטע איינגייערין, דאָס הייסט, זי פלעגט איר איינקויפן אין שטוב אריין אלדאָס גוטס. און א שטוב איז ביי אייער באָבען געווען, הלוואי כאָטש האלב אויף אלע יידישע באלעבאָסטעס! דאָס הייסט דאָך אייער טאָכטער נאָך איר, מן הסתם?

זלאטע האָט זיך אזש צעווייגט פאר ווייכקייט פון זעלדעס רייד, און עס איז פון דעמלט אָן, געוואָרן צווישן זיי א מוראדיקע ליבשאפט. אויך זייערע קינדער זענען צווישן זיך געוואָרן גאנץ נאָענט; שמואליקס זון יאָסעלע און זלאטעס טאָכטער אסתר זענען שוין תמיד געווען איינעם, כמעט ווי אין איין שטוב געוואקסן. שפּעטער, אז זעלדע איז געשטאָרבן און יאָסעלע איז געבליבן א יתום, זענען די קינדער נאָך מער צוגעלאָזט געוואָרן איינס צום אנדערן. „אומגליק — זאָגט מען — בינדט צונויף, שלעכטיקייט מאכט פריינדשאפט“...

כל זמן זעלדע האָט געלעבט, האָט שמואליק דער חזן פון קיין גוים נישט געוווסט: ער האָט זיך, ווי עס איז, דורכגעשלאָגן און געלעבט, ווי א סך אנדערע לעבן דאָרטן. נאָר עס האָט אים פלוצעם געטראָפן א גרויסער אומגליק: זעלדע זיין ווייב איז אים אָפגעשטאָרבן! זעלדע די חזנטע איז געווען א כשרע, אן ערלעכע יידענע; איר פלוצלעך אָפשטארבן איז געווען פאר אירע אלע באקאנטע א גרויסער בראָך, און פאר שמואליקן איז דאָס געווען אזא אומגליק, אז ער האָט געשוואָרן פאר אן עדה יידן, אז ער וועט נישט אויסהאלטן, ער וועט נאָך זעלדען געווים נאָכשטארבן, ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן! און פון חתונה האָבן שמועסט מען נישט: וואָס איז שייך? „ווען ביי אים וועט אויסוואקסן האָר אויף דער דלאָניע, דעמלט וועט ער חתונה האָבן נאָך זעלדען!“ — אזוי האָט שמואליק געזאָגט בשעת שבעה זיצן. עס האָבן זיך אָבער געפונען אזעלכע, וואָס האָבן אים שטארק דערקוויקט, גייענדיק צו אים טאָג אויף טאָג און איינטענהנדיק מיט אים: „איר ווילט,

אפּנים, רבֿ שמואליק, זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט און גיין אַקעגן דעם מנהג העולם? די וועלט איז שוין אַזוי געשטעלט געוואָרן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַ מאַנצביל טאָר נישט זיצן אַליין, און איר ווילט זי מיט אייער חכמה איבער־מאַכן?" די דאָזיקע לייט האָבן איבער שמואליקן אַזוי לאַנג געטענהט, ביז ער איז אַ פּאָר וואָכן נאָך שלשים זיך דורכגעפאָרן מיט רבֿ קלמן שדכן קיין באַרדיטשעוו און גאָר גיך געבראַכט מיט זיך אַ יידענע מיט אַ טערקישן שאַל... באַרדיטשעוו, דאַנקען גאָט, איז באַוווּסט אויף דער וועלט פאַר אַזאַ מקום, וואָס דאָרט קאָן מען אין גלייכן געלט אָפּזעצן די דאָזיקע סחורה, דאָס הייסט — אַן אַלמן, אַ גרוש, אַ בחור, — וואָס עס מאַכט זיך. באַרדיטשעוו, ברוך השם, איז אַן ארץ מבורכת, זי פאַרזאָרגט די אַלע איבעריקע שטעט פון יענער געגנט מיט ווייבער פון כּל המינים: אַלמנות, גרושות און בתולות, — ווי עמעצנס גוסט. אַהינצו אַז עס כאַפּט זיך אַראָפּ אַן אַלמן, הייבט מען אים אָן אַרומצופירן איבער די הייזער, באַווייזנדיק אים סחורה פון וואָס אַן אויג קאָן זען, און זייט זיכער, ער וועט זיך שוין זיין גלייכן אָפּזוכן, ער וועט האַנדלען די מציאה און צוריקפאָרן שוין אין צווייען... אַהינצו האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אונדזער שמואליק; חברה האָבן מיט אים קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט — אַ וואָרט און צוויי און אַ חופּה. אָנקוקנדיק די יפהפיה זייגע, אַזוי, כאַפּנדיק, אויף איין פוס, בכדי מע זאָל קאָ־נען קומען צוריק אַהיים אויף שבת, האָט שמואליקן אויסגעוויזן, אַז ער האָט, ברוך השם, געטראָפן גאַנץ נישקשהדיק. „אַ יידענע, וואָס איז שייך, ווייזט אויס אַ לייטישער מענטש, באַדאַרף זיין נישט קיין שלעכטע בנאַטור, רעדט אַזוי בנעימות, שמייכלט"... ערשט קומענדיק אַהיים אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט זיך נעבעך שמואליק אַרומגעקוקט, וואָס פאַר אַ צרה, וואָס פאַר אַ שלאַק־פּורעניות גאָט האָט אים באַשערט: גרוי און אַלט האָט זי אים געמאַכט פאַר דער צייט! שמואליק איז ביי איר אויסגעריסן געוואָרן און האָט געהאַט ביי איר אַ ווייסט עלטער. און יאָסעלע נעבעך איז אָפּגעקומען אויף אַן אַנדער אופן. ער איז איר געווען גרויס אין די אויגן, געשטאַנען איר ווי אַ ביין אין האַלדז. „דאָס יינגל — האָט זי אַליין געטענהט — וועט מיך נאָך אין דער ערד אַריינטרייבן, שונאי ציון! פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט ווייסט דאָס נאָר עסן און געגנג! דאָס מויל מאַכט זיך אים נישט צו אויף קיין מינוט, און איז נאָך אַן עזות־פּנים אויך: אַז מע זאָגט אים, ווייגט ער נאָך, פּעסטעט זיך, דאָס ציטעריקע קינד!" גאָט ווייסט, ווו יאָסעלע וואָלט אַצינד אָנגעשפּאַרט, ווען נישט שמואליקס שכנה, זלאַטע די צעלניקערין, מיט איר הויזגעזינד, וואָס האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פונעם דאָזיקן אומשולדיקן יתום.

IV

זלאַטע די צעלניקערין און איר טאָכטער אסתּר

זלאַטע די צעלניקערין האָט זיך געדעכנט נאָך פאַר איר מאַנס לעבן פאַר אייגע פון די באַרימטסטע קרעמערינס, נישט נאָר אין מאַזעפּעווקע אליין, נאָר אויך אין דער גאַנצער סביבה פון מאַזעפּעווקע; איר נאָמען איז געוועזן באַוווּסט אויף אַלע גרויסע ירידים. — אין דער צייט, ווען מע האָט נאָך ביי אַלע פעלקער צו טון מיט דער שאלה, צי איז די נקבה אויך עפּעס אַ מענטש, דאָס הייסט, צי מע מעג איר עפּעס געבן אַן אַרבעט אין דער האַנט, צי איר עסק איז טאַקע נאָר די שטוב, דאָס טעפּל, די קינדער און דערגלייכן; דעמאָלט ווען גרויסע מענטשן זיצן און ברעכן זיך דעם מוח איבער דעם ענין שוין היבשע עטלעכע יאָר, איבערפירנדיק אַזוי פיל פּאַפּיר און טינט — שטייען זיך די מאַזעפּעווקער יידן פונדערווייטנס און מאַכן חוזק פון זייערע אַלע המצאות און אויפטועכצן, דען ביי זיי אין מאַזעפּעווקע שפּילט די יידענע פון קדמונים פונקט אַזאַ ראָל, ווי דער ייד, און די באַלעבאָסטע איז נישט קלענער פונעם באַלעבאָס. אדרבה, מע קאָן זאָגן, אַז כמעט דער גאַנצער מסחר אין מאַזעפּעווקע געפינט זיך ביי די ווייבער אין די הענט. עס טרעפט זיך דאָרטן גאַנץ אָפט, אַז דאָס ווייב פאַרשטעלט דעם מאַן מיט איר נאָמען לחלוטין. עס געפינען זיך אַזעלכע מענער, וואָס כמעט מע ווייסט זיי גאָר נישט; מע קען נאָר „זי" און גענוג. זלאַטע די צעלניקערין איז געוועזן אייגע פון די דאָזיקע ווייבער, וואָס זענען באַקאַנט מיט דעם נאָמען „אשת־חיל". אין שטאָט האָט זלאַטע שטענדיק געהייסן, אפילו פאַר איר מאַנס לעבן, „זלאַטע די צעלניקערין", נישט זלאַטע לויס, אויף איר מאַנס נאָמען; אדרבה, לוי האָט געהייסן אויף איר נאָמען — „לוי זלאַטעס". דאָס הייסט לוי, וואָס איז דער מאַן פון זיין ווייב זלאַטע... אַזוי איז געוועזן מיט זלאַטעס מוטער אויך. „בתיה די האָרטאָוויניצע" האָט מען זי גערופן; זי איז אַליין געוועזן אַן אשת־חיל און האָט אויך אירע טעכטער געמאַכט פאַר „אשת־חילס", בכדי זיי זאָלן קאָנען געבן אַ מאַן ברויט... איידעמס האָט זיך בתיה די האָרטאָוויניצע געקריגן אַנטיקלעך, צאַצקעלעך, זיידענע קינדער און מיוחסים; פאַר יחוס האָט בתיה געצאָלט אין טאָג אַריין. פאַר איר איידעם לוי, זלאַטעס מאַן, האָט זי געצאָלט צוויי מאָל נדן, אַבי באַקומען אים פאַר אַן איידעם, מחמת לוי איז געוועזן רב אַבּרהמל סלאַוויטערס אַ זון, און רב אַבּרהמל סלאַוויטער איז געוועזן איינגעטונקען אין יחוס, אויסגעבונדן כמעט מיט אַלע גוטע יידן. בטבע איז לוי געוועזן טאַקע זייער אַ ווױלער יונגערמאַן, נאָר נישט קיין געזונטער, אַ יאַדעשליווער, עפּעס אַליץ געהוסט, געהוסט, ביז ער איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זלאַ-

טען א יונגע אלמנה מיט דריי פיצלעך קינדער: אסתר — א מיידל פון א יאָר אכט, און צוויי חדר־ייִנגלעך — אפרים און מנשה.

אסתר איז געווען א בת־יחידה ביי איר מאמע, נאָר תנועות פון א בת־יחידה האָט זי נישט געהאט, ווייל זי האָט שוין ביי אירע עלטערן נישט „זאַט־געזען" קיין גוטע צייטן. זינט זי איז צו איר שכל געקומען, געדענקט זי נאָר שלעכטס און טרויעריקס: דער טאַטע שטעלט זיך איר אַנדערש נישט פאָר, ווי נאָר פאַרזאָרגט, פאַרקרענקט און פאַרחושכט, און די מאַמע איז שטענדיק פאַר־גומען מיט דער קראַם, האָט קיינמאָל קיין צייט נישט, תמיד בייז, שטענדיק פאַר־שאָלטן זיך און דעם טאָג, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. צו דרייצן יאָר איז איר אסתר געווען שוין א גאַנצע הילף אין קלייט, פריער אכטונג געבנדיק גלאט אזוי, מע זאָל נישט גנבענען, און נאָכדעם רעדן מיט א קונה, דערלאַנגען א שטיקל סחורה, און שפּעטער טאַקע העלפן צום געשעפט, לייזן געלט. אסתר האָט געשמט אין שטאָט פאַר א גרויסן בר־דעת, א בריה צום געשעפט און א פיינע בעל־חשבונטע. ווו האָט זיך אסתר אויסגעלערנט שרייבן און רעכענען? — ביי מאָטל שפּריין, וואָס האָט אויסגעלערנט אלע מאַזעפּעווקער מיידלעך לייענען און שרייבן און רעכענען. עס איז אין מאַזעפּעווקע גלאט קיין נאָווינע נישט, וואָס עס וואַקסן אויס קינדער זייער געראָטענע און קאָנען אלצדינג, נישט לערנענדיק זיך אין ערגעץ, נאָר „פון זיך אליין"...

כל זמן לוי זלאַטעס האָט געלעבט, האָט ער, ווי א געטרייער טאַטע און ווי אן איידעלער מענטש, א ייד פון לערנען, אַוודאי געוואָלט, אז אסתר זאָל זיין א ווילקענענדיקע, און לויט זי האָט זיך אַרויסבאַוויזן נאָך קינדווייז, האָט לוי נאָר אַנדערש נישט גערעכנט, אז אסתר וועט, אם ירצה השם, זיין א מיידל מיט אלע מעלות, נישט ווי אלע מאַזעפּעווקער מיידלעך. געוויינלעך, איז דאָס שוין נישט אָנגעקומען אזוי גרינג, מחמת זלאַטע זיין ווייב, וואָס איז ביי אים תמיד געגאַנגען אין ספּאָדעק, האָט דערויף אזוי גיך נישט געקאָנט מסכים זיין: „גא דיר נאָר נאָך — האָט זי געטענהט מיט לוין — א נקבה א למדן, א הון קרייט קוקאַריקו, כ'לעבן, נישט מיאוס!"... אויף אלץ האָט זיך לוי אונטערגעגעבן זלאַטען זיין ווייב, נאָר אין דעם ענין האָט ער זיך געשטעלט שטאָל און אייזן: איין מאָל פאַר אלע מאָל, אסתר באַדאַרף זיין א מלומדת! נאָר דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט: עס איז לוין געבעך נישט באַשערט געווען זיין מחשבה אויסצופירן, דען ער האָט זיך נאָך עטלעכע יאָר באַרעניש מיט דער גוטער קרענק, מיט דער טשאַכאָטקע, רחמנא ליצלן, געמוזט אָפּגעזעגענען זיך מיט דעם לעבן צו עט־לעכע און צוואַנציק יאָר, איבערלאָזנדיק זיין ליבע, טייערע אסתר אויף זלאַטעס חענט.

אסתר האָט דעמלט שוין מער נישט געקאָנט אין זינען האָבן דאָס לערנען און דאָס שרייבן; דאָס ביסל, וואָס זי האָט געקאָנט, איז איר פאַרבליבן, און דאָס איבעריקע איז זי שוין דערגאַנגען אַליין, רייבענדיק זיך צווישן סוחרים. און אסתר האָט דערמיט אין מאַזעפּעווקע שטאַרק אויסגענומען. רב קלמן שוין האָט זיך נישט געשעמט דאָס איר אין די אויגן צו זאָגן, אייגמאָל אַריינקומענ־דיק צו זלאַטען אין קלייט אריין.

— הערסטו—האָט זיך רב קלמן געווענדט צו זלאַטען, סמאַרענדיק מיט דער נאָז און כלומרשט קוקנדיק אָן א זייט — הערסטו, זלאַטע, דו האָסט דאָך שוין א היבשע מויד האָסטו, און א געראָטענע דווקא, א פאַרשוין קיין עין־הרע, און א בריה נפלאה, זאָגט מען. וויפל איז זי אַלט? הא? שוין צייט א טראַכט טון עפּעס מכוח א שידוך, ווי זאָגט ער... א שיין מיידל איז א האַלבער נדן, הא?

— ווייס איך? — האָט אים זלאַטע געענטפערט מיט א צופרידן שמייכעלע.

— וואָס כאַפּט איר זיך אזוי? ס'איז נאָך דאָ צייט; לאָז זי נאָך הוליען...

און אסתר האָט געהוליעט...

טאָג און נאכט איז זי געווען איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, נישט ווייסנדיק פון קיין שום פאַרגעניגן. מע קאָן זאָגן בפירוש, אז אסתר איז קיינמאָל קיין קינד נישט געווען. די נאַרישע, קינדערשע יאָרן זענען איבערגעלאָפן ביי איר, ווי א חלום, און זי איז פרי געוואָר געוואָרן וואָס הייסט נויט, דאגות און אָרעמ־קייט. זי געדענקט נישט, אז זי זאָל אמאָל זיין פריילעך, ווי אַנדערע מאַזעפּעווו־קער מיידלעך. טאָמער האָט אסתר אמאָל א לאַך געטאָן, פלעגט איר די מאַמע זאָגן: „איך ווייס נישט, וואָס איז מיט דיר די שמחה אזוי גרויס? וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבן און האָט מיך געלאָזט א ווייסטע, א פינצטערע אלמנה מיט דריי קינדער צו מוטשען זיך אויף דער וועלט?"... דאָס איז געווען ביי אסתרן ערגער ווי געשלאָגן; אז מע האָט איר דערמאָנט דעם טאַטן, פלעגט זיך איר אָפּרייסן אין הארצן, און זי האָט שוין מער קיין קאָפּ נישט געקאָנט אויפהייבן. זי האָט געדענקט דעם טאַטן, ווי דורך א חלום, מחמת זי איז אַלט געווען סך הכל זיבן־אכט יאָר בשעת ער איז געשטאָרבן. ער האָט זיך איר תמיד פאָרגעשטעלט א קראַנקער, מיט א געל אויסגעטריקנט פּנים, נאָר מיט גרוי־סע זייער גוטע בלויע אויגן, וואָס האָבן תמיד געקוקט אויף איר מיט רחמנות, גלייך ווי לוי האָט געוווסט, אז זיין בת־יחידה וועט זיך בלייבן א יתומה נעבעך. אסתר געדענקט, ווי דער טאַטע פלעגט זי גלעטן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און בשעת מעשה הוסטן און זיך פאַרגיין. אייביק וועט אסתר נישט פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען דער טאַטע איז געלעגן ביי זיך אויפן בעטל אָן לשון, נאָר גע־קוקט אויף איר מיט זיינע גוטע בלויע אויגן, און, צורופנדיק זי צו זיך מיט דער האַנט, אַליין געגלעט זי איבערן קאָפּ. דעם דאָזיקן קוק האָט זי לאַנג נישט געקאָנט

פארגעסן. און קוים איז איר געווען אויפן הארצן עפעס פריילעך, לעבעדיק, האט זי גאר געדארפט זיך דערמאנען אין יענעם קוק, אזוי איז איר באלד פארשטערט געווארן איר שמחה די רגע, כאטש זי איז נאך געווען גאר א קינד. זלאטע האט זי נישט געלאזט, זי זאל לאנג בלייבן א קינד; זי האט זי גיך באנוצט צום געשעפט, צו דער קלייט, און אסתר האט ארויסבאוויזן אזויפיל בריהשאפט, אז זלאטע האט גאר אנגעקוועלט פון איר: „איינס און א רעכטס, דאנקען דעם וואס לעבט אייביק כאטש דערפאר! — האט זלאטע געזאגט. — וואס וואלט איך געטאן, א וויסטע אלמנה, ווען איך זאל האבן אזעלכע קינדער, ווי ביי לייטן, גאט זאל נישט שטראפן פאר די רייד? מיט איין האנט שטראפט ער, דער וואס לעבט אייביק, מיט דער אנדערער האנט היילט ער... אט אזוי, טאכטער, לערן זיך, וועל איך האבן כאטש א שטיקעלע הילף מיט מיינע יתומים די פיצעלעך, און אליין וועסטו אויך ווערן א שטיקל מענטש“... אסתר האט זיך געלאזט לערנען און האט פארשטאנען דאס געשעפט, ווי עס דארף צו זיין.

ווי אסתר איז געווען א בריה אין קלייט, אזוי האט זי נאך מער געטויגט אין שטוב, דעם דלות צו פארשטעלן. „פארשטעלן דעם דלות“ — איז איינע פון די חכמות, וואס מע באדארף אין מאזעפעווקע דערויף שטודירן; נישט איטלעכער קאן דאס. ביי דער ערגסטער צייט האט אסתר געקאנט פירן די שטוב אזוי קונציק, אז קיינער האט נישט געקאנט טרעפן, אריינקומענדיק צו זלאטען אין שטוב אריין, צי זי איז א נגידה, צי א קבצנטע. ריין און ציכטיק איז דארטן געווען, ווי ביי קיין שום נגיד אין דער גאנצער שטאט; דאס עסן — וואס ס'איז שוין דארטן געווען, נאר דאס טישטעך, דאס געפעס און דאס דערלאנגען — כאטש נעם און שפיגל זיך אין דעם! אויסקלערן וואס ווארעמס צו קאכן ביים געמיינעם גראד, אן פלייש, אן פיש, אן שמאלץ, נאר גלאט אזוי מיט די הוילע פינף פינגער — דאס איז עפעס נישט אזא גרינגע מלאכה, און דערצו האט אסתר געטויגט. דאס מעבל ביי זלאטען אין שטוב איז געווען עפעס נישט אזוי באלעבאטיש, זייער אלט־פרענקיש און שטארק צעפארן; דערפאר אבער איז דאס תמיד באצויגן מיט אזעלכע ווייסע ציכלעך, און די פענצטער זענען פארהאנגען מיט אזעלכע פיינע פארהענגלעך, אז עס שעמערירט און פינקלט אין די אויגן, ווי עפעס רעכטס. די מלבושים, אמת, זענען שוין אביסל ארויס פון דער מאדע, דערפאר זענען זיי אבער תמיד גאנץ, אויסגעוואשן, אויסגעפרעסט — א מחיה נפשות אנצוקוקן! קיין קינד איז אין מאזעפעווקע נישט געגאנגען ארום זיך אזוי ריין, אזוי שיין, ווי אפרים מיט מנשהן, זלאטעס קינדער, און אסתר אליין — שמועסט מען נישט; קוקנדיק אויף איר, האט מען אין שטאט געזאגט: „אפנים, אז עס איז זלאטען די צייט גאר נישקשהדיק“... נעמען דעם קבצן, ארומוואשן אים, אויסקעמען אים, אויספוצן און מאכן אזוי,

אז קיינער זאָל אים נישט דערקענען, — דערויף איז אסתר געווען איין בריה. נאָר דער נאָמען, וואָס אסתר האָט זיך געקויפט ביי איר און אי ר שטאָט, איז נאָך גאָר נישט אקעגן דעם שם, וואָס זי האָט געהאט אין דער גאנצער סביבה פון מאזעפּעווקע ארום און ארום. איר נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן אויף דער וועלט צוליב די ירידים, וואָס שטעלן זיך אויס אין מאזעפּעווקע דריי מאָל אין יאָר.

דריי גרויסע ירידים שטעלן זיך אויס אין מאזעפּעווקע און געבן דער שטאָט די וועלט צו זעען: אָן זיי איז א שטארקער ספק, אויב מאזעפּעווקע וואָלט געהאט א קיום. דאָס זענען די געוויסע דריי ירידים יורי ע, ספּאס און פּאָ־קראָוו ע, אויף וועלכע דער מאזעפּעווקער ייד קוקט ארויס א גאנץ קיילעכיק יאָר, ארויפלייגנדיק דאָס גאנצע שטיקל האָפנונג נאָר אויף זיי. נאָך פריער מיט עטלעכע וואָכן הייבט מען זיך שוין אָן צו גרייטן צום יריד, דאָס הייסט, יידן לויפן שוין ארום, ווי די פארסמטע, אויסשמעקנדיק זיך ערגעץ אן אָרט און פארכאפּנדיק וואָס פריער א בעסער שטיקל פּלאץ. „נישטאָ קיין צייט, מע באַ־דארף זיך פארטיק מאכן צום יריד!“ אזוי זאָגט יעדער, אפילו דער, וואָס האָט נישט קיין קראָם, נישט קיין שענק און נישט קיין איינפאָרהויז, נישט קיין קאמער פון תבואה, אפילו נישט קיין עפּלקוואס; גלאט אזוי א ייד פון א גאנץ יאָר גרייט זיך אויך צום יריד; אפילו מלמדים און חזנים קוקן ארויס אויפן יריד. אין פלוג איז אפילו א שטיקל קשיא: וואָס פאר א שייכות קאָן האָבן א מלמד אָדער א חזן מיטן יריד? פונדעסטוועגן צעלאָזט דער מלמד דעם חדר א ביסל פריער, און דער חזן פארלאָזט די משוררים אין מיטן א „מלך עליון“ — און מע לויפט אוועק גיך און געשווינד אויפן יריד, און מע קומט צוריק מיט דעם, מיט וואָס מען איז אוועקגעגאנגען, דאָס הייסט, מיט ליידיקע הענט און מיט א גריזאָטע אין הארצן: „סטייטש, די וועלט קויפט, האנדלט מציאות פון כל־טוב!“ קומענדיק אהיים, כאפּט מען נאָך א רעכטן פסק פונעם ווייב דערפאר, וואָס אלע כאפּן מציאות אויפן יריד, נאָר זיי נישט. „א ווייסטער, א פינצטערער מאָרגן אויף אלע שונאים קעפּ! — מענהן נאָכדעם די ווייבער. — א שמחה אויף אים, א גליק האָט אים געטראָפן, אויפן הימל א יריד! געווען ברענגען כאָטש א שטיקל זאָגנע אויף העמדלעך די קינדער, צי כאָטש א רעכטן קראנץ ציבעלעס אויף ווינטער, צי דאָס שווארץ־פינצטערע יאָר ווייסט די נשמה דיי־נע!“... „נא דיר א יריד, טאָמער איז דיר קארג!“ — זאָגט נאָכדעם דער מלמד אָדער דער חזן און בלייבט שטיין א פארוואָגלטער, ארויפּלאָזנדיק די נאָז און אויסהערנדיק א גאנץ צעטל פון אלערליי קללות. אָט אזא כח האָט אין זיך דער יריד אין מאזעפּעווקע. נו, איז שוין א חידוש, וואָס צווישן די קרעמער ווערט חושד, אז עס קומט יורי ע, ספּאס און פּאָקראָווע? עס איז שוין א

חידוש, וואָס מע צעשלאָגט זיך פאַר די ערטער מיט די פּלעצער און וואָס מע שלעפּט איינער ביים אַנדערן דעם קונה, רייסנדיק אים אויף אַלע זייטן? אַז מע וויל דערקענען אַ מאַזעפּעווקער ייִדן, וואָס ער איז מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, זאָל מען אים באַטראַכטן דורך אַ שפּאַקטיוו פונדערווייטן בשעת יריד, ווען ער שטייט אַזוי מיט זיין ווייב ביי זיין שאַלאַש, רעדנדיק מיט זעקס קונים מיטאַמאָל, וויזנדיק דעם, דינגענדיק זיך מיט יענעם און מעסטנדיק אָדער וועגנדיק די סחורה. דאָרט, אין שאַלאַש, עסט מען, דאָרט שלאָפט מען, סיי זומער, סיי ווינטער. ער איז אַ גרויסער בריה, דער מאַזעפּעווקער ייִד, צום יריד; מיט איין מויל רעדט ער פאַר צען, מיט צוויי הענט טוט ער דריי מלאָכות, מיט צוויי אויגן קוקט ער אויף פיר זייטן, וווהין עס גייט אַוועק דער קונה, בכדי מע זאָל אים קאָנען רופן צוריק, שרייענדיק: „אַ כּאָדי נו סיודי, טשאַקאַוויטשע“ און דער עיקר — אכטונג געבן, מע זאָל אים נישט גנבענען. „דאָס לייזן — זאָגט ער — איז נאָך ווי עס איז, נאָר דאָס גנבענען, וואָס מע גנבעט פון אונטער די הענט, אוי, איז נישט אויסצושטיין!“ באַטראַכטנדיק דעמלט דעם ייִדן, ווייזט זיך אייך אויס, אַז ער און זיין ווייב און זיינע קינדער זענען לכתחילה באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב דעם יריד; זייערע פּנימער פלאַמען בשעת מעשה, די אויגן ברענען, די נאָז שמעקט, דאָס מויל רעדט, די הענט אַרבעטן, אַלע אברים טוען, עס איז כּל עצמותיו תאמרנה: „גוואַלד, ייִדן, ס'איז יריד!“...

זלאַטע מיט אסתרן אַרבעטן, גלייך מיט אַלע יריד־לייט, אויף אַלע כּלים דעם גאַנצן טאָג. אַזאַ טאָג! אָנרעדנדיק זיך ווי אַ פּויק, ווערט מען אויש הייזעריק און מאַט, אויסגעמוטשעט, הונגעריק און פאַרשמאַכט, ווי נאָך אַ תּענית, ביז גאָט העלפט, דער טאָג גייט אַוועק און עס קומט די נאַכט; דעמלט ווערן די שאַלאַשן פאַרהאָנגען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט לייַנטיכער, און אַלע קרעמער מיט די קרעמערינס זעצן זיך אויפן טיש, און מע הייבט אָן יעדער באַזונדער איבערציילן דעם פּדיון, זאָגנדיק נאָכדעם מיט אַ זיפץ: „אָט האָסטו דיר די מחיה פונעם יריד — אַ טאַרעראַם! אויף אַזאַ יריד זאָל מען נישט לייזן קיין געלט — איז שוין עק וועלט און געוואַלד!“.

—מאָלט אייך, — דערציילט אַן אַלטער שניטקרעמער רב פייוול, — אַז מע האָט שוין ביי מיר געקאָנט אַוועקלקחענען אַכצן אַרשין! איך בין שוין העכער דרייסיק יאָר קרעמער און מע האָט נאָך ביי מיר ביז היינטיקן טאָג נישט געגנבעט קיין פאָדעם אַפילו — אַ מעשה נפלא! איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין: אָט איז דאָס געלעגן, דאַכט זיך, פאַר מיינע אויגן, און אָט האָט דאָס אין דער מינוט שוין נישט געסטאַיעט! מאַראָזאָווס זאַנע, פּערווע נומער, אַכצן אַרשין, אַזאַ רציחה!

צווישן עולם ווערט א גערעדעריי. יעדער דערציילט מעשיות פונעם יריד. צווישן אלע קולות לאָזט זיך הערן אויך אסתרס קול; יידן הערן זי אויס, קוקנדיק אויף איר מיט א צופרידן שמייכעלע און קראַצנדיק זיך פאר התפעלות. „א גאנצער מענטש, זלאטעס מיידל! — זאָגן נאָכדעם די קרעמערם. — דאכט זיך, נאָך גאָר א קינד, פארשטייט אָבער דווקא א געשעפט, ווי עס געהער צו זיין“...

מחמת גרויס ענגשאפט און מחמת פיל פריון אויפן יריד, באַנוצן די מאַזעפּעווקער ווייבער, די אשת־חילס, זייערע מענער, די שיינע יידן, וואָס קערן זיך, צומוטיישטנס, אַ גאַנץ יאָר נישט אָן מיטן געשעפט לחלוטין גאָרנישט; זיי באַנוצן די מענער נישט אזוי צום לייזן געלט, ווי צום היטן, מע זאָל נישט גנבענען. די דאָזיקע מענער זענען „פוגאלעס“, „סטראַשידלעס“; אויפן קוק דאכט זיך, גאַנץ פיינע יידן מיט בערד, נאָר אין תוך אריין — גרויסע לא־יוצלחס, טויגעניכטסן. יידענעס אין הויזן, ווייבער מיט בערד און פאות... אזא ראָל האָט אמאָל געשפילט לוי זלאטעס ביי זיין לעבן, און תמיד, ווען זלאטע דערמאָנט זיך אָן דעם, באַדויערט זי זיך און באַווײנט זיך: „נישטאָ לוי, נישטאָ ווער ס'זאָל זיצן אכטונג געבן ביי דער שטעל!“... זלאטע קלאָגט זיך פאר איר שכן, שמואליק דעם חזן, און בעט ביי אים, אזוי ווי זיין יאָסעלע גייט ממילא ארום בטל, לאָז ער כאָטש ווייסן א שטיקל עול אויף זיך, לאָז ער כאָטש זיין א שומר ביי דער שטעל, אכטונג געבן, מע זאָל נישט גנבענען. שמואליק טוט איר צוליב, און יאָסעלע שטייט גלייך מיט זלאטען און אסתרן אויפן יריד און „העלפט לייזן געלט“. יאָסעלען, אייגנטלעך, טוט דאָס הנאה, וואָס ער קאָן העלפן אסתרן, איר נוצלעך זיין מיט עפעס א טועכץ. צוליב אסתרן וואָלט זיך יאָסעלע נישט געפוילט און וואָלט געגאנגען אין עק וועלט, אין פייער און אין וואסער, נאָר פאר איר געטריישאפט אליין, פאר איר גוט האַרץ און פאר איר באַגיין זיך מיט אים, אָרעמען, עלנטן יתום.

V

יאָסעלע גייט ארום פוסט און פאס און עס ציט אים אלץ „אהין“

דער עולם זאָגט א ווערטל: „מיט דער מאמע איז דער טאַטע א פ אָ ט ע ר, מיט דער מומע — איז ער א פ ע ט ע ר“. שמואליק דער חזן, כל־זמן זעלדע האָט געלעבט, איז יאָסעלע געווען ביי אים א צאַצקע, ער האָט זיך שטענדיק געשפּיגלט אין אים: „מיין יאָסעלע? איר וועט זען, וואָס ס'וועט פון אים אמאָל זיין!“ ווי=

באַלד אָבער זעלדע איז אים אָפּגעשטאָרבן און ער האָט געבראַכט צו פירן פון באַרדיטשעוו אָט איינע יידענע מיטן טערקישן שאַל, האָט שמואליק צוליב איר אָנגעהויבן בּיסלעכווייז קאַלט צו ווערן צו יאָסעלען, כאָטש אין האַרצן, קאָן זיין, האָט ער אים ליב געהאַט ווי פריער. זלאַטע די צעלגיקערין האָט געברענט קוקנדיק, ווי מע באַגייט זיך מיט יאָסעלען. „ווי מיינט איר, רב שמואליק, — פלעגט אים אָפּט זאָגן זלאַטע מיט א שטאָך — אשטייגער, אז זעלדע, עליה השלום, זאָל געווען בלייבן אן אלמנה, וואָלט יאָסעלע אזוי ארומגעגאנגען פוסט און פּאַס? זי וואָלט אים אויך אָפּגענומען פונעם חדר, עס זאָל פון אים אויסוואַקסן א ווייס איך וואָס, א הינטשלעגער?“ דערויף פלעגט שמואליק ענטפערן נאָר מיט א טיפן זיפץ און מיט א קרעכץ און אויסדרייען זיך פון זלאַטעס מויל, אבי נישט הערן מער אירע רייד, וואָס דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ.

יאָסעלע איז געווען, ווי אויבן איז געשטאַנען, פון קינדווייז אויף ביי זלאַטען אין שטוב, ווי אן אייגענער, און זינט ער איז א יתום געבליבן, האָט אים זלאַטע נאָך מער מקרב געווען, אויף אים גרויס רחמנות געהאַט און זיך איינגעשטעלט פאַר אים, נישט לאָזנדיק די שטיפמאַמע זאָל זיך מיט אים באַגיין, ווי איר האָט זיך געוואָלט. דערפון איז צווישן זלאַטען און צווישן שמואליקס ווייב אויסגעבראָכן א גרויס מחלוקת מיט א שרעקלעכער שנאה איינע צו דער אנדערער, און איבער זיין ווייב האָט שוין שמואליק אויך זיך געמוזט צעקריגן מיט זלאַטען, דאָס הייסט, קריגן האָבן זיי זיך, אייגנטלעך, נישט געקריגט: אים האָט נאָר זלאַטע עטלעכע מאָל גוט אָפּגעזייפט דערפאַר, וואָס ער לאָזט זיך טרעטן אויפן קאָפּ און וואָס ער לאָזט, מע זאָל באַליידיקן זיין קינד.

— איר זענט, רב שמואליק, איר זאָלט מיר מוחל זיין, וואָס איך זאָג אייך אזוי אָפּנטלעך, איר זענט א צאַפּ; נישט קיין מאַן. וואָס הערט איר זי, די בארדיטשעווער מכשפה? ווען זעלדע, עליה השלום, זאָל איצטערט אויפשטיין און זאָל א קוק טאָן אויף איר יאָסעלען, וואָלט זי זיך געמעגט נאָך אמאָל באַגראָבן. א שיינער טאַטע, נישטאָ וואָס צו רעדן! איך וואָלט זיך אויף אייך געריכט א קרענק, כלעבן! אזוי טוט אן ערלעכער ייד, איאָ?!

שמואליק פלעגט זי אויסהערן, אָננעמען וואַסער אין מויל אריין און אוועקגיין צו זיך מיט זיינע משוררים באַשאַפן א נייעם „עוד יזכר לנו“ אויף ראש-השנה. פאַר זלאַטען האָט שמואליק מורא געהאַט א סך מער, ווי פאַר זיין פּלוניתטע, „די באַרדיטשעווער מכשפה“; עס איז אים געווען פריקרע צו באַגעגענען זיך מיט זלאַטען, וואָס האָט אים שטענדיק דערמאָנט זעלדען. דאָס איז פאַר אים געווען ערגער פון ערגער, און דערפאַר האָט ער זיך פאַר איר געהיט, ווי פאַר פייער, און תמיד געטשאַטעוועט, אז ווען זלאַטע איז געקומען פון מאַרק, איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע משוררים איבער א „מכלכל“, אָדער א

„ויאתיו“ אויף ימים נוראים, אָדער אזוי זיך געקאטשעט אויפן האלדז, אבי זיך נישט באגעגענען מיט זלאטען. דערפאר איז אָבער יאָסעלע געלעגן דאָרטן טאָג ווי נאכט. פון צען יאָר אָן, זינט מע האָט אים אָפּגענומען פון חדר, איז יאָסעלע ארומגעגאנגען בטל, נישט האָבנדיק וואָס צו טון און נישט וויסנדיק וווהין זיך צו „פּריטוליען“; ער פלעגט זיצן ביי זלאטען אין קלייט, דאָרט אכטונג געבן, אָדער אין שטוב עפּעס העלפן טון אן ארבעט, דערביי צוזינגענדיק מיט זיין זיסער שטימע, וועלכע אסתר האָט זייער ליב געהאט צו הערן. מיט אסתרן האָט יאָסעלע געלעבט, ווי אן אייגענער ברודער. זיי זענען ביידע געווען כמעט אין איינע יאָרן, פון קליינוויז אויף איינייגעם געוואקסן, ביידע געווען יתומים, און ביידע אין איין צייט געוואָר געוואָרן, וואָס באדייט שלעכטיקייט. אז אסתרקען איז שלעכט געוואָרן אויפן הארצן, פלעגט זי בעטן יאָסעלען, ער זאָל איר זינגען פון „דער ווילנער גאס“; יאָסעלע פלעגט זיך אוועקשטעלן אין מיטן שטוב און מיט דער מינע פון אן אקטיאָר אויסציען אויף זיין ווייבער, זיסער שטימע:

גיי איך ארויס

אויף דער ווילנער גאס.

הער איך א קול

מיט א גרויס געשריי:

אוי וויי! איך הער מע שרייט...

יאָסעלע פלעגט זיך צעהיצן, פארגלאָצן די אויגן צו דער סטעלי, צוהאלטן זיך מיט דער האנט ביים הארצן, זיך פארגיין, מאכנדיק בשעת מעשה אָנשטעלן, ווי אן אמתער אקטיאָר.

— ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט אזעלכע תנועות? — האָט אים איינמאָל אסתר א פרעג געטאָן.

— איך האָב דאָס געזען פון פּ י צ י ם טענאָר, ווען איך בין דאָרט געווען מיטן טאטן. פּ י צ י ם טענאָר האָט דערציילט, אז אזוי זינגט מען אין טריאטער. אז מע זינגט אין טריאטער, באדארף מען זיך אויסציען, מאכן מיט די הענט און מיט אלע אברים. אי, אי, זינגט ער, אָט דער טענאָר! ער האָט א פּרווו געטאָן מיין שטימע און האָט מיר געזאָגט, אז פּ י צ י וואָלט מיך צוגענומען בשתי ידים. איך האָט דעמלט געטראכט אפילו א זאָג טון דעם טאטן מכח דעם, נאָר איך האָב נישט געוואָלט. איך האָב מורא געהאט... אצינד, אז פּיצי זאָל קומען אהער, וואָלט איך שוין קליגער געווען.

זאָגנדיק די ווערטער, פלעגט זיך יאָסעלע פארטראכטן. אין זיין קליין קינדערש הארץ האָט געברענט א פייערל, און עס האָט אים אַלץ געצויגן אהין, אין דער גרויסער, פרייער וועלט ארויס. ג י ס י, פּ י צ י, י ר ו ח ם, נ א ָ ט ן — אָט דאָס איז געווען יאָסעלעס השגה, זיין ווונטש אין זיינע יינגלשע יאָרן. צו גרייכן צו

איינער פֿון די דאָזיקע זאַכן — איז בײַ אים געווען די העכסטע מדרגה אין זײַן קינדערשן לעבן. פֿאַרשיידענע גילדענע חלומות האָבן זיך נישט אויפֿגעהערט צו פּלאָנטערן און צו שוועבן בײַ אים אין קאָפּ; דער בעסטער פֿון די דאָזיקע אַלע זײַנע חלומות איז געווען: אוועקלאָזן זיך אַמאָל קיין אָדעס צו פּ י צ י ן, אָדער צו מ י צ י ן קיין טעטערעוועץ, און דאָרטן זיך אויסלערנען נאָטן. דאָס זעלבע, קאָן זײַן, איז געווען אויך שמואליקס ווונטש; ער האָט אָבער נישט געהאַט בּיכולת אַרויסנעמען און געבן אים עטלעכע קערבלעך אויף הוצאות: דערצו האָט ער נאָך באַדאַרפֿט פֿריער איבערעדן מכּה דעם מיט זײַן פּלוניתטע, און דאָס איז געווען פֿאַר אים שווער כּקריעת ים־סוף. אַז יאָסעלען האָבן שוין גוט צוגעטראָטן די צרות, פֿלעגט ער זיך נישט איין מאָל פֿאַרטראַכטן, טאָמער וואָלט געווען, אַ סבֿרה, אַז ער זאָל זיך אַליין אוועקלאָזן צו פּ י צ י ן, נעמען פּשוט די פֿיס אויף די פּלייצעס — און נישטאָ מיר! פֿאַר וועמען האָט ער נאָכדעם מורא צו האָבן? יאָסעלע האָט שוין אַפֿילו אָפּגעקלערט אַ פּלאַן, ווען און ווי אַזוי; עס האָט אים אָבער באַנג געטאָן איבערלאָזן דעם טאַטן אַליין בײַם עמוד. שמואליק האָט זיך שוין אָן יאָסעלען גאָרנישט געקאָנט באַגיין. ער איז געווען זײַן גאַנצע „פּאַדפּאָרע“ בײַם עמוד; אין דער צײַט ווען יאָסעלע פֿלעגט זיך צעלאָזן אויף זײַן העלדיזל, פּיופּן און טערעלייקען אויף אַלערליי אופֿנים, האָט זיך שמואליק דערווײַל געקאָנט אָפּרוען און אָנגעמען זיך מיט נײַע כּחות אויף צו אַרבעטן ווײַטער. יאָסעלע, ווי שלעכט ס׳איז אים געווען, האָט דעם טאַטן זייער ליב געהאַט, רחמנות געהאַט אויף אים. „וואָס וועט ער טון אָן מיר? ווער וועט אים טראָגן דעם שלח־מנות אום פּורים, צעטראָגן די שמורה־מצה ערבֿ פּסח, די אתרוגים אויף סוכּות“... אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, בשעת זעלדע, עליה השלום, האָט געלעבט און געפֿירט די שטוב=הוצאה פֿון איר אייגענער פּראַצע, פֿון האָדעווען גענדז, פֿון פּרעגלען שמאַלץ, פֿון פֿליקן פֿעדערן וכדומה אַזעלכע זײַטיקע פּרנסות, האָט נאָך שמואליק נישט באַדאַרפֿט אַזוי יאָגן זיך נאָך די דאָזיקע ווײַטע הכנסות; אַצינד אָבער, אַז זעלדע איז אים אָפּגעשטאָרבן און ער האָט געבראַכט איינע יידענע פֿון באַרדיטשעוו, האָט זי אים פֿאַרגרעסערט די משפּחה מיט אַ צוויי־דריי פּיצלער אומשולדיקע באַשעפֿענישלעך, וואָס באַדאַרפֿן עסן, און שמואליק האָט זיך באַדאַרפֿט אָנטון אַ כּח און אַליין אַרויסשיקן יאָסעלען אויף דער שטאָט פּורים אַרומטראָגן דעם שלח־מנות. דאָס איז געווען פֿאַר שמואליקן אַ גרויסער אַראָפּפֿאַל, צוזעענדיק זײַן זון, ווי ער גייט דאָס אַרום איבער די הײַזער אַ באָרוועסער נעבעך...

יאָסעלען אַליין האָט דאָס ווינציק־וואָס געאַרט. פֿונעם טאַטנס וועגן איז ער געווען גרייט צו טון אַלץ אין דער וועלט, ווען ער זאָל נאָר וויסן וואָס. „איך זאָל זײַן אַזוי גרויס, ווי פּ י צ י, — האָט זיך יאָסעלע געקלערט — וואָלט איך דאָס לעצטע אוועקגעגעבן מײַן טאַטן, אַבי נישט צו זען זײַנע יסורים!“ וואָס ווײַטער

האָט יאָסעלע אָנגעהויבן אַלץ מער צו פילן, ווי עס ציט אים אין ערגעץ, פלעגט ארומגיין פארטראכט און פארזאָרגט. זיינע מחשבות זענען געווען דאָרטן ערגעץ, גאנץ ווייט. עס איז ביי אים אין הארצן געזעסן א מין גייסט, וואָס ער אליין האָט אים ווייניק פארשטאנען. עס האָט אים געטראָגן אין דער לופטן, נישט געלאָזט שלאָפן און אלץ געשלעפט אים ערגעץ: „אהין — אהין! איין מאָל פאר אלע מאָל — אהין!"...

VI

ער זוכט אָפּ זיין גן־עדן, נאָר מע טרייבט אים פון דאָרטן מיאוס ארויס

נישט האָבנדיק וואָס צו טון, פלעגט זיך יאָסעלע ארומשפאנען איבער דער שטאָט, אויסמעסטן די גאסן אין דער לענג און אין דער ברייט. אמאָל פארגיין ווייט הינטער דער שטאָט און דאָרט איינער אליין זיך אויסציען אויף דער ערד, נישט ווייט פונעם וואלד, און צעלאָזן זיך אויפן האלדז, צעגיסן זיך אויפן טאטנס שטייגער, זאָגנדיק „עפעס" פון ימים נוראים „א זאך".. דאָרט, אויפן פרייען פלאץ, האָט ער זיך געקאָנט אויסשרייען, אויסזינגען זיך, און דער ווידערקול פונעם וואלד פלעגט זיך אים אָפּגעבן מיט א קלאנג און מיט א הילך, גלייך ווי ביימער זענען זיינע משוררים און זיי האלטן אים אונטער. דאָ, אויפן פרייען פעלד, האָט זיך יאָסעלע געפילט א סך היימישער, ווי ביי זיך אין דער היים; קיינער האָט אים נישט געווערט צו זינגען און צו שרייען, און ער האָט זיך פאר קיינעם נישט באדארפט שעמען. אויך האָט ער דאָ נישט געהאט אויף זיך קיין אויבערהאר, קיין שטיפמאמע, וואָס זאָל אים יאדען, און קיין טאטן, וואָס זאָל זיפצן און קרעכצן אויף זיינע יאָר און טעג. עפעס גאָר א באזונדערע וועלט האָט דאָ יאָסעלע באשאפן ביי זיך אין קאָפּ: דער וואלד — דאָס איז ז י י ן וואלד, צוליב אים באשאפן געוואָרן, ער זאָל דאָ קאָנען זינגען; דאָס פעלד — דאָס איז זיין אייגענע „אימעניע", זיין גוטס, זיין גן־עדן. דאָ, אין דעם גן־עדן, ווו קיינער זעט אים נישט און הערט אים נישט, מעג ער זיך, נישקשה, אָנטון דאָס ווילמאָג און זינגען, און שרייען, און שפרינגען, און מאכן אָבשטעלן, וויפל זיין הארץ גלוסט. עס איז אָבער, אוי־וויי, נישטאָ קיין אייביקע זאך אויף דער וועלט! מע האָט יאָסעלען גיך פון זיין נייעם גן־עדן ארויסגעטריבן, ארויסגעיאָגט מיט הינט, מיט שטעקנס און מיט שטיינער, כאָטש ער איז געווען גאָט די נשמה שולדיק...

עס איז געווען א ווארעמער, א לויטערער זומער־טאָג. אין שטאָט, געוויי־לער, בראָט די זון און סמאליעט גאָר אָן רחמנות, פארטרייבנדיק די מאזעפּעו־

קער מאַרק=יידן און מאַרק=ווייבער אונטער דער סטאָיקע, ל״ג, דאָרטן אין א שאָטן און פאָכען מיט דער נשמה, און די היימישע ווייבער, די גראָבע יידענעס, וואָס קאָנען קיין היץ נישט איבערטראָגן — אין די קעלערס אריין. די מלמדים אין די חדרים דרעמלט ווארפן אראָפּ די קאַפּאָטעס, בלייבן זיצן מיט די ברייטע ארבל פון דעם העמד און מיט די געלע טלית=קטנס, דאָס האָריג צעבראָסטעט, מע הייבט די יאַרמעלקע און מע שוויצט, ווי אין א באָד: די תלמידים לאָזט מען אָפּ צום טייך זיך באָדן, פּליעסקען זיך אין דער בלאָטע — עס ברענט ווי אין גיהנום, נישטאָ ווו זיך אהינצוטון! יידן מיט שטעקלעך גייען ארום אין מארק, די ארבל פארקאַטשעט, דאָס היטל פאַררוקט, מע רייסט אויף זיך דאָס לייב, זאָגנדיק איינער צום אנדערן: „נו, א היץ! אי, א טאָג! גאָר נישט אויסצושטיין!“... אויך די ציגן אויף דער שולגאס, וואָס האָבן ביז אהער פארשייט געקלעטערט אויף די דעכער, געציפּעט פון דאָרטן שטרוי פון דער סטריכע, געלעקט די ווענט פון די שולן, געשפּרונגען צו די ווייבערשע טישלעך אין מארק, כאַפּנדיק אלע מינוט א מיאוסן פּסק פון די קלייט=משרתים, — אויך די דאָזיקע פארשייטע ציגן האָבן זיך איינגעמידט פון דער היץ, זיך אנידערגעלייגט, די פּיסלעך אונטער זיך, אויסגעצויגן די קעפּלעך, ארויסגעשטעלט די צינגלעך, מאַכנדיק דערביי א משונה=נאַריש פּנים. בכלל, עס ברענט אין שטאָט, עס שרפהט, און אלע קוקן שוין ארויס אויף דער ליבהאַרציקער נאַכט.

נישט אזוי איז אָבער הינטער דער שטאָט, אין פעלד, ביים גרויסן גרינעם וואלד. אהינצו האָט זיך עס יאָסעלע פארקליבן מיט זיין זינגען, שרייען און פּילדערן. גייענדיק אזוי ביים וואלד מיטן שאָטן פון די ביימער און שלינגענדיק די פרישע קילע לופט מיטן פולן מויל, האָט זיך יאָסעלע גאָר נישט ארומגעקוקט, ווי ווייט ער איז פארגאנגען פון דער שטאָט. עס האָט זיך פאַר זיינע אויגן פאַרשפּרייט א גרויסער גרינער קאָווער, אזא גלאַטער, אזא מחיהדיקער, אז עס בעט זיך א וואָרף טון אויף אים, אויסציען זיך און רוען, און רוען אָן אן עק. נאָר וואָס ווייטער ווייזט אויס דאָס גראָז אלץ געדיכטער און שענער, און עס ציט אים אלץ ווייטער און ווייטער. ער פילט זיך אזוי גרינג, אויפן הארצן איז אים אזוי גוט און אין האַלדז באָרבלט, עס קיצלט, עס גלוסט זיך זינגען. עס פאַלט אים איין אין קאָפּ א נייער געדאַנק, א נייער מין נוסח פון א „ועל המדינות בו יאמר“, און יאָסעלע הייבט אָן צו נעמען אלע מאָל העכער און שטארקער, און דאָס קול גייט אים אזוי פריי, אזוי גרינג, אז עס דאַכט זיך אים אויס, ווי הויך ער זאָל נישט נעמען דעם טאָן, קאָן מען נאָך העכער נעמען — און ער קנאַקט, ער זינגט, ער צעגייט זיך, ער מאַכט טרעלן אזעלכע, וואָס ער אליין וואונדערט זיך, ווי קומט דאָס צו אים? ער פּלאָנטעט א מין פאַנטאַזיע מיטן האַלדז, גאָר אליין נישט וויסנדיק, וווהין ער וועט פארקריכן ווייטער און מיט וואָס וועט ער אויס-

לאָזן; עס קומט צו די ווערטער: „אשרי איש — וויל איז צו דעם, וואָס פאַר־געסט דיך נישט, און שטאַרקט זיך מיט דיר, וואָרום דיינע פאַרשער וועלן נישט געשטרויכלט ווערן, און וועלן זיך נישט שעמען אייביק אלע די, וואָס באַשיצן זיך אָן דיר“... — צעלאָזט זיך יאָסעלע אויף זיין האלדז אלץ לעבעדיקער און שטאַר־קער, אונטערשפּרינגענדיק, מאכנדיק מיט די הענט און שרייענדיק אויף א קול:

„כל החוסים בך!
כל החוסים בך!“...

פּלוצעם הערט יאָסעלע א משונה געשריי: „קסי־קסי־קסי! אטו יעהאָ! קסי־קסי־קסי!“ ער קוקט זיך ארום און בלייבט שטום: א גאַנצע טומשקע פּאַס־טעכלעך, מיט טאָרבעלעך אויף די פּלייצעס, מיט גרויסע היטלען אויף די קעפּ און מיט גראָבע בולעווקעס אין די הענט, יאָגן זיך נאָך אים, און פאַר זיי לויפט א גרויסער, שווארצער, מוראדיקער, קודלאטער הונט. יאָסעלע פילט א שארפן קלאַפּ און נאָכדעם — ווי עפּעס עמעצער שלעפּט אים, רייסט אים, ציפּעט אים. און נאָכהעם... נאָכדעם געדענקט ער שוין גאָרנישט.

. . . .

אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין קיינעם נישט געזען ארום זיך. פארטומלט, מבויש, און איבערגעשראָקענער, מיט א צעריסענער, צעפּיצלטער קאַפּאָטקע, האָט זיך יאָסעלע אויפגעהויבן פון דער ערד און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אהיים, נעבעך מיט זייער א פארביטערט הארץ. ער האָט זיך צע־וויינט; ער האָט נישט פארשטאנען, וואָס האָט צו אים דער רבונו־של־עולם מער ווי צו אלע ייִנגלעך פון זיין גראד? פארוואָס שטראָפט ער אים אזוי? דאכט זיך, דאוונען דאווגט ער אלע טאָג, היט אָפּ אלע מצוות, ווי עס געהער צו זיין, איז מקיים די מצווה פון כבוד־אב; אפילו דער שטיפמאמע גיט ער אָפּ כבוד, מער ווי זי פארדינט ביי אים.

—פאר וואָס קומט דאָס מיר, רבונו־של־עולם? מיט וואָס האָב איך אזעלכעס פארזינדיקט, וואָס דו שטראָפסט מיך אזוי?

און אויסדרייענדיק צום לעצטן מאָל דעם קאָפּ צוריק, האָט זיך יאָסעלע מיט א זיפץ אָפּגעזעגנט מיט זיין גן־עדן, מיט דעם פרייען פעלד, מיטן גרינעם שאָטנדיקן וואלד אויף תמיד, אויף אייביק.

VII

יאָסעלע ווערט א בעל־תשובה און פאלט אריין אין א נייעם אומגליק

נאָכדעם ווי מע האָט אים אזוי מיאוס ארויסגעטריבן פון זיין גן־עדן או, יאָסעלע איז געקומען אהיים א צעשלאָגענער, א צעפלאָכטענער, מיט א צע־פליקט קאפּאָטקעלע, האָט ער, געוויינלעך, באַקומען א שייגעם ברוך־הבא פון דער שטיפמאמע, און טאקע פונעם טאטן אליין. שלאָגן האָט אים שמואליק נישט געשלאָגן קיינמאָל, נאָר ער פלעגט אים באשטראָפן מיט ווערטער:

— איך פרעג דיך אליין: נו, טוט עס אזוי א בחורל? גייט און צערייסט א קאפּאָטקעלע אויף פּיץ־פּיצלעך! איך וועל דיר מסתמא, וואָס איז שייך, באלד מאכן א נייעם? די גוטע פרנסות הייגטיקע? ווען די מאמע דיינע זאָל איצטערט אויפשטיין, איך וויים? וואָס איז שייך...

יאָסעלע וואָלט אוועקגעגעבן מי יודע וואָס, אבי ער זאָל נישט הערן מער דעם טאטנס מוסר. אין דער מינוט האָט זיך יאָסעלע באשוואָרן, אז ווייל ער וועט לעבן זאָל שוין זיין פוס מער נישט זיין אין וואלד, און ער וועט שוין פון שטאָט נישט ארויסטרעטן, ער זאָל וויסן — גליקלעך צו ווערן!... דאָס איז גע־ווען דאָנערשטיק. אויפן אנדערן טאָג, פרייטיק הייסט דאָס, איז יאָסעלע גאנץ פרי אוועקגעלאָפן אין שול אריין און האָט זיך אוועקגעשטעלט דאווענען, אָבער אזוי פרום און מיט אזוי פיל הארץ, ווי נאָך קיינמאָל נישט. נאָכן דאווענען האָט ער זיך אליין גענומען שייערן דער שטיפמאמען דאָס מעש מיטן קופער, געלאָפן איר אין מארק אריין „אויף איין פוס“ איינקויפן פעפער, לאָרבער־בלעטער מיט ציטערינג מיט איינגלגעווירץ, מיט „פאר דריי גראָשן האָניק“ צום קוגל, מיט קידוש אויף שבת, און קומענדיק האָט זיך יאָסעלע אליין א וואָרף געטאָן אָנרייבן כריין צום טיש און האָט זיך גענומען צו דער „פיסנאָגע“ זי שפאלטן אין בעט מיט א מעסער און מיטן אייבערשטן פונעם שטייסל אזוי בריהש, אז די חזנטע האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאלטן און האָט א זאָג געטאָן אזוי, פאר זיך, פארקוקנדיק אין אויוון אריין און צעבלאָזנדיק דאָס פייער:

וואָרען? אזוי באדארף א ייִנגל! נישט ווארטן, ביז יענער זאָגט גיי! האָ־ריקען זיך, שיקערלעך, זאָגערלעך, שאפערלעך...

פון די ווערטער האָט יאָסעלע באקומען אין זיך נאָך מער קוראזש, ווי פריער; ער האָט זיך געפילט אין כח איבערקערן א וועלט, כמעט ווי שמשון הגבור. ער האָט באמערקט, אז די שטיפמאמע זוכט א ביסל וואסער, האָט ער לאנג נישט געטראכט, פארקאטשעט די פאָלעס פונעם צעגויפגעסטריגעוועט קאפּאָטקעלע, געכאפּט דעם עמער און האָט אים אין עטלעכע מינוט ארום

אריינגעטראָגן א פולן, ווי אן אויג. שפּעטער האָט ער זיך אוועקגעזעצט מעביר זיין די סדרה און זאָגן שיר־השירים מיט אזא זיסקייט, אז די חזנטע האָט אים אליין צוגעטראָגן אויפן דערקאַטש אביסל לאָקשן, באשמאָלצן מיט א ציבעלקע פון שמאַלץ. יאָסעלעס הארץ איז געווען יענעם טאָג און דעם אנדערן טאָג, דאָס הייסט שבת, פול מיט ליבשאפט און געטריישאפט צו זיינע אייגענע און מיט תשובה צום אייבערשטן. שבת בייטאָג, נאָכן טיש, דעמלט ווען אלע יינגלעך שפּאצירן ארום אויף דער בארדיטשעווער גאס, האָט זיך יאָסעלע אוועקגעזעצט זאָגן פרק מיט גרויס חשק. נאָכן פרק האָט ער זיך גענומען געשמאק צום תהילים און האָט זיך אָבער מיישב געווען, עס איז נישט קיין פלאץ: אלע ערלעכע יידן זאָגן תהילים אין בית־המדרש, און ער זיצט דאָ ביי דער פאָמעניצע גאָר — פע, מע באדארף גיין אין שול אריין!

און יאָסעלע נעמט אויף זיך דאָס שבתדיקע קאפאָטקעלע, בינדט זיך ארום דעם האלדז מיט א ווייסער פאטשיילע און לאָזט זיך גיין אין שול אריין. אויפן הארצן איז אים איצט אזוי גרינג, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער פילט זיך, ווי א מענטש, וואָס האָט זיך מיט עמעצן צעקריגט און האָט זיך נאָר וואָס איבערגעבעטן. עס ווייזט זיך אים אויס, אז צווישן אים און צווישן דעם גרויסן לעבעדיקן גאָט איז פאראן א שטיקל שייכות; ער, יאָסעלע, און אָט די גאנצע וועלט, וואָס ער זעט איצט פאר זיינע אויגן, זענען גאנץ נאָענטע מחותנים. די זון, וואָס הייבט אָן נאָר וואָס אונטערגיין, אראָפּלאָזנדיק זיך געשווינד אראָפּ־אראָפּ, דער הימל, וואָס לייכט און וואָס באפארבט זיך ביי דער זייט מיט א העל־רויטן פאַס, די פייגעלער, וואָס שווימען אויבן, מחנותווייז, אראָפּ און ארויף, וויגן זיך, ווי א שיף אויפן ים — אלץ, אלץ איז אים נאָענט, היימיש, עס געהער זיך מיט אים עפּעס אָן, עס האָט א שייכות צו אים... פארטיפט אין געטלעכע ענינים, גייט זיך יאָסעלע וויטער און וויטער, גאָר נישט באמערקנדיק, אז ער האָט שוין לאנג איבערגעלאָזט די קאלטע שול, מיט דער גאנצער שולגאס, מיט דער בארדיטשעווער גאס אויך, מיט די „האמארניקעס“, מיט די „קוזניעס“, מיט דער „נייער בריק“, און איז שוין גאָר אויף דער „פוילישער גאס“. יאָסעלע וואָלט געגאנגען נאָך ווייטער, ווען עס זאָל אים נישט געווען אָפּשטעלן א משונה־זיס געזאנג, עפּעס א מין געטלעך שפּילן, זעלטענע קולות, אזעלכע, וואָס ער האָט זיי נאָך אין זיין לעבן קיינמאָל נישט געהערט. ער שטעלט זיך אָפּ און הערט און קאָן זיך גאָר זאט נישט אָנהערן. אז עס איז פאראן אויף דער פוילישער גאס, דאָרט אויפן בארג ערגעץ, א „קאָסטיל“ — ווייסט ער גאנץ גוט; און ווייסט ער, אז דאָרט שפּילט מען אויפן „אָרגל“; נאָר הערן האָט ער דאָס נאָך נישט געהערט קיינמאָל, ווייל, ערשטנס, איז אויף דער פוילישער גאס פאראן היינט אין יעדן הויף, און, צווייטנס, מאָר מען דאָך גלאט נישט הערן דעם „אָרגל“ שפּילן זינט

דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן... אין דער מינוט פאַרדריסט אים שטאַרק, וואָס די ייִדן האָבן פאַרזינדיקט, און עס טוט אים האַרצעדיק באַנג, וואָס ייִדן האָבן שוין מער נישט זייער בית־המקדש, זייער אָרגל מיט זייערע לוויים, וואָס פלעגן שפּילן אויף אַלערליי אינסטרומענטן און זינגען הייליקע לידער... און דאָ הערוויל פון קאָסטיאָל לאָזט זיך הערן דאָס שפּילן מיטן געזאַנג, און ווי מיט אַ מאַגנעט ציט עס אים אַלץ אַרויף־באַרג, נעענטער צו זיך, און פון דאָרטן, פון ערגעץ, גיסן זיך, גיסן זיך זיסע, הימלשע קולות, ווי אַ געזאַנג פון אַ מענטש, פון אַ סך מענטשן אינגייגעם; און עפּעס אַ גראָב קול, אַ דינער, פאַלט אַלע מינוט פון אויבן אַראָפּ, אַז עס ציטערן אַזש די ווענט מיט דער ערד אונטער די פיס. און נאָכדעם — ווידער זיסע געצייכנטע שטימען, מיני געזאַנגען, וואָס שנייִדן, שנייִדן דאָס האַרץ, ווי מיט אַ מעסער, און אַ שייגע גלאַטע שטימע פון אַ מענטשן לאָזט זיך הערן פון דאָרטן און פילט אָן דאָס האַרץ און רופט אַרויס פאַרשיידענע מחשבות. יאָסעלע שטעלט זיך פאַר, אַז פונקט אַזוי האָבן די לוויים באַדאַרפט זינגען אין בית־המקדש, געשפּילט אויפן „אָרגל“ און געלויבט גאָט דעם האַר פון אַלע הערשאַפטן — און דאָס האַרץ ווערט אים פול, און די מחשבות טראָגן אים אַוועק אַהין, קיין ירושלים... די גאַנצע צייט פונעם שפּילן און פונעם זינגען געדענקט נישט יאָסעלע אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז; עס איז אים ליכטיק אין די אויגן, עס איז אים ליכטיק אין אַלע אבֿרים; עס הייבט אים ווי אין דער לופטן ,עס טראָגט אים אַרויף, אַרויף, אויפן הימל... פּלוצעם הערט מען אויף צו זינגען און צו שפּילן, און יאָסעלע דערהערט אַן אַנ־דער שטימע, אַ באַקאַנט קול שוין פון אַן אַנדער זייט. ער קוקט זיך איין, פונ־וואַנען דאָס קול גייט, און דערזעט פאַר זיך אַ באַקאַנט פּרייץ, מיט אַ פעט גע־נאָלט פּנים. ער קוקט זיך צו און דערקענט... דער קסיאָנדז! דעם קסיאָנדז האָט ער נישט איין מאָל געזען ביי זלאַטען אין קלייט קויפן סחורה. זיין קיילעכיק געגאָלט פּנים מיט דער רויטער גראָבער נאָז, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ גולקע, פלעגט זיך אים תמיד אויסווייזן משונה, טאַקע נאָר צום לאַכן. יאָסעלע טוט זיך אַ כאַפּ: „אוי, וווּ בין איך דאָס?“ — און לאָזט זיך אַראָפּ פון באַרג...

אויף דער גאַס, הינטערן באַרג, שטייט אַ רעדל פון ייִדן און יונגעלייט. מע שטייט און מע באַטראַכט די נייע בריק, וואָס בויעט זיך, און מע שאַצט, מע רעכנט, מע זאָגט מבֿינות, ווי געוויינלעך ייִדן, אַז מע קומט צונויף ביי אַ נייעם בנין. דערזעענדיק, ווי יאָסעלע לויפט פון דאָרטן באַרג אַראָפּ, שטעלן זיי אים אָפּ און מע טוט אים אַ פרעג:

— פונוואַנען איז? פון קאָסטיאָל?... ווער ביסטו ייִנגעלע?

— וואָס הייסט? — זאָגט דער אַנדערער. — דו קענסט אים נישט? ס'איז דאָך שמואליקס, שמואליק דעם חזנס ייִנגל!

— א פֿײַנער בחור! גײסט אין קאַסטיל, גײסטו?!...

— קוק אים אָן, דאָס נעבעכל: שטײט, כאַטש מעלק אים! א לײטיש בחורל!

— הײנטיקע קינדער! גוטע יאָרן זיך דערלעבט! פֿיר אים אָפּ אהײם, דוד־הערש! ער איז דאָך פֿון דײַן גאַס. א שײנע מעשה, נאָר א קורצע!...

דער גאַנצער גיהנום, מיט אלע מוראדיקע פּורעניות, וואָס איז בײַ אונדז אויסגערעכנט אין די הײליקע ספֿרים, מיטן כּף־הקלע, דאָס הײסט, דאָס שלײַדערן פֿון אײן עק ביזן אנדערן עק וועלט, מיט די אלע מלאכי־חבלה ארום און ארום — איז א גאָרנישט אקעגן דעם, וואָס יאָסעלע האָט זיך פֿאָרגעשטעלט בײַ זיך אין קאָפּ נאָך דער שרעקלעכער עבֿירה, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, אליין נישט וויסנדיק — ווו, ווען און וויאזוי קומט ער גאָר דערצו? ער האָט זיך שוין גערעכנט פֿאַר א פֿאַרפֿאַלענעם, פֿאַרשפּילט בײדע וועלטן... ער האָט זיך מוסר נפֿש געווען, מקבל געווען אויף זיך אלע שטראָף, וואָס א מענטש קאָן צוקלערן, און האָט זיך באשלאָסן, אײן מאָל פֿאַר אלע מאָל, נישט רעדן קײן וואָרט, ווי אײנער רעדט: „שנײַדט מיך, בראָקט מיך, עסט מײַן פֿלײש — איך וועל אײַך נישט זאָגן!“... עס פֿאַרשטײט זיך, אז צום אלעם ערשטן האָט זיך שמואליק צו אים גענומען מיט ווערטער, אים געשטראָפֿט מיט מוסר, וויפֿל ס'איז אין אים ארײַן, און האָט געוואָלט וויסן פֿון אים נאָר אײן זאַך: „ער זאָל אים זאָגן, וואָס איז שײַך, ווי קומט ער גאָר אהין?“... נאָר אזוי ווי די וואַנט שווײַגט, אזוי האָט אויך געשוויגן יאָסעלע. דאָס האָט שוין די חזנטע נישט געקאָנט אויסהאַלטן; זי האָט זיך א לאָז געטאָן צו יאָסעלען, איז אָנגעפֿאַלן אויף אים מיט בײדע קולאַקעס, געפּײַניקט און געהירטשעט, ווי א ווילדע חיה, און ווען נישט זלאַטע, וואָס האָט דערהערט פֿון יענער זײַט וואַנט דאָס קלאַפּן מיטן פּאַטשען, וואָלט אים די חזנטע קײן לעבעדיקן פֿון אירע הענט נישט ארויסגעלאָזט. זלאַטע האָט אים ארויסגעריסן פֿון דער חזנטע און האָט אים משלח געווען צו זיך אין שטוב ארײַן, און אליין איז זי געבליבן דאָ און האָט שמואליקן געגעבן א וויסטן, א פֿינצטערן פּסק, וואָס ער דערלאָזט, אז פֿ ר ע מ ד ע הענט זאָלן שלאָגן זײַן בלוט און פֿלײש. די חזנטע פֿון איר זײַט האָט איר אויך נישט אָפּגעשוויגן, און דערווײַל איז יאָסעלע ניצול געוואָרן פֿון שלעכטע הענט.

VIII

אסתר האָרעוועט צו, און יאָסעלע פאָרט אַוועק קיין טעטרעוועץ שטודירן חזנות

איין קוק א ווארעמער, איין וואָרט א גוטס פון אסתרן איז פאר יאָסעלען געווען א רפואה צו אלע צרות, טענות פונעם טאטן איינגעם מיט די קלעפ פון דער שטיפמאמע זיינער. אריינקומענדיק אין שטוב אריין פונעם שפאציר שוין שפעטלעך און דערזעענדיק יאָסעלען, ווי ער שטייט אזוי פארדוקט אין א ווינקעלע, א דערשלאָגענער, ווי אן אָפגעפליקט הינדל, דאָס היטעלע צעקנייטשט, די בעקלעך רויט און אָנגעדראָלן, ווי די פאמפעשקעס, איז אסתר צוגעגאנגען צו אים גאנץ נאָענט, האָט אים אָנגענומען ביי דער האנט און האָט אים א פרעג געטאָן מיט א ווייך קול, קוקנדיק אויף אים מיט רחמנות:

— וואָס איז, יאָסעלע? ווייטער זי?...

פאר דער גאנצער צייט האָט זיך יאָסעלע אָט דאָ דאָס ערשטע מאָל צעוויינט פאר אסתרן, ווי א קליין קינד, און האָט איר אויסדערציילט אינגאנצן די מעשה פון אלף ביז תיו, נישט פארלייקנט פון איר קיין האָר אפילו, זיך מודה געווען, ווי מען איז זיך מודה פאר גאָט אליין. אסתרן האָט דאָס שטארק אָנגענומען ביים הארצן: זי איז געשטאנען די גאנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, און האָט געהאלטן אייגעם פון אירע לאנגע ליכטיקע צעפ, צעפלאָכטן, צוריק פארפלאָכטן און ווידער צעפלאָכטן, קוקנדיק אים גלייך אין פנים אריין מיט אירע שיינע בלויע אויגן. נאָכדעם האָט זי דעם צאָפ א וואָרף געטאָן ארונטער, צוגעגאנגען צו יאָסעלען נאָך נענטער און האָט א זאָג געטאָן צו אים:

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, יאָסעלע? דו דארפסט נישט זיין דאָ; דיין אָרט איז אין א גרויסער שטאָט, ערגעץ ביי א גרויסן חזן. כל זמן דו וועסט דאָ זיין, וועט פון דיר נישט זיין גאָרנישט. געדענק מיין וואָרט.

— הערסטו! — מאכט יאָסעלע, און דאָס פייערל פון זיינע אויגן גלאנצט ארויס פון דער פינצטער. — הערסטו! אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך שריי שוין לאנג. איך וויל קיין טעטרעוועץ, צו מ י צ י ן. דאָרט, ווייס איך, וועל איך זיך עפעס אויסלערנען, נישט ארומגיין, ווי איך גיי דאָ ארום בטל, בין א משרתל ביי דער מומע. דאָרט, אין טעטרעוועץ, איז גאָר אן אנדער וועלט; דאָרט, אז מע קומט צו פאָרן...

— שאַ! — זאָגט צו אים אסתר. — דו זאָגסט טעטרעוועץ. איך קאָן אייגעם א טעטרעווצער; ער באדארף אָנקומען נאָך שבת אויפן יריד, איך וועל מיט אים רעדן. מיר דאכט, עס וועט גיין.

— אפשר, איענער, מייַנסטו, דעם שניטקרעמער, וואָס שטייט תמיד די אַנ־דערע קראָם פון אייך?

— יאָ, א יונגערמאַן, זייער א ווילער מענטש, א ייד אָן א גאַל. איך וועל מיט אים א רעד טון מכח דיר... שאַ, אָט גייט די מאַמע.

— א גוטע וואָך! — מאַכט זלאַטע, אַרייַנקומענדיק צו זיך אין שטוב אַרייַן.

— זאָג, אסתרל, „גאָט פון אברהם" און ציגר אָן פייער... און דו קאָנסט שוין גיין אַהיים. — רופט זי זיך אָן צו יאָסעלען. — איך האָב זיך דאָרט א ביסל אָפּגע־קריגט פאַר דיר. נישקשה, ביסט א לייטיש בחורל! ביי לייטן קינדער זיצן שבת אין שול, און דו גייסט גאָר אין די קאַסטיאָלן אַרייַן. האָסטו געהערט א השגה!

— ניין, מאַמע! — זאָגט אסתר און וויל אים פאַרענטפערן. — ס'איז נישט אַזוי די מעשה... ער איז גאָרנישט געווען אין קאַסטיאָל, ער איז געווען נעבן קאַסטיאָל...

— א נייַער מליץ־יושר! — מאַכט זלאַטע און שלאָגט איר איבער די רייד.

— גיי, יאָסעלע, אַהיים, מע וועט דיך שוין מער נישט טשעפּען. נאָר זע, שאָנעווע זיך און זיי א סטאַטעק, די מאַמע דייַנע זאָל אויפשטיין, וואָלט זי געהאַט ווינציק וואָס נחת פון דיר...

יאָסעלע גייט אַהיים, און אסתר הייבט אָן צו קלערן אַלערליי פּלאַנען, ווי אַזוי מאַכט מען, אז יאָסעלע זאָל זיך קאָנען דערשלאָגן קיין טעטערעווע. „ער, מיט זיין קול, וואָלט געקאָנט זיין ביי א רעכטן חזן; א רחמנות אויף אים, ער ווערט דאָ נעבעך שטאַרק אויסגעריסן!"...

ווען די דרייַ גרויסע ירידים, וואָס זענען אויבן דערמאָנט, יוריע, ספּאַס און פּאָקראָווע, זאָלן זיין באַשאַפן נאָר פאַר די מאַזעפּעווקער קרעמער אַליין, וואָלט אוודאי אַז ווייל געווען די דאָרטיקע יידן. דער חסרון איז אָבער, וואָס אַהין פאָרן זיך צונויף קרעמער פון דער גאַנצער וועלט כמעט: פון מאַקאַרעווקע, פון קאַש־פּערעוו, פון באַרדימשעוו און פון יאַרמעלינעץ, און פון טעטערעווע, און פון אַרום און אַרום. מע פאָרט אַראָפּ קיין מאַזעפּעווקע אויפן יריד און מע שטעלט זיך אוים מיט אַזעלכע שאַרפע קראָמען, אַז עס נעמט אָפּ אָן אויג. און דערצו זענען נאָך די צונויפגעפאָרענע אַזעלכע שאַרפע בריהם צום לייזן געלט,, אַז דער היימישער באַדאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען, ער זאָל קאָנען ביישטיין אַקעגן דער דאָזיקער סכנותדיקער קאָנקורענץ. דערפון שפּרינגען אָפּ אַרויס, געוויינלעך, שרעקלעכע מחלוקתן צווישן די „היימישע" מיט די „פרעמדע"; מאַנצבילן קריגן זיך, ווידלען זיך, ווייבער צווישן זיך שטעלן זיך פייגן, און עס טרעפט זיך אָפּט־מאָל, אַז עס דערגייט צו פּעטש אויך. דערפאַר אָבער, אַז עס קומט דער הייליקער טאָג שבת, ווען דער יריד ווערט געשלאָסן, דעמאָלט ווערט מען ווידער שלום; די נעכטיקע פייגן מיט די פּעטש ווערן פאַרגעסן, און מע קומט אין די שולן אַרייַן

הערן די מאַזעפּעווקער חזנים. מע נעמט זיי אויף פאַר שיינע געסט אין שול. מע טרעט זיי דעמלט אָפּ דעם אויבנאָן און מען איז זיי מכבד מיט די פיינסטע עליות, געוויינלעך, נישט אַזוי צוליב זייער כבוד, ווי צוליב זייערע נדרים, פון וועלכע עס פאַלט אַריין אַ היפּשע קאָפּיקע. אויף יענעם שבת גרייט זיך צו שמואליק דער חזן ווי געהעריק איז. ער פלייסט זיך פאַר די פרעמדע, און יאָסעלע פון זיין זייט באַווייזט אויך אַרויס וואָס ער האָט, וואָס ער קאָן, אַזוי, אַז אַלע לעקן נאָכדעם די פינגער. קומענדיק נאָכדעם אין אַן אַנדער שטאָט, דערציילן זיי זיך אָן פונעם מאַזעפּעווקער חזן: „איר זאָלט הערן אין מאַזעפּעווקע איז דאָ אַ בעל־תפלה, האָט ער אַ האַלדז, וואָס איז אַ חידוש; אים העלפט אַ יינגעלע זיינס פון אַ יאָר צוועלף אויף אַ דין קולכל, ווי אַ פייפעלע, וואָס סע לאָזט זיך אויס די וועלט! און דווקא אין מאַזעפּעווקע!“...

צווישן די דאָזיקע צונויפגעפאָרענע לייט איז געווען איינער אַ טעמטערעווצער סוחר. ער איז געווען, ווי עס האָט אויסגעוויזן, אַ שאַרפער מבין אויף חזנים, און בכלל אַ יודע־נגן, מחמת צוהערנדיק זיך צו שמואליקס שטיקלעך, פלעגט ער צוקלאַפּן מיט דעם פוס צום טאַקט, האַלטן דעם קאָפּ אויף אַ זייט מיט צוגעמאַכטע אויגן און נאָכן דאַווענען זיך אַוועקשטעלן מיט שמואליקן שמועסן מכּח חזנות. דער טעמטערעווצער יונגערמאַן האָט ליב געהאַט צו דערציילן פון זייערע טעמטערעווצער חזנים, אַרויסבאַווייזנדיק דערביי פיל פאַרשטאַנד און בקיאות אין ענין הנגינה. „ביי אונדז אין טעמטערעווע זאָלט איר הערן דאַווענען!“... צו יאָסעלען האָט זיך דער יונגערמאַן אויך זייער צוגעלאָזט, געגעבן אים אַ קניפּ אין בעקל און געזאָגט, אַז ער וועט זיך „אויסזינגען“, וועט ער האָבן אַ זעלטענע שטימע, אַז צו זיין זינגען גייט אים נאָר אָפּ נאָטן, און ווען ער זאָל מיט זיין קול אַריינפאַלן צו זיי קיין טעמטערעווע, צו מ י צ י ן און די הענט אַריין, וואָלט מיצי געמאַכט פון אים אַ לייט.

שמואליק האָט אויסגעהערט דעם יונגערמאַנס רייד מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „יאָ, ווו זשע נעמט מען אָבער דערצו די קלינגערס?“... און יאָסעלע, הערנדיק אַזעלכע שמועסן, האָט זיך אויש באַלעקט, און עס איז אים שיר דאָס האַרץ נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר פרייד. ער איז אין דער מינוט געווען מיט לייב און לעבן דאָרט, אין טעמטערעווע, ביי מיצין.

ביי יאָסעלען אין די אויגן באַקומט דער יונגערמאַן גאָר אַן אַנדער מין גלאַנץ; ער קוקט אויף אים, ווי אויף זיין אויסלייזער, ווי אויף אַ מלאך פון גאָט. ער און זיין מזל מיט זיין גאַנץ לעבן זענען ביי דעם יונגערמאַן אין די הענט. דער יריד אָבער איז זיך דערווייל אַ יריד; מע באַדאַרף האָרעווען, אָנעסן זיך מיט אַזוי פיל מענטשן און ל י י ז ן ג ע ל ט. יאָסעלע שטייט, ווי אַלע מאָל, ביי זלאַטעס קראָם, נים אַכטונג, דערלאַנגט וואָס מע באַדאַרף, פאָלגט אַ גאַנג, העלפט זיי „טאַשן

זיך" און טוט געטריי. די גאנצע צייט רעדט ער נישט מיט אסתרן קיין וואָרט מכּה־טעטרעוועץ און מכּה דעם יונגערמאַן. ער האָט מורא צו מאַכן א רעד וועגן דעם. אדרבה, אז ער דערזעט, ווי אסתר מיטן יונגערמאַן רעדן צווישן זיך, טרעט ער אָפּ אויף א זייט און דאָס האַרץ בשעת מעשה קלאַפּט אים נעבעך זייער גוט: „רבונו של עולם! — קלערט זיך יאָסעלע. — שטאַרקער גאָט! גיב אים אריין א גוטע מחשבה, ער זאָל מיך נעמען קיין טעטרעוועץ"...

און אסתר האָט געאַרבעט אויף אלע סטראַזשן. זי האָט איבערגעשמועסט מיטן יונגערמאַן און געפּועלט, ער זאָל נעמען יאָסעלען קיין טעטרעוועץ אויף זיינע הוצאות. עס איז איר אָבער געבליבן א שטיקל ארבעט ביי שמואליקן און ביי זלאַ־טען. שמואליק, ווי ער האָט געוואָלט פאַרזאָרגן דעם תּכלית פון זיין קינד, איז אים שווער געווען פונדעסטוועגן מיט יאָסעלען זיך צו שיידן: „וואָס איז שייך, ווי אזוי לאָזט מען דאָס אָפּ א קינד?"... דערצו האָט זיך נאָך אריינגעמישט די שטיפמאַמע אין מיטן: זי האָט נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס דאַרף מען זיך נאָך ארומפּירן מיט אזא תכשיט, ווי יאָסעלע איז? אויך זלאַטען איז דער פּלאַן נישט געווען צום האַרצן: נעמען א קינד פון א יאָר דרייצן און פאַרשיקן, מפקיר זיין אים ערגעץ דאָרטן אין דער פרעמד, גאָט ווייסט צווישן וואָסערע מענטשן?!... אסתר האָט זיך אָבער גענומען אויף אלע כּלים און האָט אזוי לאַנג געאַרבעט, ביז זי האָט איבערגערעדט די מאַמע אויך, און תּיכּף נאָכן יריד האָט זיך יאָסעלע גענומען זיין תפילין־זעקל מיטן גאַנצן קלומעקל און איז, אין א מזלדיקער שעה, אוועקגעפאָרן קיין טעטרעוועץ. אין יענעם פרימאָרגן איז יאָסעלעס האַרץ געווען פול מיט פרייד און מיט געטריישאַפט צו אסתרן; ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר לייטן, וואָלט ער זי ארומגענומען און וואָלט זיך מיט איר צעקושט...

ווער איז דאָס אימשטאַנד צו איבערגעבן די געפילן, וואָס יאָסעלע האָט גע־טראָגן אין האַרצן צו זיין אמתן גוטן פריינד, צו אסתרן? דאָס זענען געווען אַזעלכע געפילן, וואָס לאָזן זיך נישט ארויסגעבן דורך ווערטער; זיי באַווייזן זיך ארויס גאָר דורך טרערן. זאָגנדיק אים „פאָר געזונט", האָט אסתר באַמערקט, ווי יאָסעלע פינטלט מיט די אויגן, באַהאַלט דאָס פּנים און הוסט אונטער מיט עפּעס א משונה קוויטש, קוים ארויסרעדנדיק דעם „זיי געזונט". יאָסעלעס אויגן זענען געווען באַפייכט מיט טרערן, מיט טהערן פון גליק, און האָבן געקוקט ווייט, ווייט, אויף יענעם גרויסן, ברייטן וועג, וואָס איז אים פאָרגעשטאַנען אין זיין לעבן.

IX

ביז דער חזן פֿאַרהערט אים זינגען און גייט אַרויס פֿון די כּלים

ביז מען איז נישט איבערגעפֿאָרן די גרעבליע, דאָס הייסט, די גרענעץ פֿון דער שטאָט מאַזעפּעווקע, האָט זיך יאָסעלע נישט געגלייבט אַקוראַט, אַז ער פֿאָרט קיין בעטערעווע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַלע מינוט, זיך געהויבן פֿונעם אָרט און האָט אַלץ מורא געהאַט, טאָמער רופֿט מען אים אַהיים. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה: דער שטיפֿמאַמע קאָן געפֿעלן און זי זאָל הייסן פֿאַרקערעווען צוריק. ערשט אָט דאָ, קומענדיק צו די ווינטמילן און דערזעענדיק דעם וואַלד פֿונדערווייטן, האָט יאָסעלע דערפֿילט, אַז ער פֿאָרט, און עס איז אים געוואָרן אויפֿן האַרצן אַזוי ווי אַ מענטשן, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פֿון אַן ענגער פֿינצטערער טורמע אויף דער ליבער פֿרייער לופֿט. קוקנדיק אויפֿן וואַלד, האָט זיך יאָסעלע דערמאָנט אין זיין פֿריערדיקן גן־עדן, פֿון וועלכן מע האָט אים אַזוי מיאוס אַרויסגעטריבן, און ער האָט שוין געלאַכט צו זיך אַליין: „אויך מיר אַן אַנטיק — דער וואַלד! אַ טייערע מציאה! אָט בעטערעווע — דאָרט איז אַ וועלט!“... איין זאַך האָט יאָסעלע נישט פֿאַרשטאַנען: עס זיצן, אָן עין־הרע, אַ פֿולע בויד מיט ייִדן, אַלע פֿאָרן קיין בעטערעווע, און פֿון וואָס רעדט מען? פֿונעם יריד, פֿונעם פּדיון און פֿון די מאַזעפּעווקער קונים! וואָס איז דאָס פֿאַר מינים ברואים פֿאַראַן אויף דער וועלט?!... בעטערעווע — אַזוי האָט זיך יאָסעלע פֿאָרגעשטעלט ביי זיך אין קאָפּ — דאָס באַדאַרף זיין אַ מין ערטל, וווּ אַלץ זינגט און פֿרייט זיך, מענטשן גייען אַרום פֿראַנק און פֿריי, אייגער מיטן אַנדערן אַרומגענומען. מע קריגט זיך נישט, מען עסט זיך נישט איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, ווי דאָ, אין מאַזעפּעווקע; מע האָט נישט אין זינען אַזעלכע פּוסטע געשעפֿטן: יריד, קונה, פּדיון, פּרנסה. אַלע גייען אַרום זיך ציכטיק, ריין; די פּנימער שיינען, די אויגן לייכטן, עס איז אַ לעבן, ווי אין גן־עדן, פּונקט ווי דאָרטן, אויף יענעם אינדזל, וואָס ליגט אויף יענער זייט ים אוקיינוס, וווּ עס איז אַ גאַנץ יאָר זומער און וווּ מענטשן לעבן אייביק, לויט די מעשׂיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון זיינע חברים אין חדר... הייסט גלאַט, אָן אַלעמען, איז דאָך דאָרטן מיצי! אַ קלייניקייט מיצי?!...

אין אַזעלכע מחשבֿות האָט יאָסעלע פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן וועג, כּמעט גאָרנישט באַמערקנדיק די אַלע דערפֿער מיט די שטעטלעך, וואָס מען איז איבערגעפֿאָרן אין דער גאַנצער צייט פֿון דער נסיעה. יאָסעלע איז דערמיט געווען אָפּגעזונדערט, פֿאַרענדערט פֿון אַלע איבעריקע ייִנגלעך פֿון זיין גראַד, וואָס ער האָט זיך תּמיד געפֿונען נישט אויף דעם עולם; עפּעס האָבן אים זיינע מחשבֿות מיט זיין כּח־הדמיון שטענדיק געטראָגן אין דער לופֿטן, און אַלץ, וואָס ער האָט געזען,

האָט ביי אים געהאַט נישט אזא פּנים, ווי ביי אַלע אַנדערע יינגלעך. ער האָט מער געלעבט אין דמיונות, ווי אזוי. האָט ער עפּעס געהערט דערציילן, אזוי פּלעגט אים זיין כח־הדמיון אויסמאָלן מאָדנע־משונה זאכן און בילדער. האָט ער עפּעס פארקלערט אן ענין, אזוי פלעגן אים די מחשבות פארטראָגן ווייט אהין, אין דעם עולם־הדמיון. אין דער צייט, למשל, ווען ער פלעגט זיצן אין חדר גלייך מיט אַלע יינגלעך איבער דער גמרא, אָדער אין שטוב איבער אן ארבעט, פלעגט ער גאָר בשעת מעשה נישט אין זינען האָבן וואָס מע רעדט, אָדער וואָס מע טוט; זיין נשמה איז געווען גאָר דאָרט ערגעץ, און עס האָט זיך אים געדאכט, אז ער הערט אלערליי מינים קולות און געזאנגען. ער האָט געקאָנט אויסהערן א זאך דריי מאָל און נישט פארשטיין איין וואָרט, און דערפאר פלעגט ער, געוויינלעך, נישט איין מאָל כאפּן א מיאוסן פּסק פון איטלעכן באזונדער. אפילו אסתר, וואָס האָט געלעבט מיט אים, ווי א שוועסטער מיט א ברודער, פלעגט אים אָפט באַמערקן, אז ער הערט נישט וואָס מע רעדט צו אים. דערפון איז גרינג צו פארשטיין, אז מחמת ער האָט זיך יעדע זאך פאָרגעשטעלט מער ווי עס איז, דערפאר פלעגט דאָס אים נאָכדעם אויסווייזן שוין צו פּשוט, זייער וואָלוול און אָפּטמאָל נמאס ומאוס ווערן...

אויפן דריטן טאָג, גאנץ פרי נאָך, האָט יאָסעלע דערפילט, ווי דער וואָגן טרייסלט זיך און עס קלאפּט און עס טראסקעט, ווי אויף שטיינער, און א שיינע פּאנאָראמע פון הויכע ווייסע מויערן מיט געפארבטע אייזערנע דעכער, מיט גרויסע שיינע הויפן, ארומגעזעצט מיט ביימער, האָט זיך צעשפּרייט און ארויסגעוויזן פאר זיינע אויגן, „אפנים, אָט דאָס איז טעטרעוועץ". — האָט יאָסעלע א טראכט געטאָן, גלייך ווי דאָס הארץ האָט אים געזאָגט.

— נעם דיר דיין קלומעקל. — האָט אים דער שניטקרעמער א זאָג געטאָן, איבערגעבנדיק אים א פּאטשיילע, וווּ עס איז געלעגן דאָס תפילין־זעקל, א סידורל, דאָס שבתדיקע קאפּאָטקעלע, א פּאָר העמדלעך ווייסע, מיט א פּארדארט שטיקל ברויט, איבערגעבליבן פון די וועגשפּייזן. — אָט דאָ, זעסטו, זיצט מ י צ י. קריך אראָפּ און זאָג אים פונמיינעטוועגן, אז ער זאָל דיך צונעמען, און, אם־ירצה־השם, מאָרגן גיי זיך דורך צו מיר אהיים.

יאָסעלע האָט זיך פארנומען זיין קלומעקל. די בויך איז אוועקגעפאָרן ווייטער, און יאָסעלע איז געבליבן שטיין נעבן א גרויסן מויער, נישט וויסנדיק וווהין צו גיין.

— וועמען דארפסטו, יינגעלע? — האָט אים א פרעג געטאָן עפּעס א יידענע, ארויסשטעקנדיק אן אָפּגערעקטן קאָפּ פונעם פענצטער, וואָס איגעם אונטערשטן עטאזש.

— מ י צ י ן באדארף איך, — האָט יאָסעלע געענטפערט גייציק. — רב מיצי דעם חזן.

— אָט דאָ אויף די טרעפּ, זײַ מוחל, אין דער רעכטער האַנט. — האָט אים געענטפערט די ייִדענע, שמייכלענדיק.

יאָסעלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ, גאַנץ נידעריק, אויף אַזוי פיל טרעפּ, — דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן — און איז אַרײַנגעקומען פריער אין אַ פינצטערן קאָרידאָר און נאָכדעם אין אַ גאַנץ פיינער שטוב מיט געפּאַרבטע פּאָדלאָגעס, מיט שיינע בענקלעך און מיט שפּיגלען, גאָר גרויסאַרטיק, נאָך יאָסעלעס מיינונג דעמלט, און ער האָט דערהערט פון ערגעץ אַרויסגיין זיסע קולות אַלערליי: גראָבע, גאָר גראָבע, מיטעלע, דינע און גאָר קוויטשיקע, און אַלע איינעם זעגען זיי עפּעס צוגעפּאַסן, צונויפגעשטעלט, ווי אין אַ האַרמאָניע, פּונקט אַזוי ווי ער האָט אַמאָל, שוין לאַנג, געהערט אין מאַזעפּעווקע, בשעת פּ י צ י האָט דאָרטן געדאַוונט מיט זײַנע אַכצן משוררים. שפּעטער ווערן אַלע קולות שטיל, און עס לאָזט זיך הערן אַ געזאַנג פון איינעם, אַ זיס-ריין געזאַנג. דאָס געזאַנג ווערט וואָס ווײַטער שטילער, נידעריקער, ביז עס ווערט פאַרשטאַרבן. יאָסעלע שטייט אין מיטן שטוב, ווי צוגעקאָוועט צום אָרט, און זעט גאָרנישט פאַר זיך דאָס זעלבע ווײַבל, וואָס האָט אים אָנגעוויזן, וווּ מיצי וווינט.

— גיי אַרײַן אַהינצו, אין יענעם חדר, אָן-אָ! — מאַכט צו אים דאָס ווײַבל, אָנווײַזנדיק אים וווהין. יאָסעלע עפנט אויף די טיר און דערזעט פאַר זיך אַ גאַנצע חברה יונגעלײַט און קליינע ייִנגעלעך: זיי שטייען אַלע אויסגעשטעלט, ווי די סאָלדאַטן, קוקן אַרײַן אין גרויסע ביכער, איינער פון דער חברה האַלט אַ שטע-קעלע אין האַנט, און אויבנאָן, אויף אַ בענקל, זיצט אַ געווײַנלעכער ייִד מיט אַ געווײַנלעך געל שפּיציק בערדל און מאַכט צו אים, ווי אַ געווײַנלעכער מענטש:

— וואָס ווילסטו זאָגן?

„שוין זשע איז דאָס טאַקע מיצי אַליין?“ — טראַכט זיך יאָסעלע און טוט אַ זאָג:

— איך באַדאַרף האָבן צו מיצי דעם חזן; איך האָב צו אים אַ גרוס אי-בערגעבן.

— אַ גרוס? — פרעגט אים מיצי. — פון וועמען איז?

— טאַקע פון אַ היגן שניטקרעמער; איך בין מיט אים אינאיינעם געקומען צו פאָרן אַהערצו.

— פון אַ היגן שניטקרעמער? — מאַכט מיצי. — ווי אַזוי זשע רופט מען אים?

— ווי אַזוי רופט מען אים? — ענטפערט יאָסעלע. — אוי-וואַ, איך האָב גאָר פאַרגעסן. אַ פרעג טון אים, ווי אַזוי ער הייסט און וווּ ער זיצט.

ווי א זאלפּ פון עטלעכע הארמאטן מיטאמאָל — אזא מין געלעכטער האָבן אויסגעשאָסן די גאנצע חברה משוררים, און מיצי אליין האָט זיך אויך צעלאכט, באטראכטנדיק יאָסעלען, אין זיין פארצווייפלטער לאגע, ווי ער שטייט זיך אזוי מיטן פעקל אין האנט, דאָס קאפּאָטקעלע צעפליקט, געלאטעט, די שטיוועלער אויסגעדרייט און צעהאקט, דאָס קארטוזל — אָנגעוואָרן דעם קאָזעראָק מיטן גאנצן פּאסאָן, נאָר דאָס פּנימל שיין, די האָר געקרייזלט און די גרויסע קארע אויגן לויכטן און בלישטשען, ווי מיט א פייערל אין זיי.

— זאָג מיר נאָר, ווער ביסטו און פונוואנען קומסטו אָן? — האָט אים מיצי א פרעג געטאָן מיט א פריינדלעך שמייכעלע.

— איך בין י אָ ס ל, ש מ ו א ל י ק דעם חזנס זון פון מ א ז ע פּ ע ו ק ע. — ענטפערט אים יאָסעלע גאנץ תקיפדיק. — מיך האָט אהער געבראכט א היגער שניטקרעמער, אונדזערער א באקאנטער, צו מיצי דעם חזן באשטעלן פאר א זינגערל.

— אזוי די מעשה? — מאכט צו אים מיצי. — נו, לייג זשע אנידער דאָס פּעקל, און קום אהער נעענטער, לאָמיר דיך אויסהערן זינגען.

תחילת האָט אים מיצי א פּרוּוו געטאָן, צי ער קען נאָטן; נאָכדעם, זעענדיק, אז ער ווייסט נישט מיט וואָס מען עסט דאָס, האָט ער אים געהייסן, ער זאָל אים גלאט אזוי עפּעס א זינג טון. יאָסעלע האָט געמיינט, אז מע באדארף טאקע עפּעס „זאָגן א זאך", האָט ער גענומען זינגען א גאנץ שטיק פון דער ראש־השנהדיקער שמונה־עשרה. לכתחילה האָבן די חברה משוררים זיך פארשטעלט מיט די הענט די מיילער, מע זאָל נישט זען, ווי זיי לאכן; וואָס ווייטער איז דער געלעכטער געוואָרן קלענער, די פּנימער זענען געוואָרן ערנסטער, און מע האָט זיך אָנגעהויבן איבערקוקן איינס מיטן אנדערן פארוואונדערט, גאָר נישט פארשטייענדיק, וואָס איז דאָס פאר א מין זינגען — עפּעס נישט קיין געוויינלעכע שטימע! מיצי האָט זיך אָנגעשפּארט מיטן קאָפּ אויף דער האנט, אויפגעעפנט דאָס מויל און אויסגעשטעלט אויף יאָסעלען די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלן איינשלינגען, ווי ער שטייט און גייט. זינט מיצי האָט צו טון מיט זינגערס, האָט ער נאָך אזא מין זינגען נישט געהערט און זיך אפילו קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אין דער מחשבה. יאָסעלע האָט נישט געזונגען, צולייגנדיק כח, ווי אנדערע, נישט געשריגן, נישט געריסן דעם האלדז, נאָר עס האָבן זיך אליין ארויסגעגאָסן פון זיין האלדז אזעלכע זיסע, איינגענעמע, ווייכע קולות, ארויסגייענדיק פונעם הארצן, פון דער נשמה, און דערלאנגענדיק טיף־טיף אין ביין אריין; דערביי האָט זיך ביי אים, אין זיין זינגען, ארויסבאוויזן אויך פיל ברייהשאפט, אריבערפאלנדיק פון אויבן אראָפּ און פון אונטן ארויף און צעשיטנדיק זיך אין אזעלכע ווילדע טרעלן, אז אלע זענען געבליבן פארשטיינט, נישט וויסנדיק, פונוואנען נעמט זיך דאָס ביי אים! אז

יאָסעלע האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט זיך מיצי אויפגעכאַפּט פונעם בענקל, און האַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן ארומלויפן איבער דער שטוב, ווי א משוגענער, שרייענדיק: „אי—אי—אי—אי—אי!“

— זאָג נאָר, ווער ביסטו? פונוואנען ביסטו? וועמענס ביסטו?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, — מאכט יאָסעלע בתמימות — אז איך בין יאָסל שמואליקס פון מאזעפּעווקע; איך בין געקומען צו אייך זיך באַשטעלן פאַר א משוררל.

— פאַר א משוררל? — האָט מיצי געשריגן. — אי—אי—אי—אי! פאַר א משוררל, זאָגסטו? מירל! קום נאָר אהער, מירל!

אויף דעם געשריי איז אריינגעקומען טאַקע יענע ווייבל, וואָס האָט אָנגעוויזן יאָסעלען, ווו מיצי וווינט, און מיצי, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף יאָסעלען, האָט זיך צעשריגן אויף קולי־קולות:

— זעסטו אָט דאָס יינגל? דאָס איז דעם מאזעפּעווקער חזנס א זון, דאָס איז ער געקומען אהער צו מיר זיך באַשטעלן פאַר א משורר. זינט איך לעב, זינט איך געפין זיך צווישן חזנים, האָב איך נאָך אזא מין שטימע נישט געהערט. מירל, ס׳עקט זיך די וועלט, ס׳איז עק! עק, זאָג איך דיר! הער נאָר אוים, יאָסל רופט מען דיך? — האָט אים מיצי געזאָגט, א זעץ טוענדיק אים איבער די פּלייצעס. — יאָסעלע, איך נעם דיך צו! דו בלייבסט ביי מיר בלייבסטו! מירל, מע דאַרף אים מאכן אן אנדער קאַפּאָטקעלע, אנדערע מלבושימלעך... אפשר ווילסטו עפּעס עסן, יאָסעלע? מירל, גיב אים עסן! האָסט אים באַדאַרפט הערן זינגען, מירל. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? עק — און געענדיקט!

X

א נײַ אָרט, נײַע מענטשן, נײַע צרות

מעטרעווע — דאָס איז געווען א נייער גן־עדן פאַר יאָסעלען די ערשטע צייט. קודם־כל האָט ער זיך דערפרעגט צו דער שול, און אריינקומענדיק אהין דאָס ערשטע מאָל, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אז ער איז אין בית־המקדש. באַטראַכטנ־דיק די מוראדיקע הויכע געמאָלטע סטעלי מיט די געקינצלטע ווענט, אויף וועלכע דער מאָלער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין פאַרב און האָט אויסגעמאָלט אלערליי בילדער, אינסטרומענטן, עפּל, באַרן, גרינע אוגערקעס און צעשניטענע רויטע קאַווענעס, וואָס בעטן זיך אין מויל אריין, וכדומה נאָך אזעלכע בריהשאַפטן,

— האָט זיך יאָסעלען אויסגעוויזן, אז דערמיט עקט זיך שוין די וועלט און קיין בעסערס און שענערס דערפון קאָן שוין גאָרנישט זיין. און ווער שמועסט דעם ערשטן שבת, ווען מיצי האָט זיך אוועקגעשטעלט דאָ מיט זיינע אלע משוררים, און יאָסעלע אויך בתוכם, און דאָס כאָר האָט א זעץ געטאָן דעם „מה־טובו" מיטן געוויסן נוסח פון אלע כאָרשולן, האָט יאָסעלע געפילט, ווי א פראָסט גייט אים איבער איבערן לייב און עס שטעלן זיך אים אויף די האָר איינציקווייז. צעלאָזנדיק זיך נאָכדעם אויף זיין העלדזול, האָט ער כמעט אליין נישט דערקענט זיין קול — אזוי האָט דאָס געקלונגען אין דער דאָזיקער שיינער הויכער שול. אויסערדעם, איז ביי אים געווען אלץ, וואָס ער האָט געזען, א נייעס. די ערשטע צייט האָט ער ארומגעשפאנט איבער דער שטאָט מיט א פארריסענעם קאָפּ ארויף, צוהאלטנדיק זיך דאָס היטעלע, עס זאָל נישט אראָפּפאליען, און פון יעדער זאך איז ער געוואָרן נתפּעל. עס האָט אים פארדראָסן איין זאך: וואָס אסתר איז דאָ נישטאָ און זעט נישט די אלע חידושים, וואָס ער זעט. זיין הארץ איז אים געווען פול מיט דאנקען און מיט לויבעניש צום השם יתברך, וואָס ער האָט אים געבראכט אהערצו בשלום.

עס פארשטייט זיך, אז שפּעטער, מיט דער צייט, האָט טעטרעוועץ אָנגעהויבן אָנצוּווערן דעם גלאנץ מיט דער שיינקייט אין זיינע אויגן, דען ער איז צו דעם אלעמען געוווינט געוואָרן. חוץ לזה האָט ער פארזוכט דאָ די אייגענע צרות, וואָס אין מאזעפּעווקע, נאָר אויף אן אנדער אופן.

ווי מיצי איז געווען צו אים היים און צוגעלאָזט, אזוי איז צו אים מ י צ י כ ע געווען קאלט און פרעמד, האָט געקוקט אויף אים קרום, און שפּעטער איז זי זיך מיט אים באגאנגען כמעט אזוי, ווי אין דערהיים די שטיפמאמע זיינע... נאָר דאָס האָט יאָסעלען נישט אזוי אויסגעמאכט, ווי די יסורים, וואָס ער האָט נאָכדעם געהאט פון זיינע נייע חברים די משוררים. דאָס איז געווען א חברה פון אלערליי מענטשלעך, צונויפגעקליבענע בחורימלעך פון אלע מיסטן און צונויפגעלאָפענע פון אלע מייזלעכער. זעלטן האָט זיך געפונען צווישן זיי א לייטיש ייִנגל, א „טאטנס א קינד", און מיינסטנטייל — ליידיקע פּוסטע בחורים און מוראדיקע רבילותניקעס. פאר גרויס קנאה האָבן זיי יאָסעלען נישט געקאָנט סובל זיין, אים אָפּט געמסרט פאר מיצין, געגראָבן, גענישטערט אויף אים, אויסנארנדיק ביי אים, ווו ער האָט געהאט ערגעץ א גראָשן. געלט פלעגט יאָסעלע באקומען גאנץ אָפטלעך פון יענעם שניטקרעמער, וואָס האָט אים געבראכט אהער. אויך פלעגט אים דער דאָזיקער שניטקרעמער — בנצי לייבצים האָט ער געהייסן — פאררופן צו זיך אמאָל אויף א שבת, אָדער אויף א יום־טוב, מקרב זיין אים זייער און ברענגען אים דריי מאָל אין יאָר א הארצלעכן גרוס פון דער היים, קומענדיק פון יריד. די דאָזיקע גרוסן זענען ביי יאָסעלען געווען נאָך מער אָנגעלייגט פון א גוטן ווארמעס און פון געלט; און ווער שמועסט, אז בנצי לייבצים פלעגט אים נאָך

ברענגען א בריוול פונעם טאטן, איז דאָס געווען ביי יאָסעלען גאָר א גרויסע מתנה. אויף די בריוולעך פלעגט ער אָפּענטפערן, אז ער איז, ברוך השם, בחיים ושלום און גייט בדרך הישר; ער היט אָפּ דעם טאטנס געבאָט, נישט אראָפּ חלילה פונעם גלייכן וועג, און פירט זיך גאנץ יידישלעך, פונקט אזוי ווי אין דער היים, נישט געמינערט קיין האָר. גייט אלע טאָג אין בית־המדרש אריין דאווענען און „זאָגט תהילים". אויך לערנט ער זיך שרייבן און פאָלגט אוים אלצדינג, וואָס דער טאטע האָט אים אָנגעזאָגט פאר זיין אוועקפאָרן. ער האָפט, אז ער וועט, אם־ירצה־השם, קומען אהיים בשלום זיך זען באשיינפערלעך, גיב גאָט מיט פריילעכע הערצער און מיט פיל נחת — אָמן! דערביי בעט ער לאָזן גריסן פונזייגעטוועגן להצנועה מרת זלאטע שתחיה, און אויך איר טאָכטער אסתר לעב...

דערמאָנענדיק זיך אין אסתרן, פלעגט אים ציען דאָס הארץ צו איר, אליין נישט וויסנדיק וואָס דאָס באדייט. עפּעס איז אים אסתר געווען איינגעבאקן אין הארצן, טאקע גאָר ווי אן אייגענע שוועסטער, און חוץ דעם טאטן, האָט ער נאָך קיינעם אזוי נישט געבענקט, ווי נאָך איר. עס פלעגט אים צוקומען א שטיק געזונט, בשעת בנצי לייבצים פלעגט אים איבערגעבן א גרוס פון איר, מיט איר אייגענער האנט צוגעשריבן. יאָסעלע פלעגט די ווערטער אירע א מאָל צען איבערלייענען און צוקוועטשן זיי צום הארצן שטארק, ווי מע קוועטשט צו א קליין קינד, וואָס איז טייער און ליב... פונקט אזוי, ווי עס האָט אים אמאָל געצויגן פון מאזעפּעווקע קיין טשעטרעוועץ, אזוי האָט דאָס אים אציונד אָנגעהויבן ציען צוריק, נאָך מיט מער שטארקייט, און ווען מיצי זאָל אים נישט געווען צוהאלטן און אים וועלן אָפּלאָזן פון זיך, וואָלט ער אפשר שוין געפאָרן אהיים. מיצי האָט אים אָבער זייער ליב געהאט, זיך ארומגעפירט מיט אים, ווי מיט אן אבן־טוב, באווייזנדיק איטלעכן באזונדער, וואָס פאר א מין זינגערל ער האָט. „טאקע נאָר ביי מיר קאָן זיך אזעלכעס געפינען! — פלעגט מיצי זאָגן. — איך, אז איך וויל נאָר, קאָן איך מאכן יענעם פאר א לייט!"...

דאָס האָט געהערט אייגער פון אמאָליקע מיצים משוררים, גדליה באָס האָט מען אים גערופן, און איז געוואָרן אויף מיצין מלא רציחה. גדליה באָס איז שוין אליין געווען ערגעץ הזן. ער איז איינמאָל דורכגעפאָרן פארביי טשעטרעוועץ, און, ווי געוויינלעך א גוטער פריינד, איז ער זיך דורכגעגאנגען צו מיצין — פאָרט געגעסן פון אים אמאָל ברויט — און האָט דאָרטן דערהערט יאָסעלען זינגען און איז שוין מער פון אים נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין מינוט. גדליה האָט אלץ געטשאטשעוועט, ווי דערטאפּט מען יאָסעלען אליין, און נאָכשפּירנדיק אזוי לאנג, האָט ער אים זאסטעמפּעט ביי בנצי לייבצים אין שטוב און האָט אים דאָרטן גענומען צו דער ארבעט, פריער פאוואָלינקע, אויספרעגנדיק ביי אים אלצדינג, וואָס אים פאסט, און נאָכדעם האָט ער אים אָנגעהויבן דורכנעמען מיט רייד, אזוי לאנג,

אזוי ברייט, ביז ער האָט אים ארויסגעפירט דערויף, אז ס'איז פאר אים מער קיין פלאץ נישט צו זינגען ביי מיצין אומזיסט, און דערצו נאָך זיין ביי מיציכען א משרתל.

— אזא רציחה הערט זיך נישט אין דער האלבער וועלט! — האָט גדליה באס געטענהט איבער יאָסעלען. — מע זאָל נעמען א קינד און מאכן דאָס פאר אן עבד־כנעני, א פאָדאנע אומזיסט, און זיך נאָך בארימען פאר איטלעכן באזונדער מיט א פרעמדן האלדז, אזוי, אז עס שלאָגט צו דער גאל הערנדיק! און חוץ אלע זאכן, גיי זיי א משרת ביי מיציכען — אזא עזות! רב שמואלס א זון! א ווערטעלע אויסצורעדן? איך קען דען נישט דעם טאטן דיינעם? ווער קען נישט רב שמואלן, דעם מאזעפעווקער חזן? א שיינע מעשה! וואָס איז, ביסט אָן כלים? אָן א האלדז? צי דו פארשטייסט נישט קיין נאָטן? איך מיין טאקע אָן ליצנות! איך האָב פאר דיר אן אָרט, נארעלע, אזא אָרט, וואָס דיין טאטע אליין וועט זאָגן, אז ס'איז א גליק פאר דיר. איך זאָג — אן אָרט; וואָס מויג דיר אן אָרט? דו ביסט אליין אן אָרט; דו ווייסט דאָס כאָטש, צי ניין? פרעג מיך, נארעלע, וועל איך דיר זאָגן!

און גדליה באס מאָלט אויס יאָסעלען, וואָס פאר א גליק פאר אים איז, ווען ער ווארפט אוועק מיצין און פאָרט ארויס אויף דער וועלט מיט אים, מיט גדליהן, אזויווי יענץ יינגעלע, אזויווי ארקע פידעלע, דאָס ווילנער באלעבעסל וכדומה אזעלכע וועלט־חזנים, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען. ביי יאָסעלען אין דער מחשבה שטייען אויף די אלע שיינע בילדער פון אמאָל, און ער איז פארטיק מיט לייב און לעבן זיך איבערגעבן צו גדליהן — אזא ווילער, ערלעכער, געטרייער מענטש!

— איין זאך וועל איך ביי אייך בעטן, רב גדליה! — מאכט צו אים יאָסעלע.

— זאָג, מיין קינד.

— איך וויל פריער זיך דורכפאָרן אהיים, צו מיין טאטן און צו מיינע פריינד.

— אך, סטייטש, ווי דען איז אנדערש? — ענטפערט אים גדליה באס. — א שיינע מעשה! סטייטש, ווי דען? כבוד־אב! ע, הערסטו, ביסט נאָך גאָר א קינד, ווי איך זע ארויס פון דיינע רייד. ווער קאָן דען זיין נענטער פון א טאטן?

מיט די דאָזיקע ווערטער נעמט אים גדליה באס אזוי שטארק, אז יאָסעלע פועלט ביי זיך איין מאָל פאר אלע מאָל: מע באדארף פאָרן אהיים! גענוג זיך אָפּגעוואלגערט אין דער פרעמד — דריי יאָר, שוין צייט, כלעבן.

ביי זיין געזעגענען זיך מיט מיצין און מיט אלע משוררים איז געווען אויך גדליה באס און האָט געשטראָפט יאָסעלען, פארוואָס ער ווארפט אוועק אזא טייער אָרט, און האָט אים געגעבן אן עצה, ווי אן אייגענער טאטע, אז ער זאָל פון דער היים ווידער קומען אהער, ווארום דאָס איז זיין תכלית, דאָ האָט ער ביד צו ווערן א מענטש... מיצין האָט יאָסעלען באמת באנג געטאָן, ווי אן אייגן קינד זיינס. ער

האָט אים ארומגענומען און געקושט אים, בענטשנדיק, ער זאָל קומען געזונטער־הייט אהיים און גריסן דעם טאטן זיינעם אומבאקאנט.

— גאָר פריינדלעך! — האָט יאָסעלע געזאָגט, אריינשפרינגענדיק אין וואָגן אריין צווישן נאָך א סך פארשויגען און אייגמעסטנדיק זיך דאָרט אויף צוויי־דריי טאָג פאָרענץ. — זייט געזונט! זייט געזונט! — האָט ער זיך נאָך עטלעכע מאָל אפגעזעגנט, ארויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון דער בויד, און דער צוג האָט גערירט פונעם אָרט, קלאפנדיק און טראסקענדיק איבער די געברוקירטע גאסן און קלינגענדיק מיט די גלעקלעך: „דזין—דזין—דזין!“ יאָסעלע שפרינגט אזש אונטער אויפן אָרט פאר גרויס שמחה, וואָס ער פאָרט אהיים. דאָס קלאפן, דאָס טראסקען מיטן קלינגען פארשלעפערן אים, און זיינע מחשבות טראָגן אים אוועק אהין, קיין מאזעפּעווקע, אהיים, אהיים!...

XI

יאָסעלע קומט צו פאָרן, און מאַזעפּעווקע חידושט זיך: „וואָס א גרויסע שטאָט קאָן מאַכן!“

עס איז פאראן איין זאך נאָר, וואָס מאזעפּעווקער יידן קאָנען עס נישט פאר־שטיין: עס וווּנדערט זיי תמיד, פארוואָס איז דאָס, וואָס יעדער, ווער עס כאפט זיך נאָר ארויס פון דאָרט און לאָזט זיך אוועק אויף דער וועלט, קערט ער זיך אום צוריק גאָר אן אנדער מענטש? איטלעכער באזונדער קוקט אויף אים און קוועלט און ווערט נתפּעל: „דאכט זיך, וואָס? דער אייגענער — און פאָרט נישט דאָס, וואָס פריער! איר געדענקט אים כאָטש, ווי ער איז ארומגעגאנגען א באָרוועסער? גאָטס וווּנדער! וואָס א גרויסע שטאָט קאָן מאכן!“

באטראכטנדיק שמואליק דעם חזנס בחורל, יאָסעלען, בשעת ער איז אָנגע־קומען צוריק פון מעטרעווקע נאָך זיין אָפּזיצן דאָרט דריי יאָר נאָכאנאנד, האָט מען זיך אין מאזעפּעווקע שטארק געחידושט, גאָר נישט געקאָנט פארשטיין, ווי אזוי ארבעט זיך עס אויס א יינגל אין אזא קליינער צייט! יאָסעלע דאָס יינגל האָט זיך איבערגעביטן און איז געוואָרן יאָסעלע דאָס בחורל. ער איז געוואָרן א גאנ־צער מענטש, א בר־דעת, כאָטש ער איז מער נישט אלט געווען דעמלט, ווי א יאָר זעכצן. עס איז געווען א פארגעניגן אויף אים א קוק צו טון. — „וואָס א גרויסע שטאָט קאָן מאכן!“ — אלע האָבן געוווסט, אז שמואליק האָט אוועקגעשיקט זיין זונדל צו מיצין פאר א משורר; נאָר קיינער האָט זיך נישט געריכט, אז פון יאָסעלען, וואָס האָט ערשט נישט לאנג ארומגעטראָגן שלח־מנות, זאָל ווערן אזא

מעגטש, ער זאָל זיך אזוי איבערבייטן. און אז ווילד=פרעמדע האָבן אזוי אָנגע=
קוועלט פון אים, הײנט ווי האָט באדארפט אָנקוועלן שמואליק אליין? שמואליק
איז בשעת=מעשה, ערב שבת, געווען אין מרחץ, ווען מע האָט אים אָנגעזאָגט די
גוטע בשורה, אז זיין זונדל איז געקומען צו פאָרן פון טעטרעוועץ. ער האָט א
וואָרף געגעבן דאָס בעזעמל מיטן שעפל, זיך געשווינד אָנגעטאָן, און קומענדיק
אהיים אן אָפּגעשמיסענער און אן אויסגעצוואָגענער, האָט ער פריער געוואשן די
הענט און ערשט נאָכדעם צוגעטראָגן יאָסעלען דעם שלום=עליכם, ארומגענומען,
צעקושט זיך מיט אים און גענומען באטראכטן זיין זון פונעם קאָפּ ביז די פיס.
יאָסעלע האָט זיך אין די דריי יאָר „א כאַפּ געטאָן אויף די פיס“, ווי מע זאָגט.
ער איז פון תמיד אָן געווען נישט קיין מיאוס קינד, געהאט שיינע קארע אויגן
און געווען א קלוג משעקאווע יינגעלע; נאָר מחמת גרויס אָרעמקייט און דחקות
איז ער געווען תמיד א גרינער, א פארוואָגלטער, א דערהרגעטער, ווי א סך יינגלעך
אין מאזעפּעווקע פון זיין גראד. אצינד אָבער האָט זיך יאָסעלע, ווי עס ווייזט אוים,
דאָרט ביי מיצין אין טעטרעוועץ גוט אויסגעפּאשעט; ער האָט באקומען רויטע
בעקעלעך און זייער א פריילעך אויסזען. דערצו איז ער געווען מלובש ווי נאָך קיינ=
מאָל נישט ביי זיין טאטן. שמואליקס הארץ האָט זיך געפרייט קוקנדיק אויף יאָסע=
לען, און ער האָט זיך געוואונדערט גלייך מיט אנדערע: „וואָס א גרויסע שטאָט
קאָן מאכן!“...

— וואָס זשע מאכסטו גוטס? — האָט אים שמואליק א פרעג געטאָן, צו=
זעצנדיק זיך מיט אים ביי איין טיש און באטראכטנדיק יאָסעלען מיט זיין שיין קא=
פּאָטקעלע, מיט די רויטע בעקעלעך און מיט די אויסגעקעמטע פאהלעך.

— וואָס זשע מאכסטו עפּעס, טאטע? — האָט אים יאָסעלע געענטפערט
צוריק מיט א שאלה, ווי דער שטייגער איז. יאָסעלע האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט
אזוי טשעקאווע אויסגעשמועסט מיטן טאטן, ווי אצינד, און שמואליק האָט א קוק
געטאָן אויף זיין זון, ווי פארוואונדערט: יאָסעלעס טשעקאווקייט האָט אים לכת=
חילה אויסגעוויזן א ביסל פריקרע; ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון
אים אזעלכע ווערטער.

— וואָס איז שייך, עט, ווי געווינלעך. — האָט אים שמואליק געענטפערט,
ארויפכאפּנדיק אויף זיך די זיידענע שבתדיקע קאפּאָטע און קלייבנדיק זיך אין
קלויז אריין. — וואָס מאכט דאָרטן עפּעס מיצי?

— וואָס מיצי מאכט? — האָט יאָסעלע אויסגעצויגן אויף א קול, ווי א
גרויסער. — הלוואי אויף דיר געזאָגט געוואָרן כאָטש האלב!

באטראכטנדיק דעם טאטן, ווי ער איז אין די דריי יאָר אזוי פארעלטערט
געוואָרן, גרוי און איינגעבויגן, דאָס פּנים געקנייטשט און די גרויסע קארע אויגן
אויסגעלאָשן, — האָט ביי יאָסעלען דאָס הארץ געוויינט אינעווייניק און ער איז

אין דער מינוט גרייט געווען אוועקצוגעבן פאַרן טאַטן דאָס לעבן מיט דער נשמה. שמואליק פון זיין זייט איז געווען אַזוי צעטראָגן פאַר שמחה, אַז ער האָט זיך מיט דער שבת־דיקער קאַפּאָטע אוועקגעמאַטערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז ער האָט קוים געפונען די אַרבל. אויך שמואליקס ווײַב, דערזעענדיק יאָסעלען, איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב פאַרגאַפט, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָגסטו אויף זיין טאַטן? אַ גאַנצער מענטש געוואָרן!"...

שמואליק איז פון יאָסעלעס קומען אַזוי צעטראָגן געוואָרן, אַז ער איז, רעדנדיק מיט אים, פאַרקראָכן גאָר אין זייטיקע שמועסן מכח טעמפּעראַטור באַלעבאַטים און מכח טעמפּעראַטור גאַסן און הייזער, וואָס זענען אים געלעגן אין דער לינקער פּאה. יאָסעלע האָט געמיינט, אַז דער טאַטע אינטערעסירט זיך באמת אַזוי מיט דער שטאָט טעמפּעראַטור, האָט ער אים מיט גרויס התפּעלות אויסגעמאָלט די גרויסע גאַסן די ברוקירטע, מיט די גרויסע מויערן, וואָס דער קאָפּ דרייט זיך אַזש קוקנדיק אויף זיי, און די אַלע איבעריקע חידושים האָרטן. און שמואליק, באַטראַכטנדיק יאָסעלען, ווי ער מאַכט מיט די הענט, און אײַנהערנדיק זיך אין יעדן וואָרט, ווערט אָקאָרשט נישט צעגאַנגען פאַר גרויס תענוג. פּלוצעם האָט זיך שמואליק אַ כאַפּ געטאָן: „אײַ־ווײַ, שוין נאָך ליכטבענטשן! ס'איז שוין צייט גיין אין שול אַרײַן!"

די שטאָט איז, געווײַנלעך, באַלד געוואָר געוואָרן פונעם נייעס, אַז שמואליק דעם חזנס זונדל איז געקומען פון טעמפּעראַטור. תיכף, ווי באַלד מע האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, האָט מען זיך אָנגעהויבן שטופּן צו שמואליקן אים זאָגן: „גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט!" און יאָסעלען אָפּשטעקן שלום־עליכם, באַטראַכטנדיק אים בשעת מעשה, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט. די פאַרנעמסטע באַלעבאַטים פון שטאָט, די נגידים, האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט רעדן מיט שמואליקן, אויספרעגן אים אויף זיין זונדל, ווו ער איז געווען, וואָס האָט ער געטאָן, און צי איז ער אַהער אויף לאַנג געקומען, און וואָס קלערט ער צו טון ווײַטער? דערביי האָט זיך איינער פון די נגידים, רב אַלטער פּעסיעס, אַ זאָג געטאָן:

— אַ יושר וואָלט געווען, רב שמואליק, אַז אייער זונדל זאָל זיך דורכגיין צו מיר, אם ירצה שם, מאָרגן נאָך הבדלה, בלי נדר שבת, אַ ביסל אַ זינג טון, וועלן מיר האָרכן. עפּעס זאָגט מען, אַז ער זינגט גאָר קיין מעשה נישט.

— וואָס איז שייך, אַ זינג טון? מהיכא־תיתי! — האָט שמואליק אַ זאָג געטאָן, באַטראַכטנדיק יאָסעלען, ווי ער שיינט פון די שלום־עליכמס, וואָס ער באַקומט פון אַלע זייטן.

— און איך וואָלט געזאָגט, אַז אייער זונדל זאָל אונדז מאָרגן שענקען אַ מוספל, — האָט זיך אָנגערופן אַ יונגערמאַן, — בענטשן ראש־חודש. מע זאָגט,

אז ער דאַרף שוין אויסגעצייכנט פאַרן עמוד. אייזיק בערל פייגעס איז געפאָרן מיט אים אין איין בויד, דערציילט ער זיך אָן פון זיין זינגען און זאָגט, אז ער באַדאַרף היינט קאָנען דאַווענען, וואָס איז גאָר א חידוש!

— טאַקע, אדרבה, כלעבן! — האָבן אונטערגעכאַפּט עטלעכע באַלעבאַטים.— טאַקע א יושר, ער זאָל אונדז דאַווענען! הייסט אים, רב שמואליק! וואָס קאָן עס אייך אַרן? עס קאָסט אייך געלט?

— טאַ! — האָט שמואליק א זאָג געטאָן, קוקנדיק אויף זיין יאָסעלען, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען פון שול.

* * *

זלאַטע מיט אסתרן האָבן זיך יענעם פרייטיק פאַרשפּעטיקט אין קלייט, און קומענדיק אהיים, האָבן זיי פון די קינדער, פון אפרימען מיט מנשהן, דערהערט די גוטע בשורה, אז יאָסעלע איז געקומען פון טעטערעווע. „זאָלסט זען, מאַמע, ווי יאָסעלע איז אויסגעוואַקסן! — האָבן אפרים מיט מנשהן דערציילט ביידע איבער־נעם. — געוואָרן אזא גרויסער, סכנות!" ביי זלאַטען איז די בשורה געווען זייער אָנגעלייגט, און ביי אסתרן — נאָך מער; זי האָט זיך אויף דער גיך ריין אָפּגע־וואַשן, זיך אָנגעטאָן שבתדיק, דאָס הייסט, מיט א פּשוט, נאָר א ריין ציצטיק מלבוש, וואָס האָט פון ריינקייט און ווייסקייט אויף איר געפינקלט, געשעמערירט און געזונגען. אסתר האָט נישט געהאַט די טבע פון אלע מאַזעפּעווקער מיידלעך, וואָס האָבן ליב זיך אויסצופּראָצלען, באַהענגען זיך מיט שמאַטעס, אָרומשמעקן זיך מיט שמאָכטעס אַלערליי, אַרויפציען אויף זיך דעם רוח, ווי די מאָדע איז דאָרטן. צווישן די מאַזעפּעווקער אויסגעפּראַצלטע באַהאָנגענע מיידלעך און אויס־געשלייערטע, אויסגעפּוצטע ווייבלעך, איז אסתר געווען די איינציקע, וואָס די מאָדע האָט זי נאָך נישט באַרירט. דערזעענדיק דורך די פענצטער, אז דער עולם גייט שוין פון די שולן, זענען זלאַטע מיט אסתרן אַרויסגעגאַנגען מקבל־פּנים זיין יאָסעלען און זאָגן שמואליקן: „גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט". עס איז געווען א ליכטיקער פרייטיקצונאַכטס, זומערלעבן, א פּאָר וואָכן נאָך שבועות, אין דער צייט, ווען אפילו די געוויסע מאַזעפּעווקער בלאָטע, וואָס שטיט אויף דער וועלט, ווערט אויך אויסגעטריקנט, ווען אפילו אין מאַזעפּעווקע פאַרטראָגט דאָס ווינטל א געשמאַקן ריח פון גרין גראָז און פון פרישע בלעטלעך מיט א ווייטן געזאַנג פונעם סאָלאָוויי, וואָס האַלט זיך אויף איינעם מאָנאַסטירסקי גאָרטן... אסתר האָט נאָך פונדערווייטנס דערקענט יאָסעלען, און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ציען זיך צו אים. שמואליק האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעגעבן זלאַטען מיט אסתרן דעם „גוט שבת", און זיי האָבן אים געזאָגט: „גאָט ליב אייך מיט אייער

גאסט!" שמואליק האָט דערציילט זלאטען דעם כבוד, וואָס יאָסעלע האָט היינט געהאט פון די באַלעבאַטים, וואָס ווילן, ער זאָל זיי מאָרגן, אם-ירצה-השם, דאווענען מוסף. און יאָסעלע האָט זיך בשעת מעשה צוגערוקט אביסל נעענטער צו אסתרן, באטראכטנדיק זי ביי דער האלבקיילעכדיקער לבנה מיט די דימענטיקע שטערן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשיינט אין אירע ליכטיקע אויגן. עס האָט אים צוגעצויגן צו אסתרן מיט אזא כח, אז ער איז גרייט געווען אַנצונעמען זי ביי דער האנט, ווען עס זאָל נישט געווען שטיין דערביי זיין טאטע מיט איר מאמע. נישט זעענדיק אסתרן דריי יאָר, האָט יאָסעלע חשק געהאט צו בלייבן שטיין אָט דאָ אין דרויסן אין יענער שיינער זומערנאכט א ביסל שמועסן מיט אסתרן. עס האָט אים אציינד זייער פארדראָסן, וואָס ער מוז גיין אהיים קידוש מאכן, עסן וועטשערע און זיך נאָכדעם לייגן רוען גלייך מיט אלע. עס איז אין דרויסן אזוי שיין, אזוי ליכטיק, אזוי ווארעם! די גאנצע נאטור איז שבתדיק; די לבנה לייכט, ווי א זילבערנע מנורה, די שטערן שעמערירן, ווי די בענטשליכט, און זי, די שיינע כלה, וואָס הייסט „שבת מלכתא", רוט און פרייט זיך גלייך מיט אלע ייִדן. די גאסן אין מאזעפּעווקע רוען. מע פילט, אז ס'איז שבת. אין אלע פענצטער לייכט זיך פון די בענטשליכט און עס פינקלט אין די אויגן. אלע באַלעבאַטים זענען שוין אין דער היים: זיי זענען מקבל-פּנים די מלאכי-השרת און זענען זיי מלוה טאקע באלד צוריק אין זייער רו אריין. עס הערט זיך א געשמאקער ריח פון דער פרישער חלה און זייער א שיינער אראָמאט פון געפילטע פיש. ייִדן עסן און קלויבן תענוג פון די ייִדישע מאכלים, וואָס האָבן א ייִדישן טעם. שמואליק דער חזן מיט זיין זונדל שטייען דאָ אין דרויסן נעבן זלאטען מיט אסתרן און מע שמועסט וועגן יאָסעלעס אהיימקומען. שמואליקס אלטע, אויסגעלאָשענע אויגן צינדן זיך אָן מיטן אמאָליקן פייערל אויף א מינוט און זיין פּנים לייכט אים און שיינט אים אקעגן דער לבנה. מיט א זיפץ באוויזט ער ארויס אלע מינוט, ווי צופרידן און גליקלעך ער איז. זלאטע פארשטייט זיין הארץ: זי קוקט אויף יאָסעלען און ווערט ברייטער און לענגער פון גרויס נחת, גלייך ווי ער וואָלט געווען איר אן אייגן קינד. און יאָסעלע רוקט זיך צו צו אסתרן אלע מאָל נעענטער: ער קוקט איר אין פּנים אריין און זעט, ווי זי לאָזט אראָפּ די געדיכטע ברעמען, און פארשטייט גאָרנישט, פארוואָס זי שעמט זיך עפּעס היינט? עס גלוסט זיך אים גאָרנישט אָפּטרעטן פונדאנען, אוי גלוסט זיך נישט! נאָר דער טאטע זאָגט: „קום, יאָסעלע, קידוש מאכן!" און ער מוז נעבעך גיין... פארן אוועקגיין דרייט יאָסעלע אוים נאָכאמאָל דעם קאָפּ צו אסתרן און נאָך איין מאָל באגעגנט ער זיך מיט אירע שיינע אויגן, און דער דאָזיקער קוק פארבלייבט ביי זיי ביידע אויף א לאנגער צייט אין זייער זכרון. די גאנצע נאכט נאָך דעם איז יאָסעלעס קוק נישט אָפּגעטראָטן פון אסתרן אויף קיין מינוט, אויפוועקנדיק אין איר הארץ פארשידענע געפילן

פאַרשטעלנדיק איר אין קאָפּ אלערליי טייערע ליכטיקע מחשבות און וועבנדיק אזעלכע שיינע פאַנטאזיעס, פון וועלכע אסתר האָט נאָך גאָר ביז איצט קיין השגה נישט געהאַט.

XII

ער דאַוונט מוסף אין דער קאַלטער שול, און יידן ווערן נתפּעל

די קאַלטע שול, וווּ שמואליק איז חזן שוין העכער פינף און צוואַנציק יאָר, איז נישט געבויט געוואָרן פאַר א גאַנצער שטאָט מיט יידן, קיין עין־הרע. וועדליג זי איז אַלט און איינגעהויקערט, איז געגוג פאַר איר, אז זי קאָן געבן ערטער נאָר פאַר אירע שטענדיקע באַלעבאַטים, וואָס זענען אויך נישט אלע צופרידן, מחמת יעדער מענטש האָט א נשמה און איטלעכן ווילט זיך האָבן א שטאָט און מזרח־וואַנט, אָדער, לכל הפּחות, אין „שפּיגל־באַנק“. די אייגענע באַלעבאַטים צווישן זיך האָבן אויך צו זינגען און צו זאָגן און קאָנען זיך קיינמאָל נישט איינטיילן, נישט מיט די ערטער, נישט מיט די עליות, נישט מיט די הקפות וכדומה אזעלכע זאכן, וואָס זענען נוגע אינעם נפש. הייגט וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַריבל האָבן אויף די דאָרטיקע באַלעבאַטים, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט אריינלאָזן די גאַנצע שטאָט מיט יידן אין שול אריין יענעם שבת, ווען יאָסעלע האָט באַדאַרפט דאַוועגען מוסף? זיי האָבן זיך מיישב געווען איין מאָל פאַר אלע מאָל: תיכף נאָך שחרית פאַרשליסן די טיר און נישט אריינלאָזן קיינעם, ער מעג זיין דעם גבאים אפילו אן אייגענער טאַטע. איז דאָס אָבער, צוריק שמועסנדיק, דען א יושר? וואָס זענען שולדיק די יידן פון יענע איבעריקע שולן? וואָס איז דאָס פאַר א הפקרות געמען און פאַרשליסן א מקום־קדוש פאַר א גאַנצער עדה מיט יידן? עס איז ארום דער קאַלטער שול געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער; מע האָט זיך צעלאָזט אהין פון אלע בתי־מדרשים, צוממיינסטן יונגע לייט, בחורים און יינגלעך, געקלאַפּט אין דער טיר, געאַרבעט אזוי לאַנג, ביז די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן א רויטע באָרד: דאָס האָט דער שמש אַרויסגעשטעקט א קאָפּ, בכדי זיך גוט אָנצובייזערן אויף זיי, עס זאָל ווערן אביסל שטילער: „וואָז, שקצים, ווייסע־חברהניקעס, הולטאַיעס! — האָט דער שמש געפילדערט, טופּענדיק מיט די פיס און מאַכנדיק מיט די קולאַקעס, ווי א רוצח. — וואָז, עכברושים איינע!“ נאָר מע האָט שוין מער נישט באַדאַרפט: עס האָבן זיך אלע מיטאַמאָל א שפּאַר געטאָן, די טיר האָט מען געפּטרט באַלד, דעם שמש האָט מען פאַרשטופּט אין א ווינקעלע און רעכט דורכגעפּאַטשט, ווי אים שטייט אָן, און אין שול איז געוואָרן

אזא ענגשאפט, אז מען איז געשטאנען איינער ביים אנדערן אויף די קעפּ. אויך פון דרויסן איז די שול געווען באלאגערט מיט מענטשן. עס האָט זיך געוויגט די שטאָט, די וועלט האָט זיך געקערט — יאָסעלע בענטשט ראש־חודש, דאַוונט מוסף!..

און יאָסעלע האָט אָנגעטאָן א טלית און איז ארויף אויף דער בימה, ווארפנדיק א קוק אויף דעם גאנצן עולם און צוגרייטנדיק זיך צום דאַווענען. דאָס פּנים האָט אים געפלאמט און עס האָט ארויסגעשיינט פונעם טלית ארויס. עס איז געוואָרן א שושקעריי צווישן עולם, און אויך די ווייבער האָבן זיך א שפּאר געטאָן צו די פענצטערלעך אויבן, דער עולם איז געווען אויסער זיך, באצייטנס נאָך קוועטשנדיק זיך איינער דעם אנדערן און שטופנדיק זיך אלץ אהין, צו דער בימה, באטראכטן דאָס יונגע חזנדל. באלעבאטים האָבן גענומען קלאפּן אין די שטענדערס — עס זאָל זיין שטילער! צווישן עולם איז געוואָרן א געשריי: „שא, עולם! שששששאא!“ יאָסעלע האָט זיך אויסגעגלייכט, זיך אנידערגעשטעלט, ווי א גרויסער חזן, אויסגעהוסט זיך, און אז עס איז געוואָרן אין שול טאקע אויף אן אמת שטילער, האָט ער א קלונג געטאָן מיט א שיין הילכיק קול: „י ק ו ם פּ ו ר ק ן מ ן ש מ י א!“ און אין שול איז דורכגעלאָפן געשוויגד, ווי א בליץ, א מין פרעסטל, וואָס האָט אָנגערירט יעדן ביים לייב, און אלע זענען געוואָרן ווי פארשטיינט אויף עטלעכע מינוט, נישט רירנדיק מיט קיין אבר. ערשט דעמלט, ווען ער האָט אויסגעלאָזט דעם „ונאמר אמן“, האָבן אלע מיטאמאָל ארויסגעלאָזט אן „אך“, איבערקוקנדיק זיך איינער מיטן אנדערן און קניטשנדיק מיט די פּלייצעס, גאָר פארגעסן בשעת מעשה, אז מע בענטשט ראש־חודש און מע דארף אין זינען האָבן, ווען דער מולד איז. ווער מולד? וואָס מולד? עס איז פול די גאנצע שול מיט טרערן, גלייך ווי א סאָלאָוויי וואָלט זיך דאָ צעגאָסן אויף זיין העלדזל. עס צעגייט זיך אין יעדן אבר, עס שמירט דאָס הארץ ווי מיט בוימל, עס ציט ביי דער נשמה, עס ציפּעט ביים הארצן, עס איז „כלות הנפש“ — וואָס מיר מולד? ווער מיר מולד? יאָסעלע דאַוונט, און עס דאכט זיך, אז עס זינגען צען משוררים, נישט איינער. יאָסעלע זינגט און עס דאכט זיך, ווי א גאנצע קאפּעליע קלעזמער שפּילן. אָט טוט ער א קלאפּ מיטאמאָל, ווי פון צען מיילער גייען קולות, איינס העכער און שטארקער פון דעם אנדערן, אזוי, אז אלע פענצטער קלינגען; און אָט פארגייט ער זיך, ווערט פארשטאָרבן, אלע מאָל שטילער און שטילער, און מיט אזא מתיקות, מיט אזא לויטערקייט, מיט אזא רינקייט און גלאטקייט, אז עס גלעט דאָס לייב, עס רירט דאָס הארץ, עס וויגט די נשמה און צעגלידערט, צעשרויפט אלע אברים; און אָט טוט ער ווידער א זעץ מיטאמאָל, ווי עטלעכע פידלען, טראָמייטן און פלייטן אינאיינעם; ער עפנט דאָס מויל, און עס גיסט זיך, עס לויפט פון אלע זייטן און פילט אָן די שול מיט אזעלכע מיני פארשידענע געזאנגען, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ביז אהער נישט געהערט. קיינער האָט נאָך

אזא „מי=שברך“ נישט געהערט, קיינער! אפילו די גרויסע מבינים האָבן נאָך נישט געזען פאר זיך אזא מין חזן און נישט געהערט אזא מין דאווענען מיט אזוי פיל האַרץ, מיט אזא ווארעמקייט, אזא הייסקייט. אז עס איז געקומען צו די ווערטער: „הוא יברך את כל הקהל הקדוש הזה“ — ער זאָל בענטשן דעם דאָזיקן גאנצן עולם, האָט יאָסעלע צענומען מיט די הענט, גלייך ווי ער וואָלט אָנגעוויזן אויף גאנץ קהל, אויף אלע יידן, וואָס געפינען זיך דאָ, און בעטן גאָט פאר זיי און פאר זייערע ווייבער מיט די זין און מיט די טעכטער זייערע מיט א בקשה, מיט א רחמנות=פנים, ארויסרעדנדיק יעדעס וואָרט שארף און ריין פונעם טיפן, טיפן הארצן. אויך ביי די ווערטער „וכל מי שנותנים... ופת לאורחים“ — דער וואָס גיט א שטיקל ברויט דעם אורח, „וצדקה לעניים“ — און דעם אָרעמאן א נדבה, — האָט ער געמאכט אזא מינע, גלייך ווי ער וואָלט דערמאָנען דעם עולם, אז ס'איז דאָ יידן, וואָס באדארפן א שטיקל ברויט, אז ס'איז דאָ אָרעמעלייט, וןס באדארפן א נדבה געבעך, — און האָט זיך דאָ פארגאנגען אויף זיין שטייגער, איבערחזרנדיק דאָס עטלעכע מאָל מיט א געבעט און מיט רחמנות, און איז באלד איבערגעגאנגען שוין גאָר ווידער אויף אן אנדער נוסח, ארויסבאווייזנדיק בשעת מעשה אזויפיל בריהשאפט מיטן האלדז, אז דער עולם איז געבליבן אָפּהענטיק, פארכשופט, גאָרנישט אויף דער וועלט, און האָט לאנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. ערשט נאָך ראש=חודש=בענטשן און צו דער שטילער שמונה=עשרה האָט זיך איינער מיטן אנדערן שטיל איבערגערעדט אופין וווּנק, מאכנדיק מיט די פּלייצעס: „נו?!“ — און אָפּגעכאפּט די שמונה=עשרה גיך אויף איין פוס, בכדי צו הערן, וואָס וועט זיין ווייטער. צו דער קדושה האָבן זיך אלע באצייטנס צוגעגרייט, האָם הייסט, מע האָט זיך רעכט אויסגעהוסט, געבראכט אין אָרדנונג די נעזער און אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו האָרכן עפּעס א נייעס, און יאָסעלע האָט געשענקט די מאזעפּעווקער יידן א „כתר“, אזא מין „כתר“, וואָס זייערע זיידעס אפילו האָבן דאָס נישט געהערט. די דאָזיקע קדושה — דאָס איז געווען א מין פאנטאזיע פון א משורר, וואָס נאָר איין מאָל ווערט זי געבוירן אין זיין מחשבה און מער קיינמאָל נישט. דאָס איז געווען א מחשבה, וואָס ווערט נישט ארויסגעגעבן מיט ווערטער אָדער דורך נאָטן, נאָר עס רעדט, עס לאָזט זיך הערן; א מין שפּראך, וואָס אלע פארשטיין זי, א מין געדאנק, וואָס איטלעכער האָט זיך אויף אים זיין פשט. יאָסעלע האָט צעלאָזט דאָס האלדז פריי אויף אלע זייטן, מאכנדיק דערביי משונה=ווילדע ווארטיאציעס, דרייענדיק און בייטנדיק, פלאָנטענדיק און פלעכטנדיק ארויף און אראָפּ, אין דער לענג און אין דער ברייט, דערלאנגענדיק די העכסטע און די דינסטע אָקטאַווע מיט גענוג קונצן דערביי. די וואָס האָבן דעם „כתר“ געהערט, האָבן געשוואָרן, אז ביי די ווערטער „מלאכים המוני מעלה“ — האָט זיך זיי געדאכט, ווי עס שוועבן און עס דרייען זיך

ארום מלאכים פון אויבן מיט א גוזמא יידן פון אונטן, און אלע אינאיינעם דרייען און פלעכטן און פלאָנטען א קדושה צו גאָט, רופנדיק איינער צום אנדערן מיט א זיס קול: „קדוש! קדוש! קדוש“... יאָסעלע האָט אויסגעלאָזט די קדושה מיט די ווערטער „הן גאלתי אתכם“ — איך האָב אייך האָך אויסגעלייזט, הויך און שטאָלץ; דאָס איז געווען ווערטער נישט פון קיין חזן, נאָר פון א נביא, וואָס רעדט אין נאָמען פון גאָט; ער איז מבטיח, ער שטאַרקט זיי, די יידעלעך, זיי זאָלן נישט זיין אזוי געפאלן ביי זיך, וואָרום „אני ה׳ אלהיכם“ — זיי האָבן א גרויסן גאָט, א שטאַרקן גאָט!... יאָסעלע האָט געקאָנט אריינלייגן אין יעדן וואָרט פיל כוונה און געפיל, זיין האלדז איז געווען מסוגל ארויסצוגעבן זעלטענע קולות, זיסע, ווי צוקער, גלאטע, ווי בוימל, הויכע, ווי דער הימל, טיפע, ווי דער ים, און ריינע, ווי גינגאָלד. ווי פון א זיסן שלאָף, ווי פון א גן־עדן־חלום, האָט זיך דער עולם אויפגעכאפט, בשעת יאָסעלע האָט אויסגעלאָזט די קדושה און איז געגאנגען ווייטער, שוין ווידער איבערבייטנדיק די שטימע גאָר אויף אן אנדער שטייגער. ביי די ווערטער „יהי רצון מלפניך“ — עס זאָל זיין דער ווילן פאר דיר, גאָט, — האָט יאָסעלע פארגלאָצט די אויגן צו גאָט ארויף און האָט אוועקגעלייגט א בקשה פאר אים: „שתעלנו“ — זאָלסט אונדז ברענגען מיט א שמחה צוריק אין אונדזער לאנד אריין, „ותטענו“ — און זאָלסט אונדז איינפלאנצן, באזעצן אינעם גרענעץ פון אונדזער אייגן לאנד — מיט א געבעט, כמעט מיט א געוויין און אזעלכע טרויעריקע רירנדיקע קולות, אז עס האָט אָנגענומעןביים הארצן און עס האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. יידן האָבן זיך דאָס צעוויינט אביסל, צעפעסטעט פאר גאָט, ווי געליבטע, הארציקע קינדערלעך, פון תמיד אן געבאלעוועטע, ציטעריקע בני־יחידימלעך...

— נו, יאָסעלע! נו, א מוסף! — האָבן זיי געזאָגט אלע אין איין קול, צוריק פון שול גייענדיק און שפּאַרנדיק זיך צו שמואליקן, זאָגן אים א גוט שבת.

— נו, יאָסעלע! אי, יאָסעלע! ווייל מיר ווען לעבן, וועלן מיר דאָס דאָזיקע מוספל נישט פארגעסן! דער טעם דערפון וועט אונדז ליגן אייביק — אייביק!

— ס'איז גאָרנישט קיין מענטשלעכע שטימע מיט קיין מענטשלעכן האלדז!

— האָט געזאָגט מיט גרויס התפעלות איטלעכער באזונדער, זיצנדיק שוין ביים טיש. — נישט אנדערש, אז עס ליגט ביי אים ערגעץ א פייפעלע אין מויל! ס'איז עפעס א מין שפּיל־פויגעלע, א סאָלאָווייטשיק, אן אמתער סאָלאָוויי — און גענוג!

XIII

באַלעבאַטים שיקן דעם חזן „מיט די געסט"
און דער פּאַלאָווי צעגיסט זיך אין זיין שטייגער

שיקן „מיט די געסט" איז נאָך עד היום א מנהג אין מאזעפּעווקע. אז עס קומט צו איינעם אן אָנגעלייגטער גאַסט, שיקן אים אלע זיינע גוטע פריינד שבת צום טיש א בוטל ווין אָדער א פלאַש מעד, און דאָס ווערט אָנגערופן „געשיקט מיט די געסט". יענעם שבת האָט זיך שמואליק דעם חזנס טיר נישט צוגעמאַכט: דער אריין, דער ארויס: דאָס איז פון אבא מאיר דעם נגיד, דאָס איז פון מענדל דעם גרויסן, דאָס איז פון רב מנשה דעם רויטן, און דאָס — פון יענקל דעם שווארצן... שמואליק האָט איטלעכן באַזונדער געהייסן איבערגעבן: „הערסטו, מיידעלע? זאָלסט זאָגן דעם טאַטן דאַרטן, ער זאָל דערלעבן ביי זיין עלטערער טאָכטער צו דער חתונה, וועלן מיר דערמלט אָפּשיקן מיט גוטן וויין!" אָדער: „הערסטו, יינגעלע? זאָלסט זאָגן דעם טאַטן דיינעם, אם־ירצה־השם, צו דיין בר־מצווה!"... שמואליקס פּנים האָט זיך אויש פארפלאַמט פאר גרויס שמחה, און די אויסגעלאָשענע אויגן זיינע האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן מיטן פייערל פון אמאָל; ער איז דעם דאָזיקן שבת געווען אויפן זיבעטן הימל. אפילו די פלוניתטע זיינע, פון וועלכער ער האָט נישט געהערט קיין גוט וואָרט כמעט פון זינט ער קען זיך מיט איר, האָט זיך אויך צעפלאַקערט און האָט באַוויזן, אז זי איז צופרידן מיטן גאַסט, דורך די צוויי קוגלען, וואָס זי האָט געמאַכט, איינעם א לאָקשענעם לכבוד שבת און איינעם א בלעטערנעם, א געקנעטעטענעם מיט ראָזשינקעס, לכבוד דעם גאַסט. „אנו? — האָט זי געזאָגט מיט א זיס שמייכעלע. — לאָמיר זען אָקאָרשט, צי איז דער גאַסט א געראָטענער, צי ניין? אָט וועלן מיר באַלד האָבן א סימן פונעם קוגל".

— איר האַלט נאָך גאָר פון פּאַרנט, אפנים? — האָט זלאַטע געזאָגט, אריינקומענדיק מיט אסתרן צו שמואליקן אין שטוב אריין. צוליב דעם גאַסט האָט זיך זלאַטע איבערגעבעטן מיט שמואליקס וייב נאָך אין שול בשעת אויסנעמעניש. די חזנטע האָט צום ערשטן אָנגעהויבן צו רעדן; זי האָט זיך צוגערוקט צו זלאַטען און האָט איר א זאָג געטאָן:

— הם... מיר האָבן עס היינט א גאַסט! מיין מאַן, כלעבן, איז שטארק צופרידן.

זלאַטע האָט אויף איר א קוק געטאָן בייז, ווי איינער רעדט: „אהא! המגם מפּלה?" נאָר פון מענטשלעכקייט וועגן האָט זי איר געענטפערט גאַנץ פריינדלעך: „גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט!" און עס איז אוועק צווישן זיי א לאַנגער

און זייער אן אינטערעסאַנטער שמועס, אין וועלכן עס איז געווען אויסגעמישט כל מאמינים שהוא: אי חלה, אי פיש, אי די יקו, אי די שכנה, אי דער שכנס באָרשטש, אי דער שכנס שנור די מופקרת, וואָס טראָגט די אייגענע האָר, ווי א געשליירטע האַנזי, און אַזוי ווייטער — אָן א סוף.

— געדענקט זשע, זלאַטע, — האָט די חזנטע עטלעכע מאָל געבעטן — לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן. אם־ירצה־השם, תיכף נאָכן טיש, מיט אסתרן, למען השם!

זלאַטע האָט פאַרגעסן די אַמאָליקע שנאה צו דער חזנטע און איז געקומען מיט אסתרן אָפּגעבן שמואליקן כבוד. די חזנטע האָט זיי אויפגענומען אויפן שענסטן אופן, זיי מכבד געווען מיט קוגל און געזאָגט אַלע מאָל אויף דייטש, ווי מע רעדט ביי זיי אין באַרדיטשעוו: „פאַרוואָס געניסט איר עפּעס נישט, זלאַטע־גיו, כלעבן, איר האָט נאָך גאָר ווייניק גענאָסן!“

שפּעטער אביסל איז אַריינגעקומען אויך זלאַטעס יינגערע שוועסטער, א גוטער פריינד און א נאָענטע שכנה, די מומע יענטל מיט איר מאַן בייניש; אויך רב קלמן שדכן איז אַריין מיט א שבתדיק פּנים און מיט א ברייטן גוט שבת, און טרינקענדיק „לחיים“, האָט ער צוגעווינטשעוועט שמואליקן, ער זאָל דערלעבן גרויס נחת אין זיין זונדל, טאַקע אויף א קנס־מאָל, אם־ירצה־השם, אין גיכן.

— כ'האָב געגוג האָב איך! — האָט רב קלמן געזאָגט, פאַרקאַטשענדיק די אַרבל פון דער אַטלעסענער קאַפּאָטע ביז די עלנבויגנס און אָננעמענדיק זיך ביי דער גרויער באָרד. — זעט איר די באָרד מיינע? זי האָט נישט אַזויפיל האָר האָט זי נישט, וויפל שידוכים איך טראָג ביי זיך אָט א־דאָ־אָ (רב קלמן האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויפן שטערן). האָרכסטו, שמואליק?...

— וואָס איז שייך? — האָט אים שמואליק איבערגעשלאָגן סאַמע אינמיטן.

— וויים איך וואָס אייך קומט אַרויף אויפן קאָפּ! מע האָט דאָס נאָך אפילו נישט אין זינען!

ביי די ווערטער האָט זיך יאָסעלע איבערגעקוקט מיט אסתרן, און עס איז זיי דורכגעלאָפן אין דער מינוט א מחשבה אין קאָפּ, איין מחשבה בייביידן גלייך; א בייער געדאַנק, פון וועלכן זיי האָבן ביידע ביזאַהער גאָרנישט געוווסט, א געדאַנק, פון וועלכן א מאַזעפּעווקער מיידל און א מאַזעפּעווקער יינגל ווערן רויט ווי פייער און זייער האַרץ וואַרט געפּלעפּט, געפּאַנגען גאָר אומגעריכט. דער נאָמען פון דעם געדאַנק איז: „חתן־כלה“... דאָס וואָרט „חתן־כלה“ איז ביים מאַזעפּעווקער מיידל אָדער ביים מאַזעפּעווקער יינגל א גאַנצער ראָמאַן, א פּשוטער, נאָר א שיינער, א וווּנדערלעכער ראָמאַן, נישט קיין געמאַכטער, נישט קיין געמלאכה־טער, נישט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר אן אמתער ראָמאַן, אָן חכמות, אָן קונצן, אַזוי אמת און אַזוי פּשוט, ווי די נאַטור אַליין.

— אצינד לאָמיר זיך נעמען אָקאָרשט צום איבעריקן ביסל משקה! — האָט שמואליק אויסגערופן, נאָכדעם ווען ער האָט שוין צום מזומן־בענטשן פארזוכט א קאפעלע און איז א ביסל פריילעך געוואָרן. — א נו, בייניש, נעם זיך נאָר, טו א פרווו!

בייניש, ווי א יונגערמאַן שוין פון היינטיקער וועלט א ביסל, האָט גענומען עפענען די פלעשלעך, און דער עולם האָט גענומען פארזוכן פון יעדנס משקה צו קאפעלער, טרינקענדיק לחיים און צווינטשעווענדיק זיך איינס דעם אנדערן אלדאָס גוטס מיט פרנסה און מיט ישועות ונחמות אויפן כלל ישראל, אזוי לאנג, ביז מען איז געוואָרן מבוסם, טאקע רעכט פארקלאפט. מע האָט גענומען רעדן אלע אין איין קול, שמייכלען און ביסלעכווייז אונטערדרימלען, פיקען מיט דער נאָז אין גלעזל אריין, שוין כמעט נישט טרעפנדיק צום מויל.

— זעט נאָר, זעט, ווי זיי האָבן זיך דאָס אביסל אונטערגעפילגעוועט! — האָבן די ווייבער צווישן זיך געשמועסט, פארקלייבנדיק זיך באזונדער אין א ווינקל און אָנווייזנדיק מיט א געלעכטער אויף די מאנצבילן. — עס וואָלט נישט געווען קיין עוולה, איר זאָלט זיך צולייגן אָפרוען א ביסל, כ'לעבן!

די מאנצבילן האָבן דאָס אָבער געהערט, ווי דעם פאראיאָריקן שניי: זיי האָבן זיך געטאָן זייערס און צוגעווינטשעוועט זיך אלדאָס גוטס מיטן כלל ישראל. און די ווייבער האָבן זיך שטארק פארערדט וועגן עניני באלעבאטישקייט, איבערערנדיק איינס דאָס אנדערע, און קיינער האָט גאָר קיין צייט נישט געהאָט צו באמערקן, ווי יאָסעלע האָט זיך דערווייל צוגערוקט צו אסתרן און האָט איר אויסדערציילט אלצדינג, וואָס מיט אים האָט פאסירט אין די דריי יאָר. יאָסעלע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי אויפגעלייגט אויפן הארצן, ווי יענעם שבת; עס האָט זיך אים געדאכט, אז ער איז א גרויסער, א גאנצער מענטש, א מענטש, וואָס האָט שוין פארזוכט גענוג צרות אין זיין לעבן. די אייגלעך האָבן אים געגלאנצט, די בעקלעך האָבן געפלאמט. און מאכנדיק מיט די הענט, ווי א גרויסער, האָט ער אין זיין לאנגן קאפאָטקעלע מיט די פאהלער און אויסגעזען פונדערווייטנס, ווי א קליין יידעלע, א קליינס און קורצס, נאָר מיט אלע פאָסטעמקעס, מיט אלע פיטשעקלעך פון א יידן. יאָסעלע האָט איר דערציילט, ווי ביטער עס זענען אים געווען די דריי יאָר, וויפל צרות ער איז אויסגעשטאנען דאָרטן, ביי מ י צ י ן, ביז ער האָט זיך ארויפגעשלאָגן אויף א שטיקל הרד. לכתחילה האָט אים מיצי אויפגענומען גאנץ פריינדלעך, זיך באריממט מיט זיין נייי משורדל פאר אלעמען באזונדער. מ י צ י כ ע אָבער, דאָס הייסט, מיצים ווייב, איז מיט יאָסעלען נישט אזוי צופרידן געווען, ווי מיצי; זי האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אן איבעריקן עסער אין שטוב; זי האָט געהאט גענוג עסערס אָן אים אויך. זי איז אליין נישט געווען קיין עקרה און פלעגט צושטעלן מיצין א ניי משורדל

אלע יאָר, אלע יאָר א גיים, אן אייגנס. מע האָט נישט ארויסגעזען, אז דאָס סך קינדלעך אירס זאָל זיין ביי איר מאן אָדער ביי איר שטארק אָנגעלייגט; גאָרנישט, מהיכא־תיתי, ס'זאָל זיין ווינציקער מיט א קינד, וואָלט אוודאי גלייכער געווען, נאָר ס'איז שוין דאָ, לאָז עס זיך שוין וואלגערן. און עס האָבן זיך דאָרט „געוואלגערט" קינדער, ווי מיסט, און ביז זיי האָבן זיך אויפגעכאפּט אויף די פיסלעך, האָבן זיי נעבעך געליטן הונגער, געגאנגען נאקעט און באָרוועס, גוט אָפּגעקומען, גוט אויסגעריסן געוואָרן. מע קאָן זיך שוין גרינג פאָרשטעלן, אז יאָסעלע, ארייננקומענדיק צווישן אזויפיל אָרעמע באשעפענישלעך, האָט, געוויינלעך, קיין האָניק נישט געלעקט; ער איז פארשווארצט געוואָרן גלייך מיט זיי, טראָגנדיק די צרות ביי זיך פארבאָרגן. הכלל, יאָסעלען איז באשערט געווען אין טעטרעוועץ אויך האָבן א שטיפמאמע; זי האָט אים באנוצט אויף שטובמלאכות, ארומגעשיקט אויף אלע גענג, נאָכגעטראָגן איר דעם קאָשיק פונעם מארק, גיין מיט די עופות צום שוחט, וויגן דאָס קינד און נאָך אזעלכע ארבעט טון, כאפּענדיק דערביי גאנץ אָפט א רעכטן פּאטש, א קניפּ און א כמוסאק, ווי אן אייגן קינד, און לייגנדיק זיך גאנץ אָפט שלאָפן א הונגעריקער און א דאָרשטיקער. היינט די יסורים, וואָס ער האָט געטראָגן דאָרטן פון זיינע חברים די משוררים, וכדומה נאָך אזעלכע זייטיקע צרות! יאָסעלע האָט דאָס אָבער איבערגעטראָגן שטילערהייט, נישט דערציילנדיק מיצין קיין מעשה, בכדי ער זאָל נישט אָנווערן די שטעלע, חס־ושלום. די שטעלע איז ביי אים געווען זייער טייער. ער האָט געלערנט מיט חשק הלכות משורר, דורכגעגאנגען דעם גאנצן חדר, געשטודירט אויף חזן, אויסארבעטנדיק זיך די שטימע, און ער קאָן אצינד זאָגן בפירוש, אז ער באדארף שוין מער נישט מיצים תורה. ער איז קלאָר אין נאָטן, ברוך־השם, אזוי גוט, ווי אלע משוררים, און איז שוין מער נישט מחויב צו טראָגן מיציכען דעם קאָשיק פונעם מארק און וויגן איר דאָס קינד. ער קאָן שוין אצינד פארטרעטן די פיינסטע שטעלע ביים גרעסטן וועלט־חזן, און ווען ער פאָרט ארויס א ביסל אויף דער וועלט, וועט ער געוויס נישט שלעכט מאכן.

— אצינד בין איך געקומען אהיים אויף א פּאָר וואָכן זיך אָפּרוען. — אזוי האָט יאָסעלע אויסגעלאָזט זיין דערציילונג. — נאָכדעם וועל איך שוין וויסן וואָס צו טון. איך וואַרט נאָר אויף א בריוול פון איינעם, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט מיך נעמען אויף זיינע הוצאות — און דערצו מיר צאָלן נאָך שיין שכירות, אחוץ זייטיקע הכנסות. הכלל, ער וועט מיך גאָר גליקלעך מאכן, אבי איך זאָל ארויספאָרן מיט אים אויף דער וועלט. יענער ייד איז אמאָל געווען טאקע ביי מיצין משורר. „גדליה באס" רופט מען אים. ער האָט מיך געהערט זאָגן הלל אין טעטרעוועץ, איז ער צו מיר צוגעזאָטן געוואָרן: „וואָס טויג דיר, זאָגט ער, דאָס משוררות? דו ווער בעסער אליין חזן, אזוי ווי יענעם באלעבעסל, זאָגט ער,

וואָס די וועלט האָט מיט אים געקלונגען"... איך האָב דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען דיר, אסתּר, וואָס דו מיט דיין מאַמען האָבן מיך דערמאָנט אָפּגעשיקט קיין טעט־רעוועץ. ווען נישט איר, וואָלט איך נאָך באַדאַרפט זיך וואַלגערן אָט דאָ, אין דעם וויסטן מאַזעפּעווקע...

אַרויסזאָגנדיק די לעצטע ווערטער, ווילט זיך יאָסעלען זייער אָננעמען אסתּרן ביי דער האַנט און דערציילן איר דאָס אויך, וויאַזוי ער האָט געבענקט נאָך איר אַלע הדריי יאָר כּסדר, וויאַזוי ער פלעגט בעטן גאָט פאַרן טאַטן און פאַר איר אויך, ווי אַזוי זי פלעגט אים אָפּט קומען צו חלום און אַרומנעמען אים, אַזוי ווי זי פלעגט אים אַרומנעמען דערמאָלט, בשעת זיי זענען נאָך געווען קליינע קינדער. יאָסעלע פילט, אַז אַצינד איז עפּעס אַנדערש, נישט דאָס, וואָס אַמאָל איז געווען... עס ווייזט זיך אים אויס, אַז אסתּר איז נישט די אסתּר, וואָס פריער. אסתּר האָט זיך באמת אין די דריי יאָר משונה איבערגעביטן, געוואָרן העכער און שענער, און איר פּנים האָט אויסגעזען שוין נישט אַזוי קינדעריש, ווי פריער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז כּמעט די אויגן זענען די זעלבע ליב־טיקע, גלאַנצנדיקע אויגן, וואָס פריער, נאָר דער קוק איז נישט דער, וואָס פריער, און דאָס גאַנצע אויסזען אירס איז ווי פון אַ דערוואַקסענעם, באַיאָרטן מענטשן. אויך דאָס רעדן אירס און אַלע אירע באַוועגונגען איז ווי ביי גרוי־סע, ווי ביי אַ כּלה. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויף איר ברייטן, ווייסן שטערן ליגט אַ קנייטשל, ווי ביי אַן עלטערן מענטשן, און דאָס לאַכן אירס איז שוין גאָרנישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז אסתּר האָט געלאַכט, האָט דאָס קול אירס געקלונגען — עס האָט זיך געלאָזט הערן; אַצינד האַלט זי זיך איין בשעת זי באַהאַרף לאַכן, גלייך ווי זי וואָלט שוין געווען אַ באַיאָרטע, אַ ייִדענע... יאָסעלע זיצט און באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס. ער וויל געפינען אין איר די איי־גענע אסתּר, מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט כּמעט אַלע זיינע קינדערשע יאָרן, און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז זי איז שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן. און וואָס מער יאָסעלע באַטראַכט זי, מער שעמט זיך אסתּר; וואָס מער ער איז זיך צו איר מקרבֿ, מער דערווייטערט זיך פון אים אסתּר. צווישן די דאָזיקע קינדער, וואָס זענען אַמאָל אייניקע אויף איין מיסט דערצויגן געוואָרן, איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן אַ וואַנט, אַ מחיצה. אַ מחשבה פון דרך־ארץ האָבן, פון שעמען זיך, האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו זיי ביידע.

— מיר איז נישט באַשערט געווען צו הערן דיך דאַווענען. — האָט אים אסתּר אַ זאָג געטאָן מיט אַ פריינדלעך שמייכעלע. — ביז איך האָב פאַרטיק גע־מאַכט דעם שבתדיקן טיש, צוגעגרייט אַלע שאַלעמייזן, איז אין שול געוואָרן אַזאַ ענגשאַפט, אַז איך האָב מיך גאָרנישט געקאָנט דערשלאָגן.

— אוי, טאַטע? ביסט געגאַנגען אין שול אַריין? — האָט יאָסעלע אויסגעשריגן און די אויגן האָבן אים פאַרוואונדערט געבלישטשעט. ער האָט פּלוצעם דערפילט, אַז עס ווילט זיך אים זינגען; עס קיצלט און דראַפּעט אים אין האַלדז; עס טראָגט אים אין דער לופטן — ער מוז, ער מוז זיך אויסזינגען!

זינגען האָט יאָסעלע ליב געהאַט נאָר דעמלט, ווען עס האָט זיך אים געוואָלט זינגען, און ווען זינגען פלעגט יאָסעלע פון תמיד אָן נאָר דעמלט, ווען ס'איז אים געווען אָדער זייער גוט, אָדער גאָר שלעכט אויפן האַרצן, — דעמלט, אַז עס פלעגט אים צוטרעטן צום האַרצן, פלעגט ער זיך צעגיסן אויפן האַלדז, ווי אַ סאָלאָוויי. אויך אַצינד, נעבן אסתרן, האָט זיך יאָסעלע געפילט, ווי דאָס האַרץ ווערט אים ברייטער און פולער, עס ווילט זיך אים זינגען. יאָסעלע איז אויפגעשטאַנען פונעם טיש און האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב גאָר, און האָט אָנגעהויבן צו זינגען. דער עולם, וואָס האָט שוין געהאַלטן גוט אונטערן גלעזל, האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פונעם שלאָף און אויפגעשטעלט די אויערן. אויך די ווייבער האָבן אוועקגעוואָרפן סאַמע איינמיטן אַ שמועס, בכדי צו הערן יאָסעלעס נגינה.

געזונגען האָט יאָסעלע אָן ווערטער, דאָס, וואָס הייסט בלשון החזנים „נעמען אַ שטעל“. אַזאַ שטעל פלעגט אַמאָל דער ווילנער באַלעבעסל זאָגן שבתצונאַכטס צו די ערשטע סליחות. „יידן — דערציילט מען — פלעגן שווימען אין טרערן פון גרויס מתיקות“... אָט אַזאַ מין שטעל האָט אַצינד יאָסעלע גענומען. עס האָבן זיך גלאָט אַזוי געגאָסן זעלטענע קולות, זיסע געזאַנגען פון זיין האַלדז, ארויספליענדיק פון דאָרטן און אָנפילנדיק די גאַנצע שטוב. אָט האָט ער זיך צעגאָסן מיט אַ טרויעריק, האַרצרייסנדיק געזאַנג, מיט אַ רחמנות און מיט אַ געבעט, מאַכנדיק מיטן האַלדז פאַרשידענע קונצן, גלייך ווי די קולות וואָלטן זיך טוקן און געגאַנגען פונעם וואַסער אַרויס; און אָט האָט ער זיך צעבייזערט אַזוי, אַז די פענצטער האָבן געקלונגען פון זיין שטאַרק הילכיק קול; אָט איז ער זיך פאַרגאַנגען אויף זיין שטילער ווייכער שטימע, אַלעמאָל נידעריקער און נידעריקער, שטילער און שטילער, גלייך ווי ער וואָלט פאַרפאָרן ערגעץ ווייט-ווייט, אַראָפּגעלאָזט זיך ערגעץ גאַנץ נידעריק, טייער-טייער טיף, און פון דאָרטן געשיקט אַהער ווייכע, גלאַטע געזאַנגען, צעשיטנדיק זיך בשעת מעשה אין אַזעלכע דריבנע טרעלן, גלייך ווי קליינע אַרבעסלעך וואָלטן זיך געקאַטשעט, פאַלנדיק אַראָפּ-אַראָפּ איינס נאָכן אַנדערן מיט אַ שרעקלעך מהירות... און אָט האָט ער זיך ווידער ווי אויפגעכאַפּט מיט אַ גוואַלד, מיט אַן אויסגעשריי, מיט אַ בייזער און מיט אַ געבעט, אויפן יידישן גאַנג. דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די נעזער, די קאַרטוזלעך פאַררוקט אַרויף, זיך פאַרטיפט, פאַרזאָרגט, געווען אַ יום-טובדיק, אַ באַטריבט, פאַרוואָגלט, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, אַז מע דערהערט שפּילן

אָדער זינגען. אויך די ווייבער האָבן צונויפֿגעלייגט די הענט אויפֿן הארצן, אָנגע־צויגן א פֿרום פּנים, ווי אין שול צום דאַווענען, בשעת מע דאַרף ענטפֿערן „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן"... פֿון שמואליקן שמועסט מען שוין גאָרנישט: ער איז גע־ווען גאָר נישט אויף דעם עולם; פֿון די עטלעכע כוסות, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט זיך אים דאָס פּנים צעפֿלאַקערט, די אויגן צעברענט און שמייכלענדיק האָט ער אויסגעזען, ווי א מענטש, וואָס האַלט ביים וויינען. דאָס ביסל משקה האָט אים אָנגעמאכט אין קאָפּ א שטיקל מישמאַש: עס האָט זיך אים פֿאָרגע־שטעלט זעלדע זיין ווייב, ווי זי שטייט אָט דאָ נישט ווייט, קוקט מיט טרערן און קוועלט פֿון יאָסעלען איר בן־יחידל. „נו, זעלדע, — מאַכט צו איר שמואליק — האָסט זיך, אשטייגער, גערעכט, וואָס איז שייך, אויף דיין יאָסעלען, הא?"... עס שטעלט זיך אים פֿאַר אין דער מחשבה אַלערליי פּלאַנען; עס האַכט זיך אים, אַז מע שלאָגט אים אָפּ די טירן — מע וויל יאָסעלען פֿאַר חזן. די קצבים חלשן, ווילן אים געבן צוואַנציק קערבלעך א וואָך, אחוץ הכנסה; די טעטערעווצער לייט זענען אָבער אויך נישט קיין נאַראָנים: זיי ווילן אים נישט אָפּלאָזן בשום אופֿן... און פֿון יאַמפּעלע, פֿון קאַשעפּערעוו, פֿון מאַקאַרעווקע און פֿון אַלע שטעט אַרום און באַוואַרפֿט מען אים מיט בריוולעך. „גיט אים נאָר אהער, רב שמואליק, א רענדל אַראָפּ — א רענדל אַרויף, אַבי גיט אים אהער, אייער יאָסעלען!"... אָט אַזעלכע ליכטיקע און פֿריילעכע מחשבות און געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטעט ביי שמואליקן אין קאָפּ, פֿאַרוויגנדיק און פֿאַרשלעפֿערנדיק אים אין א זיסן גן־עדן־שלאָף. און יאָסעלע האָט נישט אויפֿגעהערט צו זינגען, מאַכן קונצן מיטן האַלדז, צעגיסנדיק זיך אויף טויזנטערליי אופֿנים, ווי דאָס שפּיל־פֿייגעלע, בשעת עס דערפֿילט און דערזעט פֿאַר זיך די שיינע, ליכטיקע, וואַרעמע זון. יאָסעלע האָט דערזען פֿאַר זיך אסתרן און איז, אפֿנים, פֿון איר נתפּעל געוואָרן, אַרויסזאָגנדיק זיין התפּעלות נישט מיט ווערטער, נאָר מיט וווּנדערלעכע, געטלעכע געזאַנגען פֿון זיין וווּנדערלעכן האַלדז. דער סאָלאָוויי, דער־פֿילנדיק די פֿרישע, נאָר וואָס אויפֿגעלעבטע ווערסנע־צייט, האָט זיך צעזונגען, צעלאָזט דאָס העלדזל און צעגאָסן זיך אויף זיין שטייגער.

XIV

גדליה באָם פֿירט אַרויס יאָסעלען אויף דער גרויסער פֿרייער וועלט

גדליה באַם, אויף וועלכן יאָסעלע האָט אַרויסגעקוקט, איז געקומען גיך, אַ סך גיכער, ווי יאָסעלע האָט גערעכנט. פֿאַרפֿאָרן איז ער גלייך צו שמואליק דעם חזן, אָפּגעלייגט ביי אים דאָס פּעקל און צעשפּרייט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס איז

געקומען גליקלעך מאַכן די וועלט. ביי שמואליקן איז זיין קומען צו פאָרן געווען שטאַרק אָנגעלייגט, און ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס מענטשן פאָרן אַראָפּ לכתחילה צו אים. דערצו איז אים דער אורח זייער געפעלן געווען פאַר אַ לייטישן מענטשן.

גדליה באָס איז געווען אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס איז זייער שווער געווען צו טרעפן, וואָס ער איז. אַביסל איז ער געווען פון „היינטיקער וועלט“: די קאַפּאָטע אַביסל פאַרקירצט, די שוואַרצע גראָבע פאות פאַרקאַטשעט הינטער די אויערן און די שוואַרצע געדיכטע באָרד קיילעכיק, קונציק אַרומגעבויגן, נישט חלילה אַרומגעשוירן. דערפאַר האָט ער זיך צו מעריב אַוועקגעשטעלט שמונה-עשרה אויף אַנדערהאַלבן שעה, זיך שטאַרק געשאָקלט און געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף ביידע זייטן — רעכטס און לינקס, אַרויסלאָזנדיק אַלע מאָל אַ טיפן זיפץ פונעם האַרצן. „עס ווייזט אויס, אַ פרומער ייִד“, — האָט זיך שמואליק געטראַכט, בעטנדיק דעם אורח זיך וואַשן און עסן וועטשערע. די גאַנצע צייט פון דער וועטשערע האָט גדליה געשוויגן, באַטראַכט שמואליקן מיט זיין הויזגעזינד און געענטפערט יאָסעלען נאָר אַ צוויי דריי ווערטער: וואָס מאַכט ד ע ר משורר, וואָס מאַכט י ע נ ע ר משורר. ערשט נאָכן בענטשן, ביי וועלכע דער אורח האָט פאַרגלאָצט די אויגן אַרויף, ציילנדיק די ווערטער, האָט זיך שמואליק אַוועקגעזעצט מיט אים באַזונדער אין צווייען אין אַ ווינקעלע שמועסן אַביסל מכוח דעם ענין, וואָס יענער איז צוליב דעם געקומען.

— ווילט איר, הייסט דאָס, אַפּנים, אַז יאָסעלע זאָל טאַקע פאָרן מיט אייך?
— האָט אים שמואליק אַ פרעג געטאָן, פאַרקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין.

— וואָס הייסט, איך וויל? — האָט אים גדליה באָס געענטפערט, גלעטנדיק זיך די באָרד. — ער איז ביי מיר איינער, וואָס? איך פאָר, ברוך-השם, מיט זיבעצן פאַרשוין; מע באַדאַרף אויסשטיין אַזאַ חברה, קיין עין-הרע, איז אויך נישט קיין קלייניקייט, ווי מיינט איר, רב שמואליק? איר זענט דאָך יאָ, ווי זאָגט ער...

— אַוודאי, וואָס שמועסט מען דאָ? — האָט אים שמואליק געענטפערט, ווי אַ מענטש, וואָס איז געניט אין אַזעלכע זאַכן. — איך מיין אָבער דאָס, וועגן מיין יאָסעלען שמועס איך; למשל, וואָס קאָן ער האָבן דערפון, אַשטייגער?

— וואָס הייסט האָבן? — האָט אים גדליה געענטפערט, ווידער פאַרפאָרנדיק אין אַ זייט. — האָבן צו האָבן איז דען גלייך? אַמאָל מאַכט זיך, מע קומט אין אַ שטעטל און מע פאָרט אַוועק צוריק מיט וואָס מען איז געקומען, ווי זאָגט ע"ן, בגפו יבוא בגפו יצא, און אַמאָל מאַכט זיך פאַרקערט, מע כאַפּט דעם טאָטער. הכלל, רב שמואליק, הוצאות שלאָגט מען זיך אים יאַקאָש; אָט אַזוי אָ דרייט מען זיך; איר פאַרשטייט אַן עסק? אייך באַדאַרף מען דאָך נישט דערציילן.

— יאָ, וואָס איז שייך. עס רעדט זיך אַזוי. — מאַכט שמואליק. — איך שמועס אָבער אַקעגן דעם, יעדער מענטש וויל דאָך וויסן, ווו ער האַלט, צי עס טראָגט אים, צי ניין. איר פאַרשטייט?

— וואָס הייסט טראָגן? קאָן מען זאָגן אויף אַ חזן: עס לוינט, צי עס לוינט אים נישט? איך פרעג אייך, רב שמואליק, איר זענט דאָך אַליין עפּעס, ווי זאָגט ער, נישט פון יענע הזגים. אַ חזן איז תמיד ווי אַ מילנער; כל זמן... איר פאַר־שטייט? גאָרנישט, עס דרייט זיך.

— יאָ, טאַקע, איר זענט, כ׳לעבן, גערעכט; איך באַדאַרף דאָך מיר אָבער וויסן מיינס, איר פאַרשטייט? עלעהיי איר זענט דער קונה און איך בין דער סוחר; וואָס איז שייך, איר באָט אָן אַ פּרייז, און איך וועל מיך שוין איבערלייגן און באַטראַכטן אַקוראַט. איר פאַרשטייט?

— שייך זאָגן דערביי אַ פּרייז? — מאַכט גדליה, צעגעמענדיק די הענט און שמייכלענדיק דערביי זייער אָנגענעם. — עס ווענדט זיך שוין אַביסל אין גליק און אַביסל אין דעם, אויב מע נעמט אויס ביים עולם. אונדזערע יידן, ווייסט איר דען נישט, רב שמואליק? דעם געפעלט און יענעם נישט. אָט נאָט אייך פּ י צ י : שוין, דאַכט זיך, פּ י צ י אליין, פונדעסטוועגן, לאָמיר האָבן די ברכות, וואָס עס מאַכט זיך אים... עט!

— ס׳איז אייך אמת! איך מיין גאָרנישט אזוי ווייט; איך וואָלט צופרידן געווען מיט האַלב, מיט א דריטהלק פון פּ י צ י ן. לעולם איז דאָך מיין יאָסעלע נישט מער, ווי א קינד, וואָס איז שייך?

— א, איר זאָגט א קינד, רב שמואליק? ביי אייך קומט אויס, אז א קינד באַדאַרף נישט קיין זאַך; די זייטיקע זאכן זענען דאָ, פארשטייט איר מיך, צען מאָל אזויפיל, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן.

— ניין, איך שמועס נישט פון דעם! — זאָגט שמואליק, פילנדיק, אז ער איז פאַרקראָכן קיין בויבעריק. — איך האָב געוואָלט זאָגן גאָר אן אנדער זאַך.

— וואָס זשע? איר מיינט אוודאי די הנהגה זייגע? מעגט איר מיר גלייבן, רב שמואליק, אז...

— חלילה! — שרייט שמואליק. — נישט דאָס מיין איך! איך רעד גאָר פון עפּעס אנדערש!

— ע! לאָזט זשע זיך דינען, מיין ליבער ייד. איך וויל אייך איספירן אקעגן דעם טאַקע, וואָס איר אליין זאָגט דאָס... איך מיין אקעגן קינדער...

אָט אזוי האָט מען זיך געפּלוידערט ביידע ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, און שמואליק האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט גאָרנישט. אויף מאָרגן האָט גדליה באַם אָנגעהויבן אונטערטרייבן יאָסעלען אין וועג אריין; ער האָט אים אונטער־געגעבן היץ און איז אים נאָכגעגאַנגען פּיסטרים. יאָסעלע פון זיין זייט, כאָטש עס איז געווען זייער אָנגענעם צו פאַרברענגען מיט זיינע ליבע און גוטע פריינד,

נאָר עס האָט אים געצויגן אהין, אין דער גרויסער, פרייער וועלט אריין. ער האָט געזען, אז ס'איז פאַר אים קיין תכלית נישט צו בלייבן אין מאַזעפּעווקע, צו זיין געבונדן און געצווונגען. זיין ציל האָט ער נאָך נישט דערגרייכט: יענע שיינע מעשיות מיט יענע זיסע חלומות וועגן דעם „יינגעלע", „באַלעבעסל", „קאַנאַריק" וכדומה וואָלטן האָבן זיך אים ווידער פאַרגעשטעלט מיט זייער גלאַנץ און מיט אלע זייערע אַנטיקלעך, און עס האָט אים אלץ געצויגן אהין... ער האָט זיך נאָר אָפּגעבעטן ביי גדליה באָס אויף צוויי טעג, נישט מער, צו פאַרברענגען מיט זייניקע, אָפּצוגעזעגענען זיך מיט זיי פאַר זיין אוועקפאָרן אין אזא ווייטער נסיעה אריין.

— ווען זשע, קלערט איר, זאָל ער קומען צוריק אהיים? — האָט שמואליק איינעם טאָג פון יאָסעלעס אוועקפאָרן א פרעג געטאָן ביי גדליה באָס, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אין זיין קול א מין ציטערניש, ווי א מענטש, וואָס וויל וויינען.

— וואָס הייסט אהיים? — האָט אים דערויף גדליה באָס געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז, אָפּקערעוועדיק אין א זייט. — אפנים, מיר פאָרן דען ערגעץ אין איין אָרט אריין? מיר זענען דאָך וועלט-מענטשן: היינט זענען מיר דאָ, און מאָרגן דאָרטן, פונקט ווי די יריד-לייט; מע ווייסט, צי מע וועט מאַכן גוט, צי גיין? גאָרנישט, מע פאָרט — פאָרט מען זיך.

שמואליק האָט מיטאמאָל אַנגעוואָרן דעם קוראַזש; ער איז יענעם טאָג געווען צעהידערט, שטאַרק לאַ-עליכמדיק. דער געדאַנק: „וועד איז אַט דער גדליה באָס, און וואָס איז מיט אים דער מער" — איז שמואליקן געקומען אויפן קאָפּ שוין צו שפּעטלעך. דערצו האָט אים זלאטע געפּיקט אין קאָפּ אריין, באַוויזן אים, אז ער איז, מישטיינס געזאָגט, א צאַפּ, נישט קיין טאַטע: א טאַטע זאָל זיך נישט צעפּרעגן פריער, ווי ביי לייטן...

און יאָסעלע האָט זיך געקליבן אין וועג אריין. עס איז געוואָרן ביי שמואליק דעם חזן אין שטוב א סומאַטאָכע — יאָסעלע פאָרט אוועק! מע האָט אים צוגעגרייט עסנוואַרג אין וועג אריין, אָנגעבאַקן קיכלעך, קאַרזשעס און צוקערלעקעך. זינט יאָסעלע איז געקומען פון טעטרעוועץ איז צו אים די שטיפמאַמע גאָר איבערגעביטן געוואָרן; זי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט דרך-ארץ, און אז זי איז געוואָרן גוט, איז שוין צו איר גוטסקייט נישט געווען קיין ברעג. דעם גאַנצן פרימאָרגן איז זי נישט אָפּגעטראָטן פונעם אויוון, אלץ געקאָכט און געבאַקן, געבראָטן און געפּרעגלט, אלץ יאָסעלען אין וועג אריין. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, דאָס טיכל האָט זי פאַרבונדן מיט די עקן אַרונטער און האָט אליין מיט אירע הענט איינגעפּאַקעוועט יאָסעלען דאָס פּעקל אין וועג אריין. צוזעענדיק פון איר אזויפיל געטריישאַפט, האָט איר יאָסעלע מוחל געווען במחילה גמורה אלע יסורים, מיט די צרות, מיט די פּעטש, וואָס ער האָט פון איר אַמאָל

געליטן. ער איז אין דער צייט גרייט געווען ארומנעמען זי, ווי אן אייגענע מאַמע. יאָסעלעס האַרץ איז פאַר זיין אוועקפאָרן געווען ווייך, אָפן און געטריי צו אַלעמען, עס האָט אים אויסגעוויזן יעדע זאך יום־טובדיק. אַלע מענטשן מיט די גאַסן מיט די הייזער האָבן אויסגעוויזן ביי אים פיין, ליכטיק און פריילעך. מאַזעפּעווקע מיט אירע בלאָטיקע, פינצטערע געסלעך, מיט אירע פינצטערע איינגעהויקערטע הייזלעך און מיט אירע פאַרחושכטע, פאַרזאָרגטע לייט, האָט אויסגעזען ביי אים אין די אויגן טאַקע גאָר ווי אַ גן־עדן, וווּ אַלצדינג בליט און שיינט, וווּ אַלצדינג לעבט און פרייט זיך, און ער איז גרייט ארומנעמען און אויסקושן יעדן באַזונדער. זיינע געדאַנקען האָבן אים אַזוי געטראָגן, עס איז אים געווען אַזוי גרינג אויף דער נשמה, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ער האָט פליגל; ער איז נישט געגאַנגען, נאָר ער האָט געטאַנצט; ער האָט נישט געקוקט, נאָר געשיינט און געלייכט; ער האָט נישט גערעדט, נאָר געזונגען. הכלל, יאָסעלע איז די גאַנצע צייט אין מאַזעפּעווקע געווען אויפן הימל — ער פאָרט! יאָסעלע האָט גענומען דאָס תפילין־זעקעלע מיטן שטעקעלע און איז אוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש אריין דאַווענען. נאָר פאַרבייגייענדיק האָט ער זיך אריינגעכאַפּט צו זלאַטען אין שטוב אריין, בכדי צו געזעגענען זיך מיט אסתרן.

XV

ווי יאָסעלע געזעגנט זיך מיט אסתרן עטלעכע מאָל

איין טאָג אַ ליכטיקן האָט אסתר געהאַט אין איר לעבן, אַ גוטן, אַ גליקלעכן טאָג; דאָס איז געווען יענער טאָג, ווען יאָסעלע האָט זיך געקליבן אין וועג אריין. עס איז נאָך געווען גאָר פרי, בשעת יאָסעלע איז מיטן תפילין־זעקעלע אונטערן אָרעם אריינגעקומען צו זלאַטען אין שטוב אריין זיך געזעגענען. זלאַטע איז געווען אין קלייט, די קינדער מנשה און אפרים זענען נאָך געשלאָפן; אין שטוב איז געווען נאָר איין אסתר. זי איז געשטאַנען ביים פריפּעטשיק, צעלייגט אַ פייער און געקאָכט ציקאָריע אויף אָנבייסן. דערזעענדיק יאָסעלען, האָט זי אראָפּגעלאָזט די אַרבל, וואָס זענען איר געווען פאַרקאַטשעט ביז די עלנבויגנס, ארויסבאַווייזנדיק אירע שיינע, ווייסע הענט, און דאָס פּנים איז איר געווען פאַרפלאַמט פונעם פייער. די האָר זענען איר געווען צעפלאָכטן, צעוואָרפן אויף די אַקסלען און ווי עס איז צונויפגענומען פון אונטן און אונטערגעשטעקט מיט אַ האָרנאָדל, און דאָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער חן. דאָס ווייסע פאַרטעכל האָט אויף איר געשעמערירט, צוגעבנדיק נאָך מער ליכטיקייט צו איר ליכטיק שיינענדיק פּנים. די הענט האָט זי צונויפגעלייגט אויפן האַרצן, און קוקנדיק אַזוי פאַרטראַכט

איבער די אויגן, האָט זי אויסגעהערט יאָסעלעס רייד, וואָס ער האָט גערעדט איבער איר גאָר אָן אַן אויפהער. אָנגעהויבן האָט ער פון דעם, וואָס ער פאָרט אוועק אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין, ער וועט זיך דאָס אָנזען אַ וועלט — טאַטעניו! ער וועט זיין אימעטום: אין מאַקאַרעווקע, אין קאַשפּערעוו, אין גניליאָפּיאַטעווקע, אין גלופּסק, אין דניעפּרעוועץ און אין מונעיאַדעווקע — און ווו נישט? גדליה באַס זאָגט אים צו, אַז ער וועט מיט אים זיין אין כמעלניצק און אין גאַנטמאַיאַרסק אויך, אים ווייזן דאָס טעאַטער דאָרטן, ווו פּיצים טענאָר איז הייַנט משורר, דאָס הייסט, ער זינגט אַלע נאַכט אין טעאַטער, און מע זאָגט, ער איז דאָרטן גליקלעך, ווי די גאַנצע וועלט: ער שיקט איבער זיין טאַטן געלט אָן אַ שיעור. זיין טאַטע איז חזן אין דער מאַקאַרעווקער קצבישער קלויז, אַן עני ואביון געוועז, און הייַנט, זינט זיין זון איז אַזוי גרויס און געהייבן געוואָרן, איז אים גוט ווי די וועלט... יאָסעלע האָט געזאָגט, ווען גאָט העלפט אים כאָטש נאָר האַלב ווי פּיצים טענאָר, כאָטש אַ צענטהלק, וואָלט ער, נישקשה, באַוואָרנט זיין טאַטן אויף די עלטערע יאָרן און נישט געלאָזט אים, ער זאָל זיך איינרייסן דאָס געזונט ביים עמוד אייגער אליין: „גענוג געהאָרעוועט; ער מעג זיך שוין אָפּרוען, כ'לעבן".

ביי די ווערטער האָט זיך יאָסעלע שטאַרק צעהיצט; די אויגן האָבן אים געברענט, דאָס פּנים האָט אים געשיינט. יאָסעלע איז געווען נאָך גאָר אַ קינד, קאָן מען זאָגן, אַ יינגל פון אַ יאָר זיבעצן, נישט מער, נאָר אַ גרויס יינגל, איינער פון די יידישע יינגלעך, וואָס וואַקסן אויס און ווערן צייטיק פאַר דער צייט, פאַרטיקע יידעלעך. אַדאַנק די צרות, וואָס ער האָט געטראָגן פון קליינוויז אויף, האָט זיך יאָסעלע אויסגעאַרבעט, געוואָרן אַ קליין פאַרטיק יידל, געגאַנגען ווי אַן אַלטער, גערעדט ווי אַ בר־דעת, געפירט זיך ווי אַ ייד. צוהערנדיק זיינע רייד, האָט זיך אסתר געחידושט אויף אים: עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז עלטער געוואָרן נישט מיט דריי יאָר, נאָר מיט צען יאָר, און קוקנדיק אויף אים, אויף זיין „אָסאָבע", האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, זי זאָל זיך נישט צעלאַכן. אסתר איז עלטער געווען פון אים מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן און האָט תמיד געקוקט אויף אים, און אויך איצט, ווי אויף אַ קינד, אַ יינגל. דערהערנדיק פון אים אַזעלכע ווערטער, האָט זי אים גענומען באַטראַכטן און האָט אים געלאָזט רעדן, נישט איבערגעשלאָגן אים, ביז ער וועט נישט אויסלאָזן ביזן סוף. און יאָסעלע האָט גערעדט גאָר אָן אַן אויפהער, וואָס ווייטער אַלץ מיט מער היץ, פאַרגעלייגט גילדענע פּלאַנען און געקערט די וועלט. אַז יאָסעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, האָט אים אסתר אַ זאָג געטאָן מיט זייער אַ פריינדלעך שמייכעלע:

— זע נאָר, זאָלסט נאָכדעם נישט פאַרגעסן, וואָס דו זאָגסט איצונד, אַזוי ווי זלמן הערש, מיין מומע בריינעס עלטערער זון, געדענקסט אים? פריער,

בשעת ער האָט באַדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן קיין בראָד, האָט ער איר צוגעזאָגט גיכער = רענע בערג, און ווײַבאַלד ער איז געקומען אויפֿן אָרט, האָט ער איר געשיקט עפּעס צווײ בריוולעך, און נאָכדעם האָט ער אויפֿגעהערט צו שרײַבן ביז היינטיקן טאָג. איך זאָג עס אקעגן דעם, וואָס צוזאָגן איז קיין מלאָכה ניט...

פֿון די דאָזיקע ווערטער האָט מען געקאָנט אַרויסזען, אַז אסתּר איז אויך ניט שטאַרק צופֿרידן געווען פֿון יאָסעלעס אַוועקפֿאָרן; עפּעס איז איר דאָס האַרץ ניט גרינג געווען. אים האָבן די עטלעכע ווערטער, אָפּנים, גוט דערלאַנגט; ער האָט זיך נאָך מער צעהיצט און געזאָגט:

— דו גלײַכסט מיך, אסתּר, צו יענעם שאַרלאַטאַן, צו זלמן הערשן? זלמן הערש איז פֿון תּמיד אָן געווען א שייגעץ, אַן עזות־פּנים. עס איז ניט געווען דער טאָג, מע זאָל אים ניט קאַטעווען פֿאַר זײַנע מיאוסע תּנועות... וואָס גלײַכסטו מיך צו אים? — האָב קיין מורא ניט, איך וועל מײַן טאַטן ניט פֿאַרגעסן קיינמאָל. איך וועל זײַן דאָרט, און מײַן נשמה וועט זײַן דאָ, בײַ מײַנע ליבע און געטרײַע. איך וועל שיקן אָפֿטע בריוולעך. איך וועל דיר שרײַבן, אסתּר, אַלע וואָך. וועסט מיר ענטפֿערן?

אסתּר האָט געפֿילט, אַז עס ברענט איר דאָס פּנים, און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. שפּעטער, אַז זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך ביידע גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, שוין פֿאַרשפּאָרט איבעריקע רייד. זיי האָבן ניט באַדאַרפֿט פֿרעגן איינעם בײַם אַנדערן קיין הסכּמה. קיין ראָמאַנען האָבן זיי ביידע ניט געלייענט. זיי האָבן ניט געוווּסט, וויאַזוי מען איז זיך נוהג אין אַזעלכע ענינים, און האָבן דאָס ניט באַדאַרפֿט וויסן: די נאַטור ווייסט ניט פֿון קיין ראָמאַנען. יאָסעלע מיט אסתּרן זענען פֿון קינדהייט אָן געווען אײַנגעגעם, און עס וואָלט זיי ביידן א גרויס חידוש געווען, ווען זיי זאָלן זיך באַדאַרפֿן צעשיידן אויף תּמיד, אויף אייביק. ביז אַהער האָבן זיי דעם דאָזיקן געדאַנק געטראָגן בײַ זיך אין האַרצן פֿאַרבאָרגן; איצטער, אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז זיי האָבן זיך אויסגערעדט, ניט מיטן מויל, נאָר מיט די אויגן, מיטן קוק, איז דאָס שוין פֿאַר זיי ביידע קיין סוד ניט געווען, נאָר רעדן וועגן דעם איז פֿונדעסטוועגן געווען אַן איבעריקע זאַך, און טאַקע ניט אַזוי גרינג אויך. נישקשה, עס איז געווען צווישן זיי ווי אָפּגערעדט: חתן־כּלה, וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו שמועסן? זיי זענען נאָך ביידע יונגע קינדער. יאָסעלע וועט פֿריער אַרויספֿאָרן אויף דער וועלט; נאָכדעם וועט ער קומען, וועט ער... וועט זי... עס וועט שוין זײַן רעכט!

— נו, דערווײַל לאָמיר זיך, אסתּר, געזעגענען. — האָט יאָסעלע א זאָג געטאָן, אויסציענדיק אסתּרן זײַן האַנט, ווי א מענטש, וואָס קומט אָן פֿון א גרויסער שטאָט און ווייסט די דאָרטיקע מנהגים. — זײַ געזונט, אסתּר!

— פֿאָר געזונטערהייט! — האָט אים אסתּר געענטפֿערט, אויסציענדיק אים איר האַנט דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן. אסתּר האָט געפֿילט, ווי יאָסעלע

קוועטשט איר די האַנט שטאַרק, און האָט איר האַנט בײַ אים נישט ארויסגענומען. ווער ווייסט נישט דעם טעם פון אזא מין האַנט=קוועטשן? ווער ווייסט נישט דעם פשט פון אזא מין שלום=עליכם אָפּגעבן?... יאָסעלע מיט אסתרן זענען געווען אויפן זיבעטן הימל, ווי האָבן זיך ביידע אויף א מינוט פאַרגעסן און זענען געווען איבערגעגעבן איינס דעם אנדערן מיט גאַנצן לעבן. זייערע אויגן האָבן זיך נאָך אמאָל באַגעגנט און גערעדט צווישן זיך אויף זייער שפּראַך, אויף שטום=לשון, אויף יענעם לשון, וואָס איז באַקאַנט אלע יונגע מענטשן אין דער מינוט, ווען עס הייבט זיך אָן בײַ זיי אין הארצן זייער וועסנע=צייט, די גליקלעכסטע צייט פון דער ערשטער ווארעמער, אמתער געטלעכער ליבע...

שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט זיך יאָסעלע נאָכאַמאָל אומגעקוקט מיטן פּנים צו אסתרן און האָט איר געזאָגט נאָכאַמאָל „זײַ געזונט“. אסתר האָט אים געענטפערט „פאָר געזונט“, און יאָסעלע זאָגט ווידעראַמאָל „זײַ געזונט“, און וויל שוין אָנהייבן ארויסצוגיין; פּלוצעם קומט אָן זלאַטע פון הינטער זײַנע פּלייצעס און מאַכט אזוי:

— שאַ=שאַ, קוק אים אָן! וואָס פאַר א „זײַ געזונט“ אזוי פרי? האַר אויס א קאַפּעלע, ביז לייזער באַלעגאָלע וועט זיך אמאָל אויסקראַצן קומען מיט זײַנע דריי פּגירות, וועסטו זיך נאָך קאָנען אָפּגעזעגענען זעקס מאָל. גיי גאָר, יאָסעלע, דאַוון אָפּ און קום צו אונדז אויף אָנבײַסן. דעם לעצטן ווארעמעס באַדאַרפסטו עסן בײַ אונדז; דאָס וועט דיר זאָגן יעדער מענטש מיט יושר, אז עס באַדאַרף אזוי צו זײַן! הערסטו, אסתר? האָט מיר פרומע בלימע געבראַכט אין קלייט אריין פיש, וואָס זאָל איך דיר זאָגן?! גיי דערווייל ארויס אין קלייט אריין, ואיך האָב דאָרט געלאָזט דאָס משרתל אליין, די פּדיונות זענען, ברוך=השם, אזוי גרויס, כמעט נעם פאַרשלים די קראָם, שונאי=ציון, צו אַלדי גוטע יאָר! זיץ אויס אזא טאָג און פרעגל זיך אויף דער זון, טאָמער ווייסטו וואָס? געדענק זשע, יאָסעלע, אויף ווארעמעס, למען=השם, אויף ווארעמעס! דעם טאַטן מיט דער מומע וועל איך רופן אליין: ס'איז ראש=חודש, א האַלבער יום=טוב. זיי מעגן קומען.

יענער טאָג, קאָן מען זאָגן, איז געווען דער בעסטער, דער ליכטיקסטער, דער גליקלעכסטער טאָג אין אסתרס לעבן. אויף אלץ איז א צײַט; עס קומט א צײַט אויך אויף דעם איינציק בלימעלע, וואָס וואַקסט אין וואַלד ערגעץ אין א ווינקעלע, פאַרוואָרפן, פאַרשטעלט, עלנט און וויסט. עס קומט אויפן עלנטן בלימעלע די גוטע צײַט. עס קוקט אראָפּ אויף דעם איין שטראַל פון דער ליכטיקער זון. דאָס איבערגעלעבטע, דערפרישטע בלימעלע הייבט אויף דאָס קעפּל אויף א מינוט, צעלאָזט די בלעטעלעך, שיינט און בליט, קוקט אין לויטערן הימל אריין און גיט אָפּ א ליבלעכן גרוס דער מילדער נאַטור, וואָס האָט נישט פאַרגעסן אין איר אויך, עלנטע, אָרעמע בלום...

XVI

ער פֿאָרט אוועק און פֿאַרגעסט דעם „זיי געזונט"

ווי אַ ליכטיקער שטערן, וואָס פֿליט דורך און אויף דעם טונקעלן הימל, לאָזט אַ בלישטשע אין די אויגן, לאָזט איבער נאָך זיך אַ לאַנגן ליכטיקן פּאַס און ווערט פֿאַרשוואונדן, אַזוי איז אויך געווען יאָסעלע סאָלאָוויי אין דער יידישער מוזיקאַלישער, דאָס הייסט, חזנישער וועלט. אָט איז ער געקומען אין אַ שטאָט אַריין, געמאַכט אַ רעש צווישן די יידן, זיך באַוויזן און פֿאַרחידושט, פֿאַרכישופֿט דעם עולם מיט זיין וווּנדערלעכער משונה־זיס קול, מיט זיין געשליפֿענעם דאַווענען און זינגען, — און אָט איז ער פֿאַרשווּנדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק די שטאָט פֿאַרגאַפֿט און פֿאַרווּנדערט, זיי זאָלן רעדן פֿון אים, דערציילן חידושים, אײַנלייגן נאָך אים די וועלט און געדענקען אים מיט זיין דאַווענען ווייל זיי וועלן לעבן. נאָך איידער ער איז געקומען צו פֿאָרן ערגעץ אין אַ שטאָט אַריין, פֿלעגט שוין ווערן, מיט אַ וואָך פֿריער, אַ רעש: „ער פֿאָרט! יאָסעלע סאָלאָוויי פֿאָרט צו אונדז אויף שבת!" און אַז יאָסעלע סאָלאָוויי איז געקומען, איז געוואָרן אין שטאָט ערדציטערעניש — אַלע האָבן געוואָלט הערן דעם מאַזעפּעווקער סאָלאָוויי. צוממויבסטן פֿלעגט יאָסעלע סאָלאָוויי דאַווענען אויף בילעטן, וועלכע דער עולם האָט צעכאַפּט, נאָך פֿריער איידער מע האָט זיך אומגעקוקט. מער ווי איין שבת האָט יאָסעלע סאָלאָוויי נישט פֿאַרבראַכט אין קיין שטאָט, מע זאָל אים אַפֿילו אָפּגילטן, מחמת שטעט איז דאָ אַ סך, און מע דאַרף זיין אומעטום. ערשט נאָך זיין אוועקפֿאָרן פֿלעגט אָנהייבן צו קאָכן מיט אים די שטאָט, איינער האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן זיינע געפֿילן מיט גרויס התפּעלות: „וואָס זאָגט איר עפּעס אויפֿן סאָלאָוויי?!... וואָס זאָגט איר אויף זיין שטימע?... האָט איר אים כאָטש אָנגעקוקט רעכט אין פּנים אַריין?... וואָס זאָגט איר אויף זיינע משוררים?... נו, מאַזעפּעווקע! נו, סאָלאָווייטשיקל!!"... עס האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע ליבהאָבער, וואָס זענען אים נאָכגעפֿאָרן אין דער אַנדערער שטאָט אַריין, בכדי זיי זאָלן אים קענען הערן נאָכאַמאָל. אויף דער גאַס, אַז יאָסעלע האָט זיך באַוויזן, זענען אים נאָכגעלאָפֿן אַ גאַנצע כאַפּטע יינגלעך, ווייסע־חברה־ניקעס, מיט אַ געשריי: „דער סאָלאָוויי! דער סאָלאָוויי!" און נישט נאָר קליינע קינדער, נאָר אויך יידן מיט בערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן אויפֿן מאַזעפּעווקער סאָלאָוויי. דאַכט זיך, וואָס איז געווען צו זען דאָרטן, אַ בחורל פֿון אַ יאָר זעכצן זיבעצן, מיט רויטע בעקלעך און מיט צוגעגלעטע פּאהלעך, מיט אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע, ביז דער ערד, און מיט אַ האָזן קאַפּעליושל — אָט דאָס איז אינגאַנצן געווען יאָסעלע סאָלאָוויי; נאָר זיין נאָמען איז געווען אַזוי גרויס, זיין קול איז געווען אַזוי וווּנדערלעך, זיין דאַווענען איז געווען אַזוי געש=

לעד-זים, אז זיין פנים האט אויסגעוויזן מיט א באזונדער חן, און א זכיה איז געווען ווער עס האט אים אָנגעקוקט.

ווי פון יעדן גרויסן מענטשן, האט מען זיך אָנדערציילט פון יאָסעלע סאָלאָווי מעשיות גענוג, און עס זענען געגאַנגען צווישן יידן לעגענדן וועגן אים אָן א שיעור. למשל, מע האט דערציילט, אז ער טראָגט ביי זיך אין האַלדז אזא מין אינסטרומענט, א האַרמאָניקעלע אָדער א פייפעלע, מיט וועלכן ער מאַכט אזעלכע קונצן; און עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, ווען אזוי צו זינגען איז גאָר נישט קיין מענטשלעכער כוח. אַנדערע האָבן דערציילט, אז ס'איז נישט קיין האַרמאָניקעלע, נישט קיין פייפעלע, נאָר אזא האַלדז פון געבוירן אָן, וואָרום בשעת ער איז נאָך געווען א קינד ביי דער מאַמען אויף די הענט, האָט ער זיך איינמאָל אזוי צעזונגען, אז מע האָט פאַר אים מורא געהאַט און אָפּגעפירט אים צום רבין; דער רבי האָט אים א קוק געטאָן אין האַלדז אריין און האָט אים געבענטשט, ער זאָל אזוי נושא חן זיין ביי דער וועלט, ווי ער האָט נושא חן געווען ביי אים אין די אויגן. אויך האָט מען דערציילט, אז יאָסעלע עסט נישט קיין שום זאַך: קיין ברויט, קיין פלייש און קיין פירות, אחוץ הייסע מילך מיט גאָגלמאָגל — און פון דעם לעבט ער; ער טרינקט אויס א שאָק אייער יעדן טאָג און דערפאַר איז אים דאָס קול אזוי ריין און געלייטערט. „פרום איז ער, — אזוי האָט מען געזאָגט אויף אים — ווי די וועלט. און לערנט אויסגעצייכנט". כאָטש קיינער האָט אים נישט פאַרהערט, נאָר מע האָט געקאָנט ארויסזען נאָך זיין פנים. אז ער באַדאַרף זיין אן איידל קינד; „שיין איז ער — אזוי האָט די וועלט געשמועסט — אזוי, אז ס'איז אים נישט אין פנים אריינצוקוקן. פריצים, שררות, גראַפן און קניאַזן פלעגן זיך שפיגלען אין זיין ליכטיקער צורה".

די אלע מעשיות האָבן, געווינלעך, געגרייכט ביז מאַזעפּעווקע און זענען געווען פאַר שמואליקן, פאַר זלאַטען און פאַר אסתרן א גוטער באַלזאַם, א רפואה צו זייערע יסורים, וואָס זיי האָבן געהאַט פון אים: עס איז געווען אָפּגערעדט, אז אויף סוכות זאָל ער קומען אהיים זיך אָפּרוען א ביסל און פאָרן ווייטער; צום סוף איז אוועקגעגאַנגען אי סוכות, אי פסח, אי שבועות — און יאָסעלע איז נישטאָ; עס איז אוועקגעגאַנגען נאָך א סוכות — און יאָסעלע איז נישטאָ; עס איז אוועקגעגאַנגען נאָך א סוכות — און יאָסעלע איז אַלץ נישטאָ! ער שרייבט: „אָט קום איך, אָט קום איך" — און קומט נישט. מע זאָל וויסן וווּ אים צו געפינען, וואָלט מען אים געשריבן, זיך דורכגעפאָרן צו אים; אָבער אז ער פליט ארום איבער דער וועלט, היינט דאָ, מאָרגן דאָרט — גיי זוך אים. א שטיקל גליק, וואָס ער שרייבט כאָטש בריוולעך, שפּעטער האָט זיך אָבער דאָס גליק אויך אויסגעלאָזט; דאָס ערשטע האַלבע יאָר האָבן זיי געהאַט פון אים גוטע פרייליכע בריוולעך; תחילת גאַנץ אָפטלעך, און נאָכדעם וואָס ווייטער שוין נישט אזוי אָפט, ווי פריער. נאָר דאָך האָבן זיי געהאַט פון אים גוטע

ידיעות, אַז ער פאָרט אַרום איבער דער וועלט, ער מאַכט אַ רעש, געפעלט דעם עולם, מאַכט געלט און פאָרט ווייטער. שמואליק האָט עטלעכע מאָל מקבל געווען פון יאָסעלען אַ פּאַקעט מיט גראָבע עטלעכע קערבלעך, און מאַזעפּעווקע איז געגאַנגען מיט דעם כאַדראַם. „וואָס זאָגט איר אויף אונדזער שמואליק דעם חזן? זיין יאָסעלע שיקט אים איבער אַהערצו געלט הוזמאָות! ער וועט ווערן אַ נגיד אויף דער עלטער!“... שפּעטער, אויפֿן אַנדערן יאָר, האָט יאָסעלע אויפגעהערט נישט נאָר געלט צו שיקן, נאָר אַפּילו אַזוי אַ בריוול פלעגט ער צושיקן איין מאָל אין דריי חדשים, אי דאָס עטלעכע שורות: „ראשית קום איך דיר מעלדן, אַז איך בין, ברוך השם, אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס געמלעכע פון אייך צו הערן אָמן סלה!“... און ווייטער כמעט גאָרנישט. נאָר שפּעטער האָבן זיך די דאָזיקע בריוולעך אויך אויסגעלאָזט, און יאָסעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַריין. נישטאָ יאָסעלע! שמואליק דער חזן גובער איז אַראָפּגעפאַלן מיטאַמאָל פונעם הימל אויף דער ערד. ער האָט געקלאָגט אויף זיין טייערן זון, זיין אויג אין קאָפּ, זיין שטיצע אויף די עלטערע יאָרן — פאַרוויסט און פאַרפיצטערט איז יער געוואָרן! ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ, גאָר נישט ווייסנדיק וואָס מע טוט אַצינד „און וואָס הייבט מען אָן צו טון?“ געניג וואָס דער אומגליק איז אַזוי גרויס, איז דער בזיון נאָך גרעסער. שמואליק האָט זיך נישט איין מאָל אויסגערעדט זיין ביטער האַרץ פאַר זיין גוטן פריינד, זלאַטע די צעלניקערין, זיך געהאַלטן מיט איר אַן עצה, „וואָס טוט מען און וואָס הייבט מען אָן צו טון?“ נאָר וואָס פאַר אַן עצה האָט אים געקאָנט געבן זלאַטע, אַ יידענע און אַן אלמנה דערצו? זי האָט, ווי געוויינלעך, אינגאַנצן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף אים, געזידלט אים, ווי אַלע מאָל, זאָגנדיק, אַז ווען זי זאָל זיין אַ טאַטע, וואָלט זי זיך אַנדערש נוהג געווען מיט איר קינד, און ווען זעלדע, עליה־השלום, זאָל אַצינד לעבן, וואָלט אַלצדינג געווען גאָר אַנדערש!... די אַלע שמועסן צווישן שמואליקן מיט זלאַטען זענען פאָרגעקומען פאַר אסתרן, און עס האָט זי געבעך גוט געקרענקט, נישט קאָנענדיק אַרויסזאָגן פאַר קיינעם אירע פאַרבאָרגענע יסורים מיט איר האַרצווייטיק.

שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך אָנגעריקט אויף אסתרס לויטערן הימל, און די וועלט, וואָס איז איר אויף אַ מינוט געווען ליכטיק און ליב, איז איר ווידער געוואָרן פאַרחושכט און פאַרוויסט, נאָך ערגער ווי פריער. פריער איז זיך אסתר געזעסן אין איר ספערע, צווישן אייריקע, ווי דאָס קליינע באַשעפעניש אין דעם אייעלע, גאָר נישט ווייסנדיק וואָס אויף יענער זייט טוט זיך. אסתר וואָלט זיך געוויס געקריגן איר גלייכן, איר אמתן זיווג, זי וואָלט חתונה געהאַט אין אַ מזלדיקער שעה; צי זי וואָלט געלעבט גליקלעך, צי אפשר נישט אַזוי גליקלעך, נאָר קיין טענה וואָלט זי נישט געהאַט צו קיינעם, אַזוי ווי אַלע אַנדערע מאַזעפּעווקער מיידלעך. אַצינד אָבער, אַז איר האַרץ האָט פאַרזוכט יענעם היילינקן גע=

פיל, אציגד, אז זי האָט זיך אויף א מינוט גערעכנט אזוי גליקלעך מיט איר יאָסעלען, מיט איר חתן, וואָס קיינער האָט ביי איר נישט געוווסט און אויף וועלכן זי האָט ארויסגעקוקט אזוא צייט, — אציגד באַדאַרף זי זיך אָפּגעזעגענען מיט דעם געדאַנק און נאָך באַגראָבן זיך, באַהאַלטן זיך, טראָגן די צרות אינעווייניק! אסתר האָט ביי זיך לאנג נישט געקאָנט פועלן, אז יאָסעלע זאָל אזעלכעס טון — אוועקוואַרפן, פארגעסן דעם זיי־געזוגט, פארגעסן אויף אייביק! סטייטש, סטייטש! יער זאָל אזעלכעס טון? ווו וועגן זייגע רייד? ווו איז זיין געטרייַשאַפט צום טאַטן? ווו וועגן אלע זייגע שבועות און צוזאָגעכצן? „אז יאָסעלע קאָן אזעלכעס טון, — אזוי האָט אסתר געזאָגט צו זיך אליין — איז שוין עק וועלט!" נאָר דאָס, וואָס אסתר האָט געליטן אציגד, איז נאָר געווען גאָלד אקעגן דעם, וואָס ס'איז איר פירגעשטאַנען ווייטער אין איר לעבן...

XVII

יאָסעלע סאָלאָוויי איז מרעיש עולם און ווערט א חברה־מאַן

צווייערליי מינים געזונד איז פאַראַן אויף דער וועלט: איינעם טראָגן די צרות זייגע, רייסן אים אָפּ פון דער היים, פון זייגע ליבע, פאַרוואָגלען אים, און איינעם איז דאָס געזונד זייגס אַנגענעם, און מחמת גרויס פארגעניגן פאַרדרייט עס און פארשיכורט אים דעם קאָפּ, און ער ווערט געפלעפט. אָט אזא מין געזונד איז געווען אונדזער יאָסעלע. ארומפאָרנדיק פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, האָט ער אליין נישט געוווסט, ווו ער איז אין דער וועלט. יאָסעלע האָט נישט באַדאַרפט טראָגן אויפן קאָפּ קיין שום דאגות, וווהין צו פאָרן און ווי אזוי צו פאָרן. דאָס איז שוין געווען נישט זיין זאַך: דערויף איז געווען א גדליה באַס, וואָס האָט אים שוין אליין פאַרזאָרגט מיט אלצדינג, ווי אַן אייגענער טאַטע. גדליה באַס האָט נאָך געטראָגן דעם נאָמען „באַס" פון אמאָל; נאָר זינט ער אָנגעהויבן ארויספאָרן אויף דער וועלט מיט יאָסעלע סאָלאָוויי, האָט ער דעם באַס פארבויגן אין א זייט און האָט זיך גענומען צו אנדערע מלאכות: פאָרן פון איין שטאָט אין דער אנדערער — „באַשטעלן שבתים". בשעת יאָסעלע סאָלאָוויי האָט אין א שטאָט געדאַוונט שבת, איז שוין גדליה באַס געווען אין דער אנדערער שטאָט, זיך געדונגען דאָרט מיט די גבאים ביזן ביין אריין, באַשטעלט פאַר יאָסעלען א שבת, אָפּגענומען די עטלעכע קערבלעך פריער, און אז יאָסעלע איז אָנגעקומען, איז גדליה אוועקגעפאָרן אין דער דריטער שטאָט באַשטעלן א שבת, און אזוי ווייטער און ווייטער. גדליה איז געווען א געניטער אין דעם ענין, יאָסעלע האָט זיך, נישקשה, געמעגט פארלאָזן אויף אים מיט אלצדינג; ער האָט שוין אליין געפירט דאָס גאנצע רעדל, געדונגען משוררים, געפירט די הוצאה, אליין זיך גערעכנט אומעטום — אלץ אליין.

יאָסעלעס עסק איז געווען נאָר קומען, אָפּדאַווענען אַ שבת און פאָרן ווייטער. ביי גדליהן איז יאָסעלע געווען פאַרהעכגעזט, ווי אַן אייגן קינד. ער האָט אים אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. עס איז יאָסעלען געווען ביי אים, אָן עין־הרע, גאַנץ גוט, — אַזוי האָט יאָסעלע די ערשטע צייט אַליין געשריבן צו זיינע ליבע און געטרייע. די גוטסקייט זיינע האָט אָבער יאָסעלע דערמלט אַליין ניט פאַרשטאַנען. די חברה משוררים, באַדאַרף מען וויסן, זענען אַ גוטע חברה. צוזאַמענגעשטעלט איז דאָס לעבעדיקע, פריילעכע יונגען, נאָר וואָס באַפרייטע פונעם ענגען פינצטערן חדר און פונעם ביטערן רבינס קאַנטשיק אָדער פונעם באַלעבאָס רשות. אַרויספאָרנדיק אויף דער גרויסער פרייער וועלט, זענען די דאָזיקע חברה־לייט, ווי די ווילדע לאָשעקליעך; זיי ווייסן ניט, וואָס זיי זאָלן טון פריער. דאָס זענען צום מייסטן אָרעמע יינגלעך, וואָס זענען ביז אַהער זשעדנע געווען אַ שטיקל ברויט, געווען תלמוד־תורהניקעס, שנייַדער־יינגלעך אָדער משרתימלעך. ווער זיי זאָלן ניט זיין, גייט מען זיך באַלד צונויף אַלע אינאיינעם און עס ווערט ביי זיי יד־אחת, איין דעה, איין שיסל, און אַ לעבן ווי אין גן־עדן. פון יידישקייט, געוויינלעך, ווערט מען פטור, מע טוט וואָס דאָס האַרץ גלוסט. קומענדיק אין אַ שטאָט, נעמט מען זיך באַלד צום עסן; דאָס עסן איז ביי זיי טייערער פון אַלץ אויף דער וועלט: ווי הונגעריקע וועלף, ווי היישעריקן, באַפאַלט מען דעם באַלעבאָס פון דער אכסניה און מע גיט אים צו לייזן געלט. אין אַ פרייער צייט גייט מען אַרום איבער דער שטאָט, מע רויכערט ציגאַרן, מע שטיפט און מע אַחבעט — הכלל, עס איז חי־געלעבט!

בשעת יאָסעלע איז געווען ביי מ י צ י ן אין טעטרעוועץ, האָט ער נאָך פאָרט געהאַט איך זיך אַ עול און איז געווען פאַרנומען מיטן זינגען; דערצו האָבן אים אונטערגעהאַלטן די ברייוולעך פונעם טאַטן, וואָס פלעגט אים אָפטלעך דערמאָנען, אַז מע באַדאַרף זיין אַ ייד, ניט פאַרגעסן חס־ושלום לייגן תפילין אַלע טאָג, אָפּהיטן אַלע דינים, ניט אין זינען האָבן קיין נאַרישקייטן און געדענקען, אַז ער איז ניט גלייך צו אַלע אַנדערע משוררים, אַז ער איז אַ טאַטנס אַ קינד... די דאָזיקע בריוולעך, וואָס יאָסעלע פלעגט מקבל זיין פון זיין טאַטן, זענען פאַר אים געווען דער בעסטער מוסר, און ער האָט געפאָלגט דעם טאַטן, אָפּגעהיט יידישקייט, און מיט דער חבֿרה זינגערס געהאַט ווייניק וואָס מגע־ומשא, דען ער האָט דערויף קיין צייט ניט געהאַט: דערמלט, ווען ער איז געווען פריי פון זינגען, האָט ער אויף זיך געהאַט אַנדערע אַרבעט — וויגן מ י צ י ק ע ן דאָס קינד, טראָגן איר דעם קאָשיק פונעם מאַרק, שייערן דאָס מעש וכדומה; יאָסעלע האָט דאָס אָבער אַלצדינג גענומען פאַר ליב, אַבי זינגען ביי מ י צ י ן. שפּעטער אָבער, אַז יאָסעלע דאָס זינגערל איז געוואָרן „י אָ ס ע ל ע ס אָ ל אָ וו יי", אַ מענטש פאַר זיך, און איז אַריין צווישן אַן אַנדער חבֿרה, אַ קאָמפּאַניע פון לעבעדיקע פריילעכע יונגען, דורכגעטריבענע, פאַרשלעפּטע קרענק, יונגען, וואָס

זענען אויסגעווען א וועלט און ווייסן וואָס באַדייט לעבן, האָט זיך יאָסעלעס טבע איבערגעביטן. לכתחילה, אַז ער האָט געזען זייערע תנועות, האָט ער דאָס גישט געקאָנט סובל זיין, און האָט זיך די ערשטע צייט געקלאָגט פאַר גדליה באָס. גדליה האָט אים אויסגעהערט און געענטפערט מיט א שמייכעלע: „ביסט נאָך גאָר א קינד, יאָסעלע, מע באַדאַרף קענען די חברה! זיי זענען פונעם לע־בעדיקן לאַנד"... שפּעטער האָט יאָסעלע באַמערקט, אַז גדליה אליין הי־פּערט אַמאָל אויך ביים דאַווענען, פאַרפעלט א מנחה, אין דיענגלייכן. „א מנחה איז נישט קיין ציג, זי גייט נישט אין שאָדן" — פלעגט גדליה זאָגן מיט א ווערטל, באַמערקנדיק, אַז יאָסעלע חידושט זיך דערויף. אויך דאָס האָט יאָסעלען שטאַרק געוואונדערט און אביסל פאַרדראָסן אויך, וואָס אזא פיינער מענטש, אזא לייַ־טישער ייד, א ייד, מיט א טלית־קטן, ווי גדליה באָס איז, זאָל זיך פאַרגינען אוועקזעצן שפּילן מיט דער חברה משוררים אין „אָקע" אויף א גאַנצער נאַכט, אויסהערן זייערע ווערטלעך און צוזען אלע זייערע מיאוסע גענג. וואָס ווייטער האָט זיך אָבער יאָסעלע איינגעוווינט מיט דער חברה, געוואָרן מיט זיי חבר און נאָכגעטאָן זיי אלע זייערע חפציות. ער האָט אָנגעהויבן, ווי זיי, גאַנץ אָפטלעך פאַרבייגן דאָס דאַווענען און כאַפּן גלייך מיט זיי א קערטל, שפּילן אין אָקע, נאַשן קאָנפעטן און אַמאָל מאַכן בקאָמפּאַניע א כוסה אויך. דאָס קאַפּאָטקעלע האָט ער אונטערגעשניטן, די פאות פאַרקירצט און פאַרשאַרט אונטער די אויערן, די האָר געשמירט מיט פּאָמאַדע, זיך שטענדיק געפּוצט און איז גע־וואָרן צולעצט א גאַנצער שטשאָגאָל. אויף געלט איז יאָסעלע סאָלאָווי נישט געווען אזא געטרייער באַלעבאָס; ארום אים האָבן זיך פּאָזשיוויעט אלע משור־רים, נאָר מער פון אלע האָט אָפּגעלעקט א ביינדל גדליה באָס. געפירט האָט זיך יאָסעלע, ווי א גרויסער, כאָטש ער איז מער נישט אלט געווען ווי זיבעצן יאָר. יאָסעלען איז ווייער געפעלן געווען, וואָס קומענדיק אין א שטאָט אריין: איז מען אים נאָכגעלאָפן, געטייטט אויף אים מיט די פינגער, זיך געחידושט אויף זיין שיינקייט, ארויסזאָגנדיק דאָס אים אין די אויגן, און צוממיינסטן מיידלעך און ווייבלעך. יאָסעלע סאָלאָווי האָט געהאט א שם צווישן זיי פאַר א „פאַרשוין", און ער האָט זיך געמענט באַרימען נאָכדעם, אַז מע פלעגט אים נאָכלויפן, קושן די טריט זיינע און וואַרפן זיך אים אויפן האַלדז. א שיין פּנימל איז אַמאָל א ווילדער חסרון. עס קאָן זייער זיין, אַז ווען נישט דאָס, עס הייסט, ווען יאָסעלע סאָלאָווי זאָל נישט געווען זיין קיין שיין יינגל, וואָלט ער אפשר נישט אזוי גיך קאַליע געוואָרן. זיין שיין פּנימל, קאָן מען זאָגן, האָט אים אוועק־געקוילעט. א סך גלייכער און געזונטער וואָלט געווען פאַר אים, פאַר זיין טאַטן און פאַר אלעמען, ער זאָל נישט געווען זיין אזא פאַרשוין און מע זאָל נישט געווען טייטן אויף אים מיט די פינגער און מע זאָל אים נישט געווען פאַר־דרייען דעם קאָפּ מיט נאַרישע יינגלשע זאַכן... צוליב דעם האָט יאָסעלע פאַר־

לירן זיין תמימות, זיין ערלעכקייט, זיין געטריישאַפֿט צו דער היים מיט אַלע זיינע פֿריערדיקע גוטע פּאַסטעמקעס, און ער האָט מיט דער צייט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן גלאַנץ, דעם ברען, דעם כּבֿוד, דעם חן בײַ גאָט און בײַ לײַט.

אַ חזן איז נישט קיין אַקטיאָר. דער ייִד האָט אַוודאי ליב, מע זאָל אים זינגען באַוויזן בריהשאַפֿט, מאַכן קונצן בײַם עמוד וכדומה; דער חזן טאָר אָבער נישט פֿאַרגעסן דאָס אויך, אַז ער הייסט „שליח־ציבור“, דאָס הייסט, אַ געשיקטער פֿון קהל, אַ מליץ־יושר, אַ דעפּוטאַט, און דעריבער פֿאָדערט פֿון אים דער עולם, ער זאָל זײַן אַ מענטש פֿון גוטע מידות, אַ לײַטישער ייִד, נישט קיין הפקר־יונג, וואָרום אַ בית־המדרש איז נישט גלײַך צו אַ טעאַטער. דעמלט, אַז יאָסעלע סאָלאָווײ האָט זיך געפֿירט ייִדישלעך, ערלעך און פֿרום, ווי עס געהער צו זײַן, האָט זײַן דאַווענען בײַם עמוד געהאַט גאָר אַן אַנדער מתיקות, און ער אַליין האָט געהאַט בײַ יעדן דעם זיבעטן חן. שפּעטער אָבער, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿירן אַנדערש, האָט ער אָנגעהויבן ביסלעכווײַז נמאס צו ווערן דעם עולם, פּסול און מיאוס: „אַ שיינער בעל־תּפֿילה, — האָט מען אויף אים געזאָגט — אַז ער שפּילט גאָר אין קאָרטן, עסט קאָלבאַסע און שפּאַצירט אַרום מיט מיידלעך; אַ לײַטישער בעל־תּפֿילה“!... אַזוי ווי בײַ אַלע מענטשן אויף דער וועלט, פֿירט זיך אויך בײַ ייִדן: כּל־זמן מע האַלט פֿון איינעם, איז מען נישט קאַרג אויף קיין שבחים, מע פֿאַרגעטערט אים און מע שרײַט וועגן אים אויף אַלע גאַסן; ווײַבאַלד אָבער ער ווערט נמאס דעם עולם, אַזוי הייבט מען אָן צו זוכן אויף אים חסרונות, מע לייגט אַרויף אויף אים די באָד און מע ווערט פּלוצעם געוואָר וועגן אים אַזעלכע זאַכן, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. דאָס איינענע איז געווען מיט יאָסעלע סאָלאָווײ: אַז ער איז געווען גוט, איז ער געווען גוט אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך; קוים אָבער האָט מען אים אַרײַנגענומען אין מויל אַרײַן, האָט מען באַלד אָנגעהויבן דערציילן וועגן אים זייער מיאוסע מעשיות. דער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען מיט זײַנע אויגן, ווי יאָסעלע סאָלאָווײ איז אַרומגעגאַנגען אויף דער סטאַנציע אָן אַ היטל, געזונגען סאָלדאַטסקע לידער, געפֿירט אַ „פֿאַרליבעניש“ ערגעץ דאָרטן... און דער אַנדערער האָט דערציילט, אַז מע זאָגט, אַז יאָסעלע האָט אום יום־כּיפּור געגעסן אַ הינדל, פֿריש געפּרעגלט אין פּוטער. אַ דריטער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט, אַז מע האָט יאָסעלען אַראָפּגעפֿירט ערגעץ אין אַ שטאָט פֿונעם עמוד עפּעס פֿאַר זייער אַ מיאוסע מעשה... הכּלל, יאָסעלע סאָלאָווײ האָט זיך צולעצט פֿאַרדינט אויף אַזאַ נאָמען, אַז ער וואָלט מאַקע געמוזט אָפּטרעטן פֿונעם עמוד און פֿאַרלאָזן דאָס חזנות, נישט קוקנדיק אויף גדליה באַס, וואָס האָט אים געוואָלט אײַנרעדן, ער זאָל זיך נישט צוהערן צו די רייד, וואָס מע רעדט אויף אים. „לאָזן אונדזערע ייִדעלעך רעדן צעזעצטערהייט, אַבי געלט!“ — האָט גדליה באַס געזאָגט.

דאָס נאָכגעבן, וואָס גדליה כאָס האָט אַזוי נאָכגעגעבן יאָסעלען, איז געווען נישט אומזיסט. יאָסעלע סאָלאָווײ איז פאַר אים געווען אַ גאַנץ אַנדערע, פּגוואַנען ער האָט זיך געצויגן זיין „חיונה“, געהאַט דורך אים פּרנסה בכבוד. חוץ דעם האָט גדליה געהאַט אַ קויל זייער אַ ווייטן; דער קויל איז געווען — אַ שירוד. גדליה האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַפילו נישט אַזאַ פאַרשיין, נאָר זייער אַ קליין מיידל, אַן אומטערדערוואַקסענע, שוין רעכט אין די יאָרן, אַריבער צוואַנציק. דאָס הייסט כמעט דרייסיק יאָר אַלט. „נישטאָ קיין גליק“! — האָט זיך גדליה אָפּטלער געקלאָגט פאַר די משוררים און יאָסעלען אויך בתוכם. — „נישטאָ קיין מזל און גענוג! אַזאַ געראָטן מיידל, ווי ביי מיר איז, און ס'איז שווער צו געפינען דאָס גלייכן אירס; וואָרום אַבי וועמען וויל זי נישט, און דאָס וואָס זי וויל, איז נישט צו געפינען, ווי געווייגלעך, היינטיקע מיידלעך“... אָט אַזוי פלעגט גדליה כאָס אָפט אומטערשטוּעסן פאַרשטעלט, ווי זיין שטייגער איז געווען, תמיד רעדן האַלבע ווערטער, אויפן ווונק, יעגער זאָל זיך אָנשטויסן. מע האָט באַדאַרפט זיין שוין גאָר אַ גראָבער נאַר, מע זאָל זיך נישט אָנשטויסן, וואָס גדליה האָט געמיינט, רעדנדיק פאַר יאָסעלען מכח זיין טאָכטער. ער האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און האָט זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק. יאָסעלע איז שוין געווינט געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן. אין איטלעכער שטאָט, וווּהין ער איז אָנגעקומען און האָט אָפּגעדאַוונט אַ שבת, האָבן נאָכדעם די שדכנים אים אָפּגעשלאָגן די טירן; מע האָט אים גערעדט שידוכים איינעם גרעסער פונעם אַנדערן, מיט צען טויזנט. פופצן טויזנט, צוואַנציק טויזנט... עס האָבן זיך געפונען צווישן די נגידים אַ סך בעלנים, וואָס האָבן געוואָלט שוין באַצאָלן, אַבי צו באַקומען יאָסעלע סאָלאָווײ פאַר אַן איידעם, ובפרט נאָך אין יענער צייט, ווען יאָסעלע האָט נאָך נישט אָנגעווירן דעם גלאַנץ און האָט זיך געפירט יידישלעך. געוויינלעך, האָט מען זיך געווענדט נישט צו אים גלייך, נאָר צו גדליה כאָס, ווי צו אַן עלטערן מענטשן. גדליה פון זיין זייט, רעדנדיק האַלבע ווערטער, אויפן ווונק, האָט געזען מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּצושלאָגן, צעדרייבן, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, דען עס האָט אים זייער נישט געפּאַסט אַקעגן יענעם קויל, וואָס ער האָט אַליין געהאַט אויף יאָסעלען. עס איז אָבער געקומען די צייט, ווען גדליה האָט אַרויסגעזען, אַז זיין קויל איז קיין קויל נישט, פּוסטע חלומות, וואָס מע דאַרף זיי אַרויסשלאָגן פון קאָפּ און פאַרגעסן, נישט לעבן מיט קיין נאַרישע מחשבות. יאָסעלע האָט אים בפירוש געזאָגט, אַז ער האָט אַפילו נישט אין זינען אַ חתן צו ווערן. ער וויל שוין פאָרן אַהיים, זיין באַשערטע וועט ער זיך געפינען דאָרטן, צווישן זייניקע. גדליה האָט אַרויסגעזען, אַז די שפּיל איז פאַרן מיוּול... דערצו האָט זיך אומטערגעוואָרפן אַ זייטיקער ענין, וואָס האָט גדליהן פרימשטעליעט דעם קאָפּ, געפּלעפט דעם מוח און פאַרבלענדט די אויגן מיט היפּשע יעטלעכע קערבלעך, אויף וועלכע גדליה איז תמיד געווען אַ גרויסער בעלן. ומעשה שהיה כך היה:

XVIII

פּערעלע די דאַמע האַלט ביי אַוועקפאָרן פון דער שטאָט סטרישטש, נאָר צוליב יאָסעלען בלייבט זי איבער

צווישן יאַמפּעלע און צווישן מאַקאַרעווקע, פּונקט אויף דעם מיטן וועג, געפינט זיך דאָס געוויסע שטעטל סטרישטש, וואָס איז באַקאַנט אין דער וועלט מיט אירע מיוחסים, אייניקלעך, מקובלים און גלאַט אַזוי שיינע יידן, אָרעמעלייט, וואָס פאָרן ארום אויף דער וועלט, איטלעכער מיט א יחוס-בריוול, אז כפי ער איז דעם זיידנס אַן אייניקל, קומט אים דעריבער אַ שיינע נדבה... פון וואָס די יידן לעבן דאָרטן — איז שווער צו זאָגן; אַז מע טוט אַ באַפּ אַ סטרישטשער באַלעבאָס און מע פרעגט אים, וויאַזוי און פון וואַנען דער ייד שלאָגט זיך דאָרטן דורך, ענטפערט ער: „אָט אַזוי, ווי איר זעט"... און מיינט, אז דערמיט איז ער שוין יוצא לכל הדעות. זייער הויפּט-מסחר איז דאָרטן מעקלעריי; דער פרעמדער אַז ער קומט אַהין צו פאָרן, ווערט ער נבהל ונשתומם, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ מחנה פון מעקלערס: מעקלערס פון תבואה, מעקלערס פון געלט פאַרלייען, מעקלערס פון הייזער, מעקלערס פון דינסטן, מעקלערס פון חזנים, — כמעט אַלע סטרישטשער באַלעבאַטים זענען מעקלערס. עס געפינען זיך דאָרטן אַ גוזמא בטלנים און חברות אַלערליי: אַ „חברה משניות", אַ „חברה תהילים", אַ „חברה שומרים-לבוקר", און נאָך און נאָך חברות אָן אַ שיעור. אויך געפינען זיך דאָרט עטלעכע בתי-מדרשים, אַ היץ קלייזלעך און מנינים, אַ באָד און איינע און צוויי בית-עלמינס, איינער אַן אַלטער און איינער אַ נייער, און ס'איז אַ סברה, אַז מע שמועסט שוין מכח פאַרנעמען אָרט אויף אַ דריטן בית-עולם... גבירים איז פאַראַן דאָרט געציילטע; מע רופט זיי „די סטרישטשער אַקציזניקעס". אפנים, עס איז זיי פאַרבליבן דער דאָזיקער נאָמען נאָך פונעם אָטקופּינעם אַקציז. די דאָזיקע ברידער, די אַקציזניקעס, לאָזן זיך הערן אויף דער וועלט נישט אזוי מיט זייער צדקה, ווי מיט זייער גרויס עשירות: „זיי זענען רייך ממון-קורח, — אזוי זאָגט מען אין סטרישטש — מע לעבט ווי די שררות. נאָר יענעם גיט מען נישט א גראָשן אפילו. גאָט-ברוך-הוא טיילט איין איינעם גאָר און דעם אַנדערן גאָרנישט"... פונדעסטוועגן, אַז איינער פון די ברידער איז געשטאָרבן, זענען יענעם טאָג געווען צוגעמאַכט די קלייטן, און די גאַנצע שטאָט האָט באַוויינט רב משה וואָלף דעם אַקציזניק, ווי עס געהער צו זיין, אַז עס שטאַרבט דער נגיד פון שטאָט. געשטאָרבן איז רב משה וואָלף אָן קינדער און האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן איבערגעלאָזט זיינע ייִנגערע צוויי ברידער, מאיר הערש און פסח ליב. און אויך א היפּשע סומע געלט האָט ער אָפּגעשריבן זיין דריט ווייב, א יונגע אלמנה, וואָס ער האָט נאָך וואָס געבראַכט פון באַרדיטשעוו, א פאָר יאָר

פאַרן טויט. אַחוץ דעם האָט זיך אָט די יונגע אַלמנה נאָך פאַרן מאַנס לעבן אַראָפּגעשאַרט היפּשע עטלעכע גראָשנס — אַזוי זאָגט מען — און האָט געוואָלט אַרויספירן פון סטרישטש, ווי מע האָט געשמועסט, אַ צוויי הונדערט טויזנט קערבלעך, וועקפאָרן צוריק קיין באַרדיטשעוו און ערשט דאָרט קריגן איר זיווג, דאָס הייסט, אַ מאַן אַ יונגן, נישט קיין זקן, ווי משה וואָלף איז געווען. האָט זיך אָבער פּינקט אין יענער צייט אונטערגעכאַפּט יאָסעלע סאָלאָוויי, און משה וואָלפס ווייבל, די יונגע אלמנה, *פערעלע די דאַמע*, איז געבליבן לעת־עתּה אַ דאָרטיקע.

„פערעלע די דאַמע“ האָט מען זי אין סטרישטש גערופן דערפאַר, ווייל זי איז געווען דאָרטן במעט די איינציקע, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה, אַרויסגעפאָרן אין אַ קאַרעטע, געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ הונט און געשפּילט „אויפן פּאָרטעפּיאַן“. נאָך בשעת משה וואָלף איז געזעסן שבעה, האָט מען שוין אין סטרישטש געשמועסט, אַז אַצינד וועט ער חתונה האָבן פאַר אַ יונגער, וואָס זאָל זיין פון היינטיקער וועלט, וואָרום פאַרוואָס נישט? געלט האָט ער — מעג ער זיך פאַרגינען אַלצדינג... און דאָס שטעטל האָט טאַקע געטראָפן: משה וואָלף, איבערוואַרטנדיק די שלשים, איז זיך אַוועקגעפאָרן ערגעץ, פאַרשטייט זיך, קיין באַרדיטשעוו, און האָט איינגיכן געבראַכט צו פירן מיט זיך אַ „דאַמע“... וואָרום זינט סטרישטש איז אַ שטאָט, געדענקט מען נאָך נישט, אַז אַ יידענע זאָל האָדעווען אַ הינט און זאָל שפּילן אויפן פּאָרטעפּיאַן. געוויינלעך, האָט מען, דאָס ערשטע מאָל דערהערנדיק זי שפּילן, באַלאַגערט די גאַס, ווו משה וואָלף איז געזעסן: „אַ יידענע אַ קלעזמערטע גאָר!“ און עס האָבן אָנגעהויבן פליען ווערטלעך אויף אַלע זייטן וועגן דעם הונט מיטן פּאָרטעפּיאַן. „די דאַמע“, אָדער „פערעלע די דאַמע“ — אַזוי איז פאַרבליבן איר נאָמען שוין אויף תמיד. אַ סך מענטשן האָבן זיך געשאַרפט די ציין, געגייט זיך אַ ביימעלע: „סטרישטש, אַזאַ דאַמע! עס וועט איר רען אָנשטיין צו דינגען זיך? אַ נדבה — שמועסט מען נישט; די לייט האַלטן פון דעם!“... מע האָט אָבער גיך דערזען, אַז מע האָט זיך אָפּגענאַרט פון אויבן ביז אַראָפּ: פערעלע די דאַמע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַזאַ מסחר־שטאָט, ווי באַרדיטשעוו, האָט זיך געקאָנט דינגען שענער פון אַלע סטרישטשער ווייבער די מאַכליאַרקעס, און אַ נדבה געבן האָט זי נאָך ערגער פיינט געהאַט, ווי איר מאַן. „אַוודאי באַדאַרף מען קאָנען צימבלען אויפן מופּ־טשאַן, — האָבן איר די סטרישטשער ווייבער געזאָגט מיט אַ שטאָך — אַוודאי באַדאַרף מען נאָך זיין אַ צעדאַמטע, אַז מע זאָל אַזוי קאָנען יענעם אויסקאָכן דאָס וואַסער“... אָדער: „פערעלע, זאָלט איר געזונט זיין! שענקט אונדז אַ ברויט; לאָז זיך אייך דאַכטן, עלעהיי איר גיט דאָס אַוועק אייער הונט“...

נאָך בשעת יאָסעלע איז געווען אין מאַקאַרעווקע, האָט מען אים איינגעלאַדן קיין סטרישטש אויף אַ שבת. יאָסעלע האָט זיך אַפילו געקנייטשט, זייער נישט

געוואָלט פאָרן אין אַזאַ העק, אַ שטעטל פון סאַמע קבצנים. אויסער דעם האָט ער גערעכנט פון מאַקאַרעווקע זיך אריבערכאַפּן קיין קאַשפּערעווו און פון דאָרטן אַראָפּכאַפּן זיך אַהיים, קיין מאַזעפּעווקע. עס איז אים שוין, קאָן מען זאָגן, גמאַס געוואָרן דאָס ארומפאָרן, נע-ונד זיין, אָפּגעריסן פון דער היים; ער האָט זיך שוין אפילו געגרייט אָנשרייבן אַהיים עפּלעכע ווערטער (שוין אַזאַ צייט קיין בריוול נישט געשיקט!) — איז אריינגעקומען גדליה, ימח-שמו, מיט זיינע גוטע רייד און האָט אים איבערגערעדט, אַז ס'איז פיל גלייכער צו מאַכן דעם מאַרשרוט פריער קיין סטרישטש אויף „שבת-חזון", פון דאָרט קיין פליאַסקעדריגעווקע, און ערשט פון דאָרטן גלייך קיין מאַזעפּעווקע, אַזוי אַז מע קאָן אויסמיידן קאַשפּערעווו. פאַרבויגן דאָס אין אַ זייט. — „וואָרום ווערליק קאַשפּערעווו איז זייער אַ לייטיש אָרט אויף חזנים, מיט דאָס פריער דריי מאָל פאַרשחטעט ווערן, צו-ג-אַלדי שוואַרצע יאָר!" — אַזוי האָט גדליה געעצהט און אַזוי איז דאָס געבליבן, אָן טענות.

אָנקומענדיק קיין סטרישטש אויף שבת, האָט יאָסעלע סאָלאָוויי מיט דער קאַמפּאַניע זייַנער אַנידערגעלייגט אַ דאַווענען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַראָם, און מע האָט באַלאַגערט די אכסניה, ווו יאָסעלע איז געשטאַנען, אָנצוקוקן כאָטש פון דערווייטנס דעם מאַזעפּעווקער סאָלאָוויי. צווישן די אַלע גייגעריקע צו זען יאָסעלען איז געווען אויך רב משה וואָלפס יונגע אַלמנה, פערעלע די האָמע, וואָס האָט אים געהערט דאַווענען און איז געקומען פון שיל אַהיים אַ צעקאָכטע, אַ צעשרויפטע, גאָר אַ געפּלעפטע. „איך וואָלט אים אַ בעלנטע געווען אָנקוקן אין פּנים", — האָט פערעלע די האָמע געזאָגט צו אירע נאָענטע לייט. זי האָט זיך שבת ביינאַכט אָנגעטאָן אין אירע זיידענע מלבושים און באַהאָנגען זיך מיט איר טייערער צירונג, מיט די פּערל, דימענטן און בריליאַנטן, און איז אַרויסגעגאַנגען מיט איר פּאָקאָיאָווע שפּאַצירן איבער דער שטאָט, און פּונקט פאַרביי דער אַכסניה, ווו עס זענען געשטאַנען יאָסעלע מיט זיינע לייט. זומערלעב, די פענצטער פון דער אַכסניה זענען אָפן; אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, שטייט יאָסעלע סאָלאָוויי ביים אָפענעם פענצטער און באַטראַכט די שטאָט סטרישטש מיט אירע לייט. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ יאַרמעלקעלע, מיט גאָלד געשטעפּט און מיט אַ זילבערנעם קאַנטיק; די לאַנגע, רוסיאַווע האָר פאַרשאַרט אַרונטער און צעוואָרפן איבער די אַקסלען; דאָס פּנים איז אים ווייַס-ווייַס; די קאַרע אויגן גרויסע, גלאַנצנדיקע, קוקן אַרויס שמייכלענדיקע פון די געדיכטע ברעמען. ארום אים שטייען די חברה משוררים און מע שפּעט און מע לאַכט אויס די שטאָט סטרישטש מיט אירע לייט.

— וואָס זאָגסטו אויף דעם דאָזיקן „טרישטש"? — שמועסן די חברה-לייט צווישן זיך. — דאָס שטעטל איז פאַרבליבן פונעם אַלטן עפּוש.

— ווער איז אָט אָ יענעם ווייבל, באַהאָנגען מיט בריליאַנטן פון קאָפּ ביז די פיס? — פרעגט יאָסעלע, באַטראַכטנדיק פערעלע די האָמע און באַגעגענענדיק זיך

מיט אירע שיינע אויגן. פּערעלע איז גישט קיין מיאוס ווייבל, אַ דיקע, נאָך גאָר אַ יונגע, ווייס, ווי אַ געראָטענע בולקע, מיט אַ ווייסן, פעטן גודער, באַהאָנגען מיט גרויסע פּערל, מיט אַ סך בריליאַנטענע פינגערלעך, מיט בראָסלעטן, קייטעלעך, פלימערלעך אָן אַ שיעור, אָנגעטאָן זייער רייך, איינגעטונקען: און זייד און אין סאַמעט נאָך דער לעצטער באַרדיטשעווער מאָדע, און טרעט אַרויס ווי אַ פּאַווע. דורכגייענדיק עטלעכע מאָל פאַרביי דער אַכסניה, כאַפּט זי אַ קוק אויף יאָסעלען, און קומענדיק אַהיים, דערפילט פּערעלע, ווי עס ציט איר דאָס האַרץ און עס גייט איר אויס דאָס חיות. נאָך בשעת משה וואָלף האָט געלעבט, האָט זי נישט איין מאָל געקלערט ביי זיך אין האַרצן, אַז זי וועט בלייבן אַן אַלמנה, וועט זי נעמען אַ בחור אָדער אַזוי אַ יונגנמאַן, וואָס זאָל זיין אַ שיינער, אַ בלאָנדין... און אַן אַלמנה וועט זי דאָך מוזן אַמאָל בלייבן, ווען משה־וואָלף איז געווען אַלט און קראַנק. גענומען האָט ער זי, געוויינלעך, נאָר פאַר איר שיינקייט אַליין. ער האָט זי גאָר גליקלעך געמאַכט; אַ כתובה האָט ער איר געשריבן אויף מאה אלף קערבלעך, און צוגעזאָגט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זי באַפרידיקן, נישט פאַרגעסן זי בשעת דער צוואה... פּערעלע איז געווען נאָך זייער אַ יונג מיידל דעמאָלט. נאָר זי האָט ליב געהאַט זיך שיין אָנטאָן, ווי אַלע באַרדיטשעווער מיידלעך, געהאַלטן פון דער מאָדע, תמיד אַרויסגעקוקט אויף אַ רייכן חתן. געוויינלעך, איז איר משה וואָלף גישט געווען צום האַרצן, נאָר די „מאה אלף" מיט זיין קאַרעטע, מיט זיין שיין מעבל מיט אַלעם מיטאַנאַנדער האָבן איר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז ס'איז ביי איר גיך געוואָרן רעכט אַלצדינג. נאָר איין זאַך האָט זי גישט געקאָנט איבערטראָגן — דאָס, וואָס די שטאָט הייסט „סטרישטש": „נאַ דיר גאָר ס ט ר י ש ט ש! אַ שיינער נאָמען! פע, חלשות!"... אַזוי האָט זיך פּערעלע געקלערט. און עס האָט זי גוט געקרענקט. משה וואָלף האָט איר אָבער אַ טובה געטאָן — ער האָט תיכף נאָך דער חתונה אָנגעהויבן צו קרענקען, און האָט אַזוי אַוועקגעקרענקט אַ פּאָר יאָר, ביז ער איז געשטאָרבן, און פּערעלע די דאַמע איז איבערגעבליבן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך באַגאַנגען, ווי אַן ערלעך ווייבל, אַ יידישע טאָכטער, ההיינו: זי איז אָפּגעזעסן שבעה, איבערגעוואַרט שלשים, ווי עס געהער צו זיין, און ערשט נאָכדעם זיך גענומען מיט איר שטוב־מיידל, לאָהצי די פּאָקאָיאָווע, זיך צונויפלייגן די מלבושים, זיך קלייבן אין וועג אַריין. געוויינלעך, האָבן זיך צו איר געלאָזט שדכנים פון דער וועלט, אָנשלאָגנדיק איר גרויסע שידוכים; פּערעלע די דאַמע האָט אָבער גישט געוואָלט הערן און זען — זי וויל גישט קענען דאָס וויסטע סטרישטש, זי וואָלט שוין גערן גיכער פונדאַנען פּטור ווערן. זי האָט שוין אַפילו אַוועקגעשריבן אַהיים, צו איר מאַמע־מאַמע, אַז נאָך שבת, אם־ירצה־השם, פאָרט

זי אַהיים קיין באַרדיטשעוו. צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי איז פאָרט געבליבן אין סטרישטש. און איבער וועמען? איבער יאָסעלע סאָלאָווײ!

— וואָס זאָגסטו אויף דעם יאָסעלען? — מאַכט פערעלע די דאַמע צו לאהצי דער פּאָקאָיאָווע, שפּאַצירנדיק פאַרביי דער אַכסניה מיט איר און וואַרפנדיק אַהינצו אַ קוק.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפערט לאהצי די פּאָקאָיאָווע. — ער איז אַוודאַי שיין, אַזוי ווי דער מאָרגנשטערן איז שיין, פּונקט אַזוי ווי יענער ס אַ ל אָ מ אָ ן, וואָס שטייט באַשריבן אינעם ראָמאַנס: הויך געוואַקסן, שיין געבויט און מיט בלאָנדע האָר...

לאהצי די פּאָקאָיאָווע האָט ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך, פון יענע מעשה־ביכלעך, וואָס אויפן ערשטן בלעטל שטייט אָנגעצייכנט: „א העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן, נאָכדרוק פאַרבאָטן“. די דאָזיקע מעשיות פלעגט לאהצי די פּאָקאָיאָווע לייענען הויך אויף אַ קול פאַר פערעלען דער דאַמע, בשעת משה־וואָלף איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט. פערעלע פלעגט זי בלומרשט אויסלאַכן מיט אירע מעשהלעך און טאַקע בשעת מעשה האָבן פון זיי הנאה... געבראַכט האָט פערעלע די דאָזיקע פּאָקאָיאָווע מיט זיך פון באַרדיטשעוו; איר אַרבעט איז געווען נאָר אָנטאָן די מאַדאַם, גיין מיט איר שפּאַצירן, זיין שטענדיק נעבן דער מאַדאַם; זי איז געווען ביי איר דער גאַנצער בעל־סוד און האָט גלייך מיט דער מאַדאַם אַרויסגעקוקט ביי זיך אין הארצן, אַז דער באַלעבאָס זאָל זיך שוין גיכער אָפּטראָגן, כאָטש אַרויסרעדן דאָס אָפנטלעך האָבן זיי זיך ביידע געשעמט. מע האָט זיך גוט פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע אָן ווערטער און מע האָט גוט געוואָלט דערלעבן שוין פאָרן אַהיים... לאהצי, כאָטש זי איז געווען אַ מיאוסע מויד און אַ געשטופלטע, פונדעסטוועגן האָט זי זיך געהאַט איר חתן אין באַרדיטשעוו. געהייסן האָט ער לוי מאָטל און איז געווען „ביי א מיטין־געשעפט“, דאָס הייסט, ער איז געווען א פּאַפּיראָסניק. ביי אַנדערע האָט לוי מאָטל געמעגט הייסן וואָס ער וויל זיך, ער האָט זיך געמעגט זיין אַן אַלטער פּרישטשעוואַטער בחור מיט געלע האָר, — נאָר ביי איר אין די אויגן האָט ער אויסגעזען, ווי „אַן ענגל, הויך געוואַקסן, שיין געבויט“, און דערפאַר האָט זי זיך מיט אים „געליבט“, פּונקט אַזוי ווי עס שטייט באַשריבן אין יענע „ראָמאַנסן“, וואָס זי לייענט. לאהצי האָט ליב געהאַט איר חתן, זי איז אים געווען אמת געטריי, לעצט איבערגעגעבן. ווי זי האָט נאָר ערגעץ געהאַט אַ קערבל, האָט זי דאָס איבערגעשיקט צו לוי־מאָטלען; דאָס גאַנצע דאָברע־מזל איז ביי איר אַריין צו אים; זי האָט זיך נישט פאַרגונען מאַכן קיין איבעריק קלייד, קיין בורנוס, קיין שטיוועלע: „מע באַדאַרף דאָס אוועקשיקן לוי מאָטלען, ער קער אַוודאַי באַדאַרפן האָבן געלט!“ דערפאַר האָט איר לוי מאָטל געשיקט גוטע בריוולעך אַלע וואָך, און איין בריוול מיטן אַנדערן זענען געווען ווי אַ צווילינג, גלייך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט.

— „און איך גריס דיר" — פלעגט איר לוי מאָטל שרייבן אַלע וואָך — „און איך דאַנק דיר מיין ליבע כּלה פאַר דער מתּנה און איך האָב זיך געמאַכט נייע שטיוול מיט גאַליאָשן און איך בעט דיך שרייב מיר וואָס מאַכסטו און דיין געזונט און צו דיין באַלעבאָס לעבט נאָך און איך בין דאַנקען גאָט געזונט און קיין אַרבעט מאַכט זיך נישט ג לזים קאָסט היינט וואָלוול און קיין געלט פאַרדינט זיך נישט און שיק מיר מיין ליבע כּלה אויף אַ נייעם גאַרניטער און יענער גאַרניטער איז שוין אַלט געוואָרן און שרייב מיר וואָס מאַכסטו און דיין געזונט און צו דיין באַלעבאָס לעבט נאָך..." די דאָזיקע בריוולעך זענען געווען ביי לאהצין טייערער ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. זי האָט געלעבט מיט דעם חיות, אַז לוי מאָטל מוט זיך אָן וווילטאָג פאַר איר געלט און גייט אין איר „גאַרניטער" מיט אירע „שטיוול מיט גאַליאָשן".

— נאַר, נאַר! — פלעגט איר פערעלע די דאַמע זאָגן. — נאַרישע מויד! צו וועט דיר מסתּמא שטעלן אַ גילדענע מצבֿה, דער חתן דיינער! ווי מיינסטו?

לאהצי די פּאָקאָיאָווע האָט דערויף נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן; זי האָט זיך געוויסט אירס: זי האָט געציילט די מינוט, די טעג, ווען זי זאָל שוין דערלעבן קומען אַהיים קיין באַרדיטשעוו און שטעלן חופּה מיט לוי מאָטלען. „ווייס איך וואָס זי זאָגט דאָרטן, די מאַדאַם, וואָס איר קומט אויס! איך זאָל איר קאָנען אַרויסנעמען מיין האַרץ און באַווייזן, וואָלט זי געוווּסט, וויאַזוי צו חוזק מאַכן פון אַזעלכע זאַכן"...

עס איז אָבער געקומען די צייט, ווען פערעלע די דאַמע האָט אַנדערש גערעדט; עס איז געקומען די צייט, ווען זי איז געוואָר געוואָרן, אַז „ליבע איז נישט קיין מעלקשעפל", ווי לאהצי זאָגט, אַז מע מאַכט דאָס אַוועק מיט דער האַנט. ווי זי האָט געמיינט פריער. קומענדיק אַהיים פונעם שפּאַצירן־גיין, האָט זיך פערעלע אַ וואָרף געטאָן אין אַ פאָטעל אַריין, האָט צוגערופן לאהצי די פּאָקאָיאָווע און האָט איר געהייסן צולייגן איר האַנט צום קאָפּ.

— דער קאָפּ טוט אייך, אַפּנים, ווי, מאַדאַם? אַ מכּה איז מיר אַ גרויסע! — האָט לאהצי אַ זאָג געטאָן.

— דער קאָפּ, זאָגסטו? דאָס האַרץ, נאַרעלע, דאָס האַרץ טוט מיר ווי. איך בין אויס מענטש, עס ברענט מיך, עס ציט מיך, איך גיי אויס, זאָגט זי גאָר דאָס!

— וואָס־זשע איז אייך, מאַדאַם? דערציילט מיר אויך, לאָמיך אויך וויסן.

— אוי ווי, לאהצי, וואָס קאָן איך דיר זאָגן? ס'איז מיר שלעכט, ס'איז אַן עק פון מיין לעבן! אָט דאָ ברענט מיר אַ פייער, אָט־דאָ־אָ, אין האַרצן ביי מיר! פון דער ערשטער שעה אָן, וואָס איך האָב אים דערהערט זינגען, זינט איך האָב אים דערזען, איז אַן עק פון מיין לעבן!

פערעלע די דאַמע האָט זיך אַזש צעוויינט פאַר גרויס האַרצווייטיק. לאַהצי איז געבליבן שטיין פאַרטיפט אין אירע מחשבות, צוקלערנדיק אַ פּלאַן, וואָס טוט מען דאָ? לאַנג טראַכטן האָט זי נישט באַדאַרפט, און קיין חכמות האָט זי נישט געוווסט, האָט זי זיך מיישב געווען און האָט אַזוי געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, מאַדאַם? וועמען הערט איר? איר זענט הייגט, דאַנקען גאָט אַן אויפגעבונדענע, און דערצו אַ גבירטע, אָן עין־הרע, חוץ אייער שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן, אָט פאָלגט מיך, נעמט האָט פאַר אים חתונה.

פערעלע די דאַמע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פונעם פאָטעל פאַר גרויס התפעלות און האָט זיך צעלאַכט מיט טרערן אויף די אויגן.

— נאַרישע מויד! וואָס הייסט „נעמט אים“? מע דאַרף דאָך אים אויך פרעגן, צי ניין?

— נו, וואָס זשע האָט איר מורא? ער וועט נישט וועלן אפשר? וואָס איז? איר זענט אפשר אַ מיאוס ווייבל? צי איר זענט חלילה געמיין? אי וואָס, איר זענט אַן אַלמנה? אַ שיינע כפּרה! אַ סך ווייבלעך וואָלטן זיך געווונטשן זיין אויף אייער אָרט, כ'לעבן! אָדער ס'איז אפשר אַן עולה, וואָס איר נעמט אַ בחור? דאָס וועט, דאַכט זיך, אַ משוגענער אויך נישט זאָגן! וואָס איז? די שיינע וועלט, וואָס איר האָט געהאַט פאַר אייער מאַן? אָפּגעוואַלגערט זיך דרימהאַלבן יאָר אין דעם ווילטן סטרישטש, טאָמער ווייסט איר וואָס? די גרויסע גליקן, וואָס מע האָט געהאַט? דאַכט זיך, אָפּזיין מיט אַ קראַנקן מאַן אין איין שטוב איז אויך עפּעס ווערט... קיינער ווייסט נישט וועמען דער שיד קוועטשט, און גיי דערציי איפּלעבן אַ מעשה!...

— אַך, לאַהצי! נשמה מיינע! האַרץ מיינס! — האָט פערעלע די דאַמע געזאָגט און האָט זיך אַרייַנגעוואָרפן צו לאַהצין אין די הענט אַריין.

אין אַ גרויס וואַסער געפינען זיך אַלערליי פיש; אין אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי באַרדיטשעוו, איז פאַראַן אַלערליי מענטשן. דאָס אָרט, פונוואַנען פערעלע די דאַמע האָט געשטאַמט, איז געווען נישט אַזאַ געהויבן אָרט: איר פאָטער, מאיר זיימשיק, איז געווען דאָס, וואָס מע רופט ביי אונדז אַ „קונה־הכל“. אויף אַלץ אין דער וועלט איז ער אייך געווען אַ קונה, און קיין באַזונדער געשעפט האָט ער נישט געהאַט קיינמאָל. האָט זיך געמאַכט, ערגעץ פאַרקויפט זיך אַן אַלטער זאַוואָד, אַ פאַבריק, אַ שטוב, אַ שטיב „אויף סנאָס“, אַ פּאָסעסיע, אַ שלאַק, אַ צרה — איז אַהין מאיר זיימשיק אַ קונה; אַן אַלטע קאַרעטע האָט עמעצער אַרויסגעפירט, אַלט מעבל וכדומה — איז מאיר זיימשיק געווען דער ערשטער בעלן דערויף, אַבי אַ קערבל צו פאַרדינען. ביי מאיר זיימשיק האָט איר געקאָנט געפינען אַלצדינג, וואָס אייער האַרץ גלוסט; ווילט איר אייזן — איז אייזן; מעש — איז מעש; פעדערן — איז פעדערן. אַז מע שמועסט אַלץ — איז אַלץ! קיין קאַפּיטאַלן אייגענע האָט ער נישט געהאַט קיינמאָל, זיך געדרייט שטענדיק

מיט פרעמדים; אַמאָל געווען פֿון איבן אין אַמאָל דערונטער, ווי געווײַנלעך, אַ סוחר. נאָר געפֿירט האָט ער זיך מעשה מענטש, אויפֿן באַלעבאַטישן אופֿן: געבאָרגט, געכאַפּט, געגעבן, גענומען און — געלעבט. די קינדער האָט ער געפֿירט אויפֿן יידישן אופֿן און האָט אַפֿילו נישט אין זינען געהאַט זיי צו בילדן, לערנען שפּילן פּיאַנאָ און נאָר אַזעלכע לערנעכצן, ווי דער שטייגער איז הײַנט ביי ייִדן.

„צו מײַנע טעכטער — האָט מאיר געזאָגט — באַדאַרף איך נאָר האָבן נדן, צו וואָס טויגן די חכמות?“ עס האָט זיך אָבער געמאַכט „על־פּי סלומשאַי“, עס איז אַרויסגעפֿאָרן אַ פּריץ, און מאיר זיימשיק האָט אָפּגעהאַנדלט ביי אים אַן אַלטן פּאָרטעפּיאַן, וואָלוול, אַ מציאה גדולה. עס האָט זיך אָבער אויף אים אַזוי כיד קיין קונה נישט געפֿונען, און דער פּאָרטעפּיאַן איז אויף אַ היפּשע צייט פֿאַרבליבן שטיין איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך, ביז מאירן איז איינמאָל איינגעפֿאַלן אין קאָפּ אַזאַ מין געדאַנק: „אַ פּאָרטעפּיאַן שטייט; פּערעלע וואַקסט אונטער; שיין איז זי אַזוי ווי גאָלד; — פֿאַרוואָס זאָל זי זיך נישט צולערנען ברומקען? אַ קשיא הײַנטיקע צייטן — אפֿשר דורך דעם קאָן זי קומען צו אַ פֿײַנער שידוך? ווי זאָגסטו, מלכה? האַ?“ מאירס ווייב מלכה האָט אויך מסכים געווען הערצו, און ס'איז געבליבן נאָר איין זאַך: ווו קריגט מען דערצו אַ לערער, וואָס זאָל קאָסטן אין גלייכן געלט?

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט פּערעלע אָנגעהויבן צו לערנען זיך שפּילן און האָט דווקא אַרויסגעוויזן גרויס בריהשאַפּט צום פּאָרטעפּיאַן, כאָטש צו אַנדערע זאַכן האָט זי געהאַט אַפֿילו זייער אַ פּלאַטשיק קעפּל. איר שפּילן פּיאַנאָ האָט אָנגעמאַכט ביי מאירן אין שטוב אַ גאַנץ איבערקערעניש: „דאָרט שפּילט מען פּיאַנע!“ — האָבן שכנים געזאָגט. צוליב דעם האָט שוין פּערעלע פֿאַרנומען אין שטוב גאָר אַן אַנדער אָרט. אין דער צייט, ווען אירע קלענערע שוועסטער זענען געווען פֿאַרנומען מיט שטוב־אַרבעט, פֿלעגט פּערעלע זיצן צונויפֿגעלייגט די הענט, אָדער אָנטון זיך שבתדיק און אַרויסגיין שפּאַצירן „אין מיטן מיטוואָך שבתצונאַכטס“. אַלע האָבן איר באַדאַרפֿט אונטערטראָגן דאָס גרייטע, האָבן פֿאַר איר דרך־ארץ: „זי שפּילט פּיאַנע — אַ קלייניקייט?“ אַפֿילו מאיר מיט מלכהן האָבן אויף איר געלייגט כּבוד, און פּערעלע האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס גדלות, גערעכנט זיך העכער פֿון זיי אַלעמען. פֿאַר פֿרעמדע האָבן זיך די „זיימשיקעס“ (אַזוי האָט מען גערופֿן מאירן מיט מלכהן אין שטאָט) שטענדיק באַרימט נאָר מיט זייער פּערעלעס שפּילן.

— שפּיל אונדז אַ ביסל, פּערעלע, אויפֿן פּאָרטעפּיאַן! — פֿלעגן זיי זיך בעטן, בשעת עס איז געזעסן אַ פֿרעמדער מענטש, און בעת־מעשה אָנקוועלן, ווערן ברייטער ווי לענגער: „פּערעלע שפּילט פּיאַנע!“

שפּעטער אָבער, אַז פּערעלע איז געוואָרן אַביסל עלטער, איז זיי איר שפּילן פּיאַנע אויסגעפֿאַלן באָקאָם: זי איז דאָך נישט גלייך צו קיין אַבי וואָסער

א מיידל; זי מוז האָבן א שיין היטעלע, א זאַמטיקל, העמטשקעלער און די אַלע איבעריקע שאַלעמויזן, וואָס א „מאַמזעל" באַדאַרף האָבן. נו, און טעאַטער אַריין מוז זי דאָך גיין; ווי געשיקט זיך דאָס, אז א מיידל, וואָס שפּילט פּיאַנע, זאָל נישט גיין אין טעאַטער אַריין? נאָר דאָס איז נאָר געווען נאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס אירע עלטערן האָבן זיך אָנגעליטן, בשעת עס איז געקומען די צייט איר א שידוך רעדן. דעמאָלט ערשט זענען זיי געוואָר געוואָרן, ווי טייער לעבערלעך. דעם חתן, וואָס זיי האָבן איר געקאָנט געבן, — האָט אויף אים פערעלע געשפּיגן קלעק, און דעם חתן, וואָס איר האָט זיך געוואָלט, — האָבן זיי איר, אוי־ווי, נישט געקאָנט גרייכן; וואָרעם די חתנים, וואָס פערעלע האָט געוואָלט, האָבן געשמועסט מכח געלט... אָט דעמאָלט ערשט האָבן מאיר מיט מלכהן געוווּסט, וואָס פאַר א גאָט מיר האָבן! די טאָכטער האָט זיך מיט זיי געטערעבנט זייער מיאוס, עפּעס נישט ווי א מאַמזעל, וואָס שפּילט פּיאַנע, נאָר ווי א פּשוט באַרדיטשעווער מיידל, וואָס קאָן עפּענען א מויל אקעגן דעם טאַטן מיט דער מאַמע. גאָט ווייסט, וואָס זיי וואָלטן געטאָן מיט איר, ווען עס זאָל זיך נישט געווען אונטערכאַפּן דער שידוך פון סטרישטש, אזא גליקלעכער, גילדענער שידוך! מאיר האָט איבערגעהויבן בײדע הענט צו גאָט און האָט געזאָגט „ברוך שפּטרני", פאַרזאָגנדיק שוין אויף קינדס־קינדער מער קיין פּאַר־טעפּיאַן אין שטוב נישט האַלטן.

אַרויסבאַגלייטנדיק די טאָכטער קיין סטרישטש אין אַזא גוטן אופן, האָבן זיך אירע עלטערן פון איר נישט פאַרזשאַלעוועט אפילו אויף א גראָשן; און אויך פון דאָרטן, שרייבנדיק זיי גוטע פריילעכע בריוועלעך, האָט זיי פערעלע נישט אונ־טערגעהאַלטן אפילו מיט אַזויפיל, וויפל א טרונק וואַסער איז ווערט. זי האָט זיך אַקעגן אירע אייגענע זייער נישט פיין אויסגעשטעלט.

אָט אזא מין סאָרט „מאַדאַם" איז געווען פערעלע די דאַמע.

XIX

א נייער פאַרשוין באַווייזט זיך — בערל אייזיק הייסט ער — און יאַטעלע פאָרט אין א קאַרעטע

דער נגיד האָט גליק צו אַלצדינג; לאַ־די וואָס ער איז רייך און קאָן זיך אָנטון „כל הפּערגעניגן" אין דער וועלט, איז ער תמיד צווישן א מחנה משרתים, וואָס זענען גרייט אים צו באַדינען אומזיסט, מיינענדיק, טאָמער וועט זיי עפּעס אַרויסקומען א טובֿה דורך דעם. די נגידים, זעענדיק פאַר זיך אַזויפיל משרתים, מיינען, אז עס קומט זיי, מע זאָל זיי באַדינען אומזיסט באַזונדער

מסתמא זענען זיי דאָס ווערט, און דערפאַר קוקן זיי אויף דעם גאַנצן עולם א ביסל פון דער הייך, אַזוי ווי עס באַדאַרף קוקן א פּריץ אויף זיינע קנעכט. אָט אַזעלכע מיני פּריצים זענען ביי זיך געווען די סמאָרישטשער נגידים, די אַקציזניקעס, ווי מע האָט זיי דאָרט אָנגערופן. יעדערער פון די דריי ברידער האָט געהאַט אַרום זיך זיין מנין יידן, זיינע חסידים, האָס הייסט, זיינע אומזיסטיקע משרתים. איטלעכער משרת האָט זיך געפּלייסט זיין וואָס נעענטער צו זיין נגיד, און אז דער נגיד האָט עמעצן באַוויזן א ביסל מער התקרבות, פלעגט זיך יענער שמעלצן, איינבייגן זיך אין דרייען און קריכן אין דער ערד אַריין. איינער פון די געטרייסטע און נאָענטסטע אומזיסטיקע משרתים ביי משה וואָלף, זאָל האָבן א ליכטיקן גן-עדן, איז געווען בערל אייזיק. ווער איז געווען דער האָזיקער בערל אייזיק און וואָס איז ער געווען — איז שווערלעך צו זאָגן אַקוראַט, מחמת קיין מועכין עפּעס האָט ער נישט געהאַט גאָרנישט; ער האָט זיך געדרייט אַרום משה וואָלפן, זיך געריבן דאָרט און געהאַט זיך ווי עס איז זיין אויסקומעניש. ער האָט זיך גערעכנט אפילו מיט משה וואָלפן שטיקלעך קרובים דאָרטן, געשוועסטערקינדער; נאָר ער האָט אַרויסגעזען, אַז משה וואָלף וויל דאָס נישט ליידן, האָט ער די קרובהשאַפט פאַרבויגן אין א זייט — א דאגה אביסל, איז נישט קיין קרוב, אבי א נגיד... א טבע האָט בערל אייזיק געהאַט גיין פּאַוואָליע, קוקן אין א זייט, רעדן שטיל, בגעימותדיק, געציילטע ווערטער, נישט דערקוטשען יענעם, ווי אנדערע האָבן ליב, און תמיד אויסוואַקסן נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט אים באַדאַרפט. דערפאַר האָט ער זיך טאַקע ביי משה וואָלפן איינגעקויפט מער פון אלע אין שטוב אַריין. אז עס פלעגט זיך מאַכן, ווען מע האָט אים געגעבן א פּסק, אויסגעזידלט, פלעגט דאָס בערל אייזיק צונעמען, אַריינלייגן אין קעשענע אַריין — און שאַ. „אלע נגידים זענען אַזוי״, — פלעגט נאָכדעם בערל אייזיק זאָגן. — „עס קומט די צייט, ווען זיי באַדאַרפן שרייען, מוז מען זיי לאָזן זיך אויסשרייען״...

אין דער גאַנצער צייט, ווען משה וואָלף איז געלעגן קראַנק, איז בערל אייזיק נישט אַרויסגעקראָכן פונעם הויף; ווי א געטרייער הונט, האָט ער געהיט די שטוב, אכטונג געגעבן, נאָכגעשמעקט און נאָכגעקוקט איטלעכס ברעקעלע שפּילעריים, גייענדיק פּאַמעלעך און אויסקוקנדיק איטלעכס ווינקעלע. ער האָט געהאַט א שטיקל אָנזאָג פון משה וואָלפס צוויי ברידער, אז באַם, חלילה, משה וואָלף וועט האַלטן שלעכט, זאָל ער תיכף-ומיד זיי געבן א ידיעה, מחמת אלט און קראַנק איז ער דאָך, און קיין קינדער האָט ער נישט, און פאַרלאָזן זיך אויף איר, אויף דער בהורטע, איז נישט קיין פּלאַן... בערל אייזיק פאַרשטייט אַ עסק, קיין פינגער אין מויל באַדאַרף מען אים נישט לייגן. ער האָט זיך זייגט, ווי ער האָט געקאָנט, אָפּגעטאָן, אַזוי, אז בשעת משה וואָלף האָט נאָך געהאַלטן ביי דער גסיסה, זענען שוין ביידע ברידער געווען אין שטוב. נו, געוויינלעך,

האָט בערל אייזיק דערצו נישט דערלייגט גאָרנישט. פונדעסטוועגן, אַז משה וואָלף איז געשטאָרבן, איז זיך בערל אייזיק געבליבן ביי זייגעם: אַז דער נגיד איז נישטאָ, איז די נגידית אַ נגיד — וואָס פאַרשטייט מען דאָ נישט? די גאַנצע צייט פון שבעה און פון שלשים האָט זיך בערל אייזיק שטענדיק געפונען אין הויף, נישט אַרויסגעטראָטן פון דאָרטן אויף קיין מינוט, טאָמער וועט מען אים באַדאַרפן. פערעלע די דאַמע האָט אים אָבער באַדאַרפט אויף כפרות: יעדער סטרושטשער יידל איז ביי איר געווען טריף, נמאס ומאוס. אויך לאַהצי די פּאָקאָ־יאָווע האָט אים פיינט געהאַט שנאת־מות. „אָט דער יונגערמאַן — פלעגט זי זאָגן — מיט זיינע שטילע ריידעלעך און מיט זיין קוקן אין אַ זייט זיצט מיר אין האַרצן, איך קאָן אים נישט אָנקוקן!" בערל אייזיק האָט דאָס גאַנץ גוט געוווּסט, און ער האָט זיך געפלייסט, ווי ווייט מעגלעך, איר צו געפעלן, טרעפן איר משונעת: „נישט היינט איז מאָרגן, — האָט ער זיך געטרייסט — עס וועט קומען אַ צייט, — פרידע קאַזאַ דאָ וואָזאַ, — ווי זאָגט זיך דאָס"... און עס איז געקומען די צייט.

יענעם שבת פאַרנאַכט, ווען פערעלע די דאַמע האָט אָנגעפלעקט איר האַריז פאַר איר פּאָקאָיאָווע, האָט זיך לאַהצי גראָד באַדאַרפט באַגעגענען מיט בערל אייזיקן, ווי ער גייט זיך אַזוי אַרום איבערן הויף ושבתדיק, מיט דעם פאַטשיילע איבערן האַלדז, אונטערזינגענדיק שטיל אַ לידעלע, ווי דער שטייגער איז, אַז עס קומט שבת פאַרנאַכט.

— ווען רעכנט איר, הייסט דאָס, פאָרן? — מאַכט בערל אייזיק צו לאַהצין, פאַרגנבענדיק זיך צו איר מיט אַ זייטיקן קוק.

— פאָרן? — ענטפערט לאַהצי, אָנגעברוגזט ווי תמיד. — איר זענט שוין פאַרטיק מיטן פאָרן!

— וואָס זשע? נאָך נישט איינגעפּאַקט צונויפגעלייגט? — פרעגט ער מיט אַ זיס שמייכעלע און דאָס גאַנצע פנים ווערט אים אין קנייטשן.

— וואָסער צונויפגעלייגט? — מאַכט לאַהצי מיט כעס. — עס גייט אים דערינען! ס'איז דאָ נייטיקערס דערפון!... הערט נאָר אויס, בערל אייזיק! איר זענט דאָך אַ גוטער באַרימטער, איך קען אייך דען נישט? איך וועל אייך עפּעס פרעגן אַ זאַך, איך וועל אייך עפּעס דערציילן. נאָר איר זאָלט מיר פריער שווערן ביי אייער ווייב און קינדער, אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלייבן.

בערל אייזיקס פנים, וואָס האָט ביז אַהער געשמייכלט, איז מיטאַמאָל גע־וואָרן ערנסט. לאַהצי האָט ביסלעכווייז, שטיקלעכווייז אויסדערציילט די גאַנצע מעשה און אים גאָבאַמאָל באַשוואָרן, אַז קיין פויגל זאָל דערפון נישט וויסן. בערל אייזיק האָט אויסגעהערט, אַ ביסעלע אַ טראַכט געטאָן, וואַרפנדיק מיט די קאָפּעע אייגעלעך זייגע אויף אַלע זייטן, און האָט אַ זאָג געטאָן צו לאַהצין:
„ס'איז רעכט; היינט, נאָך הבדלה, איז ער דאָ".

— געדענקט זשע, בערל אייזיק, איר האָט מיר געשוואָרן ביי ווייב און קינדער, אז ס'איז א סוד.

— אַ סוד, אַ סוד! — האָט איר בערל אייזיק אַ זאָג געטאָן און איז פּאַוואָליענקע אוועקגעגאַנגען אויף דער אכסניה, וו יאָסעלע סאָלאָוויי האָט געהאַלטן סטאַנציע מיט דער גאַנצער חברה משוררים.

דער שמועס, וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען צווישן בערל אייזיקן און גדליה באָם, איז געווען טיף דיפּלאָמאַטיש. מע האָט זיך ביידע גוט געהיט איינס פאַר דאָס אנדערע, געבויגן זיך אויף אַלע זייטן, ווי צוויי געלערנטע, געניטע גבורים, אזוי לאַנג, ביז מע האָט זיך צונויפגעשמועסט, אויסגעגליכט און ביידע איינעם צוגעקלערט א רעכטן פּלאַן, וויאזוי דעם ענין דורכצופירן, ווי געהעריק איז.

לכתחילה האָט גדליה געזען, אז יאָסעלע זאָל זיך באַקענען מיט פערעלע דער דאַמע און זאָל גאָרנישט אָנהייבן צו וויסן צוליב וואָס: „גלאַט, מהיכא תיתי, — אזוי האָט אים גדליה געזאָגט שבתצונאַכטס נאָך הבדלה, — ס'איז דאָ א נגידית, פערעלע די דאַמע רופט מען זי, זי איז א בעלנטע זיך צו באַקענען מיט דיר. זי קען זיך מיט אַלע גרויסע חזנים פון דער וועלט און האַלט זייער פון זינגען, שפּילט אליין אויך פּיאַנע. וואָס קאָן עס דיר ארן, אז דו וועסט זיך דורכגיין אהינצו?“ יאָסעלע האָט אים געפאָלגט. זיי זענען ביידע, ער און גדליה באָם, ארויפגעגאַנגען צו פערעלען אהיים און דערזען פאַר זיך א גרויס, ליכטיק הויז, גאַנץ רייך געמעבלירט, שיין אויסגעפּוצט, מיט סאַמעטענע דיוואַנעס, ווייכע פאָטעלן, קרישטאָלענע און בראָנזענע הענגלייכטער, הויכע מוראדיקע שפּיגלען, וואַזאָנעס פארשידענע מיט בילדער און אַלערליי און גאָלדענע ראַמען. באַטראַכטנדיק דאָס אַלצדינג כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן, האָט זיך יאָסעלען דער קאָפּ פאַרדרייט. „ווען די זאָלסט זיין א מענטש, — האָט אים גדליה איינגערוימט א סוד אין אויער, — קאָן אָט דאָס אַלצדינג זיין דיינס“... יאָסעלע האָט א קוק געטאָן פאַרוואונדערט אויף גדליהן, און האָט זיך אָנגעשטויסן, אז עס האַנדלט זיך דאָ מכח א שידוך — און יאָסעלע איז אין דער ערשטער מינוט גרייט געווען פאַרקערעווען דעם דישעל צוריק און אַנטלויפן פון דאַנען; ער האָט געמיינט, אז ער וועט אין דער ערד אריין פאַר פחד און פאַר בושה... „אַנטלויף, יאָסעלע, פינדאַנען, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַנטלויף כל זמן די פיס טראָגן דיך, אַנטלויף אהיים, אַנטלויף ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, אבי גיכער!“ נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט: עס איז אים געקומען אַקעגן פערעלע די דאַמע, א שיין ווייבל, איינגעטונקען אין גאָלד און באַהאָנגען מיט אַ סך צירונג. באַטראַכטנדיק די דאָזיקע „דאַמע“, איז אים געקומען אויף די געדאַנקען אסתר, די טייערע געטרייע אסתר, מיט וועלכער ער וועט זיך זען, אם־ירצה־השם, גאָר אין גיכן, און פאַרגלייכנדיק זי מיט אסתרן, האָט ער אינעווייניק ביי זיך געלאַכט: „ווייס איך? איך וועל אזעלכעס טון? איך וועל נעמען און וועל פאַר-

בייטן אסתרן אויף דער דאָזיקער? ס'א משל! א פאַרגלייכעניש א ביסל!"... פּערעלע די דאַמע האָט אים געגעבן די האַנט, אַ קליין ווייס הענטל און אַ קאַלטס, און ער האָט דערפילט, אַז דאָס קאַלטע הענטל ברענט אים, און פאַר זיינע אויגן איז אים עפּעס ווי אַ טומאַן איבערגעצויגן געוואָרן, און די אויערן האָט אים געקלונגען, דער קאָפּ האָט זיך אים ווי געשפּאָלטן, און ער האָט זיך גיך פאַרלאָרן.

כמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן איז יאָסעלען אויסגעקומען צו הערן שפּילן פּיאַנע. הערן פונדערווייטן האָט ער געהערט נישט איין מאָל; נאָר זיצן בשעת שפּילן אַזוי נאָענט נעבן אַ שיין ווייבל און קוקן, ווי מיט די קליינע ווייסע פינגערלעך ציט זי אַרויס פון דאָרטן אַזעלכע ווייכע קולות, אַזעלכע שיינע מע־לאָדיעס — דאָס האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן. עס איז גע־וואָרן פאַר אים פול דער גאַנצער זאַל מיט די דאָזיקע קולות, און פּערעלע האָט באַקומען אין זיינע אויגן נאָך מער חן, ווי פריער. עס באַקומט ביי אים גיך, ווי אַלע מאָל, אינגאַנצן גאָר אַן אַנדער פּנים: די שטוב זעט ביי אים אויס ווי אַ פּאַלאַץ, און פּערעלע — אַ פּרינצעסין; ער קומט אַריין אַהער עפּעס מיט חי־הישים, מיט נסים ונפלאות, און הערט די געטלעכע קולות, וואָס שמירן אים דאָס האַרץ, ווי מיט בוימל, וואָס גלעטן אים די נשמה, געבן אים אַריין אַ נייעם מין חיות, און עס ווילט זיך אים מיטהעלפן, עס ווילט זיך אים זינגען גלייך מיט די קולות אינאיינעם. יאָסעלע סאָלאָוויי הייבט אָן צו זינגען, אונטערהאַלטן נאָכן טאַקט, צעגיסנדיק זיך אויף זיין האַלדז, אויף זיין זעלטענעם קונציקן האַלדז, אין אַזעלכע זיסע, צאַרטע געזאַנגען, אַז פּערעלע די דאַמע הערט אויף צו שפּילן און הערט זיך איין אין זיין זינגען. נאָר יאָסעלע בעט זי, אַז זי זאָל אים שפּילן נאָך און נאָך. זי שפּילט און ער זינגט, פאַנטאַזירט, צעגיסט זיך, פאַרגייט זיך, צעשיט זיך אין קנאַקט ווי אַ סאָלאָוויי...

גדליה כאַס, וואָס איז געזעסן צעלייגט אין אַ ווייכן פאָטעל אין דער זייט, האָט שוין לאַנג נישט געהערט פון יאָסעלען אַזאַ מין זינגען, ווי יענעם שבת־צונאַכטס ביי פּערעלע די דאַמע. גדליהס פאַרדאָרבענע נשמה, וואָס האָט גע־וווסט נאָר געלט, האָט זיך איך אין דער צייט, ווען יאָסעלע האָט זיך דאָ צע־זונגען, געפרייט, ממש מחיה געווען. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַטראַכט, אַז ס'איז אַ סך געזונטער פאַר אים און אַלע אויפנים, ער זאָל זיך בעסער אוועקגיין אויף דער אכסניה, און יאָסעלע זאָל בלייבן דאָ הערוויל אַליין, אָן אים. לאַהצי די פּאָ־קאָיאָווע האָט אים אפילו מיט גרויס גדלות צוגעטראָגן אויף אַ זילבערנעם טאַץ אַ פיינע גלאָז טיי, נאָר גדליה האָט זיך פון דער טיי אָפּגעזאָגט, האָט אַ מורקע געטאָן, אַז ער באַדאַרף ערגעץ גיין, און האָט זיך פאַוואָליענקע פון דאָרטן אַרויס־גערוקט.

ערשט אַרום האַלבע נאַכט, שוין קלויבנדיק זיך גיין אהיים, האָט זיך יאָסעלע אַרומגעקוקט, אַז גדליה איז נישטאָ. פערעלע, יאָסעלע און לאַהצי האָבן זיך אַלע דריי צעלאַכט, און ס'איז געבליבן, מע זאָל אויפוועקן דעם קומשער, איינשפּאַנען די קאַרעטע און אָפּפירן אים אהיים. מע האָט אָבער דעם קומשער פאַרשפּאָרט שוין וועקן; ער איז געשטאַנען גרייט מיט דער קאַרעטע בײַ דער טיר; אויף דער שוועל איז געזעסן און האָט געדרימלט בערל-אייזיק. לאַהצי האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן פאַרשלאָפן-וואַכנדיק פּנים און האָט צו אים פריינדלעך אַ זאָג געטאָן: „דאָס האָט איר, רב בערל אייזיק, צוגעגרייט די קאַרעטע? ע, איר זענט דאָך עפּעס גאָר...!“

— נו, ווי מיינסטו, לאַהצי, ער איז מיינער? האָט פערעלע די דאַמע אַ פרעג געטאָן בײַ איך פּאָקאָיאָווע, שטייענדיק שוין כמעט אַ נאַקעטע און אַ וואָרף טוענדיק זיך אין בעט אַרײַן.

— נאָך אַ מין אייערער! — האָט איר לאַהצי דערויף געענטפערט, איבערדעקנדיק די „מאַדאַם“ מיט אַ ווייכער אַטלעסענער קאָלדרע. — נאָך אַ מין אייערער! איר האָט דען נישט אַרויסגעזען נאָך זײַנע גלאַנצנדיקע אויגן, אַז ער איז שוין אָפּגעקאָכט?

— לאַהצי, האַרץ מײַנס, נשמה מײַנע! — האָט איר פערעלע געענטפערט, אַרומכאַפּנדיק די פּאָקאָיאָווע און צוקוועטשנדיק זי צום האַרצן שטאַרק-שטאַרק!

און יאָסעלע סאָלאָווײ, פאָרנדיק פון פערעלען צו זיך אויף דער אַכסניה און זיצנדיק צעלייגט אין דער ווייכער קאַרעטע, פילט עפּעס אַ נײַ מין לעבן אין זיך, און פערעלעס געשטאַלט שוועבט אים פאַר די אויגן: ער פאַרגעסט זיך, וווּ ער איז אין דער וועלט; ער קלערט נאָר וועגן איין זאַך: מאָרגן ווידער קומען, ווידער זען פערעלען און ווידער הערן זי שפּילן... אויך אַן אַנדער מחשבה פליט אים דורך אין קאָפּ: עס שטעלט זיך אים פאָר די „ריש אַלפים“, וואָס גדליה האָט אים פאַרבײַגייענדיק אַ זאָג געטאָן... עס פּיקט זיך אים אין קאָפּ עפּעס אַ פּלאַן. עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז ער פאָרט דאָס אַרײַן קיין מאַזעפּעווקע מיט אַ קאַרעטע און מיט פיר ברענענדיקע פערדלעך. די שטאָט שטייט, קוקט און חידושט זיך. דער טאַטע לויפט אַרויס אַקעגן: „ברוך הבא, יאָסעלע!“ ער כאַפּט אַרויס אַ פּאַק אַסיגנאַציעס און מאַכט צום טאַטן: „נאַ דיר, טאַטע, צען טויזנט... צוואַנציק טויזנט... וואַרף אַוועק דאָס חזנות, שוין צײַט, בלעבן!“...

און אסתר? אין דער מינוט פאַרגעסט גאָר יאָסעלע, אַז ס'איז דאָ אַן אסתר אויף דער וועלט, וואָס קוקט אַרויס אויף אים אַזוי לאַנג! און ווען אסתר קומט אים שוין יאָ אַרויף אויפן זינען, וויל זיך גאָר יאָסעלע נישט קיין פרעג טאָן: „וואָס איז דאָ קשה?“...

XX

ער פאַלט אריין אין דער נעץ אריין און קוקט זיך ארום שוין א ביסל צו שפּעטלעך

א סך שווערער איז פאר יאָסעלען געווען אריינצוקומען דאָס ערשטע מאָל צו פערעלען אין שטוב אריין, ווי איידער צו שרייבן תנאים און גיין מיט איר צו דער חופה... גדליה באס האָט שוין אליין גענומען אויף זיך אלצדינג, אָפּגעשמועסט מיט די רבנים, חזנים, שמשים. ער איז אליין געלאָפן אומעטום, אליין באַקומען וואָס מע באַדאַרף און אלצדינג פארטיק געמאַכט צו דער חתונה. אַ ביסל האָט אים צוגעהאָלפן, געוויינלעך, בערל אייזיק זיין שותף. א גוט שטיקל ארבעט האָט אויף זיך געהאַט גדליה; ער האָט באַדאַרפט אויסשטיין א מלחמה מיט פערעלעס צוויי שוואָגערס די אקציזניקעס. זיי האָבן זיך געשטעלט אקעגן שטאָל און אייזן און האָבן געזאָגט: איין מאָל פאר אלע מאָל, בלוט זאָל זיך גיסן אין די גאַסן, זיי וועלן נישט דערלאָזן ביי זיך אין סטרישטש, אזעלכע בזיונות. „לאָז זי פאָרן געזונטערהייט קיין באַרדיטשעוו — האָבן זיי געזאָגט — און דאָרט אויסהענגען זיך אויף וועמען איר איז ליב. מיר וועלן גאָר נישט דערלאָזן אזא בזיון פאר אונדזער געשטאָרבענעם ברודער, וואָס דער אָרט זיינער איז נאָכנישט אָפּגעקילט געוואָרן. וואָס הייסט דאָס? וואָס איז דאָס פאר א הפקרות געוואָרן?!“.

גדליה פון זיין זייט האָט אָבער אויך נישט געשוויגן. ער האָט געהאַט א כח, מיט האַלבע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז, איבערערעדן א האַלבע וועלט מיט מענטשן. ער האָט זיי באַוויזן, אז, ערשטנס, איז דאָס פאר זייער ברודער, עליו־השלום, גאָר א כבוד, נישט קיין בזיון, חלילה, מחמת ווער ווייסט, צו וועמען די אלמנה קאָן אריינפאַלן מיט אזא גוטס היינטיקע יאָרן? יאָסעלע איז פאָרט א טאַטנס א קינד; ער קומט ארויס פון רבנים און האָט היינט אויך צוויי רבנים מיט דריי דיינים אין דער משפחה. והשנית, מיינט ער דאָ חלילה נישט דאָס געלט אירס, מחמת ער איז אליין אויך גענוג רייך, אָן עין־הרע, ער האַלט געלט אויף פראָצענט. א קלייניקייט, אזא גאָלדשפּינער? און א קערבל איז ביי אים טייער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג!... גדליה, נישקשה, האָט געוווסט מיט וואָס מע קאָן נעמען א סטרישטשער נגיד. דערצו איז ער געוואָר געוואָרן, אז די אקציזניקעס האָבן א טענה צו דער אלמנה עפּעס מכוח א בשותפותדיקן קאָנטראַקט אויף א פּריץ, — האָט זיך גדליה אריינגעלייגט און געפּועלט ביי איר, זי זאָל זיי דעם קאָנטראַקט אָוועקגעבן, כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! — פערעלע האָט זיך אפילו גוט געקנייטשט דערביי, נאָר זי איז געווען אזוי פארקאָכט אין דעם שידוך, אז זי האָט מיט א שווער האַרץ דעם קאָנטראַקט אָוועקגעגעבן, און

אויפן דריטן טאָג נאָך די תנאים האָט מען געשטעלט א חופה, און דער עולם איז זיך צעפאָרן איטלעכער אין זיין רו אריין. גדליה האָט זיך צערעכנט מיט זיין חברה משוררים און איז אוועקגעפאָרן אהיים מיט א היפשער „אפּותיקי", וואָס וועט אים קלעקן אז אויף התונה מאַכן די טאָכטער, אז איבערלאָזן זיך אויך עטלעכע קערבלעך. אים איז דאָס אָפּגעראָטן אין אלע אופנים ארום און ארום. די לעצטע צייט האָט גדליה באַם געהאַט יסורים פון דעם, וואָס יאָסעלעס שטימע הייבט אָן צו פּאַלשעווען א ביסל, און אַט אַט וועט ער זי אָנווערן אינגאַנצן, ווייל ס'איז געקומען די צייט, וואָס „דאָס קול בייט זיך", און ביז ער וועט באַקומען די רעכטע שטימע, קאָן אוועקגיין א יאָר און צוויי. „אַציגער — האָט זיך גדליה געקלערט — מעג ער שוין באַקומען א קול פון א בת=היענה און זינגען ווי א שלייען, וועל איך מיך אויך נישט זעצן וויינען"... נאָר געזעגנט האָט ער זיך מיט יאָסעלען ווי מיט אן אייגן קינד, צוגעווונטשן אים, ער זאָל זיך „מיט איר" עלטערן און אין עושר און כבוד, און שוין מער נישט באַדאַרפן אָנקומען צום עמוד ווייל ער וועט לעבן.

און פּערעלע די האָמע האָט זיך אויסגעהאָנגען יאָסעלען אויפן האַלדז, נישט אָפּצוטרעטן פון אים אויף קיין מינוט. לאַהוצי די פּאָקאָיאָווע האָט זינגענדיק איינגעלייגט די קלומקעס אין וועג אריין. דאָס האַרץ האָט איר געצאַפּלט פאר שמחה, דערמאָנענדיק זיך, אז אין עטלעכע טעג ארום וועט זי זיך קאָנען זען מיט לוי מאָטלען. בערל אייזיק האָט איר צוגעהאָלפן פּאַקעווען, געלאָפן, געטאָן, געהאָרעוועט, גלייך ווי ער געהער זיך עפּעס היינט אָן מיט פּערעלען. „אויף די נגידים — אזוי האָט זיך בערל אייזיק געקלערט — ווערט קיין זאַך נישט פאַרפאַלן; איך זאָג מיר מיינס: פרידע קאָזאַ דאָ וואָזאַ — צוליעבן לייגט מען צו זיי נישט צו"... בערל אייזיק האָט אָבער, אוי=וויי, א גראָבן טעות געהאַט. צום געזעגענען זיך האָט אים פּערעלע די האָמע „אפילו אויף דער האַנט נישט אָנגעשפּיגן!"... ווי אַ קעצעלע, ווי א נעבעכל, איז זיך בערל אייזיק געשטאַנען, דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אַ ביסעלע צוגעשמייכלט און אַלץ געהאָלפן, אַלץ באַדינט איטלעכן באַזונדער און צוגעווינטשעוועט שטיל מיט אַ רחמנות=פּנים: „פאָרט געזונטערהייט! פאָרט געזונט!" און אין האַרצן האָט אים געברענט א פייער: „אזא כלבטע, אזאַ געשלייערטע האַנדזי — האַלדז און נאַקן זאָל זי ברעכן אויפן גלייכן וועג, רבונו של עולם!"... „פאָרט געזונטערהייט! פאָרט געזונט!" — האָט בערל אייזיק געזאָגט צום לעצטן מאָל, אנטערהייבנדיק דאָס היטל און איינבייגנדיק זיך אין דרייען, און די מחשבות האָבן אים אוועקגעטראָגן צום פּעקל אַסיגנאַציעס, וואָס גדליה האָט אים געגעבן חלק פונעם שדכנות=געלט און וועלכעס האָט אים געוואַרעמט דעם בוזעם און געגלעט, ווי עפּעס אַ טייערע=טייערע זאַך... און אזוי זענען אונדזערע דריי פאַרשוינען, פּערעלע, יאָסעלע און לאהצי די פּאָקאָיאָווע, געזעסן אין אַ גרויסן, ווייכן טאַראַנטאַס, מיט פיר פערד געשפּאַנט, און מען איז

געפֿאָרן פֿון סטרישטש קיין באַרדיטשעוו מיט פֿריילעכע הערצער. לאָהוצי האָט דעם גאַנצן וועג כלומרשט געדרימלט, זי זאָל נישט זען, ווי די „מאַדאַם" הענגט בײַ יאָסעלען אויפֿן האַלדז און מע לאַכט און מע קושט זיך און מע האַליובעט זיך, ווי די טייבעלעך... „קוים דערלעבט! — האָט זיך לאָהוצי געקלערט אין האַרצן. — קיין בינטל גראָז אויפֿן קבר נאָכנישט אויסגעוואַקסן, די נשמה נאָכנישט איסגעלײַטערט אויף יענער וועלט, און זי הענגט זיך שוין! און אָפּגעזיכט — טאַטעניו! נישט געקאָנט צוּוואַרטן אַ ביסל, נישט אויפֿהענגען זיך אויף אַ חזן גאָר, כי־כי־כי! מײַן לוי מאָטל זאָל דאָ זײַן, וואָלט ער עס געקאָנט לאַכן אַ ביסל! די נגידים ווייסן שוין דען וואָס אויסצוטראַכטן פֿאַר גרויס ראָסקאָש?... מאָל דיר, מײַן מאַדאַם איז אויך אַ גוטע שטוקע, נישקשה, מיט די גוטע ריידעלעך: נשמהניו, האַרצעניו, ליובעניו — ביז דער קעשענע. איך לייג צוגויף דאָס גרעט אירס, ליבער גאָט, כאָטש האַלב אויף מיר געזאָגט געוואָרן; האָב כאָטש אַ ברעקל סאָוועסט, נעם אַרויס אַ פֿאָר זאָקן, פֿון יוצא וועגן, צי אַ העמד, צי אַ קליידל אַן אַלטס, צי וועלכע גוטע יאָר, און זאָג: נאַ, לאָהוצי, האָב פֿון מיר אַ געדעכעניש... ווער, וואָס? אַן אַנדערע אויף מײַן אָרט וואָלט מסתמא געוואָרט אויף כבוד, יאָ־נו? זי וואָלט איר צעטראַסקעט די ביינער, קיין פֿאָדעם נישט איבערגעלאָזט, וואָס דען? אַזוי ווי איך בין אַ הורגאַ איז גוט? פֿונמייגעטוועגן לאָז זי זיך אָנציגדן מיט איר גאַנץ פֿאַרמעגן, מיט אַלע אירע שמאַטעס, און איך — לאָז מיר גאָט העלפֿן קומען אַהיים בשלום און קלערן מכח אַ חופּה שטעלן"...

אַזעלכע רעיונות שוועבן אַרום בײַ לאָהוצין אין קאָפּ, בשעת פֿערעלע און יאָסעלע קושן זיך, האַלדזן זיך, האָליובען זיך, און די פֿערד טראָגן דעם טאַראַנטאַס מיט די דרײַ פֿאַרשוינען, דורכלאָזנדיק פֿאַרבײַ פֿעלדער און וועלדער, דערפֿער און שטעטלעך. קיינער פֿון זיי באַמערקט נישט, וווהין די צײַט גייט אַוועק. איטלעכער איז זיך פֿאַרנומען מיט זײַנע מחשבות, יעדער האָט זיך זײַנע השגות, זײַן פֿאַרגעניגן. פֿערעלע איז נאָך קיינמאָל אין איר לעבן נישט געווען אַזוי גליקלעך, ווי אַצינד, פֿאָרנדיק מיט איר שיינעם „העלד", איר „ענגל". ער איז אירער, א י ר ע ר! פֿון דעם איינציקן געדאַנק, אַז אַזאַ „העלד", וואָס נאָר אין אַ ראָמאַן טרעפֿט זיך אַזעלכן צו באַגעגענען, אַז אַזאַ „ענגל" איז א י ר ע ר, — ווערט איר דער קאָפּ פֿאַרדרייט, זי ווערט ווי פֿאַרשיכורט און זיס פֿאַרשלאָפֿן...

און יאָסעלע סאָלאָווײ?

* * *

יאָסעלע סאָלאָווײ, אַז ער האָט זיך נאָכדעם אַרומגעקוקט, ווו ער איז אין דער וועלט, וואָלט ער געמעגט שווערן, אַז ער געדענקט לחלוטין נישט, וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן אין יענער צײַט. ווען, ווו, וויאַזוי האָט ער חתונה געהאַט פֿאַר

פּערעלע דער דאַמע, — געדענקט ער נישט, ער געדענקט נאָר, ווי אַ געדיכטער טומאַן האָט אים אַרומגענומען אַרום און אַרום, ווי עס האָבן אים געשעמערירט פאַר די אויגן גאָלד און דימענטן און בריליאַנטן, וויאַזוי עס האָבן זיך אָוועקגעצויגן פאַר אים עטלעכע ליכטיקע, פריילעכע, יום-טובדיקע טעג, וויאַזוי מענטשן האָבן אים באַדינט, גלייך ווי ער וואָלט זיין אַ פּרינץ, אַ בן-מלך, און זי, די בת-מלכה, פּערעלע, ביי דער זייט, זי טרעט נישט אָפּ פון אים אויף קיין מינוט, הענגט איבער אים, האַלדזט אים, קושט אים, האָליעבעט אים: „יאָסעלע, יאָסעלע מיין זיס לעבן, נשמה מיינע, מיין העלד, מיין ענגל!“ און נאָך אַזעלכע זיסע ווערטער... און עס דרייט זיך אים דער קאָפּ. ער פילט, ווי ער איז אין אַ טשאַד, ווי פאַרטומלט, פאַרשמעליעט. און ער געפינט זיך אין אַ מין גן-עדן התחתון, דאָרטן ווו בשמים מיט אַלערליי געווירצן שמעקן, ווו עס רינט ווייִן און בוימל און מאַנדלען וואַקסן, ווו פייגעלעך זינגען און מענטשן גייען אַרום פראַנק און פריי. און עס זינגט זיך אים אַזוי געשמאַק און אַזוי זיס, נאָר אָן אַן אויפהער. פּערעלע שפּילט פּיאַנאָ און ער זינגט, און די גאַנצע וועלט איז אים פול מיט קולות, מיט געזאַנגען. ער וואָלט אייביק-אייביק אַזוי אַרומגיין פראַנק און פריי אינעם דאָזיקן גן-עדן און וואָלט נאָר געזונגען און געזונגען... אויך דאָס פאָרן זיינס פון טריעסט קיין באַרדיטשעוו, אינעם ווייכן טאַראַנטאַס, אויף דער וואַרעמער, שמעקעדיקער ליפּע, מיט פּערעלען ביי דער זייט, האָט אויסגעוויזן יאָסעלען ווי אַ זיסער חלום. ער האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון, ווהין ער פאָרט און צו וואָס ער פאָרט; ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער חלום זאָל געדויערן לאַנג-לאַנג, אָן אַן אויפהער, אָן אַ סוף. אַ חלום אָבער דאָ אויף דער וועלט, ווו דאָס לעבן איז נאָר אַ מינוט, אַ רגע, קאָן אייביק נישט געדויערן; אַ חלום מוז האָבן אַמאָל אַ סוף; עס קומט די צייט, מוז מען זיך אויפכאַפּן, עס העלפט נישט קיין וועלן דערצו... און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן, ווו ער איז אין דער וועלט, ווי אַ שיכור, אַז ער כאַפּט זיך אויף דעם אַנדערן טאָג צו אויסגעניכטערטער, און האָט אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן אויף אַלע זייטן.

„רבונו של עולם! — טראַכט ער זיך — ווו בין איך דאָס?“

ער דערזעט פאַר זיך אַ גרויסע שטאָט, נאָר אַ פינצטערע, אַ וויסטע, אַ בלאָטיקע. יידן און ווייבער שיטן זיך אויף און אָפּ. ער הערט אַ געשריי פון באַלעגאָלעס, אַ געדערעדעריי פון קרעמערינס, אַ געשעלטעריי פון טרעגערס. די בלאָטע מיט אירע ריחות לאָזט זיך הערן אַזוי שטאַרק, אַז מע מוז פאַרשטעלן די נאָז. ווו איז ער דאָס? — אין באַרדיטשעוו. דער טאַראַנטאַס שטעלט זיך אָפּ ביי אַ גרויסן בלאָטיקן פינגאַרנדיקן מויער, און דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר מיט בלאָטיקע טרעפּ קומט מען אַריין אין אַ שטוב אַריין. יאָסעלע דערזעט פאַר זיך אַ לאַנגן טרוקענעם יידן מיט אַ קאַפּעליוש און אַ נידעריקע גראָבע יידענע מיט אַ „מושקע“ און מיט אַ שטערנטיכל; דער לאַנגער ייד גיט אים אָפּ שלום, צו=

קושט זיך מיט אים, און די גראָבע יידענע זאָגט אים „דו", גיט אים אָפּ „מזל־טוב", און מע קוקט אויף אים א ביסל פון דער זייט... דאָס זענען זיינע שווער און שוויגער, וועמען פערעלע האָט שוין דורך אַ בריוול מודיע געווען, אַז זי פאָרט אַהיים מיט אַ פיינער ירושה און מיט נאָך אַ מער פיינעם מאַן... אַ שמחה, אַ פרייד: די טאָכטער איז געקומען, דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט! הערט איר שאָדן אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן!... עס קומען זיך צונויף צו פערעלעס עלטערן אַלע זייערע פריינד; מע גיט זיך אָפּ מזל־טוב און מע קוקט אויף יאַ־סעלען, קיין אויג נישט אַראָפּצולאָזן פון אים. ער קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטן, ווי אַ קליין קינד בשעת מע ברענגט דאָס דעם ערשטן מאָל אין חדר אַריין. עס ציטערט אויף אים דאָס היטל, עס זעט אים אויס אַלצדינג עפּעס זייער ניי און זייער פרעמד. ער טוט אַ קוק אויף זיין בת־מלכה, אויף פערעלען; — נאָר נישט די פערעלע, וואָס אין סמרישטש; גאָר אַן אַנדער ווייבל! דאָרט האָט זי אויסגעזען ביי אים מיט אַזויפיל חן, אירע אויגן האָבן דאָרטן געהאַט גאָר אַן אַנדער מין גלאַנץ, און גערעדט האָט זי מיט אים דאָרט גאָר מיט אַן אַנדער מין שפּראַך; און דאָ איז די פריערדיקע פערעלע ווי פאַרשווונדן געוואָרן, און גאָר אַן אַנדערע האָט זיך באַוויזן פאַר זיינע אויגן. הײַנט דאָס לעבן אין באַרדיטשעוו! ער איז גאָר נישט געוווינט צו אַזאַ מין לעבן, צו אַזעלכע שמועסן מיט אַזעלכע ענינים, — אַלץ, אַלץ איז אים געווען פרעמד, און ער אַליין ביי זיך האָט עפּעס אויך אויסגעזען ווי אַ ווילד־פרעמדער. וואָס טוט ער דאָ און וועלכע גוטע יאָר האָבן אים אַהער אַראָפּגעבראַכט? וואָס פאַר אַ מהותן איז ער מיט מאיר זייטשיק און וואָס געהער זיך אָן מיט אים זיין מסחר? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן צו אים פערעלעס הלוואות מיט די וועקסלען מיטן פּראָצענט און מיט אַלע זייערע געשעפטן דאָרטן (פערעלע, קומענדיק אַהיים, האָט זיך באַלד גענומען פאַרטאָן איר קאַפּיטאַל אין „רעכטע הענט"...), אַז אים ווילט זיך גאָר אַהיים, אויף דער פרייער וועלט? אַך, רבונו־של־עולם! צי דען אַזוי האָט ער געקלערט בשעת חתונה האָבן פאַר פערעלען, אַז ער וועט באַדאַרפן נאָכדעם ליגן ערגעץ אין אַ לאָך, צווישן ווילד־פרעמדע, נישט אָנצוקוקן די ליכטיקע שיין, נישט צו וויסן פון אַ וועלט צו זאָגן? ווער רעדט גאָר פון זינגען, צי פון שפּילן? אויפגעשטאַנען אין דער פרי — געטרונקען קאַווע, א קוק געטאָן אין דרויסן דורכן פענצטער — חושך, וויסט, א בלאָטע — זאָל גאָט שומר ומציל זיין. נאָכדעם אויסגעהערט אַ לאַנגן שמועס פון מסחר — ווידער מסחר, ווידער פּראָצענט, ווידער געלט. אָפּגעגעסן מיטאָג — פערעלע גייט אַוועק מיט דער מאַמע איבער די קלייטן אָפּנאַרן די קרעמער, האַנדלען מציאות. יאַ־סעלע קוקט זיך צו און ווערט נבהל ונשתומם, צוהערנדיק, ווי פערעלע שמועסט זיך אויס מיט די ווייבער אויף זייער לשון, שווערט זיך אין זידלט זיך, ווי אַ געניטע סוחרטע. טאָג ווי נאַכט קולות, שבועות, קללות: פערעלע קריגט זיך מיט

־י שוועסטער, קיילעט זיך מיט זיי, נעמט צו און טראָגט אָפּ שפּלעטניעס. טאַטע און מאַמע געבן איר תמיד גערעכט — פאָרט די גבֿירית אין דער משפּחה! וואָס ווייטער ווערט יאָסעלע אַלץ מער אויסגעניכטערט און דערקענט זיין ווייבל, וואָס זי איז. קוקנדיק אויף איר, ווי זי ציטערט איבער אַ גראָשן, באַמערקנדיק אַלע אירע מיאוסע תנועות, קלערט ער ביי זיך: „שוין זשע איז דאָס יענע פּערעלע, וואָס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט דאָרט פאַר אַזאַ ווילע און אַ גוטע, אַזאַ אײדעלע, אַזאַ טייערע — צום סוף!“... ער פּרוווט זיך נאָכאַמאָל אַ רעד טאָן מיט איר מכּח זיינע פריערדיקע פּלענער: פאָרן קיין אויסלאַנד... שטודירן... זינגען... שפּילן... ווער, וואָס? „אַ חזן ווילסטו זיין? — זאָגט זי צו אים און הענגט זיך אויף ביי אים אויפן האַלדז. — וואָס טויג עס דיר, נאַרעלע? הער אויס אַ ביסל, איך וועל „פּאַרטון“ מיין געלט אין „רעכטע הענט“, וועלן מיר זיך ביידע דורכפאָרן בעסער אין די „בעדער“ אויף טרויבן, „אויף דער קור“, פאַרשטייסטו מיך, אַהין פאָרן אַלע גבֿירים, נאַרעלע, — און דו זאָגסט גאָר חזנות, שטודירן! פע, נשמה מיינע, פאַרגעס, מיין זיס לעבן, פאַרגעס און גיב, לאָמיך דיר בעסער אַ קוש טאָן אין דיינע בריליאַנטענע אויגן מיט דיינע שיינע בלאָנדע האָר, מיין ענגל, טייערער העלד מיינער!“...

וואָס ווייטער זעט יאָסעלע מער אַרויס, וואָס ער האָט דאָ געטאָן, וויאַזוי ער האָט זיך גענומען אַליין און האָט זיך געבונדן, געפּענטעט אויף תמיד, אויף אייביק. ער פּרוווט זיך אַ וואָרף טאָן אַהער — אַהין, ווי דאָס פייגעלע, וואָס זיצט פאַרשפּאַרט אין שטייגל, און זעט, אַז די שפּיל איז פאָרן טייוול... יענע אַלע זיסע חלומות, וואָס ער האָט געזען פריער, ווערן ביסלעכווייז, ווי אַ טומאַן, פאַרשווונדן, יענע גילדענע רייכע מחשבות ווערן, ווי רויך, צעטריבן, און אויף זייער אָרט קומען אָן אַנדערע מחשבות, אַנדערע געדאַנקען. נישטאָ יענע זיסע קולות וואָס פריער; נישטאָ יענע שיינע בילדער, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פריער! די קאַרעטע, דאָס אַריינפאָרן קיין מאַזעפּעווקע, דאָס פאַרוואונדערן זיך פון זיינע באַקאַנטע און גוטע פריינד, דאָס גליקלעך מאַכן דעם טאַטן — אַוועק, אַוועק! אַנדערע בילדער זעט ער, אַן אַנדער לעבן לעבט ער. און אויפן אָרט פון יענעם פריערדיקן שמעקנדיקן גן־עדן שטייט פאַר אים די באַרדיטשעווער מוראדיקע בלאָטע. אויפן אָרט פון פּאַלאַצן — אַ בלאָטיקע שטוב מיט בלאָטיקע מענטשן. אויפן אָרט פון זינגען הערט ער טאָג ווי נאַכט: „וועקסל, פּראָצענט, פּרנסה, געלט, הוצאה“... אויפן אָרט פון אַ שיין, ווייס ווייבל — אַ גראָבע ייִדענע, וואָס הענגט אים שטענדיק אויפן האַלדז, האַלדזט אים און קושט אים און לאָזט אים נישט אָפּ פון זיך. און אַלץ איז אַזוי וואָכעדיק! אַזוי געמיין! עס ווערט אים נמאס, נמאס ומאוס די וועלט און דאָס לעבן. און הינטער די פּלייצעס הערט ער רעדן וועגן זיך: „אָט דאָס איז ער, דער יאָסעלע, וואָס האָט גענומען די רייכע אַלמנה“... און עס טוט אים אַ שטאָך אין האַרצן. און אַזוי,

קוקנדיק אויף פּערלען, דערמאָנט זיך יאָסעלע אין אסתרן, און ער הייבט זיך אָן צו באַרעכענען און גוט באַקלערן, אַז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן זייער אַ מיאוסע מעשה, זיך אַליין אָפּגעשפּילט אַ חתונה און אויסגעהאַנדלט זיך אַזוי נישט לייטיש, אי פאַר אסתרן, אי פאַר זיין טאַטן, אי פאַר זיך אַליין. ער גייט אַרום פאַרזאָרגט, באַטריבט, פינצטער, ווי די ערד.

— יאָסעלע, נשמה מיינע, האַרץ מיינס, מיין טייער סאָלאָווייטשיקל! — זאָגט צו אים פּערעלע זיין ווייב, ווען זי בלייבט מיט אים אַליין, שפּילנדיק זיך מיט זיינע שיינע, לאַנגע האָר. — וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? גייסט אַרום פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט? זאָג מיר, וואָס פעלט דיר? שוין וועשע האָב איך ביי דיר נישט פאַרדינט, דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת, וואָס דיר איז? איך בין דיר שווער, איבעריק, נמאס? נמאס?...

„נמאס? — קלערט זיך יאָסעלע. נמאס ומאוס!“ נאָר ער האַלט זיך איין, ער שמאַרקט זיך און זאָגט איר אַ גראָבן ליגן:

— נמאס זאָגסטו? חס ושלום! וואָס הייסט נמאס? — און זיינע מחשבות, זיין קאָפּ און זיין האַרץ און אַלע זיינע געפילן זענען ווייט פאַרטראָגן; זיי זענען אים דאָרטן — אין מאַזעפּעווקע.

XXI

מאַזעפּעווקע רעדט — און אסתר נעבעך האָט צרות

קלוגע מענטשן האָבן זיך שוין וויפל מאָל געבראָכן דעם מוח צו טרעפן, וויאַזוי ווערט דאָס מאַזעפּעווקע געוואָר פון אַלע גייעסן, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך? כאָטש פון גאַזעטן — דאָס ווייסן אַלע — האַלט מען דאָרט ווייניק־וואָס, נאָר לאָז ווערן אַ שמועס דאָרט ערגעץ, אין די הויכע פענצטער, וועגן מלחמה, — אַזוי ווייסט מען דאָס באַלד אין מאַזעפּעווקע. אַ גייער זאַקאָן, נאָך איידער ער ווערט געבוירן, קומט ער אַראָפּ אַהין, און יידן לערנען דעם פּשט, קנייטשן אים אַהער און אַהין, איטלעכער מיט זיין גאַנג. זיי האָבן אַ זעלטענעם הוש הריח, די מאַזעפּעווקער, און אַ סך זאַכן קומט ביי זיי אויס על־פי דרך הטבע, אַז עס באַדאַרף אַזוי צו זיין, וואָרעם דער שכל איז מחייב.

מע ווייסט נישט, פונוואַנען עס האָט זיך גענומען דער קלאַנג, אַז יאָסעלע סאָלאָווייטשיק האָט ערגעץ חתונה געהאַט, גענומען מאה־אלף גדן און איז געוואָרן אַיים חזן. דער האָט געזאָגט, אַז אַ גרויסער גביר האָט אים געהאַרכט דאַווענען, האָט ער אים פאַררופן צו זיך און האָט אים געגעבן די טאָכטער פאַר אַ ווייב.

און דער האָט געזאָגט, אַז יאָסעלע האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ רייכע אַלמנה פֿון פֿופֿציק יאָר. אַנדערע האָבן געדרונגען פֿאַרקערט, אַז נישט קיין אַלמנה, אַ גרושה האָט ער גענומען, און דערביי דערציילט זייער אַ שיינע מעשה, וויאַזוי יאָסעלע איז געווען איינגעלאַדן צו אַ גביר אויף אַ מלווה־מלכּה; האָט דער גביר געהאַט דאָס אַנדערע ווייב פֿון היינטיקער וועלט, אַ גאַנצע מלומדת, אַ „צע־דאַמטע”; בקיצור, אַז זי האָט אים דערהערט זינגען, האָט זי זיך אין אים פֿאַר־קאָכט און האָט געוואָלט מיט אים אַנטלויפֿן אין עק וועלט; האָט זיך מיישב געווען דער גביר און זאָגט צום ווייב: „וואָס טויג דיר נאָך אַנטלויפֿן און מיר אָנטון בזיונות? נאַ דיר גט און נעם דיר אים”... וואָס טוט זי? זי איז דאָך אָבער אויך נישט קיין נאַר, מאַכט זי צו אים אַזוי: „וועסטו מיר געבן די מאה־אלף, איז רעכט, אלא נישט — וועסטו מיך האָבן צו געדענקען!” הכּלל, אַהער, אַהין, עס האָבן זיך אַריינגעלייגט מענטשן און מען איז מושווה געוואָרן פֿאַר אַכציק טויזנט. בקיצור, וויאַזוי די מעשה איז שוין דאָרט, איינדזער יאָסעלע איז אַ לייט. נאָר פֿאַרוואָס ער שיקט נישט דעם טאַטן קיין געלט — איז אַן עוולה!...

אַז דער קלאַנג איז אַרויס אויף דער שטאָט, האָבן אַלע געזאָגט, אַז על־פּי דרך הטבע באַדאַרף עס אַזוי זיין, וואָרעם דער שכל איז מחייב, אַז יאָסעלע האָט באַדאַרפֿט קריגן אַ גרויסן שידוך; דאָס האָט אַמאָליקער אַרויסגעזען גאָר פֿריער, און ווי האָט דאָס רען געקאָנט אַנדערש זיין?

— עס קומט אייך מזל־טוב? — האָט מען זיך געווענדט צו שמואליק דעם חזן אין שול. — מע זאָגט, אַז אייער יאָסעלע האָט חתונה געהאַט? וואָס, איר ווייסט גאָרנישט? געשיקט זיך עס? אַוודאי, אַוודאי דערציילט מען, אַז ער איז גאָר גליקלעך, מאה־אלף, זאָגט מען, ריש־אלפֿים! ווי קומט עס? אַ סבֿרה, אַז ער שרייבט אייך גאָר קיין בריוול נישט, רב שמואליק? היינטיקע קינדער! גיי, ווער פֿאַרשוואַרצט צוליב אַ קינד, זיי זיך מכּיר! מע דאַנקט נאָכדעם אַפּ מיט שטיינער. אַ שיינע וועלט היינט געוואָרן, נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ לייטיש וועלטל!

שמואליק, אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער ביי זיך שטאַרק אַראָפּגע־פֿאַלן. „סטייטש, יאָסעלע זאָל מיר אַזעלכעס אָפּטון, אַן אייגענעם טאַטן?!” עס איז אים אָן דעם געווען אַ חרפּה, אַ בושה, פֿאַר לייטן, וואָס ער האָט כּמעט אַ יאָר נישט געהאַט קיין איינגעטונקענע פּען פֿון יאָסעלען, נישט וויסנדיק, וואָס איבערצוטראַכטן, און דאָ — נאַ דיר נאָך אַזאַ נייעס! „אַ מעשה, אַ מעשה! חתונה האָבן, ווערן אַ נגיד און פֿאַרגעסן אַ טאַטן! עס קאָן גאָר נישט זיין!” דאָס איז געווען שמואליקס איינציקע טרייסט: „עס קאָן גאָר נישט זיין!” ווען נישט דער בטחון, אַז נישט היינט איז מאָרגן, וועט יאָסעלע קומען צו פֿאָרן, וואָלט דאָס שמואליק גאָרנישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַזוי אויך געהאַט גענוג צרות; עס איז אים די לעצטע צייט, פֿון אַ פֿאַרקילונג אָפּגים, די שטימע, מישטיינס

געזאָגט, קאַליע געוואָרן. שמואליקס האַלדז, וואָס האָט אַמאָל געשמעטערט איבער דער וועלט, איז געוואָרן געכאַפּט, און זיין „שאגת־ארי־קול" איז אים געוואָרן משונה פאַרהוסט מיט א הייזעריקייט, ווי א קול פון אן אָנגעשפּאָלטענער כלי. האָרט, ווי שמואליק פלעגט זיך אַמאָל פאַרקאַטשען אויף זיין פּיסטל, זינגען טרויעריש און אראָפּלאָזן זיך אויף זיין בייקול ביז דער לעצטער „שפּינדע", — האָט זיך היינט מיאוס געלאָזט הערן אַ כאָרכלען פון אַ געקוילעטן אָקס; אָדער אַ קריי פון א יונגן, נאָך נישט אויסגעוואַקסענעם האָן. שמואליקס דאַווענען האָט אָנגעהויבן צו זיין געמוטשעט, מחילה, זייער געמלאכהט; וויפיל ער האָט זיך נישט געבריהט, רייסנדיק זיך אויף די גלייכע ווענט — נישטאָ די כוחות וואָס אַמאָל! אוי האַלדז, אוים דבור, אוים, אוים שמואליק — ערגער ווי געשטאָרבן! געהאַלטן האָט אים ביים עמוד נאָר דאָס שטיקל חזקה. לאָזן א געפאַלענעם פאַלן, צונעמען ביי יענעם דאָס לעצטע שטיקל ברויט אינגאַנצן, אָפּקוילן אן אָרעמאַן פון פּרנסה — דאָס טוען נישט אַזוי גרינג די מאַזעפּעווקער יידן, וואָס זענען בטבע ווייכע, באַרעמהאַרציקע לייט, און איבערהויפּט פרומע, ערלעכע יידן. נאָר זאָגן אויף זיי, אַז זיי זענען גאָר צדיקים, מענטשן מיט יושר — דאָס קאָן מען אָבער אויך נישט, ווען זיי זענען זיך מיט שמואליק דעם חזן באַגאַנגען נישט אַזוי מענטשלעך, נישט גאָר על־פּי יושר; מע האָט אים דערקוטשעט מיט שטעכווערטלעך, געגעבן אים אָנצוהערעניש, געפרעגט אים, וואָס מאַכט עפּעס יאָסעלע, געהאַט צו אים טענות פאַר זיין דאַווענען, פאַר זיין זינגען. אמת, מע קאָן זיי, די באַלעבאַטים פון דער קאַלטער שול, אויך אינגאַנצן נישט שולדיק מאַכן: זיי זענען פאַרט אין דעם ענין געבאַלעוועט זייער; זיי זענען פון תמיד אָן געוווינט געוואָרן צו רעכטע חזנים, צו שיינע בעלי־תפילות; וואָס זשע זאָלן זיי טון? שמואליקס דאַווענען איז פאַר זיי געווען על אחת ועל כמה־וכמה, און פאַר שמואליקן אַליין איז זיין חזניש לעבן געווען א מיאוס געמוטשעט לעבן. נאָך צו די צרות מיטן האַרצווייטיק, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין דער היים, איז דאָס נאָך נישט געווען קיין משל אַפילו, וואָרום פון זינט עס איז אַרוים דער שם אין שטאָט, אַז יאָסעלע האָט חתונה געהאַט, האָט שמואליק דעם חזנס ווייב ווידעראַמאָל איבערגעביטן איר מינהג וועגן יאָסעלען און האָט גענומען עסן און טאָטשען שמואליקן נעבעך, שיטן אים זאַלץ אויף די וווּנדן מיט אַ פה־קדוש, ווי זי קאָן.

— פיין אויסגעשטעלט זיך וואָקעגן א טאַטן, גאַנץ ליטיש! נישט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטל: „פון אַ חזירשן וויידל קאָן מען קיין שטריימל נישט מאַכן!" דיין יאָסעלע איז געווען אַ שאַרלאַטאַן און איז געבליבן אַ שאַרלאַטאַן. היינט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס איך האָב אים פון קינדווייז אָן אַזוי פיינט געהאַט. נישקשה, איך האָב א גוטן חוש־הריח, איך שמעק אָן באַלד א מענטשן, וואָס ער איז; מסתמא איז ער פונעם שורש אַ דער רוח ווייסט וואָס! און איך פאַרשטיי גאָר נישט, וואָס זאָלטע לייגט איין די וועלט נאָך זיין מאַמען און

זאָגט, אַז אַזאַ צדיקות, ווי דיין זעלדע איז געווען, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. לאָז זי מיר דאָרטן מוחל זיין, ווו זי איז...

שמואליק האָט אויסגעהערט די אַלע רייד און אַראָפּגעשלונגען זיי, ווי אַ ביטערן טראָפּן. אַסך ערגער איז אים געווען זיך באַגעגענען מיט זיינע גוטע פריינד, מיט זלאַטען און מיט אסתרן: וואָס קאָן ער זיי זאָגן, טאָמער מאַכן זיי מיט אים אַ שמועס מכּח זיין זון? ער האָט אָבער אין דעם אַ גרויסן טעות געהאַט: זלאַטע האָט זיך ווידער צעקריגט מיט דער חזנטע און איז געווען פאַרנומען מיט אירע עסקים, געהאַט גענוג אייגענע צרות, גענוג אייגענע זאָרג: מע באַדאַרף חתונה מאַכן אַ קינד, אסתר איז שוין, קיין עין־הרע, אַ מיידל צו לייטן, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס: אָן קיין נדן וויל מען היינטיקע יאָרן קיין מיידל נישט נעמען; אַ ליאַדע בחור, אַן אונטערשלאַק, הייסט זיך אַנידערלייגן עטלעכע הונדערט קערבלעך, אַ חוץ מתּנות — און דאָ דערוויל וואַקסט אסתר, עס גייט איר שוין דאָס צוואַנציקסטע יאָר, ווײַ געשריגן! עס דרייט זיך אַפילו אַ שידוך, נישט אַזאַ גלייבער, נאָר אַ גליק, אַ פּאַרטיקע זאַך, אַ שמאַלץ־גריב. גיי, ביינד צונויף, מאַך עפּעס איינע אַליין, אַ וויסטע אַלמנה מיט פּיצלעך קינדער יתומים!...

און אסתר, אַז זי איז געוואָר געוואָרן, אַז יאָסעלע האָט חתונה געהאַט, — וואָס האָט זי געקאָנט קלערן בשעת מעשה? ווער קאָן זיך פאָרשטעלן איר באַליידיקט, באַטריבט, פאַרוואָגלט, צעבראָכן האַרץ געבעך? עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי קען יאָסעלען אויסגעבוגרן, און האָט אים פון תמיד געגלייבט, און אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען ביי איר הייליק; צום סוף זאָל ער זי אַזוי מיאוס אָפּנאַרן, אָפּליגנערן פון קאָפּ ביז פיס? אסתרן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַזוי ליב האָבן און אַזוי געטריי זיין, ווי יאָסעלע האָט ליב און איז געטריי דעם טאַטן זיינעם, איז גאָר דער צווייטער צו אים נישטאָ. נאָך שטייט ער איר פאַר די אויגן, ווי ער האָט זיך איר דעמאָלט געשוואָרן, בשעת אַוועקפאָרן פון דער היים, אַז ער וועט דעם טאַטן נישט פאָלגן אויף קיין מינוט אפילו, און וועט אים גאָר גליקלעך מאַכן; נאָך קלינגען איר אין די אויערן יענע גוטע ווערטער זיינע, יענע זיסע געזעגנען, און וועלכע ער האָט פאַר איר זיין האַרץ אויסגעגאָסן, און וואָס האָבן זיך איר געדאַכט, ווי ער זאָגט איר צו אייביק בלייבן דער יאָסעלע, דער אייגענער יאָסעלע, נישט פאַרגעסן קיינעם נישט פון זיינע ליבע און געטרייע. צום סוף גייט אַוועק שוין באַלד אַ יאָר צייט, און מע הערט נישט און מע זעט נישט פון אים, און פּלוצעם — נאַ דיר אַזאַ מין ידיעה! יאָסעלע האָט נאָר חתונה געהאַט! און נאָך אַזוי חתונה געהאַט! גענומען אַן אַלמנה, אַ גרושה, — צוליב געלט! און אָפּגעטאָן האָט בסוד, זיך באַהאַלטן!.... „גוואַלד, גוואַלד, יאָסעלע זאָל אַזעלכעס קאָנען טון?!“ אסתר האָט דאָס נישט אַרויסגעזאָגט קיינעם; זי איז געווען רואיק, ווי תמיד, פאַרנומען מיט דער קראָם, און זינען געהאַט די שטוב, שטיל, פיין. וואָס האָט זיך אָבער געטאָן ביי איר אין

האַרצן אײנעווײניק? — דאָס האָט נישט געקאָנט װיסן קײנער, אַזױ װי ס'האָט בײ איר קײנער נישט געװוּסט פון יענע זיסע גילדענע חלומות, אין װעלכע זי האָט פאַרבראַכט גאַנצע צװײ יאָר, זינט יאָסעלע איז אָפּגעפאָרן פון דער הײם. מע קאָן זאָגן, אַז יענע צװײ יאָר זענען געװען פאַר אסתרן אַ לאַנגער זיסער חלום; יאָסעלעס געשטאַלט איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן אױף קײן מינוט, און װאָס זי האָט נישט פאַרקלערט, און װוּ זי האָט זיך נישט געװענדט, איז געװען נאָר יאָסעלע און יאָסעלע. נישט אײן מאָל פלעגט זיך מאַכן, אַז זלאַטע האָט איר באַמערקט, אַז זי איז עפּעס נישט אױף ד ע ר װעלט: „װאָס איז דאָס מיט דיר געװאָרן, — פלעגט זי מיט איר טענהן, — װאָס ביסטו געװאָרן אַזױ צעטראָגן? הו מעסט אָפּ דרײַצן אַרשין און רעכנסט נאָכדעם צװעלף, און גדליה מאיר דער צעלניקער הײסט בײ דיר נאָר מאיר גדליה, פאַרקערט דאָס שלימזל?“ אַן אַנדער מאָל פלעגט אסתר, זיצנדיק איבער אַן אַרבעט נעבן דער קראָם אױף אַ בענקעלע, פאַרטראַכטן זיך און צעזינגען זיך תחילת גאַנץ שטיל, און װאָס װײַטער — אַלץ העכער און שטאַרקער, נאָכמאַכנדיק װי יאָסעלע זינגט, און גאָר נישט באַמערקנדיק, אַז דאָ נישט װײַט זיצן מאַנצבילן... די מחשבות פלעגן זי פאַרטראָגן אַמאָל גאַנץ װײַט אַהין, װוּ יאָסעלע געפינט זיך, און דאָרט איבײַנעם מיט אים האָט זי זיך אױך געפונען, געקוקט אױף אים און געהערט זײַן זיס קול, זײַן געטלעך זינגען, פונקט װי יענעם שבת בײַטאָג בײ שמואליק דעם חזן אין שטוב. און אַמאָל פלעגט זיך איר אױסװײַזן, אַז אָט קומט מען איר אָנזאָגן אַ בשורה: „אסתר, דו װײסט, װער ס'איז געקומען? יאָסעלע שמואליקס, יאָסעלע סאָלאָװײ איז געקומען!“ און אַן אַנדערש מאָל פלעגט איר דורכפליען אין קאָפּ אױך אַ שלעכטע מחשבה; עס גײט דורך אַ כמאַרע פאַרבײ דער זון און פאַרשטעלט אױף אַ מינוט איר ליכטיקע שײַן — אסתרס געדאַנקען באַקומען אַן אַנדער מין מראה, און זי הײבט אָן צו זאָרגן, איבערטראַכטן, אַרױסלאָזנדיק אַ זיפֿץ פונעם טיפֿן, טיפֿן האַרצן; נאָר די כמאַרע גײט אַװעק און די זון שײַנט װידער מיט איר חן. אַ שלעכטע מחשבה טרײַבט אסתר אַרױס פונעם קאָפּ, און יענע ליכטיקע געדאַנקען קומען װידער אָן, און דאָס האַרץ רירט זיך װידער פון פרײד און פון נחת, און יענע זיסע חלומות קימען װידער אָן, און עס װעבן זיך איר גילדענע פאַנטאַזיעס, און זי זינגט שױן װידער אױף יאָסעלעס שטײגער. „װאָס איז דאָס מיט דיר געװאָרן, טאָכטער? — פלעגט איר זלאַטע איבערשלאָגן די בעסטע מחשבית אינמיטן. — װאָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס, איך פרעג דיך, אַװעקזעצן זיך דאָ אין מיטן דרױסן זינגען? און פאַר פרעמדע מענטשן נאָך!“... אסתר פלעגט זיך אױפכאַפּן װי פונעם שלאָף און פרעגן פאַרװוּנדערט: „זינגען? װער זינגט דען?“...

דאָס לעצטע יאָר, װאָס יאָסעלע האָט אױפגעהערט צו שרײַבן בריװ, האָט אסתר, געװײנלעך, געהאַט יסורים דערפון; נאָר זי איז געװען אין אים אַזױ

פֿאַרגליבט, אַז זי האָט גאָר נישט צוגעלאָזט קיין שלעכטע מחשבה. זי האָט אים אַליין בײַ זיך פֿאַרענטפֿערט: „אַ מענטש פֿאָרט אַרום כּסדר, איז געזונד — וואָס איז דאָס חידוש?“... און זי האָט געהאָפֿט און געהאָפֿט. פּלוצעם — נאַ דיר גאָר אַזאַ שלאַק! דערויף האָט זיך אסתר גאָרנישט אָנגעהויבן צו רעכנען. ווי אַ דונער האָט איר די דאָזיקע ידיעה דערלאַנגט אין קאָפּ אַרײַן. זי האָט זיך ווי אויפֿגע־כאַפּט פֿון אַ לאַנגן שלאָף און דערזען, אַז אַלע אירע פֿרייד מיטן גאַנצן גליק אירס איז אַ חלום, און וועלכן זי האָט פֿאַרבראַכט צוויי יאָר כּסדר, די בעסטע צוויי יאָר אין איר לעבן. זי איז מיטאַמאָל געוואָר געוואָרן פֿון אַזויפֿיל פֿאַלשקייט און שלעכטיקייט אויף דער וועלט! זי האָט מיטאַמאָל דערזען פֿאַר זיך אַזאַ מיאוס, ביטער, פֿינצטער לעבן! נאָר ווער האָט דאָס בײַ איר געקאָנט ווײַסן? וועמענס עסק איז דאָס? ווער קוקט זיך אַרום אין מאַזעפּעווקע אויף אַן אָרעם מיידל, וואָס אַט איז זי געווען גליקלעך ווי די גאַנצע וועלט, און אַט איז זי אַראָפּגע־פֿאַלן פֿונעם הימל ביז צו דער ערד? אסתר האָט זיך בײַנאַכט בײַ זיך איפֿן גע־לעגער גוט אויסגעוויינט שטילערהייט, נישט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, גע־שמאַק אויסגעוויינט. נאָר דאָס וויינען האָט איר אָבער נישט פֿאַרגרינגערט איר ביטער האַרץ אַפֿילו אויף קיין האָר. דען חוץ דעם, וואָס איר מזל איז געווען אַזוי וויסט און פֿינצטער, האָט זיך אויף איר געגומען אַ נײַער אומגליק, אַ גאַנץ שטראָף, אַ מלאך־המות אויף אירע יונגע יאָרן. דער דאָזיקער מלאך־המות איז געווען — הנגיד רב אַלטער פּעסיעס!

XXII

אַלטער פּעסיעס זיצט אַן אַלמן, און רב קלמן שדכן לייגט אײַן די וועלט.

אַלטער פּעסיעס איז אַ פֿייגער באַלעבאָס. ער האָט זייער אַ מיערע, אַ גרינ־גע פּרנסה אין מאַזעפּעווקע: ער איז זיך אַ בעל־הלוואה. נאָר ער איז נישט גלייך צו אַלע אַנדערע פּראָצענטניקעס, וואָס ווייסן נישט פֿון קיין לעבן צו זאָגן. אַ מאַ־זעפּעווקער פּראָצענטניק גייט אַרום שטענדיק אין איין זאָרג. ער איז אין פּחדים, טאָמער וועט דער אָדער יענער נישט אָפּגעבן, און שלאָפֿט נישט קיין נעכט. ער ווערט מיט דער צייט אַ גרויסער מרה־שחורהניק. עס שטעלט זיך אים אַלץ פֿאָר, אַז יעדער מיינט בײַ אים אויסנאַרן, צונעמען, אָוועקראַבעווען, ירשענען אים בײַ זײַן לעבן. עס דאַכט זיך אים אַלץ, אַז איטלעכער שאַרפֿט אויף אים די ציין, — און וואָס וועט זײַן דער תּכלית, אַז עס וועלן אים שוין אַלע אָנזעצן? עס קומט דאָך אים דערמיט נאָר נעמען אַ טאָרבע, חלילה, און גיין איבער די הייזער! אַזעל־כע געדאַנקען ברענגען אים, דעם מאַזעפּעווקער פּראָצענטניק, דערצו, אַז ער מוז ווערן קאַרג, אַ נהרג על פּחות משווה פּרוטה, גיין קריעה־בליאה, נישט פֿאַרגינען

זיך דאָס שטיקל ברויט, וואָס ער עסט. ניין, אַלטער איז נישט פון דעם מין. ער קען זיינע יידעלעך און ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער קאָן פון זיי ציען זיין באַדערפעניש כסדר. כאָטש ער ליגט ביי יעדן אין מויל און הינטער די אויגן מאַכט מען פון אים א תל, מע רופט אים „עשו“, „פּיאַווקע“, „המן“ און נאָך אַזעלכע צונעמעניש, — אָבער אין די אויגן, נישקשה, גיט מען אים אָפּ כבוד: „רב אַלטער“ רופט מען אים! אַ ברירה האָט מען? ער האָט פאָרט די קלינגערס, און אַלע דאַרפן צו אים אָנקומען. דערום לעבט זיך אַלטער אַ גוטן טאָג, קוקט אַריין אין טעפּל אַריין, דאָס עוף זאָל זיין זיס און דאָס יאַיכל פעט, און היט זיך אָפּ דאָס בייכל זייער גוט, נישט צילאָזנדיק זיך קיין יסורים פון קיין שום זאַך אויף דער וועלט. ווי דאָס ווערעמל, אַז עס פאַרקלייבט זיך אינעם בעסטן עפּל אַריין, ליגט דאָס זיך דאָרט רואיק, גאָר נישט אָנזיכטיק, זויגט און נאָגט די זאַפט פּאַוואָליענקע, מיט ישוב־הדעת, און וויל גאָרנישט וויסן, וואָס ווייטער, אויף יענער זייט עפּל, טוט זיך, — פּונקט אַזוי לעבט זיך אַלטער אויף זיין געשעפטל אין מאַזעפּעווקע, און וואָס גייט דאָס אים אָן, וואָס יענער זאָגט, צי וואָס יענער רעדט הינטערן, ווייס איך וואָס? אויפן הימל אַ יריד! אַבי אים איז וואַרעם... פאַרקערט, טאָמער וועט איר אים זאָגן מוסר: „רב אַלטער, איר דאַרפט מיר אַוואַזשען, כלעבן, און וואָס וועט אייך שוין אַרויסקומען, אַז איר וועט שוין ביי מיר אַרויסרייסן נאָך אַ האַלב קערבל, מישטיינס געזאָגט? איר וועט שוין דאָ גליקלעך ווערן? איר האָט קאַרג, דאָס וויב מיט די קינדער האָבן אייך באַזעצט?“ — וועט ער אייך אויסהערן גאַנץ קאַלטבלוטיק, און אויך קאַלטבלוטיק, מיט אַ שמייכעלע ענטפערן: „כ'קאָן נישט, בנאמנות!“ און נאָכדעם מעגט איר שוין רעדן, וויפל איר ווילט. אָדער פּרוווט וועלן נעמען ביי אים אַ נדבה מער מיט דריי גראָשן ווי ער גיט, וועט ער אייך נאָר ענטפערן אַזוי בנעימות, אַזוי אָנגענעם: „איך גיב נישט מיין, בנאמנות!“ — איז דאָס הייליק, איר מעגט שוין זיין זיכער. — אָט אַזאַ מין יידל איז זיך אַלטער.

אַלטער פּעסיעס איז אַ פיין, אויסגעפּוצט יידל, אַ געפּאַקטס, שוין אין די יאָרן, נאָר מחמת ער איז זייער געזונט און געליימערט אויפן פּנים, און אַ בערדל האָט ער אַ קליינס, ווייזט ער אויס נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק. ער האָט אַ היפּש בייכל, פון יידיש בלוט — זאָגט מען; דאָס מיילעכל איז ביי אים צונויפגעצויגן, איינגעשנורעוועט, די ליפּן רויט און פעט און מסוגל צום זויגן, ווי ביי אַ פּיאַווקעלע; די בעקעלעך זענען ביי אים תמיד רויטפאַרביק און אָנגעבלאָזן, ווי די פּאַמפּעשקעס. בכלל איז אַלטער אַ גאַנץ פיין יידל, נאָר אויגן האָט אַלטער נישט קיין שיינע: איין אויג האָט ער אַ גרויס און דאָס אַנדערע אַ ביסל קלענער, און אָט מיט דעם קליינעם אייגל, אַז ער טוט אַ קוק אויף עמעצן, ווערט יענעם פאַרקילט אינעווייניק. גיין גייט ער פּאַוואָלי, רעדט שטילערהייט, אַ ביסל מיט אַ קוועטש, שמענדיק מיט אַ שמייכעלע. אַרום זיך האָט אַלטער ליב צו גיין ריין,

זויבער, דאָס זיידענע קאשקעטל, דאָס לייסטריגענע קאפּאָטקעלע און די גאנצע הלבשה אויף אים זיצט, ס'איז תמיד שפּאָגל גיי, די שטיוול גלאַנצן, קיין שפּריג־קעלע לאָזט ער אויף זיך נישט פאַלן. תמיד איז ער פריי, שטענדיק צופרידן מיט זיך, האָט קיינמאָל קיין עגמת־נפש נישט. נאָכן וואַרמעס שלאָפט ער זיך אוים און גייט אַרוים אַ ביסל אין מאַרק אַריין, גלאָט אַזוי זיך, זען זיך מיט דעם און מיט יענעם; אַ ביסל רעדן, נעמען אַ ציגאַר־טיטון בײַ יענעם. געמען בײַ יענעם איז בײַ אים דאָס חיות, און כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז הינטער די אויגן רופט מען אים דערפאַר „דבר־אחר“, נאָר ער האָט דערפון אויך קאַרג וואָס עגמת־נפש: „ס'אַ דאגה אַ ביסל!“ — מאַכט ער מיט אַ שמייכעלע. אַז מע קומט צו אים אין שטוב אַריין, נעמט ער צו אימלעכן באַזונדער בסבר־פנים־יפות, מיט שענסטן כבוד, ווייסט גאָרנישט, ווי יענעם אַנידערצוזעצן און קאָרגט נישט קיין גוטע, זיסע ריידעלעך קיינמאָל און קיינעם נישט. נאָר פונדעסטוועגן האָט מען אים אין מאַזעפּעווקע נישט ליב, מע קאָן אים נישט סובל זיין מיט אַלע זיינע זיסע גענג. האָבן האָט מען צו אים, האַלט זיך, גאָרנישט. ער טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, פונדעסטוועגן האָט מען אים פיינט אין שטאָט ערגער, ווי דעם טויט, אַפּגים, ער מוז זיי ליגן דאָרטן טיף אין דער לעבער! נאָר אפשר מיינט איר, אַז ער ווייסט דאָס נישט, צי עס אַרט אים? עס זאָל דאָס אים אפילו אָנהייבן צו אַרן! — אָט אזא מין יידל איז זיך אלטער.

„אַלטער פּעסיעס“ רופט מען אים נאָך זיין מאַמע פּעסיע, עליה השלום: פּעסיע איז געווען אַ בריה אַ יידענע, אַ גאַנץ פיינע, און אין די יונגע יאָרן, זאָגט מען, איז זי געווען גאָר אַ פאַרשוין, און הורך איר שיינקייט אין בריהשאַפט האָט מען גאָרנישט אריינגעזען דעם מאַן איר, רב חיים ישעיהון, וואָס איז כל ימיו געזעסן אין קלויז און געלערנט און געדינט גאָט. די שטוב האָט שוין געפירט פּעסיע אַליין; איר פּרנסה איז געווען אַ שענקל. „עט, אַזוי זיך, נישקשה, דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך“, — האָט זי געזאָגט. און פון דעם „עט“ האָט פּעסיע אָנגעקליבן אַ היפּשע קאָפּיקע, אָבער טאַקע גאָר אַ היפּשע, אַזוי, אַז מיט דער צייט האָט זי זיך פאַוואָלינקע אויסגעבויט אַ שטוב, צוגעקויפט אַ פּאָר קלייטלעך, ייד דאָבּיוועט אַ ביסל צירונג, פּאַרליען עטלעכע קערבלעד אויך אַמאָל, אַז מע האָט בײַ איר שטאַרק געבעטן, און צוטומיינסטן — גלחים; מיט גלחים האָט פּעסיע ליב געהאַט צו האַנדלען: „אַ כפּרה — פלעגט זי זאָגן — הדיי יידן פאַר איין גלח, להבדיל!“... מע האָט אפילו געשמועסט אין שטאָט, אַז... נאָר וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויסטראַכטן! „אַ בריה נפלאה אָט די פּעסיע!“ — האָט מען אויף איר געזאָגט, קוקנדיק אויף רב חיים־ישעיהן, וועלכן ס'האָבן מקנא געווען אַ סך יידן. — „אַ גוטע בחורטע אייערע!“ — האָבן חברה צו אים געזאָגט אין קלויז. — „ אַ גוטע בחורטע, זי באַשטייט אַקעגן הדיי מאַנצביילן, אייער פלוניתטע“... רב חיים ישעיה פלעגט דערויף נישט ענטפערן גאָרנישט, נאָר אַ

קיק טון פון אויבן, אריבער די ברילן, אויפהייבנדיק די געדיכטע ברעמען, ארויסלאָזן א זיפץ, זיך פארטראַכטן, קראַצנדיק זיך מיט דער האַנט אונטערן טלית־קטן, און זיך ווידער נעמען צו דער גמרא. און אַט אזוי, זיצנדיק אין קלויז, איז זיך רב חיים ישעיה אמאָל אנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק שוין. קיינער האָט נישט געוווּסט די סיבה פון זיין אוועקשטארבן פלוצעם אין מיטן דרינען: „דאכט זיך, געווען א געזונטער ייד, א גבר,—פלוצעם נא דיר!“—„נו, מסתמא האָבן זיך אים אויסגעלאָזט די יאָרן, לאָז ער האָבן א ליכטיקן גן־עדן דאָרט — א וווילער ייד געווען, און ערלעכער!“ — אזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָט. און רב חיים ישעיה האָט געהאַט אַזאַ לוויה, אַז פיל מענטשן האָבן זיך געוווּנטשן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר האָבן נישט קיין קלענערן כבוד. „או־וואַ, אַ ווילער ייד געווען, אַ שטילער זייער און א גרויסער למדן!“ — „ס׳איז א סברה, אַז ער איז געווען א פרוש“... — „יאָ א פרוש, צי נישט קיין פרוש, און ערלעכער ייד, א כשרער ייד איז ער געווען געווים, כאָטש נישט קיין איבערגעשפּיצטער, לאָז ער מיר מוחל זיין“... אָט אַזעלכע שבחים האָט מען נאָכגעזאָגט רב חיים ישעיה אין שטאָט א קליינע צייט און מע האָט אין אים גיך פארגעסן.

פעסיע איז זיך געבליבן ביי איר פרנסה, ווי פריער, מיט אירע גלחים גאָר נישקשהדיק, נישט צו פארזינדיקן, און קיינער האָט נישט ארויסגעזען אויף איר, אז זי איז אַן אלמנה, דאָס הייסט, זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט, למשל, ווי אַן אלמנה קלאָגט זיך אויף איר ווייסט מזל, געוויינלעך. פעסיע איז זיך אָפּגעזעסן גאָר איר מאַן זיין שבעה, זיינע שלשים האָט זי אים אויך אָפּגעגעבן, ווי ער האָט ביי איר פארדינט, זי האָט דאָס גאנצע יאָר געטראָגן א שווארצן פארטעך, „קלאָג“, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און איז זיך געבליבן די אייגענע פעסיע, וואָס פריער, האָבנדיק אין זינען גאָר דאָס געשעפט איהם, די גלחים און, להבדיל, דאָס קינד, — אַלטער זאָל לעבן. פעסיע איז געווען זייער אַ געטרייע מוטער; אַלטער איז ביי איר געווען תמיד טייער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. פון קינדהייט אָן ביז כמעט דער חתונה זיינער האָט ער זיך געהאַלטן ביי דער מאַמעס פארטעך, און פעסיע האָט אויסגעהאָדעוועט אלטערן אזוי, אז אלע ווייבער האָבן איר מקנא געווען: „זי האָט דאָס אויסגעפּאַשעט דעם בן אירן, קיין בייז זאָל אים נישט שאַטן!“ אין אים האָט פעסיע אַריינגעלייגט איינגאַנצן איר ליבשאַפט. „אַן אויג אין קאָפּ — האָט פעסיע געזאָגט — און אָנגעקומען איז ער מיר גענוג שווער; כמעט פון העכער זיבן יאָר נאָך דער חתונה האָב איך קיין קינדער נישט געהאַט. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך בין אַן עקרה. וווּ בין איך נישט אויסגעווען, ביז איך האָב זיך דערלעבט דאָס דאָזיקע? און מיט דעם איז שוין די ערד פארשלאָסן געוואָרן“. פעסיע האָט אים נישט אָפּגעלאָזט פון זיך אויף קיין מינוט; צען מאָל א טאָג פלעגט זי קומען אין חדר אריין, זען וואָס דאָס קינד מאַכט, ברענגען אים אַלעמאָל אַן אנדער מין זאַך: אַן עסנוואַרג, אַ נאַשעריי,

א לאקעטקע. אלע ייִנגלעך פֿון חדר האָבן אים מקנא געווען, געשלונגען די סליגע, זיך געווונטשן זיין אויף אַלטערס אָרט... שלאָגן אָדער שמייסן אַלטערוניו; האָט דער רבי נישט געטאָרט בשום אופֿן; א פֿינגער אַז עמעצער האָט געפּרוווט אויפֿהייבן אויף אים, האָט פּעסיע אויסגעריסן די אייגן יענעם. ווינטער אין די גרויסע פֿרעסט און זומער אין די גרויסע היצן האָט אים פּעסיע פֿון דער שטוב נישט אַרויסגעלאָזט: „די תּורה, נישקשה, וועט נישט אַנטלויפֿן" — האָט זי געזאָגט. צום לערנען האָט אַלטער געהאַט אַן אַלעמען זייער א פֿלאַטשיק קעפּל, און קיין גרויסער מתמיד איז ער אויך נישט געווען. פּעסיע האָט געוווּסט, אַז קיין רב וועט ער געווים נישט זיין, און האָט אָבער דערפֿון ווייניק וואָס יסורים געהאַט: „נו, מילא, וועט ער נישט זיין, ווי דער טאַטע זיינער"... — אַזוי האָט זי געזאָגט און האָט אים צו זעכצן יאָר אָפּגענומען פֿונעם חדר, אויסגעהאַלטן נעבן זיך אַ פּאָר יאָר און דערנאָך חתונה געמאַכט צו מזל.

א ווייבל האָט אים פּעסיע געגעבן זייער אַן איידל קינד, א „רוחנית"; און ווי פּעסיע איז געווען א גוטע מוטער, אַזוי איז זי נאָך מער געווען א גוטע שוויגער. פֿייגל — אַזוי האָט געהייסן אַלטערס ווייב — איז ביי איר געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַן אייגן קינד, און פּעסיע איז אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט, נישט אָפּגעלאָזט זי פֿונעם אויג אויף קיין מינוט: „פֿייגעלע, אפֿשר ווילסטו אָט־אָ־דאָס? טאָמער ווילסטו יענץ?" גוט ווי די וועלט איז דאַרפֿן געווען פֿייגעלען, זי איז געווען נאָך גליקלעך; אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט איר גליק. אַרום און אַרום גוט קאָן גאָר נישט זיין: גאָט האָט פֿייגעלען געשטראָפֿט און האָט איר נישט געגעבן קיין קינדער. אַלטער האָט אַזוי געגאַרט א קינד, פּעסיע האָט אַזוי געוואָלט אַן אייניקל, א נחת פֿון אַלטערן, אַז מע האָט פֿייגעלען פֿאַראומערט דאָס לעבן. פֿריער האָט זיך דאָס אָנגעהויבן פֿון אַ ווערטל אויף צו כלומרשט, פֿאַרבייגייענדיק א זאָג געטאָן אַזוי: „דו ביסט דאָך א בעזרימניצע, פֿייגל, וואָס האָט מען מיט דיר צו שמועסן?" און נאָכדעם האָט אַלטער אָנגעהויבן בייסלעכווייז זיך בלאָזן אויף פֿייגעלען, און פּעסיע פֿון איר זייט האָט זי אָנגעהויבן אונטערטרייבן, זי זאָל פּרוּוון דאָס און פּרוּוון יענץ, פֿאָרן אַהער און פֿאָרן אַהין, טאָמער וועט פֿאָרט עפּעס העלפֿן... „איך האָב אַליין, טאָכטער מיינע, א צייט קיין קינדער נישט געהאַט, — האָט מיט איר פּעסיע געטענהט, — און אַז איך האָב דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָב איך אוודאי געטאָן כל המיטלען; איך בין געווען ווו דו ווילסט: אי ביים דאָקטער, אי ביים רבין, להבדיל, אי ביי יענער גויע, וואָס איך זאָג דיר, און האָב אין די עטלעכע יאָר אויסגעטרונקען קרייטער — טאַטעניו! וואָס דען? אַזוי איז גוט? וואָס איז א ייִדענע, מישטיינס געזאָגט, אַז זי האָט נישט קיין קינדער? אַז מע האָט קינדער, האָט דער מאַן אויך ליב, און אַז נישט, חלילה, פֿאַרדרייט ער מיט דער נאָז, אָדער ער טוט גאָר א שפּיי"... ווייטער־ווייטער האָט פּעסיע געאַרבעט אַלץ מער, זי האָט איינגעלייגט די וועלט, אויף יעדן טריט פֿאַרצאַפּט

פייגעלען דאָס בלוט. „וואָס טויג זי דיר, די סאָטע ציג?“ — האָט פּעסיע גע־טענהט מיט אלטערן. — גט זי אָפּ און פּטר אן עסק!“ פייגל האָט דאָס אלץ גע־הערט, און עס האָט זי גוט געקרענקט. נאָר זי האָט געטראָגן די צרות אינעווייניק, טיף אין האַרצן באַהאַלטן. זי האָט אָנגעהויבן צו קרענקען, קורירן זיך, טרינקען קרייטער און פלעשלעך מיט פּראָשקעס, אַזוי לאַנג, ביז זי איז געשטאָרבן.

פּעסיען אין נישט באַשערט געווען צו דערלעבן א נחת פון איר קינד. מע האָט אפילו אלטערן גערעדט שידוכים א סך, עס האָט זיך אלץ געבונדן און גע־בונדן, עס האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעבונדן. עפּעס האָט אַלטער קיין גליק נישט געהאַט צו שידוכים, און איז אַזוי אָפּגעזעסן אן אלמן א היפּשע צייט. פּעסיע האָט זיך שוין איבערגעפּעקלט אויף יענער וועלט, און אַלטער זיצט אַלץ אַן אלמן. נאָר עס זאָל אים טאַקע שטאַרק אַרן, וואָס ער זיצט אליין — ניין! עס זאָל זיך מאַכן א רעכטער שידוך — מהיכי־תיתי, פאַרוואָס נישט? נאָר יאָגן זיך, לויפן נאָך דעם — עט, נישט כּדאַי!... רב קלמן שרכן שווייגט אין דעם אפילו נישט און טוט זיך זיין זאך גאַנץ פעסט: ער שרייבט בריוולעך, רייסט איין די וועלט און פאַלט אָפּט אריין צו אלטערן מיט א גוואַלד:

— ביז וואַנעט איז דער שיעור ביז וואַנעט, רב אַלטער, צו מוטשען? עס מוז דאָך האָבן אן עק מוז דאָך עס!

— האָסט טאַקע, אפנים, קיין צייט נישט, חוזק אייגנער? — מאַכט צו אים אַלטער מיט א שמייכעלע, ווי זיין שטייגער איז.

— גיט זשע מיר באָטש עטלעכע גראָשן, גיט מיר דערווייל, רב אלטער!

— גראָשנס? פּע!

— אויף הוצאות, רב אלטער, אויף הוצאות!

— ווייס איך נו! — ענטפערט אים רב אלטער און מער ענטפערט ער אים שוין היינטיקס מאָל קיין וואָרט נישט.

אָט אזא מין יידל איז זיך אלטער פּעסיעס.

XXIII

אַלטער איז גראָד קיין נאַר נישט, און די מומע יענטל לייגט זיך אריין אין געשעפט

אַלצדינג איז ביז א צייט. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן אזא מעשה: אַל־טער האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט רב קלמן שדכן ביי זיך, דאָרט אין יענעם חדרל, וו' דער קאַסטן שטייט, — דער אָרט, וואָס אַלטער פלעגט תמיד באַנוצן אויף צו רעדן מיט עמעצן א סוד־וואָד, און האָט דאָרט מיט אים עפּעס לאַנג גע־

שמועסט, מחמת אַז רב קלמן איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, איז ער געווען איבן פּנים הויטלער און האָט אַלץ געסמאַרעט מיט דער נאָז, צישאָקלענדיק מיטן קאָפּ און רעדנדיק צו זיך אַליין: „פיין, פיין"... און דאָס איבעריקע, וואָס ער האָט דאָרטן אונטערגעברומקעט, ווייסט מען נישט. רב קלמן האָט צעלאָזט די פּאָלעס און איז באַלד אַוועק צו זלאַטעס שוועסטער, צו יענטלען. מיט איר האָט זיך רב קלמן געסודעט אַ היפּשע צייט, סמאַרענדיק מיט דער נאָז און הוסטנדיק, ווי אַ מענטש, וואָס וויל עפּעס זאָגן. יענטל איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אינמיטן שטוב, האַלטנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און האָט אַלץ צוגעהערט, ווי רב קלמן לעפּעטשעט מיט דער צונג, רעדנדיק האַלבע ווערטער. און אַז ער האָט זיך אויסגעקוועטשט אינגאַנצן, האָט זיך פּלוצעם יענטל אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט איבער די ליטקעס, אויסשרייענדיק אויף אַ קול מיט אַזאַ כעס, אַז רב קלמן האָט אין גרייס ציטעריש געמאַכט אַ היפּשן „בואי=בשלום" צוריק.

— צי איר זענט משוגע, צי חסר=דעה, צי גלאַט אַזוי פונעם זינען? — האָט יענטל געשאָטן אויף אים מיט פייער. — וואָס האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט אין פאַראײַאָרן ווינטער, זאָל פאַלן אויף מײַנע שונאים קעפּ! גוט צונויפגעפּאָרט! איך האָב אַלץ געמיינט, איר שמועסט מכח זלאַטען, צום סוף זענט איר גאָר פאַרקראָכן, אַהאָ! ווי זאָגט ער: „קורץ געטראַכט און גוט געמאַכט!" ער איז גאָר קיין נאַר נישט, אײַער אַלטער, אַפּנים? ווייס איך וואָס! משוגע מײַנע שונאים? אַזאַ יונגס, אַ פּיסקליאַ, בלוט און מילך! גוט צונויפגעפּאָרט — דעם זומער מיטן ווינטער! אַזאַ פאַרשוין צו אַזאַ אַלטן כלב, אַ רעטעך, זייט מיר מוחל, אַ רעטעך!

— אַ רעטעך, זאָגסטו, יענטל, אַ רעטעך? אָבער אַ זאַפטיקער רעטעך, אַ פעטער, אַ געפּאַקטער, זאָג איך דיר, אָנגעשטאָפּט מיט געלט! לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר לאָמיך, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר דײַן זלאַטקען איז דאָס. לאַ=די וואָס איך וויל איר געבן אַ זאַך, ווי זאָגט מען, אַ שמאַלץ=גרוב, גליקלעך מאַכן, איז זי נאָך ברוגז זי! דו ווילסט נישט, ווי דו ווילסט זיך! איך האָב מיר מיינס אָפּגעזאָגט איך, און די בריה איז בײַ דיר די ברירה.

— אַ שמאַלץ=גרוב? — זאָגט יענטל שוין אַ ביסל ווייכער. — דאָס שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלײַבט איבער. איך האָב מיך אויך געראַטעוועט אויף אַ שמאַלץ=גרוב, ווי איר ווייסט דאָך, ווי זאָגט ער: כאַטש פּאָקרישקע... נאָר גאָרנישט, איר ווילט, איך זאָל רעדן מיט מײַן שוועסטער, וועל איך רעדן, אַ וואָרט איז נישט קיין פּאַטש. נאָר איך זאָג אײַך פריער, רב קלמן, עס וועט נישט גיין. אסתר איז אַן אַנדער מין קינד, נישט גלײַך צו אַנדערע הײַנטיקע מיידלעך.

— גיין איז גיין. וואָס איז? מע גייט רעדן דאָ עמעצן חלילה פון קהל נייט מען דאָ? אַ מיידל איז אַ האַנטעך: יעדער ווישט זיך יעדערער. און וואָס איז

אסתר וואָס? אַ נקבה. נאַ דיר אַ גראָשן נאַ דיר. געווייגלעך, אַז דו וועסט זיך אַריינלייגן, וועט מסתמא זיין רעכט מסתמא.

— יאָ, — זאָגט יענטל, באַקלערנדיק דאָס געשעפט פון אַלע זייטן, — ווי מיינט איר אָבער, פון זיין זייט וועט נישט זיין קיין שום מניעה?

— פון אַלטערס שמועסטו? — זאָגט רב קלמן, צומרעטנדיק נענטער צו יענטלען. — אַ שיינע מעשה, כלעבן! יענער גייט אויס, חלשט, זאָגט זי גאָר אַ מניעה, זאָגט זי!

— נישט דאָס מיין איך דאָך. — זאָגט יענטל. — איך שמועס פון גרן שמועס איך. זלאַטע, ווייסט איר דאָך, איז, צווישן אונדז רעדנדיק, נישט אימ־שטאַנד אַרויסצונעמען אַפילו קיין הונדערט קערבלעך נדן. גענוג, אַז זי באַדאַרף היינטיקע ציימן חתונה מאַכן אַ טאָכטער און האָט נישט מיט וואָס נעבעך. ווי זאָגט מען: „עס איז גרינגער אויפצוהייבן אַ שיכור איידער אַ קבצן".

— ווייס איך וואָס דו רעדסט, יענטל, וואָס. אַלטער שטייט טאַקע אין דיין זלאַטעס געלט שטייט ער? נישטאָ וועט ס'זאָל לאַכן, כלעבן, נישטאָ!

— אויב אַזוי — זאָגט יענטל, אַריינלייגנדיק אַ פינגער אין מויל, און פאַר־טראַכט זיך — אויב אַזוי, וועלן מיר זען. מע באַדאַרף זיך פרוון: אַז מע קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

— ממה־נפשך, יאָ — יאָ, ניין — ניין! — זאָגט רב קלמן, צוגעמענדיק מיט ביידע הענט און אייננבייגנדיק דעם קאָפּ. — נאָר אַוודאַי ווען דו ווילסט נאָר דו, וועט דאָס געווים גיין, גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. די צונג פיקן דאַרף מען דיר נישט, ברוך השם. מע באַדאַרף זיך נאָר אָנטון אַ ביסל אַ כח, און דער עיקר — נישט לאָזן אָפּקילן דאָס, ווי זאָגט ער... אַ גוטן!

— אַ גוטן! — ענטפערט יענטל. — איך וועל מיך נאָך איבערלייגן מיט מיין ביינישן, וועלן מיר הערן, וואָס וועט עפּעס ביניש זאָגן דערויף: אין צווייען איז שטאַרקער.

— אויך רעכט! — ענטפערט רב קלמן. — אויב דו ווילסט זיך איבערלייגן מיט אים, איז ווי דו פאַרשטייסט ווי. פאָרט אַ מאַן, ווי זאָגט ער... אַ גוטן!

— אַ גוטן! זעט זשע, רב קלמן, כאַפּט זיך נאָר נישט אַרויס מיט קיין וואָרט פאַר דער צייט, נישט פאַר זלאַטען, נישט פאַר מיין ביינישן. עס זאָל נישט אויסקומען אַ סך זמירות — ווינציק לאָקשן, איר פאַרשטייט?

— פיין, פיין! — זאָגט רב קלמן און גייט אַוועק פון יענטלען זייער צו־פרידן, רעדנדיק צו זיך אַליין דעם גאַנצן וועג.

דאָס איז אָבער געווען פון יענטלס זייט נאָר אַ תנועהלע פון אַ דיפּלאָמאַט. עס האָט איר אַזוי געפּאַסט צו זאָגן, אַז זי באַדאַרף איבעררעדן וועגן דעם מיט איר ביינישן. אין אמת רעדנדיק, האָט זי דאָס גאָר נישט געטאָרט מגלה זיין פאַר אים. ביניש האָט איר נאָר געקאָנט קאַליע מאַכן, נישט פאַרריכטן. ביניש

איז געווען אַזאַ מין סאָרט יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אַמאָל גערעכנט פֿאַר אַ שטיקל משכּיל אין מאַזעפּעווקע. אַליין איז ער געווען אַ קאַשפּערעווער, פֿון דער גרויסער שטאָט קאַשפּערעווע, און אים האָט דאָס בתיה געקריגן, ווי אַן אַנטיקל, פֿאַר איר קלענערער טאָכטער יענטל. התגוויין האָט בייניש געשמט פֿאַר אַ צאַצקע, אַ יינגל פֿון לערנען; נאָר נאָך דער התונה האָט ער זיך אַרויסבאַוויזן נישט אַזוי פֿיין: ער האָט דאָס לערנען פֿאַרבויגן און האָט זיך אָפּגעגעבן צו אַנדערע מינים לערנעכצן: צו ביכלעך גאָר. נאָר מען איז פֿון דעם באַצייטנס געוואָר געוואָרן און מע האָט אים פֿון די ביכלעך אָפּגעריסן. בתיה האָט גענוג געאַרבעט; זי האָט אים געוואָלט נאָר גוטן און גענוג: זי האָרף נישט אַזאַ סחורה, זי האָט זיך פֿאַרנאַרט אינעם „פֿרעמדער" — האָט זי אַלץ געטענהט, אַרויסרופֿנדיק פֿון קאַשפּערעווע ביינישעס עלטערן, און צוזאַמען מיט זיי האָט מען אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז מע האָט ביינישן פֿאָרט געשטעלט אויף די פֿיס און געמאַכט אים פֿאַר אַ מענטשן, גלייך מיט אַלע אַנדערע מאַזעפּעווקער יונגעלייט. פֿון דער צייט אָן איז בייניש געוואָרן אַ סוחר און האָט שוין מער קיין ביכל נישט אָנגעקוקט אין די אויגן. דערויף איז יענטל אויך געווען אַ גוטער קאָזאַק און האָט מיט אים געלערנט בלק, — ער זאָל וויסן, וואָס אַ ווייב באַדייט, און געדענקען, אַז אַ ווייב באַדאַרף מען פֿאָלגן. אין האַרצן אָבער איז בייניש פֿאַרבליבן אַ משכּיל; ער האָט ליב געהאַט משכּילים, ווי דאָס לעבן, און האָט נישט געקאָנט אָנקוקן די אַלע מאַזעפּעווקער לייט, ובפֿרט אָט איינע שיינע ייִדן, די פּראָצענטניקעס, וואָס גייען אַרום מיט די שטעקלעך איבערן מאַרק, עסן און טאָמשען דעם אָרעמאַן, ווי די ווערעם, זויגן־אַרויס ביים בעל־מלאכה דאָס הם־התמצית.

— אוי, האָב איך זיי פֿיינט! — פֿלעגט בייניש זאָגן אויף זיי. — איין גאָט ווייסט ווויל דעם אמת! איך וואָלט זיי אויפֿגעהאָנגען אַלע אויף איין שטריקל, און פֿריער פֿון אַלעמען — אָט איינעם פּעמפּיק, רב אלטערן, איינגעזונקען זאָל ער ווערן!

— וואָס האָט ער אַזעלכעס געטאָן? קוק אים אָן אַביסל, ווי ער האָט זיך צעפֿלאַקערט! — פֿלעגט אים יענטל לעשן דאָס פֿייער. — זיי נאָר ביי זיך נישט אַזוי גייציק, בייניש! עס וועט קומען אַ צייט, וועסט אַליין באַדאַרפֿן אָנקומען צו אַלטערס לאַפּקע, וועלן מיר הערן, וואָס דו וועסט דעמאָלט זאָגן! ווי זאָגט ער: „פֿלי נישט צו הויך, בכדי דו זאָלסט נישט באַדאַרפֿן דערנאָך אַראָפּפֿאַלן"...

יענטל, אוי, האָט געטראָפֿן! אַז בייניש איז שפּעטער מיט דער צייט געוואָרן אַ סוחר, האָט ער געמוזט אָנקומען צו אַלטערן נאָך אַ הלוואה, און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אים נאָך מער פֿיינט געקריגן.. אַז מע האָט גערעדט פֿון אַלטערן, האָט בייניש געציטערט פֿאַר כעס. יענטלען איז די מעשה זייער געפֿעלן, און זי פֿלעגט דווקא אָפּטלעד, בפֿרט נאָך רב קלמנס ווייזט, רעדן פֿון אַל-

מערן און וועגן זיין רייכקייט, ווארפנדיק שטעכווערטלעך ביינישן אין בוזעם אריין.

— און הווקא אַן ספרים און אָן ביכלעך! — פלעגט יענטל זאָגן, געבנדיק אים דערמיט אָנצוהערן, אַז זי פאַרשטייט אויך אַן עסק.

— אָבער איך בעט דיך, — פלעגט ביינוש זאָגן, — רעד נישט מיט מיר פון אָט דעם המון, דעם עורר-היהודים! איך קאָן זיין נאָמען נישט הערן!

— מאָמער ווייסטו, וואָס האָט ער דיר געטאָן אַזעלכעס! — פלעגט אים יענטל ענטפערן, פאַרדרייענדיק דאָס פיסקל אויף אַ זייט. — באשר ער איז רייך, וועמעס עסק איז דאָס? אַ סך וואָלטן געקאָנט רייך זיין, ווי אַלטער, ווען זיי זאָלן שכל האָבן, אַזוי ווי ער... פריצענט, גארעלע, וואקסט אָן רעגן...

—אָבער אַז איך בעט דיך, יענטל, דערמאָן מיר נישט זיין טרפהנעם נאָמען! פו מיר צוליב אָן: דערמאָן מיר אים נישט!

— קוק אים אָן אַביסל, ווי דער כהן האָט זיך אין אים צערעדט! ער האָט זיך דאָס אַביסל צעשריגן, גלייך ווי מע ווערט פון אים גליקלעך. וואָס האָסטו מיך דאָ חושד צו זיין? עס שמועסט זיך וועגן אַלטערן, זאָג איך, אַז ער איז גאָר נישט אַזוי, ווי מע מאַכט. איטלעכער מענטש האָט שונאים, ווי זאָגט מען אַ ווערטל...

— וואָס טויג מיר דיינע ווערטלעך? זאָג מיר בעסער, יענטל, וואָס האָסטו זיך עפעס פּלוצעם אַזוי צערעדט פון אַלטערן? עפעס מוז דאָ זיין, ס'איז עפעס נישט גלאַטיק.

— אַ משל! דאָס איז יאָ ווי מע זאָגט, אַז ציבעלע איז ציבולי — איז קנאָבל קנאָבולי. א שטומער וואָלט דאָס נישט אויסגערעדט אין קיין יאָר, וואָס דו איז אַ מינוט.

— ניין, יענטל, איך קען דיך שוין אַ ביסל; מסתמא איז דאָס נישט אומזיסט.

— ווייסטו וואָס, ביינוש? אָט ווער בעסער גאָר אַנטשוויגן. ווי זאָגט ער: זווינציקער גערעדט און מער געטויגט. אַז אָקס, פאַרשטייסטו מיך, האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן, זאָגט מען, קיין שופר נישט בלאָזן... אָט דאָס איז מיט דיר אויך. מאָמער וואָלט מען יאָ געקאָנט אַמאָל מיט דיר אויספירן אַ זאַך, קומסטו מיט דיינע אויבערקעפלעך באַלד. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ חכם — ביינוש! אהם א מענטש — קאטשקע רוק זיך... גיי שוין, גיי, לאָמיך דיך כאָטש נישט אָנקוקן פאַר די אויגן!

אַ מין הצלחה! ביינוש האָט ליב זיין ווייב, און הווקא דעמלט, ווען זי זידלט אים גוט אויס און שעלט אים דורך, ווערט ער ווייך ווי טייג און לאָזט זיך קנעטן. און יענטל קנעט אים, מאַכט מיט אים, וואָס זי וויל:

— הערסטו בײניש, מע בעט פֿון דיר נאָר אײן זאַך: זאָלסט הערן און זען און שװײַגן, װאָרום קאַליע מאַכן קאָן אַ קאַץ אויך...

XXIV

זי אַרבעט װי עס געהער צו זײַן, און אַלטער װערט גוט חוץ לדרך הטבע.

אַרײַנמישן זיך אין יענעמס געשעפֿטן, זאָגן אַ דעה דאָרט, װוּ מע פֿרעגט אים נישט, געבן אַן עצה, װען מע בעט אים נישט, קוקן, נאָכשפּירן, זען, װאָס בײַ יענעם אין טעפּל קאָכט זיך וכדומה, — דאָס האָט ליב יעדער ייִד; אַרײַנמישן זיך אָבער אין אַזעלכע ענינים, װאָס זענען נוגע אײנעם נפֿש, טראָגן אויפֿן קאָפּ דעמס ייִנגל און יענעמס מײדל, געפֿינען פֿאַר איטלעכן זײַן גלײַכן, מזװג זיװגים זײַן, רעדן אַ שידוך — דערװײַל, זעט איר, זענען נאָר די מאַזעפּעװקער גרײַסע בריהס, אײנע אין דער װעלט. איטלעכער ייִד איז דאָרטן אַ שדכן — נישט צו־ליב דאָס שדכנות־געלט חלילה; שדכנות־געלט אַז עס מאַכט זיך — מהיכי־תיתי, װער װאַרפֿט דאָס אַרויס אַ װײטיק קערבל? עס זענען אָבער דאָ אַ סך אַזעלכע, װאָס קלערן אַפֿילו נישט פֿון רח"ש, זײ טוען דאָס בפֿירוש לשם־שמים: מע דערזעט אַ בחור מיט אַ בתולה, אַן אַלמן מיט אַן אַלמנה, אַ גרוש מיט אַ גרושה, — פֿאַלט תיכּף אַרײַן אין קאָפּ אַ געדאַנק: „אוי װאָלט דאָס געװען גלײַך! כ'לעבן, אַ גלײַכער שידוך“... און מע הײבט אָן באַלד צו אַרבעטן אין געשעפֿט, טאַקע פֿון יענעמס טובה װעגן: דער אַלמן פּאַסט צו יענעם מײדל, יענער בחור, נישקשה, מעג נעמען די גרושה, און דער גרוש איז פּשוט אָנגעמאָסטן פֿאַר יענער אַלמנה. מע פֿילט זיך נישט בײַ אַזעלכע עסקים, מע פֿאַרבײגט אַלע געשעפֿטן און מע גיט זיך אָפּ, מע לײגט זיך אַרײַן, און מע טוט אַלע מעג־לעכקײטן, אַז דער שידוך זאָל זײַן אַ שידוך, גלײַך װי עס זײ נוגע אין לעבן אָדער אין פּרנסה. זײ קאָנען נישט לײדן, עס שלאָגט זײ צו דער גאַל, אַז זײ זעען אַן אַלטן בחור, אָדער אַ דערװאַקסן מײדל: „ביז װאַנען“ — זאָגן זײ — „איז דער שיעור צו זיצן, טאַקע ביז דעם גרויען צאָפּ?“ ערגער פֿון אַלצדינג איז בײַ זײ, אַז אַ מײדל פֿאַרזיצט; מע שעמט זיך מיט איר צװישן לײַטן; מאַנצבילן האַלטן זיך מיט איר פֿרײַ, װי מיט אַ זכר, װײַבער קוקן אויף איר, װי אויף אַן איבער־געװאַקסענעם כרײַן, עס קומט עפּעס אַיים זײער פֿריקרע — מע פֿאַרדרײט די נאָז. אַלע האָבן אויף איר רחמנות, און ס'איז אַ גרויסע מצװה פֿאַר גאָט זי צו פֿאַרשלײערן.

— מעגסטו דיר זײַן ברוגז, זלאַטע, נאָר דעם אמת אין אַ זײַט קאָן מען נישט אַװעקלײגן. װי זאָגט ער: „זאַ פּראַװדו ביוט“. איך בין אַן עלטערע שװעסטער,

מעג איך דיר זאָגן אַלץ, וואָס אויפן האַרצן ביי מיר. דיין אסתּר איז אַוודאַי אַ ווילע, אַ טייערע און אַן ערלעכע, אויף מיר אַזאַ יאָר; לאָמיך האָבן אַזאַ דאגה מיט פּרנסה, ווי דו האָסט אַ דאגה מיט אַ שידוך; פונדעסטוועגן דאַרפסטו נישט פאַרגעסן, אַז זי הייסט שוין נישט קיין יונג מיידל, דו אין אירע יאָרן האָסט שוין געהאַט צוויי צי דריי קינדערלעך... לאָמיך האָבן אַזאַ לעבן, וואָס פאַר אַ שיינעם נאָמען זי האָט אין שטאָט; נאָר אַוודאַי, אַז איך הער, מע זאָגט אויף דיין טאָכטער: „אָן גייט זי, די אַלטע מויד“, — שטעכט דאָס מיך געוויס אין דער זיבעטער ריפּ, וואָס האָט מען דאָ צו קלערן? ווי זאָגט ער: „אַרן אַרט דאָס מיך נישט, נאָר סע בראָט מיך און סע ברענט מיך“...

אַזוי האָט איינגעטענהט מיט זלאַטען איר עלטערע שוועסטער, ברײַנע די קאָראַלניצע, אַ גראָבע פונדאַמענטאַלע ייִדענע, מיט אַ קול פון אַ מאַנצביל, מיט אַ קאָראַווע פּנים און מיט שוואַרצע וואָנצעס אויף דער אייבערשטער ליפּ; אין שטאָט האָט זי געשמט פאַר אַ גרויסן בר־דעת, אַן ערלעכע, אַ פרומע ייִדענע און זייער אַ צוגעלאָזטע צו אָרעמע לייט, פאַר וועלכע זי פלעגט אָפט זיין אַ שתּדלן, דאָס הייסט, נעמען אַ פּאַטשיילע און אַרומגיין מיט נאָך אַ ייִדענע צונויפנעמען נדבות, פאַר אָרעמע קימפּעטאָרינס, אויף הכנסת־כּלה, אויף לחם־אביונים וכדומה. מע קאָן נישט זאָגן, אַז אין שטאָט האָט מען זי שטאַרק ליב געהאַט, מחמת זי פלעגט דערקוטשען מיט אירע אָפטע נדבות קלויבן. „אָן גייט זי שוין, די גבאיטע מיט דער פּאַטשיילע“, — פלעגט מען זאָגן, באַמערקנדיק זי פונדערווייטנס. איר מאַן, משה אברהם זאַליאַזניק, האָט זיך געהאַט זיין געשעפט — אייזן, און ברײַנע, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי בתיה דער האָרטאָווניצע, האָט נישט געקאָנט זיצן לײדיק אָן אַ שום באַשעפטיקונג, דעריבער האָט זי זיך אונטערגעהאַנדלט אויף איר געלט מיט קאָרעלן. איר מאַן האָט אַפילו פון אירע געשעפטן ווייניק וואָס הנאה געהאַט, מחמת דאָס גאַנצע האָבער־מזל פלעגט ביי איר אַרײַנקומען אין די אָרעמע לייט אַריין, די אָרעמע קימפּעטאָרינס מיט די אָרעמע כּלות, וואָס זי פלעגט חתונה מאַכן. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט דערצו העלפן? בתיהס טעכטער האָבן פיינט געהאַט, אַז דער מאַן זאָל זיי זאָגן דעות. ביי זלאַטען האָבן ברײַנעס רייד געהאַט אַ גרויסן ווערט.

— וואָס זשע זאָל איך טון, אַן אלמנה מיט ברעקלעך קינדער יתומים? — האָט זי זלאַטע געפרעגט. — וואָס קאָן איך טון דערצו, אַז עס מאַכט זיך פאָרט נישט איר גלייכן? מיט גוואַלד קאָן איך דאָך נישט נעמען, אַז עס קומט נישט אַליין. עס איז מיר, מאַל דיר, גענוג ביטער און פינצטער, אַז איך טו אַ קוק אויף אסתּרן, קיין עין־הרע... — פאַר גרויס עגמת־נפש האָט זיך זלאַטע צעוויינט, און ברײַנע האָט איר אויסגערעדט דאָס האַרץ, ווי וויט זי האָט געקאָנט, געדרונגען איר פאַרקערט, אַז אסתּר איז גאָר נישט אַזאַ „פּרעסטאַרעץ“, וואָס מע באַדאַרף זיך דאָ אַזוי שלאָגן. אַז עס וועט קומען די צייט, וועט איר זיווג קומען.

טרעפֿן אַליין דעם אָרט, וואָרעם קיין סך אסתּרים איז נישט דאָ אין שטאָט, וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרן? גאָט קאָן העלפֿן, אַז ער וויל נאָר. „וועסט נאָך, אם־ירצה־שם, האָבן אין איר גרויס נחת“...

נישט אַזוי אָבער האָט זיך באַגאַנגען זלאַטעס ייִנגערע שוועסטער, יענטל; זי האָט זיך גענומען צום עסק גאַנץ געטריי, גאָר אויף אַנדערע כּלים. זי האָט געקאָנט זיך אַריינלייגן אין אַזאַ ענין, ווי עס געהער צו זיין, און צייט האָט זי געהאַט דערויף גענוג. יענטל איז געווען אַ היימיש ווייבל, דאָס הייסט, נישט קיין מאַרק־ייִדענע, ווי בריינע אָדער זלאַטע. זי איז געווען די ייִנגסטע פֿון אַלע דריי טעכטער ביי בתיה דער האָרטאָווניצע, די מיזינקע, און איז אויפֿגעצויגן געוואָרן ביי בתיהן שוין אויף די עלטערע יאָרן, ווען יענע האָט שוין נישט גע־קאָנט אַזוי אָפּגעבן מיט איר טאָכטער און זי מאַכן פֿאַר אַ מענטש, ווי די עלטערע טעכטער. דערצו איז יענטל פֿון תּמיד אָן געווען אַ פֿוילע, זי האָט ליב געהאַט פֿרעמדע בענק מיט פֿרעמדע געשעפֿטן, און איבערהויפּט — אַזעלכע ענינים, וואָס געהערן זיך אָן צו חתן־כּלה, מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער. דאָרט האָט יענטל שטאַרק ליב געהאַט אַריינצושטעקן אַ נאָז, אַריינוואַרפֿן אַ וואָרט, פֿאַרקאָכן אַ חתונה, און נאָכדעם, אַז יענע האָבן זיך שוין גוט געריסן פֿאַר די שלייערס, פֿלעגט זיך יענטל שטיין פֿונדערווייטנס, שטיל, פֿיין, גאָט די נשמה שולדיק. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָרט, וווּ מע האָט זי געקענט — און געקענט האָט מען זי אומעטום, ווי אַ ביזן שילינגער! — האָט מען זיך שוין געהיט פֿאַר איר. אַז צוויי ווייבער האָבן גערעדט אין מאַרק און יענטל איז אָנגעקומען, איז מען באַלד אַנטשוויגן געוואָרן: „שאַ, אָן גייט דער ביטגומער, באַטע פּאָקרישקע“... אַפֿילו צווישן אירע אייגענע שוועסטער האָט יענטל פֿאַר־קאָכט אַזעלכעס, אַז בריינע מיט זלאַטען פֿלעגן צווישן זיך ברוגז זיין יאָרנווייז. יענטל האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כּח, אַז זי האָט דערציילט עפּעס אַ זאַך, האָט מען איר געמוזט גלייבן. איר טאַלאַנט איז געלעגן באַהאַלטן אין איר מויל, אין איר מינע, און אין אירע אויגן. צייט האָט זי געהאַט גענוג, קיין קינדער האָבן זיך ביי איר נישט געהאַלטן. מיטן געשעפֿט איז געווען פֿאַרנומען ביניש (ער איז געווען אַ מוכר־תּבואהניק), און די טירן פֿון יעדער שטוב זענען געווען אָפֿן: פֿאָרט בתיה דער האָרטאָווניצעס אַ טאָכטער! קיין נאַר איז יענטל נישט געווען. רב קלמן האָט געוווּסט, ווען ער האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיין געשעפֿט מכח אַלטערן. יענטל האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אינעם עסק אַזוי בריהש, אַזוי קונציק, אַז זלאַטע, וואָס איז געווען אויך נישט פֿון יענע, ווי מע זאָגט, וואָס גייען צען אַ גראָשן, האָט דאָ נישט אַרויסגעזען קיין שום סימן פֿון אַ מאַשינע, פֿון אַן אונטערפֿיסל. אדרבא, רעדנדיק מיט זלאַטען וועגן אַלטערן, האָט אים יענטל דיק אויסגעלאַכט, געמאַכט חוזק פֿון אים און פֿון זיין פֿירן זיך.

— איך מיר אַ לעבן! — האָט יענטל געזאָגט, גלאַט אַזוי בדרך־הליכה.

— אײנער אַלײן מיט די פיר װענט! עסט און טרינקט און צײלט דאָס געלט. רײך צו=נ=אַלדי שװאַרצע יאָר, ממון=קורח. װאָס גײט אים אָפּ? קאַפּױטיק, איך בעט דיך? ער זאָל זײן כאָטש אַ ביסעלע ײנגער, װאָלט מען אים געגעבן אַ כלה, כאָטש אַפֿילו אָן געלט.

— געטראָפֿן דעם אָרט! — ענטפֿערט איר זלאַטע. — יענער װאָלט זיך אַלײן פֿאַרקױפֿט פֿאַר געלט, זאָגט זי גאָר דאָס!

— האָסט אַ גרױסן טעות, זלאַטע. מיר האָט קלמן געשװאָרן אַזױ, אַז מע מעג גלײבן אַפֿילו אַ הונט, אַז ער זוכט אַ שידוך פֿון זײַנעטװעגן, און דװקא פֿון געמײנעם גראַד, ס'הײסט פֿון באַלעבאַטישן שטאַנד, עס מעג זײן אָן געלט, אַבי דאָס קרן איז אַ קרן, װעט ער נאָך צוצאָלן און בײטל אַרײַן. איך זאָג דיר דעם אמת, זלאַטע, װען איך האָב קינדער, נישט װי גאָט האָט מיך געשטראָפֿט, אין כאָטש אַ טאָכטער אַ היפּשע, װאָלט איך קײן צװײ װערטער נישט גערעדט. כאַפּט אים דער װאַטנמאַכער, װאָס ער איז אַ חבר=אחר, אַבי פֿאַרזאָרגט אַ קינד. ע', הערסטו, זלאַטע, רוף מיך נאָר און גיב מיר לעקעד...

אין אַזעלכע שמועסן האָט יענטל פֿאַרבראַכט מיט איר שװעסטער גאַנץ אָפּטלעד, נאָר תמיד אַזױ קונציק אַרױסגעקומען אױף אַלטערן, אַז יענע האָט זיך בשום אופֿן נישט אָנגעשטױסן אױף יענטלס פּלאַן. אײנמאָל האָט זיך זלאַטע נאָכדעם פֿאַר איר אַרױסגעכאַפּט מיט אַ װאָרט און האָט זיך אַ זאָג געטאָן:

— װי מײנסטו, יענטל, אַ שטײגער, מײן אסתר זאָל אים װעלן?

— װײס איך װאָס? משוגע מײנע שונאים! — האָט איר יענטל געענטפֿערט. — װאָס איז? דײן אסתר איז דאָ די מיאוסע מױד, װאָס מע באַדאַרף זי פּטרן? װײס איך װאָס, אַבי גערעדט!

— אי, זאָג עס נישט, יענטל! אײן גאָט איז יודע דעם אמת, װאָס איך טראָג. ס'איז מיר גוט צו הערן, זאָל דיר, די רײד, װאָס מע רעדט!

— װאָס װשע רעדט מען אַזעלכעס, װאָלט איך געװאָלט װיסן? — מאַכט יענטל מיט אַ תמעװאַטער מינע.

— װאָס האָסטו געװאָלט זאָל מען רעדן? ס'איז גענוג, אַז מע רעדט פֿון אסתרן, אַז זי איז שױן אַ דערװאַקסענע, קײן עין=הרע. מע זאָגט...

— מע זאָגט? מע רעדט? װאָס טױג מיר, זלאַטע, דער „מע"? מע — איז אַ ציג! לאָזן זײ דיר רעדן פֿון פֿײער און פֿון װאַסער, אָט די אַלע, װאָס רעדן! לאָזן זײ בעסער אַ קוק טון אױף זיך אַלײן, און לאָז זײ נישט דאַרן דער קאָפּ נאָר יענעם! נײן, איך מײן טאַקע באמת, איך קאָן אַזױ נישט לײדן, אַז מע מישט זיך אַרײַן אין יענעמס געשעפֿטן, אַז איך װאָלט זײ נאָר צערײסן אָט די אַלע װאָס רעדן! װאָס גײט זײ אָן, װאָס אסתר איז נאָך קײן כלה נישט? װאָס אַרט דאָס זײ? פֿאַרװאָס אַרט דאָס מיך נישט, אַז לאה=ציפּורהס טעכטערל איז אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, װי אַ זאַק מיט פּאָלאָװע? פֿאַרװאָס זאָרג איך מיך

גישט, וואָס מינצים מויד שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך? פאַרוואָס רעדט איך נישט פון בנצי, דעם רויטנס דריי מעכטער, וואָס זענען שוין לאַנג אַריבער דעם פריזיוו, און קיין משוגענער חתן וויל אַפילו נישט אַריינשמעקן אַהין? פאַר וואָס גיי איך נישט אַרום און שריי נישט אויף מלכה העניעס שנור, וואָס האָט פלוצעם אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַריק פונעם קאָפּ? וואָס איז? באשר איר מאַן האָט פאַרדינט געלט? האָסט מורא, ער וועט אוודאַי נישט אָנזעצן? און גאָלדע דער קאַראָלניצערס טאָכטער האָט זיך נישט געקושט יענע וואָך מיטן משרת איפן יריד, אונטער דער סטויקע? איך קאָן עס נישט סובל זיין, עס ברענט מיר, עס טראָגט מיך אונטער, אַז איך הער, ווי מע באַרעדט יענעם און מע קוקט נאָר אויף יענעם, נאָר אויף יענעם!...

יענטל צעפלאַקערט זיך אַזוי, אַז זי גייט אַוועק אַ צעקאָכטע, פאַרגעסנדיק בלומרשט ווו זי האַלט. שפּעטער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, קומט זי ווידער צו זלאַטען און קלייט אַריין, זעצט זיך נעבן איר אין דרויסן אויף דער באַנק מיט אַן אַרבעט אין דער האַנט און מאַכט צו איר אַזוי:

—הערסטו, זלאַטע, איך האָב מיך באַטראַכט און דער היים און גוט אי־בערגעלייגט זיך מיט מיין ביינישן וועגן יענעם, וואָס דו האָסט מיר אַנומלט אַ זאָג געטאָן; איך האָב זיך באַקלערט, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי קרום, ווי איך האָב געמיינט פון דעם לכתחילה. ווי זאָגט ער: „קרום ווי אַ קאָטשערע, גלייך ווי געטראָפן“... מע זאָגט דאָך פאָרט אויף אים, אַז ער איז רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און קיין קינדער האָט ער אויך נישט...

— וואָס זשע, ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין קינדער? — פרעגט זלאַטע פאַרטראַכט, קראַצנדיק מיטן דרעטל אונטערן שלייער.

— וועלכער רוח! — זאָגט יענטל, אַוועקלייגנדיק די אַרבעט אויף אַ זייט.

— דאָס הייסט, ער האָט יאָ עפּעס געהאַט אַמאָל. זיין ווייב איז געווען אַ כאָ־ליערע, הי געדענקסט נישט פייגלען? זי איז פון תמיד אָן געווען אַ גרינע, לאָז זי מיר מוחל זיין, אַ דער רוח ווייסט וואָס, שטענדיק זיך געדראָקטערט און נאָר געדראָקטערט! זי האָט מפיל געווען עפּעס אַ פּאָר מאָל און האָט אויפגעהערט צו קינדלען שוין ביזן טויט אַריין.

— איך האָב אַ רעד געטאָן מיט אסתרן, — זאָגט זלאַטע מיט אַ זיפץ — האָט זי אַפילו צוגעשוויגן. איך ווייס, וואָס זי מיינט מיט איר שווייגן? היינטיקע קינדער, גיי טרעף, וואָס סע טוט זיך ביי זיי! נאָר אסתר איז אַזאַ קינד, קיין עין־הרע, וואָס פאַרשטייט איר תכלית, און אַקעגן איז זי מיר קיינמאָל נישט געגאַנגען.

— נו, און יענער וויל טאַקע, אַפּנים? — טוט יענטל זיך אַ פרעג גלאַט אַזוי.

— צי ער וויל, פרעגסטו? אַ שיינע מעשה, כלעבן! יענער גייט אויס, ער האָט שוין עטלעכע מאָל אונטערגעשיקט קלמנען, און איז שוין אַליין אויך עטלעכע

מאָל געווען ביי מיר אין קליים, בשעת אסתר איז גראָר געשטאַנען נעבן מיר, — און דו פֿרעגסט, צי ער וויל! יענער וויל זי אָפּגילטן, און זי זאָגט גאָר דאָס!

— אַזוי גאָר? — זאָגט יענטל, גלייך ווי זי ווייסט גאָרנישט פֿון די אַלע בייזע, און לאָזט איבער דעם שמועס אויף אַן אַנדערש מאָל, פֿאַרשלאָגנדיק היינטיקס מאָל מיט האַקע־באַקע: גענרז, איינגעמאַכטס, געראָטענע חלה אויף שבת און דעסגלייכן.

* * *

זלאַטע האָט זיך נישט אָפּגעזעצט רעדן מיט אסתרן מכּח אַ שידוך, מכּח חתונה האָבן, נאָר עס פֿלעגט ביי זיי ביידע אַרויסקומען דערויף מסתמא גאַנץ אָפּגעלעד. דער גרעסטער פֿאַרגעניגן זלאַטעס איז געווען, אַז זי האָט געקאָנט אָפּרייסן אַן איבעריקן גראָשן פֿון דער הוצאה, כּדי איינצובריינגען דער טאָכטער אויף פּאָוועלע צו דער חתונה. ביי זלאַטען אין קאַסטן זענען שוין געלעגן פֿון כּמה וכּמה יאָרן אָנגעגרייט אַ האַלב טוץ העמדער מיט זייער שיינע אויסגענייטע געסטיקעס און מיט פֿראָשוועס נאָך דער לעצטער מאָדע, ציכלעך געשטיקטע, אַ פּאָר פּיקענע קאָלדרעס און באַוועלעד אויף זאָקן וכדומה. הכּלל, דער קאַסטן איז געווען ביי זלאַטען אַ מין קאָנטאָטשייסטווע, אַ באַנק, וווהין זי האָט איינגעציקווייז, ביסלעכווייז אָפּגעלייגט איר פֿאַרמעגן פֿון אסתרס וועגן.

— וואָס פֿראַטעסטו? — האָט צו איר יענטל איינמאָל אַ זאָג געטאָן, דערזענדיק זלאַטען זיך פּאָרען ביים קאַסטן.

— וואָס איך „פּראַטע“? — האָט איר זלאַטע אָפּגעענטפֿערט מיט פֿאַרדראָס. — מסתמא פֿונעם אַנדערן מאַנס וועגן, וואָס פֿאַרשטייסטו דאָ נישט?

—נישט לאַנג געטראַכט און גוט געמאַכט! — האָט איר יענטל געענטפֿערט מיט אַ גלייכווערטל, ווי איר שטייגער איז. — לאָז עס מיר אָנקומען, וואָס איך ווינטש דיר, האָסטו געהערט? איך זע, דו קלייבסט, פֿרעג איך פֿון וועמענס וועגן. פֿאַר אַ וואָרט קומט נישט קיין פּאַטש. ווייס איך? לאָז זיין היינטיקס מאָל אַזוי.

—דו ווייסט גאַנץ גוט, צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, אַז דאָס איז מיין אסתרס פֿאָוועלע צו דער חתונה, גיב גאָט נאָר אין גיכן, רבונו־של־עולם, שוין צייט!

אסתר, וואָס איז דערביי געזעסן, האָט געמוזט אויסדרייען דעם קאָפּ צום פֿענצטער צו, בכדי מע זאָל נישט זען איר פּנים, אויף וועלכן עס האָט זיך צעגאָסן אַ רויטע פֿאַרב.

איינמאָל, עס איז געווען אַ ווינטער־נאַכט, איז זלאַטע געזעסן אויף דער לעזשאַנקע איבער אַ זיפּ מיט פֿעדערן, און ביי דער זייט אויף דער באַנק איז געזעסן אסתר און האָט גענייט ציצענע אַרבע־כּנפֿותלעך פֿון די קינדערס וועגן,

אפרים און מנשהן. צווישן זלאַטען מיט אסתרן זענען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען רייד, און זיי זענען שטיל געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. קיין שאָרך האָט זי נישט געהערט, נישט אין שטוב, נישט פון דרויסן. נאָר דער אַלטער גרויער קאָטער האָט ציטערדיק אַרויסגעלאָזט אַ כאָרכלע, דרימלענדיק האָרט ערגעץ אויפן אויוון. פּלוצעם לאָזט זלאַטע אַרויס אַ שטאַרקן טיפן זיפץ, כמעט ווי אַ שלוקערץ, מיט אַ קוויטש און מיט אַן אויסלאָז: „ווײ־ווײ־ווײ־וויי!“

— וואָס איז, מאמע? — פרעגט אסתר ווי דערשראָקן.

— וואָס „וואָס איז“? — פרעגט זלאַטע איבער.

— וואָס זיפצסטו אַזוי שטאַרק? — פרעגט אסתר, אָוועקלייגנדיק די אַרבעט.

— וואָס איך זיפץ? — זאָגט זלאַטע. — עס זיפצט זיך — זיפץ איך. אַוודאי ס'זאָל זיין גוט אויפן האַרצן, וואָלט זיך נישט געזיפצט. נישט פאַר ווילטאָג, וואָס זאָלסטו דאָ קלערן? אז מע הייבט זיך אָן באַרעכענען אַקוראַט אַרום און אַרום, גייען איבער אַלערליי מחשבות איבערן קאָפּ, גאָרנישט, מע זאָרגט, מע וויל פאַרזאָרגן די וועלט.

— וואָס זשע העלפט דאָס זאָרגן? — מאַכט אסתר מיט אַ פריינדלעכער מינע צו דער מאַמע. — זעסט דאָך, אז גאָט פירט אונדז אויס, ווי אַלע יידן. אָט גייען קראַסנע טאַרגעס[1] — צו גאָט אַ האָפענונג, מע וועט לייזן געלט.

— געלט־שמעלט! — מאַכט זלאַטע. ס'איז פאַראַן גרעסערע זאָרג: מע דערמאָנט זיך קינדער. זיי וואַקסן, עפּעס אַ תכלית האָרף מען דאָך, און איך האַלט גאָר גאָר פון פאָרנט. איך מיין מאַקע מיט דיר אַליין, וואָס — איך בעט דיך? וואָס קומט מיר אַרויס, איך מיין באמת, פון קלמנס קריכן, וואָס ער קריכט? אַז קיין נדן, מישטיינס געזאָגט, איז נישטאָ, און אָן נדן וויל יענער נישט, און הייסן הייסט מען נאָך לשון באַלעבאַטים, מיינט יענער, אז סע קישעט גאָר, קריכט ער: גיי גיב יענעם אַרויס, וואָס אויפן האַרצן טוט זיך! און דערווייל די צייט שטייט נישט, און וואָס מער אַ טאָג, און מער אַ יאָר חלילה, איך זאָל גאָר נישט דערלעבן, מע זאָל אויף מיין קינד זאָגן „ביז דעם גרויען צאָפּ“...

אין דער מינוט עפנט זיך די טיר און עס פליען אַריין אפרים מיט מנשהן פון חדר, ביידע פאַרפלאַמט פונעם פראָסט, מיט קאַצענע טולופּלעך און מיט קיילעכיקע גראָבע הימעלעך און מיט אַ פאַפּירענעם לאַמטערנדל אין די הענט.

— אַ גוט נאָוונד! — זאָגן זיי ביידע אין איין קול, טאַנצנדיק און אַראָפּ=

---

[1] מאַרק־טעג, ווען די קראָמען לייזן געלט ביי די דאָרפסלייט.

וואַרפנדיק פון זיך די טולופּלעך. — עסן! עסן! — שרייט אויס מנשה, שלעפנדיק אסתרן פאַרן קליידל.

— שאַ, שאַ, איך גיב, איך גיב! — זאָגט אסתר, אויפהייבנדיק זיך פונעם אָרט, און דערלאַנגט די קינדער וועטשערע — טייגלעך מיט פאַסאָליעס.

אפרים איז עלטער פון מנשהן נאָר מיט איין יאָר, נאָר ער איז אַ סך סטאַ־טעטשנער, מענישער פון מנשהן. אַ ווייסער מיט אַ האָר אויסגעוויקט פּנימל, מיט צוויי לאַנגע דינע פּאהלעך, זעט ער אויס טאַקע ווי אַ בן־תורה. „ער", עליו השלום, אינגאַנצן ע ר, געפּרימשקעס, נאָר מיט לענגערע יאָר"... — אַזוי פלעגט אויף אים זאָגן זלאַטע, מיינענדיק איר לוין. און מנשה איז אַ נידעריק, גע־פּאַקט יינגל, אַ גרויסער ווייסער־הבחהניק, אַ ברען, אַ בעלן צו פאַרן רייטענדיק אויף אַ ציג, אַ גרויסער נאַשער, אַ פלאַפּלער, האָט ליב אריינצושטעקן די נאָז אומעטום, איז גרייט איבערקערן אַ וועלט, נאָר לערנען — נישט אַ לעק.

— מאַמע, מאַמע, דו ווייסט? — זאָגט מנשה, שלינגענדיק די ווערטער אינאיינעם מיט די טייגלעך און מיט די פּאַסאָליעס. — דו ווייסט, מאַמע? אפרים זאָגט שוין אליין אַ „לייענען"! דער רבי האָט אים פאַרגעבן אויף דאָנערשטיק אַ לייענען. און פיני־מאיר־פּינים איז האָך אַ היפּשער בחור, אַיאָ? ווייסט ער נישט מה הקאמרי רביצין. נו־נו, האָט מען אים געשמיסן, וויפל ס'איז אין אים אריין! זיין גליק, וואָס צום רבין איז געקומען צו גיין רב קלמן מכח אַ שידוך. דער רבי פירט אַ שידוך, און רב קלמן גייט אַלע טאָג, אַלע טאָג, און זיצט אַוועק דריי פיער־שעה, און מיר ווערן צעזעצט פאַר געלעכטער, און פיני־מאיר־פּינים האָט זיך דערווייל אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט און ווייסט די גמרא, ווי אַ וואָלף...

— נו, און דו ווייסט די גמרא? — טוט אים אסתר אַ פרעג, האַלטנדיק די הענט צונויפגעלייגט אויפן האַרצן און קוקנדיק מיט פאַרגעניגן אויף די יונגע קינדער, ווי זיי עסן אַזוי געשמאַק זייער „פּאָרציע" נאָך אַזאַ פאַרברענגען אַ טאָג מיט אַן אויפדערנאַכט אינעם ענגן חדר ביי אַ דרייערשנדיק ליכטל. און זלאַטע ווערט ברייטער ווי לענגער פאַר שמחה, באַטראַכטנדיק אירע קינדער די ברי־ליאַנטן; איר האַרץ איז פול מיט דאַנק צו דעם, וואָס לעבט אייביק, פאַר זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער טוט מיט איר, אַ וויסטע פינצטערע אלמנה... פּלוצעם ווערט אָבער זלאַטעס פרייד פאַרשטערט: אפרים, וואָס איז געזעסן ביז אַהער שטיל, טוט פּלוצעם אַ זאָג צו איר:

— מאַמע, דער רבי האָט געבעטן געלט.

— האַ, יאָ, מאַמע! — כאַפּט אונטער מנשה. — דער רבי און די רביצין האָבן שטאַרק געבעטן געלט. זיי באַהאַרפן אויף דירה־געלט און אויף האָלץ און אין מאַרק אריין. בערל משה אברהמס האָט גענומען געבראַכט צוויי קערבלעך, האָט אים דער רבי גוט מכבד געווען, און פיני־מאיר פּינים האָט ער אפשר צען מאָל פאַרזאָגט, אז אָן געלט זאָל ער זיך גאָר אפילו נישט באַווייזן אויף זיין

שוועל. דער רבי און די רביצין האָבן זייער געבעטן, זאָלסט שיקן שכר־למוד.

„ווידער שכר־למוד! — טוט זלאַטע אַ קלער, און עס טוט איר אַ שטאָך אין הארצן. — עס קומט אים שוין אַוודאי אַ קערבל פּופּצן, וויאַזוי שיקט מען אים נישט באָטש קיין צענערל? און דאָ גייען קראַנקע מארגעס: וווּ עס פאַלט אריין אַ קערבל, גייט עס אַוועק אויף סחורה איינקויפן, די קראָם אונטער־פרישן, — מע קאָן דאָך נישט בלייבן מיט די פינף פינגער! און צאָלן שכר־למוד — דאָס מוז מען דאָך!“... און זלאַטעס פּנים ווערט צעאָרנדיק. זי לייגט זיך שלאָפן אַ דערהרגעטע, גלייך ווי מע וואָלט איר אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט הערט אסתר, ווי די מאַמע קרעכצט און קאַטשעט זיך אויפן געלע־גער, און איר קאָפּ טראַכט איבער טויזנטער פּלאַנען, וויאַזוי אַרויסצוציען דער מאַמען פון דער נויט. עס פאַרשטייט זיך, אַז קודם כל קומט איר אויף דער מחשבה יאָסעלע; זי מיט אים צוזאַמען וועלן שוין צוקלערן עפּעס אַן עצה, און גלאַט אַן אַלעמען, ווייבאַלד זי האָט חתונה, ווערט דאָך שוין ממילא זלאַטען גרינגער אין אַלע אופנים. זיי וועלן ביידע האָרעווען און וועלן זען, אַז זלאַטע פון איין זייט און שמואליק פון דער אַנדערער זייט זאָלן זיין צופרידן פון זיי... די דאָזיקע ליכטיקע געדאַנקען געדויערן אָבער נישט לאַנג. ווי אַ שוואַרצער שאָטן פליט דורך פאַרביי איר אויך אַ פינצטערע מחשבה: „און ווען חלילה נישט — אַזוי קלערט זיך אסתר — און ווען חלילה מיר איז נישט באַשערט קיין גוטס אויף דער וועלט, וועל איך זיך גאָר שטעלן דינען צוליב דער מאַמען; איך וועל אַוועקפאָרן פונדאַנען ווייט ווייס איך וווהין און וועל זיך שטעלן אויף אַן אָרט. אַלע זאָגן, אַז איך וואָלט געקאָנט פאַרדינען די גרעסטע שטעלע אין אַ קלייט, אָדער אַזוי ביי אַ געשעפט“... נאָכדעם קומט איר אויס דער דאָזיקער געדאַנק משונה־ווילד: „וואָס הייסט, אַ מיידל פון איר גראַד וועט זיך אַוועקלאָזן דינען — גלאַט, אַבי גערעדט?!“... — „נו, וואָס זשע דען איז דער תכלית? — טוט זי ווידער צוריק אַ קלער. — חתונה האָבן?“... און עס ווערט איר אי קאַלט, אי הייס פון אַזאַ מין מחשבה: „וואָס הייסט? חתונה האָבן נישט פאַר יאָסעלען??!!“

אויף מאָרגן, קלויבנדיק זיך אין מארק אריין און קלינגענדיק מיט די שליסלען פון דער קלייט, האָט זלאַטע אויסגעזאָגט איר ביטער הארץ צו די קינדער נעבעך, צו אפרים מיט מנשהן, וואָס האָבן איר נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט: „מאַמע, געלט, מאַמע!“ זלאַטע האָט זיי אָנגעשאָלטן וויפל עס איז אין זיי אריין, און מנשה האָט נאָך געכאַפּט אַ צוויי פּעטש אויך, ער זאָל נישט זיין קיין שאַר־לאַטאַן מיט קיין עזות־פּנים קעגן אַ מאַמען. „גאַנציס! נאַיאָמשטשיקעס!“ — האָט זלאַטע געשריגן אויף אירע קינדער, די נעבעכיקע „בריליאַנטן“, און האָט זיי מיט אַ צערודערט הארץ אָפּגעגעבן דאָס שכר־למוד מיטן אָנבייסן און אַרויס־געשלעפּט זיי אין חדר אריין. אסתר האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרליידן און האָט זיך אַ זאָג געטאָן אין גוטן מוט:

— איך פאַרשטיי נישט, ממה־נפשך, האָסטו געגעבן געלט, צו וואָס האָסטו נאָך באַראַכפּט און איבעררייסן די קינדער אומזיסט און אומנישט?

דאָ האָט זיך שוין זלאַטע נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אויסגעזעצט מיטאַמאָל; פילנדיק אליין גאַנץ גוט, אַז די קינדער זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיק, און זייער האַרצן איז איר געווען אַזוי אויך געגוג אָנגעזאָליעט פון דעם, וואָס יענטל מיט קלמנען האָבן איר דערקוטשעט טאָג־טעגלעך, האָט זיך זלאַטע צעלאָזט אויף איר טאָכטער איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס ס'וועט זיין וועט זיין, דער בלאָטער מוז אויסזעצן, עס העלפט נישט:

— הער נאָר אויס, דו בעל־רחמניתע, טאָכטער מיינע טייערע! דו שטעלסט זיך אַרויס פאַר די קינדער? האָסט אויף זיי רחמנות? פאַרוואָס האָסטו קיין רחמנות נישט אויף דער מאַמע דיינער, אַ וויסטע, אַ פינצטערע אַלמנה, אַ מאַמע פון דריי קינדער און פון אַזאַ טאָכטער ווי דו, אַ דערוואַקסענע, ברוך־השם, וואָס איז שוין לאַנג צייט צו דער חופה פירן, און עפּעס אויך אַמאָל דערלעבן אַ שטיקל נחת אויף דער וועלט, הא? רחמנות האָסטו? פאַרוואָס האָסטו קיין רחמנות נישט אויף מיר, טאָמער טריקנט מיר דער מוח און דער מאַרך פון די ביינער, וויאַזוי דיך צו באַוואָרענען, ברענגען צו אַ שטיקל תכלית, נישט לאָזן זיצן ביז משיח וועט קומען און אַלע זאָלן אויף מיר טייטן מיט די פינגער? וואָס, באשר דער טאַטע דיינער האָט געהייסן לויט רב אברהמל סלאוויטערס, — איך זאָג דיר, איך וויים נאָך נישט די גילדענע שטול, וואָס איך וועל צוליב דעם האָבן אין גן־עדן! איך ווייס, אַז איך ווער דערווייל אויסגעריסן, פאַרשוואַרצט, שונאי־ציון, און אַז עס קומט צו עפּעס, שטעלט זיך אַנידער דער יחוס פאַפּעריק! וואָס איז? אָט גייט נאָך אַ ייד אַן אַלמן, אַ גאַנץ פיינער מענטש, דאַכט זיך, וואָס פעלט אים? כלעבן, מיט וואָס איז ער אַ מיאוסער איידעם פאַר מיר? אַ ייד אַ נגיד, חוץ זיין שאָדן אויף אַלע יידישע קינדער, אַן ערלעכער מענטש, קיין קינד, קיין רינד. יענער וויל אַ שידוך טון, ער חלשט, און זי שטעלט זיך גאָר אַנידער דאָ מיט איר רחמנות! אַ רחמנות, די פּערל זענען שיטער! האָסטו געהערט אַ השגה?!...

זלאַטע האָט נאָך לאַנג־לאַנג געפייערט, געזידלט, געפילדערט און געשריגן אויף אסתרן. יענע, געוויינלעך, האָט נישט געענטפערט דאָס אַנדערע וואָרט; איר בעסטער ענטפער זענען געווען צוויי שנירלעך טרערן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף אירע שיינע באַקן און האָבן פאַוואָליענקע אַראָפּגערונען אַראָפּ־אַראָפּ... זלאַטע וואָלט נאָכדעם אָפּגעגעבן מי־יודע וואָס פאַר יענעם „וויסטן פינצטערן“ פרימאָרגן, וואָס זי האָט אָפּגעשפילט אסתרן, וואָס איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. זי האָט עטלעכע וואָכן כמעט געהנגט דער טאָכטער, געקוקט איר אין די אויגן אריין, זיך געסמאַרעט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרגלעטן יענעם „וויסטן פינצטערן“ פרימאָרגן. נישט איין מאָל האָט זיך נאָכדעם זלאַטע אויסגעכאַפּט ביינאַכט פונעם

בעט, צוגעגאַנגען צו אסתרן בשעת יענע איז געשלאָפֿן געשמאַק, און איז, ווי איבער אַ קליין ברעקעלע קינד, געשטאַנען איבער איר און געזאָגט צו זיך אַליין שטילער־הייט: „מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר, נשמה מײַנע, מײַן ליכטיקער שטערן, מײַן אויג אין קאָפּ!“...

און אסתר האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן דעם פּסק, וואָס זי האָט געכאַפּט פֿון איר מאַמען אין יענעם „ווײַסטן פֿינצטערן“ פֿרימאָרגן; זי איז שוין צו צוועלבע פֿרימאָרגנס געוווינט געוואָרן. חוץ לזה איז אסתרס קאָפּ געווען פֿאַרנומען מיט אַנדערע מחשבות, און איר האַרץ האָט געטראָגן און זיך פֿאַרבאָרגן אַנדערע דאגות, ווי אויבן איז געשטאַנען. ווער דער אַלמן איז, דער ערלעכער פֿײַנער מענטש, אויף וועלכן די מאַמע האָט איר געגעבן אָנצוהערעניש, איז זי געוואָר געוואָרן פֿון דער מומע יענטלען; נאָר בפּירוש האָט זלאַטע מיט דער טאָכטער וועגן אַלטערן ניט גערעדט. זי האָט דאָס געהאַלטן אין זיך ביז אַ צײַט. ביז עס האָט זיך געטראָפֿן ווידער „אַ ווײַסטער פֿינצטערער“ פֿרימאָרגן, ווען זלאַטע איז געווען שטאַרק צעבייזערט, האָט זי אויסגעשאָסן, ווי פֿון אַ האַרמאַט, און האָט אויסגעלאָמרט אסתרן אַלץ, וואָס בײַ איר איז געווען אויף דער לונג, שוין ניט דיפּלאָמאַטיש פֿאַרשטעלט, נאָר גאַנץ אָפֿנטלעך. אסתר איז פֿון דעם שוין אַ סך מער צופֿרידן געווען, ווי פֿון די אָנצוהערענישן, און אַזוי ביסלעכווײַז האָט זי אָנגעהויבן צוגעוווינט ווערן מיטן געדאַנק וועגן חתונה האָבן פֿאַר אַלטערן...

בײַ זלאַטען אַליין אינעווייניק האָבן זיך אַ שטיק צײַט געשלאָגן צוויי געפֿילן. ערשטנס: „וואָס הייסט, איך וועל זי פֿרעגן? איך בין דאָך די מאַמע, און אַז איך זאָג, האָרף זײַן געזאָגט! וואָס הייסט, זי וועט מיר זאָגן אַ דעה? וואָס איז זי עפּעס — דעם אַפּטייקערס טאָכטער, וואָס שפּאַצירט אַרום מיט בחורים אויפֿן גאַס, וואָס זי זאָל זאָגן: דעם וויל איך און יענעם ניט? זי איז ניט גלײַך צו קיין אַנדערע, ברוך־השם, זי איז רב אַברהמל סלאָוויטערס אַן אייניקל!“... און צווייטנס: „פֿאַרוואָס זאָל איך זי טאַקע ניט אַ פֿרעג טון? טאָמער איז איר טאַקע אַלטער פֿאַרט ניט ליב? ער איז דאָך פֿאָרט אַן אַלמן און אין די יאָרן שוין? אַ מלאכה פֿאַרשלייערן? למאי זאָל מען נעמען באַגראָבן אַ קינד, אַ יונגט, אומזיסט און אומגעישט? און אַזאַ טײַער געטרײַ קינד, ווי מײַן אסתר איז, לעבן זאָל זי!“... שפּעטער לויפֿט דורך בײַ זלאַטען אין קאָפּ אַזאַ מין מחשבה, נאָר אַן אַנדערע: „וואָס האָט מען מיט איר צו רעדן, מיט אַ קינד, אַז ס'איז פֿאָרט פֿאַר איר אַ תכלית? פֿאָרט אַ גליק, אַזוי רײַך און אָן קינדער, וואָס וועט איר אָפּגיין בײַ אים? וואָס וועט זי זיך אויסזיצן בײַ מיר? דאָס גרויסע גדן, וואָס איך וועל איר געבן? דאָס פּאָוועלע, וואָס איך וועל איר מאַכן? ווער וועט זי נעמען, אַן אָרעמע יתומה, הײַנטיקע יאָרן? און דערצו נאָך אַ דערוואַקסן מיידל שוין?“... און דאָ איז נאָך אַלטער פֿעסיעס געוואָרן אַזוי ווייך און שטאַרק צוגעלאָזט...

אַלטער איז נאָך קיינמאָל צו קיין מענטשן אַזוי גוט און אַזוי צוגעלאָזט ניט

געווען, ווי ער איז פּלוצעם גוט און צוגעלאָזט געוואָרן צו זלאַטע דער צעלניקעריןן. ער האָט זיך כמעט אַליין אָנגעשלאָגן צו איר מיט אַ גמילות־חסד, מיט אַ הלוואהלע. „אַ רחמנות גיבער, אַן אלמנה“, — האָט אַלטער א זאָג געטאָן אמאָל צווישן מענטשן. מענטשן האָבן דאָס אָפּגעטראָגן זלאַטען, און זי איז שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון אלטערס גוטסקייט. געוויינלעך, וועט זלאַטע נישט גיין צו אלטערן אהיים בעטן ביי אים א גמילות־חסד, און שיקן צו אים אסתרן — אוודאי נישט; אַן אלמן, עס פּאַסט נישט. נאָר באַגעגנדיק זיך מיט אים איינמאָל אין גאַס, האָט זיך זלאַטע אָפּגעשטעלט מיט אים, א ביסל אויסרעדן דאָס האַרץ.

— אזוי? — האָט איר אלטער געענטפערט מיט א גוט, ערלעך פּנים. — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אז ס'איז דיר אזוי געענגט אין געלט, קיין שלעכטס! פאַרוואָס זאָלסטו זיך אמאָל נישט ווענדן צו מיר? מיט דיין לוין, עליו־השלום, זענען מיר געווען גאָר ווי אנדערע צוויי. אַ שיינע זאַך — סטייטש! סטייטש! נו, און וואָס מאכן עפּעס די קינדערלעך דיינע? האָסט, דאכט זיך, הריי?

— דריי, זאָלן געזונט זיין. — ענטפערט זלאַטע. נאָר נחת זייער ווינציק, לעת־עתה.

— נחת? — מאכט אלטער מיט א פריינדלעך שמייכעלע. — וואָס האָסטו אַזוי קיין צייט נישט? צי אפשר האָסטו יסורים מיט א שידוך פאר דיין טאָכטער? וועסט קריגן די מציאה! מע זאָגט, דו האָסט אַ גאַנץ פיינע בתולה?

— געלויבט איז גאָט. מע באַדאַרף אָבער האָבן, רב אַלטער, צו דער בתולה: איך שמועס מכח אבצן און דרייצן, ווו נעמט מען דאָס

— עט! — מאכט אלטער. — אָט דאָס איז א דאגה?... נו, על־כל־פּנים, זלאַטע, איך מיין דאָס אויף להבא, טאָמער מאַכט זיך, דו באַדאַרפסט שטאַרק נייטיק א גמילות־חסד, שיק אריין צו מיר; מהיכא־תיתי... פאָרט, ווי זאָגט מען, גוטע פריינד פון אמאָל... אַ גוטן!

פון יענער צייט אָן האָט זלאַטע אָנגעהויבן האָבן פון אַלטערן פיל טובות: הן א גמילות־חסד צו דער צייט, הן אזוי א הלוואה נישט מיט קיין גרויסער עסקא, על־פּי יושר, ווי געוויינלעך, צווישן היימישע מענטשן. די דאָזיקע טובות זענען איר אָבער גיך אויסגעפאלן באָקאָם, און זי איז געוואָר געוואָרן, וואָס הייסט אַ טובה פון אַ מאַזעפּעווקער פראָצענטניק.

XXV

אסתר איז ביי זיך אויפן קנס־מאָל אַ גאַסט

אָפטמאָל מאכט זיך, אז אין א יידישער שטוב זאָל זיך ארייננכאַפּן, פארנאַ־דיען אליין א נישטגוטער, נישט דאָ געהאכט, אָדער אזוי אַ זייטיקער פארשוין, דער שווארציער יאָר ווייסט אים פונוואנען ער האָט זיך גענומען, — און עס ווערט

דעמלט אָפּגעטאָן דאָס שלום־בית; מענטשן ווערן בייז, אָנגעבלאָזן, אָנגעברוגזט איינער אויפן אַנדערן, אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר וועז. אָט אַזאַ מין נישטגוטער האָט זיך פארנאַדיעט צו זלאַטע דער צעלניקערין אין שטוב אַריין, — אַלטער פּעסיעס, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער נישט שטיין. קאַרג זענען געווען פאַר אסתרן יענע נאָך נישט פאַרהיילטע צרות פון יאָסעלען, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר אַ נייער גיהנום — אַלטער! אויף יעדן אָרט, אויף איטלעכן טריט האָט זי געהערט נאָר אַלטער און אַלטער! עס איז אָבער דאָך פאַר איר געווען אַ סך גרינגער צו הערן פון דער מאַמען גאַנץ אָפּנטלעך, אַז זי וויל און באַגערט דעם שידוך מיט אַלטערן, איידער צו הערן די שטעכווערטלעך מיט די אָנצוהערענישן פון יעדן באַזונדער, ווי ביז אַהער, אויסצוהערן פון דער מאַמען לאַנגע שמועסן וועגן חתונה האָבן און פאַרזאָרגן אויף שפּעטער, ווערן אַליין אַ באַלעבאָסטע ביי זיך, אין אַן אייגענער שטוב, נעמען אַ מאַן מיט געלט אַ סך און האָבן פאַר אים אַ גוטע וועלט, דאָס הייסט: עסן און טרינקען, שיין אָנטון זיך, אים האָבן קינדער און וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן, נישט אַזוי ווי זי, זלאַטע, רב אַברהמל סלאָוויטערס שנור, וואָס באַדאַרף הייַנט האָרעווען ווי אַן אייזל, זיין אַ גאַנצע וואָך איינגעשפּאַנט אין דער יאַרמע, און די קינדער זאָלן נישט האָבן אַלץ, וואָס קינדער באַדאַרפן...

— עי, טאָכטער, — פלעגט זלאַטע אויסלאָזן מיט אַ זיפץ — לאָז מיר גאָט העלפן, דו זאָלסט זיין גליקלעכער פון מיר, זיך נישט ראַדעווען אויף קיין יחוס, ווי מיין מאַמע האָט זיך געראַדעוועט, געוואָלט, איך זאָל איינשטיין ביי רב אַברהמלען פאַר אַ שנור, נישט אַנדערש.

— גלייכער אַ לויט געלד, איידער אַ פּיד יחוס, — האָט אונטערגעהאַלטן די מומע יענטל, וואָס פלעגט תמיד אָנקומען גראַדע אויף די שמועסן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז אסתר געזעסן אין דער היים איינע אַליין. זי איז געווען פאַרנומען מיט אַן אַרבעט. זלאַטע איז געווען אין מאַרק און די קינדער אין חדר. פּלוצעם קומט אַריין יענטל.

— גוט מאָרגן דיר, אסתר־לעבן!

— גוט יאָר! אַזוי פרי, מומעניו? זיצט.

— אַ דאַנק, איך בין שוין גענוג געזעסן היינטיקן טאָג און זיך גענוג אָנגעלאָפן אויך; איך בין אַזש הייזעריק געוואָרן רעדנדיק, און אַלץ מיט איר, אַלץ מיט איר.

— מיט וועמען איז, מומעניו?

— מיט וועמען, פרעגסטו? מיט דער מאַמען מיט דיינער, דו קענסט זי נישט? און אַלץ איבער דיר.

— איבער מיר גאָר?

— ואיבער וועמען זשע האָב איך מיך מיט איר צו קריגן, אַז נישט איבער דיר? תמיד קריג איך מיך מיט מיין שוועסטער? ניין, איך מיין טאַקע באמת, אסתר, די גאַל קאָן ציפּלאַצט ווערן, צוזעענדיק אַזעלכעס! דו האָסט איין טאָכטער, און, האָבט מיר, גאָרנישט אַזאַ שלימזלניצע אויך, וואָס זשע איז דאָס טאַפּעניש און דאָס לייפּעניש אין איין קול: חתונה מאַכן! און טאַקע באַלד חתונה מאַכן! מהיכא־תיתי, חתונה מאַכן, גאָר פאַר דיין גלייכן, אָבער נישט זוכן קיין גליקן, איינשפּאַרן זיך מיט גוואַלד: איך וויל, מיין טאָכטער זאָל זיין אַ נגידית, און גיי טו מיר עפּעס! באַשר, זאָגט זי, איך בין נישט אימשטאַנד; די צייט, זאָגט זי, איז אַזוי שלעכט, אַז נישט נאָר קיין נדן — קיין העמד אַפילו איז נישטאָ צו מאַכן! דאָס קינד וואַקסט, זאָגט זי, און די צייט גייט אַוועק. איך בין שוין, זאָגט זי, אויס מענטש, וואָס איז? אליין רעדן מיט דיר קאָן זי נישט און ווילן וויל זי זייער, פאַרוואָס זאָל זי נישט וועלן? לאָמיר זיך נישט נאַרן: ערשטנס, איז דאָס טאַקע אַ גליק פאַר דיר אַליין, און דאָס אַנדערע איז טאַקע, ווי זאָגט מען, אַרום אַ פעטן טאָפּ זאָל מען זיך שמירן... זי פרעגט מיך, זלאַטע מיין איך, וויאַזוי איז מיין השגה דערביי? איך ווייס, וואָס איך זאָל איר זאָגן? איך זאָג איר, אַז מיט דיר האָט זי זיך נישט וואָס צו כאַפּן: עס וועט זיך אָפּזוכן, זאָג איך, דער בעלן. „ווו זשע, שרייט זי, ווו זשע איז דער בעלן? גיב מיר אים אַהער!" „האָב צייט, זאָג איך, זלאַטע, ער וועט קומען אַליין!" „אָן געלט, זאָגט זי, אָן מלבושים, אָן לייב אין לעבן, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, אַן אָרעמע און אַ דערוואַקסענע דערצו! וואָס איז? רב אברהמלס אייניקל, אוי־ווא, סע טוט זיך אביסל!" „נו, זאָג איך, אַז ער וויל יאָ אַזוי, אַלטער מיין איך, מאָג ער דאָך צוואַרפן אַ קאָפּ; וואָס איז, ער שטייט אונטערן רעגן?" „ניין, זאָגט זי, ער האָט שוין גענוג געוואַרט. אבי וועמען וועט ער נישט נעמען, און מחמת דו ביסט דו, וויל ער דיך, יאַקבי, אָפּגילטן, דיך, און די מאַמע, און יעדן באַזונדער, מיט קינדס קינדער". „גאַ דיר אַ גראָשן פאַר די אַלע גליקן, זאָג איך, עס מאַכט זיך קאַרג מאָל, אַז דער טאָכטער איז טאַקע גוט ווי דער וועלט, זאָג איך, און טאַטע־מאַמע הונגערן, ווי זיי שטייט אָן? אוי־וויי־אוי, זאָג איך, איך זאָל האָבן די ברכות!" נו, ברענגט זי מיר אַ ראיה פון בלומעס קינדער, באַשר בלומעס קינדער האַלטן אויס די מאַמע, אַ ווינטע אלמנה. „ווו זשע קריגט מען נאָך, זאָג איך, אַזעלכע קינדער?" „אסתר, זאָגט זי מיר, איז אַזאַ קינד, וואָס וועט זיך לאָזן מפקיר זיין פאַר אירע אייגענע; דו וועסט, זאָגט זי, פון דער מאַמעס וועגן ניין אין וואַסער אריין. דער גאַנצער אומגליק איז, זאָגט זי, וואָס זי קאָן מיט דיר פון אַזעלכע ענינים נישט שמועסן"... „דאָס איז אויך, זאָג איך, אַ נאַרישקייט, וואָס האָט מען זיך דאָ צו שעמען? וואָס קאָן זיין נאָך נענטער פון אַן אייגן קינד? ממה־נפשך..."

אין די ווערטער איז אָנגעקומען זלאַטע, און שפּעטער אַ ביסל רב קלמן. און די דריי, יענטל, זלאַטע און רב קלמן, האָבן צווישן זיך יענעם טאָג לאַנג גערעדט,

איינטענהנדיק איינער דעם אַנדערן און אַרײַנבראָקנדיק אַ גוזמא רייד, מיט אָנצוהערענישן, מיט משלים און מיט מעשׂיות אָן אַ שיעור. צולעצט האָט זיך זלאַטע גאָר צעוויינט.

— איידער אַזאַ לעבן, איז גלײַכער גיין אַהינצו, וווּ מײַן לוי איז אַוועקגעגאַנגען פֿאַר דער צײַט! איך זאָג אײַך דעם אמת, איך בין אים אַוודאי מקנא, אַז ער פֿאַרשפּאָרט צו זען די צרות, וואָס איך דאַרף צוזען דורך, אַרום און אַרום...

— זינדיק נישט, שוועסטער־לעבן. — האָט זיך יענטל אַרײַנגעמישט. — דאַנקען גאָט, דו האָסט כאָטש אַזעלכע קינדער, וואָס ווייסן כאָטש און פֿאַרשטייען זייער טובֿה און דײַן גייען דיר נישט אויף קידער־ווידער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל קינדער צווישן הײַנטיקע מיידלעך...

וואָס האָט אסתר געקאָנט זאָגן דערויף? דערציילן דער מאַמען, אַז זי האָט אַרויסגעקוקט אויף יאָסעלען און ער האָט זי אָפּגענאַרט? וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס? עס פּאַסט טאַקע פֿאַר אַ יידיש מיידל אַזעלכעס גאָר צו דערציילן? צי זי זאָל זאָגן אַ חסרון אויף אַלטערן? ווער איז זי, וואָס זאָל זיך שטעלן אויסטענהן מיט אַ מאַמען וועגן אַ שידוך? וויאַזוי עפֿנט זיך גאָר דאָס מויל פֿון אַזעלכע זאַכן צו רעדן? און אַז נישט אַלטער, וועט זײַן אַן אַנדער שלימזל. איר ביטערע לאַגע באַדאַרף איר קיינער נישט דערציילן; זי פֿאַרשטייט אַליין, וואָס הייסט בײַ יידן אַן אָרעמע כּלה, און „קיין יידישער מאָנאַסטיר איז נישטאָ“... נאָר מער פֿון אַלץ האָבן זי גענומען דער מאַמעס טרערן, וואָס זי האָט נישט געקאָנט צוזען קיינמאָל, — און זי האָט זיך אונטערגעגעבן אין די הענט פֿון די, וואָס האָבן געוואָלט, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, פֿאַרזאָרגן איר תּכלית, זי גליקלעך מאַכן אויף שטענדיק, זי זאָל זיי האָבן צו געדענקען... שטיל, ווי אַ שעפּסעלע, האָט זיך אסתר געלאָזט בינדן און טון מיט זיך אַלץ, וואָס מע האָט פֿון איר פֿאַרלאַנגט, נישט איבערקערנדיק קיין צונג, שאַ, שטיל, פֿײַן און ליימיש.

אַלטער האָט זיך פֿון זײַן זײַט שיין אויסגעשטעלט קעגן זײַנע מחותּנים און האָט גענומען דאָס קנס־מאָל מיט אַלע הוצאות אויף זיך. ער איז עפּעס געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי ווייך, מוחל און גוט. „כאָטש לייג אים צו אַ מכּה“, — האָט אויף אים יענטל געזאָגט, אַרומטאַנצנדיק הין און צוריק און פֿלאַמענדיק ווי אַ העליש פֿײַער, גלײַך ווי זי וואָלט דאָ אָפּגעטאָן מי־יודע וואָס פֿאַר גליקלעך געשעפֿט. זלאַטע האָט געקוקט אויף די כּלה־מתּנות, וואָס אַלטער האָט צוגעגרייט נאָך פֿאַר דעם קנס־מאָל, זיי עטלעכע מאָל איבערגעהאַלטן אין האַנט, געשאַצט אײַנגענעם מיט בריינען, מיט יענטלען און מיט נאָך אַנדערע מבֿינטעס אויף פּערל און אויף גאָלדוואַרג. קיינמאָל איז נאָך אַלטער נישט געווען אַזוי באַרעדעוודיק, ווי אַצינד, און מילד איז ער געוואָרן גאָר חוץ לדרך הטבֿע: די חתונה נעמט ער אויף זיך, מלבושים דער כּלה אויף זיך, אַלע הוצאות אויף זיך. „זלאַטע האָט דאָס געטראָפֿן, קיין עין־הרע נישט!“ — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָט און

מע האָט בפירוש ארויסגעזאָגט, אז מען איז איר מקנא. איטלעכער מאָזעפּעווקער ייד וואָלט זיך געוווּנטשן אַזאַ גליק, אַזוי טרעפן, ווי זלאַטע האָט געטראָפן מיט איר טאָכטער.

— וואָס שמועסט איר, אויב ס'איז אַ גליק? — האָט מען געזאָגט. — נישט אַלע פּורים טרעפט זיך אַזאַ נס! געמען אַ מיידל, ווי זי שטייט און גייט, באַהענגען זי און באַקליידן, מאַכן פאַר אַ פּאַרטיקער באַלעבאָסטע! אָט אַ גליק! אַזוי טרעפן!

— סטייטש אַ גליק! סטייטש געטראָפן!

אויפן קנס־מאָל זענען זיך צונויפגעקומען צו זלאַטען די גאַנצע משפּחה און אַזוי גוטע פריינד, יידן און ווייבער. די תנאים שרייבן האָט גענומען אויף זיך שמואליק דער חזן. אַ קוק טוענדיק אויף שמואליקן, ווי ער איז מיטאַמאָל אַזוי געעלטערט געוואָרן פאַר צרות, האָט זיך ביי זלאַטען אָפּגעריסן אין האַרצן. זי האָט שוין גאָרנישט געקאָנט אפילו צוגיין צו אים אַ פרעג טון, וואָס הערט זיך מכּה יאָסעלען. דערויף איז זי געווען פאַרנומען מיט די געסט. עס איז געוואָרן צווישן די ווייבער אַ גערעדעריי, טאַקע נאָר ווי צווישן ווייבער קאָן זיין, אַז זיי קלויבן זיך צונויף, און נאָך אויף אַ שמחה; זיי האָבן אַלע געהאַלטן אין איין רעדן, איטלעכע האָט דערציילט אַן אַנדער מעשה. און פונדעסטוועגן האָב זיי אַלע געוווּסט, וווּ מע האַלט. די מאַנצבילן, געוויינלעך, האָבן געגוג חוזק געמאַכט פון די ווייבער: „זעט נאָר, אַקוראַט ווי צווישן די געגרזן!" און אַליין האָט מען אויך גענוג גערעדט, געטרייבערט און געטרונקען לחיים, צווינגשעוועגדיק זלאַטען און אַלטערן אַלהאָם גוטס און ישועות ונחמות אויפן כּלל ישראל, מיט אַ זיפץ און מיט פאַרגלאַנצטע אויגן צו דער סטעליע. שמואליק דער חזן, טרינקענדיק צו זלאַטען „לחיים", האָט עפּעס געוואָלט אָנהייבן ווינטשעווען איר אַ מין ווינטשעוואַניע: „לאָז גאָט געבן... אוי!" און איז איבערגעהאַקט געוואָרן, ארויסלאָזנדיק דעם „אוי" פונעם טיפן האַרצן. זלאַטע האָט דעם „אוי" פאַרשטאַנען און האָט אים געענטפערט „אמן", גיך אוועקגייענדיק צו דעם איבעריקן עולם, וואָס זענען געזעסן מיט אָנגעגאָסענע גלעזלעך און געוואַרט אויף איר, זי זאָל צוגיין צו זיי, ענטפערן יעדן באַזונדער אויף זיין „לחיים", ווי דער מנהג איז. נאָר איין רב קלמן איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב פחאַנק און פריי, פאַרלייגט די הענט ארונטער און געשמועסט מיט זיך אַליין, ווי זיין שטייגער איז תּמיד, קנייטשנדיק דערביי מיטן שטערן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרטיפט אין שאַרפע ענינים. רב קלמן האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון „אַ ביסל מהכא־תיתי"; אדרבה, ער האָט דעם ביטערן טראָפּן גאָרנישט פיינט געהאַט. נאָר אַ מענטש אַ בר־דעת באַהאַרף וויסן, ווען צו טרינקען און ווען נישט. אויף אַלץ איז אַ צייט: אויף אַ חתונה — זייער פיין, דעמלט פאַרגינט זיך רב קלמן אָנטרינקען זיך, ווי עס געהער צו זיין, און מאַכן אַלערליי אָנשטעלן, קאָמעדיאַנטסקע

תנועות; אָבער אציגד, ביים קנס=מאָל, דעמלט ווען מע באדארף שמועסן מיט בייזע צדדים וועגן אזא ענין, ווי חת״ש, דעמלט, ווען אַ שדכן באדארף זיך גוט אונטערגארטלען, דינגען זיך פארן שדכנות=געלט, — דעמלט באדארף מען זיין ביי אַלע געדאנקען. דער עולם, פארוואָס נישט, מעג טרינקען וויפל עס וועט אַריין, אָבער רב קלמן — ער באדארף האלטן קאָפּ, האָבן א לויטערן מוח און וויסן, וואָס ער האָט צו טון אויף דער וועלט...

מחמת גרויס טארעראם האָט מען אויפן קנס=מאָל די כלה גאָרנישט ארויסגעזען. אסתר איז זיך געזעסן אין אַ ווינקעלע מיט בריינעס טעכטער, פינף שוין דערוואקסענע מיידלעך, נישט קיין איבעריק שיינע, נאָר אלע צייטיקע צו דער חופה פירן. זיי האָבן אַלע גערעדט, געפּיפּסקעלט זיך, געמאַכט חנדלעך און געלאכט, בכדי פריילעך צו מאכן די כלה. די כלה אָבער, אוי=וויי, איז שווער געווען פריילעך צו מאכן! אסתר איז געווען עפּעס משונה פארטראכט, און די אויגן אירע האָבן געקוקט ערגעץ ווייט. נאָך איר קוקן נאָך האָט מען געקאָנט ארויסזען, אַז כמעט זי הערט נישט, וואָס מע רעדט צו איר און זי זעט נישט, וואָס ארום איר טוט זיך: עפּעס זיצט זי דאָ נישט ווי א כלה באדארף זיצן, נאָר ווי א גאסט, ווי א ווילד=פרעמדע... זלאטע האָט איר צוגעטראָגן די פּעקל, וואָס דער חתן האָט איר געקויפט, און אויך די איבעריקע צירונג: אַ גאָרגל=קייט אַ טייערע אויפן האלדז, אַ טייערן בראָש, אַ גאָלדן קייטל מיט א זייגערל א טייערס, א פּאָר בריליאנטענע אויערינגען טייערע, גאָר א חריפות, בראסלעטן צוויי טייערע און פינגערלעך טייערע, שוין אפילו געטראָגענע, אבנים, פארמשכונטע, נאָר טייערע פינגערלעך. אסתר האָט געקוקט גלייך מיט אלע אויף די דאָזיקע כלה=מתנות, וואָס אלטער האָט איר געשענקט; זי האָט זיי באטראכט, ווי גאָר א זייטיקער מענטש, גלייך ווי עס געהער זיך גאָר מיט איר נישט אָן, גלייך ווי נישט זי מיינט מען. באטראכטנדיק די דאָזיקע כלה=מתנות, איז איר גאָר דער קאָפּ נישט דערביי: זי פארשטייט נאָך נישט, וואָס פאר א ווערט זיי האָבן פאר איר אין איר מיידלשן לעבן, אַז זי שטייט שוין העכער האלב אויף יענער זייט, אַז אָט=אָט גייט זי ארויס פון דער מאמעס רשות אין דעם מאנס רשות, אַז אָט באלד איז אַן עק צו אירע חלומות, יענע גוטע, גילדענע, גליקלעכע חלומות, אין וועלכע זי פארברענגט נאָך אציגד.

מע מוז דעם אמת זאָגן, אַז כאָטש די גאנצע שטאָט האָט גערעדט פון יאָסעלען, אַז ער האָט התונה געהאט ערגעץ אויף דער וועלט, נאָר אסתר האָט פאָרט נישט געגלייבט, דאָס הייסט, זי האָט זיך געוואָלט אליין איינרעדן, אַז ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַ פּליאָטקע פון די מאַזעפּעווקער פּליאָטקעס. עס האָט זיך איר נאָך אַלץ געחלומט, אַז אָט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין יאָסעלע אליין, דער אייגענער וואָס איז געווען פריער — און דעמלט וועט זי זיך שוין נישט שעמען פאר קיינעם; זי וועט די ערשטע דערציילן דער מאמען,

אַז זיי זענען שוין לאַנג חתן־כּלה, אַז ס'איז צווישן זיי שוין לאַנג אַן אָפּגערעדטע זאַך... און קלערנדיק דאָס האַזיקע, שטייט זי גלייך מיט אַלעמען און באַטראַכט די כּלה־מתּנות, וואָס אַלטער האָט איר צוגעגרייט, און זלאַטע שטייט בײַ דער זייט, קוקט אויף איר און קוועלט: „דאַנקען גאָט דערפֿאַר. עס ווײַזט אויס, דאָס קינד איז צופֿרידן; גיב גאָט נאָר אַ גוט לעבן מיט פֿיל נחת מיט תּענוג אַ סך“...

די גאַנצע צײַט געפֿינט זיך אסתּר בײַ זיך אויפֿן קנס־מאָל אַ ווילד־פֿרעמדע, גלייך ווי ניט זי מיינט מען. נאָר בײַם ערשטן קלאַפּ פֿון די צעבראָכענע טעפּלעך און טעלער דערפֿילט אסתּר, גלייך ווי עס וואָלט זיך איר עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן. די כּלה־מתּנות פֿאַלן אַרויס פֿון אירע הענט, און זי פֿאַרשטייט דעם פּשוט פֿונעם קלאַפּ, און זי פֿילט, אַז פֿון דער מינוט אָן איז אַ סוף, אַ סוף צו איר פֿרײַ לעבן, אַ סוף צו אירע יונגע גליקלעכע, טײַערע, זיסע חלומות, און אַ נײַע וועלט, אַ נײַ לעבן שטייט איר פֿיר אַצינד.

XXVI

עס ווערט דאָ געבראַכט די מעשׂה וועגן דער טאָכטער פֿון יפֿתּח הגלעדי

געדענקט איר די מעשׂה, וואָס ווערט דערציילט וועגן י פ ת ח ה ג ל ע ד י ס טאָכטער?

„ו י ד ר י פ ת ח נ ד ר — האָט יפֿתּח געטאָן אַ נדר צו גאָט, אַזוי שטייט דאָרט אין פּסוק געשריבן, ו י א מ ר — און ער האָט אַזוי געזאָגט: ווען דו מיר געבן, ליבער גאָט, דעם פֿײַנט, די בני־עמון, אין מײַנע הענט, זאָג איך דיר צו, ווען איך וועל קומען בשלום אַהיים, אַז דער ערשטער, וואָס וועט אַרויסגיין פֿון שטוב אַקעגן מיר, איז ער דײַנער, איך וועל דיר אים שענקען פֿאַר אַ קרבן עולה. און עס איז טאַקע אַזוי געווען: און יפֿתּח האָט די בני־עמון געשלאָגן און האָט זיי אײַנגענומען אין דער מלחמה; און אַרײַנפֿאָרנדיק אין שטאָט אַרײַן, איז אים זײַן אײנאונאײנציקע טאָכטער אַרויסגעגאַנגען אַקעגן מיט אַ שׂמחה און מיט אַ געזאַנג: „דער טאַטע איז געקומען! דער טאַטע!“ און יפֿתּח האָט זי דערזען, איז אים געוואָרן ווינד און בײַטער אויפֿן האַרצן; און ער האָט צעריסן אויף זיך די קליידער און האָט געזאָגט: „ווי איז צו מיר, טאָכטער מײַנע, פֿאַרפֿינצטערט בין איך געוואָרן! האָסט דאָך מיך אומגליקלעך געמאַכט! סטײַטש, איך האָב דאָך אַ נדר געטאָן פֿאַר גאָט, אַז דער ערשטער, וואָס וועט מיר אַקעגן קומען, איז ער זײַנער אַ קרבן, — גוואַלד, טאָכטער, וואָס טוט מען?!“ — „האָסטו אַזוי געזאָגט, טאַטע האַרציקער, — אַזוי האָט אים די טאָכטער געענטפֿערט — באַדאַרפֿסטו מקיים זײַן דײַנע רייד, נאָכדעם, אַז גאָט האָט זיך אַזוי נוקם געווען אין דײַנע פֿײַנט; איין זאַך בעט איך פֿון דיר, ליבער פֿאָטער, גיב מיר צײַט נאָר

צוויי חדשים, בכדי איך זאָל מיר קאָנען גיין אויף די בערג און דאָרטן וויינען אויף מײַנע יונגע יאָרן, איך מיט מײַנע חברטעס". און דער פאָטער האָט זי אָפּגעלאָזט, זי זאָל גיין אויף די בערג וויינען אויף אירע יונגע יאָר, זי מיט אירע חברטעס. און אַז עס זענען איבערגעגאַנגען די צוויי חדשים, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק צו איר פאָטער, און יפתח האָט געטאָן מיט איר, אַזוי ווי זײַן נדר איז געווען. און פון דעמאָלט אָן איז געווען אַ חוק בײַ ייִדן, אַז אַלע יאָר פלעגן אַרויסגיין ייִדישע טעכטער אויף די בערג צו באַוויינען און באַדויערן די אומגליקלעכע טאָכטער פון יפתח הגלעדי"..

יענער מנהג איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, און ייִדישע טעכטער האָבן הײַנט אַנדערע מנהגים. עס שמועסט זיך דאָ וועגן דעם „פאָרשפּיל" מיטן „חתן־מאָל", וואָס מע מאַכט אין מאַזעפּעווקע פאַר איטלעכער ייִדישער חתונה בײַ דער כלה נאָר לכבוד דער כלה און לכבוד אירע חברטעס, די מיידלעך, בכדי זי זאָל זיך קאָנען מיט זיי זיך אָפּגעזעגענען און אָפּטאַנצן דעם ל ע צ ט ן ט א ג. דאָס „פאָרשפּיל" ווערט געמאַכט דעם שבת, וואָס פאַר דער חופּה, בײַ דער כלה אין שטוב. די מיידלעך אַליין זינגען צו און מע טאַנצט אַ שער, אַ קאַדריל, אַ ליאַנסיי אָדער אַ פּאָלקע, מע זינגט, מע טאַנצט, מע קנאַקט ניסלעך און מען איז משמח די כלה דאָס לעצטע מאָל. זי געזעגנט זיך אָפּ מיט אירע מיידלשע יאָרן און מיט אירע חברטעס, די מיידלעך, אַזוי ווי זי ווערט דאָך באַלד אַ ווײַבל און קומט אַרײַן צווישן די ווײַבער. דאָס אייגענע קומט פאָר דעם טאָג פון דער חופּה, אויך בײַ דער כלה אין שטוב: מיידלעך האַלטן דאָס פאַר אַ מצווה צו קומען אָפּטאַנצן מיט דער כלה דעם ל ע צ ט ן טאָג, און ווײַבער שטייען בײַ דער זײַט און פליעסקען צו מיט די הענט. אָט דעם מנהג היט מען אָפּ אין מאַזעפּעווקע פון תמיד אָן, און אויך בײַ אסתרן אויף דער חתונה האָט מען, געוויינלעך, אָפּגעהיט אַלע מנהגים, נישט הורכגעלאָזט קיין קלייניקייט אפילו.

אסתר האָט אָפּגעטאַנצט דעם ל ע צ ט ן טאָג, און אַלע מאַזעפּעווקער מיידלעך האָבן זיך גאָר זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן אין איר שיין פּנים, כאָטש זי איז געווען שרעקלעך בלאַס, טויט ווי אַלע טויטע, נאָר עס מאַכט נישט אויס, אַ כלה באַדאַרף זײַן בלייכלעך: ערשטנס, פּאַסט אַ כלה, און, צווייטנס, האָט טאָקע אַ כלה וואָס צו זאָרגן — ווער ווייסט דאָס נישט? צום לעצטן מאָל האָט איר די מומע ברײַנע געמאַכט קוטשערעס, גרײַזעלעך פון אירע שוואַרצע שיינע האָר, דערבײַ גערעדט מיט איר פון ענין החתונה, צוגעגרייט זי ביסלעכווײַז צום ווײַבערשן שטייגער. די האָזיקע גרײַזעלעך געבן צו איר שיין פּנים אַזאַ מין חן, אַז ברײַנע קאָן זיך גאָרנישט אײַנהאַלטן און גיט איר אַ קוש אין שטערן, זאָגנדיק בשעת מעשה:

— אַז עבירה, כלעבן, אַזאַ ליכטיק פּנים מיט אַזאַ גילדענעם קאָפּ איבער־דעקן. נאָר נישקשה, אסתר, דו האָסט נאָך מזל, דו פּאַלסט אַרײַן אין זייער אַ גוט

אָרט אַריין, וואָרעם, צווישן אונדז רעדנדיק, דיין מאַמעס שטאַנד אַצינד באַדאַרף איך דיר נישט דערציילן — די ווייסט דאָס בעסער פון מיר. אַ מאַמע וויל אַוודאי, דאָס קינד זאָל זיין גליקלעך, אַ מאַמע שטייט אויס גענוג ווייטיקן, די אויגן קריכן איר גוט אַרויס, ביז זי דערלעבט צו זען איר קינד אונטער דער חופּה; וועסט זיין, אם־ירצה־השם, אַליין אַ מאַמע, וועסטו פילן דעם טעם... און דיין מאַמע, נישקשה, האָט פאַרדינט ביי דיר, אַז זי זאָל דורך דיר געהאָלפן ווערן און צעפירן זיך די הענט אַ ביסל. נעבן אַ שווערן וואָגן זאָל מען זיך תמיד רייבן, און פון נגידים, אסתר, קומען אַרויס נגידימלעך...

נאָך אַ סך גוטע ווערטער האָט בריינע געזאָגט צו אסתרן, בשעת זי האָט איר צורעכט געמאַכט די האָר צום „חתן־מאָל". נאָכן חתן־מאָל, אַז אסתר האָט אָפּגעטאַנצט איר ל ע צ ט ן טאַנץ, האָט איר די מומע בריינע אונטערגעטראָגן איר קרבן־מנחה, אָנווייזנדיק איר, וואָס זי באַדאַרף דאַווענען און וואָס נישט.

— צו על־חטא, טאָכטער מיינע, — האָט איר די מומע בריינע געזאָגט — צו על־חטא זאָלסטו וויינען. אַ כלה, אַז זי וויינט צו על־חטא, בעט זי אויס ביי גאָט אַ גוט לעבן ביים מאַן און גוטע קינדער. עס איז ביי דיר היינט, טאָכטער מיינע, אַ יום־הדין, ווי, להבדיל, יום־כפור; מע דאַרף וויינען פאַר גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען, אָנצייכענען אַ גוטע דאָליע, פאַרגעבן די זינד...

אסתר האָט זיך אַוועקגעשטעלט מנחה דאַווענען מיט הארץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און האָט דערביי געשמאַק געוויינט; נאָר נישט אויף אירע זינד, ווי די מומע בריינע האָט איר געהייסן, ווען אסתר האָט אין זיך נישט געפילט קיין שום זינד, נישט אקעגן גאָט און נישט אקעגן לייטן. נאָר דערפאַר האָט אסתר געוויינט, ווייל דער קוואַל פון טרערן האָט זיך ביי איר געעפנט; עס האָט זיך געוויינט גאָר אַליין, און אַזוי געשמאַק, אַזוי גרינג! אסתר האָט געהאַט וואָס צו וויינען: ווו זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, איז איר געווען ווייסט, ביטער און פינצטער, און קלאָגן זיך אויף וועמען, עמעצן שולדיק מאַכן האָט זי נישט געקאָנט. וואָס איז שולדיק די מאַמע, וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט אַלטערן פאַר אַן איידעם? זי איז אַ מאַמע און איר גאַנצער ווונטש איז, איר טאָכטער זאָל זיין אַ רייכע באַלעבאָסטע. אפנים, זי האָט זיך דען געפרוווט זאָגן דער מאַמען, אַז זי וויל נישט דעם שידוך? און וואָס הייסט, זי וועט דאָס זאָגן דער מאַמען?... אויף דערויף וויינט אסתר, וואָס איר מזל איז אַזוי גיך אונטערגעגאַנגען, וואָס איר גליק האָט זיך אַזוי גיך אויסגעלאָזט, וואָס יאָסעלע האָט זי מיאוס אָפּגענאַרט. ווער וואָלט זיך עס אונטערגענומען זאָגן אסתרן פריער מיט אַ פּאָר יאָר, אַז עס וועט זיך אַזוי אויסלאָזן?...

אסתר שלאָגט זיך על־חטא אין הארצן, באַגיסט דעם קרבן־מנחה מיט הייסע טרערן, קלערנדיק בשעת מעשה נישט וועגן אירע זינד, נאָר וועגן יאָסעלען. סטייטש, יאָסעלע, וואָס זי האָט אין אים אַזויפיל געגלויבט, אַזויפיל געשטעלט

אויף אים, און וואָס זיין וואָרט איז ביי איר געווען אזוי טייער, אזוי הייליק, האָט זיך אזוי מיאוס באַהאַנדלט אַקעגן איר: אוועקגעפאָרן און פארגעסן דעם זיי געזוגט; ער זאָל דאָס כאָטש אַ וואָרט צושיקן, כאָטש פארענטפערן זיך פאר איר, אַרעער וואָס ס׳נישט איז... אזוי מיאוס באהאנדלען, ווי ער האָט זי באַהאַנדלט! זי האָט זיך ערשט הייגט ארומגעקוקט, ווי טייער, ווי ליב, ווי איינגעבאקן יאָסעלע איז געווען ביי איר אין הארצן. זי האָט זיך געשלאָגן על־חטא הארויף, זי האָט זיך מודה געווען פאר זיך אליין, אז זי האָט אים באמת ליב געהאַט, זי האָט אים ליב געהאט די גאנצע צייט, וואָס זי האָט אים געקענט, נאָך פון קינדהייט אָן — און איצט באדארף זי זיך אָפגעזעגענען מיט אים אויף אייביק, ארויסטרייבן און ארויסרייסן אים ביי זיך פונעם הארצן, און פארגעסן, פארגעסן!... פון יאָסעלען וועט איר געדאנקען אריבערגעטראָגן צו אלטערן, און עס ווערט איר פארקילט דאָס בלוט: אָט דער אלטער, וואָס עס איז נישטאָ אין מענטש אין דער גאנצער שטאָט, וואָס זאָל אים נישט פיינט האָבן, פאר גאָרנישט, נאָר דערפאר וואָס ער איז אלטער, — אָט דער אלטער באדארף זיין איר מאַן! מיט אים באדארף דאָס אסתר פארברענגען אירע יאָר און טעג, מיט אים באדארף זי דאָס אָפלעבן א וועלט, דאָס גאנצע לעבן, פארבינדן זיך אויף תמיד, אויף אייביק! אַלטער וועט זי ברענגען אין שטוב אַריין, ער וועט איר באַלד איבערגעבן אלע שליסלעך, און אסתר וועט ווערן אליין א באַלעבאָסטע פאר זיך. ער וועט איר ארויסגעבן געלט אין מארק אריין, זי וועט איינקויפן עופות, פארוואַרפן זיי אין שטייג אריין, האָדעווען, זיי זאָלן ווערן „פעט קאפיטאל“, און קאָכן א יויך פון זייגעטווערגן. אַ גאַנצע וואָך וועט זי זען פאַר זיך די פיר ווענט, הערן, ווי ייזן קומען אָן צו אים לייען געלט אויף א משכון, אכטונג געבן, ער זאָל האָבן אלצדינג צו דער צייט, אויפשטיין גאנץ פרי, לויפן אין מארק אריין, קריגן גוטע פיש מיט פעט פלייש מיט א גוטן צולאָג מיט א „פיסנאגע“ אויף שבת, — דערפאר אָבער שבת וועט זי זיך אָנטון אין דעם זיידענעם קלייד, זיך אויסשלייערן, נעמען אויף זיך דאָס סאמעטענע „מאנטל אויף שלואמעס“ און וועט קומען אין שול אַריין, זיך זעצן אויבנאָן אויף דעם אָרט, וו פייגל איז אַמאָל געזעסן... פלוצעם דערמאָנט זיך אסתר, וואָס זי האָט אמאָל, נאָך קינדהייט, געהערט, וואָס מע האָט געשמועסט אין שטאָט, אַז דאָס ערשטע ווייב אלטערס, פייגל, איז דורך אים פון דער וועלט געגאנגען. אסתר דערמאָנט זיך די מעשיות, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן אלטערס ווייב, וועגן פייגלען ניבעך, שטעלן זיך איר די האָר קאַפויר. מע האָט דערציילט דעמלט, אז אלטער האָט זי אלץ געטריבן אין דער וועלט אריין, זי זאָל האָבן קינדער, און די מאמע זייגע, וואָס האָט נאָך דעמלט געלעבט, האָט איר געטאָן, וואָס מע טוט קיין ייִדן נישט: זי האָט זי געהאַלטן גאַנצע טעג אין הייסע ביטלעך, געטריבן פון איר דעם שווייס, געפויעט זי מיט האָפן, געפייניקט ביזן טויט אַריין... פאַר דער חתונה האָט אסתר אַ פרעג געטאָן ביי דער מומע

יענטלען, צי ס'איז אמת, וואָס מע פלעגט דערציילן פון פייגלען, האָט זיך איר יענטל אָפּגעשוואָרן מיט דער גאַנצער תוכחה, אַז ס'איז שקר וכזב, קיין וואָר וואָרט נישטאָ אַפילו. „דו ווייסט נישט, וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויס־טראַכטן? — האָט צו איר יענטל געזאָגט. — למאַי זיי האָבן זיך פאַרגונען אויס־טראַכטן אויף מיר, אַז איך טרייב מיין בייגעלשן אין דער ערד אַריין?... האָבט זיך, איך ווייס? האָבט זיך, אַזוי לעבן, ווי צווישן מיר און צווישן מיין בייגעלשן איז, אויף אַלע מיינע ליבע, רבונו־של־עולם! וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויס־טראַכטן, זאָג איך דיר, אַז ס'איז מיר א גרויס חידוש, וואָס מע האָט נאָך נישט אויסגעטראַכט ואויף דיין חתן, ואַז ער האָט זיך געוואָלט שמדן, וא קשיא אָט אויף די הולטאַיעס? בראש איז דאָס א שטאָט, איינגעזונקען זאָל זי ווערן! טאָג און נאַכט האָט מען צו טון נאָר מיט יענעם, נאָר באַרעדן יענעם, זוכן הסרונות אויף דער גאַנצער וועלט, כאָטש אַליין איז מען כל־בו, נישטאָ אײנער א לייטישער, און עס האָרט דער קאָפּ נאָר פאַר יענעם. איך זאָג דיר, די שטאָט איז מיר עפּעס אַזוי נמאס, זי ליגט מיר אין די גרגרת, פע, א פּאַסקודנע א שטאָט! מאָל דיר, אַז מע קאָן אויסטראַכטן אַזעלכע מעשיות, ווען יענע ליגט שוין לאַנג אין דער ערד... און וואָס איז האָס גלאַט הפקר א וועלט? דו האָסט, דאַנקען גאָט, א מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס קאָן השגחה געבן אויף דיר אַזוי, אַז עס זאָל דיר נישט געמינערט ווערן אַפילו א האָר! אונדזער משפּחה, דאַנקען גאָט, לעבט. הייגט וואָס איז פאַראַן וואָס צו רעדן? ביסט נאָך גאָר אַ קינד, אסתר, כלעבן, ביסט אַ ציגל, לאָמיך אַזוי זיין געזונט!“...

און דערמאָנט זיך אסתר אין די אַלע רייד, ווערט איר פאַרקילט דאָס בלוט; און דערמאָנט זיך אסתר אין פייגלען, ווערט איר נישט גוט אויף צו הלשן; זי זעט פאַר זיך מענטשן דרייען זיך, קלעזמער שפּילן, ווייבער טאַנצן; עס דרייט זיך איר דער קאָפּ, זי פאַלט אָקאָרשט נישט מיטן פּנים צו דער ערד.

— וואָס איז די כלה אַזוי טויט? — פרעגט א מהותנתטע. — זי האָט, אַפּנים, אַ שווערן תענית?

— נישקשה, — רופט זיך אָפּ די אַנדערע מחותנתטע — לאָז זי פאַסטן און אויסבעטן ביים רבונו־של־עולם א גוט לעבן מיט איר מאַן...

XXVII

די כלה האָט נעבעך זייער א שווערן תענית

נאָך א מנהג איז פאַראַן אין מאַזעפּעווקע, וואָס איז שייך צו דער כלה; דעם מנהג היט מען דאָרט אָפּ כמעט ווי א דין. דאָס איז דאָס ליכטבענטשן פאַר דער הופה. נישקשה, לאָז זיך א כלה געוויינען ביסלעכווייז צו מצוות, לאָז זי וויסן,

אז אָט באַלד, אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווערט זי שוין צו מזל אַ יידענע און איז מקבל אויף זיך על־פּי דין די דריי מצוות, וואָס זענען שייך צו דער יידענע, און די מצווה פון ליכטבענטשן לאָז זי שוין טאַקע באַלד פּאַרזוכן, לאָז זי וויסן, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט.

די מומע יענטל טראָגט איר אונטער צוויי ליכט, אין זילבערנע לייכטער אַריינגעשטעלט, און די מומע ברייגע רוקט אונטער פון איר זייט אַ תחינה, וואָס האָט געמאַכט „האשה הרבנית מרת שרה בת טובים, וואָס האָט פאַרבאָרגן איר נאָמען", זאָגנדיק דערביי צו דער כלה מיט גרויס ליבשאַפט:

— זאָג, טאָכטער מיינע, פריער אָט די תחינה, און ערשט נאָכדעם וועסטו זאָגן די ברכה, מאַכן „שהחינו". עס שאַדט נישט, טאָכטער, אז מע וויינט זיך אויס אַ ביסל צו ליכטבענטשן דאָס ערשטע מאָל.

און אסתר הייבט אָן צו זאָגן די תחינה שטילערהייט, נישט פאַרשטייענדיק קיין איינציק וואָרט: „דו האר פון דער גאנצער וועלט און פון אלע וועלטן מיט די גלגלים פון אויבן און מיט די טיפע אָפּגרונדן פון אונטן זאָלסט טון אַראָפּבייגן פון דיין האַרבעריק און לייגן אויף דעם קאָפּ פון דיין דינסט די דאָ שטייט פאַר דיר מיט דיינע אלע ליבע קינדער ישראל דאָס מיר זענען שולדיק ערליך צו האַלטן מיט אלע זאַכן אַזויווי אַ מלך דערהאַלט ערליך זיין מלכה אָדער ווי אַ חתן זיין כלה דען איך דיין דינסט האָב שוין ליכט געצונדן דאָס ערשטע מאָל צוויי ליכט די דייגע חכמים האָבן געהייסן און בעהיט אונדז פון אלע בעגעגעניש און אויך פון אלע געשעעניש און מיינע ליכט די דאָ איך צינד אָן זאָלן העל און ליכטיק ברענגען צו פאַרטרייבן די בייזע רוחות און שדים ומזיקים בת מחלת אַלע די דאָ קומען פון לילית דאָס זיי זאָלן אוועקפליען און דיין דינסט די דאָ שטייט פאַר דיר זאָל זוכה זיין אינעם זכות פון אונדזער מוטער רחל וואָס אז מען האָט די קינדער ישראל געפירט אין גלות אריין האָט מען זיי געטאָן פירן נישט ווייט פון דער מוטער רחלס קבר און ווען די קינדער ישראל זענען געקומען אויפן קבר די האָרט רחל ליגט און האָבן געטאָן שרייען מוטער מוטער ווי קאָנסט דו דאָס צוזעען אז מען זאָל אונדז טון פירן אין גלות אריין איז די מוטער רחל אויפגעשטאַנען צו השם יתברך מיט אַ ביטער געשריי און האָט געטאָן אַזוי צו שפּרעכן רבונו של עולם דו ביסט דאָך אַן אל רחום וחנון דאָס טייטש עס ביסט מיט גרויסערע רחמנות פונעם מענטשן פון דעסטוועגן האָב איך דאָך רחמנות געהאַט אויף מיין שוועסטער לאה וואָס זי האָט געטאָן ווייגן טאָג און נעכט זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין עשוס גורל אַריין ביז אירע אויגן זענען איר טונקל געוואָרן פאַר גרויס געוויין הייגט מבל־שכן דו גאָט..."

אסתר דערמאָנט זיך אין יענער טרויעריקער געשיכטע פון לאהן, וואָס די מאַמע פלעגט איר שבת ביינאַכט לייענען פונעם טייטש־חומש, און וויינט נישט אויף לאהס גורל, וואָס האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אַריינפאַלן צו עשון, נאָר

אויף איר אייגן פינצטער מזל, וואָס זי פאַלט אַריין צו אַלטערן אין די הענט אַריין. — א מין עשו האָט זיך גענומען אויף אירע יונגע יאָר!... און זי וויינט, באַוואַשט זיך מיט טרערן... און וועמען גייט דאָס אָן, וואָס זי וויינט? דאַרויף איז זי א כלה, זי זאָל זיך אויסוויינען א ביסל פאַר דעם „באַדעקנס". — קלעזמער שפּילן, מיידלעך טאַנצן, ייִדן און ווייבער דרייען זיך אַרום, מחותנים לויפן איינס פאַרן אַנדערן. ברייטע מיט יענטלען — די אונטערפירערינס — נעמען אסתרן אונטער די הענט, באַזעצן זי אין מיטן שטוב אויף אַ בענקעלע און מע הייבט אָן, ווי דער מנהג איז, צו צעפּלעכטן איר די האָר. די כלה זיצט צווישן אַלע ווייבער, ווי א פּרינצעסין, מיט א ווייס זייַדן קלייד, די צעפּ צעפּלאָכטן. ווייבער קלייבן זיך צונויף אַרום און אַרום. מע נעמט די האָר, אסתרס גילדענע האָר, מע האַלט זיי אין די הענט, די קלעזמער הייבן אָן צו שפּילן אַ וויינענדיקס צום „באַזעצן" די כלה, און עס ווערט אַ יאָמערלעך געוויין צווישן די ווייבער. מע קוקט אויף דער כלהס צעפּלאָכטענע האָר און מע שנייַצט די נאָזער אין די פאַרטעכער, מע קוועטשט די אויגן און מע וויינט. זלאַטע ווערט שיר נישט צעגאָסן פאַר געוויין; דאָס האַרץ רייסט איר אויף איר קינד געבעך: גאָט ווייסט, אין וואָסערע הענט זי פאַלט אַריין, אַזאַ קינד, אַזאַ טייער קינד, ווי=ווי געשריגן! און יענטל וויינט אויך: וויאַזוי זאָל זי נישט וויינען, אז קיין קינדער האַלטן זיך ביי איר נישט, נישט דאָ געדאַכט, שוין געווען וויפל מאָל ביים חבין — עס העלפט נישט! און ברייגע וויינט, וואָס אַלע האָבן חתונה, נאָר אירע טעכטער זיצן און קוקן אַרויס אויף חתנים, פינף דערוואַקסענע טעכטער, ווי איז מיר!... יונגע ווייבלעך קוקן אויף דער כלה, באַוויינען זי און זיך זעלבסט: זיי ווייסן גאַנץ גוט, וואָס הייסט „מע באַדעקט א כלה", מע פאַרבינדט א ייִדישע טאָכטער, מע מאַכט זי חתונה — זי גייט אַרויס פון איין רשות צום אַנדערן, פונעם טאַטנס רשות אינעם מאַנס רשות... די, וואָס קענען גוט דעם חתן און געדענקען זיין ערשט ווייב, פייגל נעבעך, באַוויינען אסתרן אַצינד: זיי ווייסן, אַז אסתר וועט ביי אים קיין האָניק נישט לעקן... און אַנדערע וויינען דערפאַר, ווייל זיי דערמאָנען זיך, אַז דער טאַטע אָדער די מאַמע איז געשטאָרבן, אָדער א קינד ליגט אין דער היים טויט=קראַנק און ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו ראַטעווען. און אַנדערע וויינען גלאַט אַזוי, ווייל די קלעזמער שפּילן א וויינענדיקס — וויינט זיך. הכלל, אַלע וויינען, און בפרט אסתר — זינט זי לעבט האָט זי נאָך אַזויפיל נישט געוויינט, ווי אַצינד. זי באַהאַלט איר ליכטיק שיין פּנים אין ווייסן טיכעלע אַריין, בכדי מע זאָל נישט זען אירע טרערן. פונעם תענית, פונעם טרויעריק שפּילן, פונעם געוויין, וואָס אַרום און אַרום, און פון פאַרשיידענע פינצטערע מחשבות ווערט ביי איר אין קאָפּ אויסגעמישט. זי פילט, אַז עס לאָזן זיך איר אויס די כוחות, עס גייט איר אויס דאָס חיות. פּלוצעם ווערט איר פינצטער אין די אויגן; גרויסע און קליינע, שוואַרצע, געלע, רויטע און גרינע רעדעלעך דרייען זיך פאַרביי איר, און נאָכדעם, וואָס

זייטער=ווייטער, ווערט אַלץ ליכטיקער און לויטערער, צום סוף ווערט איר שטאַרק ליכטיק, גרינג און גוט, זייער גוט! עס שטעלט זיך איר פֿאָר דער מוטער רחלס קבר, ווי ער עפֿנט זיך און עס גייט אַרויס פֿון דאָרטן אַ מת אין ווייסע תכריכים און מאַכט צו איר מיט דער האַנט און רופֿט זי צו זיך, צו זיך... אסתּר וויל אַ געשריי טון „שמע ישׂראל“ — און קאָן נישט: עס ווייזט זיך איר אויס, אַז זי איז געשטאָרבן; זי ליגט אויף דער ערד, מיט אַ שוואַרצער דעק איבערגעצויגן. די מאַמע שטייט איבער איר, און ברעכנדיק זיך די הענט און שלאָגנדיק זיך קאָפּ אין וואַנט, באַוויינט זי איר בת=יחידה געבעד. נאָכדעם פֿילט זי, ווי מע הייבט זי אויף און מע טראָגט זי איבער דער שטאָט פֿאַרביי די קלייטן, שרייענדיק אויף אַ קול און קלינגענדיק מיט דער פּושקע, מיט דער געוויסער פּושקע: „צ ד ק ה ת צ י ל מ מ ו ת!“ און אַזוי ברענגט מען זי אויפֿן הייליקן אָרט. דאָרט שטעלט מען איבער איר מטה אַ שוואַרצע חופּה, ווי דער מנהג איז ביי ייִדן, אַז עס שטאַרבט אַ כּלה, און מע לייגט זי אַריין אין דער ערד, אין קבר, און עס לאָזט זיך הערן עפּעס זייער אַ באַקאַנט קול. זי הערט זיך איין אינעם קול, און עס דאַכט זיך איר אויס, אַז יאָסעלע סאָלאָווי זינגט: דאָס זאָגט יאָסעלע נאָך איר קדיש, און דער גאַנצער עולם ענטפֿערט אָמן. אסתּר הערט זיך איין אין יעדן וואָרט, ווי יאָסעלע זאָגט איבער איר קדיש און דער עולם ענטפֿערט אָמן... פּלוצעם הערט זי, ווי עמעצער טוט אַ פֿאַל אויף איר קבר און עפּלעכע מענטשן הייבן אָן שרייען: „נעמט אים צו, נעמט צו דעם טאַטן, דעם טאַטן נעמט צו פֿונדאַנען!“... אסתּר כאַפּט זיך אויף און דערזעט, ווי זי זיצט אויף יענעם בענקל, וווּ מע האָט זי באַזעצט צום באַדעקנס, און אַרום איר שטייען ווייבער און אויך מאַנצבילן, מע שרייט, מע ליאַרעמט, מע שפּריצט איר וואַסער אין פּנים אַריין און מע רייבט זי ביי דער נאָז און ביי די אויערן; מע צעשפּיליעט זי, מע צעגאָרסעוועט זי, און קלאַטשע שרייט: „אסתּר! טאָכטער מײַנע! גאָט איז מיט דיר! די כּלה חלשט! לאָז מען אָנהייבן פֿירן צו דער חופּה! לאָז מען פּטרן דאָס באַדעקנס, אין גאָטעס ווילן!“

— שאַט, מחותּנתטע, שרייט נישט! — רופֿט זיך אָפּ אַ ייִדענע. — שרייט נישט, אָן גייען די מחותּנים, אָן גייט דער חתן, שרייט נישט, שאַ!

אַלטער פּעסיעס גייט צו אַן אויסגעפּוצטער, אַן אויסגעצוואָגענער, אַ יום=טובדיקער, אַ געזונטער, מיט אַ געגאָלטן קאַרק און מיט אַ היפּש בייכל, דאָס בלוט שפּריצט אים אָקאָרשט נישט פֿון די באַקן אַרויס, און דאָס פּיסקעלע האַלט ער צוגעזופּגעגומען. פֿון ביידע זייטן ביידע מחותּנים, ביינעש און משה אבֿרהם זאַליאַזניק, אונטערפֿירערס מיט זיידענע קנאַקנדיקע נאַקידקעס אויף די פּלייצעס, מיט געפּלאָכטענע הבֿדלות אין די הענט. דער חתן האַלט אין די הענט אַ פּרוכת, ער גייט צו צו אסתּרן און טוט איר אַ וואָרף דעם פּרוכת אויפֿן קאָפּ, און אַלע ווייבער באַשיטן אים מיט האָפּן, מיט האָבער, שרייענדיק: „מזל=טובֿ! מזל=טובֿ!“

נאָך דער חופה כאַפּן די קלעזמער אָפּ א פריילעכס, אלע ווייבער הייבן אָן צו פּליעסקען, און זלאטע כאַפּט א טענצל. זי איז גאָר גליקלעך: גאָט האָט אויף איר רחמנות געהאַט, זי האָט דערלעבט אסתרן חתונה מאכן. זלאטע טאַנצט א פריי־לעכס, העפּעט און דרייט זיך, די הענט פֿאַרבאָקאָם און דאָס פּנים שיינט איר, ווי, געוויינלעך, א מחותנתטע, בשעת זי מאכט חתונה דאָס ערשטע קינד. אויף איר קוקנדיק, כאַפּן זיך יענטל מיט ברײנע פאר די הענט (ביז אהער האָבן די צוויי שוועסטער נישט גערעדט צווישן זיך א יאָר דריי, זיך געווען שונאים, אײנס מיט דאָס אַנדערע אויף מעסער־שטעכן) און הײבן בײדע אוועק א האָצקעלע אקעגן זלאטען; דערביי האָט יענטל צוגעזונגען:

האָפּטשיק, ברײנע,
איך האָב צו דיר א טענה:
דו ביסט נישט מיינע,
איך בין נישט דיינע!

די קלעזמער שפּילן. זלאַטע, יענטל און ברײנע טאַנצן, נעמען זיך אַרום אַלע מיטאַם, קושן זיך און סמאָטשקען זיך. אַלע ווייבער פּליעסקען, העצקען זיך אונטער אויף אן אָרט און שרייען: „שטאַרקער! שטאַרקער!“ פּלוצעם וואַקסט אויס רב קלמן שדכן מיט פארקאטשעטע אַרבל ביז די עלנבויגנס; ער צעלאָזט די פּאָלעס און שטעלט פיס, מאכט פולקעס און שפּרינגט בין דער סטעליע. אויף אים קוקנדיק, כאַפּט בײניש זיין שוואָגער משה אברהם דעם זאליאזניק, און בײדע צעלאָזן זיי זיך אויפן יידישן שטייגער, ליגן ארויף אײנער דעם אַנדערן די הענט אויף די אַקסלען, ווארפן מיטן קאָפּ, מיט צוגעמאכטע אויגן, ארויף און אראָפּ, און טופּען מיט די פיס, דרייענדיק זיך אויף איין אָרט. מנשה מיט אפרימען, זלאַ־טעס צוויי יונגלעך, ווייסע־חברהניקעס, קאָנען זיך אויך נישט איינהאלטן; זיי שפּרינגען אריין אין קאָן אריין און ווארפן מיט פיסלעך, בריקעווען ווי די קעלבלעך — העץ־העץ־העץ! וואָס ווייטער ווערן מער טענצער, ביז מע נעמט זיך אַלע פאר די הענט און מע גייט גאָר אַ קאַראָהאָד, שרייענדיק צו די קלעזמער: „לעבעדיקער! שטארקער!“ אלע העפּען, טאנצן, פּליעסקען און העצקען זיך. עס ווערט א מיש־מאַש, א דרייעניש, א טומל, א געפּילדער, ווי געוויינלעך, א יידישע חתונה.

XXVIII

אַ יאמפּעלער באַלעגאָלע גיט איבער לייזערן א משונה מאָדנע פּארשוינדל

זינט לייזער דער באַלעגאָלע פירט פּאַרשוינען פון מאָזעפּעווקע קיין קאַשפּע־רעוו און פון קאַשפּערעוו קיין מאָזעפּעווקע, האָט זיך אים נאָך נישט געטראָפן אַזאַ גילדן פּארשוינדל, ווי גאָט האָט אים צוגעשיקט איינמאָל ארום חצי־אלול

דורך א יאַמפּעלער באַלעגאָלע, ספּאַסיבאַ איִם. שמייענדיק דעם וואָגן, האָט אים לייזער צוגעזאָגט ברענגען קיין מאַזשעפּעווקע פאַר פרי, נאָך איידער די זון וועט זיך זעצן; ער מעג זיך פאַרלאָזן אויף זיינע פערדלעך, פאַנקעווען זיי וועט ער אויך נישט, וואָרום וויבאַלד מע באַדאַרף פאָרן גיך, איז דאָך קיין תירוץ נישט.

— דזיענקויע, פּאַנישו, טאָ פּראַוודאַ יעסט! — האָט אים פּאַטאַקעוועט דער יאַמפּעלער באַלעגאָלע, אויסשמועסנדיק זיך מיטן פאַרשוינדל אויף פּויליש, און האָט מאַקע באַלד א מאַך געטאָן צו לייזערן שוין אויף יידיש:

— וואָס טויג מיר מעשיות, רב לייזער, איך האָב אייך גאָר דערהערגעט מיט א קנייש — א גוט העכטל! איר וועט פון אים, נישקשה, הנאה האָבן. ביי די לייט איז דאָס קערבל א ממזר. ווו דערטאַפּ איך אזא סטים אויך צוריקוועגס, רב לייזער?

— יהודי בלאַ! צו וואָס טויג דאָס דיבורן! — האָט אים לייזער אָפּגעענטפערט אויף לשון־קודש.

— וואָס איז דען, רב לייזער?

— וואָס איז דען? דו זעסט דאָך, ווי דער אדון שמייכלט, ווי א פּגר אומגע־וואַשן; טאָמער איז ער מבין כל הבור?

— ווי לאַנג שמייסט מען אים! ער פאַרשטייט מער פון א טויטן. אז איר וועט איבערלאָזן די שוואַרצע מיל, רב לייזער, מעגט איר אייך הייסן געבן א הוספה, נישקשה, ער איז נישט קראַנק. שוין אלול־צייט, דער וועג איז, מחילה, געדריפּעט. איך האָב מורא, אז איר וועט האָבן אן איבערשלאָג, רב לייזער, וואָרום איך זע, אייערע, יענער וואָס אויפן דראָזשיק, מאַכט מיר עפּעס לעמל. נו, פאָרט זשע געזונטערהייט, רב לייזער, און פאַרפירט מיר נישט מיין מאָהאָריטש, וואָרעם גאָט איז גאָט און בראָנפן איז בראָנפן, פאַרשטייט איר מיך. בוואַיטע זדראָווע, פּאַני־משו! — האָט דער יאַמפּעלער באַלעגאָלע א מאַך געטאָן צום פאַרשוינדל, אַרונ־טערהייבנדיק דאָס היטל.

אַרויספאָרנדיק פון קאַשעפּעריווקע און געמענדיק זיך אויפן מאַזשעפּעווקער שליאַך, האָט לייזער באַלעגאָלע א פרעג געטאָן ביי זיין פאַרשוינדל, צי איז ער נישט פון דער סעמענאָוויע? מחמת פאַראַיאָרן אין דער צייט האָט ער אויך געפירט צוויי פאַרשוינדלעך, פּאַניטשלעך פון דער סעמענאָוויע, זייער ווילע מענטשן. פּלוצעם הערט לייזער פון דער קעלניע, ווי עמעצער מאַכט צו אים אויף יידיש:

— איר האָט מיך גאָרנישט דערקענט, רב לייזער?

לייזער באַלעגאָלע איז שיעור פון דער קעלניע אַראָפּגעפאַלן פאַר שרעק: ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן אויף אַלע זייטן, געכאַפּט א קוק אונטערן וואָגן, פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף, און האָט גאָר שוין געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען גייט עס דאָס קול?

— רב ליזער! כאַ־כאַ־כאַ! איר האָט מיך גאָרנישט דערקענט? קוקט זיך נאָר גוט איין! — מאַכט צו אים נאָכאַמאָל דאָס פֿאַרשויגדל און צעלאַכט זיך אויף אַ קול. ליזער באַלעגאָלע איז געוואָרן אויסער זיך; ער האָט אָפּגעשטעלט די פֿערדלעך און האָט זיך גענומען באַטראַכטן דאָס פֿאַרשויגדל זײַנס, אײַנ־שטעלנדיק אויף אים אַ פּאָר אויגן.

— כאָטש נעמט שינדט מיר די פֿעל, הרגעט מיך דאָ אויפֿן אָרט. — זאָגט ליזער — געדענק איך נישט! עפּעס זענט איר מיר יאָ קענטלעך און נישט קענטלעך. זענט איר טשאַסאָם משה דעם זייגערמאַכערס שוואָגעריק?

— וואָסער זייגערמאַכער? וואָסער שוואָגעריק? איך בין שמואליק דעם חזנס זונדל, יאָסעלע בין איך, יאָסעלע סאָלאָווייַ.

— א־א־א?... וואָס זשע מאַכסטו גוטס? נאַ דיר אָפּ שלום! און איך, בהמה, שטיי, ווי אַ טעלעציע, און קוק און קוק — אָט אַ קאָפּ! וואָס זשע מאַכסטו עפּעס? וויאָ, וויאָ, אָדלערס מײַנע! הייבט פּיסלעך, פּגירות מײַנע! אַ גאַסט, אַ גאַסט! סטייטש, אַ גאַסט! ביסטו דאָס שמואליקס זונדל? מע זאָל מיר אַראָפּנעמען די פֿעל, וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז דו ביסט אַ יידיש קינד. טראָגסט לאַנגע האָר, האָב איך געמיינט, אַז דו ביסט פֿון דער סעמענאַריע. ביסטו דאָס יאָסעלע סאָלאָווייַ, הייסט דאָס? נו־נו, מער מע לעבט, מער עסט מען! איך געדענק נאָך דאָס האָזי־ענען דײַנס אין דער קאַלטער שול. איי, יאָסעלע! און איך, בהמה בצורת פֿערד, שטיי און קוק, כאָטש מאָל מיך אויס! איך ווייס זייער? ער זאָגט אַ פּאַניטשל, לאָז זײַן אַ פּאַניטשל. גיי ריכט זיך אויף אַ שלאַק! איי, יאָסעלע! וויאָ, מײַנע ציטעריקע! וויאָ־וויאָ, פּגירות אײַנע!

ליזער באַלעגאָלע און יאָסעלע סאָלאָווייַ האָבן זיך ביידע דערפֿרייט, מחיה געווען איינס מיטן אַנדערן. יאָסעלע איז אַרויף צו ליזערן אויף דער קעלניע און האָט בײַ אים אויסגעפֿרעגט אַלצדינג, וואָס אין דער היים טוט זיך. נישט דורכ־געלאָזט קיינעם. ליזער האָט אויף אַלצדינג געענטפֿערט אַלץ וואָס ער ווייסט, נישט פֿאַרלייקנדיק קיין זאַך; אפילו פֿון די פֿריערדיקע פֿערדלעך זײַנע, וואָס ער האָט אויסגעביטן אין קאַשפּערעוו אויפֿן יריד און האָט זיך דווקא אָפּגענאַרט, מחמת די פֿערדמעקלערס דאָרט זענען גרויסע מאַשעניקעס...

— אַזעלכע ממזרים, זאָג איך דיר, וואָס מע קריגט זיי גאָר נישט, מע זאָל אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט: זיי קאָנען דיר פֿאַרדרייען דעם גרעסטן סוחר, זיי פֿאַרשאַלאָמאָנען דעם קאָפּ אַזוי, אַז דו וועסט בלײַבן פֿריטשמעליעט, פֿאַרצאַמט — נישט רעכטס, נישט לינקס! ערגער פֿון די ציגיינער, איך זאָל אַזוי גליקלעך זײַן, אַז זיי זענען ערגער טויזנט מאָל פֿון די ציגיינער!... וויאָ, אַ פּגירה זאָל אויף אײַך קומען, כאָליערעס מײַנע! האָבער ווילט זיך אײַך? מײַנע צרות וועל איך אײַך געבן מיטן דילות אַ צוגאָב, ברענען זאָל די פֿעל אײַערע!

— וואָס זשע מאַכט האַרטן אונדזער שכנה, גלאָטע די צעלניקערין? — פֿרעגט יאָסעלע, און דאָס האַרץ קלאַפּט אים.

— וואָס זאָל זי מאַכן? — ענטפֿערט לייזער. — זי מאַכט חתונה.

— וואָס הייסט זי מאַכט חתונה? ווען מאַכט זי חתונה?

— די טאָכטער מאַכט זי חתונה.

— די טאָכטער? — פֿרעגט יאָסעלע און טוט זיך אַ וואָרף צו לייזערן. — ווו? וואָס? ווען?

— זי מאַכט חתונה די טאָכטער איריע, — ענטפֿערט לייזער — וויאַזוי הייסט זי דאָרטן? איך האָב שוין פֿאַרגעסן, וויאַזוי זי הייסט: דער קאַשפּערעווער ייִד מיט די מעקלערס האָבן מיר אַזוי דעם קאָפּ דערשלאָגן, אַז פֿונדאַנען אַהין פֿאַרגעס איך... ישרפֿהגען זאָלן די ביינער אייערע, פּגירות מיינע, וויאָ!

— אסתר הייסט זי. נו? האָט זי חתונה? ווו? ווען? פֿאַר וועמען?

— פֿאַר... וויאַזוי רופֿט מען אים, אָט דעם המן דעם פּראָצענטניק, ווייסט דער רוח די נשמה זיינע?

— יענקל מאיר־פּיניעס? בערל משה־ליפּעס? איצל אברהמס? שמחה דן? געצל מנשה?

— ניין! — זאָגט לייזער, קראַצנדיק זיך מיט דער ביימש ביי דער פּאַטילעצע. — אַך, וויאַזוי הייסט ער, צו־גאָלדי רוחות? בראָש ליגט ער מיר אויף דער צונג! ער איז רייך, צו־גאַלדי שוואַרצע יאָר, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אַ גראָבער איז ער, אַ בעזדיטניק, זיין שטוב איז די דריטע פֿונעם נייעם בית־המדרש, אויב דו ווייסט.

— אפֿשר אלטער פּעסיעס?

— אַלטער, אַלטער, אַ מיתה משונה זאָל אויף אייך קומען! אלטער, אלטער!

— נו, האָט זי חתונה פֿאַר דעם אלטערן, רב לייזער? ווו? ווען? ווי אַרום?

— איך ווייס ווי אַרום? צי דאָ אַרומער, צי דאָרט אַרום? איך האָב געהערט, אַז ער נעמט זי. למאי איך האָב געהערט, אַז דו האָסט חתונה געהאַט און ביסט גאָר גליקלעך? איז דאָס אמת, יאָסעלע סערצע? וויאָ, פּגירות, האָב איך אַבציק שוואַרצע יאָר! ווי מיינסטו, מיר וועלן הייגט האָבן אַ ליכטיקע נאַכט? ס'איז אַפֿילו חצי־אַלול, הא? גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן כאָטש קאָנען איינפֿאָרן ביז טאָג צו דער געמוייערטער קרעטשמע.

— וואָס הייסט ביז טאָג, רב לייזער? איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט ברענגען מיך אויף בייַנאַכט קיין מאַזעפּעווקע, — וואָס הייסט דאָס, רב לייזער?

— איך האָב צוגעזאָגט? האַלט זיך, דו זעסט אַליין, מע שטייט נישט; מע פֿאָרט, האַלט זיך, כּכּ־ר?

— טרייבט זשע שאַקע אונטער, רב לייזער, די פֿערדלעך, לאָזן זיי גיין אַ ביסל גיכער, איך בעט אייך.

— א ביסל גיכער? איר קומט, אפנים, פונעם גיכן לאנד, יונגערמאן? עס איז גרינג צו זאָגן יענעם, ער זאָל לויפן א ביסל גיכער! איך וואָלט אַ בעלן געווען, דו זאָלסט זיין א פערדל, און זיצן, וויאזוי וואָלסטו געפלויגן ארויף אַ באַרג.

— וואָסער ארויף א בארג? מע זעט נאָך גאָר קיין בארג נישט! איר האָט ביי מיר, רב ליזער, נאָך א דרייערל, אַ פינפערל האָט איר, אבי פאָרט גיכער: איך דארף, פארשטייט איר מיך, וואָס גיכער.

— מהסתם ווילסטו ספּיעשען וואָס גיכער? האָסט דאָס ביי מיר אויך גע־פועלט... וויאָ, מיינע אָדלערים! נאָך א פינפערל, איינגעזונקען זאָלט איר ווערן! פאשאָל! ס'וועט זיין ר־ע־כט!

ליזער שמייסט די פערדלעך, קאראַשעט זיי די פעל, מיילט זיי איין שטעקנס געגנג און קאָראָניעט בשעת מעשה דעם קאַשפּעריוועך יריד מיט די דאָרטיקע פערדמעקלערס, און יאָסעלע ליגט אין ביידל מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ, שטאַרק פארטיפט אין זיינע מחשבות, און הערט נאָרנישט ליזערס קללות, מיט ליזערס פייפן, מיט ליזערס טרייבן די פערדלעך געשמאַק, מיט ליזערס צוזינגען אויף זיין בויך־שטימע עפּעס א טרויעריק לידל, אָן אן אָנהייב און אָן א סוף.

מחשבות, געדאנקען, חלומות, — דאָס האָט יאָסעלע סאָלאָוויי געהאט, ווי מיר ווייסן שוין, נאָך פון קינדווייז אָן. ער האָט תמיד ליב געהאט צו פליען אין הימל אריין, פאנטאַזירן, פאָרשטעלן זיך גילדענע בערג. ארויסרייסנדיק זיך קוים מיט צרות פון באַרדיטשעוו אויף עטלעכע טעג און פאָרנדיק אהיים, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, וויאזוי ער וועט אריינפאָרן אין שטאָט און קיינער וועט אים נישט דערקענען. ער וועט זיך הייסן צופירן צו שמואליק דעם חזנס שטיבל. שמואליק וועט אים אָנקוקן פארוואונדערט: „וועמען דארפט איר האָבן?“ — וועט ער אים פרעגן. — „האָסט מיך נישט דערקענט, טאַטע? דאָס בין איך!“ — וועט ער אים ענטפערן, פאלנדיק דעם טאַטן אויפן האלדז. נאָכדעם וועט ווערן א ליאַרעם: „יאָסעלע איז געקומען!“ זיין שטיפמאמע, די חזנטע, וועט געוויס וועלן פארדינען א מצוה, וועט זי לויפן אָנזאָגן זלאטען מיט אסתרן א בשורה: „איר ווייסט, וואָס פאַר א גאסט מיר האָבן? אונדזער יאָסעלע איז געקומען!“ נאָר יאָסעלע וועט זי נישט לאָזן לויפן. ער וויל בעסער אליין זיך דורכגיין אהין און מאַכן מיט זיי אן איבערראַשונג, ווי א ווילד־פרעמדער. ער וועט זיך שוין געפינען אַן אויסרייד דאָרטן. ער וועט מאכן מיט זיי א שמועס וועגן יאָסעלע סאָלאָוויי און דערווייל קוקן אסתרן אין פנים אריין, וואָס וועט זי זאָגן. נאָכדעם וועט ער זיך מיטאַמאָל אנטפּלעקן פאר זיי, ווי יוסף פאר זיינע ברידער אין מצרים, און וועט זאָגן: „דאָס בין איך, יוסף!“ אסתר וועט ווערן אָנגעצונדן, און עס וועלן זיך שטעלן טרערן ביי איר אין די אויגן. נאָכדעם, אז ער וועט בלייבן מיט איר אליין, וועט ער איר אויג אויף אויג אויסדערציילן אלצדינג, וואָס ביי אים אויפן

האָרצן טוט זיך, אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך אָפּגעטאָן ביז אַהער. ער וועט פון איר נישט לייקענען גאָרנישט, ער וועט איר א ל ץ אויפדעקן, און אפשר וועט זי אים מוחל זיין. ער וועט איר דערציילן, וויאַזוי ער האָט זיך די גאַנצע צייט געריסן אַהיים, נאָר גזירה באַם, ימח שמו, האָט אים נישט דערלאָזט, געשלעפּט אים פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, אַלץ אָפּלייגנדיק אויף שפּעטער, אויף שפּעטער! נאָכדעם וויאַזוי ער איז שוין גרייט געווען צו פאָרן אַהיים, האָט זיך אונטערגעכאַפּט דאָס אומגליק, פּערעלע די דאַמע, און ער איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ, אין דער שאול תחתיה אַריין, אַרומקוקנדיק זיך שוין אַ ביסל צו שפּעט... ער ווייסט, ווי נאַריש ער האָט געטאָן, ווי מיאוס ער האָט זיך באַגאַנגען אַקעגן אַלעמען, נישט אָנפרעגנדיק זיך ביי קיין עלטערע. אָפּטאָן אַזאַ מעשה אָן אַ טאַטן, אָן אַ שום טאָלק! ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט — נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דער שכל קומט תמיד נאָך די יאָרן? ער וועט נישט לייקענען פאַר אסתרן, אַז אַ ביסל פּערעלע מיט איר שפּילן און אַ ביסל מיט איר געלט האָבן אים גאָר דעם קאָפּ פאַרדרייט, און ער פאַרשטייט דאָס גאָר נישט, וויאַזוי האָט ער גאָר געקאָנט פאַרגעסן אין זיינע ליבע און טייערע? וויאַזוי האָט ער גאָר געקאָנט פאַרבייטן אסתרן אויף פּערעלען? און צוליב וואָס? שוין זשע צוליב געלט? צו וואָס טויג אים דאָס געלט אָרעם? יאָסעלע וועט איר דערציילן, וויאַזוי ער האָט געליטן, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן אין דעם חודש; וויאַזוי עס איז אים אָנגעקומען שווער זיך אַרויסצורייסן אַהיים; וויאַזוי פּערעלע האָט נאָך געוואָלט פאָרן מיט אים אינייינעם, נישט אַנדערש; וויאַזוי ער האָט זי קוים איינגעבעטן, געוויינט פאַר איר, זי זאָל אים לאָזן אַליין; וויאַזוי עס איז אים נמאס דאָס לעבן, ענג, דושנע, פּוסט און פינצטער די גאַנצע וועלט; וויאַזוי דאָס האַרץ ציט אים אַהיים, צו איר, צו אסתרן, און צוליב איר איז ער גרייט אויף אַלצדינג, אַפילו שטאַרבן! און לאָז זי ווייסן אַלץ און לאָז זי זאָגן, וואָס צו טון, וועט ער טון. ער וועט זי פאָלגן אַלץ, וואָס זי וועט אים הייסן. צוליב איר איז ער גרייט אין פייער און אין וואַסער, אַנטלויפן מיט איר אין עק וועלט אַריין אַפילו!...

און יאָסעלע הייבט אָן צו פאַנטאַזירן, וויאַזוי ער אַנטלויפט מיט אסתרן אין עק וועלט אַריין... ער ווערט אַנטשלאָפן ביים יאַמפּעלער באַלעגאָלע אויפן וואָגן און כאַפּט זיך אויף ערשט דעמאָלט, ווען מע פאָרט אַריין קיין קאַשפּערעוו, און ביידע באַלעגאָלעס באַגעגענען זיך. פון לייזערן דערהערט יאָסעלע אַ פינצטערע, ביטערע בשורה, און זיין פאַנטאַזיע הייבט אָן צו אַרבעטן שוין גאָר אין אַן אַנדער זייט אַריין.

XXIX

לייזער טרייבט די פערדלעך און ברענגט יאָסעלען אהיים שוין שפּעט אין דער נאַכט

אַנדערע מחשבות, אַנדערע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי יאָסעלען אין קאָפּ, נאָכדעם ווי ער האָט דערהערט פון לייזערן די גאַנצע בשׂורה, און אַז אסתּר האָט חתונה פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַלטערן גאָר! אַלע זיינע פריערדיקע חלומות זיינען מיטאַמאָל אַוועק, פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן אויף אַלטערן, אויף זלאַטען און אויך אויף אסתּרן; אַלע זיינען אויסגעקומען ביי אים משונה-ווילד, שולדיק אַרום און אַרום, חוץ ער אַליין. עס איז אים גאָר אויף די געדאַנקען נישט געקומען, ער זאָל זיך א פרעג טאָן: אפשר איז ער דאָ דער גאַנצער חייב? ער האָט שוין אַרויסגעקוקט די מינוט, די רגע, ער זאָל שוין דערלעבן קומען אַהיים. יעדע רגע איז אים געווען א יאָר.

— ס'איז נאָך ווייט? — האָט ער א פרעג געטאָן ביי לייזערן, אַרויסשטעקנדיק אויף א מינוט דעם קאָפּ פון בויד און אָנרירנדיק אים ביי דער האַנט.

לייזער האָט עפּעס אַ מורקע געטאָן אונטער דער נאָז און האָט אויסגעשפּיגן. עס האָט אויסגעזען, אַז לייזער איז געווען נישט אַזוי צופרידן, וואָס מע האָט אים איבערגעשלאָגן דאָמע אין בעסטן שלאָף. אויך די פערדלעך האָבן געהאַלטן אין מיטן דרימלען, געשלאַמעוועט מיט די פיסלעך, זיך געמאַכט גלייך ווי זיי לויפן. אין דרויסן שמעקט שוין מיט אלול-צייט. די זון האַלט ביי קעצן זיך. איין עק הימל האָט זיך באַפאַרבט מיט א ברייטן רויטן פּאַס, ווי מיט בלוט צעגאָסן זיך איבערן גאַנצן מערב-זייט. אַ קיל ווינטעלע פאַרגנבעט זיך צו יאָסעלען אין בויד אַריין, רירט אים אָן ביי זיינע לאַנגע, געקרייזלטע האָר, טוט אים אַ גלעט, אַ שמיר איבערן פּנים. ער שפּאַרט זיך אָן אין ביידל און הייבט אָן צו דרימלען. דאָס ווינטעלע בלאָזט, די בויד טרייסלט זיך, די גלעקעלעך קלינגען, די פערדלעך שמייסן מיט די וויידלען, און לייזער געגעצט, ציט אַלץ דאָס אייגענע טרויעריקע לידל, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף, — און דאָס אַלץ וואַרפט אָן אויף יאָסעלען נאָך א גרעסערע מרה-שחורה. און ער ווערט אַנטשלאָפן.

יאָסעלע ווערט אַנטשלאָפן, און עס ווייזט זיך אים אויס, אַז ער איז נאָך אַ קינד. ער געפינט זיך אין מאַזעפּעווקע ביי יענעם הויכן באַרג, וואָס פלעגט אים קינדווייז אויסווייזן מוראדיק הויך, כמעט ביז דער כמאַרע. דאָרטן אויפן שפּיץ באַרג — אַזוי פלעגט מען דערציילן אין חדר — וואַקסן טייערע שמעקנדיקע בשׂמים מיט אַלערליי געווירצן, און עס ליגט דאָרט באַהאַלטן, פאַרגראָבן אין אַ ווינ-קעלע, יענער אוצר, וואָס מאַזעפּאַ האָט אים דאָרטן באַגראָבן. נישט אוים-

זאַמדיק קיינעם דעם אָרט פֿון אים. אויך איז דאָרט פֿאַראַן א קריסטאָלענע־פּאַלאַץ, — אזוי האָט ער געהערט אין חדר — און דאָרט אין פּאַלאַץ זיצט א פֿאַרזינדיקטע בת־מלכה איינע אַליין; אַלע נאַכט, ווען די לבֿנה גייט אויף, הערט מען, ווי זי וויינט און רופֿט צו זיך מיט א טרויעריק קול פֿון א פּוסטאַש. און דעמאָלט איז א סכּנה צו גיין איינער אליין אָן א שומר... עס ווייזט זיך אים אויס, אז ער קריכט אויפֿן באַרג, ער קלעטערט, ער דראַפּעט זיך העכער און העכער, און צום שפּיץ באַרג איז נאָך ווייט. ער הייבט אָן צו קריכן אויף אַלע פֿיר גיך־גיך, טאַקע נאָר ווי א שרעטעלע, ער פֿליט אַלץ העכער און העכער, און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ ווייט. ער כאַפּט א קוק אַראָפּ און ווערט פֿאַרציטערט פֿאַר שרעק, דערוועגעריק, וואָס פֿאַר א מהלך־רבֿ ער איז שוין אָפּגעגאַנגען — און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ ווייט. עס באַשלאָגט אים א קאַלטער שווייס, ער זעט, ווי ווייט ער איז פֿאַרקראָכן. ער זעט פֿאַר זיך קיין לעבעדיקן מענטשן, קיין הייזער, קיין ערד אפֿילו, נאָר באַרג און הימל, הימל און באַרג. ער פֿילט, ווי עס גייען אים אויס די כּוחות, עס ווערט אים נישט גוט טאַקע נאָר אויף חלשן...

ער כאַפּט זיך אויף און ווערט תּיכּף ווידער אַנטשלאָפֿן, און עס דאַכט זיך אים, ער איז אין א געדיכטן שאָטנדיקן וואַלד. ער ליגט אויסגעצויגן אויפֿן גרינעם גראָז, אין איין האַנט האַלט ער א טעלערל מיט שלח־מנות, מיט דער אַנדערער גלעט ער אסתּרן איבערן קאָפּ, און אסתּר זינגט אים שטיל אַ לידל פֿון דער „יונגער נשמה", איינס פֿון „גאָלדענפאָדעמס" לידלעך, וואָס זיי פֿלעגן ביידע קינדערווייז אָפֿט זינגען:

„געשלאָפֿן איז אַלעס, האַלבע נאַכט איז געווען,
עס האָט זיך קיין בריאה גערירט.
די זילבערנע לבֿנה האָט זיך אַליין
צווישן די שטערן שפּאַצירט"...

פּלוצעם דערזעט ער פֿונדערווייטנס, ווי א גרויסע ווייסע קאַץ גנבֿעט זיך צו אים. מיט אירע גלאַטע פֿיס שטעלט זי שטילע טריט און רוקט זיך צו צו אים וואָס ווייטער אַלץ נעענטער און נעענטער. זי גייט צו צו אים גאַנץ נאָענט און שטעקט אים אַריין אירע נעגל אין האַלדז אַריין און הייבט אים אָן צו ריישן און צו וואַרגן. ער פֿילט, ווי עס כאַפּט אים אינעווייניק אין גאָרגל, ער וויל שרייען און קאָן נישט. ער קוקט דער קאַץ אין די אויגן אַריין, און עס דאַכט זיך אים, אז זי שמייכלט. ער קוקט זיך איין נאָך בעסער, און דערקענט אין איר פֿעריעלען... ער וויל שרייען, און קאָן נישט... א מוראדיקער, א שוואַרצער קודלאַטער הונט שטייט איבער אים און סיפּעט אים און בייסט אים. ער קוקט זיך גוט איין און דערקענט אין אים גדליהן... ער טוט זיך א ריס מיט אַלע כּוחות און טוט א געשריי נישט מיט זיין קול: „אוי, מאַמע!"

— אוי, מאַמע! — שרייט אויס יאָסעלע אויף א קול און כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף ווי א צעדולטער. — טפו־טפו־טפו! וו זענען מיר, רב לייזער?

— וו מיר זענען, פרעגסטו? — ענטפערט אים לייזער מיט אַ ברוגזדיק קול, גייענדיק שוין צופוס גלייך מיט די פערדלעך, שעלטנדיק זיי מיט טויטע קללות. — א, מיר זענען שוין גאַנץ ווייט, א גזירה זאָל אויף אייך קומען, באַליעריעס! שוין לאַנג אריבערגעפאָרן כמעט העכער א האַלבן באַרג, אַ מיתה־משונה אויף אייך, ווי איך האָב מיך דאָ א ביסל אָנגעמאָרדעוועט! אפשר וואָלט געווען א סברה, זאָלסט זיך מטריח זיין א קאַפּעלע אַראָפּקריכן און מוחל זיין אונטערגיין אָט דאָ ביי דער זייט, טאָמער וועט זיין פאָרט א ביסל גרינגער פאַר די פערדלעך, שרפהגען זאָל די פעל זייערע!

— אָבער ס'איז באַלד די שטאָט, רב לייזער? — פרעגט יאָסעלע מיט אַ וויינענדיק קול.

— באַלד, באַלד, פאַרשטייט זיך, באַלד. אָט דאָ נאָכן באַרג בלייבט איבער אַ שטיקל זאַמדיק אָרט, נאָכדעם א וועלדל, נאָכדעם ווידער זאַמד, און נאָכדעם גייט שוין א גלייכער וועג מיטן פאַטשטאָווע טראַקט גלייך אין שטאָט אריין.

וואָס קאָן מען טון? יאָסעלע נעמט זיך אָן מיט הארץ און גייט נאָך נאָך דער בויד. דער קאָפּ איז אים שווער, די פיס ברעכן אים און אין האַלדז פילט ער אַן ענגשאַפט. די פערדלעך נעבעך שלעפּן דעם וואָגן ארויף א באַרג גאָר אָן חשק. זיי וואָלטן זיך בפירוש אָפּגעשטעלט אָט־אָ־דאָ, גאָר נישט קוקנדיק אויף לייזערס קללות, וואָס ער שיט אויף זיי; ער גיט זיי אָבער אָנצוהערעניש מיט דער בייטש, אַז מע דאַרף גיין ווייטער. די לבנה, וואָס האָט זיך אויסגעשניטן פונעם עק הימל, שוועבט אַלץ העכער און העכער. דאָס ווינטעלע ווערט נאָך קילער, און יאָסעלע גייט ביים וואָגן גאַנץ געשמאַק, ווי א מענטש, וואָס האָט אויף זיך מקבל געווען דעם גלות...

— אַצינד קריך אריין, זיי מוחל, צוריק אין וואָגן אריין. — זאָגט צו אים לייזער, אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ מינוט. — עס וועט נישט געדויערן אפילו וואָס אַ טרונק וואַסער באַטרעפט, וועלן מיר שוין זיין אין דער היים.

א גוטע נשמה האָט לייזער אריינגעזעצט אין יאָסעלען מיט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער. ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר זיך אליין, וואָלט ער אים ארומגעכאַפּט קושן, און כאָטש עס האָט געדויערט א סך מער „וואָס א טרונק וואַסער באַטרעפט", פונדעסטוועגן איז מען פאָרט אמאָל געקומען קיין מאַזעפּעווקע.

קיינמאָל האָט נאָך יאָסעלע אזוי נישט אָנגעקוועלט פון דער שטאָט מאַזע־פּעווקע מיט איר שמעקנדיקער בלאָטע און מיט אירע קליינע, פינצטערע, פאַר־שלאָפענע שטיבלעך, ווי אַצינד. ער האָט זיך געפילט, ווי א שררה, וואָס פאָרט אריין צו זיך אין זיין גוטס, קלויבנדיק נחת פון איטלעכם ברעקעלע. ער האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט און האָט ארויסגעשטעקט די נאָז פון בויד

אַרויס, נאָר ער האָט זי געמוזט פאַרשטעלן מיט דער האַנט... ווי א קליין קינד, איז ער אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד, רעדנדיק צו זיך אַליין: „אָט איז זלמן־אלי דעם שוחטס שטוב! אָט איז צמח דעם נגידס שטוב! אָט איז אַרקע דעם שוסטערס שטוב, און אָט זענען די קלייטן... שאַ! אָן איז די אַלטע קלויז און אָן איז זלאַטעס שטוב, ווו דער טאַטע זיצט... וואָס לייכט זיך עס דאָרטן, אוי? רב לייזער, טוט נאָר א קוק, זייט מוחל, ווי עס איז ליכטיק דאָרט ביי אונדז! אוי, ווי איז מיר! מיר דאַכט, עס געצט?!“

— ווער געצט? וואָס געצט? — האָט אים לייזער געענטפערט, טרייבנדיק די פערדלעך, ווי א רוצח. — עס הייבט אפילו נישט אָן צו געצן! וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן?

— וואָס זשע רעדן איז דאָרט אזוי ליכטיק? שאַ, מיר דאַכט, אז קלעזמער שפּילן? עס לאָזט זיך הערן דער פּויק מיט די טאַצן! וואָס איז דאָס? א חתונה, צי וואָס? רב לייזער, איר הערט א חתונה?

נאָר לייזער ענטפערט שוין מער נישט קיין וואָרט. ער שנייַדט און בראָקט די בייזע פערדלעך, וועלכע זענען שוין אַליין אויך צופרידן, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו קומען אהיים זיך שוין אָפּרוען א קאַפּ: נעגוג אָנגעלאָפן זיך! זיי פאַררייסן די וויידלען און צעלאָזן זיך מיט די לעצטע כוחות, צושאָקלענדיק ביי יעדן שמיץ מיט די קעפּ, ווי אײנער רעדט: „אַלטער נאַר! וואָס שמייסטו אונדז? מיר פאַרשטייען אַליין, ווען מע באַדאַרף לויפן און ווען נישט“... מיט א הויך און מיט א טראַסק שטעלט זיך אָפּ לייזערס בויד נעבן שמואליק דעם חזנס פענצטער, שיר נישט אַריינפאָרנדיק אהין מיטן דישעל. יאָסעלע שפּרינגט אַראָפּ און לויפט צו צו דער שטוב. אין דער האַלב, וואָס שמואליק זיצט, איז שטאָק־פינצטער, און אויף דער טיר הענגט א שלאָס — א סימן, אז מען איז נישטאָ אין דער היים. דערפאַר איז אין דער אַנדערער האַלב, דאָרט ווו זלאַטע די צעלניקערין וווינט, שטאַרק ליכטיק און פריילעך. קלעזמער שפּילן, און עס הערט זיך, ווי מע טאַנצט, מע טופּעט און מע שרייט: „שטאַרקער! שטאַרקער!“ ביי דער טיר איז אן ענגשאַפט פון דעם צונויפגעלאָפענעם פּשוטן עולם, וואָס שטייען, קנאַקן סעמיטשקעס און לאַכן. ער גייט צו און טוט א פרעג ביי דער צונויפגעלאָפענער חברה: וואָס איז דאָ אזעלכעס?

— צע זשידיווסקע וויסיליע! — ענטפערן זיי אים מיט א געלעכטער און ווייזן אים אָן מיט די פינגער אהין, אין שטוב אַריין. יאָסעלע שפּאַרט זיך דורך מיט בייזע עלנבויגנס, קומט אַ־יין אין שטוב אַריין און דערזעט פאַר זיך א בילד, פון וועלכן עס ווערט אים פינצטער אין די אויגן.

XXX

בעל־כּרחם זענען זיך ייִדן משמח, און יאָסעלע קומט אָן אין דער רעכטער שמחה

„על־כּרחך, זאָגן אונדזערע חכמים, אתּה חי — מיט גוואַלד לעבסטו!“ מיט גוואַלד קומט אויס דער ייִד דאָס שטיקל וועלט, מיט גוואַלד מאַכט ער חתונה קינדער, מיט גוואַלד פֿרייט ער זיך. אַ ייִד, אַז ער וויל זיך פֿרייען, דאָס הייסט, אַרויסבאַווײַזן זײַן שׂמחה, באַדאַרף ער זיך נעמען מיט גוואַלד אָנטון זיך אַ כּוח. „ייִדן — שרײַט ער דעמולט, — ייִדן, לאָמיר פֿריילעך זײַן!“ און מע נעמט זיך אַלע צונויף און מע מאַכט אַ כּוסה, מיט גוואַלד, וואָרעם נישט אין דער טבֿע פֿונעם ייִדן איז אַ כּוסה צו מאַכן. און ווער עס קאָן נישט טרינקען, גיסט מען אים אַרײַן מיט גוואַלד אין האַלדז אַרײַן, דאָס הייסט אויף לשון־הקודש: „מע האַקט אַרײַן אַ גלעקל“. און ער מוז פֿריילעך ווערן, כאָטש עס ווילט זיך אים נישט. ער מוז טאַנצן, כאָטש עס טאַנצט זיך אים נישט. אַ מחיה אָנצוקוקן, ווי ייִדן קלייבן זיך צונויף אויף אַ שׂמחה און תּיכּף נאָך די ערשטע צוויי „גלעקלעך“ הייבט מען אָן צו פּליעסקען און צו זינגען:

לאָמיר טרינקען, חבֿרה, ווײַן,
שנײַדן גלעקלעך אין האַלדז אַרײַן;
דער רבי האָט געהייסן פֿריילעך זײַן
ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן!

און טאַקע באַלד ווערט די קאַפּאָטע אַזוי שווער, אַז מע מוז זי אַראָפּוואַרפֿן און בלײַבן אין די הוילע תּחתּונים, מחילה, מיטן טלית־קטן, להבֿדיל, פֿון אויבן; עפּעס טאַנצט זיך גאָר דעמולט אַנדערש און אַלע אײַנגייען זיי אַ קאַראָהאָד, צוהאַלטנדיק איינער דעם אַנדערן מיט דער האַנט. די קלעזמער שפּילן שוין דעמולט אָן נאָטן, מע רײַבט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. ייִדן טופּען און שפּרינגען, פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם קאָפּ אַרונטער, מיט פֿאַרגלאָנצטע אויגן צו דער סטעליע, פּונקט ווי מע וואָלט גאָר געהאַלטן אין דאַווענען, נישט אין טאַנצן. און ווער עס שפּאַרט זיך אײַן און וויל נישט גיין טאַנצן, שלעפּט מען אים מיט גוואַלד אין קאָן אַרײַן און ער מוז טאַנצן, דאָס הייסט, דרייען זיך און מאַכן מיט די פֿיס. אָט אַזאַ מין טאַנץ איז געגאַנגען שמואליק דער חזן בײַ אסתּרן אויף דער חתונה. ווער עס האָט אים נישט געזען דעמולט, דער האָט גאָר קיין טרויעריקע סצענע אויף זײַן לעבן נישט געזען. אוי, איז דאָס געווען אַ ביטערער טאַנץ! שמואליקן האָט זיך גאָר געגלוסט ווייגען פֿונעם בייסל בראָנפֿן, וואָס מע האָט אין אים אַרײַנגעגאָסן. ער איז געוואָרן נאָך ערגער מרה־שחורהדיק ווי פֿריִער. קלאָטע האָט דאָס פֿונדעסטוועגן זייער הנאה געטאָן, וואָס שמואליק טאַנצט אויך אין

קאָן גלייך מיט איטלעכן. דערזעענדיק, ווי ער מאַכט אויך מיט די פֿיס, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט דאָ, צווישן אַלע מאַנצבילן, וואָס זענען געווען, מחילה, אין הוילע תחתונים; נאָר בישקשה, אויף אַ שמחה מאַכט נישט אויס, אָן אַן אומגליק. זלאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט צופּליעסקען און צוזינגען שוין מיט אַ הייזעריק קול, ווי געוויינלעך אַ מחותנתטע:

קוגל הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
און אין מויל צעגייסטו.
קוגל הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
און אין מויל צעגייסטו...

עס איז שווער צו וויסן, צי פֿונעם טרינקען, צי פֿון די עטלעכע „גאַלקעס“, וואָס מע האָט אים אַריינגעגאָסן מיט גוואַלד, צי גלאַט אַזוי פֿון זיך אַליין, — נאָר עס איז שמואליק דעם חזן מיטאַמאָל אָנגעקומען אַזאַ קוראַזש אויף צו פֿריילעך זיין, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די מחותנים, מיט רב קלמן שדכן אינמיטן, טרינקען משקה, אָבער נאָר אויף הפֿקר, פֿאַרבייסנדיק בשעת מעשה מיט זויערע אוגערקעס — זייער אַ טייערע סגולה פֿון שכרות. מע האָט אַזוי לאַנג געטרונקען משקה און פֿאַרביסן מיט זויערע אוגערקעס, ביז שמואליק האָט אַ קוק געטאָן אויף רב קלמנען און האָט דערזען צוויי רב קלמנס מיטאַמאָל; רב קלמן פֿון זיין זייט האָט אויך געזען צוויי שמואליקס, און פֿון יעדער איינציקער זאַך איז ביי זיי געוואָרן צוויי זאַכן. דאָס האָט צוגעגעבן שמואליקן נאָך מער קוראַזש, און עס האָט זיך אים געגלוסט נאָר לאַכן און בעגן. עס איז אים אַלצדינג מיטאַמאָל געוואָרן זייער לעבעדיק. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זלאַטען, ווי זי זינגט „קוגל הייסטו, אין אויוון שטייסטו“, און האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז זלאַטע האָט אויפֿגעהערט צו טאַנצן און צו זינגען. זי האָט עפּעס אַ מורקע געטאָן זיך אונטער דער נאָז, און איז אָפּגעטראָטן אויף אַ זייט, און שמואליק האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים בויך און האָט זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער. אויף אים קוקנדיק האָבן רב קלמן מיט די מחותנים אויך געלאַכט, און עס איז באמת געוואָרן איטלעכן אַזוי פֿריילעך אויפֿן האַרצן, אַז מע האָט זיך געביטן מיט די היטלען און מיט די יאַרמלקעס. זלמן בער דער שוחט האָט ערגעץ געקריגן אַ קאַפּעליוש, דערצו האָט ער אונטערגעבונדן די קאַפּאָטע מיט אַ פּאַסיקל ביזן גאַרטל, און די באָרד (זלמן בער האָט די גרעסטע באָרד אין מאַזעפּעווקע) האָט ער פֿאַרבונדן מיט אַ פּאַטשיילע, און איז געגאַנגען אַ „דייטש“, צוזינגענדיק דערביי:

זענען מיר דייטשן,
טרינקען מיר שנאַפּס!

און שמואליק מיט רב קלמנען מיט די מחותנים ווערן צעגאַנגען פאַר געלעכטער. ביז עס נעמט אָן אלחנן דעם שמש אויך אַ חשק צו באַווייזן זיינע שטיק, פארקאַטשעט ער די פּאות ארונטער די אויערן, בלאָזט אָן די באַקן און, גלאַנצנדיק מיט די אויגן, גייט ער „אַ פּאַניע“, צווינגענדיק אַ רוסיש לידל מיטן נוסח פון „היום תאמצנו“. און אויך שמשון יענקל דער טאַבאַטשניק קערט איבער די וויעס פון די אויגן ארויף, זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד, און דרייענדיק אַ ציצה פונעם טלית־קטן, זינגט ער אַ בעטלער:

„אָי, ביזו סאָבי כוויאַמעיי לאַזאַר“...

און רב קלמן שוין קאָן זיך אויך נישט איינהאַלטן און באַווייזט זיינע קאָמעדיאַנטסקע שטיק: ער טוט אָן אַ קליידל און פארשטעלט זיך פאַר אַ קימפּעטאָרין און באַווייזט זיינע אָנשטעלן... הכלל, מען איז זיך משמח ביי זלאַטעס טאָכטער אויף דער חתונה, און שמואליק הערט גאָרנישט אויף צו לאַכן, גיסנדיק אַיין גאַלקע נאָך דער אַנדערער. פּלוצעם ווערט זלמן בער דער שוחט פון אַ דייטש נאָך אַ חזן, און שמואליק מיטן איבעריקן עולם ווערן ביי אים משוררים; זלמן בער טוט אָן אַ ווייסע שאַל פאַר אַ טלית און שטעלט זיך אַוועק ביי דער וואַנט זינגען מיטן טרויעריקן ניגון פון נעילה אויף אַ קול:

דו אַלטער,
דו קאַלטער,
אַז דו ווייסט נישט,
און קאַנסט נישט,
און טוינסט נישט, —
הייגט וואָס זשע נעמסטו זיך אונטער?

און שמואליק, שמשון־יענקל, רב קלמן און אלחנן דער שמש האַלטן אים אונטער, ווי די משוררים, מאַכנדיק מיט ביידע הענט, און שרייען מיט טרויעריקע קולות און מיטן נוסח פון נעילה:

אוי, אוי, אוי, אוי!
אוי־אוי!

און דער גאַנצער עולם קוועלט, ווערט צעשמאָלצן פאַר געלעכטער.

יאָסעלע סאָלאָוויי שטייט און באַטראַכט די דאָזיקע סצענע, זוכנדיק עמעצן מיט די אויגן. די, וואָס יאָסעלע האָט געוואָלט זען, זענען שוין נישט געווען....

דער עולם איז געווען אזוי פארקלאָפּט, אַז קיינער האָט נישט באַמערקט יאָסעלען, ווי ער שטייט זיך אזוי אין אַ ווינקעלע, אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט, באַטראַכטנדיק יעדן באַזונדער. יאָסעלע האָט דערפילט, ווי עס קלאַפּן אים די שלייפן אין קאָפּ, עס ברענט אים דאָס פּנים; די גאַנצע שטוב דרייט זיך אים, ווי אַ ראָד; אין די אויגן שטעכט/שעמערירט און פינקלט אים, ווי אַ רעגן פון קליינע גילדענע טראָפּן, און ער פילט, ווי שאַרפע קאַצענע נעגל שטעכן זיך אים אריין טיף אין נאַרל און דושען

אים, און וואַרגן אים. יאָסעלע כאַפּט זיך אָן ביים האַלדז און לויפט אַרויס אין דרויסן.

. . . .

די נאַכט האָט אָנגעהויבן וואָס ווייטער פינצטערער צו ווערן. קליינע שוואַרצע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן זיך אָנצורוקן אויפן הימל, איינשלינגענדיק אין זיך די לבנה און ווידער אַרויסשפּייענדיק זי. אַ קיל אלול־ווינטל האָט אונטערגעבלאָזן. אַ טרויעריק הוישען, אַ וויינענדיק פייפן האָט זיך געלאָזט הערן, ווי אין רעכטן אַסיען, און עס איז שוין געווען גאַנץ קיל. נאָר יאָסעלען איז געווען וואַרעם, אַזוי וואַרעם, אַז ער האָט זיך געווישט מיט די פּאָלעס דעם שווייס פונעם פּנים און ער האָט געפילט, אַז עס ברענט אויף אים דאָס לייב. און איין אָטעם איז ער געלאָפן פון דער חתונה, ער זאָל נישט הערן דאָס שפּילן פון די קלעזמער, דאָס טאַנצן מיטן זינגען, וואָס האָט איינגעגאָסן גיפט אין זיין האַרצן אַריין, און געברענט און געבראָטן, ווי מיט אַ העליש פייער. יאָסעלע איז געלאָפן, און אים האָט נאָכגעיאָגט דער וויינענדיקער ניגון פון נעילה, מיט די פריילעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון דאָרטן. יאָסעלע האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן, ער זאָל נישט הערן דאָס זינגען, און איז געלאָפן פון דאָרטן, ווי אַ משוגענער, נאָר אַליין נישט ווייסנדיק וווהין ער לויפט.

XXXI

שמואליק זאָגט שבע־ברכות מיט זייער אַ וויינענדיקער שטימע

אויסגעשלייערט, ווי געוויינלעך אַ מחותנתטע, איז זלאַטע געווען אויף מאָרגן צום שלייער־וואַרמעס. אַרום איר האָבן זיך אַרומגעדרייט אירע שוועסטער, בריינע און יענטל און נאָך ווייבער מחותנתטעס אויך אויסגעשלייערט און אָנגעטאָן יום־טובדיק. פון די מאַנצבילן איז נאָך נישט געווען קיינער: די מחותנים זענען אוועקגעגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען מיטן אַנדערן מנין, און די פרעמדע, די גערופענע, הייסט דאָס, האָבן זיך נישט געכאַפּט צו קומען אויפן שלייערוואַרמעס, אַרויסגייענדיק דערווייל אין מאַרק אַריין, טאָמער וועט מען עפּעס כאַפּן, טאָמער וועט נאָך צושיקן עפּעס אַ פּאַרדינסטל. דער שמש מיט דער שמשטע, נישקשה, מעגן קומען נאָכאַמאָל רופן. נאָר די היימישע ווייבער זענען געקומען העלפן גרייטן צום טיש, אָנשניידן לעקעך און גלאָט אַזוי משמח זיין די כלה. און מחמת עס איז דאָך דאָ דער היימישער עולם אַליין, באַדאַרף מען נעמען צו שטיקלעך לעקעך און טרינקען צו דער מחותנתטע לחיים. די סאַרווערינס נעמען לעקעך און ווינשעווען זלאַטען מיטן גאַנצן האַרצן:

— לאָז גאָט געבן, זלאַטעניו, — זאָלסט האָבן גרויס נחת אין אייער טאָכטער, קיינמאָל פֿון קיין צער נישט וויסן, זי זאָל זיך מיט אים עלטערן אין עושר און אין כּבֿוד, און אם־ירצה־השם, איבעראַיאָר, אויפֿן ברית, זאָלט איר אונדז נישט פֿאַרגעסן, זלאַטעניו, מיר זענען, נישקשה, גוט אויפֿן פּאָטשאַטאָק: דאָרט, ווו מיר זענען אויף אַ חתונה, איז תּמיד אויף איבעראַיאָר אַ ברית; ס'איז אַזאַ האַנט ביי אונדז, אַ געבענטשטע האַנט...

— אָמן, הלוואַי! — האָט זיי זלאַטע געענטפֿערט מיט אַ פֿרומער מינע.

ברײַנע האָט אַ קוק געטאָן אויף יענטלען, יענטל אויף ברײַנען, און זלאַטע אויף זיי ביידע. די דרײַ שוועסטער האָבן צווישן זיך גערעדט מיטן קוק מער ווי אַנדערע מיטן מויל. מע האָט זיך, נישקשה, גוט פֿאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע...

שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿקלײַבן די באַלעבאַטים און זעצן זיך אַרום טיש, נעמען צו ביסלעך בראָנפֿן און טרינקען לחיים מיטן חתן, מיט זלאַטען און מיט די איבעריקע מחותּנים און מחותּנתטעס. אַלטערס פּנים האָט געלויכטן אין אַרויסגעשײַנט פֿון אונטער דעם נײַעם סאַמעטענעם קאַרטוז. ער האָט אויסגעזען ווי יינגער מיט עטלעכע יאָר... גאָר בחורהדיק... נישט אַזוי איז אָבער געווען די כּלה. אויסגעשלײַערט און אָנגעטאָן, ווי אַ שײַנע פּאַנע, האָט אסתּר אויסגעזען עפּעס נישט אַזוי פֿריילעך. איר פּנים איז געווען שוין צו ווייס, אַ ביסל געלבלעך, און קיין איינציקן טראָפּן בלוט האָט מען אין איר נישט אַרויסגעזען. אירע שוואַרצע אויגן אונטער די לאַנגע ברעמען זענען אַציגנד געווען אָן אַ שום פֿײַער, אָן אַ שום גלאַנץ, און זיי זענען ביי איר גרעסער געוואָרן. די באַקן זענען איר אַ ביסל אײַנגעפֿאַלן. דער נײַער שלייער אויפֿן קאָפּ איז ביי איר געווען פֿאַרפּוצט מיט פּערל און דימענטן און האָט אויסגעזען אויף איר ווי אַ קרוין, און אין איר טײַערן זײַדן קלייד, מיט סאַמעט און מיט שמוק אַרומגעפּוצט און באַהאַנגען מיט צירונג פֿון אויבן ביז אַראָפּ, — האָט אסתּר אויסגעזען אין דער מינוט ווי אַ פּרינצעסין, אַ בת־מלכּה. די לעבעדיקע, די פֿריילעכע אסתּר איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי סטאַטעטשנע, אַזוי געלאַסן, אַזוי שטיל און ערנסט. „טאַקע גאָר, ווי אַ כּלה“ — האָבן זיך געטראַכט די ווײַבער, שפּילנדיק זיך אין איר שײַן, ליכטיק פּנים.

— וואָס פֿאַר אַ שײַנע פּאַנע דאָס איז, קיין בייז אויג זאָל איר נישט שאַטן! — האָבן די ווײַבער צווישן זיך געשמועסט, אָנקוקנדיק אויף דער כּלה. — זי איז קלאָר, ווי געפּאָלעטער שניי. אַ צירונג אַזעלכעס אין שטוב צו האָבן. זאָגט שוין איר אַליין, פֿרומע־שרהניו, זאָלט איר מיר געזונט זײַן!

פֿרומע־שרהניו איז בפֿירוש מסכּים, אַז ס'איז טאַקע גאָר אַ צירונג אַזעלכעס אין שטוב צו האָבן, וואָס שמועסט מען דאָ? און דער עולם דערווײַל הייבט זיך אָן צו וואַשן, איבערגעבנדיק איינס דעם אַנדערן די גרויסע קופּערנע קוואָרט מיט אויערן און איבערנעמענדיק איינס ביי דעם אַנדערן דעם נאַסן שוואַרצן האַנטעך. פּלוצעם קומט אַרײַן שמואליק דער חזן אין שטוב אַרײַן.

— ברוך־הבא, רב שמואליק! — זאָגט זלאַטע גאַנץ פֿריינדלעך. — וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? גייט וואַשט זיך, זייט מוחל, און זעצט זיך צום טיש. איר האָט זיך גאָר פֿאַרגעסן, אַפֿנים, אַז מע באַדאַרף אייך האָבן צו שבֿע־ברכות? ווו איז די חתונה־אייערע, רב שמואליק? עפּעס זאָגט איר מיר הײַנט גאָר צעפּלאָנטן, וואָס איז די מעשׂה?

— איך האָב אַ גאַסט, — מאַכט שמואליק מיט אַ זייערער מינע, — אַ גאַסט האָב איך, מײַן זון איז געקומען צו פֿאָרן.

— יאָסעלע?? — האָבן אַלע מיטאַמאָל אויסגעשריגן. — יאָסעלע איז דאָ? גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט! ווו זשע איז ער?

— וואָס איז שייך ווו? אין דער היים איז ער. — ענטפֿערט שמואליק, שטייענדיק אויף איין אָרט. — ער האָט עפּעס קיין כּוח נישט. געקומען צו פֿאָרן איז ער נאָך געכטן בײַנאַכט, נאָר אַהיים איז ער געקומען ערשט פֿאַרטאָג, דאָס הייסט, מיטן טאָג גלײַך שוין. ער האָט, אַפֿנים, געכאַפּט אַ פֿאַרקילונג, מחמת ער קלאָגט זיך אַלץ, אַז דער קאָפּ טוט אים ווײַ. אַצינד ליגט ער אין איין העליש פֿײַער, פֿאַכט מיט דער נשמה. מיר האָבן אים שוין געלייגט קאַלט וואַסער, געריבן די שלייפֿן — עס העלפֿט נישט.

— שוויצן! — האָבן זיך אָפּגערופֿן עטלעכע מיטאַמאָל. — די בעסטע רפֿואה איז אָפּשוויצן. זיצט, רב שמואליק, וואָס זאָגט איר אַזוי צעטראָגן? עס מאַכט זיך, אַ מענטש כאַפּט אַ ווינטל. ער וועט, אם־ירצה־השם, זײַן געזונט.

שמואליק שטעלט זיך אַוועק מיט זלאַטען און דערציילט איר עפּעס. זלאַטע קוקט אויף אסתּרן און שאָקלט מיטן קאָפּ. און אסתּר האָט זיך באַראַטעט אָנגעטאָן מיט אַלע כּוחות, זי זאָל נישט אַרויסטערפֿאַלן אונטערן טיש, דערהערנדיק, אַז יאָסעלע איז דאָ. זי איז געווען שוואַרצער פֿון אײַזן, אַז זי האָט זיך געקוקט אײַנגעהאַלטן און נישט אַרויסלויפֿן פֿונעם טיש מיט אַ געוואַלד: „ס'טײַטש, יאָסעלע?!“ זי האָט גאָר אַ פֿרעג געטאָן בײַ שמואליקן, און בשעת מעשׂה האָבן זיך איר אײַנגעצונדן מיט זייער שטענדיק פֿײַערל:

— אַליין איז ער געקומען?

— אַליין, — האָט שמואליק געענטפֿערט, אַלץ שטייענדיק, ווי אַ דערהרגעטער, נעבן זלאַטען, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

ווי אַן אָפּגעבריטע פֿון אַ דונער, האָט זיך אסתּר אויפֿגעכאַפּט פֿונעם אָרט און האָט זיך אָבער באַלד צוריק אַנידערגעזעצט. עס האָט זי אַ טראָג געטאָן אין דער לופֿטן און באַלד צוריק אָפּגעלאָזט, און זי איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט אויבנאָן טויט ווי די ליים, גלײַך ווי עס וואָלטן איר אין דער צייט אָפּגעשטאָרבן אַלע חושים. אסתּר האָט אין דער איינער מינוט איבערגעלעבט אַ סך מער, ווי מע לעבט איבער אַמאָל אין אַ גאַנץ יאָר. אַ שלעכטע מחשבה איז איר דורכגעלאָפֿן אין קאָפּ אויף אַ רגע; זי איז גרייט געווען זיך אויפֿצוכאַפּן, איבערלאָזן דאָ דעם

עולם, מיט דער חתונה, מיט אלצדינג ארום און ארום, און ארייגלויפן צום חזן אין שטוב אריין א קוק טאָן אויף יאָסעלען. עס האָט זי געצויגן אהין, ווי מיט צוואַנגען, געשלעפּט, געריסן, אהין, אהין!... די האָזיקע מחשבה האָט אָבער געדויערט נאָר א רגע, נישט מער. זי האָט זיך באַלד צוריק באַטראַכט: זי איז דאָך אַ כלה, א ווייבל, אן אשת-איש!... די מלחמה, וואָס אסתר איז אויסגעשטאַנען אין דער מינוט, איז געווען איבער אלע מאָסן; עס האָבן זיך אין איר געשלאָגן צוויי דעות, צוויי כוחות: פון איין זייט דער שטן-מקטרג שטייט און רעדט איר איין: „נאַרישע אסתר! וואָס הערסטו זיי? יאָסעלע איז געקומען צו פאָרן, ליגט קראַנק. ער קוקט אוודאי ארויס אויף דיר, און דו זיצסט דאָ, — צוליב וועמען? אַט פאָלג מיך, אסתר! ביסט שיין, ביסט יונג, דאַרפסט לעבן, לעבן דאַרפסטו, לעבן!!“... און פון דער אַנדערער זייט הערט זי אַנדערע ווערטער: „א יידישע טאָכטער? רב אברהמל סלאָוויטערס אן אייניקל? ליבע? א כלה? הרי את מקודשת, פאַרבונדן, פאַרקניפּט, אן אשת-איש!!“... און יענער, דער שטן-מקטרג, טוט זיך זיינס: „ווער איז שולדיק? מע האָט דיך פאַרבונדן, געבונדן, געפּענטעט, נאַרישקייטן! ביסט א מענטש, דאַרפסט לעבן! פאָלג מיך, אסתר!“...

און אסתר זיצט ביים טיש סטאַטעטשנע, ווי געוויינלעך א כלה צום שלייער-וואַרפמעס, נאָר בלייך איז זי מוראדיק, טויט ווי די וואַנט, אָן אַ טראָפּן בלוט, און שיינט ארויס פונעם שלייער, און די צירונג אויף איר לייכט און פינקלט און גיט איר צו פיל חן, און די ווייבער שפּיגלען זיך אין איר, קוועלן אָן, קלייבן תענוג פון דער שיינער, ליכטיקער, חנעוודיקער כלה.

טרויעריק, וויינענדיק איז געווען דאָס קול פון שמואליק דעם חזנס „שבע-ברכות“, און עס האָט זיך אסתרן געדאַכט, אז דאָס קול זינגט נייט פון אונטער דער ערד, פון יענער וועלט. דאָס זענען געווען ביטערע שבע-ברכות. האַלטנדיק דעם כוס אין איין האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט האַלטנדיק זיך ביים גאָרגל, ווי דער שטייגער איז ביי די אַלטמאָדישע חזנים, און פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ ארויף, מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט זיך שמואליק געציקלט, פאַרגאַנגען אויף זיין אַלטער אַנגעשפּאָלטענער שטימע, מיט אַ וויינענדיק קול, אויסלאָזנדיק דעם „משמח חתן עם הכלה“ אזוי טרויעריק, אז עס האָט צענומען דעם עולם. איטלעכער איז געבליבן זיצן פון דער שמחה פאַרזאָרגט, פאַרוואָגלט און באַטריבט, אליין נישט וויסנדיק די סיבה פאַרוואָס... אזוי ווערן יידן פאַרזאָרגט אויפן אָרט פון פריילעך זיין, משמח זיין דעם חתן מיט דער כלה, — רבונו-של-עולם! וואָס ליגט דאָ אזעלכעס אינעם יידישן זינגען מיטן יידישן שפּילן, וואָס תמיד רופט דאָס ארויס נאָר טרויעריקע מחשבות!?... און די ווייבער, שטייענדיק ביי דער זייט און ענטפערנדיק „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן“, האָבן געלאָזט א טרער, קוקנדיק אויף זלאַטען, ווי זי וויינט און קלאָגט. עס איז קיינעם קיין חידוש נישט, וואָס זלאַטע וויינט: אַלע ווייסן, נישקשה, דעם טעם פון חתונה מאַכן אַ קינד..

— פונדעסטוועגן, — זאָגן די ווייבער און רעדן זיך איַין אויס דאָס האַרץ — לאָז גאָט געבן, מע זאָל חתונה מאַכן קינדער און דערלעבן גיין אײנעם צום אַנדערן אויף שמחות!

— אָמן, הלוואַי! אָמן, הלוואַי!

די ווייבער שטייען אויף, געזעגענען זיך אָפּ מיט דער מחותנתטע, קושן זיך מיט דער כּלה, צוווינטשעוועדיק איר, זי זאָל דערלעבן ביי אירע קינדער אויף שמחות, און אסתּר קוקט אויף זיי ווי פאַרוווּנדערט; איר קאָפּ און איר האַרץ שפּעגן ווייט פונדאַנען; זי וואָלט גערן דערלעבן, אַלע זאָלן זיך צעגיין, זי זאָל בלייבן אַליין און קאָנען זיך רעכט אויסוויינען כאָטש, און דאָ די ווייבער קריכן קושן זיך און ווינטשעוועז איר צו אַלדאָס גוטס.

נאָך האָט געהאָלפן, דער פרעמדער עולם איז זיך שוין אביסל צעגאַנגען, און אסתּר האָט געקאָנט אריינגיין צו זיך אין אַלקער אַריין און זיך אָפּרוען פונעם טומל, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דעם דאָזיקן טאָג. ביי זלאָטען אין שטוב זענען געבליבן נאָר די היימישע לייט, די מחותּנים און אויך רב סלמן שרכן. ווי געווייגלעך, נאָך אַ חתונה, איז אין שטוב געווען אַ שטיקל מיש־מאַש מיט אַ גערודער: אויפן לאַנגן טיש זענען געשטאַנען ליידיקע פלעשלעך, איבערגעקערטע גלעזלעך, שטיקלעך קוילעטש, אָפּגעלעקטע ביינדלעך, און עטלעכע בענק זענען געלעגן מיט די פיסלעך אַרויף. אַ צוויי־דריי אָרעמעלייט, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט צום שלייער־וואַרמעס, האָבן געהאָלטן ביים אויסלעקן די טעלער, רוקנדיק אין בוזעם אַריין די איבערגעבליבענע שטיקלעך קוילעטש, און די שמשים, וואָס האָבן שוין צום סוף געכאַפּט אַן איבעריקע כּוסה, זענען געשטאַנען און האָבן זיך געטיילט מיט זייער רח'ש, וואָס איז זיי געפאַלן אין זייערע בידנע טעלערלעך פון די חתונה־לייט, גישט קוקנדיק דאַרויף, וואָס זלאַטע, ברײנע און יענטל האָבן זיי אונטערגעטריבן, זיי זאָלן שוין גיין געזונטערהייט, שוין צייט אויפראַמען, מאַכן אַ שטיקל לאַר. מער פון אַלץ איז געווען פאַרטאַרעראַמט זלאַטע, ווי געוויינ־לעך אַ מחותּנתטע; דאָס זייערע טיכל איז איר געווען פאַרבונדן מיט ביידע עק: אַרונטער, דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט און דאָס קול איז איר געוואָרן אַזוי הייזעריק, אַז מע האָט קוים געהערט פון איר אַ וואָרט. פונדעסטוועגן האָט זי נישט גערוט, אַלץ אַרומגעפאַראַרקעוועט אַרום איטלעכן באַזונדער, געפאַראַרקעוועט, גע־זעגנט זיך מיט איטלעכן מיט די אויגן, נישט מיטן מויל, מחמת קיין ווערטער האָט מען פון איר נישט געקאָנט הערן. באַטראַכטנדיק דעמלט זלאַטען, האָט מען גע־קאָנט מיינען, אַז זי האָט איבערגעקערט בערג און אָפּגעטאָן מי־יודע וואָס פאַר אַ גליקלעכן עסק. גאָט ווייסט, אויב זלאַטע האָט זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון,

וואָס זי האָט דאָ אויסגעטאָן מיט איר טאָכטער, מיט איר איינציקער, טייערער און געטרייער טאָכטער, פאַר וועמען זי האָט זיך אָפּגעגעבן, פאַרבונדן, פאַרקויפט אויף אייביק! ווו האָט דען זלאַטע צייט געהאַט צו באַקלערן אַקוראַט, אַז אָט האָט מען געשמועסט מכוח א שידוך, אָט איז געווען דער קנס-מאָל און אָט די חתונה — אַ קלייניקייט עפּעס אַ חתונה פראַווען?! זלאַטע בתיה דער האָרטאָוניצעס וועט נישט מאַכן קיין חתונה ווי עפּעס אַבי ווער; מע קומט נישט אַרויס, ברוך-השם, נישט פון קיין שנײַדערס און נישט פון קיין שוסטערס. און אַז גאָט האָט זי געשטראָפט און זי איז געבליבן אַן אַלמנה, און אַן אָרעמע דערצו, איז זי דאָך פאָרט עפּעס רב אַברהמל סלאַוויטערס א שנור, והיינט ווי געשיקט זיך עס, אַז איר בת-יחידה זאָל גיין צו דער חופּה נישט מיט קיין זײַדן קלייד, און בײַ אסתרן אויף דער חתונה זאָל נישט זײַן קיין עולם מענטשן אַרום טיש, אַזוי אַז די גאַנצע שטאָט זאָל טאַקע נאָכדעם רעדן פון דער חתונה? — „רבונו-של-עולם! — קלערט זיך זלאַטע. — איך זאָל דערלעבן בײַ מײַנע קלענערע קינדער נישט קיין ערגערע חתונה“...

און דערווײַל, צווישן די מחותנים, איז א שטאַרקער שמועס, עפּעס א לאַרעניש, א פאַרלאָזעניש: רב קלמן שדכן האָט טענות צום חתן, צו אַלטערן; רב קלמן רעדט מיט אַלע כּלים, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט משה אַברהם דעם זאַליאַזניק בײַ דער באָרד און מיט דער אַנדערער פאַרשטעלנדיק אַלטערן דאָס מויל, ער זאָל נישט רעדן. אַלטער שוויצט, ווײַל עפּעס זאָגן, און רב קלמן לאָזט אים נישט. „לאָזט זיך דינען, לאָזט זיך! — שרײַט ער. — אָט קאָנטשע איך אָט, און נאָכדעם וועט איר אייך רעדן וועט איר!“ משה אַברהם און בייניש (בײַדע שוואָגערס) און אויך א פּאָר מחותנים פון חתנס צד לייגן זיך אַרײַן, ווילן געפינען א מיטל אויף אויסצוגלײַכן בײַדע צדדים, נאָר ס'איז אַרויסגעוואָרפן: אַלטער איז האַרט ווי שטאָל, לאָזט זיך נישט בייגן אויף קיין פאַל, כאָטש שנײַד אים, כאָטש בראָט אים! „נו, זאָגט שוין איר אַליין, רב שמואליק, איז דאָס א יושר איז דאָס, אַז מע זאָל אַזוי אָביזשאַיען א שדכן זאָל מען, האַ?“ שמואליק דער חזן, וואָס זיצט בײַ דער זייט באַטריבט, טרויעריק, ווײַל אַוודאי מיט אַלע מעגלעכקייטן צוהעלפן רב קלמנען, מהיכא-תיתי, א טובה טאָן א ייִדן; נאָר רב קלמן אַליין פאַלט אים אַרײַן אין די רייד און לאָזט אים מער נישט אַרויסרעדן ווי דאָס געוויינלעכע וואָרט זײַנס „וואָס איז שייך“? און שלאָגט אים איבער איינמיטן: „אָט דאָס איז דאָך טאַקע אינגאַנצן דער פאַרדראָס אָט דאָס, — טענהט נעבעך רב קלמן, — איר פאַרשטייט אַן עסק פאַרשטייט איר? מע שמועסט אָפּ בפירוש שמועסט מען לכתחילה, ווי זאָגט ער, ס'זאָל זײַן ווי געווונטשן, צום סוף נאָ דיר האַרצווייטיק נאָ דיר, מע זאָל גאָר דאַרפן רעדן מכוח רח"ש זאָל מען, ובפרט — ע, רב אַלטער, לאָזט זשע זיך דינען, רב אַלטער!“...

— שוין צייט מנחה דאַווענען! — זאָגט משה אברהם, אַ קוק טוענדיק אין דרויסן אַרויס, ווו די זון האַלט ביי זעצן זיך, און געבנדיק אַ שמיר מיטן האַנט איבערן פענצטער. דער גאַנצער עולם שטייט אויף, מע גאַרטלט זיך אַרום די קאַפּאָטעס מיט פּאַטשיילעס און מע ציילט, צי ס'איז דאָ אַ מנין אויף צו מאַכן אַ קדושה. דער חתן, שמואליק דער חזן, ביידע שוואָגערס משה אברהם און ביניש, די דריי מחותנים פון חתנס צד, אַלטערע קרובים, חב קלמן שדכן און ביידע שמשים — אַקוראַט אַ מנין! מע וואַשט די הענט, מע זאָגט אַפּ קטורת, אשרי, און שמואליק שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט און הייבט אָן אויף זיין פּאַרדומפּענער ציבראָכענער שטימע די שמונה־עשרה, און די ווייבער, זלאַטע, ברײַנע און יענטל, הערן דערווייל אַ קדושה, גלייך ווי געפּונען... אויך אסתר, דערהערנדיק פון איר חדר שמואליקס טרויעריק קול, גייט צו צו דער טיר, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און דערזעט, ווי די יידן און די ווייבער שפּרינגען „קדוש, קדוש, קדוש“ — בלייבט זי שטיין, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן: עפּעס איז זי שוין, דאַכט זיך, אויך אַ יידענע גלייך מיט אַלע. אויף איר איז דאָך שוין אויך חל... ברײַנע ווינקט צו איר פונדערווייטנס, באַווייזנדיק איר מיט די פינגער אויפן שטערן. אסתר פאַרשטייט נישט, וואָס יענע וויל, און ווערט רויט. נאָך דער קדושה גייט צו איר צו די מומע ברײַנע און ווייזט איר אָן אויף די האָר — עס זעט זיך אַרויס ביי איר אַ האָר פון אונטערן טיכל... אסתר האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שלייער מיט דער גאַנצער צירונג, אָנגעטאָן אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ און אַן אַנדער קליידל אויף זיך — און אסתר דאָס מיידל איז געוואָרן אסתר דאָס ווייבל... זי איז גאָר עפּעס ווי קלענער געוואָרן און זיך איבערגעביטן גאָר אינגאַנצן. אויף איר שיין ליכטיק פּנים האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט אַ כמאַרע, און זי האָט אויסגעזען פון אונטערן טיכל עלטער מיט עטלעכע יאָר; נאָר אירע גלאַנצנדיקע אויגן האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער פינצטער, ווי צוויי ליכטיקע שטערן אויפן הימל, און זי האָט אין דער מינוט אויסגעזען נאָך חנעוודיקער ווי פריער.

— אויב דו ווילסט, — האָט צו איר זלאַטע אַ זאָג געטאָן אויף איר הייזע־ריקער שטימע, — אויב דו האָסט צייט, קום אַריין צו דער הזנטע מבקר־חולה זיין יאָסעלען.

פון אַ הארמאַט ווען מע זאָל אויסשיסן, וואָלט זיך אסתר נישט באַדאַרפט אַזוי איבערשרעקן, ווי זי האָט זיך דערשראָקן פון די דאָזיקע עטלעכע ווערטער. ערשט מיט איין מינוט פריער האָט זי וועגן דעם געוויס געטראַכט, וויאַזוי געפינט מען זיך אַן אויסרייד אויף אַריינצוקומען צו דער הזנטע, אַ קוק טאָן אויף יאָסעלען? און דאָ קומט פּלוצעם די מאַמע מיט אַזאַ גדולה! נאָר אסתרס פּנים האָט נישט אַרויסבאַוויזן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט און צאַפּלט ביי איר אין דער ברוסט, טאַקע גאָר אויף אַרויסצושפּרינגען. זי האָט געענטפערט דער מאַמען גאַנץ רואיק און שטיל: „נו, קום, אויב דו ווילסט“... און אין האַרצן האָט זי געוואָלט

אַרויספֿאַלן דער מאַמען אויפֿן האַלדז און אויסקושן איר אַלע גלידער. „מאַמעניו, האַרצעניו, טײַערע, טײַערע מאַמע!" — אַזוי האָט זיך געטראַכט אסתּר און איז פֿאַוואַליקע דורכגעגאַנגען מיט אַלע ווײַבער איבער דער „זאַל", ווו די מאַנצבילן זענען געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט שמונה־עשׂרה און געשאָקלט זיך אויף אַלערליי אופֿנים. „מאַמעניו, ליובעניו!" — האָט זיך אסתּר געטראַכט אין האַרצן און איז געגאַנגען פֿאַמעלעך, פֿײַערדיק, ווי עס טראָגט זי אין דער לופֿטן.

בײַ שמואליק דעם חזן אין שטוב איז געווען שוין שטאָק־פֿינצטער, צווישן טאָג און נאַכט. קיין ליכט האָט מען נאָך נישט אָנגעצונדן. אין אַ ווינקל, אויף אַ בעטל, אונטערגעבעט און איבערגעדעקט מיט אַ סך קישנס, איז געלעגן יאָסעלע סאָלאָווײ, און נעבן אים אויף אַ בענקל איז געזעסן די חזנטע.

— שששאַ, ער שלאָפֿט! — האָט די חזנטע געזאָגט, בשעת די ווײַבער זענען מיט אַ גערעדערײַ אַרײַנגעקומען צו איר אין שטוב אַרײַן.

— נײן, איך שלאָף נישט! — האָט געזאָגט יאָסעלע און האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעטל, גלײַך ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָ נישט ווײַט שטייט אסתּר.

— וואָס מאַכסטו גוטס? — האָבן צו אים אַלע דרײַ ווײַבער מיטאַמאָל געזאָגט מיט אַ ניגון, באַטראַכטנדיק אים פֿונדערווײַטנס.

— מיר איז נישט באַשערט, אַפֿנים, — האָט זיך אָנגערופֿן די חזנטע צו זלאַטען, — זײַן בײַ אײַער אסתּרקען אויפֿן שלייער־וואַרמעס. גיי רעכט זיך אויף אַזאַ שלאַק, נאַ דיר גאָר אַזעלכעס, טאָמער איז קאַרג! קימט אַזאַ גאַסט, ווערט ער דיר גאָר פֿאַרשלאָפֿט אינמיטן דרינען! זיצט, זלאַטעניו, ברײַנע סערדוצע, יענטל־קרוין, זיצט, זעצט זיך, זיצט! זיץ, אסתּרל, וואָס שטייסטו?

די ווײַבער האָבן פֿריִער אַ ביסל באַטראַכט יאָסעלען פֿונדערווײַטנס, צונעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן איטלעכע באַזונדער אַן אַנדער מין רפֿואה, וואָס איז באמת אַ טײַערע סגולה צו קאַפּווייטיק, צו ברעכעניש, צו שטעכעניש און צו אַלדאָס בייז, און נאָכדעם האָט מען זיך אַוועקגעזעצט בײַם פֿענצטער אויף דער באַנק, און ס'איז ניך פֿאַרבונדן געוואָרן צווישן די ווײַבער אַ וואַרעמער שמועס, געווייבלער, וועגן דער חתונה, וועגן דער חופּה־וועטשערע, וועגן דעם שלייער־וואַרמעס, וועגן דעם דרשה־געשאַנק, וואָס איז געפֿאַלן פֿון חתנס צד און פֿון כּלהס צד. און כאָטש זלאַטע איז געווען הייזעריק ווי די וואַנט, נאָר גערעדט האָט זי מיט פֿײַער, דאָס איבעריקע דערמאַכט מיט די הענט, געבראָכן זיך די פֿינגער אויף דעם, וואָס פֿרומע שׂרה — מאָלט אײַך פֿרומע שׂרה! איר קענט פֿרומע שׂרהן? — איז פֿרומע שׂרה אַ בעלנטע געווען צו זאָגן, אַז בײַ איר קלוגערער טאָכטער אויף דער חתונה איז געווען צוויי מאָל אַזויפֿיל עולם, און דרשה־געשאַנק, זאָגט זי, איז געפֿאַלן נאָר תּרפּ"ט אַלפֿים! נו, פֿרעג איך אײַך, וויאַזוי האַלט מען דאָס אויס?

— וואָס טויג אייך, זלאַטעניו, פרומע שרהס רייד? איך וועל אייך בעסער דערציילן, וואָס ציפע רייזל דערציילט פון איר מיזינקע היינט; רבונו של עולם, ווי איך האָב ערגעץ אַ שונא, טאַטעניו!...

וואָס ווייטער וועדט דער שמועס צווישן די פיר ווייבער אַלץ מער אינטערעסאַנט און הייסער, אַזוי לאַנג, ביז מע פאַרגעסט כמעט אָנעם חולה, אין יאָסעלען. יאָסעלע זיצט אויפן בעטל, מיט אַ האַנטעך דעם קאָפּ פאַרבונדן, אָן אַ היטל; פון אונטערן האַנטעך הענגען אַראָפּ זיינע לאַנגע געקרייזלטע האָר; דאָס פנים איז ביי אים טויט, א ביסל געלבלעך, נאָר די אויגן ברענען מיט זייער שטענדיקן גלאַנץ. הערנדיק אסתרן אריינגיין, איז ער גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פונעם בעט, נאָר ער איז עפּעס ווי צוגעקאָוועט געוואָרן צום אָרט, פאַרגליווערט געוואָרן, נישט צו קאָנען אַרויסלאָזן א וואָרט פונעם מויל. אסתר פון איר זייט איז געבליבן שטיין, באַטראַכט אים א היפּשע ווײַלע פונדערווייטנס, און ערשט נאָכדעם, אַז די ווייבער האָבן זיך שטאַרק פאַררעדט אין זייערע ענינים, איז אסתר צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט און האָט צום ערשטן אים א פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכסטו עפּעס?

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אַזוי ווייך, אַזוי אמת געטריי, מיט אַזויפיל ליבשאַפט, ווי טאַקע נאָר א שוועסטער קאָן זאָגן צו אַן אייגענעם ברודער. יאָסעלע האָט איר דאַרייף נישט געענטפערט גאָרנישט, נאָר זיין קוק, זיין ביטער שמייכעלע, האָבן איר געזאָגט גענוג. זי איז צוגעגאַנגען צו אים נאָך נענטער און, גלייך ווי עס וואָלט צווישן זיי שוין געווען אָפּגערעדט פון פריער, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים אויפן בענקל, וווּ פריער איז געזעסן די חזנטע.

אסתרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יאָסעלעס אויגן זענען גרעסער געוואָרן און קוקן אויף איר עפּעס ווילד, נישט אַזוי פריינדלעך, ווי אמאָל.

— וואָס זשע מאַכסטו? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן נאָכאַמאָל.

— אוי, אסתר! — האָט ער איר געענטפערט, אָננעמענדיק זיך מיט דער האַנט ביים קאָפּ.

אין די צוויי ווערטער האָט זיך געלאָזט הערן א קלאָג פון א מענטשן, וועלכן עס האָט געטראָפן א גרויס אומגליק, אזא אומגליק, וואָס נישט מיט קיין ווערטער קאָן מען עס אַרויסגעבן. אסתר האָט געפילט, אַז עס איז אים שלעכט, נאָר אין וואָס די שלעכטיקייט באַשטייט — האָט זי נישט געוווּסט. ווען און וויאַזוי דאָס האָט זיך געטראָפן — געדענקט אסתר נישט, נאָר איר האַנט האָט זיך געפונען אין זיין האַנט. עס האָט זי געברייט, ווי מיט פייער, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע ליב ברענט אויף איר. עס האָט זי ווי צוגעצויגן צו אים, צוגעשלעפּט ווי אַ מאַגנעט, און ווידער א שלעכטע מחשבה איז איר דורכגעפלויגן אין קאָפּ; עס האָבן זיך ווידער געראַנגלט אין איר יענע צוויי כוחות: פון איין זייט

דער שטן־מקטרג האָט איר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז איצט איז נאָך דאָ צייט, זי קאָן נאָך גליקלעך זיין, זי איז יונג און געזונט און פריש, זי טאָר זיך נישט באַגראָבן, זי האַרף לעבן, לעבן, לעבן! און פון דער אַנדערער זייט הערט זי אַן אַנדער קול: „אַ ווייבל, אַ כלה, ערשט פון דער חופּה, זלאַטעס טאָכטער, אשת־איש, אַנטלויף!!" — און איר האַנט איז אַלץ אין זיין האַנט, און עס ברייט זי, עס ברייט זי, ווי מיט פייער... ביי יאָסעלען האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעבונדן די צונג, און ער האָט זיך צערעדט; ער האָט גערעדט, ווי מע זאָגט, פאַר פייער און פאַר וואַסער; און אַלץ עפּעס אַזוי אויסגעמישט, פאַרכאַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע, עס האָט זיך כמעט נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַלע מינוט האָט ער זיך געכאַפּט מיט דער האַנט ביים קאָפּ. פּלוצעם האָט זיך אים דאָס פּנים ווי אָנגעצונדן, די אויגן צעברענט, דעם האַנטיער פונעם קאָפּ האָט ער אַראָפּגע־וואָרפן, זיך צוגערוקט צו אסתרן נאָך נענטער און האָט צו איר געזאָגט מיט היץ, נאָר גאַנץ שטיל, אַזוי אַז מע זאָל נישט דערהערן:

— ס'איז בלאָטע, אסתר, דו ביסט געבונדן, צי איך בין געבונדן! נאַרישקייטן, אסתר, כ'לעבן, נאַרישקייטן! זיי זאָגן, זיי זאָגן, איך בין קראַנק; ווער קראַנק? זאָג מיר נאָר איין וואָרט, אַז דו ביסט מרוצה, אַזוי שטיי איך אויף און ווער געזונט און פאַר אוועק מיט דיר פונדאַנען, פון דעם ווילטן מאַזעפּעווקע! דו פאָלג מיך, לאָמיר פאָרן, כל־זמן ס'איז נאָך דאָ צייט. מע וועט אונדז נאָכפאָרן? ווער הערט זיי? אוי, לאָמיר נאָר אַרויספאָרן פונדאַנען, זענען מיר פריי, און נאָכדעם וועט שוין זיין רעכט! איך וועל דיך אוועקפירן ווייט־ווייט פונדאַנען, און דו וועסט זיין מיינע, אויף אייביק מיינע, מיינע! אסתר! אוי, אסתר, אסתר!

אסתר האָט קיין צייט נישט געהאַט אפילו אויף צו באַקלערן די דאָזיקע לעצטע ווערטער אקוראַט. עס האָט עפּעס ווי צוגעצויגן צו אים אַ שרעקלעכער כוח, און זי איז גרייט געווען אין דער מינוט זיך אַ וואָרף טאָן צו אים אין די הענט אַריין און אַנטלויפן מיט אים אין עק וועלט אַריין. יענער פייגער יונג, דער שטן, האָט זיך ווידער פאַרשטעלט פאַר איר אין אַ געשטאַלט פון אַ גוטן מלאך, אַ מליץ־יושר, און האָט איר ווידער געגומען איינרוימען אַ סוד אויפן אויער: „נאַרישע, נאַרישע אסתר! אָט האָסטו דיר דיין גליק פאַר דיינע אויגן, דיין מזל איז ביי דיר אַציינד אין די הענט! נעם קלייב דיר איינס פון די ביידע: אָדער אַ לעבן ווי אין גן־עדן, אַ זיס לעבן, אַ גוט לעבן, אין דער גרויסער פרייער וועלט, מיט אַ ליבן, אַ גוטן פריינד, מיט אים, מיט יאָסעלען, אויף תמיד, אויף אייביק... אָדער אַ ווילסט פינצטער לעבן אָט דאָ, אין דער בלאָטע, מיט אָט דעם גראָבן, אָט דעם פּאַסקודניאַק, מיט אַלטערן, — נאַרישע, נאַרישע אסתר!"... דער גוטער נפש, דער שטן, מיט זיינע זיסע ריידעלעך, פון איין זייט, און יאָסעלע מיט זיינע פייער־דיקע אויגן, מיט זיינע ברענענדיקע ווערטער, פון דער אַנדערער זייט, האָבן כמעט איבערגערעדט אסתרן, כמעט געפּועלט. נאָך קיינמאָל האָט זיך איר אַזוי נישט

געוואָלט לעבן און גליקלעך זיין, ווי אין די דאָזיקע עטלעכע מינוט. נאָך קיינמאָל האָט די וועלט בײַ איר נישט געהאַט אַזאַ חן, ווי אַצינד. אסתר האָט געציטערט מיט אַלע אבֿרים. זי איז גרייט געווען צו לויפֿן אין דער וועלט אַריין, צו פֿליִען אין הימל אַריין, צו פֿאַלן אין דער שאול תחתיה אַריין, פֿאַרלאָזן, פֿאַרגעסן אַלעמען און אַלץ אויף דער וועלט — אַבי מיט אים, מיט יאָסעלען!... און יאָסעלע האָט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן איבער איר וואָס ווײַטער מיט מער היץ. זײַנע אויגן האָבן זי געברענט, דורכגעשטאָכן דורך און דורך. „אוי, אסתר, אסתר!" — האָט ער אויסגעשריגן, אָבער אַזוי שטיל, כמעט געשעפּטשעט. — „אוי, אסתר, אסתר!" און האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, אויסגעצויגן בײַדע הענט און זי געוואָלט אַרומנעמען. אסתר האָט אים דערפֿילט אַזוי נאָענט לעבן זיך, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק, אויפֿגעכאַפּט זיך פֿונעם בענקל און נישט ווילנדיק זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט בײַם קאָפּ, בײַם צוגעדעקטן קאָפּ... ווי אַ חלום, ווי אַ בליץ, איז אַנטלאָפֿן פֿון איר יענע שלעכטע מחשבה, און אסתר דאָס ווײַבל, אסתר די ייִדישע טאָכטער איז איר ווידער אויסגעוואַקסן פֿאַר די אויגן, און זי האָט דערזען נעבן זיך די מאַמע...

— גייען מיר? — האָט צו איר געזאָגט זלאַטע. — מיר האָבן זיך דאָס אַביסל פֿאַרזעסן אָט דאָ! נישט אומזיסט זאָגט מען אויף אונדז, אַז מיר האָבן אין זיך גיין מאָס רייד.

פֿאַרן אַוועקגאַנג האָט זלאַטע געגעבן דער חזנטע נאָך עטלעכע רפֿואות פֿונעם חולהס וועגן, און בריינע פֿון איר זײַט האָט געזאָגט, אַז מע זאָל קאָנען אויספֿירן, אַז שכנא דער שוחט זאָל נאָך הײַנט קאָנען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, וואָלט געווען גאָר אַן אַנטיק אין דער וועלט.

שטייענדיק שוין בײַ דער טיר, האָט אסתר אויסגעדרייט נאָכאַמאָל דעם קאָפּ אַהין, וווּ יאָסעלע איז געזעסן אויפֿן בעט, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן פֿונדערווײַטנס, אַז זי זעט דאָס פֿײַערל פֿון זײַנע אויגן, וואָס קוקן אויף איר ווי מיט גרויס רחמנות. עס האָט זיך אין איר אַ ריר געטאָן דאָס האַרץ, עס האָט זיך אין איר דערוועקט אַ גײַער מין געפֿיל, אַ געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט געזען אַ געפּאַלטענעם און האָט אים נישט געוואָלט אויסציִען די האַנט אויפֿצוהייבן אים. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער זיצט אַלץ אין דער אייגענער פּאָזע וואָס פֿריִער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו איר, און זײַנע טרויעריקע רייד קלינגען נאָך אין אירע אויערן: „אוי, אסתר, אסתר!"... זי בלײַבט שטיין אויף אַ רגע בײַ דער טיר. יענע שלעכטע מחשבה פֿליט שוין ווידער דורך בײַ איר אין קאָפּ; יענער גוטער פֿאַרשוין וואַקסט שוין ווידער אויס פֿאַר אירע אויגן מיט זײַנע זיסע רייד־לעך: „צוריק, אסתר, צוריק, אָט אויף דער מינוט שטייט די וועלט! איין וואָרט, קינד אייגנס, איין וואָרט, גיי צו און זאָג אים דאָס איינע וואָרט, — זענט איר בײַדע גליקלעך!" — — — „מיטן קאָפּ אין דרערד, דו אשמדאַי! — ענטפֿערט

אין איר אַן אינעווייניקסטער קול. — גיי, ווייטער, האָסט נישט געטראָפֿן דעם אָרט! א ייִדישע טאָכטער טוט דאָס נישט! א ייִדישע טאָכטער וועט גיכער א כּפּרה זיין, א קרבן פֿאַר פֿרעמדע זינד, איידער אָפּטון אַזאַ מעשה, מיט א... און נאָך אַן אשת-איש דערצו! אַנטלויף אסתר, אַנטלויף!!״... אסתר טוט זיך אָן א כּוח, מיט גוואַלד רייסט זי זיך אַרויס פֿונעם „געשמאָטנס״ הענט און גייט נאָך דער מאַמען צו זיך אַהיים.

דורכגייענדיק דורך דער „זאַל״, האָט זי געטראָפֿן דעם גאַנצן פֿרייערדיקן עולם זיצן ביים טיש און טענהן איבער אַלטערן.

— טו א קוק, — האָט זיך אָנגערופֿן איינער פֿון התנם צד, אָנווייזנדיק אויף אסתרן מיט די אויגן. — טו א קוק, אַלטער, איבער וואָסער א סחורה דו דינגסט זיך נאָך אויף אַזעלכע ווערעמדיקע שמאַהדאָוועניצעס!

ווי אויף הייסע קוילן איז אסתר אַריבערגעלאָפֿן דורך דער „זאַל״, האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו זיך אין אַלקעריל אַריין, און דאָרט, אויף איר בעט, גאַנץ טיף מיטן פּנים אין קישן, אויף אַ קלאָר-ווייס ציכל, האָט זיך דורך הייסע-הייסע טרערן אויסגעגאָסן א ריין, לויטער האַרץ פֿון א ריינער, אַן ערלעכער, נאָר אַן אומ-גליקלעכער, זייער אַן אומגליקלעכער, ייִדישער טאָכטער.

. . . .

. . . .

XXXII

יאָסעלע סאָלאָווײ געפֿינט זיך אין א שיינעם אופֿן, און לייזער באַלעגאָלע שמועסט זיך אויס ווי א פֿילאָזאָף

דריי וואָכן, שווערע, מוראדיקע, האָט יאָסעלע סאָלאָווײ איבערגעלעבט, ליגנ-דיק אויפֿן קראַנקן בעט. מע האָט זיך שוין גאָרנישט גערעכנט, אַז ער זאָל בלייבן לעבן. שמואליק האָט דאָס גאָרנישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי נעמט זיך עס ביי אַ מענטשן אַזאַ כּוח אַזויפֿיל ווייטיקן איבערצוטראָגן און אַזויפֿיל אויסצושרייען, וויפֿל יאָסעלע האָט אויסגעשריגן. „נעמט זי צו פֿון מיר, די קאַץ! — האָט ער געוואַלדעוועט. — איר זעט זי דען נישט? זי קריכט צו מיר און וויל מיך אָננעמען ביים גאָרגל און דערשטיקן, דערוואַרגן מיך!״ און אַנדערש מאָל הייבט ער נאָר אָן צו שרייען: „גיט מיר אָפּ מיין אסתרן, זי איז מיינע!״ שמואליק פֿלעגט אים ענטפֿערן דערויף: „וואָס שרייסטו, נאַרעלע? אָט איז זי דאָך, אסתר. זי שטייט אָט דאָ מיט אונדז, נאַרעלע!״ און ער אויף אַ קול: „אסתרן! גיט מיר אָפּ מיין אסתרן! וואָס לאָזט איר זי אָפּ אַליין אין וואַלד? האָרט איז דאָ אַ הונט!״... ון אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער זיך צעזינגען אויף א קול, מאַכן חזנישע שטיק.

פארריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע און זאָגן: „איר הערט, איר הערט. ווי מען שפּילט אין קאָסטיאָל? אין קאָסטיאָל שפּילט מען גוט, מחיה נפשות, אײ=אײ=אײ!" און דערביי זיך וואַרפן און צאַפּלען, גאָרנישט צום אויסצושטיין. טאַקע גאָר א טאַטע איז אומשטאַנד איבערצוטראָגן די צרות, וואָס שמואליק האָט איבערגעטראָגן פון זיין זון אין די דאָזיקע דריי וואָכן. ער איז נישט געשלאָפן קיין נעכט, כסדר געזעסן נעבן אים, געלייגט אים אייז צום קאָפּ. דער רופא, יודל דאָקטאָר, א גרויסער מומחה אין מאַזעפּעווקע, האָט געזאָגט, אז ס'איז א מין פייער ביי אים אין קאָפּ, „וואָספּאַליעניע מאָזגאַ" רופט זיך דאָס אָן בלשון הדאָקטאָריע. און ס'איז, זאָגט ער, א מסוכן חולאת. וואָס האָט שמואליק נישט געטאָן? געפאַסט, געגאַנגען אויפן הייליקן אָרט צו זיידעס אויפן קבר, עטלעכע מאָל באַשטעלט אין שול א מנין, מע זאָל זאָגן תהילים, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן, די שלאַפקייט האָט זיך איבערגענומען, און יודל דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ווייבאַלד ער איז האָט איבערגעקומען, איז ער שוין א מענטש, העכער האַלב אויף דער וועלט. פאר שמחה האָט זיך שמואליק צעוויינט, ווי א קליין קינד, און אויף אים קוקנדיק — אַלע אין שטוב; עס איז געוואָרן א יללה, ווי ביי אן אומגליק חלילה. אסתר, וואָס פלעגט קומען עטלעכע מאָל אין טאָג געוואָר ווערן צו דעם חולה, דערזעענדיק יאָסעלען זיצן אין בעט, האָט זי זיך אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן, און עס האָבן זיך איר א גאָס געטאָן די טרערן מיטאַמאָל, כאָטש דאָס פּנים האָט ביי איר געלאַכט... אסתר פלעגט זיך ארויסכאַפּן אַלע מאָל צו דער מאַמען, געוואָר ווערן צו די קינדער, אירע ברידערלעך כלומרשט, און זיך אריינגנבענען צו שמואליק דעם חזן אין שטוב אריין, זיצן עטלעכע מינוט, ביז אַלטער פלעגט שיקן נאָך איר זי רופן אהיים. מיט וואָס פאר אַ האַרץ אסתר איז געגאַנגען אהיים — ווייסט נאָר איין גאָט דעם אמת. „אסתרל, פאַרוואָס טרינקסטו נישט? — האָט זיך אַלטער צו איר צוגעשמייכלט. — למאי עסטו נישט, אסתרל?" טאָג אַז זי פלעגט דערלעבן, איז זי געווען גליקלעך, שיין גיכער לויפן אהין, קומען און ווידעראַמאָל לויפן אהין. „ביסט מיר עפּעס זייער אַן אָפּטער גאַסט ביי דער מאַמען, הארצעלע!" — פלעגט איר אַלטער זאָגן מיט א ליבלעך שמייכעלע, וואָס האָט זי געשניטן, ווי מיט א מעסער. — „אַן אָפּטער גאַסט, נשמהלע, ווערט נמאס, כע=כע! אַ באַלעבאָסטעלע באַדאַרף זיצן אין דער היים, אכטונג געבן, אכטונג געבן!" נאָר אסתרן האָבן די ווערטער אפילו נישט אָנגעהויבן צו רירן. איר קאָפּ איז די גאַנצע צייט געווען פארנומען נאָר מיט איין מחשבה — יאָסעלע; נאָר איין זאַך, האָט אסתר געוואָלט פון גאָט — יאָסעלע זאָל זיין געזונט! זיצנדיק שבת אין שול איבער דעם קרבן=מנחה, האָט אסתר בפירוש אין זינען געהאַט אויסבעטן ביי גאָט, מע זאָל אים שענקען יאָרן. ביינאַכט, ליגנדיק ביי זיך אויפן בעט, האָט אסתר נישט איינמאָל געוויינט, געבעטן גאָט פאר יאָסעלען: „געב אים, גאָטעניו, כוח! יאָרן שענק אים, רבונו=של=עולם, יאָרן!"... און גאָט האָט צוגעהערט דאָס

געבעט פון אסתרן, און יאָסעלע איז איבערגעקומען, די שלאָפקייט האָט זיך איבערגענומען, און צו גאָט אַ האָפענונג, ער וועט, אם=ירצה=השם, זיין געזונט. אסתר האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, וויאַזוי אָפּצודאַנקען דעם רבונו=של=עולם פאַר זיין גרויס גנאָד, וואָס ער האָט דאָ געטאָן. קומענדיק אַהיים, האָט זי אַלטער דערזען, ווי זי שיינט און דאָס פּנים לייכט איר, — האָט ער זיך ממש מחיה געווען.

— אָט אַזוי האָב איך ליב, — האָט איר אַלטער געזאָגט, פאַרקוקנדיק איר אין פּנים אריין מיט אַ ליבלעך שמייכעלע, — אָט אַזוי באַדאַרף זיין אַ ווייבעלע דרייווּאָכן נאָך דער חתונה. פּיינטשיק, אָט אַזוי, אָט אַזוי!

אסתר האָט אָפּגעכאַפּט דעם וואַרעמעס, געזעסן די גאַנצע צייט ווי אויף שפּילקעס, זיך וואַרגנדיק מיט יעדן ביסן, און האָט קוים דערלעבט די מינוט, די רגע, וואָס זי האָט זיך געקאָנט אַרויסכאַפּן פון דער היים. זינט יאָסעלע האָט אויפגעלעבט, זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל, איז מען שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין מינוט. גוטע פריינד האָבן זיך צונויפגעקליבן ארום זיין בעט און מע האָט אים אויסגעפרעגט, וויאַזוי ער פילט זיך אַצינד אין זיינע קרעפטן? וואָס האָט ער אַזוי געהערט, געפלאָפּלט די גאַנצע צייט? וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַזעלכעס, וואָס ער האָט אַלץ געשמועסט פון פייגעלער, פון קאָשטשאָלן, פון קאַרעטעס, פון הינט און פון קעץ וכדומה? וואָס איז די מעשה?... יאָסעלע האָט אָבער נישט געענטפערט קיינעם קיין וואָרט; עפּעס איז ער געווען שטאַרק מרה=שחורהדיק, און די אויגן זיינע האָבן עפּעס געקוקט מיט אַ משונה טומפּיקן קוק...

— לאָזט אים צורו! — האָט זיך יודל דאָקטאָר צעבייזערט און צעטריבן דעם עולם. לאָזט אים צורו! ער באַדאַרף האָבן „ספּאָקאָיסטוויע“, און איר הולט אים דעם ספּאָדעק.

— וואָס זשע טוט מען אים דאָ אַזעלכעס? מע פרעגט אים אַ צוויי ווערטער, איז אַן אומגליק אַ גרויסער?

— עס איז דיר אָבער אַן אנטיק מיט אַ יידן! — זאָגט יודל דאָקטאָר שוין אין כעס. — האָסטו געהערט אַן אַקציע? מע זאָגט אייך, אַז ער באַדאַרף איצטער האָבן ספּאָקאָיסטוויע, ווי אַ קימפּעטאָרין געפּרישקאָם. רעדן וועט איר מיט אים שפּעטער, איר גיט אים בעסער עפּעס אין מויל אריין, אַ גלעזל טיי, אביסל יויך, אַ קאַפּ מילך, צי וואָס.

„דער חולה בעט עסן!“ — דאָס איז געווען פאַר איטלעכן אַזאַ בשורה, אַז אַלע מיטאַמאָל האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן: „וואָס גיט מען אים אין מויל אריין?“ די חזנטע איז אַוועקגעגאַנגען צו די שכנים, טאָמער וועט זי קאָנען לייען ערגעץ אַ פערטל עוף. שמואליק פון זיין זייט האָט גענומען ארומלויפן איבער דער שטוב, זוכן עפּעס אַזעלכעס, וואָס מע זאָל קאָנען געבן דעם חולה אין מויל

אַריין. און אסתר איז אַריינגעלאָפן צו זלאַטען און האָט אליין מיט אירע הענט צעלייגט אַ פייערל און צוגעשטעלט קאָכן אַ יאַיכל. שטייענדיק אַזוי ביים פריפּע־פּעטשיק מיט צונויפגעלייגטע הענט אויפן הארצן און קוקנדיק אויפן פייער, ווי עס ברענט, און צוהאָרכנדיק זיך צום טעפּל, ווי עס זידט, האָט זיך אסתר פארטראכט און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט פריער מיט אַ יאָר צוויי־דריטהאלבן איז זי אויך געשטאַנען דאָ ביי דעם פּריפּעטשיק, און דאָ ביי דער זייט איז געשטאַנען יאָסעלע — וואָס פאר אַ חילוק עס איז פון דעמאָלט ביז היינט! וויפל בייעס האָט זיך איבערגעטאָן, וויפל וואסערן זענען איבערגעלאָפן, וויפל יסורים, וויפל צרות, וויפל ווייטיקן איז זי אויסגעשטאַנען אין די דריטהאלבן יאָר! זי וואָלט זיך גערעכט, אַשטייגער, דעמאָלט, ווען יאָסעלע האָט איבער איר גערעדט, — אַז זי וועט אַ ציינד זיין אַן אשת־איש, אַלטערס אַ ווייב? זי דערמאָנט זיך, וויאַזוי יאָסעלע האָט זי דעמאָלט אָנגענומען ביי דער האַנט, זי לאַנג־לאַנג געהאַלטן און געקוועטשט, און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט, געבלישטשעט דורך טרערן, און ער האָט איר געשוואָרן, ער וועט אייביק־אייביק זיין דער אייגענער יאָסעלע וואָס תמיד!... „דער אייגענער וואָס תמיד? — קלערט זיך אַ ציינד אסתר. — גאָט ווייסט, גאָט ווייסט!“ אין דער גאַנצער צייט, זינט יאָסעלע איז געקומען צופאָרן און איז געלעגן שלאָף, האָט זיך אסתר אָט דאָ דאָס ערשטע מאָל גענומען באַטראַכטן יאָסעלעס הפציות מיט זיינע אַלע געוויין ביז אַהער. זי האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט אַ קלער צו טון וועגן עפּעס אַנדערש, אַחוץ דעם, וואָס יאָסעלע איז קראַנק. איר קאָפּ איז געווען פאַרנומען דערמיט גאָר: וואָס טוט יאָסעלע? וויאַזוי גייט די שלאָפקייט? וואָס זאָגט עפּעס יודל דאָקטאָר? וויפל גראַד היץ האָט ער? וויפל טעג באַדאַרף גאָר געדרייערן, ביז ער וועט אָנהייבן צו שוויצן? וכדומה אַזעלכע ענינים. מע קאָן זאָגן, אַז אסתר איז אין יענער צייט איבערגעגעבן געווען אינגאַנצן צו איין מחשבה: „יאָסעלע איז שלאָף“ — און דאָס איז שוין געווען גענוג, עס זאָל אַרויסשטויסן פון איר קאָפּ אַלע אַנדערע געדאַנקען, ובפרט, אַז די מאַמע, די מומע ברײַנע, די מומע יענטל און פיל אַנדערע געניטע האָבן געשמועסט, אַז ער איז זייער מסוכן, אַז באַם חלילה עס וועט נישט איבערברעכן צו דער צייט און ער וועט, חס ושלום, נישט אָפּשוויצן, איז ער אַ פאַרפאַלענער... דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט אסתר געפילט, ווי עס ווערט איר קאַלט אין אַלע אבֿרים, אין הארצן ווערט איר משוגה ענג און שווער און פינצטער אין די אויגן... און ווי גליקלעך איז זי געווען, אַז זי האָט דערהערט, אַז דער חולה שוויצט שוין, דאַנקען גאָט! „גאָר אַ מין שוויצן! — זאָגט יודל דאָקטאָר. — אַ מין שוויצן! וואַרט צו, איר וועט ערשט זען, וואָס שוויצן הייסט! ביי מיר אַ חולה, אַז ער גייט נישט אָפּ מיט דריי עמער שווייס, הייסט דאָס נישט געשוויצט, פאַרשטייט איר מיך!“ גאָט ווייסט, אויב יודל דאָקטאָר האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ אמתן גוטן פריינד, ווי אסתר איז אים געווען אין יענער מינוט פאַר זיינע טייערע, זיסע ווערטער! און ווער שמועסט אַ ציינד, אַז

יאָסעלע האָט זיך אויפגעזעצט און בעט שוין עסן! — „אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! — אַ דאַנק דיר, ליבער, האַרציקער, געטרייער פֿאָטער!“... פּלוצעם עפֿנט זיך די טיר צו זלאַטען און שטופּ אַריין און עס שטעקט זיך אַריין אַ קאָפּ פֿון אַ נקבֿה, פֿאַרפּוצט מיט אַ מאָרגנע היטעלע און מיט אַ וואָל איבערגעצויגן, און מאַכט אַזוי:

— דאָ זיצט שמואליק דער חזן?

— דאָ, אין דער אַנדערער האַלב. קומט, איך גיי אויך אַהין. — ענטפֿערט אסתּר, און נעמט דאָס טעפּל יויך אין ביידע הענט און גייט מיט איר צו שמואליקן.

— וואָס מאַכט ער, שמואליק דער חזן? — פֿרעגט יענע, גייענדיק מיט אסתּרן.

— וואָס זאָל ער מאַכן? — ענטפֿערט איר אסתּר. — געזונט, דאַנקען גאָט, מע לעבט, נאָך קיין צרות איז מען נישט זשעדנע.

— געזונט? — מאַכט יענע, חידושט זיך, באַטראַכט דערביי אסתּרן און קלערט בשעת מעשה: „וואָס פֿאַר אַ שיין ווייבל דאָס איז!“ — יאָסעלע האָט דאָך מיר פֿאַרן אַוועקפֿאָרן געזאָגט, אַז שמואליק איז שטאַרק שלאַף, גאָר מסוכּן.

— האַ? — זאָגט אסתּר, אָנקוקנדיק יענע פֿאַרוווּנדערט, און עס פֿליט דורך ביי איר אין קאָפּ אַ מחשבֿה: „ווער קאָן דאָס זיין אָט דאָס ווייבל?“ — „ניין, איר האָט אַ טעות“. דאָס איז יאָסעלע געווען מסוכּן, נישט שמואליק.

— יאָסעלע!!? — טוט יענע מורהדיק אַ געשריי. אסתּר בעט זי, זי זאָל זיין שטיל, מחמת אָט איז די טיר און אָט איז ער דער חולה אַליין.

אסתּר גייט אַריין מיטן טעפּל אין די הענט, און יענע נקבֿה לויפֿט פֿאַר איר, אויסגעשטרעקט ביידע הענט אויף צופֿריער; נאָר זיי בלייבן ביידע שטיין אין מיטן שטוב, ווי די העלצער, נישט וויסנדיק וואָס מיט זיי טוט זיך. אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, זיצט יאָסעלע סאָלאָווי אויפֿן בעט און זינגט, מאַכט חזנישע העוויות, אונטערהאַלטנדיק זיך מיטן גראָבן פֿינגער אונטערן גאָרגל, אויפֿן אַלטן חזנישן שטייגער, און דער גאַנצער עולם אַרום און אַרום שטייט פֿאַרגאַפֿט, פֿאַרציטערט, פֿאַרשטוינט און צעטומלט, נישט וויסנדיק וואָס דאָס באַטייט... דאָס זינגען יאָסעלעס איז משוגעה ווילד, מורהדיק זיס און שרעקלעך טרויעריק; עס לאָזט זיך הערן ווי מיט אַ זיפֿץ פֿונעם האַרצן, עס צעגייט זיך אין אַלע גלידער און רירט אָן ביז דעם מאַרך פֿון די ביינער; עס האָט נישט קיין געשטאַלט, קיין סדר פֿון קיין זינגען, נאָר עס גיסן זיך בלויז זעלטענע קולות, נישט קיין געוויינלעכע, נאָר נישט קיין מענטשלעכע, נאָר צעקעכזיסטע, גלאַטע און ווייכע, נאָר ווילדע, משוגענע קולות. פּלוצעם לאָזט ער אויס מיט אַ מין שרעקלעכן קריי: „סו=קאַ=רי=קו!!!“ און צעלאַכט זיך מיט אַזאַ ווילדן, הילכיקן „כאַ=כאַ=כאַ!“, אַז עס שטעלן זיך ביי אומעטן די האָר קאַפּויר, און מע שטייט, ווי געליימטע, קוקנדיק איינס אויפֿס אַנדערע.

— אָ? זי איז דאָ, די קאַץ! די קאַץ!! — שרייט אויס יאָסעלע, אָנגעווייטיקט מיט דער האַנט אויף יענער נקבה (עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פּערעלע זיין ווייב). — איר זעט? זי איז שוין ווידער דאָ! זי איז שוין ווידער דאָ! כאַפּט זי! טרייבט זי! יאָגט זי!! זי וויל מיך דערוואַרגן, דערשטיקן!! וואָס שווייגט איר? האַוו-האַוו-האַוו!!!

און יאָסעלע שפּרינגט אַראָפּ אַ האַלבנאַקעטער פון בעט און וויל זיך לאָזן לויפן צו פּערעלען, וואָס שטייט הינטער אַסתּרן און האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט אין יענערס פּלייצעס, און זיי ציטערן ביידע, ווי די לעמעלעך. יודל דאָקטאָר לויפט צו צו אים, נעמט אים אָן פאַר ביידע הענט און וויל אים צוריק אַנידערזעצן אויפן בעט. נאָר יאָסעלע לאָזט זיך ניש. ער ראַנגלט זיך מיט אים און רייסט זיך אויס פון זיינע הענט, ער לויפט צו צו אַסתּרן, כאַפּט אויס ביי איר פון די הענט דאָס טעפּל זויערע יויך און גיסט אויס אויף יודל דאָקטאָר.

— ער איז געוואָרן! — שרייט אויס יודל דאָקטאָר. — וואָס שטייט איר, ווי ליימענע גולמס? נעמט בינדט אים, קרעמפּעוועט אים! איר זעט דאָך, אַז ער איז פונעם זינען!!!

. . . .

. . . .

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שמואליק דער חזן נעבעך אַליין געמוזט בינדן זיין זון, אים „קרעמפּעווען“, ווי יודל דאָקטאָר האָט געהייסן, און אָפּפירן אים קיין מאַקאַרעווקע צום רבין. ווער עס האָט ניש אָנגעקוקט דעמלט שמואליקן אינעם ציצן באַלאַגאַל מיט דער גרינער שאַל אויפן האַלדז, צוהאַלטנדיק יאָסעלען מיט ביידע הענט, ער זאָל זיך פון בויך ניש אַרויסוואַרפן, — ווער עס האָט דאָס אַלץ ניש געזען, דער באַדאַרף לעבן מער מיט צען יאָר. „אַ מענטש באַדאַרף זיך טאַקע איבערנעמען!“ —האָבן געשמועסט די, וואָס האָבן באַגלייט די דאָזיקע אומגליקלעכע פאָרשוינדלעך.

לייזער באַלעגאָלע האָט זיך ניש גערעכט, אַז אין דער אייגענער בויד, וואָס ער האָט מיט אַ חודש פריער געבראַכט יאָסעלען אַ פרישן, אַ געזונטן, וועט ער אים דאַרפן פירן צוריק אין אַזאַ אופן. ער האָט זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו די פערדלעך נעבעך, און גייענדיק מיט שמואליקן צופוס אַרויף אַ באַרג ביי דער זייט פון וואָגן, האָט לייזער געהאַלטן אַ גאַנץ לאַנגע דרשה, אויסלאָזנדיק מיט די דאָזיקע ווערטער:

— הערט איר, רב שמואליק? ס'איז דאָך נאַריש; אונדזער באַלעגאָלישע פּרנסה ווייסט איר דאָך מסתמא; ווי זאָגט ער, מע זעט זיך איבער אַ וועלט מיט מענטשן אַלערליי; מע פאָרט, מע לויפט, דיער אהער, דער אהין, ס'איז אַ ירויד!

איך שווער אייך, מעגט איר מיר גלייבן, איך בין שוין אַ ייד פון אייניקלעך, זאָלן געזונט זיין, ווי זאָגט ער, אַ זיידע; אז מע וויל זיך נאָר רעכט באַטראַכטן, ווי עס געהער צו זיין, זעט מען ערשט ארויס, אז ס'איז אַ פּאַסקודנע וועלט; פע, כלעבן!

עפּילאָג

— איך ווייס גאָרנישט, וואָס מיין אסתּר איז אַזוי נישט מיט אַלעמען! — זאָגט זלאַטע, זיצנדיק אין מאַרק מיט אַ גאַנץ רעדל ווייבער קרעמערקעס, און איר שוועסטער יענטל אויך אין מיטן. — פון נאָך איר חתונה זע איך פון איר נישט קיין פריילעכע מינע. זי גייט אַלץ צוריק און צוריק. איך ווייס? אַזאַ לעבן, ווי זי האָט ביי איר מאַן — קיין עין־הרע נישט! ווייס איך, וואָס דאָס איז?

— אַ נייעם אַביסל! — רופט זיך אָפּ איינע פונעם רעדל. — אַלע ווייבלעך זענען אַזוי: כל זמן אַ מיידל, איז דאָס אַ גאַנצער קאַזאַק; קוים האָט עס חתונה, ווערט עס אָן דעם גלאַנץ מיטן קאָליר, עס ווערט אַ שמאַטע, נאָך אַייך אַ גראָשן פאַר איינגאַנצן!

— און איך זאָג אייך, — מאַכט די אַנדערע — אז ס'איז נאָר פּאָסטעווקעס און געזונט! מיין ייִנגערע שנור, איר געדענקט אירע באַקן? זי איז גאָר פאַרגאַנגען אין טראָגן, איז זי געוואָרן, ווו איך האָב ערגעץ אַ שונא! ס'איז פּאָסטעווקעס, זאָג איך אייך.

— געפּריטשקאָם! — רופט זיך אָפּ די מומע יענטל. — פון אייער מויל אין גאָטס אויערן; שיינע פּאָסטעווקעס! אז איך וועל זען, וועל איך אים זאָגן!

— וואָס זשע גלייבסטו זיך דאָ נישט אַזוי? — שלאָגט איר איבער אַן עלטערע ייִדענע. — מיר האָבן שוין אַזעלכע זאכן געזען. אַ ווייבל זיצט אָפּ יאָרן אָן קינדער און, אז גאָט העלפט, הייבט זי אָן קינדלען, שיט אין שיט, ווי אַ קוואָטשקע. גאָט קאָן נאָך העלפן, זלאַטע, איבעראיאָר אויף אַ ברית.

— אמן! — ענטפערט יענטל. — אַ קאַץ וואַשט זיך, אַ גוטער פריינד בענטשט...

קיינער ווייסט נישט, וואָס אסתּרן איז אַזעלכעס. מע זעט נאָר, אז וואָס אַ טאָג דאַרט זי, טריקנט און צאַנקט ווי אַ ליכט. אַלטער קאַרגט נישט קיין האַלב קערבל: ער שיקט רופן דעם רופא. יודל דאָקטאָר באַטראַכט זי און זאָגט: „זי איז פראָסט נישט געזונט; עס טוט איר ווייי „די בלאַט" פונעם האַרצן און סע שפּאַרט איר אונטערן לעפעלע". ער גיט זיי איר טרינקען טראָן, „שאַלווי", „ליפּאָווע צוויט" און אַנדערע קרייטער, און הייסט איר נישט קילן דעם הוסט. „אַ הוסט, זאָגט יודל, אז מע קילט אים צו, איז ווייער נישט גוט!" ער הייסט איר טרינקען אַ סך מילך, עסן פּוטער אַ סך און האָבן שטענדיק ביי דער האַנט גוטע „גאַסטאָיקע",

הכלל — זיך אָנטון ווילטאָג. אסתר אָבער טריקנט אַליין, צאַנקט ווי א ליכט, און קיינער ווייסט ניט, וואָס איר איז...

שמואליק דער חזן ליגט שוין לאַנג אויפן נייעם בית־עולם. עס איז צוגעקומען אין מאַזעפּעווקע נאָך עטלעכע הונגעריקע נפשות, א ווייסטע אלמנה מיט עטלעכע פּיצלעך קינדער. געוויינלעך, לאָזט מען זיי ניט פאַלן! זלאַטעס עלטערע שוועסטער בריינע האָט גענומען א פּאַטשיילע און איז נאָך מיט א יידענע א גבאיטע ארויסגע־גאַנגען איף דער שטאָט מאכן א נדבה פאר דער אָרעמער חזנטע מיט אירע קינדערלעך.

פּערעלע די דאַמע איז געבליבן אַן אלמנה חיה. נאָר מע זאָגט, אַז זי לעבט דווקא גאָרניט שלעכט; געלט האָט זי און פּאָרט אלע יאָר קיין פראַנציעסבאַד... איר פּאָטער, מאיר זייטשיק, איידער ער רייסט ארויס ביי איר א הונדערטער, קומט אים אָן שווערלעך: „ווי ביי א הונט פון די ציין“ — זאָגט מלכה זיין ווייב.

לאהצי די פּאָקאָיאָווע האָט אויך ניט גוט אָפּגעשניטן פון איר ליבע. איר חתן לוי מאָטל מיט די לאַנגע הויזן, מיט די שטיוול און „גאַליאָשן“, האָט מיאוס אויסגענאַרט ביי איר די עטלעכע גראָשנס און זיך געקריגן אַן אַנדער כלה, ניט קיין געשטופּלטע ווי זי, און לאהצי נעבעך האָט אָפּגעדינט נאָך א יאָר דריי און האָט חתונה געהאַט פאַר א שוסטער. יענע העכסט־אינטערעסאַנטע „ראָמאַנען“ האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן. זי לעבט אַצינד גאַנץ נישקשהדיק, איז זיך אַליין אַ באַלעבאָסטע. עס פעלט איר נאָר א קי. זי האָט אפילו געפּרוּווט אַוועקשרייבן צו דער „מאַדאַם“ א גאַנץ גרויסן בריוו און בעטן, זי זאָל איר באַהילפיק זיין, נאָר זי האָט נישט קיין תשובה פון דאָרטן עד היום נאָך.

— פּרוּוו, גיי זיך דורך נאָכאַמאָל צו העגדזל דעם שרייבער, — זאָגט צו איר העניעד, דער מאַן אירער, — לאָז ער דיר אָנשרייבן אַן אַנדער בריוול. אפשר איז דאָרט ווייניציק געווען אָנגעשריבן?

רב קלמן שדכן לעבט נאָך. ער איז שוין זייער אַלט און טויב ווי די וואַנט, נאָר עס פּלאָנטן זיך אים נאָך אין קאָפּ שידוכים פאַרשידענע. עס חלומען זיך אים נאָך בחורים פאַרזעסענע מיט מיידלעך דערוואַקסענע, מיט אלמנות און גרושות אָן א שיעור.

גדליה באַס פּאָרט דאָרט ערגעץ ארום מיט די שעדלעצער חזנים. ער קוקט אַרויס, טאָמער וועט אים נאָך צושיקן עפּעס א מין אַנטיקל, ווי יאָסעלע סאָלאָוויי. עס האָבן זיך שוין אָבער אויסגעלאָזט די גליקן, און אזעלכע אַנטיקן, ווי יאָסעלע, איז היינטיקע יאָרן שוין ניט צו באַקומען.

די שטאָט סטרישטש שטייט אויף איר אָרט, און בערל איזיק איז דאָרט היינט א ייד א באַלעבאָס פון אַן איינענער שטוב מיט א גאַנץ פיין קלייטל. ווינטער

טראָגט ער אַ שײנעם פּעלץ מיט פּיקסן, און אין קלויז האָט ער אַ שטאָט אין מזרח. ער איז דאָרט גאָר אַ גאַנצער יחס: „סטײטש, בערל אײזיק!“...

*   *   *

אין דער ייִדישער שטאָט מאָקאַרעווקע האָט מען אַ צײַט מיט יאָרן געקאָנט באַגעגענען אין שול און אין גאַס אַ יהודי, אַ דאַרן יונגערמאַן, מיט לאַנגע שיטערע האָר, מיט אַ גרויסן געלן טלית־קטן אויפן צעכראַסטיעטן האַרצן און מיט אַ מאָדנעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ; דער האַלדז תמיד פאַרבונדן מיט אַ וואַרעמער פאַטשיילע, אויף די אויגן אַ פּאָר בלויע ברילן און אויף די פיס איין שוך און איין שטיוול. זײַן עובֿדא איז געווען אַרײַנקומען אין אַ שטוב אַרײַן, ניט רעדן קיין וואָרט, זיך שטילערהייט וואַשן, זאָגן „שאו ידיכם“, זיך זעצן צום טיש און וואַרטן, ביז מע וועט אים דערלאַנגען עפּעס עסן. נאָכדעם אָפּבענטשן, אויפשטיין און אַוועקגיין אָן ווערטער. זעלטן האָט זיך געמאַכט, ער זאָל אויסרעדן מיט עמעצן אַ וואָרט. נאָך מער זעלטן פלעגט זיך טרעפן, אַז ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט און פּלוצעם זיך צעזינגען, אָבער אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, מיט אַזוי פיל האַרץ און אַזוי ברייהש, אַז ניט איין מאָל פלעגן מענטשן, פאַרבײַגייענדיק, אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן, זיך אָפּשטעלן און האָרכן, ווי דער משוגענער פּראַוועט חזנות, שטעלט אויס אַ „ועל־המדינות־בו־יאמר“, אַז ס'איז אַ מחיה נפשות, זאָגט „יעלות“, אַז עס צעגייט זיך פּשוט אין אַלע אבֿרים. נאָר עס האָט זיך זייער זעלטן געטראָפן, אַז ער זאָל אָפּזינגען ביזן סוף, ווי אַ מענטש; סאַמע אינמיטן זינגען, פאַרקאַטשענדיק זיך אויפן האַלדז און צעשיטנדיק זיך אין דרייבנע טרעלן, — פלעגט ער זיך פּלוצעם צעלאַכן, אָנהייבן מיאַוקען ווי אַ קאַץ, האַווקען ווי אַ הונט, אָדער אַ פּאַטש טון מיט בײדע הענט, ווי אַ האָן מיט די פליגל, און אויסשרייען אויף אַ משונה־נאַריש קול: „קוקאַריקו!!!“ אַזוי, אַז אַלע פלעגן בלײַבן טויט פאַר שרעק. ווייבער האָבן געקוקט אויף אים, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסגעווישט זיך די פאַרוויינטע אויגן און געקרעכצט אויף אַ תחינה־קול: „מישטיינס געזאָגט געוואָרן, אויך מיר אַ גאַסט באַשעפעניש, אַ זינדיקער מענטש, דערבאַרעמדיקער פאָטער! נעמט אײַך אַראָפּ אַ מוסר, ייִדישע קינדער! אַזאַ כּלי — און עס ליגט אין איר אַ חבֿוק, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר קיין ייִדן געדאַכט! אַך און ווי איז דער מאַמע אָדער דעם טאַטן דאָרטן! זאָלסט מיך שטראָפן ליבערשט מיטן טויט, איידער מיט אַזאַ שטראָף, ליבער גאָט!“... ייִדן האָבן אויף אים שפּאַרק רחמנות געהאַט, פלעגן אים תמיד געבן עסן און טרינקען, אַמאָל אַן אַלט העמד, אַן אָפּגעניצעוועט מלבוש, אַמאָל אַ גראָשן. נאָר פון ייִנגלעך, קונדייסים, פלעגט דער משוגענער לײַדן גענוג, האָבן צרות אויפן פּור. ווייסע־חבֿרהניקעס פלעגן אים נאָכלויפן טיטשקעווייז, אים דערקוטשען, שטורכן און

קנייפּן, צופּן און שנעלן אין נאָז אריין און שרייען אויף א קול: „סאָלאָוויי! וואָס ביסטו — אַ סאָלאָוויי, צי אַ האָן, צי גאָר אַ טשערנאָהאָז? זינג אונדז עפּעס, טשערנאָהאָז!" ער האָט דאָס אָבער אלצדיינג איבערגעטראָגן קאלטבלוטיק, אפילו זיך קיין קנייטש נישט געטאָן, קיינעם נישט געענטפערט דאָס צווייטע וואָרט, און אליין געגאנגען דעם קאָפּ פאררייסן ארויף, קוקנדיק אויף אלעמען דורך די בלויע ברילן מיט גרויס גדלות, גלייך ווי די גאנצע וועלט איז זיינע...

עם פארשטייט זיך, אז דאָס איז געווען יאָסעלע סאָלאָוויי.

ווערטער-ביכל און פאַרטייטשונגען

צו סטעמפּעניו און יאָסעלע סאָלאָוויי

א.

אָבי (אָ ו י) — מיין פאָטער.

אָבות-אבותינו (אָ ו ע ס - אַ ו ו י ס יי נ ו) — אונזערע אורעלטערן, אונזערע עלטער-זיידעס.

אבן-טוב (ע ו ן - ט אָ ו) — אַ טייערער, אַ קאָסטבאַרער שטיין; אַ בריליאַנט.

אבר (א יי ו ע ר) — אַ גליד. מערצאָל: **אברים** (א יי ו ו ר י ם).

אברהם (אַ ו ר אָ ם) -- לויט דער ביבל דער שטאַם-פאָטער, דער ערשטער פון די פּאַטריאַרכן פון די יידישע שבטים (ש ו אָ ט י ם). „גאָט פון אברהם" — אַ געבעט, וואָס פרומע פרויען זאָגן שאַבעס אין אָוונט פאַר ליכט-אָנצינדן.

אדם (אָ ד ע ם) — אַ מענטש; לויט דער ביבל — דער נאָמען פון דעם ערשטן מענטשן אויף דער וועלט.

אָדון (אָ ד ן) — הער; האַר; באַלעבאָס; פירשט; רעגירונגס-באַאַמטער (שפּאָטיש).

אדרבא (אַ ד ע ר אַ ב ע) — פאַרקערט; אין קעגנטייל; געוויס, זיכער; ביטע זייער; גערן.

אומה (א ו מ ע) — פאָלק, נאַציע. מערצאָל: **אומות** (א ו מ ע ס).

אות (אָ ס) — בוכשטאַב. מערצאָל: **אותיות** (א ו י ס י ע ס).

אות-באות (אָ ס - ב ע אָ ס) — בוכשטאַב נאָך בוכשטאַב, פּינקטלעך, גענוי.

אותו-רגע (א ו י ס ע ר ע ג ע) — אין דער זעלביקער מינוט.

אוודאי (אַ ו אַ ד ע) — זיכער, אויפגעוויס; וואָס דען?; וואָרשיינלעך.

אופן (א ו י פ ן) — שטייגער, אָרט; מאַניר; צושטאַנד; אַזוי אַרום. מערצאָל: **אופנים** (א ו י פ אַ נ י ם).

אוצר (אוֹיצער) — שאַץ (אַ פֿאַרבאָרגענער); גרויס רייכטום, אַ פֿאַרמעגן, אַ קאַפּיטאַל, אַ סך געלט; זעלטנקייט; מעטאַפֿאָריש: אַ גוטער כאַראַקטער, אַ גוטער מענטש. מערצאָל: **אוצרות** (אוֹיצרעס).

אוקינוס (אוֹקיאָנוס) — אָקעאַן.

אורח (אוֹרעך) — גאַסט; פֿאַרשוין; אַן אורח אויף שבת — אַן אָרעמאַן, וועלכן מע פֿאַרבעט אויף שאַבעס צום עסן. מערצאָל: **אורחים** (אָרכים).

אחשתרנים (אַכאַשטראָנים) — ווערטלעך: שטאַפּעטן; רייטער פֿון אַזיאַ־טישע קעניגן; דאָ געמיינט: מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין צייט, וועגן פֿאַרהאַוועט, פֿאַריאָגט.

אחת ואחת (אַכאַס וועאַכאַס) — איינס און איינס, ביז אַ גראָשן; באַרעס געלט.

אחוץ (אַכוץ) — אויסער דעם, באַזונדערס.

איש זעף (איש זאַאַף) — אַ פֿאַרצאָרנטער מענטש, אַ פֿאַרביטערטער.

אכסניא (אַכסאַניע) — איינפֿאָר־הויז, גאַסטהויז.

אל רחום וחנון (איל ראַכעם וועכאַנון) — באַרעמהאַרציקער גאָט.

אלא (עלע) — אויב, גאָר, טאָמער.

אלול (עלעל) — דער צוועלפֿטער כוידעש (אויגוסט־סעפּטעמבער) לויטן ייִדישן אַלטפּרעניקישן קאַלענדאַר; אלול־צייט — האַרבסט.

אליהו הנביא (עליאָהו האַנאָווי) — אַ ביבלישע לעגענדאַרע געשטאַלט. אינעם רעליגיעזן פֿאָלקלאָר ווערט ער געשילדערט אַלס וווּנדער־טוער און אויך אַלס דער, וועמען גאָט שיקט אַרויסצוהעלפֿן אין אַ נויט דעם פֿרומען און ערלעכן מענטש.

אליהום (עליאָהוס) — אַזאַ געזאַנג־געבעט, וואָס פֿרומע ייִדן זינגען אין די שאַבעס־צונאַכטס נאָך האַוודאָלע.

אלמן (אַלמען) — אַ מאַן, וואָס זיין פֿרוי איז געשטאָרבן; מערצאָל: **אַלמנם** (אַלמענים).

אלמנה (אַלמאָנע) — אַ פֿרוי, וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן; מערצאָל: **אלמנות** (אַלמאָנעס); **אלמנהָ חיה** (אַלמאָנע כאַיע) — אַ פֿרוי, וואָס דער מאַן אירער לעבט, נאָר מע ווייסט נישט, וווּ ער איז.

אלפֿי־אלפֿים (אַלפֿיי־אַלאָפֿים) — טויזנטער־טויזנטער.

אלף (אַלעף) — דאָס ערשטע **אות** (אָס) פֿון העברעיִשן און ייִדישן אַלפֿאַבעט. פֿון **אלף** ביז **תיו** (טאָוו) — דאָס לעצטע **אות** (אָס) פֿון העברעיִשן און ייִדישן אַלפֿאַבעט — געמיינט: פֿון אָנהייב ביז ענדע.

אם ירצה השם (אים יירצע האַשעם) — ווערטלעך: אויב גאָט וועט וועלן; מיט גאָטס הילף; אַ צושפּרוך ביי די רעליגיעזע ייִדן.

אָמן (אָמיין) — אַן אויסרוף פון האָוועגער, ווען דער כאַזן ענדיקט אַ בראָכע, אָדער געווינסע שטעלן אין דאַוונען; אָמן! — האַלעווײַ, אַזוי זאָל זײַן.

אָמן סלה (אָמיין סעלאָ) — אַ פאַרשטאַרקטער אַמאָליקער אויסדרוק ביי די רעליגיעזע ייִדן.

אמת (עמעס) — ריכטיק, ווירקלעך; **באמת** (בעמעס) — אין דער ווירקלעכקייט, טאַקע; אין דער אמתן — ריכטיק געזאָגט, ווירקלעך; אמתע וועלט — יענע וועלט.

„אני אדני אלהיכם" (אַני אַדױנאָי עלאָהייכעם) — אַ זאָץ, מיט וועלכן ס'הייבט זיך אָן אַ רעליגיעזע געבעט. ווערטלעך: איך בין דער האַר, אייער גאָט.

אנדרוגינוס (אַנדרויגענעס) — אַ מענטש פון אומבאַשטימטן געשלעכט.

אסתר (עסטער) — נאָמען פון אַ ייִדישער פרוי; אַ לעגענדאַרע פרויען־געשטאַלט.

אפּותיקו (אַפּויטיקע) — אַ גרויסע סומע געלט.

אפילו (אַפילע) — אויך ווען; אין פאַל ווען; כאָטש; באַדאַי.

אפשר (עפּשער) — מעגלעך; מאָמער.

אצליכם (עצלייכעם) — ביי אייך.

אשמדאי (אַשמעדאַי) — לויטן אַבערגלויבן פון רעליגיעזע ייִדן דער עלטסטער פון די טייוולאָנים; טעמאַפאָריש: באַצייכענונג פון אַ בייזן, שלעכטן מענטש.

ארבע־כנפות (אַרבעקאַנפעס) — אַ לייבצודעקל מיט ציצעס, וואָס רעליגיעזע ייִדן טראָגן עס אונטער די אייבערשטע קליידער.

ארץ מבורכת (ערעץ מעווארעכעס) — אַ געבענטשט לאַנד.

אשרי איש (אַשריי איש) — וויל איז צום מענטש.

אשת־איש (אייסעס־איש) — אַ פרוי, וואָס האָט אַ מאַן.

אשת־חיל (אייסעס־כאַיל) — אַ געראָטענע, ענערגישע פרוי; אַ בעריע, אַן אויפטועריקע, אַ גוטע באַלעבאָסטע; אַ פעיקע און איבערגעגעבענע פרוי.

אתה חי (אַטאָ כאַי) — לעבסטו.

אתרוג (עסרעג) — אַ ציטרינאַרטיקע פרוכט, וואָס ווערט געברויכט ביי רעליגיעזע ייִדן אום סוקעס אויסצופילן דעם רעליגיעזן ריטואַל פון „אתרוג־בענטשן". (די קלעריקאַלע דינער פלעגן שיקן צו די רייכע באַלעבאַטים אַן אתרוג אויסצופילן דעם ריטואַל און דערפאַר באַקומען באַצאָלט). מערצאָל: **אתרוגים** (עסרויגים).

ב.

באמת (בעמעס) — פאַקטיש, טאַקע, ווירקלעך.

באם (בעאים) — אויב, טאָמער.

באשר (באַשער) — אַזוי ווי, ווייל; באשר־בכן (באַשער בעכן) — אַזוי ווי, צוליב דעם, ווייל וואָס.

באין ברירה (בעאייןברירע) — נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, קיין אַנדערע מעגלעכקייטן.

באמונה שלימה (בעמונע שליימע) — מיט פולן גלויבן; מיט דער גאַנצער געטרייִשאַפט.

באמונה שלי (בעמונע שעלי) — מעגסט מיר גלייבן — ווי אַ שווּע.

באין אופן (בעאיין אויפן) — אין קיין פאַל נישט, אַבסאָלוט נישט.

בבא־מעשה (באָבע־מאַסע) — נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע געשיכטע. מערצאָל: בבא־מעשיות (באָבע־מאַסעס).

בגילופין (בעגילופן) — אָנגעטרונקען; לוסטיק, פריילעך, בגילופנדיק (בגילופנדיק) — שיכורלעך.

„בגפו יבוא, בגפו יצא" (בעגאַפוי יאָווי, בעגאַפוי ייִצי) — ווערטלעך: אַליין געקומען, אַליין אַוועק. געמיינט: געקומען מיט גאָרנישט און אַוועק מיט גאָרנישט.

בדוחק (בעדויכעק) — אין נויט, אין אָרעמקייט, קוים אויסצוקומען.

בדרך הישר (באַדערעך האַיאָשער) גיין — זיך ליטיש אויפפירן; נישט אַראָפגיין פון גוטן וועג.

בדרך הליכה (באַדערעך האַליכע) — פאַרבייגייענדיק, אַגעוו־אורכע.

בדחן (באַדכן) — אַ פריילעך־מאַכער, אַ מאַרשעליק אויף אַמאָליקע ייִדישע חתונות. פלעגט מערסטן אַרויסטרעטן מיט געגראַמטע זאָגעכצן. מערצאָל: בדחנים (באַדכאָנים).

בדעה (בעדייע) האָבן — אינזינען האָבן, מיינען, טראַכטן.

בהמה (בעהיימע) — רינד (קו, אָקס אד"גל); באַצייכענונג פון אַ נאַרישן מענטש. מערצאָל: בהמות (בעהיימעס).

בהלה (בעהאָלע) — טומל, גערודער, איילעניש, איבערקערעניש, אומאָרדענונג.

„בואי בשלום" (בויאי בעשאָלעם) — אַ פראַזע פון דאַווענען, ביי וועלכער דער דאַוונער דרייט זיך אויס מיטן פּנים איף צוריק. דאָ געמיינט: צוריקגעטרעטן.

בודק (בויידעק) זיין — איבערקוקן, רעווידירן.

בולט (בוילעט) — קלאָר, באַשטימט, אָנזעבאַר.

בורא עולם (בוירע אוילעם) — דער באַשעפער פון דער וועלט, גאָט.

בושה (בוישע) — שאַנדע; שעמעוודיקייט.

בזה הלשון (בעזע האַלאָשאָן) — מיט פאָלגנדיקע ווערטער.

בזיון (ביזאָיען) — שאַנדע. מערצאָל: בזיונות (ביזיוינעס) — באַ־ליידיקונגען; ס׳פאַסט נישט; פע.

בזכות (ביזכוס) — אין פאַרדינסט פון... פון וועגן...; צוליב; אַדאַנק.

בחור (באָכער) — אַ יונגערמאַן, נישט קיין כאַסענע געהאַטער. האַלט זיך בחורהדיק — יונג, ווי אַ קאַוואַליער; בחורן (באָכערן) זיך — מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ יונגן מענטש; אָרעם־בחור — אַ בחור, וואָס עסט טעג, אָדער באַקומט שטיצע.

בחורטע (באָכערטע) — אַן ענערגישע פרוי; איראָניש: אַ ווייב.

בחוש (בעכוש) — אמתדיק, ריכטיק, געניי; דייטלעך, באַשיימפערלעך.

בחיי (בעכאַיע) — יידישער מיסטיקער אין מיטלאַלטער.

בחיים ושלום (בעכאים ושאָלעם) — געזונט.

בחנם (בעכינעם) — אומזיסט; אָן אַ גרונט; אָן רעזולטאַט.

בחפזון (בעכיפאָזן) — אין איילעניש, איילנדיקערהייט; גיך.

בחצי חנם (בעכאָציע־כינעם) — האַלב אומזיסט, זייער ביליק.

בחרם (בעכיירעם) פרעגט אים — ער ווייסט אבסאָלוט גאָרנישט.

בטבע (בעטעווע) — לויט דער נאַטור; לויטן כאַראַקטער.

בטל (באָטל) ווערן — זיך פילן נישטיק; ארומגיין בטל — ארומגיין ליידיק.

בטוח (בעטועד) זיין — זיין זיכער.

בטלן (באטלען) — אַ מענטש, וואָס איז אָפגעריסן פון פּראַקטישן לעבן.

בטלנדיק חלומות (באַטלענדיק כאַלוימעס) — אויסלאָזן צו עמעצן דעם גאַנצן צאָרן, שעלטנדיק.

בטחון (בטאָכן) — האָפענונג; באַצייכנט עפּעס דאָס געפיל פון רעליגיעזן אָפּטימיזם.

ביד (בעיאַד) — מעגלעכקייט.

ביודעים (בעיאָדאים) — וויסנדיק, מיט אַלעמענס וויסן, אָפן.

ביחידות (בעיעכידעס) — פאַר זיך אליין; נישט אין קיין מיניען.

ביטול (ביטל) — פאַראַכטונג, גרינגשעצונג.

ביכולת (בעיעכוילעס) — אימשטאַנד, פעיק.

בימה (בימע) — בעלעמער, דאָס אָרט אין בייסמעדרעש, ווו רעליגיעזע ייִדן לייענען די טוירע.

בירושה (בעיערושע) — איבערגענומען פון די עלטערן.

בית=מדרש (בעסמעדרעש) — אַ קלויז; אַן אָרט צום דאַווענען און לערנען. מערצאָל: בתי מדרשים (באָטעמעדראָשים).

בית=מדרש=ענינים (בעסמעדרעש=איניאָנים) — זאַכן, וואָס געהערן זיך אָן מיטן בעסמעדרעש.

בית=מדרשניק (בעסמעדרעשניק) — אַ לערנער אין קלויז.

בית=המקדש (בייסהאַמיקדעש) — דער אַמאָליקער הייליקער טעמפּל אין ירושלים (יערושאָלאַים).

בית=דין (בעזדן) — ייִדיש רעליגיעז געריכט; ריכטער=קאָלעגיע.

בית=דין של מעלה (בעזדן שעל מאַלע) — הימליש געריכט לויט דער רעליגיעז=מיסטישער פאָרשטעלונג.

בית=עולם (בייסאוילעם) — ווערטלעך: דאָס אייביקע הויז; גוט אָרט, הייליק אָרט, ווו מע באַהאַלט די טויטע. דאָס אייגענע: בית=עלמין (בייס=אַלמען).

בית=הקברות (בייס=האַקוואָרעס).

בכבוד (בעקאָוועד) — אָנגעזעען, אָנשטענדיק.

בכבודו ובעצמו (ביכוווידוי אוווּעאַצמוי) — ער אַליין, פּערזענלעך.

בכוח (בעקויעד) זיין — זיין אימשטאַנד, האָבן די מעגלעכקייט.

בכדי (ביכדיי) — מיטן צוועק, מיטן ציל.

בכור (בכאָר) — ערשטלינג, עלטסטער זון.

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמיין; איבערהויפּט.

בכן (בעכיין) — נו, אַלזאָ, הייסט עס, דעריבער; נו, בכן איז וואָס?

בלא יודעים (בעלוי יוידאים) — נישט מיט אַלעמענס וויסן, באַהאַל=טענערהייט.

בלי=גוזמא (בעלי=גוזמע) — נישט איבערגעטריבן.

בלי-נדר (בעלי נעדער) — נישט אומבאַדינגט; אַ צושפּרוך ביי רעליגיעזע ייִדן, ווען מע זאָגט עפּעס צו; באַטייט: כ'זאָג צו, נאָר כ'גאַראַנטיר נישט דערפּאַר.

בלי=נדר שבת (בעלי=נעדער שאַבעס) — געמיינט: נישט שבת גע=רעדט. אַ צושפּרוך ביי רעליגיעזע ייִדן, ווען מע רעדט שבת וועגן דעם, וואָס מע דאַרף טאָן נאָך שבת.

בלק (באָלעק) לערנען — אַ קאַפּיטל פון חומש. געמיינט: עמעצן אָנלערנען, עמעצן מאַכן שווער דאָס לעבן.

בלשון החזנים (בעלאָשן האַכאַזאָנים) — אויף דער חזנישער שפּראַך.

בלשון (בעלאָשן) הדאָקטאָריע — אויף דער דאָקטוירים־שפּראַך.

בלתי (בילטי) — גאָר.

במהרה בימינו (בימהייראָ בעיאָמייגו) — אינגיכן; פאַר אונדזער לעבן נאָך.

במחילה גמורה (בימכילע גמורע) — אינגאַנצן פאַרגעבן, פאַרגעסן עמעצנס אומרעכט.

במחילת כבודנו (בימכילאַס קווידייגו) — פאַרבייגדיק אונדזער קאָוועד, ערע, אַמביציע.

במילא (בעמיילע) — סיי־ווי־סיי; אַליינס.

במתנה (בעמאַטאָנע) — אַלס געשאַנק.

בן (בען) — אַ זון (איראָניש).

בן־בית (בען־באַיעס) — אַ שטוב־איינגענער, אַן אָפטער איינגייער, אַ היימישער מענטש.

בן־יחיד (בען־יאָכיד) — איין־און־איינציקער זון.

בן־מלך (בען־מעלעך) — אַ פּרינץ.

בן־תורה (בען־טוירע) — אַ מענטש, וואָס קאָן לערנען, וואָס לערנט די טוירע.

בנין (ביניען) — געביידע.

בני־ישראל (בניי־ייסראָעל) — די יידן.

בני־עמון (בניי־אַמוין) — זין פון פאָלק עמון.

בנאמנות (בענעמאָנעס) — אויפן ערנוואָרט.

בנוגע (בענויגייע) — וואָס אָנבאַלאַנגט, וואָס שאַיעך.

בנמצא (בענימצע) — אַ זאַך, וואָס איז נישט זעלטן; צוגענגלעך.

בנעימותדיק (בינאימעסדיק) — ליבלעך; געלאַסן; גוטמוטיק; אָנגענעם.

בסבר פנים יפות (בעסייווער פּאָנעם יאָפעס) — העפלעך, מיט צופרידנקייט.

בסוד (בעסאָד) — געהיים. בסוד־סודות (בעסאָד־סוידעס) — גאַנץ געהיים.

בסך־הכל (בעסאַד־האַקל) — אינגאַנצן; אַרום־און־אַרום.

בעל־חוב (ב אַ ל ־ כ ו י ו) — דער, וואָס איז עמעצן עפּעס שולדיק. מערצאָל: בעלי־חובות (ב אַ ל ע ־ כ ו י ו ע ס).

בעל־דבר (ב אַ ל ־ ד אָ ו ע ר) — דער, וועגן וועמען מע רעדט; וועגן וועמען עס האַנדלט זיך.

בעל־דעה (ב אַ ל ־ ד יי ע) — דער, וואָס האָט רעכט זיך אַרויסצוזאָגן, וואָס מע פרעגט אים.

בעל הלוואה (ב אַ ל ־ ה אַ ל ו אָ ע) — דער, וואָס באָרגט געלט; אַ פּראָצענטניק.

בעל־המצאה (ב אַ ל ־ ה אַ מ צ אָ ע) — אויפטוער, דאָ געמיינט: ווערטל־זאָגער, וויצלינג. מערצאָל: בעלי־המצאות (ב אַ ל ע ־ ה אַ מ צ אָ ע ס).

בעל־גוף (ב אַ ל ־ ג ו ף) — שטאַרקער, דיקער מענטש; אַ רייכער מאַן, אַ קולאַק.

בעל־דרשן (ב אַ ל ־ ד אַ ר ש ן) — אַ רעדנער אויף רעליגיעזע טעמעס.

בעל־חלומות (ב אַ ל ־ כ אַ ל ו י מ ע ס) — פאַנטאַזיאָר, טרוימער.

בעל־חשבון (ב אַ ל ־ כ ע ש ב ן) — אַ רעכענער, דער וואָס קאָן גוט רעכענען. אַ מאַטעמאַטיקער.

בעלי־חיים (ב אַ ל ע ־ כ אַ י ם) — לעבעדיקע באַשעפענישן.

בעל־לשון (ב אַ ל ־ ל אָ ש ן) — שפּראַך־קענער; שיינרעדער.

בעל־מוח (ב אַ ל ־ מ ו י ע ד) — אַ קאָפּמענטש.

בעל־נחלה (ב אַ ל ־ נ אַ כ ל ע) — אַן אייגנטימער.

בעל־מנגן (ב אַ ל ־ מ ע נ אַ ג ן) — אַ זינגער, אַ קענער אויף זינגען.

בעל־כרחם (ב אַ ל ־ ק אָ ר כ אָ ם) — מיט געוואַלד; קעגן זייער ווילן.

בעל־סוד (ב אַ ל ־ ס אָ ד) — אַ מענטש וואָס מע פאַרטרויט אים אַלע געהיימנישן.

בעל־עצה (ב אַ ל ־ א יי צ ע) — ראָטגעבער.

בעל־עברי (ב אַ ל ־ א י ו ר ע) — גראַמאָטנע; אַ באַל־טפילע, וואָס זאָגט ריכטיק און גוט דעם טעקסט פון דאַוונען.

בעל־פחדן (ב אַ ל ־ פּ אַ כ ד ן) — אַ שרעקעוודיקער.

בעל־עבירה (ב אַ ל ־ אַ ו יי ר ע) — אַ זינדיקער.

בעל־עבירהניצע (ב אַ ל ־ אַ ו יי ר ע נ י צ ע) — אויסגעלאַסענע.

בעל־צדקה (ב אַ ל ־ צ ד אָ ק ע) — אַזעלכער, וואָס שטיצט אָרעמעלייט.

בעל־רחמים (ב אַ ל ־ ר אַ כ מ י ם) — אַ ווייכהאַרציקער, וואָס דערבאַרעמט זיך אויף איטלעכן.

בעל־רחמנות (ב אַ ל ־ ר אַ כ מ אָ נ ע ס) — דאָס אייגענע וואָס באַל־ראַכמים. אויך אין אירא̈נישן זין.

בעל־שמחה (ב אַ ל ־ ס י מ כ ע) — דער, וואָס די פייערונג איז צוליב אים.

בעל=תפילה (באַל=טפילע) — דער, וואָס דאַוונט פֿאַרן אָמעד.

בעל=תשובה (באַל=טשוווע) — אַ מענטש, וואָס האָט כאַראָטע אויף זיינע זינד.

בעל=תנך (באַל=טאַנאַך) — אַ קענער פֿון דער ביבל.

בעלן (באַלן) — אַ נייגעריקער, אַ טשעקאַווער; אַן אַמאַטאָר, ליבהאָבער. מער=צאָל: בעלנים (באַלאָנים).

בעלנות (באַלאָנעס) — אינטערעס, גרייטקייט, (צו עפּעס), וועלעכץ.

„בעבור" (באַאַוור) — צוליב, ווייל. ביי די רעליגיעזע יידן פֿלעגט דער כאַזן בענטשן די אָנוועזנדיקע און דערפֿאַר פֿלעגן זיי עפּעס שענקען פֿאַרן בייסמעדרעש.

בעת=מעשה (בעאייס מאַסע) — דערביי, גלייכצייטיק; אין דער צייט.

בפרט (ביפּראַט) — ספּעציעל, באַזונדער; ווער שמועסט נאָך.

בפרוטרוט (ביפּרויטרויט) — אויספּירלעך.

בפני קהל ועדה (ביפּניי קאָהאָל וועאיידע) — פֿאַר אַלעמען אין די אויגן.

בפירוש (בעפּיירעש) — אויסדריקלעך, קלאָר, דייטלעך.

בציבור (בעציבער) — אין אַ פֿאַרזאַמלונג; דאָס דאַוונען וויניקסטנס מיט צען יידן.

בקאָמפּאַניע — אין קאָמפּאַניע.

בקו הבריאה (בעקאַוו האַבריע) — געזונט.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ גערעדט.

בקי (באָקי) — אַ געניטער, אַ באַהאַוונטער. בקיאות (בעקיעס) — גע=ניטקייט, דאָס באַהאַוונט זיין; בקיאות אין ענין הנגינה (בעקיעס אין איניען האַנגינע) — געניטקייט אין זינגען.

בקשה (באַקאָשע) — ביטע.

בראש (בעראָש) — אין דער שפּיץ.

ברוך השם (באָרוך האַשעם) — דאַנקען גאָט.

ברוך הוא (באָרוך הו) — ער איז געלויבט, געמיינט: גאָט.

בר=מזל (באַר=מאַזל) — אַ מענטש, וועמען ס'גליקט אין אַלץ אָפּ.

בר=מינן (באַר=מינאַן) — טויטער, מעס.

בר=מצווה (באַר=מיצווע) — רעליגיעזע פֿוליאָריקייט פֿון אַ יינגל, ווען ער ווערט אַלט 13 יאָר; די צערעמאָניאַלע פֿייערונג פֿון אַ באַר=מיצווע.

בר=דעת (באַר=דאַאַס) — אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנד.

בריאה (ב ר י ע) — באַשעפעניש, לעבעדיק וועזן.

ברואים (ב ר ו א י ם) — באַשעפענישן. אין באַציונג צו מענטשן ווערט עס אָפט באַנוצט אין פאַראַכטלעכן זין.

ברוך הוא וברוך שמו, אָמן (ב אָ ר ע ד ה ו א ו ו אָ ר ע ד ש מ ו י, אָ מ יי ן) — געבענטשט איז ער און געבענטשט איז זיין נאָמען; עמען, אַזוי איז עס.

ברוך הבא (ב אָ ר ע ד ה אַ ב אָ) — באַגריסונג, וואָס רעליגיעזע ייִדן געברויכן ביים טרעפן זיך מיט אַן אָנגעליינטן גאַסט (ווערטלעך: געבענטשט זאָל זיין דער אריינגעקומענער), ס'קאָצל קומט; זייט באַגריסט; אָפּגעבן א ברייטן באָרעך־האַבאָ — אויפנעמען שיין, ליבלעך; אין איראָנישן זין: דעם אמתן באָרעך־האַבאָ — אויפנעמען שלעכט, מיט זידל־ווערטער.

ברוך השם בחיים ושלום און גייט בדרך הישר (ב אָ ר ע ד ה אַ ש ע ם ב ע כ א י ם ווע ש אָ ל ע ם... ב א ד ע ר ע ד ה א י אָ ש אָ ר) — ער איז, האַנקען גאָט, געזונט און פירט זיך לייטיש.

ברוגז (ב ר ו י ג ע ז) — האָבן פאַרדרוס, זיין צעקריגט, זיין בייז, צאָרנדיק, האָבן פאַריבל; נישט צופרידן.

ברחל בתך הקטנה (ב ע ר אָ כ ל ב י ט כ אָ ה אַ נ אַ ק ע ט ע) — געמיינט: קלאָר און דייטלעך, גענוי און פינקטלעך.

בריה (ב ע ר י ע) — פעיקער, פלינקער, געראָטענער, ענערגישער. מערצאָל: בריות (ב ע ר י ע ס). בריהטע (ב ע ר י ע ט ע) — א גוטע באַלעבאָסטע.

בריה נפלאה (ב ע ר י ע נ י פ ל אָ ע) — געראָטענע, גרויסע, וווּנדערלעכע בעריע.

בריהש (ב ע ר י ע ש) — קונציק. בריהשקייט (ב ע ר י ע ש ק יי ט) — פעיקייט, מעגלעכקייט אויפצוטאָן, בריהן זיך (ב ע ר י ע ן ז י ך) — זיך באַמיִען, זיך אויספיינען.

ברירה (ב ר יי ר ע) — אויסוואַל, אַן אַנדערע מעגלעכקייט, אויסוועג.

ברכה (ב ר אָ כ ע) — גוטער ווּנטש, אַ בענטשונג; אַ רעליגיעזע בענטשונג. מערצאָל: ברכות (ב ר אָ כ ע ס). ברכה והצלחה (ב ר אָ כ ע ו ו ע ה אַ צ ל אָ כ ע) — בענטשונג און גליק.

ברכה „שהכל נהיה בדברו“ (ב ר אָ כ ע „ש ע ה א ק ל נ י ע ב י ד ו ו אָ ר ו י“) — שנעל; — ס'קאָן דערציילט ווערן קורץ און גיך, ווי האָם מאַכן די ברכה „שהכל נהיה בדברו“.

ברית (ב ר י ס) — דער ריטואַל פון מאַל זיין ביי ייִדן. מאַכן אַ ברים — געבוירן, האָבן א ייִנגל; פראַווען א ברים — האָם דורכפירן דעם ריטואַל און מאַכן א מאָלצייט נאָך דעם.

בשום אופן (ב ע ש ו ם א ו י פ ן) — אין קיין פאַל נישט.

בשורה (בסורע) — גוטער אַנזאָג, פריילעכע נייעס; בשורות טובות (בסו־רעס טויוועס) — גוטע, פריילעכע נייעס.

בשלום (בעשאָלעם) — געזונטערהייט, גליקלעך; אין אָרדענונג; פרידלעך.

בשלימות (בישליימעס) — פולקאָם, אויפן בעסטן אָרט.

בשמים (בסאָמים) — שמעקנדיקע געווירצן.

בשותפות (בעשוטפעס) — צוזאַמען, געמיינשאַפטלעך.

בשעת (בעשאַס) — אין דער צייט ווען... בשעת מעשה (בעשאַס מאַסע) — דאָס אייגענע, וואָס בעשאַס.

בשר ודם (באָסער וועדאָם) — ווערטלעך: בלוט און פלייש. געמיינט: אַ מענטש.

בשתי ידים (בישטיי יאָדאַים) — מיט ביידע הענט.

בתוכם (בעסויכאָם) — צווישן זיי, דערונטער.

בתולה (בסולע) — אַ דערוואַקסן מיידל; מערצאָל: בתולות (בסולעס).

בתמימות (ביטמימעס) — נאַאיוו; אָן אַ שום הינטערגעדאַנק.

בת־לאה (באַסלייע) — לאהס טאָכטער.

בת־היענה (באַס־היאַנע) — אַ קאָל פון אַ באַס־היאַנע — אַ ווילד קול, אַ מיאוסע שטימע.

בתשואת חן (ביטשואַס כיין) — מיט דאַנקבאַרקייט, גערן, מיט צופרידנ־קייט; ביטע זייער.

בת־קול (באַס־קאָל) — אַ שטימע פון הימל.

בת־מלכה (באַס־מאַלקע) — פרינצעסין.

בת יחידה (באַס־יעכידע) — איין־און־איינציקע טאָכטער.

בת־מחלת (באַס־מאַכלאַס) — אַ נאָמען פון אַ טייוול.

ג.

גבאי (גאַבע) — דער אָנפירער פון אַ שול, אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע; מער־צאָל: גבאים (גאַבאָאים). גבאיטע (גאַבעטע) — דעם גאַבעס ווייב; אַ יידענע, וואָס זאַמלט געלט אָדער זאַכן פאַר אָרעמעלייט, קראַנקע.

גבור (גיבער) — שטאַרקער, העלד; אַטלעט. מערצאָל: גבורים (גיבוי־רים).

גביר (געוויר) — רייכער מענטש; מערצאָל: גבירים (געווירים). גבירהש (געווירעש) — אויפן רייכן שטייגער.

גבר (גוואַר) — אַ שטאַרקער פּאַרשוין, אַ גיבער.

גדולה (געדולע) — פרייד.

גדלות (גאַדלעס) — גרויסקייט, שטאָלציקייט; פּאַרריסנקייט, גרויסהאַלטונג.

גוזמא (גוזמע) — זייער אַ סך; אַ גרויסע צאָל; איבערגעטריבענע זאַך. מער־צאָל: גוזמאות.

גוי (גוי) — שאָוויניסטישע באַצייכענונג פון אַ נישט־ייד. **גויע** (גויע) — דאָס זעלבע וואָס גוי אין באַצוג צו אַ נישט־יידישע פרוי.

גולם (גוילעם) — אידיאָט, שוטה. מערצאָל: גולמם (גוילעמים).

גוסס (גויסעס) — אַ מענטש, וואָס האַלט ביים שטאַרבן. **גסיסה** (געסיסע) — אַגאָניע, דאָס אָפּשטאַרבן.

גורל (גוירל) — באַשערטקייט; מאַראָכע; דאָליע; שיקזאַל.

גזלן (גאַזלען) — ווערטלעך: רויבער, באַנדיט, מערדער; איראָניש: צעהיצט, נערוועז.

גט (געט) — יידישער רעליגיעזער צעשיידונג־דאָקומענט, ווען אַ פּאָרפאָלק רייסט איבער זייער חתונה־פאַרבינדונג. **גטן** (געטן) זיך — איבעררייסן די חתונה־פאַרבינדונג דורך אַ געט.

גיהנום (געהענעם) — פּייניקונגס־אָרט פאַר זינדיקע נאָכן טויט, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג; אָפּקומעניש.

גלח (גאַלעך) — פּראַוואָסלאַוונער פּאָפּ. מערצאָל: גלחים (גאַלאָכים).

גלות (גאָלעס) — צעשפּרייטונג פון אַ פאָלק אין דער פרעמד, נישט האָבן קיין היים, אייביק וואַנדערן; זיין פאַרשקלאַפט; ליידן, פּיין, צאָרעס.

גלגלים (גאַלגאַלים) — הימלישע קערפּערס.

גמילות־חסד (געמילעס כעסעד) — אַ קורצטערמיניקע, אָנפּראָצענטיקע הלוואָע.

גמרא (געמאָרע) — ביכער פון אַלטן יידישן געזעץ, טאַלמוד; מערצאָל: גמרות (געמאָרעס). גמרא־קעפּל — אַ שאַרף קעפּל.

גנב (גאַנעוו) — גאַנעוו, שווינדלער.

גנבענען (גאַנווענען) — אויך שווינדלען; מערצאָל: גנבים (גאַנאָווים).

גנבהש (גנייוויש) — אומבאַמערקט, כיטרע. פאַרגנבעט זיך — דערנענטערט זיך אומבאַמערקט.

גן־עדן (גאַנייידן) — פּרעכטיקער גאָרטן, וווּ ס׳געפינען זיך די פרומע אויף יענער וועלט, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג; אַן אָרט, וווּ ס׳איז אַ פאַר־גענוגן צו פאַרווײַלן.

גן־עדן התחתון (גאַניידן האַטאַכטן) — געמיינט: דער גאַניידן אויף דער ערד; גן־עדן־שלאָף — אַ זיסער שלאָף; גן־עדן־חלום — אַ זיסער חלום.

גרגרת (גאַרגערעס) — ווערטלעך: קעל, האַלדז; די שטאָט ליגט מיר שוין אין גרגרת: די שטאָט איז מיר שוין דערעסן.

גרוש (גאָרעש) — אַ מאַן, וואָס האָט זיך צעשיידט מיט זיין פרוי. גרושה (גרושע) — אַ פרוי, וואָס האָט זיך צעשיידט מיט איר מאַן.

ד.

דאגה (דייגע) — זאָרג. מערצאָל: דאגות (דייגעס).

דבור (דיבער) — דאָס רעדן. מערצאָל: דבורים (דיבורים) — רייד, ריידעלעך.

דברן (דאַברן) — רעדן.

דבר־אחר (דאָווער־אַכער) — כאַזער, שווין. מערצאָל: דברים־אחרים (דוואָרים־אַכיירים).

דבוק (דיבעק) — ס'איז אַן אַבערגלויבן ביי רעליגיעזע יידן, אַז משוגאַס נעמט זיך דערפון, וואָס איינעם מענטשן כאַפּט זיך אריין אַ דבוק — אַ טייוול, אַ „נישט־גוטער“.

דהיינו (דעהייניע) — צום ביישפּיל; וואָס הייסט.

דווקא (דאַווקע) — גראָד; דורכויס; נאָר.

דור (דאָר) — גענעראַציע. מערצאָל: דורות (דוירעס).

דחקות (דאַכקעס) — נויט, אָרעמקייט, דאַלעס.

דין (דין) — אַ רעליגיעזער געזעץ. מערצאָל: דינים. דין וחשבון (דין־וועכעשבן) — אַ רעכענונג, באַריכט.

דיין (דאַיען) — געהילף ביי אַ ראָוו. מערצאָל: דיינים (דאַיאָנים).

דירה (דירע) — וווינונג; דירה־געלט — אָפּצאָל פאַר דער וווינונג. מערצאָל: דירות (דירעס).

דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט, נויט, דאַבקעס.

דלילה (דלילע) — ביבל־פּערסאָנאַזש. באַצייכענונג פון אַ פרוי, וואָס פירט אַלץ אויס ביים מאַן.

דלת־אמות (דאַלעד־אַמעס) — ווערטלעך: פיר איילן; אַ קליין אָרט. נישט שטיין אין עמעצנס דאַלעד־אַמעס — נישט האָבן מיט יענעם קיין געמיינזאַמעס.

דמיון (דימיען) — פאַנטאַזיע. מערצאָל: **דמיונות** (דימיוינעס).

דם־התמצית (דאַם האַטאַמצים) — דאָס בלוט. געמיינט: דעם מאַרך פון די ביינער.

דעה (דייע) — באַשלוס; מיינונג; מאכט. מערצאָל: **דעות** (דייעס).

דרשה (דראָשע) — רעדע; רעליגיעזער פאָרטראַג. מערצאָל: **דרשות** (דראָ־שעס). **דרשהנען** (דאַרשענען) — האַלטן אַ דראָשע; רעדן אַ סאַך.

דרשה־געשאַנק (דראָשע־געשאַנק) — די מתּנות, וואָס די געסט גיבן כּלה־כּלה בעת דער כּאַסענע.

דרך (דערעך) — וועג, מעטאָד, שטייגער, אַרט. מערצאָל: **דרכים** (דראָ־כים).

דרך־ארץ (דערעכערעץ) — אַכטונג, רעספּעקט, אָנשטענדיקייט; העפלעכ־קייט; ס'איז עפּעס נישט קיין דרך־ארץ — ס'פּאַסט נישט; לערנען דרך־ארץ — באַשטראָפן, אָנלערנען.

ה.

האשה הרבנית מרת שרה בת־טובים (האִישע האָראַבאָנים מאָראַס סאָרע באַס־טויווים) — די פרוי די האַרגטע סאָרע באַס־טויווים — טראַדיציאָנעלער טיטל פאַר אַן אָנגעזעענער פרוי.

הבדלה (האַוודאָלע) — אַ געבעט, וואָס מע זאָגט שאַבעסצונאַכטס; דאָס געפלאָכטענע, קאָלירטע ליכט, וואָס מע צינדט אָן ביי דער דאָזיקער טפילע. מערצאָל: **הבדלות** (האַוודאָלעס).

הוספה (הויסאָפע) — צולאָג; לוין־העכערונג.

הוצאה (הויצאָע) — אויסגאַבע, קאָסטן. מערצאָל: **הוצאות** (הויצאָעס).

הוא יברך את כל הקהל הקדוש הזה וכל מי שנותנים... ופת לאורחים וצדקה לעניים (הו יעוואָרעך עס קאָל האַקאָהאָל האַ־קאָדעש האַזע וועכאָל מי שענאָסנים... אופּאַס לע־אָרכים אוצדאָקע לאַניים) — פאַרטייטשט אין טעקסט.

„היום תאמצנו“ (האַיוים טעאַמצייגו) — אַ טפילע.

הגם (האַגאַם) — כאָטש; אַז מ'וויל שמועסן צוריק.

היפך (הייפעך) — דאָס קעגנזעצלעכע, פאַרקערטע.

הכלל (האַקלאַל) — מיט איין וואָרט; קורץ און שאַרף; קורץ גערעדט, בקיצור.

הכנות (האַכאָנעס) — צוגרייטונגען.

הכנסה (ה אַ כ נ אָ ס ע) — אייַנקונפט; פּאַרדינסט. מערצאָל: **הכנסות** (ה אַ כ = נ אָ ס ע ס).

הכנסת־כלה (ה אַ כ נ אָ ס ע ט = ק אַ ל ע) — כּאַסענע מאַכן אַן אָרעם מיידל.

הלוואַי (ה אַ ל ע װ ײ) — זאָל גאָר אַזוי זײַן! לאָז זײַן! (װוּנטש־אויסדרוק).

הלכות (ה י ל כ ע ס) — װערטלעך: געזעצן; **הלכות משורר** (ה י ל כ ע ס מ ע ש ו י ר ע ר) — געמיינט: דאָס, װאָס אַ זינגער דאַרף קענען; אָנגעהויבן מיט אים לערנען הלכות־װײַב, הייסט: געלערנט אים, װי אַזוי מע דאַרף זיך באַגיין מיט אַ װײַב.

הלוואה (ה אַ ל װ אָ ע) — אַנטלייען יענעם געלט; מאַכן אַ האַלװאָע — באָרגן בײַ יענעם געלט. מערצאָל: **הלוואות** (ה אַ ל װ אָ ע ס).

הלבשה (ה אַ ל ב אָ ש ע) — קליידונג; אָנטועכץ.

הלל (ה אַ ל ע ל) — קאַפּיטלעך תּילים, װאָס רעליגיעזע ייִדן זאָגן אין געװיסע יאָנטעװ־טעג.

המצאה (ה אַ מ צ אָ ע) — אייַנפֿאַל, אויפֿטו. מערצאָל: **המצאות** (ה אַ מ = צ אָ ע ס).

„**המן**“ (ה אָ מ ע ן) — אַ זידל־נאָמען, אַ באַצייכענונג פֿון אַ שלעכטן, בייזן מענטש; **המנס מפּלה** (ה אָ מ ע נ ס מ אַ פּ אָ ל ע) — געמיינט, אַ גרויסער דורכפֿאַל.

הנאה (ה אַ נ אָ ע) — פֿאַרגעניגן.

„**הן גאלתי אתכם**“ (ה ע ן ג אָ אַ ל ט י ע ס כ ע ם) — טייטש אין טעקסט.

הנהגה (ה אַ נ ה אָ ג ע) — אויפֿפֿירונג, האַלטונג.

הנגיד (ה אַ נ אָ ג י ד) — דער רייכער מענטש.

הן... הן... (ה ע ן ... ה ע ן ...) — סײַ... סײַ...

הסכמה (ה אַ ס ק אָ מ ע) — צושטימונג, אייַנװיליקונג.

העזה (ה אָ ז ע) — פֿרעכקייט; כוצפּע.

העוויות (ה אַ װ אַ י ע ס) — מינעס, אָנשטעלן.

הפקר (ה ע פֿ ק ע ר) — צעלאָזט; אָן קאָנטראָל; אַ זאַך, װאָס געהערט נישט צו קיינעם. **הפקרות** (ה ע פֿ ק ײ ר ע ס) — געזעצלאָזיקייט. **הפקר־יונג** — אַן אויסגעלאַסענער, אַן אומטערװעלטניק.

הפנים (ה אַ פּ אָ נ ע ם) — עס זעט אויס, װאָרשײַנלעך.

הצלחה (ה אַ צ ל אָ כ ע) — גליק, דערפֿאָלג.

הקפה (ה אַ ק אָ פֿ ע). מערצאָל: **הקפות** (ה אַ ק אָ פֿ ע ס) — אום שׂימחת־תּורה קרייזן רעליגיעזע ייִדן מיט ספֿר־תּורהס אַרום דעם בעלעמער — דאָס אַרומקרייזן הייסט הקפה.

הרי את מקודשת (האַריי אַט מעקודעשעס) — דער אָנהייב פון דער פראַזע, וואָס דער באָסן זאָגט צו דער קאַלע אונטער דער כופּע.

השגה (האַסאָגע) — שטרעבונג; פאַרלאַנג; באַגריף, באַגעם. מערצאָל: השגות (האַסאָגעס).

השם יתברך (האַשעם ייסבאָרעך) — געמיינט: גאָט.

השגחה (האַשגאָכע) — אויפזיכט; השגחה געבן — אַכטונג געבן.

התפעלות (היספּאַלעס) — באַגייסטערונג, שטוינונג, פאַרוווּנדערונג, אַנט־ציקונג; גרויס הנאה (האַנאָע).

התמדה (האַסמאָדע) — פלייס.

התקרבות (הייסקאַרוועס) — צוגעלאָזנקייט.

ו.

ובפרט (אובפּראַט) — און ספּעציעל, און באַזונדער.

והעיר יאַמפּעלע צהלה ושמחה (וועהאָאיר יאַמפּעלע צאָהאָלאָ אוסמייכאָ) — פאַרטייטשט אין טעקסט.

והשנית (וועהאַשייניס) — און צווייטנס.

ווידוי (ווידע) — דאָס געבעט, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן פאַרן שטאַרבן.

ויהי היום (וואַהי האַיאָם) — איינמאָל, אין אַ שיינעם טאָג.

ויהי רצון (וואַהי ראָצן) — און זאָל זיין דער ווילן.

„ויאתיו" (וועיעסאָיו) — אַ ראַשעשאָנעדיק געבעט.

וישלח (וואַיישלעך) — די סעדרע וואַיישלעך.

וכדומה (אוכדוימע) — און דאָס גלייכן.

ומעשה שהיה כך היה (אומייסע שעהאָיאָ קאַך האָיאָ) — און געווען איז דאָס אַזוי.

ומזיקים (אומאַזיקים) — און בייזע גייסטער, טייוואָלים.

„ונאמר אָמן" (וועיאָמאר אָמיין) — די ענדע פון געוויסע טפילעס.

ועל כולם (וועאַל קולאָם) — און מער פון אַלע, און איבער אַלץ.

„ועל המדינות בו יאמר" (וועאַל האַמדינוים בוי יעאָמאַר) — אַ פראַזע פון אַ ראָשעשאָנעדיקער טפילע.

ותצא דינה בת לאה (וואטייצי דינע באס לייע) — פארטייטשט אין טעקסט.

ותדבק נפשו בדינה (וואַטידבאק נאפשוי בעדינע) — פארטייטשט אין טעקסט.

ז.

זוגתי (זוגאָסי) — מיין ווייב.

זוכה זיין (זויכע זיין) — ווערט זיין, פאַרדינען זיך, האָבן א פּריווילעגיע.

זיווג (זיוועג) — באַשערט פּאָרל.

זכות (זכוס) — פאַרדינסט, ווערט, גליק; פּריווילעגיע.

זכיה (זכיע) — גליק, די ווערט.

זכר (זאָכער) — מאַנסביל.

זכר (זייכער) — אָנדענק, שפּור.

זכרון (זיקאָרן) — דאָס געדענקען; די פעיקייט צו געדענקען.

זמירות (זמירעס) — יידיש־רעליגיעזע געזאַנגען.

זקן (זאָקן) — אלטער מאַן. מערצאָל: זקנים (זקיינים).

ח.

חברה (כעווירע) — יאַטן; עולם, קאָמפּאַניע, געזעלשאַפט; אינסטיטוציע.

„חברה משניות“, „חברה תהילים“, “חברה שומרים לבוקר“ (כעווירע מישנייעס, כעווירע טילים, כעווירע שוימרים לאבוי־קער) — יידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן.

חברה־מאַן (כעווירע־מאַן) — איינער וואָס געהער צו א וועלכער חברה; ווילער יונג. מערצאָל: חברה־לייט — מענטשן, וואָס געהערן צו א וועלכער חברה; א פרייליכע קאָמפּאַניע.

חברהניקעס (כעווירעניקעס) — ווייסע־חברהניקעס — שטיפערס, לאָבוזעס.

חבר (כאַווער) — קאָלעגע, פריינד; — ער איז מיט אים חבר, ער לעבט מיט אים גוט, פריינדלעך. מערצאָל: חברים (כאַווײרים).

חברטע (כאַווערטע) — קאָלעגין, פריינדין. מערצאָל: חברטעס (כאַ־ווערטעס).

חדר (כײדער) — צימער; רעליגיעזע שול פאר קינדער; מעטאפאריש: שטודיום; חדר-ייִנגל — ייִנגל, וואס גייט אין חדר. מערצאל: **חדרים** (כאדאָרים).

חוב (כויוו) — דאס געבארגטע געלט; א פליכט. מערצאל: **חובות** (כויוועס).

חודש (כוידעש) — מאנאט. מערצאל: **חדשים** (כאדאָשים).

חוזק (כויזעק) — אפשפעטעריי, אפלאכעריי, א שפאטיש **פנים** (פאָנעם). זײַן עמעצנס חוזק — זײַן דער ציל פון יענעמס אפלאכעריי.

חולה (כוילע) — קראנקער.

חומש (כומעש) — די פינף טײלן, ביכער פון דער טוירע; טײַטש-חומש — דער חומש פארטײַטשט אויף ייִדיש. מערצאל: **חומשים** (כומאָשים).

חופה (כופע) — פיר דרענגלעך מיט א דעק פון אויבן, אונטער וועלכער מע פירט דורך די כאסענע-צערעמאניע; שטעלן א חופה — כאסענע האבן; חופה-וועטשערע — די סודע נאך דער כופע-צערעמאניע. מערצאל: **חופות** (כופעס).

חוץ (כוץ) — אויסער. **חוץ לזה** (כוץ לאָזע) — אויסער דעם.

חוץ הכנסה (כוץ האַכנאָסע) — געמיינט: א זײַטיק פארדינסט.

חוץ לדרך הטבע (כוץ לעדערעך האטעווע) — אומנאטירלעך.

חוק (כאָק) — א געזעץ.

חורבן בית המקדש (כורבן בײס-האמיקדעש) — די צעשטערונג פונעם ייִדישן טעמפל.

חושים (כושים) — עמפינדונגען; געפילן; די פעיקייטן צו עמפינדן.

חוש-הריח (כוש האָרייעך) — די שמעק-עמפינדונג. דא געמיינט: די פעיקייט צו דערשמעקן, צו דערוויסן זיך.

חושד-זײַן (כוישעד זײַן) — האבן א פארדאכט, פארדעכטיקן.

חושך (כוישעך) — פינצטער; אן איבערקערעניש.

חזיר (כאַזער) — שווײַן; אין איבערגעטראגענעם זין: זייער א קארגער מענטש. מערצאל: **חזירים** (כאַזײרים).

חזן (כאַזן) — א זינגער אין די ייִדישע רעליגיעזע געבעט-הײַזער. מערצאל: **חזנים** (כאַזאָנים). **חזנות** (כאַזאָנעס) — דער אמט, די פונקציע פון א חזן.

חזקה (כאַזאָקע) — דאס רעכט, וואס עמעץ האט אויף א זאך, ווײַל אזוי איז עס שוין אײַנגעפירט פון דוירעס.

חזקה=טענות (כ א ז אָ ק ע = ט יי נ ע ס) — חזקה=פּרעטענזיעס.

הזרן (כ א ז ע ר ן) — זאָגן, טאָן דאָס אייגענע נאָכאַמאָל.

חי=געלעבט (כ יי) — פרייליך.

חידוש (כ י ד ע ש) — ווונדער; חידושט זיך, פאַרחידושט — וווּנדערט זיך, איז פאַרוווּנדערט. מערצאָל: **חידושים** (כ י ד ו ש י ם) — נייעס, ווונדער, סענסאַציעס.

חיה (כ יי ע) — א ווילד באַשעפעניש. מערצאָל: **חיות** (כ יי ע ס).

חייב (כ א י ע וו) — שולדיק; דער חייב — דער שולדיקער.

חיוב (כ י ע וו) — א מוז=זאַך, א פליכט.

חיונה (כ א י ו נ ע) — פּאַרנאָסע, אויסהאַלטונג; לעבנס=מיטל.

חיות (כ י ע ס, כ א י ע ס) — פאַרגעניגן, דערקוויקונג.

חילוק (כ י ל ע ק) — אונטערשייד.

חכמה (כ אָ כ מ ע) — קלוגשאַפט; קענטעניש. מערצאָל: **חכמות** (כ אָ כ = מ ע ס). **חכמענען זיך** (כ אָ כ מ ע נ ע ן ז י ך) — זיך וויצלען, טרייבן שפּאַס. **חכם** (כ אָ כ ע ם) — קלוגער; געלערנטער. מערצאָל: **חכמים** (כ א כ אָ מ י ם). איראָניש: **שוטה** (ש ו י ט ע).

חל זיין (כ א ל) — זיך באַציען אויף וועמען, אויף וואָס. דאָ: זי איז שוין אויך פאַרפליכטעט.

חלה (כ א ל ע) — קוילעטש, געבעקס פון ווייצנמעל. מערצאָל: **חלות** (כ א ל ע ס).

חלום (כ אָ ל ע ם) — זעונג אין שלאָף; אילוזיע; פאַרשטעלונג; טרוים אויף דער וואָר. מערצאָל: **חלומות** (כ א ל ו י מ ע ס).

חלילה (כ אָ ל י ל ע) — באַהיט זאָל מען ווערן.

חלק (כ יי ל ע ק) — טייל; אָנטייל. מערצאָל: **חלקים** (כ אַ ל אָ ק י ם).

חלשות (כ אַ ל אָ ש ע ס) — גײַסט=גוטקייט, אָנמאַכט, שוואַכקייט. **חלשן** (כ א ל ע ש ן) — אַריינפאַלן אין צושטאַנד פון חלשות; שטאַרק ווילן, אויס=גיין נאָך עפּעס.

חן (כ יי ן) — שיינקייט, רייץ, סימפּאַטיע. חן=גריבעלעך — די גריבעלעך אין די באַקן, וואָס געבן צו כיין. דאָ איראָניש: מיט אלע פּיטשעוקעס.

חנדלעך (כ יי נ ד ל ע ך) — אָנשטעלן, קאָקעטעריע.

חנוכה (כ א נ ו ק ע) — יידישער רעליגיעזער יאָנטעוו, צום אָנדענק פון דעם מאַקאַבייער=אויפשטאַנד און זייער זיג. חנוכה=געלט — דאָס געלט, וואָס ווערט לויט דער טראַדיציע געטיילט די קינדער, אָרעמעלייט.

חנפהנען (כ א נ פ ע נ ע ן) — אונטערלעקן זיך, עמעצן פאַלש לויבן.

חס־ושלום (כ א ס ־ ו ע ש אָ ל ע ם) — כאָלילע.

חלירע (כ אָ ל י ע ר ע) — קראַנקהייט, אַ שלאַק.

חלירעס (כ אָ ל י ע ר ע ס) — שלעק, פּוילאַקעס.

חסד (כ ע ס ע ד) — גנאָד, גוטסקייט, לאַסקע. מערצאָל: **חסדים** (כ א ס אָ ד י ם).

חסיד (כ אָ ס י ד) — אַ פרומער; דער, וואָס גלייבט אין אַ גוטן ייִדן; אַן אָנהענגער. מערצאָל: **חסידים** (כ א ס י ד י ם).

חסידות (כ ס י ד ע ס) — רעליגיעז־מיסטישע באַוועגונג ביי ייִדן, אַנטשטאַנען אין 18־טן יה.

חסידישער ניגון (כ ס י ד י ש ע ר נ י ג ן) — געזונגען אויפן חסידישן שטייגער.

חסר־דעה (כ אָ ס ע ר ־ ד י י ע) — נאַריש, אָן סן זינען.

חסרון (כ ע ס אָ ר ן) — פעלער, בלויז. מערצאָל: **חסרונות** (כ ע ס ר ו י נ ע ס).

חפציות (כ ע פ צ י ע ס) — געמיינט: שטיק, פּרעטענזיעס, קאַפּריזן.

חצי־אלול (כ אָ צ ע ע ל ע ל) — האַלב אַלול. — אַ נאָמען פון אַ מאָנאַט (מערווייניקער — אויגוסט) לויטן ייִדישן אַלטפּרעגקישן קאַלענדאַר.

חרוב (כ אָ ר ע ו) — וויסט; צעשטערט; פאַרביי, זייער קראַנק.

חרטה (כ א ר אָ ט ע) — פאַרדרוס אויף פעלערן, וואָס מ'איז באַגאַנגען.

חריף (כ אַ ר י ף) — שאַרפזיניקער; באַהאַוונטער. **חריפות** (כ אַ ר י פ ע ס) — שאַרפזיניקייט. דאָ: אַן אַנטיק, עפּעס רעכטס, פּרימע, אַזעלכס און אַזעלכס.

חרפה (כ ע ר פ ע) — שאַנד, באַליידיקונג. מערצאָל: **חרפות** (כ א ר פ ע ס).

חשבונות (כ ע ש ב ו י נ ע ס) — רעכענונגען.

חשד (כ ש א ד) — פאַרדאַכט.

חשוב (כ אָ ש ע ו) — אָנגענומען; אָנגעזען; טייער געהאַלטן.

חשק (כ י י ש ע ק) — באַגער, לוסט, ווילן.

חתונה (כ א ס ע נ ע) — אין איבערגעטראָגענעם זין: סצענע, סקאַנדאַל; אומאָנגענעמלעכקייט, אומגליק. מערצאָל: **חתונות** (כ א ס ע נ ע ס).

חתן (כ אָ ס ן) — אַ באָכער, וואָס האָט שוין געשריבן טנאָאים. **חתן־בחורל** (כ אָ ס ן ־ ב אָ כ ע ר ל) — געמיינט: שוין אַן עלטער ייִנגל.

חתן־כלה (כ אָ ס ן ־ ק א ל ע) — אַ באָכער מיט אַ מיידל נאָך די טנאָים.

ט.

טבע (ט ע ו ע) — נאַטור; געוווינהייט; כאַראַקטער.

טובה (ט ו י ו ע) — געפעליקייט, גוטסקייט. מערצאָל: **טובות** (ט ו י ו ע ס).

טלית (טאַלעס) — אַזאַ זאַך, וואָס באַוויַבטע ייִדן טראָגן ביים דאַוונען. מערצאָל: **טליתים** (טאַלייסים).

טלית־קטן (טאַלעס־קאָטן) — לייבצודעקל. רעליגיעזע ייִדן טראָגן אַ טלית־קטן אונטער די אייבערשטע קליידער. מערצאָל: **טלית־קטנם** (טאַלעס־קאָטנס).

טעות (טאָעס) — פעלער, גרייז; נישט קיין ריכטיקער מיין; אַ פאַלשע פאַרשטעלונג.

טעם (טאַאַם) — אויזאַר, מאָטיוו; געשמאַק. מערצאָל: **טעמים** (טיימים).

טענה (טיינע) — פאָדערונג, פּרעטענזיע; דערווידערונג; רייד, שמועס. מערצאָל: **טענות** (טיינעס).

טרחה (טירכע) — מי.

טריפה (טרייפע) — נישט קאָשער; אומריין, שמוציק, מיאוס.

י.

יד־אחת (יאַדאַכאַס) — איין האַנט; שיתּפֿעס.

ידיעה (יעדיע) — וויסן, געוויסקייט, באַהאַוונטקייט; מיטטיילונג. מערצאָל: **ידיעות** (יעדיעס).

יהודי בלא! (יעהודי בעלוי) — געמיינט: ייִד, שווייג.

„יהי רצון מלפניך“ (יעהי ראָצוין מילפאָנעיכאָ) — אַ פראַזע פון אַ תּפֿילע — טייטש אין טעקסט.

יודע (יוידייע) — ווייסט.

יודע נגן (יעדייע נאַגן) — דער, וואָס קאָן זינגען; אַ מייוון אויף נגינה (ניגינע).

יום־טוב (יאָנטעוו) — פייערטאָג; יומטובדיק — פרייליך געשטימט, פייערלעך. מערצאָל: **יום־טובים** (יאָנטויווים).

יום־הדין (יאָם־האַדין) — געריכט־טאָג; טאָג פון מישפּעט; יאָנקיפּער.

יום־כיפור (יאָנקיפּער) — טאָג פון פאַרגעבונג. רעליגיעזע ייִדן גלייבן, אַז אין דעם טאָג מישפּעט גאָט די וועלט.

יוצא (יויצע) — פון יוצא וועגן — נישט מיטן גאַנצן האַרץ; לעפּאָנעם.

יוצא לכל הדעות (יויצע לעכאָל האַדייעס) — דערמיט איז ער יוצא לכל הדעות — דערמיט האָט ער אַלץ פאַרענטפערט.

יושר (יוישער) — גערעכטיקייט; גלייך, ריכטיק.

יחוס (י י כ ע ס) — אָפּשטאַם; הויכע אָפּשטאַמונג, פאַמיליע=שטאָלץ. **יחוס=בריוול** — אַ דאָקומענט, וואָס באַווייזט די הויכע אָפּשטאַמונג. **יחסן** (י א כ ס ן) — אַ מענטש פון אַ בעקאַוועדיקער, „בעסערער" פאַמיליע; אַ גרויסהאַלטער. מערצאָל: **יחסנים** (י א כ ס אָ נ י ם).

יללה (י ע ל אָ ל ע) — געוויינערײַ, געשרײַ, קלאָגערײַ. מערצאָל: **יללות** (י ע ל אָ ל ע ס).

ים (י א ם) — מעטאַפאָריש: אַ גרויסע מאָס, צאָל.

ימים נוראים (י אָ מ י ם = נ ו י ר אָ י ם) — ווערטלעך: פאָרכטיקע טעג. געמיינט: די יאָנטויווים ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער.

ימח=שמו (י י מ א ד ש ע מ ו י) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זײַן נאָמען — אַזאַ קלאָלע. **ימח שמה** (י י מ א ד ש ע מ אָ) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן איר נאָמען.

ימח שמוניק (י ע מ א ד = ש ע מ ו י נ י ק) — אַ פאַרדאָרבענער מענטש.

יסורים (י ע ס ו ר י ם) — ערגערניש, זאָרגן, ווייטיקן.

„יעלות" (י י י ל ע ס) — אַ יאָנקיפּערדיקע טפילע; מאַכן ייילות — געוואַלדעווען און שרײַען.

יפהפיה (י ע פ י י פ י ע) — אַ שיינהייט. טײלמאָל — איראָניש.

יפתח הגלעדי (י י פ ט א ד ה א ג י ל אָ ד י) — לעגענדאַרע פערזאָן אין דער ביבל.

יצר=הרע (י ע י צ ע ר ה אָ ר ע) — בייזער גייסט, פאַרפירער; דער שלעכטער ווילן.

„יקום פורקן מן שמיא" (י ע ק ו ם פ ו ר ק אָ ן מ י ן ש מ א י אָ) — אַזאַ געבעט.

ירוחם הקטן (י ע ר ו כ ע ם ה א ק אָ ט ן) — יערוכעם דער קלײנער.

„יראו עינינו" (י י ר אָ ו א י י נ י י נ ו) — געבעט.

יריד (י א ר י ד) — מאַרק=טאָג. יריד=לײַט — די מענטשן, וואָס פאָרן אויפן יאַריד; גרויסער טומל, גערודער. מערצאָל: **ירידים** (י א ר י ד י ם).

ירושה (י ע ר ו ש ע) — אייגנטום, וואָס בלײַבט נאָך אַ געשטאָרבענעם; אויך גייסטיקע פעיקייטן. מערצאָל: **ירושות** (י ע ר ו ש ע ס).

ירושלים (י י ע ר ו ש אָ ל א י ם) — נאָמען פון דער היסטאָרישער הויפּט=שטאָט פון פאַלעסטינע.

יש (י ע ש) — געמיינט: ווערטפולער מענטש; אַ ווערטפולע זאַך.

ישועות ונחמות אויפן כלל ישראל (י ע ש ו ע ס א ו נ ע כ אָ מ ע ס א ו י פ ן ק ל אַ ל י י ס ר אָ ע ל) — הילף און טרייסט פאַר אַלע ייִדן.

ישוב הדעת (י י ש ע י ו ו ה א ד א א ס) — געדולד, איבערלייגונג, געלאַסנקייט.

ישיבה (י ע ש י ו ו ע) — העכערער רעליגיעזער לערנאַנשטאַלט; **ישיבה=בחור** (י ע ש י ו ו ע = ב אָ כ ע ר) — שילער פון אַ יעשיווע.

ישראל (יי ס ר אָ ע ל) — קינדער ישראל — יידישע קינדער.

יתום (י אָ ס ע ם) — א יינגל, וועמענס פאָטער אָדער מוטער זיינען געשטאָרבן. מערצאָל: **יתומים** (י ע ס ו י מ י ם). **יתומה** (י ע ס ו י מ ע) — א מיידל, וועמענס פאָטער אָדער מוטער זיינען געשטאָרבן: מערצאָל: **יתומות** (י ע ס ו י מ ע ס).

כ.

כבוד (ק אָ וו ע ד) — אכטונג ,ערע, רעספּעקט.

כבוד־אב (ק י ב ע ד ־ אָ וו) — דאָס ערלעך האלטן דעם פאָטער

„כבקרת“ (ק וו א ק אָ ר א ס) — נאָמען פון א געבעט.

כדאי (ק ע ד א י) — ס'לוינט זיך, ס'איז ווערט.

כדי (ק ע ד יי) — אום, אז, צו, מיטן ציל.

כדומה (ק ע ד ו י מ ע) — דעסגלייכן.

כדת משה וישראל (ק ע ד א ס מ ו י ש ע וו ע יי ס ר אָ ע ל) — לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ.

כהן (ק ו י ע ן) — דאָ געמיינט: א קאַאסן.

כוונה (ק אַ וו אָ נ ע) — מיין, ציל; קאָנצענטרירונג.

כוס, כוסה (ק אָ ס, ק ו י ס ע) — בעכער, גלעזעלע, קעלישעק, באָקאַל. מערצאָל: **כוסות** (ק ו י ס ע ס). מאכן א כוסה — מאכן א שנאַפּס.

כוח (ק ו י ע ד) — קראַפט, שטאַרקייט; אָנשטרענגונג, מי. מערצאָל: **כוחות** (ק ו י כ ע ס).

כוח־הדמיון (ק ו י ע ד ה א ד י מ י ע ן) — פאַנטאַזיע; פאָרשטעלונגס־קראַפט.

כלל־ישראל (ק ל א ל ־ יי ס ר אָ ע ל) — אלע יידן, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

כל־דבור (ק אָ ל ־ ד י ב ע ר) — יעדעס וואָרט.

כל־זמן (ק אָ ל ־ ז מ א ן) — ווי לאַנג; אזוי לאַנג ווי...

כל־המינים (ק אָ ל ־ ה אַ מ י נ י ם) — אלערליי סאָרטן.

כל־טוב (ק אָ ל ־ ט ו וו) — אלדאָס גוטס.

כל עצמותיו תאמרנה (ק אָ ל א צ מ ו י ס אָ וו ט ו י מ א ר נ אָ) — ווערטלעך: אלע ביינער רעדן, רעדן; דאָ געמיינט: רוען בישט.

„כל החוסים בך“ (ק אָ ל ה א כ ו י ס י ם ב אָ ד) — א זאַץ פון א געבעט.

כל מאמינים שהוא (ק אָ ל מ א מ י נ י ם ש ע ה ו) — דאָ געמיינט: פון אלעמליי מינים, סאָרטן.

כל הפארגעניגן — אלערליי פארגעניגנס.

כל=המיטלען — אלערליי מיטלען.

כל=ימיו (ק אָ ל י אָ מ אָ ו) — אלע זיינע יאָרן; זיין גאנץ לעבן.

כל=בו (ק אָ ל ב ו י) — דאָ געמיינט: וואָס אין דער קאָרט. דאָס זעלבע: כל=בויניק.

כלא ידע (ק ע ל ו י = י אָ ד ע) — גלייך, ווי ער וואָלט נישט געוווסט; נישט פארשטייענדיק.

כלב (ק ע ל ע ו) — א הונט; א שלעכטער מענטש; כלב שבכלבים (ק ע ל ע ו ש ע ב י ק ל אָ ו י ם) — א געוואלדיק שלעכטער מענטש. כלבטע (ק ע = ל ע ו ט ע, ק ל א ו ט ע) — צוויג, הונטעכע.

כלה (ק אַ ל ע) — א מיידל, וואָס האָט א כאָסן; כלה=מויד — א מויד, וואָס שטייט אין שידוכים. מערצאָל: כלות (ק א ל ע ס).

כלומרשט (ק ל ו י מ ע ר ש ט) — אזוי צו זאָגן; גלייך ווי; מיט אן אָנשטעל; אָפּנאַרנדיק.

„כלות=הנפש“ (ק אַ ל ו י ס ה א נ ע פ ע ש) — עס איז „כלות הנפש“ — געמיינט: ס'גייט אויס די נעשאָמע, דאָס לעבן.

כלי (ק יי ל ע). מערצאָל: כלים (ק יי ל י ם) — אינסטרומענטן, מאכשירים. ארבעטן מיט אלע כלים: ארבעטן אָנגעשטרענגט; ארויס פון די כלים: זיין אויפגערעגט, איבערראשט; א רעכטע כלי — אַ מענטש מיט טאַלאַנט; איראָניש: פארדאָרבן, שלעכט.

כלי=שלמה (ק יי ל ע ש ל יי מ ע) — א פולקאָמע זאך; געמיינט: אן אויסגע=צייכנטער, פעיקער מענטש.

כלי קודש (ק ל יי = ק ו י ד ע ש) — ראבאָנים, כאַזאָנים, שאָכטים און אנדערע רעליגיעזע דינער.

כמה וכמה (ק אַ מ ע ו ע ק א מ ע) — פון כמה וכמה יאָרן — פון א סך יאָרן.

כמעט (ק י מ א ט) — אזויווי, שיר.

כסא=הכבוד (ק י ס יי = ה א ק אָ ו ע ד) — גאָטס טראָן.

כסדר (ק ע ס יי ד ע ר) — אָן אויפהער, נאָכאַנאַנד.

כעס (ק א א ס) — צאָרן, פארדרוס, אויפרעגונג. כעסן (ק א א ס ן) — א מענטש, וואָס פאלט לייכט אריין אין צאָרן.

כף=הקלע (ק א ף = ה א ק ע ל ע, ק א פ ע ק א ל) — לויטן רעליגיעזן איבערגלויבן, א שטראָף פאר די זינדיקע אויף יענער וועלט.

כפי (ק ע פ י) — אזויווי, ווערליק.

כפרה (ק אַ פּ אָ ר ע) — אויסלייזונג, אָפּקומען פאַר עמעצנס זינד; די כפרה זאָלסטו ווערן: אַזאַ קללה (ק ל אָ ל ע); ווערן די כפרה נאָך עמעצן — אויס־גיין נאָך עמעצן; טויגן אויף כפרות — נישט טויגן צו גאָרנישט. מערצאָל: כפרות (ק אַ פּ אָ ר ע ס).

כקריעת ים־סוף (ק ע ק ר י ע ס י אַ ם ־ ס ו ף) — ווי שפּאַלטן דעם ים. געמיינט: שטאַרק שווער.

כישוף (ק י ש ע ף) — צויבער.

כשר (ק אָ ש ע ר) — נישט טרייפע; ריכטיק, גוט.

כשרער ייד — אָרנטלעכער, ערלעכער, פרומער ייד.

כשרה מציאה (ק אָ ש ע ר ע מ ע צ י ע) אײַנהאַנדלען — ביליק, גוט; איראָניש: שלעכט, נאַריש אײַנגעהאַנדלט די זאַך.

„כשר־טאַנץ“ — דער טאַנץ, וואָס מע טאַנצט מיט דער קאַלע נאָך דער חופּה.

כתב (ק י ס אַ ו) — האַנטשריפט; מאַנוסקריפּט. מערצאָל: כתבים (ק י ס אָ ו י ם).

כתבא רבה (ק אַ ס ו ע ־ ר אַ ב ע) — ווערטלעך: גרויסער שרייבער. דאָ: קאַליגראַף.

כתובה (ק ס ו ב ע) — דער ייִדיש־רעליגיעזער כאַסענע־דאָקומענט, אין וועלכן ס'ווערן פיקסירט די מאַטעריעלע פאַרפליכטונגען פונעם מאַן צו דער פרוי.

כתר, כתרל (ק ע ס ע ר, ק ע ס ע ר ל) — אַ הימן אין שאַבעסדיקן און יאָנטעוו־דיקן דאַווענען.

ל.

לא־דאַי (ל ו י ־ ד אַ י) — נישט גענוג, נאָך ווייניק (וואָס...).

לא־יוצלח (ל ו י ־ י י צ ל ע ד) — אומבאַהאָלפענער, שלימזל. מערצאָל: לא־יוצלחס (ל ו י ־ י י צ ל ע כ ס).

לא־עליכמדיק (ל ו י אַל י י כ ע מ ד י ק) — נישט מיט אַלעמען, נישט ביים בעסטן געזונט.

לאמרן (ל יי מ ע ר ן) — אויסדערציילן; דאַבערן; אויסגעלאַמרט — אויסגע־חידושט.

לאו (ל אַ ו) — נישט, באם (ב ע אַ י ם) לאו — אויב, טאָמער נישט.

לבנה (ל ע ו אָ נ ע).

להבדיל (ל ע ה אַ ו ד ל) — נישט צו פאַרגלייכן.

להצנועה מרת זלאטע שתחיה (לעהאצנועה מאָראס זלאטע שעטיכיע) — דער פרומער זלאטע זאָל לעבן.

להבא (לעהאַבע) — אויף ווייטער.

להכעים (לעהאַכעס) — צום פאַרדרוס; צו־להכעיס — אויף צו ערגערן עמעצן.

להרוג ולאבד (לאַהאַרעג אולאַבעד) — צו הארגענען און אויסראָטן. דאָ געמיינט: האָבן שטאַרקן פאַרדראָס.

לוויים (לייוויאים) — א קאסטע דינער אין בית־המיקדש.

לויה (לעוואיע).

לוט (לאָט) — א ביבלישע געשטאַלט; שיכור (שיקער)־לוט — שטאַרק שיקער.

לחלוטין (לאַכלויטין) — אינגאַנצן, אַבסאָלוט.

„לחיים" (לעכאַיִם) — ווערטלעך: צום לעבן. מאַכן א לחיים — אויסטרינקען.

לחם־אביונים (לעכעם־עוויוינים) — ברויט פאַר אָרעמע לייט.

לילית (לילים) — די קעניגין פון די טייוולאָנים, לויט דער רעליגיעזער פאָר־שטעלונג.

„לישועתך קויתי ה'" (לישואָסכאָ קיוויסי אַדאָנאָי) — איך האָף אויף דיין הילף, גאָט — פראַזע פון א געבעט.

ליצנות (לעצאָנעס) — וויצלעריי, אָפּשפּאָטעריי.

לכבוד (לעקאָוועד, ליכוויד) — צוליב; צום ערן עמעצן, אָדער עפּעס.

לכל הפחות (לעכאָל־האַפּאָכעס) — צום ווייניקסטן.

לכן (לאָכיין) — דעריבער.

לכתחילה (לעכאַטכילע) — צוערשט, אין אָנהייב.

למאי (לעמאַי) — פאַרוואָס, צוואָס.

למדן (לאַמדן) — קענער פון דער אַלטער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. מערצאָל: לומדים (לאָמדים).

למען־השם (לעמאַן־האַשעם) — פון גאָטס וועגן. געמיינט: אומבאַדינגט.

למשל (לעמאָשל) — צום־ביישפּיל.

לסוף (לעסאָף) — צום לעצט, ענדלעך.

לעולם (לעאוילאָם) — אויף אייביק. דאָ געמיינט: אייגנטלעך.

לעת־עתה (לעסאַטע) — דערווייל.

„לפני מלכים יתיצב" (ליפניי מעלאָכים יִסיאַצעוו) — ער וועט זיך שטעלן פאַר מעלאָכים.

לץ (ל ע ץ) — וויצלער, קאטאָוועס=טרייבער; לעצעווען — טרייבן שפּאָס; פריי=
ליעכר מיוול, וואָס טוט אָפּ פּאַרשידענע שפּיצלעך.

לקחנען (ל אַ ק כ ע נ ע ן) — גאַנווענען, איידל געזעגט.

לרוב (ל ע ר אָ וו) — איבערגענוג, א סאך.

לשון (ל אָ ש ן) — שפּראַך; געבליבן אָן לאָשן — די צונג איז ווי פּאַראַליזירט
געוואָרן; שטום=לשון — אויפן וווּנק.

לשון=קודש (ל אָ ש ן = ק ו י ד ע ש) — הייליקע שפּראַך, העברעיש.

לשון השיכורים (ל אָ ש ן ה א ש י ק ו ר י ם) — אויף דער שיקורים=שפּראַך.

לשם=שמים (ל ע ש ע ם = ש אָ מ אַ י ם) — געמיינט: פון מיצווע וועגן, גישט צו=
ליב אייגנגויץ.

מ.

מאה אלף (מ יי ע ע ל ע ף) — הונדערט טויזנט; א האלבע מאה — א האלבער
הונדערטער

מאכל (מ אַ כ ל) — שפּייז; געריכט. מאכלים (מ אַ כ אָ ל י ם).

מבין (מ יי וו ן) — זאַך=קענער; דער וואָס פאַרשטייט. מערצאָל: מבינים
(מ ע וו י נ י ם). מבינות (מ ע וו י נ ע ס) — זאַך=קענטשאַפט; מבינות
זאָגן — אָפּשאַצן, זאָגן א מיינונג.

מבויש (מ ע וו ו י ע ש) — פאַרשעמט.

מבוסם (מ ע וו ו ס ע ם) — שיקערלעך.

מבטיח (מ אַ ו ט י ע ד) זיין — צוזאָגן, פאַרזיכערן.

מבקר חולה (מ ע וו אַ ק ע ר = כ ו י ל ע) זיין — באַזוכן א קראַנקן.

מגולגל (מ ע ג ו ל ג ל) ווערן — אַריין אין ווערעמען; באַצייט זיך אויף א נעשאָמע,
וואָס גייט אריין נאָכן טויט אין א צווייטן, לויט דער רעליגיעזער מיסטישער
פאָרשטעלונג.

מגיד (מ אַ ג י ד) — א פּרעדיקער. מערצאָל: מגידים (מ אַ ג י ד י ם).

מגילה (מ ע ג י ל ע) — ווערטלעך: די פּורים=דערציילונג.

מגלה (מ ע ג אַ ל ע) זיין — אנטפּלעקן, דערציילן.

מגע ומשא (מ אַ ג ע אַ ו מ אַ ס ע) — געשעפטן.

מדבריות (מ י ד ב אָ ר י ע ס) — מערצאָל פון מדבר (מ י ד ב ע ר) —
וויסטעניש.

מדרגה (מ אַ ד ר יי ג ע) — שטופע. מערצאָל: מדרגות (מ אַ ד ר יי ג ע ס).

מה דקאָמרי רביצין (מאַ דעקאָמרע רעביצין) — געמיינט: פאַר־שטייט גאָרנישט איינעם לערנען.

„מה טובו" — א טפילה.

מהומה (מעהומע) — געפילדער, גערודער, צעטומלעניש.

מהירות (מעהירעס) — שנעלקייט.

מהיכא־תיתי (מאַכטייסע) — זאָל זיין אזוי; ס'איז רעכט; פאַרוואָס דען ניישט! מיט פאַרגעניגן.

מהלך־רב (מעהאַלעך־ראַוו) — א גרויסע שטרעקע, א ווייטער וועג.

מודה (מוידע) געווען — אָנערקענט, געזאָגט דעם עמעס.

מודיע (מוידיע) זיין — מעלדן, געבן צו וויסן.

מוח (מויעך) — מאַרך; קאָפּ.

מוחל (מויכל) זיין — פאַרגעבן, שענקען; מוחל געווען **במחילה גמורה** (בימכילע גמורע) — אינגאַנצן פאַרגעבן. זייט מוחל — אַנטשולדיקט.

מוכר־תבואהניק (מויכער־טוועוניק) — א תבואה־הענדלער.

מוכר־ספרים (מויכער־ספאָרים) — ווערטלעך: א ביכער־פאַרקויפער. דאָ געמיינט: פסעוודאָנים פון גרויסן יידישן שרייבער מענדעלע מוכר־ספרים.

מולד (מוילעד) — געבורט פון דער לבנה. אָנהייב מאָנאַט.

מום (מום) — פעלער, דעפעקט, כעסאָרן.

מומחה (מומכע) — ספּעציאַליסט, זאַך־קענער, געניטער, עקספּערט.

מונח־אתנחתא (מונאַך עסנאַכטאָ) — א געוויסע נאָטע ביים לייענען די טוירע.

מוסר (מוסער) — שטראָף־רייד. מוסרן — שטראָפן, פּרעדיקן מאָראַל; **מוסר־ספרים** (מוסער־ספאָרים) — רעליגיעזע ביכער וועגן פרומקייט און מאָראַל; ביישפּיל.

מוסר־נפש (מויסער־נעפעש) געווען — זיך אָוועקגעבראַכט, זיך מאַקריב געווען.

מוסף (מוסעף) — טייל פון יאָנטעוודיקן דאַווענען. מוספל — צערטלעך זיך אויסגעדריקט.

מורא (מוירע) — שרעק; מוראדיקע — שרעקלעכע.

מופקרת (מופקערעס) — אויסגעלאַסענע.

מושוה (מושווע) געוואָרן — זיך אויסגעגליכט, דורכגעקומען.

מזומן (מעזומען) געלט — קאַסע געלט.

מזומן (מעזומען) בענטשן — א טפילה נאָכן עסן, וועלכע די רעליגיעזע יידן

זאָגן, אויב ביים עסן זענען פאראן נישט ווייניקער פון דריי דערוואקסענע מאנסלייט.

מזווג זיווגים (מעזאווע זיוויגים) — געמיינט: אויספירן שידוכים.

מזיק (מאזיק) — א געשיקטער, אַ בעריע. מערצאָל: מזיקים (מאזיקים).

מזכיר (מאזקיר) זיין — דערמאָנען.

מזל (מאזל) — שיקזאַל; באשערטקייט; גליק; מאראָכע.

מזל־טוב (מאזל־טאָוו) — ווערטלעך: גרויס גליק. א ווונטש־פאָרמולע.

מזרח (מיזרעד) — די זייט פון וואנען די זון גייט אויף; א שטאָט אין מיזרעד־וואנט — אן אָרט צום זיצן אין בעסמעדרעש ביי דער מיזרעד־וואַנט.

מחבר (מעכאַבער) — פארפאסער, אויטאָר.

מחויב (מעכויעוו) — פארפליכטעט.

מחותן (מעכוטן). מערצאָל: מחותנים (מעכוטאָנים) — גאָר נאָענטע מענטשן; די עלטערן און גאָר נאָענטע פון מאן און ווייב זענען צווישן זיך מעכוטאָנים.

מחזקה (מאכזאָקע). מערצאָל: מחזקות (מאַכזאָקעס) — באַציונג.

מחיה (מיכיע) — אויסהאלטונג, פארגאָסע, לייזעכץ.

מחיה נפשות (מעכאיע נעפאָשעס) — פארגעניגן, דערקוויקונג.

מחייב (מעכאיעוו). דער שכל איז מחייב — אזוי איז לויט דער לאָגיק.

מחילה (מעכילע) — פארגעבונג, אנטשולדיקט; געבעטן מחילה — געבעטן אנטשולדיקונג.

מחיצה (מעכיצע) — א שייד־וואנט.

מחלוקת (מאכלויקעס) — קריגעריי.

מחמת (מאכמעס) — ווייל.

מחנה (מאַכנע) — א גרויסע גרופע. מערצאָל: מחנות (מאַכנעס). מחנות־ווייז — משאַטעסווייז.

מחשבה (מאַכשאָווע) — געדאנק. מערצאָל: מחשבות (מאכשאָוועס).

מיטה (מיטע) — טראָג־בעטל פאר א טויטן.

מיאוס (מיעס) — העסלעך; לאנגווייליק.

מי יודע (מי יוידייע) — ווער ווייסט.

„מי שברך“ (מי שעבייִרעך) — ווערטלעך: ווער ס׳האָט געבענטשט — ערשטע ווערטער פון א בראָכע פאר דעם אויפגערופטן צו דער טוירע. א „מי שברך“ אין סארקאסטישן זין: אויסזידלען.

מידה (מ י ד ע). מערצאָל: מידות (מ י ד ע ס) — איינגעשאַפטן, זיטן.

מיוחס (מ ע י ו כ ע ס) — דער וואָס שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע; אַ פּריווילעגירטער; פּאַרריסענער; דאָ: הויפּט־העלד: „גישט סטעמפּעניו אַליין איז דאָ דער גאַנצער מעיוכעס". מערצאָל: מיוחסים (מ ע י ו כ אָ ס י ם).

מיוחסת (מ ע י ו כ ע ס ע ס) — אַ פרוי פון ייכעס. מערצאָל: מיוחסטעס.

מיישב (מ ע י א ש ע ו) זיך זיין — באַראַטן זיך מיט עמעצן; זיך באַטראַכטן, באַקלערן.

מילא (מ י י ל ע) — נו, זאָל זיין.

מין (מ י ן) — סאָרט. מערצאָל: מינים (מ י נ י ם).

מיני (מ י נ יי) גיעזאַנגען — סאָרטן געזאַנגען.

מיתה משונה (מ י ס ע מ ע ש ו נ ע) — אומגעווייגליכער, אויסטערלישער טויט.

מיתה מהומה (מ י ס ע מ ע ה ו מ ע) — פאַרגרייזט פון וואָרט מיתה־משונה; אַ שעלט־וואָרט.

מכבד (מ ע כ א ב ע ד) געווען — דאָ: דערלאַנגט.

מכה (מ אַ ק ע) — בלאָטער, געשוויר. מערצאָל: מכות (מ א ק ע ס). מכות האָט ער געגעסן — ער האָט אַ קרענק געגעסן.

מכוח (מ י ק ו י ע ד) — וועגן.

מכל־שכן (מ י ק אָ ל ש י ק ן) — שוין אָפגערעדט דערפון; אויף געוויס; אַוודע.

„מכלכל" (מ ע כ א ל ק ל) — נאָמען פון אַ געבעט.

מכשפה (מ א כ ש יי פ ע) — וועדמלער: צייבערין, קישעף־מאַכערין. דאָ געמיינט: בייזע, שלעכטע פרוי. מערצאָל: מכשפות (מ א כ ש יי פ ע ס).

מלאך (מ א ל ע ד) — מערצאָל: מלאכים (מ א ל אָ כ י ם).

מלאך המות (מ א ל ע ד ה א מ אָ ו ע ס) — דער מאַלעך פון טויט.

מלאכי חבלה (מ א ל א כ ע כ אַ ב אָ ל ע) — צעשטערער, בייזע מאַלאָכים.

מלאכי השרת (מ א ל א כ ע ה א ש אָ ר ע ס) — מאַלאָכים, וואָס באַדינען גאָט.

„מלאכים המוני מעלה" (מ אַ ל אָ כ י ם ה א מ ו י נ יי מ א ל אָ) — נאָמען פון אַ געבעט.

מלאכה (מ ע ל אָ כ ע) — אַרבעט, פאַך, פּראָפעסיע, באַשעפטיקונג. געמלאכהט — געקינצלט. מערצאָל: מלאכות (מ ע ל אָ כ ע ס). שטוב־מלאכות — שטוב־אַרבעטן,ווירטשאַפט.

מלא־רציחה (מ אָ ל ע ר ע צ י כ ע) — שטאַרק אויפגערעגט, אויפגעבראַכט.

מלבוש (מ א ל ב ע ש) — קלייד. מערצאָל: מלבושים (מ א ל ב ו ש י ם).

מלווה (מעלאַווע) זײַן — אַרויסבאַגלייטן.

מלווה־מלכּה (מעלאַווע=מאַלקע) — דער מאָלצײַט, וואָס רעליגיעזע ייִדן פּראַווען שאַבעס־צונאַכטס.

מלומדת (מעלומעדעס) — אַ וווילקענעוודיקע.

מלבוש (מעלבעש) — באַקלייד.

מלחמה (מילכאָמע) — דאָ: קאַמף, אַמפּערײַ.

מליצה (מעליצע) — געקינצלטע שפּראַך.

מליץ־יושר (מייליץ=יוישער) — פֿאַרטיידיקער, באַשיצער.

„מלך" (מײַלעך) איבער אַלע מלכים" (מעלאָכים) — ווערטלעך: קעניג איבער אַלע קעניגן. מלכּה (מאַלקע) — קעניגין.

„מלך־עליון" (מײַלעך=עליוין) — נאָמען פֿון אַ געבעט.

מלמד (מעלאַמעד) — לערער פֿון ייִדישע רעליגיעזע לימודים אין כּיידער און יעשיווע.

ממה־נפשך (מימאָנעפּשעך) — אָדער־אָדער, איינס פֿון די ביידע, סײַ־ווי, אונטער יעדן פֿאַל.

ממון־קרח (מאָמען=קוירעך) — געמיינט: שטאַרק רײַך.

ממזר (מאַמזער) — ווערטלעך: אַן אומגעזעצלעך קינד לויטן רעליגיעזן געזעץ. מעטאַפֿאָריש: כיטרער, דורכגעטריבענער מענטש; מינדערווערטיקער.

ממילא (מימײלע) — פֿון זיך אַליין, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך.

ממיתן (מײמיסן) — שטאַרק שלאָגן.

„ממקומך" (מימקוימכאָ) — נאָמען פֿון אַ געבעט.

ממש (מאַמעש) — פּאַקטיש, ווירקלעך, טאַקע, בוכשטעבלעך.

מן־הצד (מין=האַצאַר) — פֿון דער זײַט.

מן־הסתם (מין=האַסטאַם) — מיסטאָמע.

מנהג (מינעג) — אײַנפֿיר, שטייגער, טראַדיציע. מערצאָל: מנהגים (מינ=האָגים). מנהג־העולם (מינהעג=האָאוילעם) — ווי די וועלט פֿירט זיך.

מנורה (מענוירע) — אַ לײַכטער מיט רערן.

מנחה (מינכע) — דאָס פֿאַרנאַכטיקע דאַווענען.

מנין (מיניען) — די צאָל פֿון ווייניקסטנס צען דערוואַקסענע ייִדן, וואָס דאַווע־נען צוזאַמען. מערצאָל: מנינים (מיניאָנים). דער אַנדערער מנין — דער ערשטער מנין פֿלעגט געוויינלעך דאַווענען גאַנץ פֿרי, שפּעטער — אַ צווייטער מנין אַזוי.

מנינים (מ י נ י אָ נ י ם) — דאָ: ערטער צום דאווענען אין פּריוואַטע הייזער.

מניעה (מ ע נ י ע) — שטערונג, אָפּהאַלט.

מסוגל (מ ע ס ו ג ל) — צוגעפּאַסט; פעיק.

מסוכן (מ ע ס ו ק ן) — געפערלעך.

מסחר (מ י ס כ ע ר) — האַנדל, געשעפט, קאָמערץ.

מסירת־נפש (מ ע ס י ר ע ס ־ נ ע פ ע ש) — זעלבסטאויפאָפּפערונג. דאָס שטעלן דאָס לעבן אין אַ געפאַר.

מסכים (מ אַ ס קי ם) זיין — איינשטימיק זיין, באַשטיין, נאָכגעבן.

מסרן (מ אַ ס ע ר ן) — צוטראָגן, אָנקלאָגן, דענונצירן.

מסתמא (מ י ס ט אָ מ ע) — וואָרשיינלעך, געווים.

מעביר (מ אַ ווע ר) זיין די סדרה (ס ע ד ר ע) — דאָס לייענען די סעדרע מיטן באַשטימטן ניגן.

מעלה (מ יי ל ע) — גוטע אייגנשאַפט. מערצאָל: מעלות (מ יי ל ע ס).

מענה־לשון (מ יי נ ע ־ ל אָ ש ן) — דאָ געמיינט: אַ זאַמלונג פון ספּעציעלע פרויען־געבעטן.

מערב (מ אַ ר ע ו)־זייט — די זייט, וווּ די זון זעצט זיך.

מערכה (מ אַ ר אָ כ ע) — מאַזל, גליק, גוטער צופאַל, צוגעטראָפן.

מעת־לעת (מ ע ס ל ע ס) — אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

מערכה (מאַראָכע) — מאַזל, גליק, גוטער צופאַל, צוגעטראָפן.

מעשה (מ יי ס ע, מ אַ נ ס ע) — פּאַסירונג, געשעעניש; מעשה־נורא (מ יי ־ ס ע ־ נ ו י ר ע) — אַ שרעקלעכע געשיכטע; מעשה־פלא (פּ ע ל ע) — וווּנדערלעכע געשיכטע; גאָר קיין מעשה נישט — ס'איז נישט צום איבערגעבן, צום דערציילן; זיך אָנטאָן אַ מעשה — זיך נעמען דאָס לעבן; מעשה־מענטש — לייטיש; מעשה־שפּאַציר — ווי שפּאַצירנדיק.

מעשה־שטן (מ יי ס ע ־ ס אָ ט ן) — דאָ: אויף צולאָכעס.

מעשים (מ יי ס י ם, מ אַ נ ס י ם) — טאַטן; מעשים־טובים (מ יי ס י ם ־ ט ו י ווי ם) — גוטע טאַטן; ער אַרבעט מעשים — ער באַמיט זיך שטאַרק, מאַכט אָנשטרענגונגען, קערט וועלטן.

מפיל (מ אַ פּ ל) זיין — נישט אויסטראָגן דאָס קינד, געבוירן אַ טויטס.

מפקיר (מ אַ פּ ק י ר) זיין — אַוועקוואַרפן, איבערלאָזן אויף הפקר, אויף גאָטס באַראָט; מפקיר זיך זיין — איינשטעלן דאָס לעבן.

מציאה (מ ע צ י ע) — געפונענע זאך; ביליק געקויפטע זאך. מערצאָל: מציאות (מ ע צ י ע ם); מציאה=גדולה (ג ע ד ו י ל ע) — גאָר א גרויסע מעציע; א כשרע (קאָ ש ע ר ע) מציאה — איראָניש: ס'האָט נישט קיין גרויסן ווערט.

מצבה (מ א צ יי ו ע) — אָנדערונג=שטיין אויף א קייווער. איראָניש: האָם פּאָנעם, העך אָנבליק.

מצווה (מ י צ ו ו ע) — ווילטאט; א רעליגיעז געבאָט. פּאַרדינט א מיצווע — דערפילט א רעליגיעז געבאָט. מערצאָל: מצוות (מ י צ ו ו ע ם).

מציל (מ אַ צ י ל) געווען — אָפּגעראטעוועט.

מקבל (מ ע ק אַ ב ל) געווען אויף זיך — גענומען אויף זיך, זיך פארפליכטעט.

מקבל (מ ע ק אַ ב ל) געווען — באקומען, דערהאלטן.

מקבל=פּנים (מ ע ק אַ ב ל = פּ אָ נ ע ם) זיין — באגעגענען, אויפנעמען, באגריסן. מקבל=פּנים (מ ע ק אַ ב ל = פּ אָ נ ע ם) די מלאכי=השרת (מ א ל א כ ע = ה א ש אָ ר ע ם) און זענען זיי מלוה (מ ע ל א ו ו ע) — געמיינט: מיט אווא טפילע.

מקום (מ אָ ק ע ם) — אָרט. דאָ: געגנט, פּראָווינץ. מערצאָל: מקומות (מ ע = ק ו י מ ע ם). מקום קדוש (ק אָ ד ע ש) — הייליק אָרט, ווי א בעסמעדרעש, א שול.

מקובלים (מ ע ק ו ב אָ ל י ם) — מיסטיקער, קאבאליסטן, וואָס פארנעמען זיך מיט קאַבאָלע.

מקח (מ ע ק ע ך) — פּרייז.

מקיים (מ ע ק א י ע ם) זיין — אויספירן, דערפילן.

מקנא (מ ע ק אַ נ ע) זיין — נישט פארגינען; וועלן זיין אין יענעמס לאגע.

מקרב (מ ע ק א ר ע ו) זיין — דערנענטערן, פּראָטעזשירן.

מראה (מ א ר ע) — אויסזען.

מרה=שחורה (מ אָ ר ע = ש כ ו י ר ע) — דערשלאָגנקייט, טרויער, אומעט.

מרוצה (מ ע ר ו צ ע) ווערן — איינוויליקן, מאסקים זיין.

מרחץ (מ ע ר כ ע ץ) — באָד.

מרעיש=עולם (מ א ר י ש = א ו י ל ע ם) זיין — געמיינט: ס'זאָל מיט אים קלינגען די וועלט.

משא כבידה (מ א ס ע ק ו ו יי ד ע) — שווערע לאסט.

משוגע (מ ע ש ו ג ע) — צעמישט, דול. מערצאָל: משוגעים (מ ע ש ו ג אָ י ם).

משוגעת (מ ע ש ו ג א ס) — צעדולטקייט.

משולחת (מ ע ש ו ל א כ א ס) — אָנשיקעניש, שלאַק.

משונה (מ ע ש ו נ ע) — מאָדנע; משונה־ווילד — אויסטערליש ווילד; משונה תנועות (ט נ ו ע ס) — מאָדנע מינעס, אָנשטעלן.

משורר (מ ע ש ו י ר ע ר) — זינגער; כאָריסט. מערצאָל: משוררים (מ ע ש אָ־ ר ו ר י ם).

משוררות (מ ע ש אָ ר ע ר ע ס) — דאָס פאַך פון מעשוירער.

משיח (מ אָ ש י ע ך) — ווערטלעך: דער געזאַלבטער, דער דערלייזער, וואָס וועט, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג, אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק; וואַרטן ביז מאָשיעך וועט קומען — וואַרטן ביז אייביק, זיך נישט דערוואַרטנדיק.

משכון (מ א ש ק ן) — פאַרזעצטע זאַך. מערצאָל: משכונות (מ א ש ק אָ נ ע ס). פאַרמשכונט — פאַרזעצט. משכונט — דאָס פאַרנעמען זיך מיט נעמען פאַרזעצטע זאַכן אויף פּראָצענט.

משכיל (מ א ס ק י ל) — אויפגעקלערטער.

משלח (מ ע ש אַ ל י י ע ך) זיין — געבן דעם וועג, אַוועקשיקן, אַוועקפּאַטערן.

משפחה (מ י ש פּ אָ כ ע) — פאַמיליע, קרויווישאַפט, מערצאָל: משפחות (מ י ש פּ אָ כ ע ס).

משל (מ אָ ש ל) — דאָ: פאַרגלייך, מערצאָל: משלים (מ ע ש אָ ל י ם).

משמח (מ ע ס אַ מ יי ע ך) זיין — פריילעך מאַכן; משמח חתן עם הכלה (מ ע ס אַ מ יי ע ך כ אָ ס ן אי ם ה א ק אַ ל ע) ווערטלעך: וואָס מאַכט פריילעך דעם כאָסן מיט דער קאַלע.

משרת (מ ע ש אָ ר ע ס) — באַדינער. מערצאָל: משרתים (מ ע ש אָ ר ס י ם); משרתל (מ ע ש אָ ר ע ס ל) — שיק־ייִנגל.

משקה (מ א ש ק ע) — געטראַנק פון בראָנפן, וויין און דאָס גלייכן.

מתיקות (מ ס י ק ע ס) — זיסקייט, פאַרגעניגן

מת (מ ע ס) — טויטער. באַרמינאַן. מערצאָל: מתים (מ יי ס י ם).

מתמיד (מ א ס מ י ד) — פלייסיקער.

מתנה (מ א ט אָ נ ע) — געשאַנק, פּרעזענט. מערצאָל: מתנות (מ א ט אָ נ ע ס).

מתפלל (מ י ס פּ א ל ע ל) זיין — דאַווענען.

נ.

נאמנות (נ ע מ אָ נ ע ס) — אויפֿן וואָרט, אויפֿן ערן־וואָרט.

נבהל ונשתומם (נ י ו ו ל וו ע נ י ש ט ו י מ ע ם) — דערשראָקן און פֿאַרוווּנדערט; שטאַרק איבערראַשט.

נביא — זע: פּראָפֿעט.

נבלה (נ ע ו ו י י ל ע) — געפֿייגערט באַשעפֿעניש; העסלעכער, געמיינער מענטש.

נגיד (נ אָ ג י ד) — רייכער מענטש. מערצאָל: נגידים (נ ע ג י ד י ם). נגידית (נ ע ג י ד ע ס) — רייכע פֿרוי.

נגינה (נ ע ג י נ ע) — געזאַנג.

נדבה (נ ע ד אָ ו ו ע) — געלט־געשאַנק אָן אָרעמאַן. מערצאָל: נדבות (נ ע ד אָ־ ו ו ע ס).

נדן (נ ד ן) — דאָס געלט, וואָס דער כּלה באַקומט פֿון דער קאַלעס עלטערן.

נדר (נ יי ד ע ר) — רעליגיעזע זעלבסט־פֿאַרפֿליכטונג. מערצאָל: נדרים (נ ע ד אָ ר י ם).

נהרג על פחות משוה פרוטה (נ ע ה ע ר ע ג אַ ל פּ אָ כ ע ס מ י ש אָ ו ו ע פּ ר ו ט ע) — אַ מענטש, וואָס איז גרייט זיך לאָזן האַרגענען איבער אַ זאַך, וואָס איז קיין גראָשן נישט ווערט.

נוגע (נ ו י ג י י ע) — באַטרעפֿט, באַרירט, אָנגיין.

נוהג (נ ו י ע ג) זיין זיך — זיך פֿירן.

נוסח (נ ו ס ע ך) — סטיל. זע: טראַדיציאָנעלע מעלאָדיע.

נוקם (נ ו י ק ע ם) זיין — זיך אָפּרעכענען, נעמען נקמה.

נושא־חן (נ ו י ס ע־כ יי ן) זיין — געפֿעלן ווערן.

נחלה (נ אַ כ ל ע) — אייגנטום.

נחמה (נ ע כ אָ מ ע) — טרייסט.

נחת (נ אַ כ ע ס) — האַנאָע, גליק, פֿרייד.

נחת־רוח (נ אַ כ ע ס־ר ו ע ך) — גייסטיקער פֿאַרגעניגן.

ניגון (נ י ג ן) — מעלאָדיע. מערצאָל: ניגונים (נ י ג ו נ י ם).

ניחא (נ י כ ע) — זיין אָנגעלייגט, אָנגענעם, צום האַרצן; רעכט.

נמאס (נ י מ ע ס) ווערן — דערעסן, פֿאַרמיעסט ווערן. נמאס ומאוס (נ י מ ע ס או מ אָ ע ס) — שטאַרק פֿאַרהאַסט, עקלדיק.

ניצול (נ י צ ל) ווערן — געראַטעוועט ווערן.

נישקשה (נ י ש ק אָ ש ע) — נישט שלעכט; נישט געזאָגט; ס'מאַכט נישט אויס.

נס (נ ע ס) — וווּנדער. מערצאָל: **נסים** (נ י ס י ם). **נסים ונפלאות** (נ י ס י ם ו ע נ י פ ל אָ ע ס) — וווּנדער איבער וווּנדער.

נסיעה (נ ע ס י ע) — רייזע.

נע=ונד (נ א ו ו ע נ א ד) — וואָגל; ניט האָבן קיין באַשטענדיק אָרט.

„נעילה“ (נ י ל ע) — פאַרנאַכטיקע יאָנקיפּערדיקע טפילע.

נפלאה (נ י פ ל אָ ע) — וווּנדערלעכע; אויסטערלישע.

נפקא=מינה (נ אַ פ ק ע = מ י נ ע) — אונטערשייד.

נפש (נ ע פ ע ש) — מענטשלעך באַשעפעניש; פאַרשוינדל. מערצאָל: **נפשות** (נ ע פ א ש ע ס). **נפש=אחת** (נ ע פ ע ש = א כ ע ס) — איין וועזן, איין נעשאָמע.

נקבה (נ ע ק ײ ו ע) — פרוי, פרויענצימער. מערצאָל: **נקבות** (נ ע ק ײ ו ע ס).

„נקדישך“ (נ א ק ד י ש אָ ד) — נאָמען פון א טפילע.

נשמה (נעשאָמע).

נתפעל (נ י ס פ אָ ע ל) ווערן — אנטציקט ווערן, איבערראַשט ווערן.

ס.

סביבה (ס ו ו י ו ו ע) — געגנט; מיליע, מענטשלעכע אַרומרינגלונג.

סברה (ס ו ו אָ ר ע) — מיינונג, געדאַנק. מערצאָל: **סברות** (ס ו ו אָ ר ע ס).

סגולה (ס ג ו ל ע) — מיטל, היילונג. מערצאָל: **סגולות** (ס ג ו ל ע ס).

סדר (ס ײ ד ע ר) — א אָרדענונג.

סדרה (ס ע ד ר ע) — אָפּטייל פון כומעש.

סובל (ס ו י ו ו ע ל) זיין — ליידן, פאַרטראָגן, דולדן, מאַלערירן.

סוד (ס אָ ד) — געהיימעניש. מערצאָל: **סודות** (ס ו י ד ע ס). זיך געסודעט — געשושקעט, גערעדט שטיל אויפן אויער.

סוחר (ס ו י כ ע ר) — הענדלער, קרעמער, האַנדלסמאַן, קאָמערסאַנט. מערצאָל: סוחרים (ס אָ כ ר י ם).

סוכה (ס ו ק ע) — א מין ביידל, אין וועלכן פרומע יידן עסן אינעם יאָנטעוו סוקעס. מערצאָל: **סוכות** (ס ו ק ע ס).

סוף (ס אָ ף) — ענדע, שלוס.

סחורה (ס כ ו י ר ע) — שטאָף; האַנדלס=קעגנשטאַנד. ווערט אויך באַנוצט אין איראָנישן זין: א וואַזשנע סכוירע.

סיבה (ס י ב ע) — אורזאַך. מערצאָל: סיבות (ס י ב ע ס).

סידור (ס י ד ע ר) — געבעט־בוך. מערצאָל: סידורים (ס י ד ו ר י ם).

סיום (ס י ע ם) — דאָס פאַרענדיקן; די פײַערונג, וואָס ס׳מאַכן רעליגיעזע ייִדן, ווען זיי פאַרענדיקן אַ טייל פון טאַלמוד.

סימן (ס י מ ע ן) — צייכן. מערצאָל: סימנים (ס י מ אָ נ י ם).

סך (ס א ך) — אַ גרעסערע צאָל. סך־הכל (ס א ך ־ ה א ק ל) — די לעצטע סומע, די אונטערשטע שורע.

סכך (ס כ א ך) דאָס, מיט וועלכן די סוכּע ווערט צוגעדעקט.

סכנה (ס א ק אָ נ ע) — געפאַר. מערצאָל: סכנות (ס א ק אָ נ ע ס). סכנות־נפשות (ס א ק אָ נ ע ס ־ נ ע פ אָ ש ע ס) — לעבנס־געפערלעך.

סליחות (ס ל י כ ע ס) — אויסלכע שפּילעס.

סם (ס א ם) — גיפט; סם־המות (ס א ם ה א מ אָ ו ו ע ס) — געפערלעכער גיפט; ביטער.

סעודה (ס ו ד ע) — פייערלעכער מאָלצייט. מערצאָל: סעודות (ס ו ד ע ס).

ספורי־מעשיות (ס י פ ו ר י ־ מ י י ס ע ס) — געשיכטן, פאַנטאַסטישע דערציילונגען.

ספק (ס אָ פ ע ק) — אומזיכער; צווייפל. מערצאָל: ספקות (ס פ י י ק ע ס).

ספר (ס י י פ ע ר) — בוך מיט ייִדיש־רעליגיעזן אינהאַלט; געמיינט אויך די תּורע. מערצאָל: ספרים (ס פ אָ ר י ם).

ע.

עבד־כנעני (ע ו ו ע ד ־ ק נ אַ נ י) — אייביקער קנעכט.

„עבודה“ — אָפּטייל פון יאַנקיפּעדיקן דאַווענען; אַ הייליקע אַרבעט.

עבירה (א ו ו י י ר ע) — זינד, פאַרברעכן; אַ שאָד. מערצאָל: עבירות (א ו ו י י ר ע ס).

עגמת־נפש (א ג מ ע ס ־ נ ע פ ע ש) — האַרצווייטיק, פאַרדרוס.

עד־היום (א ד ־ ה א י ע ם) — ביזן היינטיקן טאָג.

עדה (א י י ד ע) ייִדן — אַ גרופּע ייִדן.

„עוד יזכור לנו“ (א ו י ד י י ז ק ע ר ל אָ נ ו) — אַ טפילע.

עובדא (א י ו ו ד ע) — באַשעפטיקונג, מעשׂה.

עוולה (אַוולע) — אומרעכט, אומגערעכטיקייט, קריוודע. מערצאָל: עוולות (אַוולעס).

עול (אָל) — יאָך, לאַסט, שווערע פליכט.

עולם (אוילעם) — געזעלשאַפט; פובליקום; פאַרזאַמלטע מענטשן; אויף דעם עולם — געמיינט: אויף דער ווירקלעכער וועלט. עולמות (אוילעמעס) — וועלטן. עולם־הבא (אוילעם־האַבע) — „יענע וועלט“, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג. עולם הדמיון (אוילעם האַדימיען) — פאַנטאַסטישע וועלט. עולם־התוהו (אוילעם האַטויהו) — כאַאָס, כאַאָטישע וועלט. עולם־התוהוניק — לויט דער אַבערגלויבערישער פאָרשטעלונג — אַן אַרומבלאָנדזשענדיקע נעשאָמע.

עינג־שבת (אוינעג־שאַבעס) — שאַבעס־פאַרגעניגן.

עוף (אָף) — דאָס: אַ הון. מערצאָל: עופות (אויפעס).

עושר (אוישער) — עושר; דאָס: רייכקייט.

עזות (אַזעס) — געזוואַגטקייט, אומפאַרשעמטקייט, פרעכקייט. עזות־פנים (אַזעס־פּאָנים) — פרעכער, אומפאַרשעמטער.

עין־הרע (איינהאָרע) — בייז, שלעכט אויג, אָרער ווי דאָס פאָלק דריקט זיך אויס: „גוט אויג“.

עיפוש (איפּעש) — שמוץ, אומריינקייט.

עיקר (איקער) — הויפּט־זאַך, דאָס וויכטיקסטע.

עכברושים (אַכבערוישים) — לאָבוסעס, שאָדן־מאַכערס.

על אפם ועל חמתם (אַל אַפּאָם וועאַל כאַמאָסאָם) — קעגן זייער ווילן.

על־חטא (אַל־כעט) — אַ טפילע.

על־כל־פנים (אַל־קאָל־פּאָנעם) — אויף יעדן פאַל; סיי ווי; ווייניקסטנס.

על כרחם (אַל־קאָרכאָם) — מיט געוואַלד, געצוווּנגענערהייט.

על פי (אַל־פּי) — לויט, דורך.

על־פי־דין (אַל־פּי־דין) — לויטן רעליגיעזן געזעץ.

על־פי־דרך־הטבע (אַל־פּי־דערעך־האַטעווע) — אויפן נאַטירלעכן שטייגער.

על־פי־טעות (אַל־פּי־טאָעס) — דורך אַ פאַרזען.

על־פי־יושר (אַל־פּי־יוישער) — לויט גערעכטיקייט, לויט מענטשלעכקייט.

על־פי־מקרה (אַל־פּי־מיקרע) — צופעליק, דורך אַ צופאַל.

על־רגל־אחת (אַל־רעגל־אַכאַס) — אויף איין פוס, שנעל.

עליה (אַליִע) — דאָס אויפרופן צו דער תּורה.

עליו השלום (אָלאָו האַשאָלעם) — אַ צושפּרוך, וואָס רעליגיעזע ייִדן באַנוצן, ווען מע רעדט וועגן אַ פאַרשטאָרבענעם מאַנסביל. עליה השלום (אָלעאָ האַשאָלעם) — וועגן אַ פרוי.

עמוד (אָמעד) — אַ שטענדער, בײַ וועלכן ס'דאַוונט דער חזן.

עני ואביון (אָני וועעוויען) — אַ גרויסער אָרעמאַן.

ענין (איניען) — אָנגעלעגנהייט; זאַך; פּראָבלעם; פראַגע; אינטערעס. מערצאָל: ענינים (איניאָנים).

ענין־בעלי־הבתּישקייט (איניען־באַלעבאַטישקייט) — ווירטשאַפטס־פראַגן.

ענין־הנגינה (איניען־האַנגינע) — וואָס געהער זיך אָן מיטן געזאַנג.

ענין־החזנות (איניען כאַזאָנעס) — די פראַגע וועגן כאַזאָנעס.

עסק (אייסעק) — וועזן; געשעפט, אונטערנעמונג. מערצאָל: עסקים (איסאָקים).

עיסקאַ (איסקע) — פּראָצענט.

עצה (אייצע) — ראָט; אויסוועג. מערצאָל: עצות (אייצעס).

עקרה (אַקאָרע) — קינדערלאָזע פרוי.

עקשנות (אַקשאָנעס) — אײַנגעשפּאַרטקייט; פאַרעקשנט — אײַנגעשפּאַרט.

ערב (ערעוו) — אַ טאָג פריער.

ערך (ערעך) — דורכשניטלעך, דורכשניטלעכע צאָל; — אָן אַ שיער און אָן ערעך — זייער אַ סך.

ערל (אָרל) — אַ פּויער. מערצאָל: ערלים (אַרײלים).

עשירות (אַשירעס) — רײַכקייט.

עשו (אייסעוו) — באַצייכענונג פון אַ נישט־ייִדן (שאָוויניסטישער אויסדרוק); זידל־וואָרט, געמיינט: שלעכטער, בייזער מענטש; נאָמען פונעם אורפאָטער יאַנקעווס ברודער.

פּ.

פאה (פּייע) — דאָס האָר־קרייזל, וואָס רעליגיעזע ייִדן לאָזן וואַקסן לעבן אויער אויף דער באַק. מערצאָל: פאות (פּייעס). ס'ליגט אים אין דער לינקער פּייע — ס'אינטערעסירט אים נישט.

פגירה (פ ע ג י ר ע) — א שוואכע, קראנקע בעהיימע; א פויל פערד. מערצאָל:
פגירות (פ ע ג י ר ע ס). א טויט; מאכן זיך ווי געפייגערט — מאכן זיך, ווי מע ווייסט פון גאָרנישט. פייגערט נאָך א גראָשן — קומט אום פאר א גראָשן.

פגר (פ יי ג ע ר) — א טויטע בעהיימע, פערד און דאָסגלייכן; פגירע.

פדיון (פ י ד י ע ן) — לייזעכיץ; דאָס געלט, וואָס מע פלעגט געבן א גוטן־ייִדן. מערצאָל: פדיונות (פ י ד י ו י נ ע ס).

פה־קדוש (פ ע ־ ק אָ ד ו ע ש) — מיט א פה־קדוש — דאָ געמיינט: מיט דער עמעסער שפראך.

פוטיפרע (פ ו י ט י פ ע ר ע) — א געשטאַלט פון דער ביבל; א זינדיקע פרוי.

פוסק (פ ו י ס ע ק) — אויטאָריטעט, וואָס אנטשיידט אין רעליגיעזע פראגן.

פועלן (פ ו י ע ל ן) — אויסווירקן, אויספירן, דערגרייכן.

פורים (פ ו ר י ם) — נאָמען פון א יאָנטעוו.

פורעניות (פ ו ר אָ נ י ע ס) — בראָך, פלאָג, שלאק, אָנשיקעניש.

פחד (פ א כ ע ד) — שרעק, מערצאָל: פחדים (פ כ אָ ד י ם).

פטור (פ אָ ט ו ע ר) ווערן — פריי ווערן, זיך אָפּטשעפּן.

פטרן (פ א ט ע ר ן) — זיך באפרייען; איבערפירן, קאליע־מאכן.

פלוניתטע (פ ל ו י נ י ס ט ע) — ווייב.

פנים (פ אָ נ ע ם) — געזיכט; אויסזען. מערצאָל: פנימער (פ ע נ י מ ע ר).

פנים־אל־פנים (פ אָ נ ע ם ־ ע ל ־ פ אָ נ ע ם) — פּערזענלעך.

פסול (פ אָ ס ל) — וואָס מע טאָר נישט באנוצן לויטן רעליגיעזן געזעץ; וואָס איז נישט צום באנוצן.

פסוק (פ אָ ס ו ע ק) — די ביבל; זאַץ פון דער ביבל. ווי אין פסוק שטייט — ווי ס'דאַרף צו זיין.

פסח (פ יי ס ע ך) — נאָמען פון דעם פרילינג־יאָנטעוו, וואָס פרומע ייִדן פייערן צום אָנדענק פון באפרייט ווערן פון דער שקלאַפעריי אין עגיפטן.

פסק (פ ס א ק) — אורטייל; אָפּשניט; שטראָף.

פסקענען (פ א ס ק ע נ ע ן) — אורטיילן, אנטשיידן.

פרוכת (פ אָ ר ו י כ ע ס) — דאָ: א טוך.

פרוש (פ אָ ר ע ש) — א ייִד, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון פאמיליען־לעבן און גיט זיך אָפּ נאָר מיט לערנען תּורה און דינען גאָט.

פרט (פ ר א ט) — קעגנזאַץ פון כּלל; הינזיכט.

פרי (פ יי ר ע) — פרוכט, אויפּס. מערצאָל: פרות (פ יי ר ע ס).

פּריץ (פּ אָ ר ע ץ) — גוטס־באַזיצער; האַר, באַלעבאָס; מעיוכעס. מערצאָל: פּריצים (פּ ר י צ י ם). פּריצה (פּ ר י צ ע) — ווייבלעכע פאָרם פון פּריץ. מערצאָל: פּריצות (פּ ר י צ ע ס).

פּרנסה (פּ אַ ר נ אָ ס ע) — דאָס פאַרדינען אויף אויסהאַלטונג, אויף עקזיסטענץ. מערצאָל: פּרנסות (פּ א ר נ אָ ס ע ס).

פּרק (פּיי ר ע ק) — דאָ געמיינט: דעם טאַלמודישן „אָוועס“.

פּרשה (פּ א ר ש ע) — קאַפּיטל פון כומעש.

פּשוט (פּ אָ ש ע ט) — איינפאַך, פּראָסט, געוויינלעך.

פּשט (פּ ש א ט) — קלאָרע אויסטייטשונג; זין.

צ.

צד (צ א ד) — זייט, אין הינזיכט פון קרויוועשאַפט; זיין אויף עמעצנס צאַד — האַלטן מיט יענעם, אָפּגעבן יענעם גערעכט. מערצאָל: צדדים (צ ד אָ ד י ם).

צדיק (צ אַ ד י ק) — ערלעכער, פרומער ייד; גוטער ייד. מערצאָל: צדיקים (צ א ד י ק י ם).

צדקה (צ ד אָ ק ע) — הילף פאַר אָרעמע; צדקה־פּושקע — א פּושקע, אין וועלכער מע וואַרפט אַריין נעדאָוועס.

„צדקה תציל ממות“ (צ ד אָ ק ע ט א צ י ל מ י מ אָ ו ע ס) — צדאָקע ראַטעוועט פון טויט.

צוואה (צ אַ וו אָ ע) — אָנזאָג פאַר שטאַרבן, טעסטאַמענט. מערצאָל: צוואות (צ א וו אָ ע ס).

צו־להכעיס (צ ו ־ ל אָ כ ע ס) — צום פאַרדרוס.

צורה (צ ו ר ע) — געזיכט, אויסזען, פאָרם; פּאָנעם.

צורר היהודים (צ ו י ר ע ר ־ ה א י ע ה ו ד י ם) — יידן־פיינט; אַנטיסעמיט.

ציצה (צ י צ ע) — דאָס פרענדזל פון א לייבצודעקל. מערצאָל: ציצית (צ י צ ע ס).

צניעות (צ נ י ע ס) — שעמעוודיקייט; קעגנזאַץ פון אויסגעלאַסנקייט.

צער (צ א ר) — פאַרדרוס, האַרצווייטיק. צער בעלי חיים! (צ א ר ב אַ ל ע כ א י ם) — ראַכמאָנעס אויף לעבעדיקע באַשעפעניש.

צרה (צ אָ ר ע) — אומגליק, ליידן; שלאַק. מערצאָל: צרות (צ אָ ר ע ס).

ק.

קבלה (קאַבאָלע) — מיסטישע יידישע לערע.

קבצן (קאַבצן) — בעטלער, גרויסער אָרעמאַן. מערצאָל: **קבצנים** (קאַבצאָ=ניִם).

קבר (קייווער) — גרוב פאַר א טויטן. ביזן קייווער אריין — ביזן טויט.

קדושה (קעדושע) — הייליקע טפילע.

קדוש, קדוש, קדוש (קאָדויש, קאָדויש, קאָדויש) — שפּרינגען ק.ק.ק. — ווען די האַזוענער זאָגן די ווערטער דריי מאָל, שפּרינגען זיי אונטער.

קדיש (קאדעש) — א טפילע נאָך א טויטן; א זון.

קדמונים (קאדמוינים) — גאָר אַלטע צייטן.

קדחת (קאדאָכעס) — —פיבער; א קרענק.

קהל (קאָהעל) — ד״אָ: די אָנפירונג פון דער יידישער רעליגיעזער געזעלשאַפט.

קודם=כל (קוידעם=קאָל) — צום אַלעם ערשטן, פריער פון אַלץ.

קול (קאָל) — שטים; ביי=קול — דיגע שטימע. **קול פון בת=היענה** (באַס=האיאנע) — א ווילד קאָל. **קולות** (קוילעס) — שטימען, קלאַנגען; געשרייען; **קולי=קולות** (קוילע=קוילעס) — גרויסע געוואַלדן, גרויסע געשרייען.

קונדס (קונדעס) — שטיפער. מערצאָל: **קונדסים** (קונדייסים).

קונה (קוינע) — קויפער, קליענט, קונה. מערצאָל: **קונים** (קוינים).

קונה=שם (קוינע=שעם) — באַרימט געוואָרן.

„קטורת, אשרי, שמונה עשרה“ — פאַרשידענע טפילעס.

קידוש (קידעש) — א טפילע פאַרן טרינקען וויין אָדער בראָנפן שאַבעס און יאָנטעוו. מאכן קידוש — זאָגן די דערמאָנטע טפילע און אויסטרינקען.

קליפה (קליפּע) — ד״אָ: נישט=גוטע, טייוול; שלעכטע פרוי. מערצאָל: **קליפות** (קליפּעס).

קללה (קלאָלע) — שעלט=וואָרט, שעלטונג. מערצאָל: **קללות** (קלאָלעס).

קנאה (קינע) — נישט=פאַרגינעריי.

קנס (קנאַס)=מאָל — מאָלצייט ביים שרייבן טנאָאים.

קרבן=עולה (קאָרבן=אוילע) — אָפּפער.

קרבן=מנחה=סידור (קאָרבן=מינכע=סידער) — נאָמען פון א סידער פאַר ווייבער.

קרוב (קאָרעוו) — פאַמיליע־מיטגליד. מערצאָל: קרובים (קרויווים).

קרוע־בלוע (קריע־בלוע) — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן.

קריאת־שמע (קרישמע) — א תפילע פאַרן לייגן זיך שלאָפן.

קרן (קערן) — גרונט־קאַפּיטאַל, גרונטייקום; פאַרמעגן.

קשיא (קאשע) — פראַגע. מערצאָל: קשיות (קאשעס). קלאָץ־קשיות — נאַרישע, אומגעלומפּערטע פראַגעס.

ר.

ראיה (ראיע) — באַווייז, מערצאָל: ראיות (ראיעס).

ראָש־השנה (ראָשעשאָנע) — נאָמען פון דעם יאָנטעוו, פון וועלכן רעליגיעזע יידן רעכענען ניי־יאָר.

ראָש־חודש (ראָש־כוידעש) — אָנהייב מאָנאַט. בענטשן ראָש־כוידעש — זאָגן געוויסע תפילעס אין שילכעס מיטן נייעם כוידעש.

ראשית (ריישעס) — ערשטנס.

רב (ראָוו) — מערצאָל: רבנים (ראַבאָנים).

רב (רעב) — א טיטל. פאַרקירצט — ר'.

רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — האר פון דער וועלט; גאָט.

רבי (רעבע) — לערער, מעלאַמעד פון א כיידער; גוטער־ייד.

רגילות (רעגילעס) — געוווינהייט.

רגע (רעגע) — ווײַלע. מערצאָל: רגעם (רעגעם).

רוגז (רוגעז) — פאַרדראָס; צאָרן, קאַס.

רוח (רועך) — טייוול. מערצאָל: רוחות (רוכעס).

רוחניות (רוכניעס) — גייסטיקייט; דער קעגנזאַץ פון גאַשמיעס; פיזישע שוואַכקייט.

רופא (רויפע) — פעלדשער.

רוצח (רויצייעך) — באַנדיט, שלעכטער מענטש. מערצאָל: רוצחים (ראָצכים).

רחל (ראָכל) — נאָמען פון א פרוי; ביבל־פערסאָנאַזש.

רחמנא־ליצלן (ראַכמאָנע ליצלאָן) — זאָל גאָט אויסהיטן, באַהיט גאָט.

רחמים (ראַכמים) — דערבאַרעמקייט, ראַכמאָנעס.

רחמנות (ראַכמאָנעס) — באַרעמהאַרציקייט; מיטגעפֿיל, מיטלייד;
רחמנות־פּנים (פּאָנעם) — נעבעכדיק אויסזען.

רח״ש (ראַכאַש) — דאָס געלט, וואָס מע גיט דעם ראָוו, כאַזן, שאַמעס. דאָ געמיינט: שאַדכאָנעס־געלט.

ריח (רייעך) — גערוך, אַראָמאַט. מערצאָל: ריחות (רייכעס).

רי״ש־אַלפים (רײשאַלאָפים) — צוויי הונדערט טויזנט.

רכילות (רעכילעס) — באַרעדעריי; רכילות־טרייבן — באַרעדן, פֿאַרשוואַרצן עמעצן.

רעיון (ראַיען) — געדאַנק. מערצאָל: רעיונות (ראַיױנעס).

רעש (ראַאַש) — גערודער, טומל, רויש, אויפֿרודערונג.

רפֿואה (רעפֿוע) — היילמיטל, רעצעפּט; היילונג. מערצאָל: רפֿואות (רעפֿועס).

רצון (ראָצן) — ווילן.

רציחה (רעציכע) — געוואַלד, אומרעכט. מלא (מאָלע) רעציכע — שרעקלעך אויפֿגעבראַכט.

רק (ראַק) — נאָר, בלויז; דורכאַנאַנד.

רשות (רעשוס) — באַזיץ; אויפֿזיכט.

ש.

„שאגת־ארי־קול“ (שאַגאַס־אַרי־קאָל) — אַ שטים פֿון אַ לייב.

„שאו ידיכם“ (סעאו־יעדייכעם) — אַ שפּילע ביים וואַשן זיך צום עסן.

שאול־תּחתּיה (שאָל־טאַכטיע) — גיהנום.

שאלה (שײלע) — פֿראַגע. מערצאָל: שאלות (שײלעס).

שבֿועה (שווּע) — דאָס שווערן. מערצאָל: שבֿועות (שווּעס).

שבֿועות (שווּעס) — נאָמען פֿון אַ יאָנטעוו.

שבח (שוואַך) — לויב, לויב־געזאַנג; קאָמפּלימענט. מערצאָל: שבֿחים (שוואָכים).

שבֿע ברכות (שעווע־בראָכעס) — זיבן בראָכעס, וואָס ווערן געזאָגט לויט מינהג אויף מאָרגן נאָך אַ כאַסענע ביים „שלייער־וואַרמעס“.

שבֿעה (שיווע)־זיצן — דאָס זיצן זיבן טעג אויף דר ערד נאָך אַ טויטן.

שבת (שאבעס) — מערצאָל: **שבתים** (שאַבאָסים). **שבת־קודש** (קוידעש) — דער הייליקער שאַבעס; **שבתדיק** — פייערלעך; „**שבתים**" באַשטעלן — געמיינט: באַשטעלן ווי צו דאַוונען שאַבעס אלס מאַן.

שבת־חזון (כאַזאָן) — איינער פון די וויכטיקע שאַבאָסים.

שבת־מלכתא (שאַבעס־מאַלקעסע) — די פּרינצעסין שאַבעס.

שד (שעד) — מערצאָל: **שדים** (שיידים) — טייוול, טייוולאָנים.

שדכן (שאַדכן) — דער פאַרמיטלער, וואָס פירט אויס שידוכים. מערצאָל: **שדכנים** (שאַדכאָנים); געשדכנט — געריידט אַ שידוך.

שדכנות (שאַדכאָנעס) — די פונקציע פון אַ שאַדכן; שדכנות־געלט — באַלוינונג פאַר אויספירן אַ שידעך.

„**שהחינו**" (שעכעיאָנו) — ווערטלעך: וואָס מיר האָבן דערלעבט. אַזאַ בראָכע איבער עפּעס אַ גליקלעך געשעעניש און דאָסגלייכן.

שהיות (שייעס) — נישט מאַכן קיין שהיות — נישט אָפּשלעפּן.

„**שהכל נהיה בדברו**" (שאַקל ניִע בידוואָרוי) — בראָכע איבער געטראַנקען און שפּייזן.

שוחט (שויכעט) — דער וואָס קוילעט אויפעס און דעסגלייכן לויטן יידישן ריטואַל. מערצאָל: **שוחטים** (שאָכטים).

שוטה (שויטע) — נאַר. מערצאָל: **שוטים** (שויטים).

שום (שום) — קיין; וועלכן ס'איז.

שונא (סוינע) — פיינט; מערצאָל: **שונאים** (סאָנים). **שונא־ישראל** (ייסראָעל) — יידן־פיינט. **שונא־ציון** (סאָנע־ציִען) — די פיינט פון ציון.

שומר (שוימער) — אַ היטער. **שומר ומציל** (אומאַציל) זיין — אָפּהיטן און ראַטעווען.

שופר (שויפער) — אַ בלאָזהאָרן.

שורע (שורע) — שורה; ריי.

שורש (שוירעש) — וואָרצל; פונעם שורש, געמיינט: פון וואַנען עס שטאַמט.

שותף (שוטעף) — מיטבאַטייליקטער, מיטבאַזיצער. מערצאָל: **שותפים** (שוטפים). **שותפות** (שוטפעס) — מיטבאַטייליקונג, מיטבאַזיץ.

שחרית (שאַכרעס) — מאָרגן־טפילע.

שטן (סאָטן) — טייוול, פאַרפירער. שטן־מקטרג (מעקאַטרעג) — בייזער גייסט.

שייך (שייעך) — באַלאַנגט, געהער, באַציט זיך; וואָס איז שייך? — געמיינט: וואָס איז דאָ צו רעדן. **שייכות** (שייכעס) — צוזאַמענהאַנג, באַציונג, פאַרהעלטעניש, אָנגעהעריקייט, געמיינזאַמקייט.

שיכור (שיקער) — באַזויפֿענער.

שיעור (שיעור) — מאָס, אַ צאָל.

שיר־השירים (שיר־האַשירים) — אַ ליבע־פּאָעמע, וואָס איז ביי רעליגיעזע ייִדן פֿאַרהייליקט.

שכינה (שכינע) — גאָט; געטלעכע הייליקייט; גאָטס גייסט.

שכירות (סכירעס) — לוין, געהאַלט.

שכל (סייכל) — פֿאַרשטאַנד, געדאַנק, לאָגיק; דער שכל איז מחייב (מעכאַייעוו) — אַזוי איז די לאָגיק.

שכן (שאָכן) — מיטוווינער, דער וואָס וווינט נאָענט; לאַקאַטאָר. מערצאָל: שכנים (שכיינים). שכנה (שכיינע) — שאָכנטע. מערצאָל: שכנות (שכיינעס).

שכר־לימוד (סכאַר־לימעד) — לערנגעלט.

שלח־מנות (שאַלעכמאָנעס) — פּורים־מאַטאָנעס.

שלום (שאָלעם) — פֿריד; שלום־מאַכן — איבערבעטן. אָפּגעבן שלום — באַגריסן. שלום־בית (באַיעס) — דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן פֿון מאַן און ווייב. שלום־עליכם (שאָלעם אַלייכעם) — אַלטער ייִדישער באַגריסונגס־פֿאָרמול.

שלושים (שלוישים) — די ערשטע דרייסיק טעג נאָך עמעצנס טויט.

שליח (שעליעך) — אַ קוריער. שליח־מצווה (מיצווע) — אַ שליעך צו טאָן אַ וווילטאַט. שליח ציבור (ציבער) — דער וואָס רעדט אין נאָמען פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט; חזן.

שלימזל (שלימאַזל) — דאָ: אַן אומגליק.

שם (שעם) — אַ נאָמען; באַקומען אַ שם — באַרימט ווערן; שם־דבר (דאָ־ווער) — אַ באַרימטע זאַך; שמען — זיין באַקאַנט.

שמדן (שמאַדן) זיך — אַריבערגיין פֿון ייִדישן גלויבן אויף אַן אַנדער גלויבן.

שמונה עשרה (שמונע־עסרע) — אַזאַ טפֿילה. שטילע שמונה־עשרה — וואָס דער עולם זאָגט שטילערהייט.

שמורה־מצה (שמורע־מאַצע) — מצה, וואָס ווערט ספּעציעל צוגעגרייט פֿאַר גאָר פֿרומע ייִדן.

שמחה (סימכע) — פֿרייד; געלעגנהייטלעכע פֿייערונג. מערצאָל: שמחות (סימכעס). אין איראָנישן זין: אַ קלאָג, אַן אומגליק.

שמע ישראל (שמאַ־יסראָעל) — אַזאַ טפֿילה.

שמשון הגיבור (שימשען האַגיבער) — אַ לעגענדאַרער העלד פֿון דער ביבל.

שמש (שאַמעש) — באַדינער אין בעסמעדרעש, שול; שאַלאָט=שמש — מעשאָ=רעסל, אומזיסטער שאָליעד, שיק=יינגל. מערצאָל: **שמשים** (שאַמאָסים).

שמשטע (שאַמעסטע) — פרוי פון א שמש.

שנאה (סינע) — פיינטשאפט; **שנאת=מות** (סינעס=מאָוועס) — פיינט האָבן צום טויט.

שני שבשלישי (שיינע שעבעשלישי) — פאַמיליע=אָנגעהעריקייט.

שנית (שיינעס) — צווייטנס.

שעה (שאָ) — שטונדע; צייט.

שפע (שעפע) — איבערפלוס.

שקצים (שקאָצים) — ד״אָ: לאָבוסעס, שטיפערס.

שקר וכזב (שעקער וועקאָזעוו) — פאלש און ליגן.

שרה בת טובים (סאָרע באַס טוייוים) — לעגענדארע געשטאַלט, וואָס העלפט פרויען און קינדער.

שרפה (סרייפע). **שרפהנען** (סארפענען) — ברענען.

שררה (סראָרע) — הויכגעשטעלטע פּערזאָן; מאַכט; אויסגעפוצטער. מערצאָל: **שררות** (סראָרעס).

ששון ושמחה (סאָסן וועסימכע) — גרויסע פרייד.

שתדלן (שטאַדלן) — דער, וואָס אינטערוועגירט אונטערטעניק אין געזעל=שאפטלעכע איניאָנים.

שתחיה (שעטיכיע) — ווערטלעך: זי זאָל לעבן.

„שתעלנו“ (שעטאליינו) — טייטש אין טעקסט.

ת.

תבואה (טווע) — מערצאָל: **תבואות** (טוועס).

תהילים (טילעם) — בוך פון רעליגיעזע דיכטונגען; פסאלמען.

תוך (טאָך) — גרונט, וועזן, עצעם.

תוכחה (טויכעכע) — אַ קאַפּיטל אין חומש, וואָס באַשטייט דורכויס פון קלאָלעס.

תורה (טוירע) — לערע; די פינף ביכער, וואָס הייסן חומש, דער חומש געשריבן אויף פּארמעט; רעליגיעזע ספאָרים אין אלגעמיין.

תחבולות (טאכבולעס) — מיטלען, אייצעס.

תחילת (טכילעס) — פון אָנהייב.

תחינה (ט כ י נ ע) — געבעט. מערצאָל: **תחינות** (ט כ י נ ע ס); אַ זאַמלונג פון תחינות אין יידיש פאר ווייבער; תחינה־קול (ק אָ ל) — וויינענדיק, קרעכצנדיק קול.

תחתונים (ט אַ כ ט ו י נ י ם) — הויזן.

תיכף (ט יי כ ע ף) — גלייך, באַלד; תיכף־ומיד (א ו מ י א ד) — שוין די מינוט.

תירוץ (ט ע ר ע ץ) — אויסרייד, פאַרענטפערונג. מערצאָל: **תירוצים** (ט ע ר ו צ י ם).

תכלית (ט אַ כ ל ע ס) — זין; צוועק; רעזולטאַט; לעבנס־ציל.

תכריכים (ט אַ כ ר י כ י ם) — קליידער, אין וועלכע מע באַגראָבט די טויטע; סויווע.

תכשיט (ט אַ כ ש י ט) — צירונג; געראָטענער. אויך אין איראָניש זין — שוין גאָר נישט קיין געראָטענער.

תל־(ט ע ל)־מאַכן — פאַרוויסטן, פאַרניכטן; תל־עולם (א ו י ל ע ם) — פול־שטענדיקע צעשטערונג.

תלמוד (ט אַ ל מ ו ד) — אַ גרויס רעליגיעז געזעצגעבעריש ווערק אין דער אַראַמייאישער שפּראַך.

תלמוד־תורהניקעס (ט אַ ל מ ע ט ו י ר ע נ י ק ע ס) — קינדער, וואָס לערנען אין אַ טאַלמעטוירע — רעליגיעזע אָנפאַנג־שול פאַר אָרעמע קינדער.

תלמיד (ט אַ ל מ ע ד) — שילער. מערצאָל: **תלמידים** (ט אַ ל מ י ד ע ם).

תמעוואַטע (ט אַ מ ע וו אַ ט ע) — נאַריש, נאַאיוו.

תנאים (ט נ אָ א י ם) — שריפטלעכער אָפּמאַך צווישן כאָסן־קאַלע.

תמוז (ט אַ מ ע ס) — נאָמען פון אַ כוידעש. תמוזדיקע טעג — זייער הייסע טעג.

תמיד (ט אָ מ י ד) — שטענדיק, אייביק.

תנועה (ט נ ו ע) — זשעסט, אָנשטעל, שטיק. מערצאָל: **תנועות** (ט נ ו ע ס).

תנך (ט אַ נ אַ ך) — די ביבל.

תענוג (ט אַ נ ו ג) — פאַרגעניגן, גענוס. מערצאָל: **תענוגים** (ט אַ נ ו ג י ם).

תענית (ט אַ נ ע ס) — פאַסט־טאָג.

תפילה (ט פ י ל ע) — געבעט, דאַווענען. מערצאָל: **תפילות** (ט פ י ל ע ס).

תפילין־זעקל — טאָרבעלע, אין וועלכן ס'ליגן די טפילין.

תקיפדיק (ט אַ ק י פ ד י ק) — שטאַרק ביי זיך; שטאָלץ.

תשובה (ט ש ו ו ע) טאָן — אָפּקערן זיך פונעם שלעכטן וועג; ענטפער.

אינהאַלט:

זייט

סטעמפּעניו 5

יאָסעלע סאָלאָוויי 101

ווערטער־ביכל און פאַרטײַטשונגען 273

87